STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00768

R. YISROEL BAAL SHEM TOV

Menasheh Unger

Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard Farber
in memory of
in loving memory of his wife, Rosanna Bodanis Farber

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנשה אונגער

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

- זיין לעבן און שאַפן
- זיינע תורות און מאמרים
- זיינע משלים און מעשיות
- זיין צייט און זיין ווירקונג

פון זעלבן מחבר:

חסידות און לעבן
ניו־יאָרק, 1946

פשיסכע און קאָצק
פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע", 1949

גוט יום־טוב קינדער
ניו־יאָרק, 1950

מועדים לשמחה
הוצאת „שלמה", תל־אביב, 1953

די חסידישע וועלט
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1955

חסידות און יום־טוב
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1958

ווערט בקרוב דערשיינען:

הונדערט און פופציק רביים אומגעקומען אויף קדוש השם
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל

ענציקלאָפּעדיע פון חסידות
פיר בענדער

■

אַדרעס פון מחבר:
MENASHE UNGER
225 West 106th Street, New York 25, N. Y.

מנשה אונגער

ר׳ ישראל בעל-שם-טוב

פאַרלאַג „חסידות"

ניו-יאָרק, 1963

MENASHE UNGER

REB YISROEL BAAL-SHEM-TOV

Copyright 1963, *by*
MENASHE UNGER
New York, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., 21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

אינהאַלט

אריינפיר IX

ערשטער טייל

דאָס לעבן און ווירקן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב

א. די לאַגע פון די יידן ערב דער אַנטשטייאונג פון חסידות............ 3

ב. לעבן און ווירקן פון בעש"ט........................ 10

ג. דער געבוירן־טאָג פון ר' ישראל בעל־שם־טוב........................ 20

ד. ר' ישראל בעש"ט און זיין שוואָגער ר' גרשון קיטעווער........... 26

ה. די עלית־הנשמה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב........................ 38

ו. ר' ישראל בעל־שם־טוב און דער וויכוח מיט די פראַנקיסטן........ 44

ז. די פּטירה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב........................ 54

ח. דעם בעש"ט'ס זון ר' הערשעלע........................ 61

ט. דעם בעש"ט'ס טאָכטער אָדעל........................ 68

י. ר' שניאור־זלמן פון ליאָדי, דער גייסטיקער יורש פון בעש"ט...... 73

יא. בעש"ט־געשטאַלט לויט די יידישע היסטאָריקער........................ 79

יב. פאַרשידענע בעלי־שמות פאַרן בעש"ט........................ 93

יג. אדם בעל־שם און די „סטאָלינער גניזה"........................ 105

יד. בריוו פון ר' ישראל בעל־שם־טוב........................ 121

טו. איז פאַראַן אַ בילד פון ר' ישראל בעל־שם־טוב ? 130

טז. חסידים איידער דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן........... 136

יז. די ערשטע אָנהענגער פון בעל־שם־טוב........................ 149

יח. דער בעש"ט האָט פאַרוואַנדלט חסידות אין אַ פאָלקס־באַוועגונג 155

יט. אַ מתנגד טרעט ארויס קעגן בעל־שם־טוב........................ 162

כ. ווען האָט מען די אָנהענגער פון בעש"ט אָנגעהויבן רופן חסידים ? 170

כא. ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט דערהויבן דעם פשוטן יידן.......... 175

צווייטער טייל

די ערשטע ספרים פון בעש"ט, זיינע תורות, משלים און מעשיות

כב. די ערשטע ספרים וואו עס ווערן געבראַכט תורות און מאמרים פון בעש"ט 183

כג. „שבחי הבעש"ט" — די ערשטע זאַמלונג מעשיות וועגן ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע חסידים 190

כד. אַ מעשה פון „שבחי הבעש"ט" — אַ היסטאָרישער פאַקט 203

כה. מאמרים פון ר' ישראל בעל־שם־טוב 210

כו. מעשיות וועגן ר' ישראל בעל־שם־טוב 221

כז. ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע משלים 241

דריטער טייל

ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיין שיטה אין חסידות

כח. דער בעל־שם־טוב און צדיק 255

כט. אהבת ישראל 268

ל. עצבות און שמחה 272

לא. געזאַנג און טאַנץ 277

לב. עניוות און גאווה 297

לג. מחשבה און תפילה 303

לד. תעניתים און תשובה 308

פערטער טייל

מנהגים וואָס דער בעש"ט האָט איינגעפירט

לה. דער נוסח התפילה פון די ערשטע חסידים 317

לו. דער נוסח התפילה וואָס ר' ישראל בעש"ט האָט איינגעפירט 323

אינהאַלט

לז. דער קאַמף פון די מתנגדים קעגן די חסידישע שוחטים............... 330
לח. פאַרשידענע מנהגים וואָס חסידות האָט איינגעפירט.................... 345
לט. דער מנהג צו טראָגן שבת שטריימלען און ווייסע קאַפּאָטעס........ 357
מ. דער מנהג פון לייגן שבת צו יעדער סעודה י"ב חלות................. 363
מא. דער מנהג צו געבן א „קוויטל" א רבי'ן................................. 369
מב. דעם „בעש"ט'ס סעודה".. 376
מג. דער בעש"ט־מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור...................... 382

• • •

ספרים דערמאָנט אין בוך... 399
פערזאָנען דערמאָנט אין בוך... 407

אַרײַנפיר

אין בוך „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״ האָבן מיר געוואָלט אַרויסברענגען די גרויסע פּערזענלעכקייט פון באַשאַפער פון דער חסידות־באַוועגונג — דעם בעש״ט, און זײַן שיטה.

מיר האָבן געוואָלט געבן אַ בילד וועגן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן מצב פון די יידן, ערב דעם אויפקום פון חסידות, כדי צו האָבן אַ טיפערן בליק וועגן דעם בראשית פון חסידות, ווי אַזוי עס איז געווען אַ צוגעגרייטער באָדן פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג, אַז עס זײַנען געווען צוואָרפענע מיסטישע קעמערלעך, פאַרן בעש״ט און בימי הבעש״ט, אַז די גרויסע געשטאַלט פון דעם בעש״ט האָט די אַלע מיסטישע און גאולה־לעכצנדיקע יחידים און חבורות צונויפגענומען, געמאַכט פון זיי איין בונד, און ווי אַזוי דער שאַפער פון חסידות האָט נישט געוואָלט אַז די חסידות־שיטה זאָל בלײַבן בלויז פאַר יחידי סגולה, נאָר אַז זי זאָל ווערן אַ פאָלקס־באַוועגונג, פאַר די פאָלקס־יידן, און זאָל אַרומנעמען די אָרעמע און פאַרגרעבטע שיכטן פון יידישן פאָלק אין דאָרף און שטאָט.

מיר האָבן דאָס בוך „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״ אײַנגעטיילט אין פיר טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַרום: דאָס לעבן און שאַפן פון בעש״ט, און דער בעש״ט און זײַן סביבה.

מיר האָבן קודם כל געגעבן אַ קאַפּיטל וועגן דער לאַגע פון די יידן ערב דער אַנטשטייאונג פון חסידות. דערנאָך האָבן מיר געגעבן אַ קורצע ביאָגראַפיע פון בעש״ט, כדי דער לייענער זאָל זיך באַקענען אין קורצע שטריכן וועגן לעבן אוןווירקן פון בעש״ט. דאַן ערשט האָבן מיר אין באַזונדערע קאַפּיטלען צעגלידערט יעדע פאַזע פון בעש״ט׳ס לעבן, ווירקן און שאַפן, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אין דער חסידישער מסורה, גענומען פון פאַרשידענע חסידישע ספרים און פאָרשונגען.

אין דעם דאָזיקן אָפּטייל קומט אויך אַרײַן די טעטיקייט, דאָס נתגלה ווערן, זײַן עלית־הנשמה, און די פּטירה פון בעש״ט, זײַן שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, זײַן זון און זײַן טאָכטער, און ווי אַזוי דער בעש״ט־געשטאַלט ווערט געשילדערט לויט דער חב״דער מסורה און לויט די יידישע היסטאָריקער.

אַריינפיר

דערנאָך קערן מיר זיך אום צו דעם בעש״ט אין זיין צייט, די פאַר־שידענע בעלי שמ׳ס וואָס זיינען געווען פאַרן בעש״ט, זייער ווירקונג, וואָס דער אונטערשיד איז געווען צווישן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און די אַנדערע בעל־שמ׳ס, ווער עס איז געווען אדם בעל־שם, וואָס האָט איבער־געלאָזט די געהיימע כתבים פאַרן בעש״ט. מיר באַהאַנדלען אויך אויס־פירלעך וועגן די אַזוי גערופענע געפונענע בריוו פון בעש״ט, און צי עס איז פאַראַן אַ בילד פון בעש״ט, וואָס וועגן דעם האָט דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט דער גרויסער תלמיד חכם און מיין פריינט שמחה פּיעטרושקע ז״ל אין די באַנייטע „רשומות״ אין תל־אביב.

אין עטלעכע קאַפּיטלען גיבן מיר אַ בילד פון דער סביבה אין וועלכער דער בעש״ט האָט געלעבט און געווירקט, די חסידים וואָס זיינען געווען איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, די ערשטע חסידים פון בעש״ט און ווי אַזוי דער בעש״ט האָט פאַרוואַנדלט חסידות אין אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס די בני הדור האָבן געזאָגט וועגן בעש״ט, ווי אַזוי אַ מתנגד שילדערט דעם בעש״ט, ווען מען האָט די אָנהענגער פון בעש״ט אָנגעהויבן צו רופן חסידים, דער אונטערשיד פון די חסידים ראשונים און דעם בעש״ט׳ס חסידים, און ווי אַזוי דער בעש״ט האָט מיט זיין שיטה דערהויבן דעם פּשוטן יידן.

דער צווייטער טייל נעמט אַריין די ערשטע ספרים, וואו עס ווערן געבראַכט תורות, מאמרים, מעשיות און משלים פון בעש״ט ווי: „כתר שם טוב״, „צוואת הריב״ש״, „שבחי הבעש״ט״ און אַנדערע ספרים, פון די תלמידים און תלמידי תלמידים פון בעש״ט.

אין דעם דאָזיקן טייל באַהאַנדלען מיר אויספירלעך, ווען, וואו און וויפל מאָל יעדעס ספר פון די הויפּט־ספרים וועגן בעש״ט זיינען געדרוקט געוואָרן, וועגן אינהאַלט פון יעדן ספר, אויך די מאמרים וואָס ווערן דאָרט געבראַכט אויסגעשטעלט לויט פאַרשידענע ענינים, און מיר שטעלן זיך באַזונדערס אָפּ אויפן „שבחי הבעש״ט״, וואָס דאָס איז דער עיקר ספר וועגן לעבן פון בעש״ט, וויפל יידישע ווערטער עס זיינען פאַראַן אין דער ערשטער לשון קודש׳דיקער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ספר און ווי אַזוי היסטאָרישע פאַקטן זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן אין די פאַרשידענע לעגענדעס וועגן בעש״ט.

דער דריטער אָפּטייל נעמט אַריין די שיטה פון בעש״ט. מיר ווייסן גוט, אַז דער בעש״ט אַליין האָט קיין שום ספר נישט איבערגעלאָזן. עס זיינען בלויז פאַרשריבן געוואָרן פאַרשידענע תורות און מאמרים דורך זיינע תלמידים און תלמידי־תלמידים. האָבן מיר מסדר געווען די שיטה פון בעש״ט לויט פאַרשידענע ענינים. קודם כל האָבן מיר געגעבן אַ

קאַפּיטל וועגן באַגריף צדיק און חסידות, דערנאָך די הויפּט־אַספּעקטן פֿון בעש״ט׳ס שיטה, ווי: אהבת ישראל, עצבות און שמחה, נגינה און ריקוד, ענוות און גאווה, מחשבה און תפילה, תעניתים און תשובה, און אויך אַ געקליבענע זאַמלונג פֿון משלים און מעשיות פֿון בעש״ט. אַזוי אַרום באַקומען מיר אַ פֿולן באַגריף וועגן דעם בעש״ט׳ס שיטה אין חסידות.

אין דעם פֿערטל אָפּטייל האָבן מיר אָנגעגעבן די הויפּט־שנויים וואָס דעם בעש״ט׳ס שיטה האָט אַרײַנגעבראַכט אינעם ייִדישן לעבן, ווי דאָס ענדערן דעם נוסח התפילה, דאָס אײַנפֿירן געשליפֿענע חלפים, און פֿאַרשידענע אַנדערע מנהגים, ווי: טראָגן אַ גאַרטל, ווײַסע קאַפּאָטעס, טראָגן אַ שטרײַמל, לייגן י״ב חלות שבת בײַם טיש, געבן דעם רבין אַ קוויטל און אַ פּדיון און אַנדערע מנהגים, און מיר שליסן דעם אָפּטייל מיט אַ קאַפּיטל וועגן דער השפּעה פֿון בעש״ט אויף דער ייִדיש־העברעיִשער ליטעראַטור, אין דער פּראָזע, דראַמע און פּאָעזיע.

געוויסע מאמרים, מעשיות און משלים ווערן טײלמאָל איבערגעחזר׳ט אינעם בוך. מיר האָבן דאָס געטאָן מיט אַ כּיוון, ווײַל, ווען מיר האָבן באַהאַנדלט אַ געוויסן ענין פֿון בעש״ט׳ס שיטה, האָבן מיר געוואָלט אויפֿן אָרט עס אילוסטרירן מיט אַ מאמר, משל און מעשה פֿון בעש״ט, כּדי דער לייענער זאָל האָבן אַ גענויעם באַגריף וועגן דער גאַנצער שיטה פֿון בעש״ט, זײַן פֿילאָזאָפֿישער אײַנשטעל וועגן דער אײנהייטלעכער געטלעכקייט וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן קאָסמאָס, די באַציאונג פֿון גאָט צו מענטש, וועגן גן־עדן און גיהנום, וועגן גוטס און שלעכטס וואָס איז פֿאַראַן אויף דער וועלט א. אַ. וו.

יעדע תורה, מאמר, משל און מעשה וואָס ווערט געבראַכט אין בוך, ווערט אויפֿן אָרט אָנגעגעבן אין די הערות דער מקור, פֿון וועלכן ספר מיר האָבן די ציטאַט גענומען. על־פּי־רוב ווערט געגעבן בלויז די ייִדישע איבערזעצונג, אָבער אַמאָל, ווען מיר האָבן געוואָלט בולטער אונטערשטרײַכן דעם אײגנאַרטיקן כאַראַקטער פֿון דער דאָזיקער תורה אָדער מאמר, האָבן מיר אויך געבראַכט דעם מקור אין אָריגינאַל — אין לשון־קודש.

צום סוף פֿון בוך קומט אַן אינדעקס פֿון די ספרים און פּערזאָנען וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך.

אין דעם אינדעקס פֿון ספרים גיבן מיר אָן בײַ יעדן ספר דעם מחבר און אינהאַלט פֿון ספר, דאָס יאָר און אָרט פֿון דרוק, און אויף וועלכער זײַט דאָס דאָזיקע ספר ווערט דערמאָנט אין אונדזער בוך.

פֿון דעם דאָזיקן זוכצעטל קאָן מען זען אַז מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ הונדערט און אַכציק ספרים, ביכער, זאַמלביכער און זשורנאַלן.

אַ ר י י נ פ י ר

מיר האָבן אין בוך אַריינגעגעבן פאַקסימיליעס און פאָטאָגראַפיעס פון כתב־ידן און בילדער, און אויך נאָטן פון בעש״ט׳ס ניגונים. מיר ווילן דאָ אויסדריקן אַ דאַנק פראָפ. אברהם כ״ץ פאַר אויסבאָרגן אונז דאָס בילד פון זיין פריוואַטן אַרכיוו פון בעש״ט׳ס אוהל, וואָס איז לעצטנס נאָכאַמאָל אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן בעש״ט׳ס קבר אין מעזשעבעזש, סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אויך אַ דאַנק דעם כאָר־דיריגענט בען פרידמאַן פאַר שרייבן די נאָטן פון די ניגונים פון בעש״ט.

צום סוף וויל דער מחבר אויסדריקן אַ דאַנק דעם בוך־קאָמיטעט אין מעקסיקע, דעם בוך־קאָמיטעט אין לאָס־אַנדזשעלעס, מיט פריינט שמחה לייענער בראש, דעם בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, יעדן יחיד באַזונדער און בפרט די פריינט נתן וואַרשע, יוסף אַרנאָלד און יצחק פעלד פאַר זייער הילף וואָס זיי האָבן געגעבן, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען.

ערשטער טייל:

דאָס לעבן אוןווירקן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב

א. די לאַגע פון די יידן ערב דער אַנטשטייאונג פון חסידות
ב. דאָס לעבן און ווירקן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב
ג. דער געבוירן־טאָג פון ר' ישראל בעל־שם־טוב
ד. ר' ישראל בעש"ט און זיין שוואָגער ר' גרשון קיטעווער
ה. די עלית־הנשמה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב
ו. ר' ישראל בעל־שם־טוב און דער וויכוח מיט די פראַנקיסטן
ז. די פטירה פון ר' ישראל בעל־שם־טוב
ח. דעם בעש"טיס זון ר' הערשעלע
ט. דעם בעש"טיס טאָכטער אָדעל
י. ר' שניאור־זלמן פון ליאַדי, דער גייסטיקער יורש פון בעש"ט
יא. בעש"ט־געשטאַלט לויט די יידישע היסטאָריקער
יב. פאַרשידענע בעלי־שמות פאַרן בעש"ט
יג. אדם בעל־שם און די „סטאָלינער גניזה"
יד. די בריוו פון ר' ישראל בעל־שם־טוב
טו. איז פאַראַן אַ בילד פון ר' ישראל בעל־שם־טוב ?
טז. חסידים איידער דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן
יז. די ערשטע אָנהענגער פון בעל־שם־טוב
יח. דער בעש"ט האָט פאַרוואַנדלט חסידות אין אַ פאָלקס־באַוועגונג
יט. אַ מתנגד טרעט אַרויס קעגן בעל־שם־טוב
כ. ווען האָט מען די אָנהענגער פון בעש"ט אָנגעהויבן צו רופן חסידים ?
כא. ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט דערהויבן דעם פשוטן יידן

קאַפּיטל א

די לאַגע פון די יידן ערב דער אַנטשטייאונג פון חסידות

דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב פון די יידן פאַר און אין די צייטן פון בעש״ט. — דער קאָזאַקן־אויפשטאַנד און דער חורבן פון די יידישע קהלות. — דאָס דעמאָראַליזירטע קהלה־לעבן. — די מיסטישע באַוועגונגען פאַר דער אַנטשטייאונג פון חסידות. — ר׳ ישראל בעל־שם־ ראַטעוועט די יידן פון זייער גייסטיקער ירידה.

דער קאָזאַקן־אויפשטאַנד אינמיטן פונעם 17־טן יאָרהונדערט האָט אינ־ גאַנצן פאַרניכטעט אַ גרויסן טייל פון די יידן אין אוקראַינע און אונטער־ געגראָבן זייער מאַטעריעלע עקזיסטענץ אין די איבעריקע קאַנטן.

די פוילישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט שווערע קאָפּ־שטייערן אויף די יידן און האָט אונטערגעגראָבן אַלע זייערע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן.

זי האָט צוגענומען ביי יידן אַלע גרויסע מסחרים, זי האָט פאַרבאָטן צו קויפן ערד און זיך איינשאַפן מאַיאָנטקעס אין די דערפער. זיי האָבן נאָר געמעגט זיין פאַכטערס און אַרענדאַרן און ס׳איז שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן זייער רעכט צו האַנדלען און זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכות [1].

יידן זיינען אויך אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון קליין־האַנדל און פון די אַרענדעס, קרעטשמעס און שענקען.

די פּריצים האָבן אויסגענוצט די יידן בלויז פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן. זיי האָבן פאַרדונגען די יידן די שענקען, בלויז דערפאַר, ווייל ס׳איז פאַר זיי געווען אונטערן כבוד אַליין צו האַנדלען מיט בראָנפן, זיי האָבן זיך געפוילט אַליין צו פאַרוואַלטן מיט זייערע מאַיאָנטקעס, האָבן זיי אָפּגעגעבן די מאַיאָנטקעס אויף אַרענדע צו יידן.

די פּריצים באַציען זיך צו די יידן מיט גרויס אכזריות׳דיקייט. זיי טרייבן די יידישע שענקער צו פאַרקויפן וואָס מער בראָנפן אין די שענקען.

1) זע: ש. דובנאָוו: „געשיכטע פון חסידיזם״, זייט 14 און ווייטער. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז געבויט אויף דובנאָווס אַריינפיר צום פריער־דערמאָנטן בוך; אויף בן־ ציון דינורס בוך: „במפנה הדורות״ און אויף ד״ר ר. מאהלערס ווערק: „דברי ימי ישראל״, ספר שלישי, קאַפּיטל 12.

די פויערים זעען דערפאַר פאַר זיך דעם איינציקן שונא — דעם יידן, וואָס טרייבט זיי צו שכרות און נעמט ביי זיי צו דעם לעצטן גראָשן פאַר בראָנפן. דער ייד ווידער מוז באַצאָלן זיין ראַטע דעם פּריץ גענוי צו דער צייט. אויב אַ יידישער פּאַכטער האָט נישט באַצאָלט זיין ראַטע צו דער צייט, האָט דער פּריץ אים גלייך אַרעסטירט. ש. דובנאָוו ברענגט אויסצוגן פון אַ טאָג־בוך, וואָס אַ פּריץ האָט פאַרשריבן, ווי אַזוי ער האָט געכאַפּט אַ יידן, וואָס האָט נישט באַצאָלט די פּאַכט, אַז ער האָט דעם יידן דערפאַר איינגע־זעצט אין חזיר־שטעלעכל און אים געבונדן מיט שטריק, און מיט דעם יידס יינגל האָט מען אָנגעהויבן צו לערנען דעם קאַטוילישן קאַטעכיזם. דער פּריץ פאַרשרייבט ווי אַזוי „מען האָט געגעבן דעם לייזיא שמיץ און ווי אַזוי דער גלח האָט געשוויצט דאָס יינגל אַריינצוברענגען אין אונזער קירך״.

„אין דריי וואָכן אַרום — פאַרצייכנט ווייטער דער פּריץ אין זיין טאָג־בוך — זיינען געקומען יידן פון באַרדיטשעוו, אָפּגעצאָלט הערשקעס חוב, געבראַכט אַ מתנה אַ זייל צוקער און צען פונט שלעכטע קאַווע. האָב איך אַרויסגעלאָזט הערשקען פריי, אָבער דאָס יינגל געהאַלטן ביי זיך. אָבער זיי האָבן מיך אַזוי געבעטן, אַז איך האָב געמוזט אויך דאָס יינגל אָפּגעבן. אָבער דער ייד וועט מסתמא ווייטער נישט צאָלן זיין חוב און ער וועט סוף כל סוף אַריינפאַלן אין מיינע הענט און לייזיא וועט זיך שמד׳ן״.

פון דער פאַרצייכענונג פון פּריץ זעען מיר, אַז ס׳זיינען געקומען יידן פון באַרדיטשעוו אויסלייזן דעם יידן הערשקע, ווייל פאַרבאָרגענע צדיקים פלעגן אין יענער צייט אַרומפאָרן זאַמלען געלט פאַר „פּדיון שבויים״.

דער יידישער ישובניק איז געווען דעם פּריץ׳ס קנעכט. ער האָט געדאַרפט פאַרקויפן די אָרעמע פויערים וואָס מער בראָנפן, כדי דער פּריץ זאָל האָבן וואָס מער ריווחים.

די קאָזאַקן און פויערים פלעגן אין די דרייסיקער און פופציקער יאָרן פונעם 18־טן יאָרהונדערט, און בעת די פאָלקס־אויפשטאַנדן, אויסלאָזן זייער כעס צו די יידן, זיי באַראַבעווען און חרוב־מאַכן דערפער און שטעטלעך.

נישט בעסער איז געווען דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער מצב פון די יידן אין די שטעט. די קריסטלעכע צעכן זוכן מיט אַלע מיטלען אַרויס־צושטופן די יידישע בעלי־מלאכות. די גלחים באַגרענעצן דאָס רעכט פון די יידן. יידן טאָרן זיך נישט באַווייזן אין די גאַסן בעת די קריסטלעכע פּראָצעסיעס און בעת די קאַטוילישע עפנטלעכע גאָטעס־דינסטן, זיי טאָרן נישט האַלטן קיין קריסטלעכע דינער און דינערינס, זיי טאָרן נישט וואוינען מיט קריסטן אין איין הויף, זיי טאָרן זיך נישט באָדן מיט קריסטן אין איין באָד. יידן מעגן מקבר זיין זייערע מתים נאָר שפּעט ביינאַכט. אָפטמאָל פלעגן קריסטן אָנפאַלן אויף אַ יידישער לוויה. אין יאָר 1720 ווערט פאַר־

באַטן די יידן דורכן סענאַט אין לוויוטש צו בויען נייע שולן אָדער צו פאַר־ריכטן אַלטע. בלויז אין אויסנאַם־פאַלן, האָט מען דערלויבט צו בויען שולן, אָבער זיי האָבן נישט געטאָרט זיין העכער פון דער קירכע, אָן אַ קופּאָל און ווייט פון דער קאַטוילישער קירכע.

די קאַטוילישע קירך נוצט אויס דאָס אויסגעפּרואווטע מיטל קעגן יידן פון מיטלאַלטער — די עלילת־דם פּראָצעסן. עס מערן זיך עלילת־דם פּראָצעסן פון טאָג צו טאָג און אומשולדיקע יידן ווערן אומגעבראַכט. זעלטן ווען אַז אַ ייד זאָל ווערן באַפרייט אויף די פּראָצעסן. די גלחים ווייזן אַרויס רחמנות צו די אומגליקלעכע יידן בלויז דעמאָלט ווען די יידן, נאָך שווערע פּייניקונגען, זיינען מסכים זיך צו שמד'ן. דעמאָלט מאַכן די גלחים ווייכער דעם אורטייל, דערמיט וואָס מען האָט די קרבנות געקעפּט, נישט צעשניטן אויף שטיקער...

צו דעם אַלעם זיינען נאָך צוגעקומען די פּאָגראָמען פון די היידאַמאַקעס אין אוקראַינע און די „מעשה נורא אין אומאַן" — די שחיטה אויף יידן אין דער דאָזיקער פעסטונג־שטאָט אין יאָר 1768, וואָס איז ממש געווען אַן איבערחזרונג פון די „גזירות ת"ח" (1648).

צו דעם אַלעם האָבן יידן געהאַט אויסצושטיין צרות פון די שילער פון די יעזואיטישע שולן, דער „שילער־געלויף", וואָס פלעגט זיך אַריינרייסן אין די יידישע קוואַרטאַלן און מאַכן פשוט פּאָגראָמען אויף די שוצלאָזע יידן.

צו דעם אַלעם האָבן געדריקט דעם יידישן סוחר די שטאָט־פּאַרוואַל־טונגען. יידן זיינען, לויט אַ געזעץ פון יאָר 1768, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַ צאָל שטעט און אין די אַנדערע שטעט, וואו ס'איז זיי דערלויבט געוואָרן צו וואוינען, האָבן זיי געדאַרפט פירן אַ שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי האָבן כסדר געדאַרפט געבן כּאַבאַר, זיי זאָלן קענען, ווי נישט איז, עקזיסטירן.

ביי אַזאַ שווערן עקאָנאָמישן מצב איז די צאָל פּרנסה־לאָזע יידן שטאַרק געוואַקסן. מחנות קבצנים האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און געבעטלט ברויט.

אויך דער מצב פון די פאַכטערס, וואָס האָבן נושא חן געווען אין די אויגן פון די פּריצים, איז געוואָרן שווער. יידן האָבן אויסגעדונגען די פאַכט און מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער „חזקה" פון פריערדיקן פאַכטער.

אָבער יידן האָבן אין אַ געוויסן זין געפילט אַן אחריות איינער פאַרן צווייטן קעגן דער אויסערלעכער כוואַליע פון שנאה.

אין דער זעלבער צייט, ווען יידן האָבן געדאַרפט קעמפן קעגן דעם אויסערלעכן שונא, זיינען די יסודות פון יידישן קהילה־לעבן צעטרייסלט געוואָרן. דריי הונדערט יידישע קהילות זיינען אינמיטן פון 17־טן יאָר־

הונדערט צעשטערט געוואָרן בעת די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן אין כמעלניצקיס צייט. די וועדי הארצות און וועדי הגלילות זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די פּראָווינציעלע אַמטן, די מאַגיסטראַטן האָבן געדריקט קהל אַרויסצוציען וואָס מער שטייערן און קהל האָט געדריקט דעם יידן, דעם יחיד.

דאָס יידישע קהילה־לעבן, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון אָרגאַ־ניזירטן יידנטום, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער תלמוד־תורה, פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן און וואוילטעטיקייטן פון די יידן, ווי: גמילת־חסדים, בקור־חולים, חברה־קדישא, איז געוואָרן צעטרייסלט נאָך די שרעקלעכע צרות פון „גזירות ת״ח" (1648) און נאָך די שפּעטערדיקע פּאָגראָמען.

דער וועד ארבע הארצות האָט מער קיין כוח נישט איינצושטעלן אָרדענונג אין דער קהילה. אַ פּרנס קויפט זיין אַמט ביים שררה און דער רב קויפט דאָס רבנות ביי די תקיפים. און די יידישע תקיפים האָבן געדריקט דאָס פאָלק דורך די נישט־דירעקטע שטייערן, ווי „קאָראָבקע".

די מוסר־ספרים פון יענער תקופה באַקלאָגן זיך אויף די עשירים, אַז זיי האָבן פיינט די אָרעמעלייט, „עס מערט זיך די חנופה, וואָס מען חנפעט די גבירים. די חונפים עסן ביי די עשירים און זיי זאָגן: ׳האָסט גוט גערעדט׳, ׳האָסט גוט געטאָן׳, כאָטש זיי ווייסן, אַז זיי האָבן שלעכט גערעדט און געטאָן שלעכטס" [2]).

און די רבנים, לא די וואָס זיי האָבן זיך נישט אָנגענומען פאַר די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן, האָבן זיי נאָך געשטיצט די תקיפים און זיי צוזאַמען מיט די פּרנסים האָבן געהערשט איבערן פאָלק.

כדי צו קריגן אַ רבנות־שטעלע, האָט מען געמוזט אָפּצאָלן גרויסע סומעס געלט צו די קהילה־פאַרשטייער, און ווער עס האָט געצאָלט מער, דער האָט געקראָגן דאָס כסא הרבנות. ממילא זיינען געוואָרן רבנים, על־פּי־רוב, נאָר קינדער און איידעמס פון גבירים און תקיפים, וואָס זיינען שוין געווען פּרנסים און דאָס געלט, וואָס די רבנים האָבן געגעבן כדי צו קויפן די רבנות־שטעלעס, האָבן זיי דערנאָך אָפּגענומען פון די יידן דורך צווינגען די צאן קדשים זיי צו געבן געצוואונגענע מתנות און דורך אַרויפלייגן אויף זיי מער שטייערן. אויך די דיינים, מגידים און דרשנים זיינען נישט געווען פריי דערפון, אַזוי, אַז דער גאַנצער שיכט פון די תלמידי־חכמים איז געווען פאַרבונדן מיט דעם קלאַס גבירים און מיט די הערשער אין דער קהילה.

עס האָט זיך געשאַפן אַ מחיצה צווישן דעם בן־תורה און נישט־געלערנטן, צווישן דעם יודע־ספר און דעם עם־הארץ.

אויף ווי ווייט עס איז געשאַפן געוואָרן אַ וואַנט צווישן דעם שטאַנד פון רייכע רבנים און המון־עם קאָן מען זען פון ספר „תולדות יעקב יוסף", וואָס עס האָט מחבר געווען דער תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און

2) ציטירט לויט „במפנה הדורות", זייט 110 און ווייטער.

וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס קולטורעלע לעבן פון די יידן אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות. דער מאָטיוו, אַז די תלמידי־חכמים דאַרפן זיך חבר׳ן מיטן פאָלק, גייט דורך דורכן גאַנצן ספר „תולדות יעקב יוסף״. „די רבנים דאַרפן פאַרשטיין דעם שווערן מצב פון די יידן און זיי העלפן״. „עס האָט רעכט געהאַט די יידישע פרוי פון מעזשיבעזש, וואָס האָט געזאָגט אין רוסיש: מיר האָבן אויסגעקליבן אַ גוטן גאָט, אָבער אויך גאָט האָט אויסגעקליבן אַ גוט פאָלק, ווייל אַפילו פּיוויש וואָס איז אַן איש קל הייליקט גאָטס נאָמען״ [3]).

באַוואוסט איז דעם בעל ה„תולדות״ תורה: אַז די „שעלים קטנים מחבלים כרמים״ [4]) — די קליינע פיקסלעך וואָס צעשטערן די כרמים — מיינט מען די רבנים וואָס זוכן נאָר געלט [5]). און דער בעל ה„תולדות״ פאַרטייטשט, אַז צוליב דער „שלעכטער פּרנסה קומט צו שנאת חינם און אַז יעדער תלמיד־חכם האָט פיינט דעם צווייטן תלמיד־חכם ווייל ער רעכנט, אַז ער וועט אים צונעמען די פּרנסה״ [5]), און פאַראַן תלמידי־חכמים וואָס זיינען „חכמים להרע״ [6]).

די דאָזיקע תלמידי־חכמים האָבן געקוקט אַראָפּ ווי אויף בחותי דרגא אויף די בעלי־מלאכות און המון־עם, וואָס האָבן נישט געקענט לערנען.

דער תלמיד־חכם האָט געהאַט פּריווילעגיעס. ער האָט געהאַט רעכט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן פון דער קהילה און אויסגעוויילט צו ווערן צו די פאַרשידענע קהילה־אַמטן, בעת דער עם־הארץ האָט דאָס נישט געהאַט. דער עם־הארץ איז דערצו נאָך געוואָרן אונטערדריקט אין שול. ער האָט נישט געקראָגן שבת קיין „שיינע עליה״, און קיין „שיינע הקפה״ שמחת־תורה. און אַן עם־הארץ האָט געהייסן אין יענער צייט יעדער, אַפילו דער וואָס האָט געקענט חומש, נאָר נישט קיין גמרא. די וואָס האָבן געהערט צו דער חברה „עין יעקב״ זיינען אויך באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ קלענערער שטופע פון דעם לערנער.

מער ווי די שטאָטישע בעלי־מלאכות און המונישע מענטשן האָבן געליטן די דאָרפס־יידן, די פאַכטערס און שענקערס. זיי זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון לערנען, און זיי האָבן אַפילו נישט געקענט קיין פּירוש המילות פון דאַווענען. זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו נעמען אַ מלמד צו זייערע קינדער, און די קינדער אין דאָרף זיינען אויסגעוואַקסן אָן תורה.

דער פּשוטער מענטש אין שטאָט און דער עם־הארץ אין דאָרף זיינען געוואָרן טאָפּלט אונטערדריקט, אי פון דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט

3) „תולדות יעקב יוסף״, פּרשת אמור.
4) שיר השירים ב׳, ט״ז.
5) „תולדות יעקב יוסף״, פּרשת בא.
6) דאָרט, פּרשת בשלח.

און פון די פּריצים און אי פון די יידישע פּרנסים און תקיפים וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די רבנים.

דער דאָזיקער שווערער מצב פון די יידן האָט אַרויסגערופן מיסטישע שטימונגען.

יידן האָבן געגאַרט נאָך דער גאולה און באַפרייט צו ווערן פון ביטערן גלות.

יידן האָבן געזעען אין זייערעליידן פון יאָר 1648 די „חבלי משיח״. די שבתי־צבי באַוועגונג האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דרום־אוקראַינע און פּאָדאָליע, וואָס איז פאַר דער צייט פון 27 יאָר, פון 1672 ביז 1699, אָפּגעריסן געוואָרן פון פּוילן און פאַראייניקט געוואָרן מיט טערקיי. ווען שבתי־צבי שמד׳ט זיך פאַר אַ מאַכמעדאַנער, איז די אַנטוישונג ביי די יידן זייער גרויס. איינער פון די שבתי־צבי׳ניקעס, חיים מלאך, איז אין סוף פון 17־טן יאָרהונדערט געקומען קיין פּוילן און האָט נביאות געזאָגט, אַז שבתי־צבי וועט אויפשטיין תחית המתים און וועט ווידער נתגלה ווערן אין יאָר תס״ו (1706), פערציק יאָר נאָך זיין שמד. צו אים איז צוגעשטאַנען נאָך אַ דרשן, ר׳ יהודה חסיד פון שעדלעץ, און שאַפט אַ „חברת חסידים״, וואָס פלעגן זיך פייניקן מיט סיגופים און תשובה־טאָן און זיי האָבן אַריינגענומען אין זייערע תפילות צירופים און שמות על־פי קבלה, און זיי האָבן אין יאָר 1700 עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

און הגם מיטן שבתי־צבי׳ס שמד, האָט די משיחישע באַוועגונג גע־פּלאַצט, בלייבן באַהאַלטענע רעשטלעך פון די שבתי־צבי׳ניקעס, וואָס מען האָט זיי גערופן „שעבסן״.

עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מיסטיקער וואָס גלייבן, אַז דורך אַסקעטיזם, דורך פאַרשידענע סיגופים און תשובה־טאָן, קאָן מען דערנענטערן די טריט פון גואל.

און עס וואַקסט דערנאָך אַרויס אַ נייע געפערלעכע באַוועגונג, וואָס האָט אין די יאָרן 1755—1759 געמאַכט אויפציטערן די וועלט — יעקב פראַנק מיט זיינע אַנהענגער, וואָס וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם גאַנצן עול התורה און וואָס האַלטן אַז נאָר דורך זינד און הפקרות וועט מען ברענגען משיח׳ן. זייער מאַראַלישע הפקרות און אויסגעלאַסנקייט האָט זיי געשטעלט מחוץ דער מחנה פון יידישן פאָלק און יעקב פראַנק מיט זיין חברה האָבן זיך גע׳שמד׳ט און אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלייבן.

דאָס האָט נאָך מער צעשטערט דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידן. דער פראַנקיסט האָט געזוכט אַ רייכן פּריץ וואָס זאָל אים אָפּ׳שמד׳ן, ער זאָל ווערן זיין טויף־פאָטער און דערפאַר אים שענקען פעלדער, און אַמאָל אויך אַ גאַנץ גוט.

פּראָפ. מ. באַלאַבאַן ברענגט אין זיין בוך „יעקב פראַנק און פראַנקיזם״ אַ בריוו, וואָס איין פּריץ שרייבט צום צווייטן פּריץ, אַז מען דאַרף אָפּשטעלן

דאָס שמד׳ן, ווייל „אויב נאָך יידן וועלן זיך שמד׳ן, וועלן מיר ווערן גרויסע אָרעמעלייט, זיי וועלן אונז בדיל־הדל מאַכן״...

אָבער די אַנטוישונגען אינעם פאַלשן משיח שבתי־צבי האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַסקעטישע שיטה פון די מיסטישע גרופּעס פון די אַזוי־גערופענע „חסידים ראשונים״. זיי פלעגן זיך פייניקן ממש ביז כלות הנפש, כדי צו ברענגען משיח׳ן [7]. עס זיינען אַרומגעפאָרן מגידים, וואָס האָבן געפאָדערט פון פשוטן פאָלק וואָס מער זיך מסגף זיין, אָפּריכטן וואָס מער תעניתים און זיך פייניקן.

דעמאָלט איז אויפגעקומען די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט ווי אַ באַלזאַם געהיילט די צעווייטיקטע הערצער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. דעמאָלט איז אויפגעשטאַנען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה אינעם פאַר׳חושכ׳טן יידישן לעבן.

אַ גאַנצע רעוואָלוציע האָט חסידות אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן. זי האָט אויפגעריסן די צוימען, זי האָט אַראָפּגעריסן די העגעמאָניע פון די פּרנסים און רבנים, פון די אַסקעטישע רבנים און מגידים, און דערהויבן דעם דאָרפס־ייד, דעם עם־הארץ און בעל־מלאכה און זיי געשטעלט אויף דעם זעלבן שטאַפּל וואָס דעם לערנער.

7) גענויער וועגן די „חסידים ראשונים״ פאַרן אַנטשטייען פון חסידות, אין די באַזונדערע קאַפּיטלען פון בוך.

קאַפּיטל ב

דאָס לעבן און ווירקן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב׳ס לעבנס־ביאָגראַפיע לויט דער חסידישער מסורה. — די גרויסקייט פון בעש״ט׳ס נשמה. — ר׳ ישראל בעל־שם־טוב ריכט אָפּ התבודדות אין די קאַרפּאַטן־בערג. — ווי אַזוי ער ווערט נתגלה.

„דורך אַ נעפּל קומט צו אונז אַרויס די היסטאָרישע געשטאַלט פון דעם באַשעפער פון חסידות. דורך אַ נעפּל פון וואונדער־מעשיות, וואָס די פאָלקס־לעגענדע האָט מיט זיי באַקרוינט דעם קאָפּ פון איר באַליבטן העלד. אַ געדיכטער שלייער, אויסגעוועבט אין דער פאַנטאַזיע פון די שפּעטערדיקע דורות, פאַרשטעלט פאַר אונזערע אויגן די אמתע געשטאַלט פון בעש״ט, אַזוי, אַז צייטנווייז, דוכט זיך אונז, אַז ער האָט גאָר נישט עקזיסטירט ווי אַ לעבעדיקער מענטש, אַז דאָס איז נאָר געווען אַן אויס־געטראַכטער נאָמען, וואָס מען האָט אים צוגעבונדן צו דער רעליגיעזער באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט״.

אָט מיט די דאָזיקע שורות הויבט אָן דער יידישער היסטאָריקער פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, זיין „געשיכטע פון חסידיזם״ — שרייבט דער יידישער קולטור־היסטאָריקער ד״ר י. צינבערג אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, אין זיין קאַפּיטל וועגן בעש״ט, און ער גיט צו, אַז: „אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, ווען דער מענטשן־פאַרשטאַנד איז דערקלערט געוואָרן אַלס דער איינציקער באַגלייבטער אויטאָריטעט אויף די פאַר־פלאָנטערטע מענטשלעכע וועגן, איז געשען דאָס גרויסע וואונדער: אַ מענטשנס־לעבן, אַ לעבן פון אַ פּשוטן יידן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנ־טאַסטישע לעגענדע, אין אַן אגדה פון קדמונישע צייטן״...

ווער איז געווען די גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פאַקל, וואָס האָט באַלויכטן אין משך פון איבער צוויי הונדערט יאָר דאָס יידישע לעבן אין דעם חשכות׳דיקן גלות? ווער איז געווען דער וואונדער־מענטש, וואָס דאָס פאָלק האָט אים באַקרוינט מיט אַזוי פיל פאַנטאַסטישע

מעשיות, אַזוי, אַז עס איז שוין איצט כמעט שווער צו דערקענען די אמת׳ע געשטאַלט?

דאָס איז געווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס האָט מיט זיין נייער לערע אָנגעצונדן די הערצער פון די פאַרוואָגלטע יידן אין מזרח־איירּאָפּע, דאָס איז געווען דער מענטש מיט דער גרויסער נשמה, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פרייד צו די פאַראומערטע דאָרפס־יידן, פּראָסטאַקעס און עמי־הארצים אין די שטעטלעך פון פוילן און אוקראַינע.

אין אונזער בוך וועלן מיר באַהאַנדלען אויספירלעכער וועגן דעם וואונדער־לעבן פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זיין טיפע שיטה און השפעה, וואָס איז נאָך עד היום זייער שטאַרק סיי אין די תפוצות און סיי אין מדינת ישראל.

אָבער כדי מיר זאָלן בעסער קאָנען פאַרשטיין יעדעס קאַפּיטל, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך, וועלן מיר פריער געבן אַ קורצע ביאָגראַפיע פון בעש״ט און דערנאָך וועט אין בוך יעדע פאַזע פון זיין לעבן, זיין סביבה, זיין שיטה, זיינע תורות און זיין השפעה באַהאַנדלט ווערן באַזונדער.

ר׳ ישראל בן ר׳ אליעזר בעל־שם־טוב (בעש״ט), איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר ת״ס (1700 [1]), אין דעם שטעטל אָקופּ, נישט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אויף דער דעמאָלטיקער גרענעץ צווישן פוילן און טערקיי.

אינעם סוף פון 17־טן יאָרהונדערט איז פּאָדאָליע נאָך געווען אונטער דער ממשלה פון טערקיי, וואָס האָט פאַרכאַפּט די פּראָווינץ אין דער מלחמה מיט פוילן (1672—1699).

ר׳ אליעזר, דער פאָטער פון בעש״ט, איז ווייזט אויס גענומען געוואָרן געפאַנגען, בעת רויבערס זיינען אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט.

לויט דער אגדה, וואָס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, האָבן די פאַנגער אים געבראַכט אין אַ „ווייטער מדינה״, וואו קיין יידן זיינען נישט געווען. דאָרט איז ר׳ אליעזר געוואָרן אַ דינער אין הויז פון „שני למלך״. אין אַ צייט אַרום איז ער געוואָרן באַשטימט פאַר אַ יועץ ביים קיניג, וואָס איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון זיינע עצות, וואָס ער האָט געגעבן און אין תכסיסי מלחמה, אין וואָס ער איז געווען באַהאַוונט און מען האָט אים געגעבן פאַר אַ פרוי די בת־מלכה. נאָר דער ייד, דער צדיק ר׳ אליעזר, האָט זיין פרעמדע פרוי נישט אָנגערירט. ער האָט איר אויסגעזאָגט דעם סוד, האָט זי אים אָפּגעשיקט אַהיים. אונטערוועגנס האָט זיך צו אים באַוויזן אליהו הנביא און האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה,

1) לויט דער חב״ד׳ער מסורה איז דער בעש״ט געבוירן געוואָרן ח״י אלול, תנ״ח (1698), לויט ד״ר י. צינבערג, בערך אין יאָר 1699.

אַז אין זיין זכות, וועט אים געבוירן ווערן אַ זון, וואָס „וועט מאַכן באַלייכטן די אויגן פון די יידן״.

ר׳ אליעזר איז אַהיימגעקומען. ער האָט געפונען זיין ווייב ביים לעבן און אויף דער עלטער [2] איז זיי געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן ישראל.

לויט אַ צווייטע חסידישע אגדה, האָט ר׳ אליעזר, דער פאָטער פון בעש״ט, געוואוינט אין אַ דאָרף און ער איז געווען אַ גרויסער מכניס־אורח. ווער עס איז צו אים געקומען, האָט ער געגעבן צו עסן ברחבה און אַ שיינע נדבה דערצו.

איינמאָל האָט מען אים זייער געלויבט אין הימל, האָט מען געפסקנט, מען זאָל אים אויספרואוון, האָט אליהו הנביא געזאָגט צום שטן: „ס׳איז נישט גוט דו זאָלסט גיין, איך וועל גיין אים אויספרואוון!״

איז אליהו הנביא געגאַנגען, פאַרשטעלט פאַר אָרעמאַן, און ער איז געקומען צו ר׳ אליעזר׳ן אין דאָרף אַריין שבת נאָכמיטאָג מיט זיין שטעקן און טאָרבע.

ר׳ אליעזר איז געווען אַ גרויסער סבלן. ער האָט אים נישט געפרעגט ווי אַזוי גייט אַ ייד אום שבת איבער דערפער, נייערט ער האָט דעם אָרעמאַן באַלד געגעבן צו עסן אַ שבת׳דיקע סעודה, און זונטיק האָט ער אים אויך געגעבן אַ שיינע נדבה.

האָט אליהו הנביא צו אים געזאָגט:

„איך בין געקומען בלויז דיך אויספרואוון, און ווייל דו ביסט עומד בנסיון געווען, וועסטו זוכה זיין צו אַ זון, וואָס וועט באַלייכטן די אויגן פון די יידן״. און דאָס איז געווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב [3].

וועגן דער גרויסקייט פון דער נשמה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָבן די שפּעטערדיקע צדיקים געזאָגט, אַז „אַזאַ נשמה ווי די נשמה פון בעש״ט, קומט אַראָפּ אויף דער וועלט בלויז איינמאָל אין טויזנט יאָר״ [4].

לויט אַ חסידישער מסורה האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז זיין נשמה האָט נישט געוואָלט אַראָפּנידערן אויף דער וועלט, צוליב די רשעים, וואָס זיינען פאַראַן אין יעדן דור, האָט מען אים געגעבן „ששים גבורים״ — זעכציק צדיקים, זיי זאָלן אים היטן [5]. דערפון נעמט זיך וואָס מען זאָגט, אַז דער בעש״ט האָט געהאַט זעכציק תלמידים.

2)ביידע זיינען געווען קרוב צו הונדערט יאָר.

3) „רחמי האב״, אות כ׳, מוסר ומדות ישרות, טשערנאָוויץ, תרכ״ה — 1865. עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

4) „כתבי קודש״, לבוב, תרכ״ב — 1862, אין נאָמען פון די קאַרלינער רביים.

5) „נתיב מצוותיך״, שביל א׳, אות י״ג, פון רבי׳ן ר׳ יצחק אייזיק פון קאָמאַרנע, לבוב, תרי״ח — 1858.

חסידים האָבן געזאָגט, אַז די נשמה פון בעש״ט איז געווען פון דער שורש נשמה פון דוד המלך [6]).

ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַן אור־אייניקל פון בעש״ט, האָט געזאָגט, אַז זיי שטאַמען פון „זרע דוד המלך״ [7]).

לויט דער חסידישער מסורה, האָט פון בעש״ט אָן אָנגעהויבן אַרויס־שפּראָצן משיח [8]).

דער רבי ר׳ יעקב ישראל פון טשערקאַס האָט דערציילט פון זיין זיידן, דעם רבי״ן ר׳ נחום פון טשערנאָביל, אַז פאַרן בעל־שם־טוב איז נישט געווען אַזאַ נשמה ווי דעם בעש״ט׳ס און נאָך אים וועט אַזאַ נשמה נישט קומען ביז ביאת המשיח, און „ווען משיח וועט קומען, וועט דער בעש״ט זיין״, און דער רבי ר׳ יעקב ישראל האָט געזאָגט, אַז פון די רייד פון זיין זיידן קאָן מען אַרויסדרינגען אַז דער בעש״ט וועט זיין משיח [9]).

וועגן דער גרויסקייט פון בעש״ט שרייבט דער רבי ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק אין אַ בריוו: „אַ בושה פאַרדעקט מיין פּנים, ביז איך דען אָנשטאָט גאָט? בלויז דער בעש״ט האָט דאָס געקאָנט טאָן. ער האָט גוזר געווען און עס איז מקוים געוואָרן. קיינער פאַר אים איז נישט געווען ווי ער און עס וועט אויך נישט קומען אַזאַ ווי ער איז געווען״ [10]).

ר׳ אליעזר איז נפטר געוואָרן ווען ר׳ ישראל איז נאָך געווען אַ קינד.

פאַר דער פּטירה האָט דער פאָטער צוגערופן דעם קליינעם בן־יחיד צום בעט און האָט אים געזאָגט:

„מיין ליב קינד, זאָלסט געדענקען, אַז גאָט איז שטענדיק מיט דיר און זאָלסט דערפאַר פאַר קיין זאַך זיך נישט שרעקן״.

די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין זיין זכרון.

זיין מוטער שרה [11]), איז געווען אַ הייבאַם און זי האָט מפרנס געווען דעם יתום. באַלד דערנאָך איז אויך זיין מוטער געשטאָרבן און דער קליינער יתום איז איבערגעגאַנגען צו פרעמדע מענטשן, און קהל האָט געזאָרגט דער יתום זאָל לערנען אין אַ חדר.

אָבער דער קליינער יתום האָט נישט געהאַט קיין גרויסע התמדה אין לערנען, ער פלעגט אָפטמאָל אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און דאָרט האָט ער זיך מתבודד געווען.

6) ספר „זוהר חי״ פון רבי״ן ר׳ יצחק אייזיק פון קאָמאַרנע־לבוב־פּשעמישל, תרל״ב־תרס״ה — 1872־1905, פּרשת וישלח, דף של״ח.

7) לקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, אות ק׳.

8) „דברי שלום״, אין דער הקדמה דף ו׳, עמוד ב׳, פון ר׳ שלום פון קאָידענאָוו, ווילנע, תרמ״ה — 1885.

9) „מעשיות ומאמרים יקרים״, דף ד׳.

10) „פּרי הארץ״, אָנהייבנדיק „יהא שלמא״.

11) אין ספר „דברי דוד״ פון רבי״ן ר׳ דוד משה פון טשאָרטקאָוו, ווערט געבראַכט אַ סגולה ביי אַ דונער: מזכיר צו זיין דעם נאָמען פון בעש״ט מיט זיין מוטערס נאָמען.

די מצבה אויפן קבר פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב׳ס מוטער

כדי זיך מפרנס צו זיין איז דער יתום צו צוועלף יאָר געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד. ער פלעגט פירן די קינדער פון שטוב אין חדר אַריין מיט געזאַנג און זיי צוריקפירן אַהיים. ער פלעגט אויך די קינדער פירן אין שול אַריין זאָגן מיט זיי „קדושה״, און אויפן וועג „פלעגט ער מיט זיי זינגען מיט זיין זיס קול״.

נאָך אַ שטיקל צייט איז דער יתום געוואָרן אַן אונטער־שמש אין אַ קלויז. אויך דאָרט האָט ער געהאַט זיין אייגענעם דרך: ביי טאָג האָט ער געטאָן זיין אַרבעט, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, און אין דער פרייער צייט פלעגט ער שלאָפן און ביינאַכט פלעגט ער אויפזיין און לערנען, ווען קיינער האָט נישט געזען, קבלה־ספרים.

ווען ר׳ ישראל איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, איז געקומען קיין אָקופּ אַ ייד, אַ מקובל, און ער האָט אים געבראַכט אַ פּאַק כתבים, וואָס ער האָט געמוזט זיי איבערגעבן, לויט דער צוואה פון זיין פאָטער ר׳ אדם בעל־שם, צו איינעם, אַ בחור, מיטן נאָמען ישראל בן אליעזר, וואָרים „זיי קערן זיך אָן מיטן שורש פון זייערע נשמות״.

מיט סודי־סודות האָט דער פרעמדער זיך באַקענט אין בית־המדרש מיטן בחור, ישראל, בעת ישראל פלעגט אויפשטיין איינער אַליין ביינאַכט צו זיין „עבודה תמה״ און ער פלעגט לערנען פאַרשידענע קבלה־ספרים.

דער אורח האָט אים איבערגעגעבן די כתבים און פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי זיך מתבודד זיין אין אַ באַזונדער שטיבל אויסער דער שטאָט און לערנען אין די כתבים די „געטלעכע קבלה און די פּראַקטישע קבלה״ (קבלה מעשית). זיי פלעגן פאַסטן און זיך טובל זיין און זיך צוגעוואוינען צו דעם לעבן פון די מקובלים און בעלי־מופת.

די שטאָטלייט האָבן געזען, אַז דאָס ייִנגל, דער יתום ישראל, גייט בדרך הישר, אַז ער איז עוסק אין תורה און תפילה, האָבן זיי אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פון שטאָט.

אין אַ קורצער צייט אַרום, איז זיין ווייב געשטאָרבן, איז ר׳ ישראל אַוועק פון זיין געבוירן־שטאָט אָקופּ, קיין מזרח־גאַליציע אין דער געגנט אַרום בראָד, וואָס איז נישט ווייט פון פּאָדאָליע [12]).

ר׳ ישראל איז ווידער געוואָרן אַ באַהעלפער און דערנאָך אַ מלמד אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון בראָד. ער איז געפעלן געוואָרן די בעלי־בתים פון דער קהילה און מען פלעגט אים נעמען צו זיין אַ „שליש״ ביי בוררות׳ן.

איינמאָל איז ר׳ ישראל געוועז אַ דיין אין אַ בוררות, וואָס פון צווייטן

12) אין יענער צייט זיינען די יידישע קהילות פון מזרח־גאַליציע און פון פּאָדאָליע געווען פאַראייניקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון „וועד הארצות״ אין איין מדינה, „מדינת רוסיה״, ווי אַ טייל פון דער פּוילישער אוקראַינע. זע ש. דובנאָוו: „געשיכטע פון חסידיזם״, ערשטער באַנד, זייט 77.

צד איז געווען דער דיין ר׳ אפרים, דער פּאַטער פון ר׳ אברהם גרשון פון קיטעוו.

דער יונגער דיין, ר׳ ישראל מלמד, האָט נושא־חן געווען אין די אויגן פון ר׳ אפרים און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ גרושה, האָט ער אים פאַרגעלייגט אַז ער זאָל נעמען זיין טאָכטער חנה פאַר אַ ווייב.

ר׳ ישראל האָט מסכים געווען, בתנאי, אַז אַ געוויסע צייט זאָל דאָס בלייבן בסוד.

בינתים איז ר׳ אפרים געשטאָרבן און זיין זון ר׳ אברהם גרשון קיטעווער, רב אין בראָד, האָט צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג געפונען צווישן זיין פּאָטערס כתבים, אויך די „תנאים״, אַז זיין שוועסטער חנה איז פאַרקנסט געוואָרן פאַר עפּעס אַ יידן מיטן נאָמען ישראל בן אליעזר.

באַלד דערנאָך איז געקומען צו אים דער „חתן״, אָנגעטאָן אין פּשוטע בגדים „ווי אַ פּויער״ (כאחד הריקים), „אין אַ קורץ פּעלצל, אין אַ ברייטן גאַרטל״ און האָט גערעדט האַרבע דבורים „ווי אַן אמתער גראָבער יונג״. „גיב מיר מיין ווייב״ — האָט ער געזאָגט, און ער האָט געוויזן דעם רב, ר׳ גרשון קיטעווער, דעם כתב פון די „תנאים״.

האָט ר׳ גרשון קיטעווער געפרעגט זיין שוועסטער צי זי איז מסכים חתונה צו האָבן מיט אַזאַ עם־הארץ, האָט די כלה געענטפערט, אַז זי איז מחויב צו דערפילן דעם רצון פון זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

האָט דער בראָדער רב, ר׳ גרשון קיטעווער, חתונה געמאַכט זיין שוועסטער חנה, מיט דעם „מגושמ׳דיקן גראָבן יונג״ — ישראל.

און בעת דער חתונה, האָט דער חתן אויסגעזאָגט דער כלה דעם סוד, אַז ער וויל זיין אַ נסתר, ביז אַ געוויסע צייט, כדי מענטשן זאָלן נישט וויסן אַז ער איז אַ תלמיד־חכם און מקובל.

זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, האָט זיך געשעמט צו וואוינען אין איין שטאָט מיט דעם „עם־הארץ״, האָט ער פאַרגעלייגט זיין שוועסטער זי זאָל מיט איר מאַן זיך אַרויסקלייבן פון בראָד.

ר׳ גרשון קיטעווער האָט געגעבן זיין שוואָגער אַ פערד און וואָגן און דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך באַזעצט אין אַ דאָרף צווישן קיטעוו און קאָסעוו, טיף אין די קאַרפּאַטן־בערג.

דער נסתר ר׳ ישראל פלעגט פאַרברענגען דאָס רוב צייט אין התבודדות אין די קאַרפּאַטן־בערג. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט צו אים קומען זיין ווייב מיט איר פערד און וואָגן, ער פלעגט אויסגראָבן ליים אין די בערג, אָנפילן אַ גאַנצן וואָגן און די פרוי פלעגט דאָס ליים אָפּפירן אין דער נאָענטסטער שטאָט אַריין צו פאַרקויפן. פון דעם האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק מפרנס געווען בדוחק.

אין דער ערשטער צייט, ווען ר׳ ישראל פלעגט אָפּריכטן התבודדות,

פלעגט ער זיך נוהג זיין צו פאַסטן הפסקות. ער פלעגט עסן איין שטיקל ברויט נאָר צווישן איין תענית און דעם אַנדערן.

און דאָרט, אין די הויכע קאַרפּאַטן־בערג, צווישן געדיכטע וועלדער, אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט, האָט ר׳ ישראל געדענקט דעם אָנזאָג פון זיין פאָטער: „זאָלסט געדענקען, אַז גאָט איז שטענדיק מיט דיר און זאָלסט דערפאַר פאַר קיין זאַך זיך נישט שרעקן״. און דאָ האָט דער בעל־שם־טוב דערשפּירט דעם טיפן סוד, וואָס איז באַהאַלטן אין די ווערטער: „מלא כל הארץ כבודו״ און: „לית אתר פנוי מניה״ — אַז „די גאַנצע וועלט איז אָנגעפילט מיט דער גאָטהייט״ און אַז „עס איז נישטאָ קיין אָרט וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים״, וואָס דאָס איז געוואָרן דער גרונד־געדאַנק פון בעש״ט׳ס שיטה, אַז מיט אים, כביכול, איז בפּועל ממש פול די וועלט...

ר׳ ישראל׳ס אָפּריכטן התבודדות אין די בערג האָט געדויערט זעקס יאָר. דאָס דחקות איז אָבער געווען גרויס, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין בראָד, צו בעטן הילף ביים בראָדער רב ר׳ גרשון.

ר׳ גרשון קיטעווער האָט גענומען זיין שוואָגער אין שטוב אַריין פאַר אַ משרת, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער טויג אַפילו צו דער דאָזיקער מלאכה אויך נישט. און כדי צו האַלטן דעם „בעל־מום״ ווייט פון בראָד, האָט ער אָפּגעדונגען פאַר אים נישט ווייט פון בראָד אין אַ דאָרף אַ שענק, וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַן אכסניה פאַר דורכפאָרער.

מיט דער דאָזיקער פּרנסה האָט זיך פאַרנומען דעם בעש״ט׳ס ווייב, חנה, און דער בעש״ט פלעגט איר בלויז צוהעלפן. אין דער פרייער צייט פלעגט דער בעש״ט זיצן אין אַ קליין ביידל אויפן באַרג, נעבן טייך פּרוט, און ער האָט דאָרט געלערנט סתרי־תורה...

אין אַ צייט אַרום האָט מען ביי אים אויסגעדונגען די שענק און ר׳ ישראל איז געוואָרן אַ שוחט אין דעם דאָרף קיסילאָוויטש, נישט ווייט פון שטעטל יאַזלאָוויטש, אָבער אויך דאָרט האָט ער קיין פּרנסה נישט געהאַט, האָט ער פאַר אין ברירה זיך צוריקגענומען צו זיין אַלטער פּרנסה — צו מלמדות.

אַרום דעם יאָר ת״ץ (1730) האָט ר׳ ישראל זיך באַזעצט אין דער שטאָט טלוסט, מזרח־גאַליציע. פון צייט צו צייט פלעגט ער צופאָרן צו די נאָענטסטע דערפער לערנען תורה מיט קינדער פון ישובניקעס, אָבער דאָס אַלץ האָט פאָרט נישט געקלעקט אויף פּרנסה, ער מוז נאָך אַלץ אַרומ־גיין: „אָנגעטאָן אין אַ טיזליק פון קומאַ (אַזאַ מין בגד, גענייט פון אַ גראָבן שטאָף) און די פיס־פינגער פלעגן אים אַרויסקריכן פון די לעכער פון די שיך, וואָרים ער איז געווען זייער אָרעם״.

ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַלט געוואָרן זעקס און דרייסיק יאָר, האָט ער געמאַכט זיין חשבון און ער האָט אויסגעפונען, אַז עס איז

שוין געקומען זיין צייט נתגלה צו ווערן. דאָס איז געווען בערך אין יאָר תצ״ה (1735).

און פון זינט יענער צייט הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין לעבן פון דעם גרינדער פון חסידות.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט די ערשטע צייט, ווי ער איז נתגלה געוואָרן, אויך עוסק געווען אין קבלה מעשית (פּראַקטישע קבלה) און ער האָט אָנגעהויבן צו שמ׳ן ווי אַ בעל־מופת, געבן סגולות, רפואות און קמיעות.

אין די ערשטע יאָרן, נאָכדעם ווי דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, איז טלוסט געווען זיין צענטער. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער פאָרן איבער די נאָענטע קהילות אין גאַליציע און פּאָדאָליע, ווי: האָראָדענקאָ, קיטעוו, נעמיראָוו, שאַריגראַד, און אויך אין וואָלינער שטעט, אין פּולנאה (פּאָלאָנע), זאַסלאַוו און אין אומאַנער קאַנט, און ער איז אויך געווען אין סלוצק, ליטע.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך בערך אין יאָר ת״ק (1740) באַזעצט אין מעזשיבעזש, פּאָדאָליע, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון חסידות.



דעם בעש״ט׳ס בית־המדרש אין מעזשיבעזש

אַהין פלעגן קומען יידן פון דער גאַנצער סביבה, זיי פלעגן ביי אים עצות בעטן, ביי אים נעמען סגולות און קמיעות און אויך אים בעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ חולה.

עס קומען אַזויפיל יידן, אַז דער בעש״ט נעמט צו אַ שטענדיקן סופר און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער שוין צוויי סופרים.

אָבער מיט דער צייט הויבט אָן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב צו פאַר־שפּרייטן זיין נייע שיטה אין חסידות. עס שאַפט זיך אַרום אים אַן ענגער קרייז פון תלמידים און מקורבים. כדי אים אויסצוטיילן פון די אַנדערע בעל־שמ׳ס, הויבט מען אים אָן רופן נישט סתם „בעל שם״, נאָר „בעל שם טוב״, וואָרים מען קומט שוין נישט אַזוי נאָך הילף פאַר פיזיש און גייסטיק קראַנקע, נאָר עס קומען חסידים, צו הערן זיין ניי־וואָרט, ווי אַזוי צו דינען דעם אייבערשטן. עס קומען צו אים, נישט נאָר דאָרפס־יידן, פּראָסטאָקעס און עמי־הארצים, נאָר אויך מגידים, שוחטים, חזנים, רבנים און אויך גרויסע לומדים, און אַפילו זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, ווערט זיין אָנהענגער. עס שאַפט זיך אַ קרייז פון תלמידים פון בעש״ט, וואָס פאַרשפּרייטן דעם בעש״ט׳ס תורה צווישן די יידן און חסידות דרינגט אַריין אין די פאַרשידענע שטעטלעך אין פּאָדאָליע און גאַליציע.

אַן ערך פון אַ צוואַנציק יאָר איז מעזשיבעזש געווען דער צענטער פון דער נייער חסידישער באַוועגונג.

דער בעש״ט איז מער נישט אַרומגעפאָרן, נייערט מען איז געפאָרן צו אים, צו הערן זיין נייע תורה פון חסידות.

דער בעש״ט פלעגט „פירן טישן״ שבת, ער איז ביי די דריי שבת׳דיקע סעודות געזעסן מיט חסידים. ער פלעגט ביי די שלום־סעודות זאָגן תורה, אין די תורות האָט ער אַריינגעפלאָכטן משלים און מעשיות. צווישן זיינע תלמידים זיינען געווען די צוויי הויפּט־תלמידים: ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאה, וואָס האָט איבערגעגעבן אין זיינע ספרים די תורות, מאמרים און משלים, וואָס ער האָט געהערט פון בעש״ט, און דער מעזעריטשער מגיד, ר׳ דוב־בער. ביידע זיינען געוואָרן זיילן פון חסידות.

דער ערשטער תלמיד האָט פאַרשפּרייט די תורה פון בעש״ט בכתב און דער צווייטער האָט אויפגעשטעלט תלמידים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט דאָס חסידות צווישן די פאָלקסמאַסן, ביז עס איז געוואָרן אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג.

דער בעש״ט האָט געהאַט צוויי „עליות הנשמה״. די ערשטע איז געווען אין ראש־השנה תק״ו (1745) און די צווייטע אין ראש־השנה אין יאָר תק״י (1749).

אין אַ בריוו, וואָס דער בעש״ט האָט געשריבן צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער קיין ירושלים, דערמאָנט ער זיין רבי׳ן, אָבער ער רופט אים נישט אָן ביים נאָמען. זיין תלמיד, דער בעל „תולדות יעקב יוסף״, גיט אָבער איבער, אַז דעם בעש״ט׳ס גייסטיקער רבי איז געווען דער נביא אחיה השלוני פון שלמה המלכ׳ס צייטן.

דאָס גרויסע ליכט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אויסגעלאָשן געוואָרן דעם ערשטן טאָג שבועות תק״ך (1760) אין מעזשיבעזש.

קאַפּיטל ג

דער געבוירן־טאָג פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

די פאַרשידענע דאַטעס וועגן דעם געבוירן־טאָג פון בעש״ט. — מעשיות וועגן שורש נשמה פון בעש״ט און וואָס ס׳האָט גורם געווען אַז דער בעש״ט זאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט.

וועגן געבוירן־טאָג און יאָר פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב זיינען פאַראַן פאַרשידענע דאַטעס.

צווישן די חב״דער חסידים איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן: ח״י אלול תנ״ח — 1698 [1].

דער מעזעריטשער מגיד, ר׳ דוב בער, האָט געזאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סימנים אויף דעם געבוירן־יאָר פון רבינו הבעש״ט: א) שנת „נחת״, נייחא לעליונים און נייחא לתחתונים [2] — צופרידנקייט פאַר די אויבערשטע און צופרידנקייט פאַר די אונטערשטע; ב) אין יאָר תנ״ח האָט מען אין אַמסטערדאַם אָפּגעדרוקט דאָס ספר „של״ה״ „באותיות בהירות״ (מיט ליכטיקע אותיות).

אָנגענומען איז אין דער וועלט, אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן בערך ת״ס — 1700, אַזוי אַז לויט דער חב״דער מסורה איז דער בעש״ט געבוירן געוואָרן מיט אַ צוויי יאָר פריער.

ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אין חב״דער הויף, אין געהיים, געפּראַוועט אַ סעודה יעדן יאָר ח״י אלול, לכבוד דעם געבורט פון בעש״ט.

אַזוי ווערט דאָרט געבראַכט [3], אַז וועגן דעם טאָג ח״י אלול, דערציילט כ״ק אדמו״ר מוהריי״צ (דער פריערדיקער ליובאַוויטשער רבי) נ״ע:

ח״י אלול איז ביי אבותינו הק׳ געווען אַ יום הילולא פנימית בסוד אתכסיא (אַן אינעווייניקסטער באַהאַלטענער פייערטאָג). אין דעם טאָג

1) „רבי ישראל בעל שם טוב״, „אוצר החסידים״, ברוקלין, 1960, 606 זייטן, קליינער פאָרמאַט, זייט 2.

2) לויטן לשון פון בראשית רבה אין פרשת נח.

3) זייט 14.

פלעגן זיי, די רביים פון דער חב״דער שיטה, זאָגן מאמרים אין חסידות באַהאַלטענערהייט, פריוואַט פאַר זייערע קינדער.

פאַרוואָס עס איז געווען אַ באַהאַלטענער יום־טוב ווערט נישט אָנ־געגעבן, און פאַרוואָס מען האָט נישט געטאָרט פראַווען קיין סעודה צוזאַמען מיט די חסידים, ווערט אויך נישט דערקלערט[4].

וועגן דעם, אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן ח״י אלול ווערט צוגעגעבן[5], אַז ר׳ גדליה (וועלכער איז געווען אַ טיפער זקן און האָט נאָך געקענט דעם אַלטן רבין, דעם בעל התניא, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין שקלאָוו) האָט דערציילט, אַז גאָר אַמאָל פלעגט מען ח״י אלול האַלטן פאַר אַ יום־טוב.

ר׳ שלום ר׳ הלל׳ס (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער פלעגט תמיד מיטפאָרן מיט דעם חסיד ר׳ הלל פאַריטשער) האָט דערציילט, אַז ר׳ הלל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון רבין ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער, אַז דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבילער האָט געזאָגט, אַז דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן ח״י אלול „בגופו בנפשו וברוחו״.

בגופו — ווען ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ גוף; בנפשו — וואָס אין טאָג פון ח״י אלול איז צו אים נתגלה געוואָרן זיין רבי (דער נביא אחיה השילוני); וברוחו — וואָס אין דעם טאָג איז דער בעש״ט נתגלה געוואָרן. דאָס הייסט, אַז די אַלע דריי געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין י״ח אלול. ר׳ שלום דערציילט ווייטער, אַז ר׳ הלל האָט געזאָגט: „איך וואָלט קובע געווען ח״י אלול פאַר אַ יום משתה ושמחה״, נאָר קביעות יום־טוב דאַרף מאַכן אַ רבי, און פאַרוואָס מען האָט דאָס נישט קובע געווען פאַר אַ יום־טוב, איז לדעתי דער טעם (האָט געזאָגט דער פריערדיקער ליובאַוויטשער רבי), ווייל כתר איז נישט נמנה עם הספירות[6].

אין דעם ספרל „רבי ישראל בעל שם טוב״ ווערט אויך איבערגע־געבן אַ מעשה וועגן שורש נשמה פון בעש״ט.

רבי אָדם בעל־שם (ער איז געווען דער נסתר וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז זיין זון זאָל איבערגעבן זיינע כתבים צו ר׳ ישראלן וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פאַרבאָרגענער צדיק) האָט ביי אַ געלעגנהייט אַנטפּלעקט דעם שורש נשמה פון בעש״ט.

אין יאָר של״ג (1573) האָט אין דער הייליקער שטאָט צפת געלעבט אַ ייד, וועלכער האָט מער נישט געקענט ווי דאַוונען. דער ייד איז אָבער געווען אַ תמים אין זיינע מעשים און גאָר אַ באַשיידענער מענטש.

4) עס ווערט יאָ אָנגעגעבן אַ טעם, אָבער אַ ריין־קבלהשער.
5) זייט 15.
6) ציטירט לויט די „לקוטי דיבורים״, ערשטער באַנד, ליקוט ב׳, זייט 64.

איינמאָל ביינאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט אָפּריכטן „תיקון חצות״, האָט ער געהערט ווי מען קלאַפּט אין טיר. אויף דער פראַגע — ווער איז דאָרט? האָט מען אים געענטפערט: אליהו הנביא זכור לטוב.

דער ייד האָט געעפנט די טיר און אליהו הנביא איז אַריינגעקומען אין שטוב, וועלכע איז באַלד אָנגעפילט געוואָרן מיט ליכטיקייט און פרייד.

אליהו הנביא האָט זיך געווענדעט צום יידן און האָט געזאָגט:

— איך בין געקומען דיר מגלה זיין דאָס יאָר ווען משיח וועט קומען. אָבער מיט איין תנאי: דו זאָלסט מיר אויסזאָגן וואָס אַזוינס דו האָסט געטאָן אין טאָג פון דיין בר־מצוה, וואָס צוליב דעם האָט מען געפּסקנט אין בית־דין־של־מעלה, אַז דו זאָלסט זוכה זיין צו גילוי אליהו, אויך דיר צו אַנטפּלעקן פאַרבאָרגענע סודות.

דער צפת׳ער ייד האָט תמימותדיק געענטפערט אליהו הנביא׳ן:

— אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, איז געווען בלויז פאַרן אייבערשטנס כבוד, און ווי קאָן איך דאָס מגלה זיין פאַר אַנדערע? אָבער אויב צוליב דעם וועט מיר אליהו הנביא נישט אויסזאָגן דאָס וואָס ער דאַרף מיר אויסזאָגן — דאַרף מען נישט. וואָרים איך האָב בקבלה, אַז דאָס וואָס אַ ייד טוט, דאַרף ער דאָס באַהאַלטן פונעם מענטשנס אויג און עס דאַרף זיין בלויז פאַרן אייבערשטנס כבוד אַליין.

אליהו הנביא איז פאַרשוואונדן און איז אַרויף אין הימל. אין הימל איז געוואָרן אַ גרויסער רעש איבער דעם דאָזיקן יידנס תמימות, וועלכער האָט צוריקגעוויזן אליהון און דעם גילוי הקץ, אַבי נאָר, אַז אַלץ וואָס ער טוט זאָל זיין בלויז לשם שמים.

דאָס בית־דין־של־מעלה האָט געפּסקנט, אַז אליהו הנביא זאָל זיך נאָכאַמאָל אַנטפּלעקן צו דעם ייד אין צפת, ער זאָל מיט אים לערנען און זאָל אים אַנטפּלעקן פאַרבאָרגענע סודות.

דער דאָזיקער פּשוטער ייד איז געוואָרן אַ חד בדרא (פון די אויסגעצייכנטע יידן אין זיין דור), אַ צדיק תמים און הצנע לכת (אַ באַשיידענער), וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט וועגן זיין גרויסקייט און קדושה.

עס איז געקומען דער טאָג, דער ייד איז געוואָרן אַלט און איז אַוועק פון דער וועלט. און דאָס בית־דין־של־מעלה האָט געפּסקנט, אַז זיין שכר זאָל זיין, ער זאָל נאָכאַמאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט, און מען וועט אים צווינגען ער זאָל זיך אַנטפּלעקן, כדי דורך אים זאָל נתגלה ווערן אַ נייער דרך אין דער וועלט, ציכטיק און ריין צו מאַכן די וועלט מיט רוח טהרה און רוח הקודש, אָנצוצינדן אַ נייַ ליכט אין יעדן יידס האַרץ. און דורך אים זאָל נתקדש ווערן שם שמים און די וועלט זאָל אָנגעפילט ווערן מיט דעת, וואָס דאָס וועט מקרב זיין דעם קץ.

„די נשמה פון יענעם צפת׳ער ייד, איז די נשמה פון מורנו הבעל־שם־טוב״, לאָזט אויס די מעשה.

***

וועגן דעם וואָס עס האָט גורם געווען, אַז דער בעל־שם־טוב זאָל נתגלה ווערן אויף דער וועלט, דערציילט דער העברעאישער קלאַסיקער ש״י עגנון, אין אַ ציקל מעשיות וועגן בעש״ט אַזאַ מעשה [7]:

איינמאָל האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט צו זיינע תלמידים: פאָרט אויף דעם און דעם אָרט און באַמיט זיך מקבל־פנים צו זיין דעם און דעם מענטשן, וואָס איז אַ גרויסער צדיק, איינער פון די ל״ו צדיקים פון דור.

זיינען זיי אַרויס אין מאַרק, האָבן געדונגען אַ וואָגן און געפאָרן אין שטאָט פון דעם דאָזיקן צדיק.

זיי האָבן געפרעגט די שטאָט־מענטשן וואו דער צדיק איז, האָט מען זיי געענטפערט, אַז ס׳איז נישטאָ דאָ הי אַזאַ מענטש.

האָבן די תלמידים פון בעל־שם־טוב געזאָגט: אויב אונדזער רבי האָט אַזוי געזאָגט, מסתמא איז ער יאָ דאָ הי, נאָר ער באַהאַלט זיך און פאַרהוילט זיינע גוטע מעשים פאַר די מענטשן, ווייל ער איז איינער פון די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס נישט יעדער איינער איז זוכה זיי צו דערקענען, און מ׳דאַרף האָבן גרויס השתדלות, כדי זיי אויסצוגעפינען. לאָמיר זיך משתדל זיין און מיר וועלן אים געפינען. און ווען זיי האָבן אים געפונען האָבן זיי געזען, אַז ער איז אַן איש קדוש, אַזוי ווי זייער רבי האָט זיי געזאָגט, נאָר ער איז אַ באַהאַלטענער, אַזוי ווי דער סדר פון די נסתרים איז.

זיי האָבן זיך צו אים דערנענטערט און האָבן זיך יעדן טאָג מער געפרייט, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו זיצן אין זיין מחיצה, ביז עס האָט זיך זיי אויסגעלאָזט דאָס גאַנצע געלט און זיי זיינען געצוואונגען געווען צוריקצופאָרן אַהיים. זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט פון אים און זיינען צוריק־געפאָרן אין זייער שטאָט און אין זייער בית־המדרש אַריין.

איז דער בעל־שם־טוב אַריינגעקומען אין בית־המדרש און ער האָט זיי געפרעגט: איר האָט אים געזען? האָבן זיי געענטפערט: „רבי, מיר האָבן אים געזען״. „און וואָס האָט איר אין אים געזען?״ האָבן זיי געזאָגט: „אַלע מעלות טובות וואָס מיר געפינען אין דיר, האָבן מיר געפונען אין אים. נאָר ער באַהאַלט זיינע מעשים און די מענטשן קענען אים נישט״.

האָט דער בעל־שם־טוב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געזאָגט: „עס איז אמת, אַלץ וואָס איז פאַראַן אין מיר איז פאַראַן אין אים, וואָרים

7) ש. י. עגנון: „האש והעצים״, כרך שמיני, הוצאת שוקן, ירושלים־תל־אָביב, 1962, זייטן 91־93.

ער איז דאָך אין די זעלבע יאָרן וואָס איך און מיר האָבן דעם זעלבן מזל! אין דעם זעלבן יאָר זיינען מיר געבוירן געוואָרן, אין דער זעלבער וואָך און אין דער זעלבער שעה און מיר האָבן דעם זעלבן מזל און איין מצוה האָבן מיר אויף זיך גענומען איידער מיר זיינען געבוירן געוואָרן.

וואָס פאַרא מצוה איז דאָס? ווען עס איז געקומען די צייט מיר זאָלן אַראָפּנידערן אויף דער שפּלדיקער וועלט, האָבן מיר איבערגעחזרט אַלע מצוות וואָס אַ קינד אין דער מוטערס בויך קאָן מקיים זיין און מיר האָבן אויסגעפונען, אַז עס איז פאַראַן איין מצוה, וואָס אַפילו אַ קינד אין דער מוטערס בויך קאָן זי מקיים זיין, און וועלכע מצוה איז דאָס? דאָס איז די מצוה פון כיבוד אם. האָבן מיר אויף זיך גענומען, אַז כל־זמן מיר וואוינען אין דער מאַמעס בויך, וועלן מיר זי נישט מצער זיין. מיר וועלן זיך נישט וואָרפן אין איר בויך, מיר וועלן זיך נישט טרייסלען אין איר בויך, כדי מיר זאָלן איר נישט גורם זיין קיין צער פון טראָגן. זאָל זיין געלויבט דער אייבערשטער, וואָס איז געווען צו אונדזער הילף, וואָס די אַלע טעג וואָס מיר זיינען געלעגן אין דער מאַמעס בויך, איז יעדער איינער פון אונדז געלעגן שטיל און רואיק; מיר האָבן זיך נישט גע־וואָרפן און נישט געטרייסלט, מיר האָבן נישט גורם געווען קיין צער צו דער מוטער. אַזוי איז געווען אַלע ניין חדשים פון טראָגן.

אַ מענטש טוט אַ מצוה און ער טוט זי נאָכאַמאָל און די מצוה האַלט אים און זאָגט צו אים: פאַרלאָז מיך נישט. אויב ער איז זוכה און ער הערט זיך צו, פאַרלאָזט ער שוין מער נישט די מצוה און זי ווערט ביי אים אַ רגילות. אַזוי איז אויך געווען מיט מיר און מיט מיין חבר, וואָס אַפילו דערנאָך ווען מיר זיינען שוין אַרויס פון דער מאַמעס בויך און אַריין אין דער וועלט, האָבן מיר נישט איבערגעלאָזט די דאָזיקע מצוה. מיר האָבן זיך נוהג געווען צו שווייגן, מיר האָבן נישט געוויינט און נישט אויפגעהויבן אונדזער קול, מיר זאָלן נישט מצער זיין די מאַמע. נאָר כל־זמן די מאַמע איז געווען אין שטוב, בין איך געלעגן אין וויגל און האָב נישט אויפגעהויבן מיין קול, אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס פון הויז און איז געגאַנגען אין מאַרק אַריין אָדער אין שול אַריין, באַלד האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען און וויינען, און ווי נאָר זי איז צוריקגעקומען בין איך צוריק שטיל געוואָרן.

אַזוי איז געווען אַלע טאָג. איז די מאַמע געווען אין הויז, האָב איך געשוויגן, ווי נאָר זי איז אַרויס, האָבן איך געשריגן און געוויינט, און ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אירע טריט, בין איך צוריק שטיל געוואָרן. האָבן די שכנטעס דערצערנט דער מאַמען און האָבן געזאָגט: ווי גרויזאַם איז די דאָזיקע פרוי צו איר קינד, זי לאָזט אים אַליין און ער וויינט און שרייט:

האָט זיך מיין מאַמע געוואונדערט. זי האָט געוואוסט, אַז איך הייב נישט אויף מיין קול העכער פון מיינע לעפצן און אירע שכנטעס זאָגן, אַז איך האַלט אין איין וויינען. האָבן זיי צו איר געזאָגט, אויב אַזוי, זיץ מיטן קינד און דו וועסט הערן. האָט די מאַמע געזען, אַז איך ליג רואיק און איך וויין נישט, האָט זי זיך איינגעהילט און אַרויס צו אירע עסקים. ווי נאָר זי איז אַרויס, האָב איך געשריגן און געוויינט. ווען זי איז צוריק־געקומען, האָבן די שכנטעס צוריק אָנגעהויבן זי צו דערצערענען און האָבן איר געזאָגט: ווידער האָסטו איבערגעלאָזט דאָס קינד שרייען און וויינען. און די מאַמע האָט געענטפערט און געזאָגט: ניין, דאָס קינד וויינט נישט. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט איינמאָל און מערערע מאָל. זיי האָבן אַזוי געזאָגט און די מאַמע האָט אַזוי געזאָגט, און איך האָב אַזוי געטאָן.

אָבער דער דאָזיקער צדיק, מיין חבר, אין מיינע יאָרן, אַפילו ווען די מאַמע איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, איז ער געלעגן אין זיין וויגל און האָט ניט געוויינט.

און ווייל ער האָט נישט מצער געווען זיין מוטער, נישט אין אירע אויגן און נישט הינטער אירע אויגן, האָט ער זוכה געווען, אַז ער איז געוואָרן אַ צדיק נסתר, וואָס בלויז דער אייבערשטער אַליין ווייסט די פאַרבאָרגנקייטן פון יעדנס האַרץ און ער ווייסט דאָס צדקות פון דעם דאָזיקן צדיק. און דער, וואָס האָט גורם געווען יסורים זיין מוטער הינטער אירע אויגן, איז אַרויס דער פסק־דין, אַז ער זאָל מפורסם ווערן אויף דער וועלט.

קאַפּיטל ד

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער

וי אַזוי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ גרשון קיטעווער׳ס שוועסטער. — מעשיות וואָס ווערן וועגן דעם דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״. — ווער איז געווען ר׳ גרשון קיטעווער? — ר׳ גרשון קיטעווער פאָרט קיין ארץ־ישראל. — זיינע בריוו פון ארץ־ישראל צו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אינעם לעבן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַריינגעשפּינט געוואָרן זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער.

אין „שבחי הבעש״ט״ זיינען פאַראַן פאַרשידענע מעשיות וועגן ר׳ גרשון קיטעווער, און די גאַנצע געשטאַלטונג פון בעש״ט איז פאַרבונדן מיט ר׳ גרשון קיטעווער.

ר׳ גרשון קיטעווער ווערט געשילדערט אין דער חסידישער ליטעראַטור פאַר אַ גרויסן מקובל, אַ מסגף און פון אָנפאַנג אַ קעגנער פון בעש״ט. אָבער דערנאָך ווערט ער אַ געטרייער אָנהענגער פון בעש״ט און דער בעל־שם־טוב שרייבט צו אים קיין ארץ־ישראל דעם באַרימטן בריוו וועגן זיין „עלית הנשמה״ אין יאָר תק״ז (1747).

וועגן דעם, ווי אַזוי דער בעש״ט איז געוואָרן ר׳ גרשון קיטעווערס שוואָגער, ווערט אין „שבחי הבעש״ט״ דערציילט אַזאַ מעשה:

נאָכדעם ווי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב׳ס ערשטע ווייב איז געשטאָרבן, איז ר׳ ישראל אַוועק פון זיין געבוירן־שטאָט און האָט זיך געלאָזט קיין מזרח־גאַליציע, אין בראָדער קרייז, און איז געוואָרן אַ מלמד אין אַ קהילה, נישט ווייט פון בראָד. דער יונגער מלמד איז געפעלן געוואָרן אַלעמען מיט זיין תמימות און ערלעכקייט. און אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַן ענין פון בוררות צווישן די מענטשן פון דער קהילה, פלעגן זיי אים אויסקלייבן פאַר אַ דיין. איינמאָל האָט ער געדאַרפט מאַכן אַ פשרה צווישן צוויי צדדים, וואָס איינער פון זיי איז געווען ר׳ אברהם, דער פאָטער פון ר׳ אברהם גרשון קיטעווער, ראש־בית־דין פון בראָד [1].

1) דאָ מוז זיכער זיין אַ טעות, ווייל ר׳ גרשון קיטעווער האָט געהייסן ר׳ אברהם

ר׳ אברהם (אפרים) איז געקומען אין דער שטאָט וואו דער בעש״ט איז געווען און ביידע צדדים האָבן פאַרן בעל־שם־טוב פאָרגעבראַכט זייערע טענות.

ר׳ ישראל האָט געזען ברוח־הקודש, אַז ר׳ אברהמ׳ס טאָכטער וועט זיין זיין ווייב, האָט ער פאַר אים געזאָגט אַ פשט אין אַ רמב״ם מיט גרויס חריפות און נאָך אַנדערע חידושים אין לערנען. און ר׳ ישראל איז זייער געפעלן געוואָרן אין די אויגן פון ר׳ אברהמ׳ען (אפרים).

ר׳ אברהם (אפרים) האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ ישראל איז אַן אלמן, איז ער צו אים געקומען פאַרבאַרגענערהייט און האָט צו אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ טאָכטער אַ גרושה און ער וויל אים נעמען פאַר אַן איידעם, אָבער אַזוי ווי אין בראָד זיינען פאַראַן אַ סך גבירים, וואָס ווילן חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער, וואָלט ער געוואָלט, אַז מען זאָל שרייבן תנאים בסוד.

אויך ר׳ ישראל האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל, אַז דער שידוך זאָל זיין בלויז צוליב אים, ניט צוליב זיין חכמה און למדנות, דעריבער וויל ער, אַז מען זאָל איינשרייבן אין די תנאים נאָר דעם נאָמען: „מ׳ ישראל בן מ׳ אליעזר״.

בינתים איז ר׳ אברהם (אפרים) נפטר געוואָרן און זיין זון, ר׳ גרשון קיטעווער, האָט צווישן זיין פאָטערס כתבים געפונען די תנאים פון זיין שוועסטער, אַז זי איז פאַר׳קנס׳ט געוואָרן צו איינעם, וואָס הייסט „ישראל, אַ זון פון ר׳ אליעזר״. איז דאָס געווען אַ גרויסע פלא אין זיינע אויגן. האָט ער דאָס דערציילט זיין שוועסטער, האָט זי געזאָגט: „אויב דער טאַטע האָט אַזוי געוואָלט, דאַרף מען נישט מהרהר זיין נאָך אים...״

און ר׳ ישראל איז געקומען קיין בראָד, פאַרשטעלט ווי אַ פויער („כאחד הריקים״), אין אַ קורץ פעלצל און ברייטן גאַרטל. ער האָט געביטן זיין לשון און איז אַריין אין בית־דין־שטוב פון ר׳ גרשון קיטעווער.

ר׳ גרשון איז דעמאָלט געזעסן מיט נאָך צוויי דיינים און מעיין געווען אין אַ דין, און ר׳ ישראל האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר. האָט ר׳ גרשון געמיינט, אַז אַן אָרעמאַן איז אַריינגעקומען בעטן אַ נדבה, האָט ער אים געוואָלט געבן אַ פּרוטה. אָבער ר׳ ישראל האָט צו אים געזאָגט: איך דאַרף מיט אייך עפּעס ריידן בסוד. איז ר׳ גרשון מיט אים אַריין אין אַ באַזונדער צימער. האָט ר׳ ישראל אַרויסגענומען די תנאים און האָט צו אים געזאָגט אין פּראָסטע רייד: „גיב מיר מיין ווייב״...

ווען ר׳ גרשון האָט דערזען די תנאים און דעם פּשוטן מענטש, וואָס שטייט פאַר אים, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן און ער האָט געפרעגט

גרשון, און אַ זון גיט מען נישט קיין נאָמען נאָכן פאָטער ביים לעבן פון פאָטער. לויט אַ צווייטן מקור, האָט ער געהייסן ר׳ אפרים. זע: אברהם כהנא, „ספר החסידות״, זייט 32, אין דער הערה.

זיין שוועסטער צי זי איז מסכים חתונה צו האָבן מיט אַזאַ עם־הארץ. האָט די כלה געענטפערט, אַז זי איז מחויב צו טאָן דעם רצון פון איר פאַר־שטאָרבענעם פאָטער.

האָט מען מגביל געווען די זמן־החתונה. און פאַר דער חופה האָט דער חתן געזאָגט, אַז ער וויל רעדן מיט דער כלה בסוד, ווי די חז״ל זאָגן, און ער האָט איר אויסגעזאָגט זיין סוד, אַז ער וויל פאַר אַ לאַנגער צייט זיין אַ נסתר, ווי אויך, אַז זיי וועט אויסקומען צו לעבן אין גרויס דחקות, און ער האָט זי באַשוואוירן זי זאָל קיינעם נישט דערציילן דערפון, און זי האָט מסכים געווען אויף אַלעמען.

נאָך דער חתונה האָט ר׳ גרשון געוואָלט מיט אים לערנען, אָבער ר׳ ישראל האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גרויסן עם־הארץ און פאַר איינעם, וואָס האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. האָט ר׳ גרשון געזאָגט צו זיין שוועסטער: „עס איז פאַר מיר אַ חרפה, אַז ער זאָל זיין מיין שוואָגער. אויב דו ווילסט זיך מיט אים גט׳ן איז גוט, ווען נישט, וועל איך אים קויפן אַ פערד־און־וואָגן און זאָל ער אַוועק פון בראָד״.

ר׳ ישראל און זיין ווייב האָבן מסכים געווען צו נעמען דעם פערד־און־וואָגן און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ דאָרף צווישן די שטעט קיטעוו און קאָסעוו, טיף אין די קאַרפּאַטן־בערג. ר׳ ישראל האָט ס׳רוב צייט אָפּ־געריכט התבודדות אין די בערג. צוויי מאָל אין וואָך פלעגט צו אים קומען זיין ווייב מיט איר פערד און וועגעלע. ער פלעגט אויסגראָבן ליים און אָנשיטן אין וואָגן און זי פלעגט פירן דעם ליים אין דער נאָענטסטער שטאָט אַריין צו פאַרקויפן, און פון דער דאָזיקער אַרבעט פלעגן זיי זיך מפרנס זיין בדוחק[2].

נאָך זיבן יאָר אָפּריכטן התבודדות צווישן די בערג, איז ר׳ ישראל געפאָרן מיט זיין ווייב צו זיין שוואָגער קיין בראָד. ווען זיי זיינען אַריינ־געקומען צו ר׳ גרשון קיטעווער, האָט ר׳ גרשון געפרעגט ר׳ ישראלן וואו זיי זיינען געווען די גאַנצע צייט. האָט ער אים געענטפערט, אַז זיי האָבן כסדר געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און זיינען אויסגעשטאַנען אַ סך צרות. האָט ר׳ גרשון אויף זיי רחמנות געקראָגן און ער האָט פאַר זיי געדונגען אַ הויז לעבן זיין הויז און ר׳ ישראלן האָט ער געמאַכט פאַר זיין משרת.

איינמאָל האָט ר׳ גרשון געדאַרפט ערגעץ־וואו פאָרן, האָט ער גענומען ר׳ ישראלן פאַר דעם בעל־עגלה. אויפן וועג איז ר׳ גרשון איינגעשלאָפן אינעם וועגעלע און ר׳ ישראל האָט אַריינגעפירט די פערד אין אַ גרויסער בלאָטע, אַזוי, אַז מען האָט די פערד מיטן וואָגן נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן. ר׳ גרשון האָט זיך אויפגעכאַפּט און ער האָט געזען, אַז די פערד מיטן וואָגן שטייען אין אַ בלאָטע, האָט ער מורא געהאַט צו שיקן ר׳ ישראלן אין אַ

2) „שבחי הבעש״ט״, זייטן 15—21.

דאָרף אַריין ער זאָל ברענגען פויערים, זיי זאָלן אַרויסציען די פערד מיטן וואָגן, ווייל ער האָט ר׳ ישראל׳ן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן לאַ־יוצלח און האָט זיך געטראַכט: מי יודע וואוהין ער וועט פאַרקריכן. איז ר׳ גרשון אַליין געגאַנגען אין דאָרף אַריין ברענגען פויערים...

דערנאָך האָט ר׳ גרשון אָפּגעדונגען פאַר ר׳ ישראלן אַ שענק אין אַ דאָרף. ר׳ ישראל האָט געהאַט פאַר זיך אַ הויז אין וואַלד, וואו ער האָט אָפּגעריכט התבודדות, און פלעגט אַהיימקומען אויף יעדן שבת, און ס׳ווייב האָט עוסק געווען אין פּרנסה.

דער סדר פון ר׳ ישראלן איז געווען, אַז אויף ראש־השנה איז ער געפאָרן אין שטאָט אַריין און ער איז דאָרט שוין געווען ביז נאָך סוכות. איינמאָל, חול־המועד סוכות, האָט ר׳ גרשון געזען, אַז ר׳ ישראל לייגט נישט קיין תפילין. האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער לייגט היינט נישט קיין תפילין. האָט ר׳ ישראל געענטפערט, אַז ער האָט געזען אין „ספרי טייץ" (יידיש דייטש), אַז דער, וואָס לייגט תפילין אין חול־המועד, איז חייב מיתה. איז ר׳ גרשון אויף אים זייער אין כעס געוואָרן וואָס ער פּסקנט פון „ספרי־טייץ". האָט ער אים געפירט צום רב, כדי דער רב זאָל אים זאָגן מוסר, ווייל ר׳ גרשון האָט געזען, אַז זיין שוואָגער איז אַ ירא־שמים, נאָר אַן עם־הארץ. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען צום רב, האָט ר׳ גרשון געגעבן אַ קוש די מזוזה, אָבער ר׳ ישראל האָט בלויז אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער מזוזה און קיין קוש האָט ער זי נישט געגעבן. איז ר׳ גרשון נאָך מער בייז געוואָרן אויף זיין שוואָגער. אָבער ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען אין הויז פון רב, האָט ר׳ ישראל אַראָפּגענומען די גייסטיקע „מאַסקע" פון זיין פּנים און דער רב האָט דערזען אַ גרויס ליכט אַרויסשיינען פון אים, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פאַר אים. ר׳ ישראל האָט דערנאָך ווידער אַרויפגעטאָן די מאַסקע אויף זיין פּנים, האָט זיך דער רב צוריק אָוועקגע־זעצט. ר׳ ישראל האָט אַזוי געטאָן עטלעכע מאָל און דער רב איז זייער דערשראָקן געוואָרן, ווייל, אָט זעט ער פאַר זיך אַן אדם־קדוש און אָט — אַ פּראָסטן מענטשן...

נאָכדעם ווי ר׳ גרשון האָט דערציילט דעם רב וועגן די תפילין, האָט דער רב אַריינגערופן ר׳ ישראלן אין אַן אַנדערער שטוב אַריין און האָט אים געזאָגט: „איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט מיר אויסזאָגן ווער דו ביזט!" האָט ר׳ ישראל געמוזט אים זאָגן דעם אמת, אָבער ער האָט אים געבעטן, ער זאָל עס האַלטן בסוד. ווען זיי זיינען צוריק אַריין אין דער שטוב, וואו ר׳ גרשון איז געזעסן, האָט דער רב געזאָגט צו ר׳ גרשונען: „איך האָב אים שוין געזאָגט מוסר". דער רב האָט דערנאָך געלאָזט איבער־קוקן די מזוזה און מען האָט אויסגעפונען, אַז זי איז פּסול...

***

דער טעם, פאַרוואָס דער בעש״ט האָט נישט געלייגט קיין תפילין אין חול־המועד, איז געווען, ווייל אין דעם ענין איז פאַראַן אַ מחלוקה צווישן די ספרדים און אשכנזים; די ספרדים הייסן ניט לייגן קיין תפילין און די אשכנזים — יאָ. אויך דער ווילנער גאון האַלט [3], אַז חול־המועד לייגט מען נישט קיין תפילין, און אַזוי האָט ער טאַקע אַליין זיך נוהג געווען [4].

עס ווערט דערפאַר פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין די אַלע חרמות פון די מתנגדים אויף די חסידים, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ווילנע, שקלאָוו, זעלווע, בריסק און מינסק, ווערט נישט דערמאָנט, אַז די חסידים לייגן נישט קיין תפילין אין חול־המועד, ווייל דער ווילנער גאון האָט זיך אויך אַזוי נוהג געווען.

ר׳ גרשון איז אַזוי שטאַרק אַריינגעוועבט אין לעבן פון בעש״ט, אַז אַפילו דאָס נתגלה ווערן פון בעל־שם־טוב איז פאַרבונדן מיט ר׳ גרשון קיטעווער. קודם כל ווערט דערציילט, לויט אַ צווייטן נוסח אין „שבחי הבעש״ט" (זייט 22), אַז: איינמאָל איז געקומען אַ משוגענע אין שטאָט אַריין און זי האָט יעדן איינעם געזאָגט ווער ער איז און וואָס זיינע מעלות זיינען. האָט ר׳ גרשון געהייסן ברענגען פאַר איר זיין שוואָגער, ר׳ ישראל. האָט דער קיטעווער רב, ר׳ משה, פאַר איר געבראַכט ר׳ ישראלן. האָט זי געזאָגט צו ר׳ ישראלן: „דו מיינסט, אַז איך האָב מורא פאַר דיר? ניין! ווייל איך ווייס, אַז אין הימל האָט מען דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט עוסק זיין אין די הייליקע שמות ביז עס וועלן פאַראיבער די 36 יאָר, וואָס דו דאַרפסט זיין אַ נסתר!" האָט ר׳ ישראל אויף איר געשריגן, אַז זי זאָל שווייגן, ווען נישט וועט ער זעצן אַ בית־דין און וועט אַרויסטרייבן דעם דיבוק פון איר. איז זי אַנטשוויגן געוואָרן...

און איינמאָל האָט דער בעש״ט זיך געבאָרגט ביים קיטעווער רב דעם זוהר, האָט אים אויפן וועג באַגעגנט ר׳ גרשון קיטעווער, האָט ער אים געפרעגט וואָס ער האָט אונטערן אָרעם, האָט ר׳ ישראל אים נישט געוואָלט זאָגן. איז ר׳ גרשון אַראָפּ פון וואָגן, ער האָט ביי אים גענומען דאָס ספר און ער האָט געזען, אַז דאָס איז אַ זוהר, האָט ער צו אים געזאָגט: „וואָס? אַ זוהר דאַרפסטו האָבן?" [5].

און ווען עס איז געקומען די צייט, אַז ר׳ ישראל האָט געדאַרפט נתגלה ווערן, איז איינער פון ר׳ גרשונ׳ס תלמידים געפאָרן צו ר׳ גרשונען און איז דינסטיק אָנגעקומען אין דאָרף אַריין וואו ר׳ ישראל האָט געהאַט די שענק און דאָרט האָט ער געהאַט פאַרשידענע שטרויכלונגען, אַ ראָד פון זיין וואָגן איז אים צעבראָכן געוואָרן אויפן וועג און ער האָט געמוזט האַלטן שבת ביי ר׳ ישראלן אין שענק.

3) אין זיין פירוש אויפן שולחן ערוך, אורח חיים, סימן ל״א.
4) אַזוי זאָגט עדות זיין תלמיד אין ספר „חיי אדם", כלל י״ד, סימן ט״ז.
5) שבחי הבעש״ט, זייט 24.

דאָס איז געווען שבת, פּרשת שמות. דער בעש״ט האָט געבעטן דעם אורח ער זאָל פאַר אים זאָגן תורה. האָט ער אים אויסגעטייטשט די מעשה ווי אַזוי די יידן זיינען געווען אין גלות ביי פּרעהן אין מצרים. דערנאָך האָט דער בעש״ט געמאַכט אַ געלעגער פאַרן אורח לעבן טיש און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. ביינאַכט האָט דער אורח געזען אַ גרויס פייער אויפן אויוון, איז ער צוגעלאָפן צום אויוון, האָט ער דערזען, אַז דאָס „גרויסע ליכט״ לויפט אים נאָך, האָט ער פאַר שרעק געחלשט. האָט אים דער בעש״ט אויפגעמינטערט און האָט אים געזאָגט: „האָסט נישט געדאַרפט קוקן וואו מען דאַרף נישט״. שבת ביים טיש האָט דער בעש״ט ווידער געבעטן דעם אורח ער זאָל פאַר אים זאָגן תורה, האָט ער אים געזאָגט אַ מאמר און אים אויסגעטייטשט דעם מאמר. ערשט נאָך מנחה, ביי שלוש־סעודות, איז געקומען די התגלות. דער בעש״ט האָט געזאָגט אַ תורה, רזין דרזין, און נאָך מעריב, ווען מען האָט געמאַכט הבדלה, האָט דער בעל־שם־טוב גוזר געווען אויפן אורח, ער זאָל נישט דערציילן זיין שוואָגער ר׳ גרשון וואָס ער האָט געזען, נאָר ער זאָל אַריין צו דער „כת החסידים הגדולים״, וואָס זיינען פאַראַן אין שטאָט, — מסתמא געמיינט די מקובלים פון דער בראָדער קלויז, — און אויך צום רב פון דער שטאָט, און ער זאָל זיי זאָגן בזה הלשון: „זייט וויסן, אַ גרויס ליכט איז אויפגעגאַנגען אין אייער סביבה. עס וואָלט גוט געווען, איר זאָלט צו אים קומען און אים ברענגען אין שטאָט אַריין״... האָט דער אורח אַזוי געטאָן.

זיינען אַלע געפאָרן אין דאָרף אַריין און זיי האָבן געמאַכט אַ שטול פון צווייגן אין וואַלד, זיי האָבן דעם בעש״ט אַרויפגעזעצט אויף דער שטול און אַזוי אים אַריינגעפירט קיין בראָד.

מיר זעען פון די מעשיות, וואָס ווערן געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז במשך דער צייט וואָס דער בעל־שם־טוב איז אַלס יונגערמאַן אַוועק פון פּאָדאָליע און איז געקומען קיין מזרח־גאַליציע, ביז ער איז נתגלה געוואָרן, זיינען אַלע זיינע מעשים געווען פאַרבונדן מיט זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער. אויך דערנאָך, ווען ער איז שוין נתגלה געוואָרן, איז ר׳ גרשון קיטעווער געווען אַריינגעשפּינט אין זיין לעבן.

לויט דער חסידישער מסורה איז ר׳ גרשון קיטעווער געווען פון די „חסידים ראשונים״ (פון די ערשטע חסידים פאַרן בעש״ט) אין דער מקובלים־קלויז אין בראָד.

אין דעם פּנקס פון דער בראָדער קלויז איז פאַרשריבן וועגן ר׳ גרשון קיטעווער, אַז: „נתקבל לש״ץ של חול... הואיל והיה בעל קול ערב״ (ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ שליח־ציבור פאַר וואָכנטעג, ווייל ער האָט אַ שיין קול).

דער גאון ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, אב־בית־דין אין פּראָג, שרייבט צו ר׳

גרשון קיטעווער אין אַ בריוו גאָר אַ גרויסן טיטל [6], און מען קאָן זען פון טיטל, אַז ער איז געווען אַ גוטער פריינט פון ר׳ גרשון קיטעווער.

אויך דער גאון ר׳ יהונתן אייבשיץ האָט אויף אים געשריבן אַ טיטל: „הרב החסיד המפורסם, מופלג בתורה ומקובל א־לו־הי, כמוהר״ר אברהם גרשון קיטובר״ [7].

לויט דער חסידישער מסורה האָט ר׳ גרשון קיטעווער געלערנט אין דער בראָדער קלויז צוזאַמען מיט דעם גאון ר׳ יחזקאל לאַנדאַ און ר׳ מאיר מרגליות, דעם „בעל מאיר נתיבים״.

און לויט ווי עס ווערט דערציילט אין ספר „אמונת צדיקים״ איז אין בראָד פאָרגעקומען אַזאַ מעשה:

אויף אַ פּרוי, דאָס ווייב פון איינעם פון די ראשי־הקהל פון בראָד, האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ שם־רע. די חכמי בראָד האָבן געוואָלט די פּרוי אסרן פאַרן מאַן, אָבער דער ראש־הקהל האָט געסטראַשעט, אַז ווער עס וועט רעדן שלעכטס אויף זיין פרוי, דעם וועט מען עפנטלעך שלאָגן מלקות, אָדער ער וועט באַצאָלן קנס הונדערט „רויטע״.

ר׳ גרשון קיטעווער, ר׳ יחזקאל לאַנדאַ און ר׳ מאיר מרגליות האָבן באַשלאָסן נישט צו קוקן אויף די אַלע סטראַשונקעס און מקדש־השם צו זיין ברבים. האָבן זיי גע׳אסר׳ט די פרוי צו איר מאַן. זיי זיינען דערנאָך אַרויסגערופן געוואָרן צו די ראשי־הקהל, און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּסק־דין, אַז: ר׳ יחזקאל לאַנדאַ זאָל באַצאָלן קנס הונדערט „רויטע״, וואָס דאָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט; ר׳ מאיר מרגליות, וועלכער איז געווען אַן אָרעמאַן און האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, אים האָט מען עפנטלעך געשלאָגן מלקות, און ר׳ גרשון קיטעווער, וועמען מען האָט אויך געדאַרפט עפנטלעך שלאָגן מלקות, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַ סך מענטשן, און ער איז אַנטלאָפן.

ר׳ גרשון קיטעווער איז אַריינגעלאָפן אין הויף פון דער קהילה, אָבער דאָרט איז געווען אַ הויכער הילצערנער פּאַרקן. פּלוצלונג האָט ער דער־הערט ווי איינער שרייט צו אים אויף פּויליש: „קום אַהער, לאָמירביידע אַרויסרייסן אַ סלופּ, איך אין דער זייט און דו פון דער אַנדערער זייט, וועסטו

6) „נחמד עיני וחמדת לבבי, בר פחתי ורביבי... חכם עדיף מנביא ליש ולביא, ה״ה כבוד אהובי ידיד נפשי חביבי, אהוב למטה ונחמד למעלה, הרב המופלא ומופלג בחסידות, לו עשר ידות, החכם השלם, והכולל, חסידא קדישא נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק, כבוד מו״ה אברהם גרשון נ״י, קבלתי מכתבו הטהור ושמחתי בשלומו הטוב, ונתתי שבח להשי״ת אשר לא עזב את חסדו ולא יעזבנו ורגלי חסידיו ישמור וכל טוב בעדו יגמור עד די אתא בוקר ואמר שלום, אכי״ר״. — נודע ביהודה, מהדורא קמא, אה״ע, סימן ע״ג.

7) לוחות עדות, נ״ז.

קאָנען אַנטלויפן״. וכך הוה: זיי האָבן ביידע אַרויסגעריסן דעם סלופּ. ר׳ גרשון קיטעווער איז אַריינגעלאָפן אין הויז פון זיין שוואָגער, דעם בעש״ט, און נאָכדעם ווי דער בעש״ט האָט אים געגעבן שלום־עליכם, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט מטריח זיין אליהו הנביא, זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ גוי, ער זאָל קומען אים ראַטעווען...

ר׳ יחזקאל לאַנדאַ איז דערנאָך געוואָרן רב אין פּראַג, ר׳ מאיר מרגליות — רב אין לעמבערג און אוסטראַהא, און ר׳ אברהם גרשון איז געוואָרן נשיא איבער אַלע געלטער פון ארץ־ישראל.

אַ רמז וועגן דער דאָזיקער מעשה איז פאַראַן אין „נודע ביהודה״ [8]. צום סוף פון דער תשובה שרייבט דער „נודע ביהודה״, אַז: „אם ימצא איזו תשובה על יתר הדברים, נא בל ימנע ויכתוב אלי, אמנם על ידי איש מהימן שיבוא לידי ממש, ולא ישלטו בו ידי זרים, ואין לך יפה מהצניעות״ (אויב איר האָט געפונען וועלכע־נישט־איז תשובה וועגן די אַנדערע ענינים, זאָלט איר מיר גלייך שרייבן, נאָר מען זאָל עס שיקן דורך אַ באַגלויבטן מענטש, אַז עס זאָל אָנקומען אין מיין האַנט אַריין און אַ פרעמדער זאָל עס נישט זען. עס איז נישט פאַראַן קיין שענערע זאַך ווי צניעות) [9].

מען דאַרף אויך אָננעמען, אַז ווען ר׳ אברהם גרשון קיטעווער איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל, האָט ער געוויזן די תשובה פון בעל „נודע ביהודה״ צו דעם חכם בכר דוד, איינער פון די רבנים פון קושטא, און די באַמערקונגען, וואָס דער חכם בכר דוד האָט געמאַכט אויף דער תשובה זיינען אָנגעקומען צו ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין יאַמפּעלע. ר׳ יחזקאל לאַנדאַ האָט דערנאָך געשריבן אַ ספּעציעלע תשובה צום חכם בכר דוד, אין וועלכער ער דערמאָנט ר׳ אברהם גרשון קיטעווער מיט דעם טיטל: „רעי אהובי״. דער בעל „נודע ביהודה״ דערמאָנט אויך וועגן דעם ענין אין זיין דרוש־ספר „דורש ציון״ [10], די תשובה וואָס ער האָט געשריבן קיין בראָד.

***

ווי עס ווייזט אויס, איז דער מקובל ר׳ אברהם גרשון קיטעווער געווען איינער פון די פיל מקובלים, וואָס זיינען געוואָרן אָנהענגער פון דער חסידישער שיטה און ער האָט געהערט צום בעש״ט־ס חברותא.

אַ חסידיש וואָרט פון ר׳ גרשון קיטעווער ברענגט דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל אין זיין ספר „עבודת ישראל״, וואָס ר׳ גרשון קיטעווער

8) מהדורא קמא, אבן עזר, סימן ע״ב.

9) זע: בצלאל לאַנדוי, „הבעש״ט ובני היכלו״, הוצאת „נצח״, בני ברק, אויף זייטן 320־321.

10) דרוש י״ג און אין דער דרשה פון שבת שובה, תק״ג.

האָט געזאָגט צו זיין שוואָגער, דעם בעש״ט: „אַז: „כל זמן דו קאָנסט נאָך זאָגן בשעת דעם דאַווענען ׳ברוך אתה׳, ווי דו ווילסט, איז אַ סימן אַז דו האָסט נאָך נישט דערגרייכט די אמתע כוונת־התפילה, ווייל אַזוי ווייט דאַרף דער מענטש זיין אויסגעטאָן פון גשמיות׳דיקייט, אַז ער זאָל מער קיין כוח נישט האָבן אַרויסצורעדן אַ וואָרט״.

לויט דער חסידישער מסורה איז ר׳ גרשון קיטעווער געקומען קיין מעזשיבעזש צו זיין שוואָגער, דעם בעש״ט, זיך מיט אים געזעגענען איידער ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער דער בעש״ט האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן אַ שטיקל צייט אין מעזשיבעזש און זאָל לערנען מיט זיין זון ר׳ הערש.

ר׳ אברהם גרשון קיטעווער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין יאָר תק״ז (1747), ווי עס האָט אים געהייסן דער בעש״ט, כדי ער זאָל זיך באַגעגענען מיט דעם מקובל ר׳ חיים בן עטר, פון סאַלי, מאַראָקאָ [11]). דער „אור החיים״ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין יאָר תק״ב (1742). עס איז זייער שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן אויך אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער, און עס איז זייער אָנגענומען געוואָרן אויך אין די קרייזן פון די חסידים.

ווען דאָס ספר איז אָנגעקומען צום בעש״ט, האָט ער דערין געפונען געדאַנקען וואָס זיינען ענלעך צו זיינע, און ער האָט אויפן מקובל געזאָגט, אַז „זיין נשמה איז פון רוח (גייסט) דוד המלך דאצילות״, און אַז ער איז געווען פון די „יורדי המרכבה״. און אַזוי ווי די נשמה פון בעש״ט אַליין איז געווען פון „רוח דוד דאצילות״, האָט ער געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען, דעמאָלט וועט קומען די אמתע גאולה [12]).

אין נאָמען פון רבין ר׳ אורילע סטרעליסקער ווערט דערציילט, אַז דער בעל „אור החיים״ האָט געהאַט די נשמה פון דוד המלך און דעם רוח פון שלמה המלך, און דער בעש״ט האָט געהאַט די נשמה פון שלמה המלך און דעם רוח פון דוד המלך, דעריבער האָבן זיי זיך ליב געהאַט, און ווען עס וואָלט זיך געווען דערנענטערט דער „נפש״ צום „רוח״, וואָלט די גאולה געקומען [13]).

— דער בעש״ט האָט דערפאַר געגאַרט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל — זאָגט די חסידישע מסורה — כדי זיך צו באַגעגענען מיטן בעל „אור החיים״. לויט דער חסידישער אגדה איז דער בעש״ט געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין יאָר תק״ג (1743), אָבער פון הימל האָט מען אים מעכב געווען, ווייל די צייט איז נאָך ניט ראוי געווען, אַז משיח זאָל קומען, איז דער בעש״ט

11) געבוירן אין סאַלי אין יאָר תנ״ו (1696), און איז נפטר געוואָרן אין ירושלים אין יאָר תק״ג (1743).

12) „נתיב מצוותיך״, פון רבין ר׳ יצחק אייזיק פון קאָמאַרנע, „שביל אמונה״ א׳.

13) „סדר הדורות החדש״, ח״א.

געפאָרן ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל און נאָך פאַרשידענע שטרויכלונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויפן וועג, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

און אַזוי ווי דער בעש״ט אַליין האָט נישט געקאָנט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער געשיקט זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין „אין דער ישיבה פון אור החיים, וואָס האָט צוויי ישיבות, איינע פאַר לערנען ש״ס און פוסקים, און איינע אַ פאַרבאָרגענע, וואו ער לערנט מיט די תלמידים קבלה״, זאָל ער זיין אין דער פאַרבאָרגענער ישיבה [14]).

די חסידישע אגדה דערציילט, אַז ר׳ גרשון קיטעווער האָט זיך באַגעגנט אין ארץ־ישראל מיטן בעל „אור החיים״, און אַז עס איז אַפילו פאַראַן וועגן דעם אַ בריוו פון צפת, געשריבן צום בעש״ט פון א׳ חוקת תק״ב (1742). אָבער עס איז שוין באַוויזן געוואָרן, אַז דער בריוו איז אַ פאַלשער [15]). וואָרים ר׳ גרשון קיטעווער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל ערשט אין יאָר תק״ו, אָדער תק״ז (1746־1747), מיט אַ פיר יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי דער בעל „אור החיים״ איז נפטר געוואָרן.

אין אַ בריוו, וואָס ר׳ גרשון קיטעווער האָט געשריבן צום בעש״ט, דערציילט ער אים וועגן דער גרויסקייט פון „אור החיים״, וואָס ער האָט געהערט אין ירושלים.

ר׳ גרשון שרייבט: אַז דער בעש״ט האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געזען ברוח־הקודש אַז עס איז געקומען אַ גרויסער תלמיד־חכם קיין ירושלים פון די מערב־לענדער, וואָס האָט אין זיך דעם ניצוץ פון משיח, אָבער ער אַליין ווייס נישט דערפון, און ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם אין נגלה און נסתר און אַ בעל־בכי. „דערנאָך האָסטו מיר געזאָגט, אַז עס דוכט זיך דיר, אַז ער איז שוין נפטר געוואָרן, און ווען איך בין דאָ אַהערגעקומען, האָב איך נאָכגעפאָרשט וועגן דעם ענין און מען האָט מיר געזאָגט וועגן אים אַ סך שבחים, אַז ער איז געקומען קיין ירושלים מיט אַ צאָל תלמידים, גרויסע תלמידי־חכמים, אָבער, בעוונותינו הרבים, האָט ער נישט מאריך ימים געווען אין ירושלים, און ער האָט דאָ געלעבט בלויז איין יאָר״ [16]).

די חסידישע אגדה דערציילט אויך, אַז שבת פרשת פנחס תק״ג (1743), נאָכדעם ווי דער בעש״ט האָט זיך געוואַשן צו שלוש־סעודות און האָט גענומען אַ כזית חלה און געמאַכט אַ ברכה, האָט ער געזאָגט: „כבה הנר המערבי״ (עס איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון מערב). דער בעש״ט

14) „סגולת משה״. זע: יצחק רפאל, „פירקי הבעש״ט״ אין זשורנאַל „גוילין״.
15) זע וואָס עס שרייבט וועגן דעם הרב מאיר דן פלאָצקי פון אוסטראהא צו הרב ראובן מרגליות אין מרגליותעס ספר „תולדות רבנו חיים בן עטר״, זייט 65.
16) דער דאָזיקער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך אברהם כהנא אין „ספר הזכרון״ פון א. הרכבי, פון זייט 445 און ווייטער.

האָט גערעדט אום שבת בלויז געציילטע ווערטער און אין לשון־קודש, און מוצאי־שבת, ווען די תלמידים האָבן געפרעגט דעם בעש״ט, וואָס ער האָט מיט זיינע ווערטער געמיינט, האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער האָט גע־הערט, אַז ר׳ חיים בן עטר איז נסתלק געוואָרן. און דער בעש״ט האָט ווייטער געזאָגט, אַז בשעתן וואַשן די הענט, איז פאַראַן נאָר איין כוונה, „וואָס מ׳האָט די כוונה מגלה געווען בלויז צו איין מענטשן. מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך באַמיט די כוונה משיג צו זיין, אָבער עס איז געווען בחינם, ווייל זי איז געווען אין רשות פון ר׳ חיים בן עטר, און היינט, נאָכדעם ווי איך האָב מיר געוואַשן די הענט צו שלוש־סעודות, איז מיר פּלוצלונג אַנטפּלעקט געוואָרן די דאָזיקע כוונה, דערפון ווייס איך, אַז דער בעל אור החיים איז נסתלק געוואָרן״ [17].

***

אָבער עס איז פאַראַן אַ חסידישע מסורה, אַז אידער ר׳ גרשון קיטעווער איז געפאָרן קיין ירושלים און געווען אין חברון, ווי ער שרייבט אין זיין בריוו צום בעש״ט, איז ער מיט אַ פינף יאָר פריער געווען אין צפת און אין עכו. דאָס איז געווען אין יאָר תק״ב (1742). אין יענער צייט האָט זיך געטראָפן די מעשה, מיטן רב אין צפת, וואָס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ (זייט 45), אַז דער בעש״ט האָט געשריבן צו ר׳ גרשונען אַ בריוו, אַז: „איך האָב געזען אין אײן היכל, אין הימל, אַז מען האָט דיך געוואָלט דן זיין למיתה, ווייל דו האָסט מעיז פנים געווען קעגן דעם רב אין צפת״.

די וואָס האַלטן, אַז ר׳ גרשון קיטעווער איז שוין אין יאָר תק״ב געווען אין ארץ־ישראל, דערקלערן אויך דערמיט די מעשה וואָס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״ (זייט 34), אַז דער בעש״ט האָט זיך איינמאָל פאַר־וואונדערט, וואָס „פרייטיק־צו־נאַכטס, ביים דאַווענען, האָב איך געזוכט ר׳ גרשונען און האָב אים נישט געפונען אין ארץ־ישראל, און שבת אין דער פרי, בשעתן דאַווענען, האָב איך אים געזען אין ארץ־ישראל״. און מיט אַ יאָר שפּעטער איז ר׳ גרשון געקומען צום בעש״ט, האָט דער בעש״ט אים געפרעגט וועגן דעם, האָט ר׳ גרשון פאַרגעסן וואָס ער האָט דעם דאָזיקן שבת געטאָן. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז אין יענעם שבת געווען אויף אַ ברית מילה אין עכו, און דאָרט זיינען פאַראַן צוויי בתי־כנסת, איינע שטייט אויפן באָדן, וואָס געהער שוין צו חוץ־לארץ און די צווייטע אין ארץ־ישראל. „האָב איך פרייטיק־צו־נאַכטס געדאַוונט אין דער שול, וואָס שטייט אין חוץ־לארץ און שבת אין דער פרי האָב איך געדאַוונט אין דער שול וואָס שטייט שוין אין ארץ־ישראל״.

17) אהרן מאַרקוס, „החסידות״, זייט 317. ר׳ חיים בן משה עטר איז נפטר געוואָרן אין ירושלים ערב שבת, ט״ו תמוז תק״ג (1743).

אין דעם פריער־דערמאָנטן בריוו שרייבט אויך ר׳ גרשון קיטעווער צום בעש״ט, אַז: „דיין נאָמען איז זייער באַוואוסט אין ירושלים, און די היגע חכמים האָבן מיך געבעטן איך זאָל דיר שרייבן און דיך אונטעראיילן דו זאָלסט קומען קיין ארץ־ישראל, און זאָלסט דיך דאָ באַזעצן אויף שטענדיק, ווייל זיי גלוסטן שטאַרק דיך צו זען, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קאָן דיין טבע, אַז דו מוזט דאַוועגען מיט דיין מנין, דעריבער האָב איך זיך שוין מייאש געווען, אַז דו זאָלסט קומען אין הייליקן לאַנד אַריין, אויב משיח וועט נישט קומען במהרה בימינו״.

ר׳ גרשון קיטעווער איז נפטר געוואָרן אין ירושלים בערך אין יאָר תק״ך (1760), אין דעם זעלבן יאָר, וואָס זיין שוואָגער, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נפטר געוואָרן.

ר׳ גרשון קיטעווער האָט געהאַט אַ זון, ר׳ משה, וואָס איז געווען רב און רבי אין ליאָזשנע.

לויט דער חסידישער מסורה האָט זיך ר׳ גרשון קיטעווער משדך געווען מיט דעם בעש״ט. זיין יינגסטע טאָכטער איז געוואָרן די רביצין פון בעל־שם־טוב׳ס אייניקל, דעם רבין ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, גערופן אויך אויפן נאָמען פון זיין ספר „דגל מחנה אפרים״ [18].

18) זע אין „היכל הבעל שם טוב״ פון בצלאל לאַנדוי, זייט 324.

קאַפּיטל ה

די עלית־הנשמה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

דער באַגריף עלית־הנשמה אין חסידות. — דער בריוו וואָס דער בעש״ט האָט געשריבן צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער וועגן זיין עלית־הנשמה. — די צווייטע עלית־הנשמה פון בעש״ט. — אויסצוגן פון בריוו.

אין דער חסידישער וועלט איז באַקאַנט דער בריוו פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב וועגן דער „עלית הנשמה״, וואָס ער האָט געהאַט אין ראש־השנה, תק״ז (סעפּט. 1746) און אין ראש־השנה, תק״י (סעפּט. 1749).

דער באַגריף „עלית נשמה״ אין חסידות מיינט, אַז דער צדיק זיצט אויף דער שטול, ער קאָן זיך אַפילו געפינען צווישן אַן עדה חסידים, ער פאַר׳מוח׳ט זיך, פאַלט אַריין אין אַ טראַנס און דערנאָך, ווען ער וואַכט אויף, גיט ער איבער וואָס ער האָט געהערט אין די עולמות העליונים (אין די אייבערשטע וועלטן).

געוועזן רביים, וואָס פלעגן זיך אַזוי שטאַרק פאַר׳מוח׳ן, אַז מען האָט מורא געהאַט אַז מען וועט זיי נישט קאָנען אָפּרייסן פון די אייבערשטע וועלטן און זיי צוריקברענגען צו אונזער שפּל׳דיקער וועלט.

אַזוי ווערן דערציילט פאַרשידענע מעשיות ווי אַזוי דער „חוזה״ פון לובלין האָט זיך אַמאָל שבת ביים טיש שטאַרק פאַר׳מוח׳ט. די חסידים האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט זיין כלות הנפש, און ווי אַזוי מען האָט אים צוריק אויפגעוועקט און צוריקגעבראַכט צו אונזער וועלט.

דער בעל־שם־טוב האָט געהאַט צוויי אַזעלכע „עליות״. דאָס הייסט, ער האָט געהאַט זעאונגען אין דער וועלט פון די נשמות, און זיין רבי, דער נביא אחיה השילוני [1], האָט אים אַנטפּלעקט סודות פון דער תורה.

דער בעש״ט האָט אָט־די צוויי „עליות״ זיינע באַשריבן אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהאַט געוואוינט אין ארץ־ישראל.

דעם דאָזיקן בריוו האָט דער בעש״ט איבערגעגעבן זיין תלמיד ר׳

1) זע: „תולדות יעקב יוסף״, פּרשת בלק.

יעקב יוסף הכהן, וועלכער האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, ער זאָל אים איבערגעבן דעם בעל־שם־טוב׳ס שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער. אָבער ר׳ יעקב יוסף איז קיין ארץ־ישראל נישט געפאָרן און דער בריוו איז געבליבן ביי אים. „דער בריוו איז אין אונזערע הענט געבליבן ליגן — שרייבט דער בעל ה„תולדות״ — כדי מזכה צו זיין דורך אים אונזער פאָלק ישראל... ער זאָל פאַר זיי זיין אַ מורה דרך״.

לויט דער חסידישער מסורה, איז דער בריוו געשריבן געוואָרן דורך דעם בעל־שם־טוב׳ס איידעם, ר׳ יחיאל, און ער איז געחתמעט געוואָרן דורך דעם בעש״ט אַליין מיט זיין אייגענער האַנטשריפט. די לעצטע צוויי אותיות פון וואָרט „ישראל״ זיינען אָפּגעטיילט פון די ערשטע דריי אותיות.

נאָך דער פּטירה פון דעם בעל ה„תולדות״ (ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה) איז געקומען ר׳ פּנחסל קאָריצער פאַנאַנדערטיילן די ירושה צווישן די יורשים פון „תולדות״, וואָס איז דער עיקר באַשטאַנען פון ספרים, כתבים און בריוו, האָט ער זיי געבעטן זיי זאָלן אים געבן דעם בעל־שם־טוב׳ס בריוו.

דער בריוו האָט זיך נאָכדעם געפונען ביי ר׳ פּנחסל קאָריצער׳ס זון, ר׳ מאיר שעפּיטיווקער, און נאָכדעם ביי זיין אייניקל, ר׳ בערצי שפּירא.

דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך ר׳ יעקב יוסף׳ן אין זיין ספר „בן פורת יוסף״ (אין סוף פון ספר). דערפון איז נאָכאַמאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ פראַגמענט, וואָס געהער צו דער „עלית הנשמה״ פון יאָר תק״ז, אין „כתר שם טוב״.

אַלע חסידות־פאָרשער אָנערקענען די עכטקייט פון דעם דאָזיקן בריוו און פּראָפ. ש. דובנאָוו שרייבט, אַז וועגן דער עכטקייט זאָגט עדות אויך דער אינהאַלט פונעם בריוו, וואו עס ווערן דערמאָנט באַוואוסטע געשעענישן פון לעבן פון די יידן אין יענער צייט: דער עלילת־דם אין די יאָרן 1747־1748 און די באַוועגונג פון די הײדאַמאַקעס אין אוקראַינע אין יאָר 1750.

דעם בריוו האָט דער בעש״ט געשריבן אַן ערך אין יאָר תקי״א (1751), ווי אַן ענטפער אויף אַ בריוו פון זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער, וואָס איז אָנגעקומען צו אים מיט אַ יאָר פריער, און פון זיין אינהאַלט איז צו זען, אַז דעם בעל־שם־טוב׳ס פריערדיקע בריוו מיט „חידושים און סודות״ זיינען אויך נישט אָנגעקומען צו ר׳ גרשון׳ען.

מיר ווען דאָ געבן דעם דאָזיקן וויכטיקן בריוו פון בעש״ט אין אַ פאַרקירצטער פאָרם אין יידיש:

„צו מיין ליבן שוואָגער... ר׳ אברהם גרשון... און צו זיין פרוי די צנועה מרת בלומא!...״

„דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן אויפן יאַריד אין לוקא אין יאָר תק״י, וואָס דו האָסט אים געשיקט דורך אַ שליח וואָס איז געקומען פון ירושלים. דו שרייבסט דאָרטן, אַז דו האָסט געשריבן

באריכות אין בריוו, וואס דו האסט געשיקט דורך אַ מענטשן וואס איז געפאָרן קיין מצרים, אָבער איך האָב זיי נישט דערהאַלטן און איך האָב דערפון גרויס צער געהאַט... און דאָרט ווערט אויך געזאָגט, אַז די חדושים און סודות, וואס איך האָב דיר געשריבן דורך דעם סופר און הרב המוכיח פון פולנאה, האָסטו נישט דער־האַלטן, האָב איך אויך דערפון גרויס צער געהאַט... ווארים דו וואָלסט אַוודאי פיל נחת געהאַט, ווען דו זאָלסט זיי דערהאַלטן. אמת, אַז דערווייל האָב איך פילע פרטים פאַרגעסן, אייניקע פון זיי אָבער, וואס איך געדענק נאָך, וועל איך דיר דאָ שרייבן זייער בקיצור...

„אין ראש השנה פון יאָר תק״ז האָב איך געמאַכט די השבעה אויף עלית הנשמה, ווי דיר איז באַוואוסט. און איך האָב געזען וואונדערלעכע זאַכן, וואס איך האָב אַזוינס נישט געזען ביז איצט, זינט איך בין ביים זינען. און דאָס וואס איך האָב געזען און גע־לערנט, קאָן מען נישט דערציילן און אויסריידן אַפילו פון מויל צו מויל. ווען איך האָב זיך צוריק אומגעקערט צום גן־עדן התחתון (אונטערשטן גן־עדן), האָב איך געזען פיל נשמות, אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל און אַ סך נשמות פון לעבעדיקע און טויטע, וואס איך קען זיי און וואס איך קען זיי נישט... און אַ סך רשעים האָב איך געזען חוזר בתשובה זיין און מען האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד... ווארים עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער עת רצון, וועל־כעס האָט אויך ביי מיר אַרויסגערופן גרויס פאַרוואונדערונג. צווישן די, וואס זייער תשובה איז נתקבל געוואָרן, זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואס דו קענסט זיי אויך. זיי האָבן זיך זייער שטאַרק משמח געווען און זיי זיינען אויך דורך יענער לייטער אַרויפגע־גאַנגען... און אַלע האָבן מיך געבעטן און מיר געזאָגט: ׳דער איבערשטער האָט דיך (דאָ קומט אַ טיטל: ׳רום מעלת כבוד תורתך׳) מיט גרויסן פאַרשטאַנד געבענטשט צו פאַרשטיין און משיג זיין אַזעלכע ענינים, גיי מיט אונז אַרויף און זאָלסט פאַר אונז זיין אַ שטיצע און אַ הילף׳. און צוליב דער גרויסער פרייד, וואס איך האָב זיי געזען, האָב איך געוואָלט מיטגיין מיט זיי. דערווייל האָב איך געזען ווי דער ס״ם (שטן, סמאל) איז אַרויף מקטרג צו זיין מיט גרויס שמחה, וואס איר גלייכן איז נישט געווען און ער האָט אויסגערופן גזירות פון שמד אויף פיל נפשות, זיי זאָלן דער־הרג׳עט ווערן דורך מיתות משונות. בין איך זייער דערציטערט געוואָרן. איך האָב מיך ממש מוסר נפש געווען. איך האָב געבעטן מיין רבי׳ן (׳מורי ורבי׳ — געמיינט אחיה השילוני) ער זאָל גיין מיט מיר, ווארים עס איז אַ גרויסע סכנה אַרויפצוגיין אין די

איבערשטע וועלטן און פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, בין איך נאָך אויף אַזוינע הויכע מדרגות נישט געגאַנגען... ביז איך בין אַריינגעקומען אין ׳היכל משיח׳, וואו משיח לערנט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און אויך מיט די ׳שבעת הרועים׳ (די זיבן פּאַסטעכער). און איך האָב דאָרטן אַ גרויסע שמחה געזען. און איך האָב נישט געוואוסט פאַרוואָס עס איז דאָרטן אַזאַ שמחה. איך האָב געמיינט, אַז די שמחה איז דערפאַר וואָס איך גיי אַוועק פון דער וועלט. האָט מען מיר דערנאָך געגעבן צו וויסן, אַז איך ווער נאָך ניט נפטר, ווייל זיי האָבן אַ הנאה דאָרטן אויבן דערפון, וואָס איך בין אונטן מיחד יחודים דורך דער הייליקער תורה, און ביז היינט ווייס איך נישט וועגן מהות פון זייער שמחה.

„און איך האָב געפרעגט משיח׳ן: ׳ווען קומט דער האר ז׳ און ער האָט מיר געענטפערט: דאָס וועסטו וויסן, ווען דיין לערנונג וועט מפורסם ווערן אויף דער וועלט און דו וועסט נתגלה ווערן אויף דער וועלט און דיינע קוואַלן וועלן פאַרשפּרייט ווערן איבעראַל, און אַלע וועלן משיג זיין דאָס, וואָס דו האָסט משיג געווען און אויך זיי וועלן קאָנען מאַכן יחודים און עליות, ווי דו, דעמאָלט וועלן פאַרלענדט ווערן אַלע קליפּות און עס וועט זיין אַ שעה פון באַווי־ליקונג און הילף. איך האָב זיך זייער פאַרוואונדערט דערויף און איך האָב געהאַט גרויס צער, וואָס עס וועט דאָרטן געדויערן אַזאַ לאַנגע צייט... אָבער איך האָב זיך דאָרט אויסגעלערנט דריי סגולות און דריי ׳שמות הקדושים׳, וועלכע עס איז גרינג אויסצו־לערנען און צו פאַרשטיין, האָב איך זיך באַרואיקט און איך האָב זיך געטראַכט: אפשר וועלן דורך דעם די מענטשן פון מיין דור קומען צו דער זעלבער מדריגה און בחינה, ווי איך. אויך זיי וועלן קאָנען האָבן עליות־נשמות און משיג זיין און לערנען אַלץ, וואָס איך לערן און בין משיג. מען האָט מיר אָבער קיין רשות נישט געגעבן דאָס אַלץ מגלה צו זיין. האָב איך געבעטן מען זאָל מאַכן פאַר מיר אַן אויסנאַם, איך זאָל דיר מעגן איבערגעבן די סודות, האָט מען דאָס נישט דערלויבט. מען האָט מיך באַשוואוירן, איך זאָל דאָס נישט טאָן. אָבער דאָס בין איך דיר מודיע און זאָל דער אייבערשטער זיין הילף געבן, דו זאָלסט אין זיינע וועגן גיין און זיי זאָלן נישט קרום ווערן, בפרט נאָך אין הייליקן לאַנד. בשעת דו וועסט דאַווענען און לערנען, מיט יעדן וואָרט דיינעם און מיט אַלעם וואָס דו וועסט פון מויל אַרויסברענגען, זאָלסטו מכוון זיין אַ שם מיוחד, וואָרים אין יעדן אות זיינען פאַראַן וועלטן פון נשמות און הייליקייט און זיי שטייגן און פאַרבינדן זיך און זיינען זיך מתיחד איינער מיטן צווייטן...״

דערנאָך ווערט דערציילט אין בריוו וועגן די גזירות אויף די קהילות אין אוקראַינע אין יענער צייט.

„איך האָב דאָרטן אויך מתפלל געווען, פאַרוואָס האָט דער אייבערשטער אַזוי געטאָן אַז עס זיינען איבערגעענטפערט געוואָרן דעם ס״ם פיל יידישע נשמות, און אַ סך פון זיי, וואָס האָבן זיך גע׳שמד׳ט, זיינען דערנאָך גע׳הרג׳עט געוואָרן. און מען האָט מיר געגעבן רשות צו פרעגן דעם ס״ם גופא, און איך האָב געפרעגט... און ער האָט מיר געענטפערט, אַז זיין כוונה איז לשם שמים. און עס איז, בעוונותינו הרבים, שפּעטער טאַקע אַזוי געשען: אין דער קהילה קדושה זאַסלאַוו איז געווען אַ בלבול אויף עטלעכע נפשות, און צוויי פון זיי האָבן זיך גע׳שמד׳ט און דערנאָך האָט מען זיי גע׳הרג׳עט און די איבעריקע האָבן מקדש השם געווען מיט גרויס הייליקייט און זיי זיינען געשטאָרבן דורך מיתות משונות. און דערנאָך זיינען געווען עלילות אין ק״ק סובטיקע און ק״ק דונאַוויץ און דעמאָלט האָבן זיי זייער אמונה נישט געביטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען די דאָזיקע מעשה פון ק״ק זאַסלאַוו, נייערט אַלע האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם און זיינען עומד בנסיון געווען...״

ש. דובנאָוו ווייזט אָן, אַז עס זיינען טאַקע פאָרגעקומען אַזעלכע עלילות־דם אין זאַסלאַוו אין יאָר 1747 און אין דונאַוויץ אין יאָר 1748... אויך אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערמאָנט וועגן דעם עלילת־דם אין זאַסלאַוו.

וועגן דער „צווייטער עליה״ פון ראש־השנה תק״י, שרייבט דער בעש״ט אינעם זעלבן בריוו, אַז ער האָט געהאַט אַן עלית הנשמה און „איך האָב געזען אַ גרויסן קטרוג, אַזוי, אַז עס איז כמעט געגעבן געוואָרן דעם ס״ם רשות חרוב צו מאַכן מדינות און קהילות און איך האָב זיך מוסר נפש געווען און האָב תפילה געטאָן... לאָמיר פאַלן אין גאָטס האַנט און לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין מענטשנס האַנט און מען האָט מיר געגעבן רשות, אַז עס זאָל זיין אַנשטאָט דעם גרויסע שלאַפקייטן (חולשות גדולות) און אַ פעסט, וואָס איר גלייכן איז נישט געווען אין דער גאַנצער מדינה פוילן און אין די אַנדערע מדינות, וואָס זיינען נאָענט צו אונז, און אַזוי איז געווען. די שלאַפקייט האָט זיך זייער פאַרשפּרייט... האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מיין חבורה [2] צו זאָגן יעדן אינדערפרי קטורת, מבטל צו מאַכן די ׳דינין׳ און מען האָט מיר מגלה געווען אין הימל: דו האָסט דאָך דיר אַליין אויסגעקליבן צו פאַלן אין גאָטס האַנט, טאָ וואָס־זשע ווילסטו איצט מבטל מאַכן?... און פון דעמאָלט אָן האָב איך מער נישט געזאָגט קטורת און נישט מתפלל געווען

2) דובנאָוו ווייזט אָן, אַז דערפון איז צו זען, אַז די חסידים האָבן שוין אין יענער צייט געהאַט אַן אייגן מנין.

וועגן דעם, נאָר אין הושענא־רבה בין איך אַוועק אין שול מיטן גאַנצן עולם און איך האָב געזאָגט קטורת, כדי די פּעסט זאָל זיך ניט אויסשפּרייטן אין אונזער געגנט און אַזוי האָט זיך אונז, בעזרת השם יתברך, איינגעגעבן צו פאַרטרייבן די פּעסט פון אונז...״

צום סוף פון בריוו שרייבט דער בעש״ט: „דער אייבערשטער ווייסט, אַז איך בין זיך נישט מיאש פון מיין נסיעה קיין ארץ ישראל, אויב דעם אייבערשטנס רצון זאָל נאָר זיין, און פון זיין מיט דיר אינאיינעם, אָבער די צייט דערלאָזט עס נישט (אין הזמן מסכים לזה). אויך זאָלסטו קיין פאַראיבל נישט האָבן אויף מיר, וואָס איך האָב דיר נישט געשיקט קיין געלט... ווייל צוליב דער פּעסט און הונגער (דבר ורעב) און צוליב דעם וואָס איך האָב געדאַרפט אויסהאַלטן מיין משפחה און אַלע יידישע אָרעמעלייט, האָט זיך ביי מיר אויסגעלאָזט דאָס געלט און עס איז אונז מער ניט געבליבן ווי בלויז אונזערע גופים...״

דער בריוו פון בעש״ט וועגן זיין „עלית הנשמה״ איז שטאַרק פאַר־הייליקט געוואָרן ביי די חסידים. דער נעשכיזער רבי פלעגט יעדן טאָג „לערנען״ דעם בריוו. ער האָט געהאַלטן, אַז לייענען דעם בריוו איז אַזאַ מצוה ווי צו לייגן תפילין יעדן טאָג, און חב״ד׳ער חסידים האָבן גענומען פאַר זייער „מאָטאָ״ איין זאַץ פון בריוו, אַז משיח וועט קומען ווען די לערנונג פונעם בעש״ט וועט מפורסם ווערן אויף דער וועלט: „ויפוצו מעיינותיך חוצה״ — און דיינע קוואַלן וועלן פאַרשפּרייט ווערן אומעטום...

קאַפּיטל ו

ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב און דער וויכוח מיט די פראַנקיסטן

דער אָפּקלאַנג פון די מסירות פון די פראַנקיסטן אויף יידן אין „שבחי־הבעש״ט״. — פון וואַנען שטאַמט די מעשה אַז דער בעש״ט האָט זיך באַטייליקט אינעם וויכוח מיט די פראַנקיסטן. — דער מקור אין ר׳ יעקב עמדינ׳ס ספר. — אַ מעשה ווי אַזוי דער בעש״ט האָט געוואָלט מנצח זיין יעקב פראַנק׳ן.

אין די לעצטע יאָרן פון בעש״ט׳ס לעבן איז אויסגעוואַקסן די סעקטע פראַנקיסטן אין פּאָדאָליע און גאַליציע, וואָס איז געווען אַן אָפּצווייג פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

ביז צו דעם יאָר, ווען ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב איז געבוירן געוואָרן, האָט פּאָדאָליע נאָך געהערט צו טערקיי, איז אַריינגעדרונגען דער גלויבן אין דעם פאַלשן משיח אויך קיין מזרח־אייראָפּע, בפרט נאָך ווען עס זיינען דעמאָלט געשען אַזעלכע מוראָדיקע הריגות פון כמיעלניצקין מיט זיינע באַוואָפנטע באַנדעס אויף יידן און צענדליקער יידישע קהילות זיינען פאַר־ניכטעט געוואָרן, האָט דאָס פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין פאַלשע משיחים צווישן די יידן דאָרט.

און די חסידישע באַוועגונג האָט געפירט אַ קאַמף קעגן די איבער־בלייבעכצער פון דער שבתי־צבי־סעקטע און קעגן די פראַנקיסטן.

אין „שבחי הבעש״ט״ זיינען פאַראַן מעשה׳ס וועגןביידע.

אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ (זייט 80), אַז איינמאָל איז שבתי צבי געקומען צום בעש״ט און געבעטן ביי אים אַ תיקון. ר׳ יואל פון נעמיראָוו, וואָס האָט דערציילט די מעשה, האָט געזאָגט, אַז דער תיקון איז געווען זיך צו פאַרבינדן מיט אים „נפש מיט נפש, רוח מיט רוח און נשמה מיט נשמה. האָט דער בעש״ט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבינדן מיט אים פּאַמעלעך, ווייל ער האָט מורא געהאַט, וואָרים יענער איז געווען אַ גרויסער רשע. איינמאָל איז דער בעש״ט געשלאָפן, איז געקומען ש״צ ימ״ש (שבתי צבי ימח שמו) און האָט אים איבערגערעדט, און ער האָט אים געגעבן אַ שליידער אַראָפּ מיט אַ גרויסן שליידער ביז ער איז אַראָפּגעפאַלן אין דעם

אונטערשטן גיהנום (שאול תחתיה). האָט דער בעש״ט אַ קוק געטאָן, וואו ער געפינט זיך און ער האָט דערזען, אַז ער שטייט מיט ישו׳ן אויף איין לוח, וואָס מען רופט טאָביל (טאָוול). און דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז ער (שבתי צבי) האָט געהאַט אַ הייליקן ניצוץ, נאָר דער ס״ם האָט אים אַריינ־געכאַפּט אין זיין נעץ... און דער בעש״ט האָט געהערט די מעשה ווי עס איז געווען זיין נפילה, וואָס דאָס איז געקומען צוליב זיין גדלות און גאווה״.

און ווידער ווערט דאָרט דערציילט, אַז ווען עס איז אָפּגעדרוקט גע־וואָרן דאָס ספר „חמדת הימים״, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז דער מחבר איז געווען אַ שבתי־צבי׳ניק, האָט דער בעש״ט געטראָפן דאָס ספר ליגן אויף אַ טיש פון זיינעם אַ מקורב, האָט ער געזאָגט: „אַ פּסול ספר ליגט ביי דיר אויפן טיש״.

און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן די פראַנקיסטן, נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גביית־עדות וועגן די „מעשים תעתועים״, וואָס יעקב פראַנק מיט זיינע אָנהענגער האָבן געטאָן אין לאַנצ־קאָרן, זיינען זיך צונויפגעקומען רבנים פון די חשובע קהילות פון לעמ־בערג און גליל, און כ״ו סיון תקט״ז (1756) האָט מען די פראַנקיסטן געלייגט אין חרם אַריין.

די פראַנקיסטן, וואָס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַזוי דעגענערירט, אַז זיי האָבן געמאַכט בלבולים אויפן תלמוד, אַז דער תלמוד הייסט זיך באַנוצן מיט קריסטלעך בלוט אויף פּסח, האָבן געוואָלט האָבן אַ וויכוח מיט די יידן, און זומער 1757 האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח צווישן די פראַנקיסטן און די יידן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק פאַר דעם צורר־יהודים בישאָף דעמבאָווסקי, און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געהייסן פאַר־ברענען איינצלנע גמרות פון תלמוד (אָקטאָבער 1757).

אין „שבחי הבעש״ט״ איז פאַראַן אַן אָפּקלאַנג וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. דאָרט (זייט 66) ווערט דערציילט, אַז „איינמאָל ערב יום־כיפור האָט דער בעש״ט געזען אַ גרויסן קטרוג אויף די יידן, אַז עס וועט זיך אָפּטאָן פון זיי די תורה שבעל־פּה. פאַרנאַכט, ווען די יידן פון שטאָט זיינען געקומען צו אים זיך בענטשן, האָט דער בעש״ט געבענטשט בלויז צוויי־דריי מענטשן און די אַנדערע האָט ער נישט געקאָנט בענטשן, מחמת דעם צער, וואָס ער האָט געהאַט. דער בעש״ט איז אַריין אין שול און איז אַריינגעפאַלן אין אָרון־קודש און גענומען שרייען: ׳אוי, ווי, מען וויל צו־נעמען פון אונדז די תורה, ווי וועלן מיר קאָנען לעבן צווישן די אומות אַפילו אַ האַלבן טאָג?׳ און דער בעש״ט איז זייער ברוגז געווען אויף די רבנים און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז צוליב זיי, ווייל זיי טראַכטן אויס שקרים פון זייערע הערצער, און ער האָט געזאָגט, אַז עס זיינען געשטאַנען צום משפּט אַלע תנאים און אמוראים. און דער בעש״ט איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און האָט געזאָגט מוסר און מתפּלל געווען כל נדרי און

נאָך כל נדרי האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קטרוג אין הימל... און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז נעילה. ביי נעילה, ווען עס איז געקומען צו ׳פתח לנו שער׳, האָט הרב ר׳ יעקל פון מעזשיבעזש פאַרגעזאָגט פאַרן בעש״ט די ווערטער ׳פתח לנו שער׳, אָבער דער בעש״ט האָט נישט נאָכגעזאָגט. דער בעש״ט האָט געהאַט אַ מנהג, אַז אין די ימים־נוראים האָט ער אַליין ניט אַריינגעקוקט אין מחזור, נאָר דער רב ר׳ יעקל האָט געזאָגט די פיוטים פון מחזור און דער בעש״ט האָט נאָכגעזאָגט, אָבער ביי ׳פתח לנו שער׳ האָט דער בעש״ט נישט נאָכגעזאָגט. ער האָט געמאַכט מוראַדיקע תנועות, אַזוי, אַז דער קאָפּ איז אים כמעט געלעגן צווישן די קני. נאָך נעילה האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער איז אַרויף אין די עולמות העליונים און ער איז געגאַנגען פון איין וועלט צו דער צווייטער, ביז ער איז געקומען צו איין היכל און דאָרט האָט ער געטראָפן תפילות, וואָס האָבן שוין פופציק יאָר נישט געהאַט קיין עליה. האָב איך זיי געפרעגט: ׳פאַרוואָס האָט איר ביז איצט נישט געהאַט קיין עליה?׳ האָבן זיי געענטפערט: ׳מיר האָבן געוואַרט אויף אייך׳. האָב איך געזאָגט: ׳קומט מיט מיר׳ און דאָס טויער איז געווען אָפן, אָבער ווען מיר זיינען געקומען פאַרן טויער, איז געקומען אַ מלאך און האָט פאַרשלאָסן דאָס טויער מיט אַ שלאָס". דערנאָך ווערט דערציילט ווי דער בעש״ט איז אַריינגעקומען אין היכל המשיח און משיח האָט אים געגעבן אַן עצה ווי אַזוי דורכצוגיין דורכן טויער און „עס איז געווען אַ גרויסע שמחה וואָס אַלע תפילות זיינען אַריינגעקומען און עס איז פאַרשטומט געוואָרן דאָס מויל פון קטיגור און די גזירה איז בטל געוואָרן און עס איז געבליבן פון איר בלויז אַ קליינער עונש... און דער דאָזיקער קטיגור איז געווען פון דער כת שבתי צבי און דער בישאָף פון קאַמענעץ האָט פאַרברענט צוויי גמרות פון ש״ס. און ווען דער בישאָף איז געשטאַנען ביים פייער בעתן פאַרברענען די גמרות, איז ער גע׳ניזוק׳ט געוואָרן און מען האָט אים מער נישט געבראַכט קיין לעבעדיקן קיין קאַמענעץ... דער־נאָך איז געווען אַ צווייטער וויכוח פאַרן בישאָף פון לעמבערג [1], אָבער עס איז אויף אים געפאַלן די פאַרכטיקייט פון דער תורה און ער האָט קיין שלעכטס נישט געטאָן. און די כת פון רשעים האָבן זיך אַלע אויסגע׳שמד׳ט, ווייל ער (דער בישאָף) האָט זיי גרויס חרפה און בזיון אָנגעטאָן. ער האָט זיי אָפּגעגאָלט איין פאה און אַ האַלבע באָרד, כדי מען זאָל זיי דערקענען, אַז זיי זיינען נישט קיין קיין יידן און נישט קיין גויים"...

אויך וועגן יעקב פראַנק און זיין „כת" זיינען בלויז פאַראַן רמזים אין „שבחי הבעש״ט".

אויף איין אָרט (זייט 67) ווערט דערציילט, אַז: „וועגן דער כת האָב איך געהערט פון דעם רב פון אונדזער שטאָט, אַז דער בעש״ט האָט געזאָגט,

1) זומער 1759.

אַז די שכינה וויינט און זאָגט: ׳כל זמן דער אבר איז באַהאַפטן צום גוף איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז ער וועט האָבן אַ רפואה, אָבער אַז מען שניידט אים אָפּ, האָט ער שוין קיינמאָל מער נישט קיין תקנה, און יעדער ייד איז אַן אבר פון דער שכינה״.

דאָס האָט דער בעש״ט זיכער געמיינט יעקב פראַנק מיט זיינע אָנ־הענגער, און ער האָט געזאָגט, אַז די שכינה קלאָגט, ווייל כל־זמן זיי זיינען געווען יידן האָבן זיי נאָך געקאָנט האָבן אַ תקנה, אָבער אַז זיי האָבן זיך גע׳שמד׳ט, האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון אַ גוף, וואָס דער אבר מוז שטאַרבן.

אויף אַן אַנדער אָרט (זייטן 36־37) ווערט דערמאָנט אַ מעשה וועגן אַ שטאָט, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין זינד, אַז מען האָט געדאַרפט געבן מער ווי הונדערט גיטין, און זיי האָבן גע׳מסר׳ט אויף די יידן פאַר דעם שר העיר און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביים שר העיר... און די מענטשן פון שטאָט זיינען פול מיט זינד, בפרט אין עניני ניאוף...

אָט דאָס אַלץ איז מרומז אויף די פראַנקיסטן, וואָס זנות איז געוואָרן ביי זיי איינס פון די הויפּט־געבאָטן...

פון אַלע מעשה׳ס פון „שבחי הבעש״ט״ זעען מיר, אַז עס ווערט גאָר־נישט דערמאָנט, אַז דער בעש״ט זאָל זיך האָבן באַטייליקט אינעם וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערג.

פון וואַנען האָט זיך גענומען די מעשה, אַז דער בעש״ט האָט זיך יאָ באַטייליקט אינעם וויכוח? דער מקור איז פון ר׳ יעקב עמדינ׳ס אַ ספרל „מעשה נורא בפּאָדאָליע״ [2]).

דער גאון ר׳ יעקב עמדין [3]) האָט שטאַרק באַקעמפט די שבתי־צבי־באַוועגונג און די פראַנקיסטן.

אין יאָר 1758 האָט ר׳ יעקב עמדין פאַרעפנטלעכט אַ ספר מיט אָפּ־האַנדלונגען און בריוו קעגן די טענות פון די שבתי־צבי׳ניקעס און פראַנ־קיסטן, מיטן נאָמען „ספר השמוש״. ר׳ יעקב עמדין האָט געזאַמלט אַלץ מער ידיעות וועגן די פראַנקיסטן. און ווען עס איז צו אים געקומען ר׳ אברהם פון שאַראָגראָד, האָט ער אים אויסגעפרעגט וועגן די פראַנקיסטן.

ר׳ יעקב עמדין האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט דאָס פריער־דערמאָנטע ספרל „מעשה נורא בפּאָדאָליע״. דאָס ספרל האָט 30 דפים (זעכציק זייטן) און נעמט אַריין אַנדערע ענינים, ווי: א) הפדות והפורקן לר׳ סעדיה גאון, ב) אגרת תימן לרמב״ם, ג) מעשה שהיה בעשיר שהעני והחזיר והעשיר, ד) באורים מאת עמדין, ה) מאמר תחית המתים לרמב״ם און ו) מעשה נורא. די מעשה נורא נעמט אַרום די דפים כ״ז—ל׳. ר׳ יעקב עמדין גיט אַ קליינע הקדמה, אין וועלכער ער שרייבט, אַז כאָטש ער האָט שוין פאַר־

2) געדרוקט אין אַלטאָנא אין יאָר 1769.

3) געבוירן אין יאָר 1696, נפטר געוואָרן אין יאָר 1776.

עפנטלעכט דעם „ספר השמוש״ וועגן די שבתי־צבי׳ניקעס, אָבער אַזוי ווי עס איז איצט געקומען אַ איד פון פּאָדאָליע, וואָס איז דאָרט געווען בעת די געשעענישן, האָט ער פאַרשריבן אַלץ וואָס ער האָט דערציילט וועגן דער דאָזיקער „פאַרשאָלטענער כת״.

און עס ווערט דערציילט, ווי דער „מומר״ (יעקב פראַנק) איז געקומען קיין פּאָדאָליע. אויך ווערט איבערגעגעבן די מעשה מיטן בישאָף דעמ־באָווסקי, ווי ער איז געשטאָרבן און אַז דער וויכוח איז פאָרגעקומען אין לעמבערג און עס האָבן זיך באַטייליקט זעכציק רבנים.

אויך האָט ר׳ אברהם דערציילט, אַז דער וויכוח איז געווען אין קלויסטער פארע [4]) און אַז: „מן היהודים היו נבחרים ר״ח ראַפּאַפּאָרט, ר׳ ישראל ממעזיבוש ב״ש, וראזליר רב, ור׳ בער, רב מיאזלוויטץ, ומצד השני היה התועב פרענק והמין קריבשר רב, ליב קריס, אלישע ראטין״ (פון די יידן זיינען געוואָרן אויסגעוויילט ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט פון לעמבערג און ר׳ ישראל פון מעזיבוש, בעל שם, און דער ראזלער רב, און ר׳ בער, רב פון יאַזלאָוויטש, און פון צווייטן צד איז געווען דער אומווערדיקער פרענק (יעקב פראַנק), דער קריוושער רב (פריער איז ער געוואָרן אָנגערופן נחמן), לייב קריס און אלישע ראטין).

דאָ זעען מיר, אַז עס ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט, אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך באַטייליקט אין דעם וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערג.

דער היסטאָריקער גרעץ האָט אויסגעדריקט זיין השערה, אַז דער בעש״ט האָט זיך יאָ באַטייליקט אין וויכוח אין לעמבערג. ער האָט זיך סומך געווען אויף ר׳ יעקב עמדינ׳ס ספר „מעשה נורא בפּאָדאָליע״ [5]). כאָטש פראָפ. גרעץ האָט בלויז אַרויסגעזאָגט אַ השערה, האָט אָבער דער פּאַרטייִדיקער פון חסידות, ר׳ אליעזר הכהן צווייפעל, געהאַלטן פאַר זיכער, אַז דער בעש״ט האָט זיך באַטייליקט אינעם וויכוח, און נאָך אים זיינען שוין נאָכגעגאַנגען: דוד כהנא, אברהם כהנא, ש. א. האָראָדעצקי און שמואל זעצער אין זיין ווערק „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זיין לעבן, לערע און ווירקן״ (צווייטער טייל, זייט 68).

אויך זיינען פאַראַן בריוו, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין דער „כתר־סאָנער גניזה״ [6]), אין וועלכער עס ווערט בפירוש געזאָגט, אַז דער בעש״ט האָט זיך יאָ באַטייליקט אינעם וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערג.

דער ערשטער בריוו איז געדרוקט געוואָרן אין ר׳ חיים אליעזר ביי־

4) פאַקטיש איז ער פאָרגעקומען אין קאַטעדראַל.
5) גרעץ אין זיין בוך: „פראַנק און פראַנקיסטן״, אויך אין זיין געשיכטע, צענטער באַנד.
6) וועגן דעם, זע קאַפּיטל י״ד אין אונזער בוך.

כאַווסקי׳ס זאַמלונג פון די געפונענע בריוו [7]) פון בעש״ט, וואָס ער זאָל האָבן געשריבן צו זיין תלמיד ר׳ נחמן פון האָראָדענקאַ, אין וועלכן ער איז אים מודיע, אַז ער מוז פאָרן קיין לעמבערג „לטכס עצה איך לנצח הפושעים״ (צו זוכן אַן עצה ווי אַזוי מנצח צו זיין די פושעים) און אַז „אַהין וועט אויך קומען דער רב פון אוסטראהא״.

די חסידות־פאָרשער האַלטן, אַז דאָס האָט דער בעש״ט געמיינט דעם וויכוח אין לעמבערג, אָבער דער בריוו איז געשריבן געוואָרן א׳ שמות תקט״ז (1757) און דער וויכוח איז פאָרגעקומען אין זומער 1759.

הרב ר׳ חיים בלאָך אין זיין הקדמה צו דער זאַמלונג פון די בריוו, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן הרב לאַנגערמאַן אין וויען („קובץ מכתבים מקוריים״), האַלט, אַז דאָס וואָס עס ווערט אינעם בריוו דערמאָנט דער אַסטראָהער רב, האָט מען געמיינט ר׳ מאיר מרגליות, וואָס לויט דער חסי־דישער מסורה זאָל ער זיך אויך האָבן באַטייליקט אינעם וויכוח. אָבער ווי פּראָפ. מ. באַלאַבאַן קלערט אויף אין זיין בוך: „לתולדות התנועה הפראַנקית״ [8]), איז דער וויכוח אין לעמבערג פאָרגעקומען אין יאָר 1759, און אין יענעם יאָר איז ר׳ מאיר מרגליות נאָך גאָר נישט געווען רב אין אוסטראהא, נאָר אין קאָמאַרנאָ. ער איז געוואָרן רב אין אוסטראהא ערשט אין יאָר 1771.

אויך דער אַרויסגעבער פון דער זאַמלונג פון די געפונענע בריוו, ר׳ חיים אליעזר ביכאַווסקי, האָט אָפּגעדרוקט אַן אַנדערן בריוו [9]), וואָס דער בעש״ט זאָל אים האָבן געשריבן צום לעמבערגער רב אין א״ח (אסרו־חג) סוכות תקי״ט, וואָס איז מיט כמעט אַ יאָר פריער איידער עס איז פאָרגע־קומען דער וויכוח, און אין דעם בריוו שרייבט דער בעש״ט צום לעמבערגער רב, אַז: „הפ״נ (הפדיון־נפש) זיינעם האָב איך דערהאַלטן און איך האָב געמאַכט אַ השבעה, אַזוי ווי כ״ק (כבוד קדושתו) האָט פון מיר פאַרלאַנגט, ויודע אני שהוא מקובל ב״ה אנס״ו״ (און איך ווייס, אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן, ברוך השם אמן נצח סלה ועד).

אינטערעסאַנט איז, אַז איינער פון די הויפּט־מתנגדים פון חסידות, ר׳ ישראל לייבל, וועלכער איז פריער געווען רב אָדער דיין אין נאָוואָגרודעק און דערנאָך זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד, האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע כתבים קעגן חסידות און צווישן זיי אויך דאָס ספרל „וויכוח תלמודי אמתי עם זמרי המכונה חסידי, ומכתבים בשם הגר״א מווילנא נגד רביהם״ [10]).

און צווישן די בריוו איז פאַראַן אַ מכלומרשטער בריוו, וואָס ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט, רב אין לעמבערג, זאָל האָבן געשריבן צו זיינע קרובים

7) „גנזי נסתרות״, ירושלים, בריוו נומער 41.
8) צוויי טיילן, הוצאת „דביר״, 1935, זייטן 295—320.
9) „גנזי נסתרות״, ירושלים, בריוו נומער 56.
10) וואַרשע, 1798. זע: בן יעקב, זייט 148, נומער 29.

און מחותנים, די גבירים, ר׳ ישכר בער און זיין זון ר׳ שמואל כ״ץ אין בוטשאַטש. אין דעם בריוו שרייבט ער: „איך האָב געהערט, אַז איר ווילט זיך ווענדן צו דעם ׳רופא־אליל׳, וואָס רופט זיך בעל־שם, זאָלט איר דאָס חלילה וחלילה נישט טאָן. עס איז גלייך ווי איר וואָלט דאָס געלט אַרויס־געוואָרפן אויפן מיסט״...

פאַרשטייט זיך, אַז דער בריוו איז אַ געפעלשטער, אָבער עס איז אינ־טערעסאַנט ,אַז פון איין זייט האָבן די מתנגדים פאַרגעשטעלט דעם לעמ־בערגער רב אַלס שטאַרקער קעגנער פון חסידות און די חסידים האָבן ווידער פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אַז ער איז אַ חסיד פון בעש״ט און האָט אים געשיקט אַ קוויטל מיט אַ פדיון...

ביכאַווסקי האָט אין זיין זאַמלונג פאַרעפנטלעכט נאָך אַ בריוו (נומער 59) פון בעש״ט, אַ מין כרוז, אַז מען זאָל איינפירן אין דעם טאָג פון כ״ו תמוז אַ יום־טוב און אַ שמחה־טאָג, ווייל זיי האָבן אין דעם טאָג, אין יאָר תקי״ט (1759), אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער פראַנקן.

דער אינהאַלט פון בריוו איז בערך אַזוי:

„מיר אונטערגעשריבענע האָבן אויף זיך גענומען, אַז מען זאָל לדור דורות מאַכן יעדעס יאָר אין דעם טאָג פון כ״ו תמוז אַ יום־טוב און אַ שמחה־טאָג פאַר דעם גרויסן נס און גרויסן חסד, וואָס השם יתברך האָט מיט אונדז געטאָן אין דעם טאָג, ווען עס איז אויף אונדז אויפגעשטאַנען דער איש צר ואויב רשע עריץ יעקב פראַנק, שם רשעים ירקב, און ער האָט גע׳מסר׳ט, און דער אייבערשטער האָט איבערגעקערט זיין שלעכטע עצה און דער בישאָף ניקולסקי יחי׳ מק״ק לבוב האָט אונדז, אונטערגעשריבענע, גערופן קיין לעמבערג אויף כ״ג תמוז, מיר זאָלן זיך מיט זיי, מיט די רשעים, וואָס זיינען געשטאַנען קעגן אונדז, אויס׳טענה׳ן, און כ״ו תמוז אין יאָר תקי״ט האָבן מיר מנצח געווען די רשעים ימ״ש (ימח שמם) און מיר האָבן מציל געווען אַ סך נפשות פון די יידן. מיר חתמענען דעם בריוו כ״ז תמוז דהאי שתא תקי״ט פק״ק לעמבערג. דברי חיים הכהן ראַפּאַפּאָרט, אבדק״ק לבוב והמדינה, ונאום ישראל במוהר״ר אליעזר בע״ש ממעזבוז, דברי הק׳ יצחק דובער מרגליות אבד״ק יאזלאָוויטש. בפקודת רבנו רשכבה״ג (רבן של כל בני הגולה) הבעש״ י״ב („יאיר נרו״, אָדער „יחיה נצח״) באנו ג״כ בח״י (גם כן בחתימת ידינו) פק״ק מעזבוז ביום א׳ פרשת ואתחנן דשנת תקי״ט לפ״ק. נאום דובער ממעזריטץ, נאום יעקב יוסף מק״ק פולנאה, ונאום זאב וואָלף קיצעס״.

פּראָפעסאָר באַלאַבאַן האָט אין זיין פריער דערמאָנטן בוך אָנגעוויזן, אַז דער בריוו איז אַ געפעלשטער, אַז כ״ו תמוז איז אין יענעם יאָר, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין בריוו, גאָר אויסגעפאַלן אום שבת, און אין דעם טאָג איז נישט געפירט געוואָרן קיין וויכוח. אויך די חתימות זיינען מאָדנע. מיר ווייסן, אַז ר׳ בער פון יאַזלאָוויץ פלעגט זיך חתמענען בלויז „בר, רב ביאַזלאָוויץ״.

עס איז פאַראַן נאָך אַ איד, וואָס איז אַנוועזנד געווען בעת דעם דאָזיקן וויכוח אין לעמבערג, און דאָס איז, דוב בער בירקענטאַל פון באָלעכאָוו. א. י. בראַווער האָט אין יאָר 1910 געפונען אין יוסף פּערל׳ס אַרכיוו אין טאַרנאָפּאָל אַ כתב־יד פון בער באָלעכאָווער מיטן נאָמען „דברי בינה״, אין וועלכן ער שילדערט דעם וויכוח אין לעמבערג [11]). בער באָלעכאָווער דערציילט, אַז אין דעם וויכוח אין לעמבערג האָט זיך באַטייליקט בלויז דער לעמבערגער רב, ר׳ חיים כהן ראַפּאָפּאָרט, און ווייל ער האָט נישט געקענט די לאַנדס־שפּראַך, האָט ער גענומען בער באָלעכאָווערן, ער זאָל זיין זיין איבערזעצער, און די שריפטלעכע תשובה, וואָס דער לעמבערגער רב האָט צוגעשטעלט, האָבן איבערגעשריבן אויף דער לאַנדס־שפּראַך, בער באָלעכאָווער און ד״ר אברהם עוזיאל פון בראָד.

פּראָפעסאָר מ. באַלאַבאַן באַהאַנדלט גענוי אין זיין פונדאַמענטאַלן בוך, ער אַנאַליזירט די פאַרשידענע מאַטעריאַלן, ער צעגלידערט די אַרגומענטן פון די היסטאָריקער וואָס האַלטן, אַז דער בעש״ט האָט זיך באַטייליקט אינעם וויכוח און קומט צו דער מסקנא, אַז דער בעש״ט האָט זיך נישט באַטייליקט אינעם וויכוח.

און מיר מיינען אויך אַזוי, ווייל וואָלט טאַקע געווען אַ מסורה צווישן די חסידים, די תלמידים פון בעש״ט, אַז דער בעש״ט האָט זיך באַטייליקט אינעם וויכוח און אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ כרוז, אַז כ״ו תמוז זאָל זיין אַ יום־טוב לדור דורות, וואָלטן די רביים, די אייניקלעך פון בעש״ט, און תלמידים פון בעש״ט זיכער געווען געפּראַוועט אַזאַ יום־טוב־סעודה, פּונקט אַזוי ווי זיי פּראַווען דעם „בעש״ט׳ס סעודה״ אחרון של פסח, ווי מיר שרייבן וועגן דעם אין קאַפּיטל מ״ב, אין אונזער בוך. דאַרף מען אָננעמען, אַז דער בעש״ט האָט זיך אינעם וויכוח נישט באַטייליקט.

***

אָבער ווען אַפילו דער בעש״ט האָט זיך נישט באַטייליקט אינעם וויכוח אין לעמבערג, איז אָבער פאַראַן אַ שפּעטערדיקע חסידישע אגדה, ווי אַזוי דער בעש״ט האָט געוואָלט מנצח זיין יעקב פראַנק דורך זיין תפילה און ער האָט געוואָלט צונעמען צו זיך נאָך צוויי מענטשן, זיי זאָלן אַלע דריי תפילה טאָן, כדי אים מכניע צו זיין, אָבער דער שטן האָט זיי געשטערט.

און אַזוי ווערט דערציילט:

פון הימל האָט מען מגלה געווען דעם בעש״ט, אַז ער מיט ר׳ מאיר פון פּרעמישלאַן און מיט נאָך אַ מענטש, וואָס זיין נאָמען איז משה פאַסטוך, קענען מנצח זיין יעקב פראַנק, ימח שמו.

11) טיילן דערפון האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „השלוח״, 1921.

זיי האָבן אָבער נישט געוואוסט ווער דער משה פּאַסטוך איז און וואו ער געפינט זיך. איז דער בעש״ט, צוזאַמען מיט ר׳ מאירן, געגאַנגען זוכן דעם מענטש, וואָס הייסט משה פּאַסטוך. האָבן זיי געפונען אַ פּשוטן פּאַסטוך פּאַשען די שאָף אויף איינעם פון די בערג. די שאָף זיינען צעשפּרייט אין די בערג און דער פּאַסטוך איז געשטאַנען לעבן אַ גרוב און ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געשריגן:

„ליבער גאָט! מיט וואָס קאָן איך דיר דינען? וואָלסטו געהאַט שאָף, וואָלט איך זיי דיר געוועזן געפּאַשעט בחינם״...

און דער פּאַסטוך איז געשפּרונגען איבערן גרוב און ער האָט כסדר געשריגן:

„דאָס טו איך, גאָט, פאַר דיינעט וועגן!״...

דער בעש״ט האָט געזען, אַז דער פּאַסטוך טוט זיין עבודה מיט גרויס התלהבות און אַז די עבודה פון פּאַסטוך איז אַ סך גרעסער ווי זיין אייגענע עבודה, האָט דער בעש״ט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דער משה פּאַסטוך.

איז דער בעש״ט צו אים צוגעגאַנגען און האָט צו אים געזאָגט:

„איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן״.

האָט דער פּאַסטוך געענטפערט:

„איך בין אַ פּועל־שכיר, אַ טאָג־אַרבעטער, איך דאַרף פּאַשען די שאָף און איך טאָר נישט מבטל זיין פון מיין אַרבעט און רעדן מיט דיר״.

האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

„דו ביזט דאָך סיי־ווי מבטל פון דיין אַרבעט ווען דו שפּרינגסט איבער דעם גרוב?״

האָט דער פּאַסטוך געענטפערט:

„פאַרן אייבערשטנס וועגן מעג איך!״

האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„אויך איך וויל מיט דיר רעדן וועגן אייבערשטנס וועגן״...

און דער פּאַסטוך האָט ווייטער געטאָן זיין עבודה פאַרן רבונו־של־עולם און מיט זיין עבודה האָט ער צעבראָכן די קליפּות...

האָט דער בעש״ט געזאָגט צו משה פּאַסטוך:

„עס איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס וויל אויפרייסן די יסודות פון דער אמונה״.

האָט משה פּאַסטוך געפרעגט:

„ווער איז דאָס?״

און אַז דער בעש״ט האָט דערזען, אַז זיינע רייד זיינען עושה רושם, האָט ער אים געפרעגט צי עס איז דאָ אַ קוואַל זיך טובל צו זיין אין אים.

און דער פּאַסטוך האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ קוואַל.

נאָכדעם ווי דער בעש״ט האָט זיך טובל געווען, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען מיטן פּאַסטוך יידישקייט. ער האָט אים קודם־כל געלערנט אלף־

בית, און ער האָט אים דערציילט וועגן חורבן בית־המקדש און וועגן גלות השכינה. און אַלע דריי: דער בעש״ט, ר׳ מאיר פרעמישלאַנער און משה פּאַסטוך, האָבן מתפלל געווען מיט גרויס התלהבות.

ווען דער שטן האָט דאָס דערזען, איז ער שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. ער האָט מורא געהאַט, אַז איצט קומט זיין סוף. האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פייער אויף דער שטאָט, האָבן די גלעקער זיך צעקלונגען, זיינען די שאָף זיך צעלאָפן, האָט משה פּאַסטוך פאַרלאָזט דעם בעש״ט און ר׳ מאיר פּרע־מישלאַנער און ער איז געלאָפן זוכן זיינע שאָף, און דאָס „בינטל״ איז צעשאָטן געוואָרן, די „חבורה״ איז צעשיידט געוואָרן און דער תיקון איז בטל געוואָרן [12]).

די דאָזיקע מעשה גיט אונז אַ בילד, ווי אַזוי דער בעש״ט האָט געזוכט מכניע צו זיין יעקב פראַנק מיט דער הילף פון אַ פּראָסטן פּאַסטוך. עס איז אויך אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער דאָזיקער מעשה דער אייביקער חסי־דישער מקור, אַז „רחמנא ליבא בעי״, אַז דער עיקר איז די כוונה.

אַן ענלעכער מאָטיוו איז פאַראַן וועגן דעם דאָרפס־יינגל, וואָס איז געקומען יום־כיפור צו נעילה אין בית־המדרש אַריין פון בעש״ט און האָט געגעבן אַ פייף און מיט זיין פייף האָט ער מרעיש עולמות געווען אין הימל [13]).

פון דעם אַלעם זעען מיר, אַז דער בעש״ט האָט געפירט אַ מוראַדיקן קאַמף מיט די פראַנקיסטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן פון בעש״ט׳ס לעבן אין פּאָדאָליע און גאַליציע.

12) „דברים ערבים״, חלק א׳, זייט 19.

13) דער זעלבער מאָטיוו וועגן אַ פּאַסטוך, וואָס איז געשפּרונגען איבער אַ טייך, איז אויך פאַראַן אין „ספר חסידים״.

קאַפּיטל ז

די פּטירה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון קרוב צו צוויי און זעכציק יאָר. — ער האָט פאַרשפּרייט זיין שיטה פינף און צוואַנציק יאָר, פון זינט ער איז נתגלה געוואָרן. — דער טאָג און יאָר פון בעש״ט׳ס הסתלקות.

די פּטירה פון בעל־שם־טוב איז איינגעהילט אין אַ גרויסער מיסטעריע. לויט ווי עס ווערט דערציילט אין די חסידישע ספרים, איז דער בעש״ט קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן אין פסח. ער האָט געפילט, אַז זיינע כוחות לאָזן זיך אים אויס, איז ער געזעסן אין זיין הויז און ער האָט געפּראַוועט „התבודדות״ [1]).

ביי דער סעודה ל״ג בעומר איז דער בעש״ט געווען זייער אויפגע־לייגט. ער האָט דעמאָלט אין זיין תורה געזאָגט: „עס שטייט ואהבת את ה׳ אלקיך [2]) ׳ואהבת׳ איז בגימטריא צוויי מאָל ׳אור׳ (ליכטיקייט), ׳אור׳ איז בגימטריא ׳רז׳ (סוד). ׳רז׳ איז אויך ׳זר׳ (אַ פרעמדער). די עבודה פון צדיקים איז צו אַנטפּלעקן דעם רז (סוד), ווועלכער איז פאַראַן אויך ביים זר (פרעמדן), און פון דעם ווערט ׳אור׳ דורך ׳ואהבת׳, וואָס דאָס איז צוויי מאָל ׳אור׳ — אור ישר און אור חוזר. ׳אור׳ באַטרעפט אויך אין מספר קטן ט׳, צוויי מאָל אור איז צוויי מאָל ט׳, וואָס דאָס באַטרעפט ׳חי׳ (18). אין אַכצן טעג אַרום וועל איך זוכה זיין צום אור החוזר, אַזוי ווי עס שטייט [3]), והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה, די נשמה קערט זיך צוריק צום אייבערשטן״ [4]).

דערפון זעען מיר, אַז עס איז געווען אַ מסורה אין חב״דער הויף, אַז דער בעש״ט האָט שוין אין ל״ג בעומר מרמז געווען אויף דעם טאָג ווען ער וועט נסתלק ווערן.

1) הרב י. מ. גוטמאַן: „רבי ישראל בעש״ט״, זייט 47. דאָרט ווערט אויך אָנ־געגעבן, אַז עס איז פאַראַן אַ ספק צי דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן דעם ערשטן אָדער דעם צווייטן טאָג שבועות.

2) דברים ו׳, ה׳.

3) קהלת י״ב, ז׳.

4) „ר׳ ישראל בעל שם טוב״, זייט 224, אָנגעגעבן אין נאָמען פון „ליקוטי דיבורים״, דריטער באַנד, ליקוט ל׳, זייט 1054.

פסח איז געווען ביים בעש״ט ר׳ פנחסל קאָריצער, און ער איז געווען שוואַך און איז נישט געגאַנגען אין מקווה אַריין. האָט אים דער בעש״ט געפרעגט שביעי של פסח, צי ער איז געווען אין מקווה, האָט ר׳ פנחסל קאָריצער געזאָגט „ניין״, און דער בעש״ט האָט אויף דעם געזאָגט, אַז „ס׳איז שוין פאַרפאַלן״...[5]).

לויט דעם „שבחי הבעש״ט״ איז דער בעש״ט נסתלק געוואָרן ווייל ער איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דער כת שבתי־צבי...

די תלמידים זיינען נאָך פסח אַהיימגעפאָרן. אָבער ר׳ פנחסל קאָריצער איז שוין געבליבן ביים בעש״ט.

אויף שבועות זיינען ווידער געקומען זיינע תלמידים. זיי זיינען אויף־געווען אַ גאַנצע נאַכט און האָבן געזאָגט „תיקון ליל שבועות״.

דער בעש״ט האָט אַריינגערופן עטלעכע תלמידים און האָט זיי אָנגעזאָגט ווי אַזוי זיי זאָלן זיך נוהג זיין מיט זיין טהרה און מיט זיין קבורה.

פאַר דער הסתלקות האָט דער בעש״ט זיך געהייסן זינגען ר׳ מעכעלע זלאָטשעווערס ניגון, וואָס דער בעש״ט האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען „דער התעוררות רחמים רבים־ניגון״[6].

דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט:

„איך האָב אַ ברירה אַרויפצוגיין אין הימל ווי אליהו הנביא, ווי עס שטייט[7]) ׳ויעל אליהו בסערה השמימה׳ (אליהו איז אַרויף אין הימל מיט אַ שטורעם־ווינט)[8] נאָר איך וויל נישט דורכלאָזן דאָס וואָס עס שטייט[8]) ׳כי עפר אתה ואל עפר תשוב׳״ (וואָרים דו ביסט פון ערד און צו דער ערד וועסטו זיך צוריקקערן)[9]).

לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין „שבחי הבעש״ט״ האָט דער בעש״ט, שבועות אין דער פרי, אין טאָג פון זיין הסתלקות, געהייסן אַריינרופן אַ מנין יידן, זיי זאָלן מיט אים דאַוונען צוזאַמען. ער האָט זיך געהייסן געבן דעם סידור און האָט געזאָגט: „איך וויל זיך נאָך דורכשמועסן מיטן אייבערשטן״.

נאָכן דאַוונען איז ר׳ נחמן האָראָדענקער געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין פאַר אים מתפלל זיין, אָבער דער בעש״ט האָט געזאָגט: „ער איז בחינם מרעיש עולמות״.

זיין זון ר׳ צבי, וואָס איז אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט, איז בייטאָג געגאַנגען זיך צולייגן, האָבן די תלמידים אים אויפגעוועקט און האָבן אים

5) „שבחי הבעש״ט״.
6) „ח״י אלול, תש״ג״, קונטרס מ״ה, זייט 35.
7) מלכים ב׳, י״א.
8) בראשית ג׳, י״ט.
9) „ליקוטי דיבורים״, ערשטער באַנד, ליקוט ד׳, זייט 192.

געזאָגט, ער זאָל גלייך אַריינגיין צום פאָטער. און ר׳ צבי האָט אָנגעהויבן צו שרייען: „טאַטע, טאַטע!״.

האָט דער בעש״ט צו אים געזאָגט:

„זון מיינער, דו האָסט אַ גרויסע נשמה, און דאַרפסט גאָרנישט!״

דער בעש״ט האָט אַמאָל געזאָגט פאַר זיין פטירה, אַז בשעת זיין הסתלקות וועלן די צוויי זייגערס [10]), וואָס זיינען אין הויז, זיך אָפּשטעלן פון גיין. און אַזוי איז טאַקע געווען. שבועות בייטאָג האָבן זיך אָפּגעשטעלטביידע זייגערס, האָבן די תלמידים פאַרשטאַנען אַז דער סוף דערנעענטערט זיך. האָבן זיי אַלע געקוקט מיט טרויעריקע פנימער. האָט דער בעש״ט געעפנט זיינע אויגן און געזאָגט צו זיי: „נישט פאַר מיר זאָרג איך זיך, נאָר עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך; איך וועל אַרויס פון איין טיר און וועל אַריין אין אַ צווייטער טיר...״

די תלמידים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בעש״טס בעט, ווי ער האָט זיי פריער אָנגעזאָגט צו טאָן. דער בעש״ט האָט ווידער געעפנט די אויגן און האָט געזאָגט תורה:

„ס׳איז פאַראַן אַ זייל, וואָס דורך אים גייט די נשמה נאָך דער פטירה אַרויף פון גן־עדן התחתון צום גן־עדן העליון. צווישן איין וועלט און דער צווייטער וועלט איז פאַראַן אַ זייל וואָס דורך אים גייט מען אַרויף, אַזוי אויך פון איין יאָר צו אַ צווייט יאָר, פון נשמה צו נשמה, און דאָס איז דער ׳עמוד העבודה ויראת שמים׳״ [11]).

די יסורים האָבן שטאַרק מצער געווען דעם בעש״ט, האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„רבונו של עולם, נאָך צוויי שעה איז מיר באַשערט צו לעבן, גיב איך זיי דיר אַ מתנה״.

דער רבי ר׳ פנחסל קאָריצער האָט דערויף געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַן אמתע מסירת נפש פון בעש״ט [12]).

דערנאָך האָט דער בעש״ט געזאָגט צו די תלמידים, זיי זאָלן זאָגן „ויהי נועם״, און אויך זיינע לעפצן האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען אַ תפילה. ווען די תלמידים האָבן זיך איינגעבויגן צו הערן וואָס דער בעש״ט זאָגט, האָבן זיי געהערט אים זאָגן: „אַל תבואני רגל גאוה״ [13]).

און באַלד האָט דער בעש״ט אויסגעהויכט זיין נשמה בטהרה.

מען איז זיך משער, אַז דער בעש״ט איז נסתלק געוואָרן דעם ערשטן

10) „זייגערש״, ווערט אָנגעגעבן אין „שבחי הבעש״ט״.
11) זע: הרב גוטמאַן, „רבי ישראל בעש״ט״, זייט 47.
12) „נופת צופים״, א׳, פ״ב.
13) געבראַכט אין „נוצר חסד״ ד׳, ד׳, „דגל מחנה אפרים״, פרשת אחרי, „שארית ישראל״, אָנהייב שער ב׳.

טאָג שבועות, בין השמשות, תק״כ (דעם 21־טן מאַי, 1760 — אַזוי ווייזט אָן ש. דובנאָוו מיט פאַרשידענע ראיות), וואָס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן אין אַ מיטוואָך.

דער בעש״ט איז אַלט געווען אין טאָג פון הסתלקות איין־און־זעכציק יאָר, מיט אַכט חדשים און אַכצן טעג [14]).

אינגאַנצן האָט דער בעש״ט אָנגעפירט מיט דעם פאַרשפרייטן זיין שיטה (פון זינט ער איז נתגלה געוואָרן) פינף־און־צוואַנציק יאָר [15]). און וואָס פאַר אַ פאַרצווייגטקייט! וואָס פאַר אַ פאַרטיפטקייט! וואָס פאַר אַ שינוי אין גאַנצן יידישן לעבן אין מזרח־איראָפּע!

שוין דער „מתנגד" ר׳ ישראל לייבל גיט אָן, אַז בעת דער פטירה פון בעש״ט זיינען געווען צען טויזנט חסידים. אָבער פּראָפעסאָר ג. שלום פרעגט דאָס אָפּ [16]) און ער ווייזט אָן, אַז די דאָזיקע צאָל איז אַזוי גרויס ווי די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין פּאָדאָליע, לויט דער אָפיציעלער ציילונג פון יאָר 1765, דערפאַר איז די צאָל אַ גוזמאדיקע. אָבער זיכער איז, אַז גרויסע מאַסן פון די דאָרפס־יידן און אונטערדריקטע כלי־קודש און בעלי־מלאכות אין די שטעטלעך זיינען נאָך בחיי הבעש״ט צוגעשטאַנען צו חסידות.

דעם בעש״ט׳ס קבר געפינט זיך אין מעזשיבעזש [17]). לעבן זיין קבר געפינט זיך דער קבר פון זיין זון ר׳ הערשעלע און פון בעש״טס אייניקל ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, און נאָך עטלעכע קברים פון בעש״ט׳ס תלמידים.

ר׳ יצחק נעשכיזער האָט געזאָגט:

נאָך דער פטירה פון בעש״ט זיינען זיך צונויפגעקומען זיינע תלמידים מסדר צו זיין די חידושי התורה, וואָס זיי האָבן געהערט פון בעש״ט. האָט זיך דער בעש״ט צו זיי באַוויזן אין חלום און ער האָט זיי געזאָגט:

„פאַרוואָס געדענקט איר די דברי־תורה וואָס איך האָב געזאָגט און איר געדענקט נישט די יראת שמים וואָס איך האָב געהאָט?"

דער רבי ר׳ אַהרן קאַרלינער האָט געזאָגט:

„אַזאַ נשמה ווי דעם בעש״ט׳ס איז געווען קומט אַראָפּ אויף דער וועלט בלויז איין מאָל אין טויזנט יאָר..."

ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער שרייבט:

„אַ בושה פאַרדעקט מיין פנים, בין איך דען אַנשטאָט גאָט? בלויז

14) „ליקוטי דיבורים", דריטער באַנד, ליקוט ל׳, זייט 1054.

15) דאָרט.

16) ג. שלום, „מולד", נומער 441־145.

17) לויט ווי מיר איז באַקאַנט פון פאַרלעסלעכע ידיעות, שטייט דער אוהל און די מצבה נאָך איצט, און ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן חסידים פון מונקאַטש פאַריכט דעם אוהל.



דעם בעל־שם־טוב׳ס קבר אין מעזשיבעזש

דער בעש״ט האָט דאָס געקאָנט טאָן. ער האָט גוזר געווען און עס איז מקויים געוואָרן. קיינער פאַר אים איז נישט געווען אַזוי ווי ער און עס וועט אויך נישט קומען אַזאַ ווי ער איז געווען...״ [18]).

דעם בעש״טס אייניקל, ר׳ נחמן בראָסלאַווער, האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט צו גיין אויפן קבר פון בעש״ט [19]).

חסידים האָבן געזאָגט, אַז מען רעדט מוצאי־שבת פון בעש״ט איז עס אַ סגולה פאַר דער נשמה.

דער בעלזער רבי, ר׳ שלום רוקח, האָט געזאָגט:

„איין מאָל האָב איך געזען אין חלום ווי מען פירט מיך אין גן־עדן אַריין און מען האָט מיר געוויזן די מויערן פון ירושלים, וואָס זיינען חרוב, און אויף זיי איז געגאַנגען אַ מענטש. האָב איך געפרעגט: ווער איז דער מענטש? האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב,

18) „פרי הארץ״.

19) „לקוטי מוהר״ן״, חלק ב׳, אות ק״ט.



דער אוהל אויפן בעש״ט׳ס קבר וואָס איז פאַרריכט געוואָרן
מיט עטלעכע יאָר צוריק.

און ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט נישט אַראָפּ פון דאָרט ביז דער בית־המקדש וועט נישט געבויט ווערן״.

דער רבי ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער, דער תלמיד פון בעש״ט, האָט געזאָגט:

איינמאָל איז דער בעש״ט געפאָרן אין וועג, איז ער אַריין אין אַ וואַלד און ער האָט געדאַוונט מנחה. האָבן די תלמידים געזען ווי ער שלאָגט זיין קאָפּ אין אַ בוים און וויינט און שרייט אַ סך. דערנאָך האָבן די תלמידים אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוויינט און געקלאָגט?

האָט דער בעש״ט זיי געענטפערט:

„איך קוק אויף די קומענדיקע דורות און איך זע, אַז עס וועט זיין נאָענט צו ביאַת המשיח, נאָר עס וועלן זיין רביים, וואָס וועלן מעכב זיין די גאולה...״

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז פון בעש״ט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די „התנוצצות פון דער גאולה״.

דער מעזעריטשער מגיד האָט געזאָגט אויף זיין רבין, דעם בעש״ט:

„הלוואי וואָלט מען געקושט אַ ספר־תורה מיט אַזויפיל ליבע ווי דער בעש״ט האָט געקושט די קינדער, ווען ער איז געווען אַ באַהעלפער און האָט זיי געפירט אין חדר אַריין...״

דער דינעווער רבי, ר׳ צבי אלימלך שאַפּיראָ, האָט מרמז געווען שוין

אין דעם וואָרט „בראשית״ דעם בעש״ט, ווייל די ראשי תיבות פון „בראשית״ זיינען: „אור תורת רבינו ישראל בעל שם״, און אין דעם וואָרט „בראשית״ זיינען פאַראַן די ווערטער „את ריב״ש״ [20].

20) זע: „אגרא דכלה״, בראשית, אות נ״ו.

די פּאָסט־מאַרקע וואָס די ישראל־רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוויי הונדערט־יאָריקן יאָרצייט פון בעש״ט.

קאַפּיטל ח

דעם בעש״ט׳ס זון ר׳ הערשעלע

פאַרוואָס איז ר׳ הערשעלע נישט געוואָרן דער ממלא־מקום פון בעש״ט. — ער איז געווען אַ קינד וואָס האָט ליב געהאַט די נאַטור. — דער בריוו פון זיין פעטער ר׳ גרשון קיטעווער. — לויט אַ חסידישער מסורה איז ר׳ הערשעלע געווען רבי בלויז איין יאָר.

חסידים און חסידות־פאָרשער, ווען זיי רעדן וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, גייען זיי באַלד אַריבער צו זיינע תלמידים, די גייסטיגע יורשים פון בעש״ט — דער מעזריטשער מגיד, ר׳ דוב בער און ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה. וועגן בעש״ט׳ס קינדער רעדט מען ווייניק.

אָבער דער בעש״ט האָט אויך געהאַט אַ זון, ר׳ צבי, און אַ טאָכטער אָדל.

דעם בעש״ט׳ס איינציקער זון, ר׳ צבי, איז געבוירן פון בעש״ט׳ס ווייב חנה, וועלכע האָט אַזוי שטאַרק געליטן צוזאַמען מיט אים, אינאיינעם מיט אים געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט ביז זיי האָבן זיך באַזעצט אין מעזשיבעזש, אַ שטעטל אין פּאָדאָליע.

לויט דער מסורה, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין „שבחי הבעש״ט״ [1], איז ר׳ הערשעלע געבוירן געוואָרן „על פי הדיבור״. אַזוי שטייט דאָרט: „אני הייתי פרוש י״ד שנים במטה וזה הערשעלי בני נולד על פי הדיבור״ (איך בין געווען אָפּגעשיידט פערצן יאָר פון מיין ווייב און מיין זון הערשעלע איז געבוירן „על פי הדיבור״)...

די משכילים און באַקעמפער פון חסידות האָבן שטאַרק אויסגענוצט די דאָזיקע פראַזע און האָבן אָנגעוויזן, אַז עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין „שבחי הבעש״ט״ שטעלן, וואָס דערמאָנען אין „אותו האיש״, רחמנא ליצלן.

אָבער עס ווייזט ריכטיק אָן הרב מ. י. גוטמאַן אין זיין ספר „רבי ישראל בעש״ט״ [2], אַז די כוונה פון בעש״ט מיט דעם זאָג איז געווען צו דערהויבן דאָס חשיבות פון זיין זון ר׳ הערשעלע, אַז ער איז נישט סתם אַ פשוט׳ער מענטש, נאָר פון הימל האָט מען אים געגויט ער זאָל

1) ל״ו.
2) זייט 45.

אַראָפּברענגען אַזאַ נשמה. „על פּי הדיבור״ מיינט מען דאָ, אַז „לויט דעם באַפעל פון הימל איז הערשעלע געבוירן געוואָרן...״

ר׳ הערשעלע איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין פאָטער דעם בעש״ט און ער האָט געלערנט ביי זיין פעטער, ר׳ גרשון קיטעווער.

אין אַ בריוו, וואָס ר׳ גרשון קיטעווער שרייבט אין יאָר תק״ז פון ארץ־ישראל, בעט ער ר׳ הערשעלען ער זאָל ווייטער לערנען בהתמדה, „כדי מיין טרחה, וואָס איך האָב געלערנט מיט דיר, זאָל נישט האָבן גע־ווען בחינם״.

ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז ר׳ הערשעלע געווען אַ קינד, וואָס האָט ליב געהאַט די נאַטור, אַזוי ווי זיין פאָטער, און ער פלעגט אַרויס־גיין אין וואַלד און זיך צוהערן צו די צוויטשערייען פון די פייגל...

אין זעלבן בריוו שרייבט אים טאַקע אויך זיין פעטער ר׳ גרשון קיטעווער: „נאָך בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך נישט צוהערן צו די „עופות טמאים״, וואָס זינגען, און דו זאָלסט זיך נישט אָפּגעבן מיט נאַ־רישקייטן און נישט פאַרלירן די גוטע יאָרן, ווען דער מילשטיין פון לעבן ליגט נאָך נישט אויף דיין האַלדז״...[3].

ר׳ צבי הערשעלע איז געווען אַ נחבא אל הכלים, און ער איז נישט געוואָרן קיין רבי. אַזוי ווערט דערמאָנט אין אַלע ספרים וועגן דער גע־שיכטע פון בעש״ט, אָבער אין ספר „תומכי חכמים״[4]) ווערט אָנגעגעבן, אַז ר׳ צבי איז געווען אַ רבי איין יאָר.

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערציילט, אַז ר׳ צבי האָט זיך אויך אַנטקעגנגעשטעלט אַן עלילת־דם און ער האָט צוליב דעם אויסגעגעבן אַ סך געלט. ער איז געוואָרן אַ גרויסער בעל־חוב צו די פּריצים. איינמאָל האָט ער געזען זיין פאָטער דעם בעש״ט אין חלום, האָט ער געפרעגט זיין פאָטער: ווייסטו פון מיין צער? האָט דער בעש״ט געענטפערט: „איך ווייס״. האָט ר׳ הערשעלע געפרעגט: „ווער האָט דיר געזאָגט?״ האָט דער בעש״ט געענטפערט: „אונזערע אָבות, אברהם יצחק ויעקב, וואָס גייען אויף די וועגן זיך צו דערוויסן די צרות פון די יידן און דערנאָך קומען זיי צו

3) „עכשו בקשתי שטוחה שאל תפנה אל העופות טמאים שמצפצפין, בדברים של הבלי העולם ולא תפסיד השנים הטובות האלו, שיש לך זמן, שאין ריחיים תלוי בצוארך, ותמאס במעשי נערות שהרגלת, ואל תקנא לבך בחטאים, כ״א (כי אם) ביראת ד׳ כל הימים... כל יום תניח שעה אחת של דברים בטלים שלך ותלמוד לכתוב בזאת השעה״.

דער דאָזיקער בריוו האָט זיך געפונען אין כתב־יד ביי א. כהנא, און ער האָט אים פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך צום 70־יעריקן יובילײ פון אַברהם אליהו הרכבי. דער בריוו איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַברהם כהנא׳ס אַנטאָלאָגיע „ספר החסידות״, זייטן 78־82.

4) זייט 11.

די קברים פון די צדיקים און לאָזן זיי וויסן וועגן דעם, אָבער איך האָב מער נישט קיין צייט מיט דיר צו רעדן, ווייל איך דאַרף גיין מבטל זיין די עלילות פון די רויבער, וואָס מען רופט „היידאַמאַקעס״...

און דער בעל „שבחי הבעש״ט״ גיט צו, אַז „דער חלום איז פאָרגעקומען צוויי וואָכן פאַר פסח און אין פסח איז אין שדה־לבן געמאַכט געוואָרן אַן עלילת־דם אויף יידן און אַ צאָל יידן זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. האָט מען געשיקט אַ שליח צום רב, ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין אין שביעי של פסח. און ער האָט געזאָגט די שירה מיט גרויס שמחה און ביים טיש האָט ער געזאָגט צו זיין שווער: ׳איך בין בטוח, אַז השם יתברך האָט מבטל געמאַכט די גזירה׳, און אַזוי איז טאַקע געווען״...

פון ר׳ הערשעלע איז נישט פאַרבליבן קיין שום חדושי תורה, בלויז עטלעכע געדאַנקען, ווי אַז אין דעם פסוק „הבו לד׳ בני אלים״, איז דאָס וואָרט „אלים״ די ראשי תיבות „יעקב אבינו לא מת״ [5]).

אויך ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ הערשעלע, אַז איינמאָל האָט ער געזען זיין פאָטער, דעם בעש״ט׳ אין חלום, האָט ער אים געפרעגט: „ווי אַזוי דינט מען דעם אייבערשטן?״

האָט דער בעש״ט אים געוויזן אַ הויכן באַרג, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום הימל און נעבן באַרג איז געווען אַ גאַר טיפער גרוב. און דער בעש״ט איז געשטאַנען אויף דעם הויכן באַרג און ער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן אינעם טיפן גרוב אַריין און אַלע אברים זיינען אים צעשאָטן געוואָרן און דערנאָך האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיין זון:

„אַט אַזוי דינט מען דעם אייבערשטן״... [6]).

לויט אַן אַנדערער חסידישער אגדה, האָט דער בעש״ט זיך באַוויזן אין חלום צו זיין זון הערשעלע אין דער פאָרם פון אַ פייערדיקן באַרג, וואָס איז זיך צעפאַלן אין ביליאָנען פונקען, און דער בעש״ט האָט אים דערנאָך געזאָגט: „אַט אַזוי דינט מען דעם אייבערשטן״ [7]).

ר׳ הערשעלע איז געווען אַן איידעם פון ר׳ שמואל פון פינסק [8]). ער האָט עוסק געווען אין מסחר. ער איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין פאָטער — דעם בעש״ט, און עוסק געווען אין צדקה און אין פדיון שבויים.

זיין שוועסטערס זון, דער רבי ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, שרייבט אין „דגל מחנה אפרים״ [9]): „אור ליום ד׳, פרשת עקב, תקמ״ה, ראיתי שהייתי בעליה של דודי מו״ה צבי הירש זללה״ה״ (איך האָב גע־

5) „קרבן עני״, פרשת בשלח.
6) „בית אהרן״, לפסח.
7) הרב מ. י. גוטמאַן, „רבי ישראל בעש״ט״, זייט 32.
8) דאָרט, זייט 45.
9) „קונטרס החלומות״.

זען, אַז איך בין געווען אויפן בוידעם פון מיין פעטער ר׳ צבי הירש ז״ל).
דער בעש״ט איז נסתלק געוואָרן אין יאָר תק״ך (1760) און אין יאָר תקמ״ה (1785) איז ר׳ הערשעלע שוין נישט געווען בזה העולם.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז ר׳ הערשעלע איז געווען איין יאָר רבי, און שבועות תקכ״א, אין טאָג פון דער יאָרצייט פון בעש״ט, איז ר׳ הערשעלע געזעסן ביים טיש מיט די חסידים און ער האָט געזאָגט:

„עס איז צו מיר היינט געקומען מיין טאַטע און ער האָט מיר געזאָגט, אַז די שכינה האָט גענומען איר שטעקן און טאָרבע און איז אַריבער צום רבין ר׳ בער״.

און ר׳ הערשעלע האָט גלייך אויפן אָרט אויסגעטאָן די מלבושים פון זיין פאָטער און זיי אָנגעטאָן דעם רבי׳ן ר׳ בער פון מעזריטש.

ר׳ הערשעלע האָט איבערגעלאָזט דריי זין: ר׳ אהרן פון טיטיאוו, ר׳ דוד פון אולאַנאָוו און ר׳ ישראל, און אַן איידעם, ר׳ משה זאב אורבוך, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל און איז אומגעקומען בשעת דער ערדציטער־ניש אין צפת, אין 1779.

ר׳ אהרן פון טיטיאוו האָט געוואוינט אין אַלט־קאָנסטאַנטין, דערנאָך אין טיטיאוו און דאָרט איז ער געוואָרן אַ רבי. סוף ימיו האָט ער געוואוינט אין פאָווליטש און דאָרט נפטר געוואָרן ה׳ טבת, תקפ״ט — 1829.

וועגן ר׳ הערשעלע איז געשאַפן געוואָרן אגדות, כדי צו ווייזן זיין גרויסקייט.

אין קונטרס „מאירת עינים״ [10]), וואָס איז צוגעדרוקט ווי אַן הקדמה צום ספר „בעל שם טוב״ פון שר״ב ר׳ שמעון מנחם מענדל פון גאוואר־טשאָוו, ווערט געבראַכט אַזאַ מעשה וועגן דעם בעש״ט און זיין זון ר׳ הערשעלע:

פאַר דער הסתלקות פון בעש״ט זיינען די תלמידים אַרומגעשטאַנען אַרום זיין בעט און זיי האָבן אים געפרעגט:

„רבי, אויף וועמען לאָזט איר אונדז איבער?״

האָט דער בעש״ט געענטפערט:

„אויף מיין בן יחיד, הערשעלען״.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיין זון און ער האָט אים געזאָגט:

„הערשעלע, דו האָסט מורא צו ווערן מיין ממלא מקום? איך בין דיר מבטיח, אַז ווען דו וועסט מיך רופן, וועל איך קומען צו דיר...״

און דעם ערשטן שבת נאָך דער הסתלקות פון בעש״ט זיינען די תלמידים פון בעש״ט געזעסן אַרום ר׳ הערשעלעס טיש, און ר׳ הערשעלע, וואָס איז געווען אַ נחבא אל הכלים, האָט ניט געזאָגט קיין תורה.

אַזוי איז געווען פרייטיק־צו־נאַכט און אַזוי שבת בייטאָג, ביי דער

10) זייטן 29־30.

צווייטער סעודה. צו שלוש סעודות האָבן די תלמידים שוין זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיי האָבן אַליין אָנגעהויבן צו זאָגן תורה און זיי האָבן דערמאָנט אַ מאַמר פון בעש״ט, און ר׳ הערשעלע, ווען ער האָט געהערט די תלמידים זאָגן תורה, האָט ער געזאָגט:

„דו זעסט, טאַטע, זיי האָבן פאַר מיר קיין דרך־ארץ ניט!״

און באַלד האָט זיך באַוויזן דער בעל־שם־טוב און אויף אַלע תלמידים איז געפאַלן אַ גרויסער פחד... און די תלמידים האָבן זיך פאַרענטפערט און זיי האָבן געזאָגט:

„חלילה, חלילה, מיר האָבן קיין שום כוונה ניט געהאַט מבייש צו זיין ר׳ הערשעלען, נאָר מיר זיינען אַזוי געוואוינט געווען צו הערן זאָגן תורה שבת ביי די טישן, אַז מיר האָבן אַליין אָנגעהויבן צו זאָגן און נאָכגעזאָגט אַ מאַמר פון בעש״ט"...

לויט ווי עס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט", איז ר׳ צבי גע־שלאָפען אין טאָג פון דער פטירה פון בעש״ט.

אָט ווי אַזוי עס ווערט אָנגעגעבן דער שמועס, וואָס דער בעש״ט האָט געהאַט מיט זיין זון פאַר זיין פטירה:

„שמעתי, איך האָב געהערט מהרב, אַז ר׳ לייב קעסלער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען די יציאַת נשמה פון בעש״ט און עס איז געווען ווי אַ פלאַם פייער, מראה תכלת. וביום מותו איז זיין זון מוהר״ר ר׳ צבי גע־שלאָפן. האָט מען צום בעש״ט געזאָגט: ׳וואָס גיט איר נישט אַ צוואה אייער זון?׳ האָט ער געענטפערט: ׳וואָס זאָל איך טאָן, אַז ער שלאָפט׳.

„און דערפאַר איז דער זון געשלאָפן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז זיין פאָטער וועט אין דעם טאָג נסתלק ווערן.

האָט מען אים אויפגעוועקט און מען האָט אים געזאָגט:

„דיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט בוודאי היינט נפטר ווערן".

איז דער זון אַריין צום פאָטער און האָט אָנגעהויבן צו וויינען. האָט דער פאָטער צו אים געזאָגט: „איך האָב דיר געגעבן אַ נשמה קדושה, וואָרים ווען איך האָב מיך באַהעפט מיט מיין וויב האָבן אַלע הימלען געציטערט. ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך בכוח געווען דיר צו געבן די נשמה פון אָדם הראשון ׳בסוד העיבור׳, און דעמאָלט וואָלסטו געוואוסט וואָס מען דאַרף וויסן. נאָר סיי ווי האָסטו אַ נשמה קדושה און דו דאַרפסט נישט דאָס אַלץ".

האָט דער זון אים געבעטן:

„זאָג מיר פאַרט איין זאַך".

האָט דער בעש״ט אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן, האָט דער זון געזאָגט:

„איך פאַרשטיי ניט וואָס דו זאָגסט מיר".

האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„עס איז מיר שווער די וועלט און איך קאָן מער מיט דיר נישט ריידען".
דאָך האָט דער בעש"ט אים אויסגעלערנט אַ שם און האָט אים געזאָגט:
„נאָך מיין טויט, אַז דו וועסט מכוון זיין דעם שם וועסטו מיך זען און איך וועל מיט דיר לערנען".
האָט ר׳ הערשעלע געזאָגט דעם בעש"ט:
„טאָמער וועל איך פאַרגעסן דעם שם?"
האָט דער בעש"ט אים געזאָגט אַ סגולה, ער זאָל געדענקען דעם שם.
לויט דער מסורה איז ר׳ הערשעלע נפטר געוואָרן ז׳ טבת, תק"מ — 1780, אין מעזשיבעזש און ער איז נקבר געוואָרן לעבן קבר פון זיין פאָטער, דעם בעש"ט. אַנדערע האַלטן, אַז ער איז נפטר געוואָרן אין פינסק און דאָרט נקבר געוואָרן.

וועגן ר׳ צבי זיינען אויך פאַראַן עטלעכע בריוו פון בעש"ט צו אים און פון אים צום בעש"ט אין דער זאַמלונג פון בריוו, וואָס זיינען געפונען געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע זאַמלונג ווערט אָנגערופן „די כערסאָנער גניזה".
די דאָזיקע בריוו זיינען שטאַרק מוטל בספק צי זיי זיינען אמתע, אָבער די חסידי חב"ד האַלטן, אַז זיי זיינען ריכטיקע און האָבן זיי אַריינגענומען אין זייערע זאַמלונגען. די דאָזיקע בריוו זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ספר „רבי ישראל בעל שם טוב", וואָס די חסידי חב"ד האָבן אַרויסגעגעבן[11]), און דאָס ווייזט אָן וואָס פאַר אַ מסורה עס איז צווישן חב"דער חסידים וועגן ר׳ הערשעלען.
מיר וועלן דאָ איבערגעבן עטלעכע בריוו פון זיי.
איין בריוו[12]) איז פון ר׳ הערשעלען צו זיין פאָטער:
ב"ה, פינסק, ג׳ ויגש, תקט"ז. לאָבי אדמו"ר הקדוש מאור הגולה כש"ת מו"ה ישראל נ"י.
„את הכל קבלתי וקיימתי כאשר צוויתני. דו"ש אמי הרבנית תחי׳ ובו"ב יחיו. דברי בנך אוהבך צבי" (אין אידיש: איך האָב אַלץ דערהאַלטן און געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן. אַ גרוס דער מאַמען און דעם גאַנצן הויזגעזינט).
אַ צווייטער בריוו[13]) איז פון בעש"ט צום זון:
„ב"ה, עשי"ת, תקי"ז. כוח"ט בכב"י לבני יקירי קדוש מני בטן, משוש כל, מ׳ צבי נ"י. תקבל ממוכ"ז מעות סך ג׳ מאות אדומים ותלך להדוכס אַנטאָני ותמסור לידו הסך ותאמר לו בזה"ל על פויליש: אבא פקד לשחררם

11) „רבי ישראל בעל שם טוב", מאת הרב אַברהם חנוך גליצנשטיין, הוצאת „אוצר החסידים", ברוקלין־כפר חב"ד, ישראל, 1960.
12) נומער 346, זייט 227.
13) זייט 230.

ואם לאו בל יהי׳ סוף טוב, ובהשי״ת בטחתי שיפעול הדבר. ד׳ אָביך המרחם על הבריות, ישראל בע״ש ממעזבוז״ (אין אידיש: וועסט קריגן דורך דעם איבערברענגער פון דעם בריוו די סומע פון דריי הונדערט רויטע קערבלעך און דו זאָלסט גיין צום דוכס אַנטאָני און זאָלסט אים איבערגעבן דאָס געלט און זאָלסט אים זאָגן אין לשון פויליש אַזוי: דער טאַטע האָט באַפוילן דו זאָלסט זיי באַפרייען (מן הסתם געמיינט יידן, וואָס דער דוכס האָט געהאַלטן תפוס), און אויב ער וועט דאָס נישט טאָן וועט ער האָבן ניט קיין גוטן סוף, און מיטן אויבערשטנס הילף בין איך בטוח, אַז דאָס וועט פועלן).

אין אַן אַנדערן בריוו, פון ערב שבת קודש פרשת בא, תקי״ח, שרייבט דער בעש״ט צום זון ר׳ צבי:

„נחוץ לי אחר ש״ק איה״ש אלף אדומים על משך חודש ימים, תראה להתאמץ ללות לי אי״ה כי נחוץ על פדיון ש׳״ (איך דאַרף זייער נויטיק האָבן טויזנט רויטע קערבלעך אויף אַ חודש צייט. שטרענג זיך אָן דאָס צו באַרגן, ווייל איך דאַרף עס האָבן אויף פדיון שבויים).

אין אַ בריוו פון יאָר תקי״ח שרייבט דער בעש״ט צום זון:

„אַל תתנהג ברבנות חו״ש, רק במסחר ובזה תשכיל ותצליח, וזכור תזכור את אשר אָמרתי לך, כי מיום המר שנגליתי אני בוכה בכל יום על רוע מזלי, אם כי מן השמים דחפוני וד״ל״ (זאָלסט נישט אַנגעמען קיין רבנות־שטעלע, נאָר זאָלסט עוסק זיין אין מסחר און דו וועסט מצליח זיין. געדענק גוט וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז פון דעם טאָג ווען איך בין נתגלה געוואָרן וויין איך יעדן טאָג אויף מיין ביטערן מזל, כאָטש פון הימל האָט מען מיך געצוואונגען דאָס צו טאָן).

צווישן די בריוו איז אויך פאַראַן אַ בריוו פון רבי׳ן ר׳ פנחסל קאָריצער צו ר׳ צבי׳ן, פון יאָר תקי״ט, אַז אַזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער בעש״ט איז נישט אין דער היים, בעט ער, אַז ער, ר׳ צבי, זאָל מודיע זיין דעם בעש״ט, אַז ער האָט צונויפגעזאַמלט טויזנט פוילישע גילדן, וואָס געפינען זיך ביי דעם נגיד ר׳ ברוך סג״ל אין אויסטראָה, און אַז דאָס געלט איז געזאַמלט געוואָרן מפרנס צו זיין די „הייליקע נסתרים״[14]).

אָט אַזוי האָבן די תלמידי הבעש״ט איינגעהילט דעם בעש״טס פטירה אין אַ גרויסער מיסטעריע און פאַרהייליקט זיין נשמה.

14) וועגן דער „בערסאָנער גניזה״ זע קאַפּיטל י״ד.

קאַפּיטל ט

דעם בעש״ט'ס טאָכטער אָדל

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיין טאָכטער מיטגענומען אויף פאַרשידענע נסיעות. — אָדל׳ס מאַן, ר׳ יחיאל פון טאָלטשין. — דער בעש״ט שיקט זיין תלמיד, ר׳ יעקב יוסף פון פולנאה, ער זאָל אים פאַרהערן. — אָדל׳ס קינדער, די צוויי גרויסע רביים. — אַ מעשה וועגן אָדל׳ס אַ זון.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין חסידות. חסידים האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ צדקנית.

דער בעש״ט האָט אויף איר געזאָגט, אַז זי האָט איר נשמה גענומען פון דער תורה, פון דעם פסוק: „אש דת למו״ (די ראשי תיבות פון „אדל״ [1]).

דער בעש״ט האָט זיין טאָכטער מיטגענומען אויף פאַרשידענע נסיעות. און ווען דער בעש״ט איז, לויט דער חסידישער מסורה, געפאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי צו דערנענטערן דעם קץ, האָט ער מיטגענומען זיין טאָכטער אָדל [2]).

אָדלס מאַן איז געווען ר׳ יחיאל אשכנזי, פון טאָלטשין. די חסידים האָבן אים גערופן „דאָס דייטשל״.

עס ווערט דערציילט, אַז איידער דער בעש״ט האָט זיך משדך געווען מיט ר׳ יחיאל׳ן, האָט ער געשיקט זיין תלמיד, ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה, ער זאָל אים פאַרהערן, ווי עס ווערט געבראַכט אין ספר „בוצינא דנהורא השלם״ [3]).

דאָרט שטייט געשריבן אַזוי:

„וגם חתנו (של הבעש״ט) כבנו הוא הקדוש ר׳ יחיאל מטולטשין זצ״ל, היה מעלמא דאתכסיא, שלא יכלו לעמוד על תרומת מדותיו, וזה דרכו לאלקיו הצנע לכת כל ימותיו. טרם לקח מרן הבעש״ט לחתן בתו אָדל ע״ה, שלח את תלמידו הרה״ק בעל התולדות יעקב יוסף זי״ע לבחון אותו...״

אין יידיש: „אויך זיין (דעם בעש״ט׳ס) איידעם, אַזוי ווי דער זון (ר׳

1) „שבחי הבעש״ט״, י״ז.

2) זיין ווייב איז שוין געהאַט געשטאָרבן און זיין זון ר׳ צבי האָט געוואוינט אין אַן אַנדער שטאָט.

3) זייט 3.

צבי), און דאָס איז דער קדוש ר׳ יחיאל פון טאָלטשין זי״ע, איז געווען פון דער פאַרבאָרגענער וועלט און מען האָט נישט געקענט דערזען זיינע גוטע מידות. זיין דרך אין אידישקייט איז געווען צו זיין אַ פאַרבאָרגענער, און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען זיין גאַנץ לעבן. איידער דער בעש״ט זצ״ל האָט אים גענומען פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, האָט ער געשיקט זיין תלמיד דעם בעל „תולדות יעקב יוסף״, זיין זכות זאָל אויף אונז מגין זיין, ער זאָל אים פאַרהערן״.

ווען דעם בעש״ט׳ס תלמיד, ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה, איז צוריק־געקומען צום בעש״ט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרהערט דעם חתן ר׳ יחיאלן, האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

— וואָס זאָגט ער?

האָט דער בעל „תולדות יעקב יוסף״ געענטפערט:

— ער זאָגט: „איך האָב נישט געקענט, איך קען נישט און איך וועל נישט קענען...״

חסידים טייטשן אין דעם זאָג אַריין גרויסע כוונות; ווייל לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין ספר פון ר׳ יחיאלס זון, דעם בעל „דגל מחנה אפרים״ [4]), איז אַן אונטערשיד צווישן די לומדים און צדיקים אין דעם, וואָס „די לומדים לערנען יאָ און די חסידים לערנען נישט״, דאָס הייסט, אַז די לומדים האַלטן זיך שטאָלץ און זיי דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבן שוין אַלץ געלערנט, אָבער די חסידים זיינען שפלדיק ביי זיך, און זיי דוכט זיך תמיד אויס, אַז זיי האָבן נאָך נישט געלערנט...[5])

פון ר׳ יחיאלן איז נישט געבליבן קיין דברי תורה. נאָר זיין זון ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו ברענגט פון אים אַ תורה, וואָס ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון בעש״ט [6]).

אין ספר „עבודת ישראל״ פון קאָזשעניצער מגיד [7]), ווערט געבראַכט אַ חסידיש וואָרט אין נאָמען פון „חכם ר׳ יחיאל ז״ל״, אַז „כל קומה לפניך תשתחוה״, מיינט מען, אַז מען קאָן זיך בוקן, אַפילו ווען מען שטייט גלייך, נאָר דאָס האַרץ איז שפלדיק...

דאָס וואָס דער בעל „עבודת ישראל״ באַטיטלט ר׳ יחיאלן מיטן טיטל „חכם״ און נישט „רב״, איז פאַראַן אַ השערה, אַז דער מגיד האָט געמיינט ר׳ יחיאלן, דעם בעש״טס איידעם.

אויך ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז ר׳ יחיאל געווען ביים מעזע־ריטשער מגיד, דער תלמיד פון בעש״ט און דער גייסטיקער יורש פון

4) פרשת ויקרא.

5) הרב מ. י. גוטמאַן: „רבי ישראל בעש״ט״, זייט 46.

6) „דגל מחנה אפרים״, פרשת לך.

7) אָבות ה׳.

בעש״ט, אין פורים, האָט ר׳ יחיאל געמאַכט אַ פורים־סעודה פאַר זיך אויף דער אַכסניא. האָט דער מגיד צו אים געשיקט זיין תלמיד, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, ער זאָל אים פאַרבעטן ער זאָל קומען צום מגיד צו דער פורים־סעודה. ר׳ יחיאל איז געקומען צום מגיד און דער ליאַדיער רבי האָט פון אים געהערט אַ חסידישן מאמר, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט פון זיין שווער דעם בעש״ט. און לויט ווי חב״דער חסידים גיבן איבער, איז פון דעם מאַמר געבויט געוואָרן דער דרוש פון ליאַדיער רבין: „יביאו לבוש מלכות״ [8]).

אין דעם קאַמף וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן די חסידים, האָבן זיי אויך אויסגעטראַכט, אַז די חסידים האָבן געטאַנצט אַרום דעם בעש״טס טאָכטער.

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט בלויז דערציילט, אַז אַ פרייטיק־צו־נאַכטס האָט מען געדאַוונט אין קלויז קבלת־שבת און ווי דער סדר פון די חסידים איז געווען, האָט מען אינמיטן דאַוונען אויך געטאַנצט. און גראָד איז די טיר פון דער ווייבער־שול געווען אָפן, און אָדל, די טאָכטער פון בעש״ט, איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט זיך צוגעקוקט וויאַזוי די חסידים טאַנצן...

אין די בריוו פון דער „כערסאָנער גניזה״ זיינען אויך פאַראַן מכלומרשטע בריוו פון בעש״ט צו זיין טאָכטער אָדל און צו זיין איידעם, ר׳ יחיאל און אויך פון אָדלען צום בעש״ט.

אין איין בריוו פון בעש״ט פון ה׳ שמות תקי״ג, שרייבט דער בעש״ט צו זיינע חסידים, אַז ער גיט אַ כתב זיין איידעם, ר׳ יחיאלן, אַז ער זאָל פאָרן אומעטום און זאַמלען געלט פאַר אָרעמעלייט, „ווייל עס הערשט אַ גרויסער הונגער אין אונדזער סביבה״ [9]).

אין אַ בריוו פון בעש״ט צו זיין טאָכטער „אָדילעבין״ (אָדל לעבן) פון א׳ פרשת תולדות, תקי״ח, שרייבט דער בעש״ט, אַז די קמיע איז נישט גוט, ווייל דער סופר האָט זיך טועה געווען און ער האָט געשריבן אַן „אַלף״ אַנשטאָט אַ „הא״; שפרה שרייבט מען מיט אַ „הא״, נישט מיט אַן „אַלף״.

אין אַן אַנדערן בריוו, דאַטירט א׳ תולדות תקי״ח, פון בערשאַד, שרייבט דער בעש״ט צו זיין טאָכטער:

„מכתבך ק. (קבלתי) — דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן. זהאַלסט אַזוי טין: נעמין אַקאַווע לעפילי בוימיל טוב אין אַ גלעזיל אין אַריין שיטין (אַריינשיטן) אינגבער אין אַריין גיסין אָקעלי יין שרף אין אַנרייבין זייף אַבישילי (אַביסעלע) אין אַריין שיטין, אַנידערשטעלין אויף אַ וואַרים אָרט,

8) „בית רבי״.
9) די בריוו זיינען אין אָריגינאַל אין לשון־קודש און אין יידיש.

ביז צוויי שעות אין איהם איין רייבין דיא פיסליך קודם השינה (פאַרן שלאָף) ויועיל איה״ש״.

דאָס איז געווען די רפואה, וואָס דער בעש״ט האָט געשיקט צו זיין טאָכטער אָדל, פאַר איר זון ברוך [10]), וואָס איז קראַנק געווען.

אין אַ בריוו פון אָדלען צום בעש״ט פון ג׳ דברים תקי״ח, פון מעזשיבעזש, שרייבט אים די טאָכטער, אַז זי האָט דערהאַלטן די רפואה און זי האָט אַלץ געטאָן אַזוי ווי דער פאָטער האָט געהייסן און די רפואה האָט געווירקט. אויך לאָזט זי אים וויסן, אַז דער רבי ר׳ בער [11]) ליגט קראַנק און זיין זון אַברהמיני [12]) איז נישט בקו הבריאה; „על כן שרייב דיר להזכירם לחיים... דברי בתך וואַש (וואָס) האָפט שוין צי זעהען דיין הייליגע צורה מיט גיזונט, אָמן...

„ב. (בעלי — ר׳ יחיאל) איז נישט בביתו. די קינדירליך גרישין (גריסן)״...

ר׳ יחיאל האָט געהאַט צוויי זין און איין טאָכטער. דער בכור האָט גע־הייסן ר׳ משה חיים אפרים. ער איז געווען דער סודילקאָווער רב און רבי, און איז דער מחבר פון חסידישן ספר „דגל מחנה אפרים״ אויף דער תורה. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן ביים זיידן, דעם בעש״ט. דער בעש״ט שרייבט אין אַ בריוו צו זיין שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, וואָס האָט דעמאָלט שוין געוואוינט אין ארץ־ישראל, אַז „נכדי כמר אפרים עלוי גדול בתכלית הלימוד״ (מיין אייניקל אפרים איז אַ גרויסער עילוי אין לערנען).

דער צווייטער זון האָט געהייסן ר׳ ברוך. ער איז געווען רב און רבי אין מעזשיבעזש. זיין ספר הייסט „בוצינא דנהורא״. עס איז פאַראַן נאָך אַ ספר, „אמרות טהורות״, וואָס זיינע תלמידים האָבן צונויפגעשטעלט.

די טאָכטער פון ר׳ יחיאלן האָט געהייסן פייגע. זי איז געווען אַ גרויסע צדקנית און חסידים האָבן איר געגעבן קוויטלעך. זי איז געווען די שנור פון ר׳ נחמן האָראָדענקער. איר מאַן האָט געהייסן ר׳ שמחה און זייער זון איז געווען דער באַרימטער רבי, ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו.

אין ספר „מאירת עינים״ [13]) ווערט דערציילט [14]), אַז אָדל האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער [15]).

נאָך איר חתונה האָט זי נישט געהאַט קיין קינדער, איז זי אַריין צו

10) דער רבי ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש.

11) דער מעזעריטשער מגיד.

12) ר׳ אברהם מלאָך.

13) צוגעדרוקט אַלס הקדמה צום ספר „בעל שם טוב״, פון ר׳ שמעון מנחם מענדל שו״ב אין גאָווערטשאָוו.

14) זייט 30.

15) מיר ווייסן ניט, צי מען מיינט די טאָכטער פייגע, צי נאָך אַ טאָכטער — מסתמא איז עס פייגע, ר׳ נחמן בראַסלאַווערס מוטער.

איר זיידן, דעם בעש״ט, און אים געבעטן ער זאָל איר מבטיח זיין, אַז זי וועט האָבן אַ בן־זכר. האָט דער בעש״ט איר מבטיח געווען.

נאָך דער פטירה פון בעש״ט האָט זי געבוירן אַ ייִנגל און אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן זיידן, ישראל.

ווען דאָס ייִנגל איז אַלט געווען צוויי יאָר, איז עס פּלוצלונג זייער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

האָט די מוטער גענומען דאָס קינד אויף אירע הענט און איז מיט אים געגאַנגען אויפן ציון פון איר זיידן און זי האָט אַזוי געזאָגט:

„זיידי (זיידע), איז דאָס דען נישט דאָס קינד, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט?...״

און זי האָט דאָס טויטע קינד איבערגעלאָזט אויפן זיידנס ציון און זי איז צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין.

און אין זעלבן טאָג זיינען חסידים געגאַנגען מתפלל זיין אויפן בעל־שם־טוב׳ס קבר. אַזוי ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין אוהל, האָבן זיי געזען אַ לעבעדיק קינד זיצן און וויינען. האָבן זיי נישט געוואוסט פון וואַנען עס קומט אַ קינד אויפן בעש״טס ציון.

און ווען זיי זיינען צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין, האָבן זיי מיט־גענומען דאָס קינד.

איז געוואָרן אַ רעש אין שטאָט, אַז מען האָט געפונען אַ לעבעדיק קינד אויפן ציון פון בעש״ט.

האָט זיך דערפון דערוואוסט זיין מוטער איז זי געקומען און האָט צוריק אַהיימגענומען דאָס קינד. דאָס קינד איז געזונט געוואָרן און האָט לאַנג געלעבט.

אין דער מעשה ווערט ווייטער דערציילט, אַז ביינאַכט האָט זיך באַ־וויזן דער בעש״ט אין חלום צו זיין אייניקל, אָדלס טאָכטער, און ער האָט איר געזאָגט:

„צוליב וואָס האָסטו געדאַרפט ברענגען דיין קינד? ווען דו קומסט אַליין אויפן ציון, וואָלט אויך גוט געווען. און צוליב וואָס האָסטו מיר גע־דאַרפט פאַרשאַפן אַזויפיל טירחה, וואָרים די נשמה פון קינד האָט זיך שוין געהאַט אויסגעמישט מיט די טויזנטער אַנדערע נשמות אין הימל, און איך האָב געהאַט אַ גרויסע טירחה צו געפינען די דאָזיקע נשמה צווישן די אַנדערע נשמות און זי צוריקברענגען אין גוף אַריין פון דיין קינד...״

דאָס קינד האָט מען דערנאָך גערופן „ישראל מת״ (ישראל דער טויטער); און דערפון שטאַמט דער פאַמיליע־נאָמען „מת״, וואָס געוויסע אידן אין אוקראַינע האָבן געהאַט.

אָדל איז געשטאָרבן אין די יאָרן תקמ״ו — תקמ״ז; 1786 — 1787. איר מאַן, ר׳ יחיאל אשכנזי, איז נפטר געוואָרן בערך תקמ״ג — 1783.

קאַפּיטל י

דער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי האָט זיך געהאַלטן פאַרן גייסטיקן יורש פון בעש״ט

מעשיות וואָס ווערן דערציילט אין חב״ד׳ער הויף וועגן בעל־שם־טוב. — מאמרים פון בעש״ט אין חב״ד׳ער ספרים. — דער „תניא״ האָט גערופן דעם בעש״ט, „זיידע״.

דער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער גרינדער פון דער שיטה חב״ד אין חסידות און דער מחבר פון „תניא״ און שולחן ערוך, האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גייסטיקן אייניקל פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, כאָטש ער איז בלויז געווען אַ תלמיד פון מעזעריטשער מגיד, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון בעש״ט.

דער ליאַדיער רבי פלעגט רופן דעם בעש״ט „זיידע״, אינעם גייס־טיקן זין, און ער פלעגט דעם ערשטן טאָג שבועות דאַוונען פאַרן עמוד צוליב דער יאָרצייט פון בעש״ט.

אין די חב״ד׳ער הויפן זיינען פאַראַן מסורות וועגן בעש״ט; וועגן זיין נתגלה ווערן; וועגן דעם גייסטיקן רבי פונעם בעש״ט, דער נביא אחיה השילוני; וועגן די „צדיקים נסתרים״ (פאַרבאָרגענע צדיקים), וואָס זיינען געווען בימי הבעש״ט — וואָס אין די אַנדערע חסידישע ספרים זיינען זיי נישט פאַראַן.

אויך ווערן דורך די גייסטיקע מנהיגים פון חב״ד איבערגעגעבן ווערטלעך און תורות אין נאָמען פון בעל־שם־טוב, וואָס מיר געפינען זיי נישט אין אַנדערע חסידישע ספרים.

וועלן מיר דאָ ברענגען ווערטער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ווי זיי ווערן געבראַכט אין די חב״ד׳ער ספרים.

די ווערטער זיינען דער עיקר וועגן אהבת ישראל און וועגן ליב האָבן דעם פשוטן מענטשן. כאָטש די חב״ד׳ער שיטה אין חסידות איז אַ פילאָזאָפישע און אַפּעלירט צו די יידן וואָס זיינען יודעי ח״ן, וואָס קענען קבלה און נגלה — זיינען אָבער די ווערטער, וואָס די מנהיגי חב״ד האָבן געבראַכט אין נאָמען פון בעל־שם־טוב, אַלץ וועגן דעם, אַז מען דאַרף מקרב זיין דעם פשוטן אידן, אַז מען דאַרף אים ליב האָבן און אַז ער איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

דער דאָזיקער געדאַנק ווערט אַרויסגעבראַכט אויף פאַרשידענע אופנים און אין פאַרשידענע אויסטייטשונגען און אַריינטייטשונגען אין די פסוקים פון דער תורה און אין די מאמרי חז״ל.

דער בעש״ט פלעגט זאָגן:

„אהבת ישראל איז אהבת המקום (ליב האָבן דעם אייבערשטן). עס שטייט [1]: ׳בנים אתם לה׳ אלוקיכם׳ — קינדער זייט איר צו גאָט, אייער גאָט. אַז מען האָט ליב דעם פאָטער, האָט מען ליב זיינע קינדער״ [2].

„מען דאַרף האָבן מסירת נפש אויף אַהבת ישראל, אַפילו פאַר אַ יידן, וועלכן מען האָט קיינמאָל נישט געזען״ [3].

„ליב האָבן אַ ייד איז אַ מצוה מדאורייתא. אין יעדער מצוה איז פאַראַן די ׳עשה׳ פון דער מצוה (דאָס דאַרפן טאָן) און די ׳לא תעשה׳ (דאָס נישט טאָרן טאָן). אַזוי אויך אין דער מצוה פון אַהבת ישראל איז פאַראַן: ׳ואהבת לרעך כמוך׳ — און דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט ווי דיך אַליין [4], דאָס איז די מצות ׳עשה׳. עס שטייט אויך: ׳לא תשנא את אחיך׳ — זאָלסט נישט פיינט האָבן דיין ברודער [5], דאָס איז די מצות ׳לא תעשה׳״.

„דאָס פשטות פון דעם פשוטן יידן, זיין דאַווענען, זיין זאָגן תהלים נאָכן דאַווענען, זיין טאָן אַ מצוה, ווייל דער אייבערשטער האָט געהייסן — איז גורם אַ נחת־רוח אין הימל״ [6].

„אַהבת ישראל מיינט, ליב האָבן אַ יידן, אָן אונטערשייד צי ער איז אַ למדן, צי אַ פשוטער ייד״ [7].

„בדרך כלל טיילן זיך אין אַלע יידן אין צוויי סאָרטן: א) פשוטע יידן, וועלכע קענען נישט לערנען; ב) לומדים. די מצוה פון אַהבת ישראל איז חל אויף ביידע. די פשוטע יידן דאַרף מען ליב האָבן, ווייל זיי זיינען יידן, און די לומדים דאַרף מען ליב האָבן, ווייל זיי קענען לערנען. און די גמרא זאָגט [8], אַז דער וואָס איז גרויס איז זיין יצר־הרע גרויס; האָבן דאָך די לומדים אַ גרעסערן יצר־הרע און פונדעסטוועגן זיינען זיי ערלעכע יידן, דעריבער דאַרף מען זיי ליב האָבן [9].

„מען זאָל ליב האָבן און טייער האַלטן דעם גאָר פשוטן יידן, אַזוי

1) דברים י״ד, א׳.
2) „היום יום״, זייט 81.
3) דאָרט, זייט 131.
4) ויקרא י״ט, י״ח.
5) דאָרט, י״ט, י״ז.
6) „ספר המאמרים, תש״ח״, קונטרס ג״ז, זייט 190.
7) דאָרט, זייט 192.
8) סוכה, דף נ״ב, עמוד א׳.
9) „ליקוטי דיבורים״, כרך ב׳, ליקוט י״א, זייט 421.

ווי דעם גרעסטן גאון, ווייל ער איז אַ ייד און מיר אַלע האָבן איין פאָטער״ [10]).

„אַהבת ישראל איז אַ שליסל, וואָס פּאַסט זיך צו צו אַלע שלעסער פון די היכלות פון רחמים, רפואה, ישועה און פּרנסה [11]).

„דער עיקר פון חסידות איז: מתקן זיין די מידות און האַלטן טייער אַ פּשוטן יידן״ [12]).

„׳ואהבת לרעך כמוך׳ — דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט ווי דיך אַליין [13]) — איז אַ פּירוש אויף ׳ואהבת את ד׳ אלוקיך׳ — דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט [14]). ווען מען האָט ליב אַ יידן, האָט מען ליב דעם אייבערשטן״ [15]).

„אַהבת ישראל איז דאָס ערשטע טויער, וואָס פירט אין די חצרות פון אייבערשטן״ [16]).

„עס שטייט: יעדע תורה, וואָס האָט נישט מיט זיך קיין מלאכה, איז איר סוף, אַז זי ווערט בטל [17]). מלאכה מיינט התעסקות — יעדע תורה, וואָס עס איז מיט איר נישטאָ קיין התעסקות אין אַהבת ישראל, איז איר סוף, אַז זי ווערט בטל. יעדעס שטיקל תורה, וואָס מ׳לערנט און ס׳ברענגט נישט קיין מלאכה, דאָס מיינט, עס ברענגט נישט קיין אַהבת ישראל — איז די תורה קיין תורה נישט״ [18]).

***

דער בעש״ט איז פאַר זיין התגלות געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ער פלעגט פירן די קינדער אין חדר אַריין און זיי צוריקברענגען אַהיים. ער פלעגט זיי קושן פאַר גרויס ליבשאַפט און אַהבת ישראל. דער מעזעריטשער מגיד האָט געזאָגט, אַז ער ווינטשט זיך צו קושן אַ ספר־תורה מיט דער זעלבער ליבשאַפט, וואָס דער בעל־שם־טוב פלעגט קושן אַ יידיש קינד, וואָס האָט געזאָגט אַלף־בית״ [19]).

***

10) „ספר המאמרים, תש״ח״, קונטרס נ״ב, זייט 79.
11) „ספר השיחות, קיץ הת״ש״, זייט 73.
12) „ליקוטי דיבורים״, כרך ג׳, ליקוט כ״ה, זייט 1012.
13) ויקרא י״ט, י״ח.
14) דברים ו׳, ה׳; י״א, א׳.
15) „היום יום״, זייט 78.
16) „ליקוטי דיבורים״, צווייטער באַנד, ליקוט י״א, זייט 412.
17) אָבות פרק ב׳, משנה ב׳.
18) „ספר השיחות, קיץ הת״ש״, זייט 115.
19) „ספר המאמרים, תש״י״, קונטרס ע״ב, זייט 86.

דער רבי מהרש״ב האָט געזאָגט: „דער טאַנץ אין אַ רעדל, ווי עס פירט זיך ביי חסידים, איז באַניית געוואָרן אין די צייט פון בעל־שם־טוב. ׳מחול׳ (טאַנץ) איז ׳מקיף׳ (נעמט אַרום). דער ערשטער גילוי מוז זיין אַ ׳מקיף׳, אַן אַרומנעמענדיקער״ [20]).

***

דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט: „השגחה פּרטית מיינט, אַז אַפילו אַ שטרויעלע און אַן אָפּגעריסן בלעטעלע, וואָס וואַלגערט זיך אין גאַס, איז פאַראַן וועגן זיי אַ דין ומשפט וויפל מאָל זיי זאָלן זיך אַרומדרייען און אין וואָסערע ערטער זיי זאָלן זיך וואַלגערן״ [21]).

***

דער רבי מהרש״ב האָט דערציילט וועגן דעם ניגון פון רבין ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער, אַז „עס איז ביי אונדז בקבלה, אַז דעם ניגון האָט דער בעל־שם־טוב אָנגערופן ׳התעוררות רחמים רבים ניגון׳ (אַ ניגון וואָס דערוועקט אַ סך רחמים).

„אויף דעם ניגון האָט מיר דער טאַטע, אַדמו״ר מוהר״ש, געזאָגט, אַז עס איז בקבלה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, אדמו״ר „צמח צדק״, אין נאָמען פון זיין זיידן, דעם אַלטן רבין (דער ליאַדיער רבי), וואָס דער רבי האָט מקבל געווען פון זיין רבין, דעם מעזעריטשער מגיד, וועלכער איז געווען אין יענער צייט, אַז דער בעש״ט האָט פאַר זיין הסתלקות געהייסן זינגען דעם ׳התעוררות רחמים רבים ניגון׳, וואָס ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער האָט מחבר געווען.

„ווען מען האָט געענדיקט זינגען, האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„איך פאַרזיכער אייערע דורות, אַז ווען און וואו און ווער עס וועט זינגען דעם ׳התעוררות רחמים רבים ניגון׳ מיט אַ תשובה־התעוררות, איז, אין וואָס פאַר אַ היכל איך וועל זיין, וועל איך הערן, עס געפינען זיך מלאכים וואָס ברענגען ידיעות און בשורות צו נשמות — און איך וועל אויך מיטזינגען און מעורר רחמים זיין אויף די תשובה־זינגער״ [22]).

***

דער בעש״ט האָט געטייטשט: „בראשית״ — די אָנהייב עבודה פון אַ מענטשן, איז „ברא אלוקים״ — צו אַנטפּלעקן [23]) דעם שם אלוקים, דעם

20) „ליקוטי דיבורים״, ערשטער באַנד, ליקוט ב׳, זייט 68.

21) דאָרט, זייטן 166־168.

22) „ח״י אלול, תש״ג״, קונטרס מ״ה, זייט 35.

23) „ברא״, מיינט אויך אַנטפּלעקן. זע: חולין דף מ״ג, עמוד ב׳.

איבערשטן: „את השמים ואת הארץ״ — אין הימל און אויף דער ערד [24].

„בא אל התיבה״ — קום אַריין אין דער תיבה [25], מיינט, אַז מען דאַרף אַריינגיין אין די ווערטער (תיבה מיינט אויך וואָרט), און די פשוטע יידן, וואָס ווייסן נישט דעם טייטש פון די ווערטער, זאָלן זאָגן די ווערטער, אַפילו זיי ווייסן נישט דעם פירוש המלות [26].

„עס שטייט [27]: ׳און דיין פאָלק זיינען אַלע צדיקים, אויף אייביק וועלן זיי ירשענען די וועלט׳. פשוטע יידן, וועלכע שטייען אין מאַרק אָדער גייען איבער די דערפער אין פריצישע גיטער און דערמאָנען דעם אייבערשטנס נאָמען, לעבן פון זייער אייגענער פראַצע... איז ׳ועמך כולם צדיקים׳ — זיינען זיי אַלע צדיקים; ׳לעולם ירשו אָרץ׳, ווייל זיי זיינען די, וואָס מערן יראת שמים אויף דער וועלט״ [28].

„תורת ד׳ תמימה משיבת נפש״ [29], גאָטס תורה איז גאַנץ. זי דער־קוויקט דאָס נפש. די תורה איז נאָך גאָר גאַנץ, קיינער האָט זיך נאָך נישט אָנגערירט [30].

„עס שטייט [31]: ׳הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע, בא יבא ברינה נושא אלומותיו׳ — עס גייט און וויינט דער וואָס טראָגט די מאָס מיט זאָמען; עס וועט קומען מיט געזאַנג דער וואָס טראָגט זיינע סנאָפּעס. ׳הלוך ילך ובכה׳ — אַז מ׳גייט מיט מרירות נאָכן דאַווענען, איז ׳נושא משך הזרע׳, ווערט אַ פאַרזייאונג פון דער תפילה. ווי איז אָבער, אַז ׳בא יבא ברינה׳ — אַז מען פילט זיך ברייט נאָכן דאַווענען, אַז מען איז צופרידן פון דער אייגענער עבודה און תפילה, איז מען נישט מער ווי אַ ׳נושא אלומותיו׳, מען טראָגט פוסטע שטרוי־זאַנגען...״ [32].

„עס שטייט [33]: ׳ועת צרה היא ליעקב וממנה יושע׳ — עס איז אַן עת צרה פאַר יעקבן, און פון איר גופא ווערט מען געהאָלפן. דורך תשובה קען מען מאַכן פון ׳צרה׳ — ׳צהר׳, ליכטיקייט״ [34].

„עס קומט אַראָפּ אַ נשמה אויף דער וועלט און לעבט אָפּ זיבעציק־אַכציק יאָר, בלויז כדי צו טאָן אַ יידן אַ טובה״ [35].

(24) „ספר המאמרים״, קונטרס צ״ח, זייט 81.
(25) בראשית ז׳, א׳.
(26) „ליקוטי דיבורים״, באַנד 4, ליקוט י״א, זייט 208.
(27) ישעיהו ס׳, כ״א.
(28) „התמים״, חוברת ח׳, זייט 40.
(29) תהלים י״ט, ח׳.
(30) „ח״י אלול, תש״ג״, קונטרס מ״ה, זייט 44.
(31) תהלים קכ״ו, ו׳.
(32) „ספר השיחות, קיץ הת״ש״, זייט 93.
(33) ירמיהו ל׳, ז׳.
(34) „ספר המאמרים, תש״י״, קונטרס ע״ח, זייט 211.
(35) „ליקוטי דיבורים״, דריטער באַנד, ליקוט כ״ז, זייט 982.

דער פשוטער ייד איז ווי אַ פּאַרזייט פעלד, וואָס טרינקט זיך אָן פון די רעגנס פון הימל און גיט זיין תבואה. אַ תלמיד־חכם איז ווי אַ פעלד, וואָס מען דאַרף באַוואַסערן; וואָס, וויפל דער בעל־הבית באַוואַסערט עס, אַזוי פיל גיט עס תבואה.

אַזוי ווי אַ מאָלער, וואָס איז אַ גוטער צייכענער, באַשטייט זיין גאַנצע קונסט אין דעם, וואָס ער מאָלט אָפּ דאָס גאַנצע פעלד מיט זיין תבואה אַזוי ווי זיי זיינען באמת, מיט דער פּראַכט פון דער נאַטור, און וואָס מער דאָס בילד איז נענטער צו דער נאַטור, אַלץ מער באַווייזט עס די גרויסקייט פון קינסטלער — אַזוי איז דער אונטערשייד צווישן דעם פשוטן יידן און דעם בן־תורה. דער בן־תורה איז ווי אַ פעלד, וואָס מען דאַרף באַוואַסערן, און עס קאָן זיין אַז זיין תבואה איז בעסער ווי די תבואה פון אַ געוויינטלעך פעלד, אָבער די שיינקייט פון דער נאַטור איז פאַראַן מער אין אַ פעלד וואָס לעבט פון רעגן־וואַסער, ווי אין אַ פעלד וואָס מענטשן באַוואַסערן״ [36]).

„ווען אַ מלאך וואָלט זיך געפונען צווישן צען יידן, אַפילו ווען זיי רעדן נישט קיין דברי תורה, וואָלט דעם מלאך באַפאַלן אַ געוואַלטיק־גרויסע שרעק און ער וואָלט אינגאַנצן געוואָרן אויס מציאות. אַזוי גרויס זיינען יידן״ [37]).

„דער בעל־שם־טוב פלעגט זאָגן תורה בל״א (בלשון אידיש) און נישט אין לשון קודש״ [38]).

36) „ספר הזכרונות״, פון ליובאַוויטשער רבי׳ן ר׳ יוסף יצחק שניאורזאָן, זייט 322.
37) „ספר המאמרים, תש״ט״, קונטרס צ״ח, זייט 75.
38) „אגרת הקודש״, סימן כ״ה, קמ״א, א׳.

קאַפּיטל יא

בעש״ט־געשטאַלט לויט די יידישע היסטאָריקער

וואָס ד״ר יצחק שיפּער זאָגט וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב? — וואָס פּראָפ. גרשום שלום שרייבט וועגן בעש״ט. — ווי די בעש״ט־געשטאַלט ווערט געשילדערט ביי פּראָפ. גרעץ און אַנדערע היסטאָריקער.

דאָס גרויסע געשטאַלט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון חסידות, האָט שטאַרק באַאומרואיקט די גרויסע יידישע טרוקענע היסטאָריקער. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי האָט געקענט איין מענטש אַרויסרופן אַזאַ גרויסע באַוועגונג, האָבן זיי געזוכט זיין גרויס ליכט צו פאַרטונקלען און אים מאַכן פאַר אַ פּשוטן הײלער פון קראַנקע.

אַזוי האַלט דער יידישער היסטאָריקער פּראָפ. גרעץ, אַז ער איז געווען אַ פּראָסטער בעל־עגלה. דוד כהנא, אין זיין ספר „אבן אופל״, שרייבט וועגן בעל־שם־טוב, אַז ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער איז געווען בלויז אַ בעלפער, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, און ער איז געבליבן אַ בעלפער, נישט קיין מלמד, ווייל ער האָט אַפילו קיין חומש מיט רש״י נישט געקענט. און דער קדוש פּראָפ. ש. דובנאָוו [1] האָט זיך באַנוצט מיט די שילדערונגען פון די מתנגדים און שטאַרקע קעגנער פון חסידות, אַלץ כדי צו פאַרמינערן די גרויסע פּערזענלעכקייט פון בעש״ט.

אמת, אַז פּראָפ. דובנאָוו קאָן נישט פאַרלייקענען, אַז די תלמידים פון בעש״ט ברענגען תורות און מעשיות פון זייער רבין, אָבער ער לאָזט פאַרט איבער דעם איינדרוק, אַז דאָס געשטאַלט איז איינגעהילט אין אַ נעפּל...

אָבער אויב די פריערדיקע היסטאָריקער האָבן געוואָלט פאַרנעפּלען און פאַרטונקלען דאָס גרויסע, ליכטיקע געשטאַלט פון בעש״ט, איז דער יידישער היסטאָריקער, דער קדוש דר. יצחק שיפּער, געקומען אויף דעם מאָדנעם געדאַנק, אַז עס זיינען געווען צוויי „בעל־שם־טובס״, וואָס זיינען דערנאָך געוואָרן פאַראייניקט אין איין היסטאָרישער געשטאַלט...

1) „געשיכטע פון חסידיזם״, זייט 65.

דר. שיפער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַן אַרבעט אונטערן נאָמען: „אַזוי זע איך דעם בעל־שם״ [2]. אין זיין פאַרשונג קומט שיפער צום אויספיר, אַז עס זיינען געווען צווי בעל־שמס, גרינדער פון חסידות: איינער ר׳ ישראל בעל־שם, און דער צווייטער ר׳ יואל בעל־שם. דער גרויסער מגיד, דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש, איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יואל בעל־שם, און ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם. דערנאָך איז ר׳ יואל פאַרגעסן געוואָרן און עס איז געבליבן אין דער חסידישער ליטעראַטור בלויז איין בעל־שם: ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס ווערט אָנגערופן מיט די ראשי־תיבות דער בעש״ט...

אויף וואָס פאַרא סמך קומט דר. שיפער צו אַזאַ אויספיר?

אויף איין וואָרט וואָס ווערט געבראַכט אין שלמה מימונס אויטאָביאָגראַפיע [3], אינעם ניינצנטן קאַפּיטל פון ערשטן טייל, וואו עס ווערט דערציילט באַריכות ווי אַזוי דער יונגער מימון איז געפאָרן פון זיין געבוירן־לאַנד ליטע קיין וואָלין צום מגיד ר׳ דוב בער מעזעריטשער, דעם גייסטיקן יורש פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט ביי די חסידים. דאָרט שרייבט שלמה מימון וועגן דעם גרינדער פון חסידות אַזוי:

„איינער אַ מקובל, ר׳ יואל בעל־שם, איז אַרום דער דאָזיקער צייט זייער באַרימט געוואָרן אין פוילן, דורך זיינע סגולות און רפואות, וואָס מיט זייער הילף האָט אים אָפּגעגליקט אויסצוהיילן געוויסע אומהיילבאַרע חולאים און בעלי־מומים. לויט זיינע רייד, האָט ער געטאָן אַלע זיינע מופתים נישט דורך נאַטירלעכע מיטלען, נאָר בלויז מיט דער הילף פון דער ׳פּראַקטישער קבלה׳ (קבלה מעשית) און פון די הייליקע שמות, אָבער אין דער אמתן האָט ער דאָס געטאָן אויפן סמך פון זיינע מעדיצינישע ידיעות און דורך שאַרלאַטאַנישע קונצשטיקלעך...״

ווי מען זעט, האָט שלמה מימון געהאַט דעם זעלבן צוגאַנג צו חסידות, ווי אַלע אַנדערע משכילים, און ער רופט אָן דעם גרינדער פון חסידות, „אַ מקובל מיטן נאָמען ר׳ יואל בעל־שם״.

פּראָפ. גרעץ, אין זיין „געשיכטע״ [4], האָט משער געווען, אַז דאָ איז פאַרגרייזט געוואָרן דער נאָמען „יואל״, אַנשטאָט „ישראל״, וואָרים דער אַלטער בעל־שם, ר׳ יואל פון כעלם, געהערט זיכער נישט דאָ אַהער [5].

אָבער דר. י. שיפער איז נישט מסכים מיט דער דאָזיקער קאָרעקציע. ער שרייבט: „עס איז אַן אָנגענומענער פאַקט, אַז עס האָבן זיך נישט

2) „היינט״, יובל־בוך, 1908־1938, זייטן 205־212.
3) געדרוקט אין בערלין אין יאָר 1792.
4) באַנד 11, זייט 557.
5) זע: דובנאָוו, „געשיכטע פון חסידיזם״, זייט 115.

דערהאַלטן קיין שום דאָקומענטן וועגן בעש״ט. די פאַנטאַסטישע ידיעות זיינען פון „שבחי הבעש״ט״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1815, דאָס מיינט, 55 יאָר נאָך דער פטירה פון בעש״ט.

דר. שיפּער וואַרפט אָפּ דעם „שבחי הבעש״ט״ אַלס אַ פאָרשונגס־בוך און מען קאָן אַפילו נישט אָפּשיילן „היסטאָרישע קערנדלעך״ פון דער לעגענדע, אַזוי ווי פּראָפ. דובנאָוו האָט געטאָן און וועלן אויסגעפינען דאָס געבורט־אָרט און די צייט פון בעש״ט, דורך אַ מעשה וואָס ווערט דער־ציילט אין „שבחי הבעש״ט״.

איז וואָס דאַרף מען טאָן כדי אויסצוגעפינען וועגן לעבן פון בעש״ט ? לויט דר. שיפּער דאַרף מען אָנקומען צו אַנדערע מקורות, און ער טיילט זיי איין אין צוויי קאַטעגאָריעס, אַזעלכע וואָס האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער ביאָגראַפיע פונעם בעש״ט, און די צווייטע, אַזעלכע וואָס אַנטפּלעקן אונדז זיין תורה.

פאַרשטייט זיך, אַז דר. שיפּער קומט גלייך אָן צו צוויי אַנטי־חסידישע מקורות.

און דר. שיפּער האַלט, אַז עס איז טאַקע געווען אין דער דאָזיקער צייט אַ בעל־שם מיטן נאָמען ר׳ יואל, ווייל אַזוי ווערט אָנגעגעבן זיין נאָמען אין שלמה מימונס ביאָגראַפיע. און אַזוי ווי אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערציילט מעשיות וועגן איינעם אַ מקובל וואָס זיין נאָמען איז געווען ר׳ יואל פון נעמיראָוו [6], איז אָט־דער דאָזיקער ר׳ יואל בעל־שם, גאָר געווען דער גרינדער פון חסידות.

דר. שיפּער האַלט, אַז עס זיינען דעמאָלט געווען נאָך אַנדערע בעל־שמס און צווישן זיי אויך ר׳ ישראל פון מעזשיבעזש, אָבער מיט דער צייט ווערט פאַרטונקלט דער נאָמען פון ר׳ יואל בעל־שם און עס רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונד ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

און דר. שיפּערס אויספיר איז, אַז ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, דער בעל „תולדות יעקב יוסף״, איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דעריבער דערמאָנט ער אין „תולדות״ 280 מאָל זיין רבין ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און דער „גרויסער מגיד״ פון מעזעריטש, ר׳ דוב בער, איז געווען אַ תלמיד פון דעם מקובל ר׳ יואל נעמיראָווער, דערפאַר ווערט דער נאָמען פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב נישט דערמאָנט אין מגידס ספר.

און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל אין שלמה מימונס אויטאָביאָגראַפיע ווערט אָנגעגעבן דער נאָמען ר׳ יואל, אַנשטאָט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב...

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע שטעלן, וואו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב ווערט יאָ דערמאָנט דורך זיינע בני הדור.

6) דער מקובל ר׳ יואל איז ביז צום יאָר 1752 געווען רב אין נעמיראָוו און שפּעטער האָט ער איז באַזעצט אין ירושלים.

דער גאון ר׳ מאיר בן ר׳ צבי מרגליות, מחבר פון ספר שו״ת „מאיר נתיבים״, שרייבט אין זיין ספר „יסודי יכין ובועז״ [7]: „יחשוב קודם הלימוד שמכין את עצמו ללמוד לשמה בלי שום כוונה זרה, וכאשר הזהירו מורי הגדולים בתורה וחסידות ובתוכם ידידי הרב החסיד מופת הדור מוהר״ר ישראל בעש״ט זצ״ל בענין כוונה רצויה בלימוד לשמה, לדבק את עצמו בקדושה וטהרה עם האותיות בכוח ובפועל... ומילדותי מיום שנתחברתי בדביקות אהבה עם מורי ידידי הרב החסיד מו״ה ישראל בעל־שם־טוב זצ״ל ודעתי נאמנה שהיתה הנהגתו בקדושה ובטהרה ברוב חסידות ופרישות, צדיק באמונתו יחיה...״

אין דער יידישער איבערזעצונג:

„דער מענטש דאַרף טראַכטן פאַרן לערנען, אַז ער גרייט זיך צו לערנען לשמה, אָן שום פרעמדער מחשבה, אַזוי ווי עס האָבן מזהיר געווען מיינע גרויסע לערער אין תורה און חסידות און צווישן זיי, מיין פריינט הרב החסיד מופת הדור מוהר״ר ישראל בעל־שם־טוב זצ״ל, וועגן דעם ענין פון ערלעכער כוונה צו לערנען לשמה, זיך צו באַהעפטן מיט הייליקייט און ריינקייט מיט די אותיות פון דעם כוח הפועל... פון מיין יוגנט אָן, פון טאָג וואָס איך האָב זיך פאַרבונדן מיט ליבשאַפט־בונד מיט מיין לערער, דעם חסיד מו״ה ישראל בעל־שם־טוב זצ״ל, קאָן איך זאָגן מיט אַן ערלעך געוויסן, אַז זיין התנהגות איז געווען מיט הייליקייט און ריינקייט מיט אַ סך חסידות און פרישות, דער צדיק לעבט אין זיין גלויבן...״

מיר ווילן דאָ דערמאָנען, אַז ר׳ מאיר מרגליות איז געווען אַ גאון און אַ גרויסער בעל מקובל אין פוילן. ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם מקובל ר׳ חיים סאַנזער, דער אָנפירער פון די „חכמי בראָד״, אין דער קלויז אין בראָד. ער איז געווען לכתחילה רב אין האָראָדענקע. אין יאָר תקט״ו — 1755 איז ער געוואָרן אב־בית־דין אין דעם לעמבערגער גליל און אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען אב־בית־דין אין לעמבערג. אין יאָר תקל״ז — 1777 איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין אָסטראָה. ער האָט דאָרט געקראָגן גרויס כבוד. דער לעצטער פוילישער קעניג פּאָניאַטאָווסקי האָט אים באַזוכט אין זיין הויז און האָט אים געגעבן אַ רעגירונגס־כתב, געשריבן אויף פּאַרמעט, מיט גאָלדענע אותיות, וואָס באַשטעטיקט זיין רבנות־אַמט אין אָסטראָה און דער אומגעבונג. זיינע קינדער זיינען געווען ר׳ שאול מרגליות, רב אין לובלין; ר׳ יוסף נחמן, רב אין פּולנאָה; ר׳ בצלאל, וואָס איז געוואָרן נאָך דעם פאָטערס פּטירה רב אין אָסטראָה; ר׳ מרדכי נפתלי, רב אין רימענאָוו, און ר׳ שלמה דוד מרגליות. זיינע איידעמס זיינען געווען ר׳ נפתלי הירץ הכהן פון שאַריגראָד און ר׳ שמחה.

7) געדרוקט אין פּולנאָה, 1775 — דף ה׳.

זיינע ספרים זיינען: שו"ת „מאיר נתיבים" (צוויי טיילן), „אור עולם" אויף די תרי"ג מצוות, „דרך הטוב והישר" אויף די פיר חלקים פון שולחן ערוך, און דאָס ספר „יסודי יכין ובועז" אויף קבלה [8].

ר' מאיר מרגליות איז נפטר געוואָרן ה' אב, תקמ"ט — 1789.

פון ר' ישראל בעל־שם־טוב איז אויך פאַרבליבן אַ שאלה און אַ תשובה צו אים, וואָס פון דער שאלה און תשובה קען מען זען, אַז ר' ישראל בעל־שם־טוב איז געווען אַ גדול בתורה [9].

די שאלה און די תשובה געפינען זיך אין ספר שו"ת „מים חיים", כרך ראשון, מאת הגאון... ר' חיים כהן ראַפּאָפּאָרט, אב"ד דק"ק אוסטראָה, וועלכער איז געווען אַ זון פון גאון ר' דוב בעריש, אב"ד דק"ק מעזשיבעזש, וועלכער איז געווען אַ זון פון גאון ר' לייבוש, ראש־ישיבה אין לעמבערג, אַ זון פון גאון ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, אב"ד דק"ק לבוב. דער דאָזיקער יחוס איז אָנגעגעבן אויף דעם שער־בלאַט: „הרב הגאון... חיים הכהן רפאפורט, אב"ד דק"ק אוסטראה, בהגאון דוב בעריש, אב"ד דק"ק מעזיבוז, בהגאון... אריה ליבש, ראש ישיבה דק"ק לבוב, בהגאון... חיים הכהן רפאפורט, אב"ד דק"ק לבוב".

אויפן שער־בלאַט שטייט אויך אָנגעגעבן ווער די אַרויסגעגעבן זיינען געווען: „נדפס ע"י (על־ידי) השותפים נכדי הרב מסלאוויטא הרבני מו"ה חנינא ליפא והרבני יהושע העשיל שפירא".

דאָס אָרט און יאָר פון דרוק איז: זיטאָמיר (זשיטאָמיר), תרי"ז — 1857.

אויפן ספר זיינען פאַראַן הסכמות פון רבין ר' אברהם יהושע העשיל פון אַפּטע, באַקאַנט אונטער נאָמען: דער בעל „אוהב ישראל"; פון רבין ר' שלום רוקח פון בעלז; פון רבין ר' מרדכי (מאָטעלע) פון טשערנאָביל.

די הקדמה איז פון בן־המחבר, ר' יעקב הכהן ראַפּאָפּאָרט פון אָסטראָה.

דער מחבר פון ספר, ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, איז נפטר געוואָרן בערך אין יאָר תקצ"א — 1830 [10].

די תשובות אינעם ספר זיינען פון גאון ר' מאיר עמדין, אַ זון פון ר' יעקב עמדין, וועלכער איז געווען רב אין אַלט־קאָנסטאַנטין. ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַן אייניקל פון ר' מאיר עמדין: זיין מוטער, רחל, איז געווען אַ טאָכטער פון ר' מאיר עמדין. איז מסתמא דער כתב־יד פון די שאלות און תשובות פון זיידן געבליבן ביי אים און זיי זיינען דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן אייניקל.

8) אינעם ספר געפינען זיך אויך חסידישע תורות.

9) נישט ווי פּראָפ. ג. שלום האָלט, ווי מיר ברענגען ווייטער.

10) אַזוי האָט מיר איבערגעגעבן זיינס אַן אור־אור־אייניקל. אָבער דוד הלחמי, אין זיין ספר „חכמי ישראל", זייט 626, גיט אָן: כ"ט חשוון, ת"ר — 1839.

און די תשובה סימן כ״ז צו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, איז וועגן אַ סירכה אויף אַ לונג פון אַ בהמה. אָט איז דער נוסח פון דער שאלה:

„מעשה שהיה כך היה שנמצא סירכא על אונה אמצעי שנסרך לדופן, היינו רוב סירכא נסרך לבשר שבין הצלעות, האָב איך הסירכא אַראָפּ גענומען״.

אין יידיש: די מעשה איז אַזוי געווען, עס איז געפונען געוואָרן אַ סירכה אויף דער מיטלסטער לונג, וואָס איז געווען באַהאַפטן צו דער זייט. דאָס מיינט, אַז דאָס רוב סירכה איז געווען צוגעהאַפטן צום פלייש צווישן די ריפּן. האָב איך די סירכה אַראָפּגענומען.

די שאלה איז אונטערגעשריבן: „נאום מרדכי בן יהודה ליב נאמן דק״ק מעזבוז״.

דערנאָך קומט אַ צושריפט:

„בפנינו ב״ד (בית־דין) ח״מ (חתום מטה) הגיד מו״ה מרדכי הנ״ל כל הכתוב לע׳ (לעיל) בת״ע (בתורת עדות) ואח״כ כתב כ״ז (כל זה) בכת״י (בכתב־יד) חתם א״ע (את עצמו) בח״י (בחתימת ידו) ממש, ובכן אשרינהו... נאום ישראל בעש״ט מטליסט, ונאום משה יוסף מגיד מישרים דפה״.

מיר ווילן דאָ צוגעבן, אַז די שטאָט טלוסט איז אויסגעלייגט געוואָרן מיט אַ „יוד״ (טליסט), ווייל אין יענער געגנט האָט מען אַרויסגערעדט אַ „ואו״ ווי אַ „יוד״.

אין דער תשובה פון ר׳ מאיר עמדין גיט ער דעם בעש״ט אַ גרויסן טיטל, און ער שרייבט אויף אים: „אלוף ביהודה ובישראל עושה חייל... ה״ה הרב המופלג... המפורסם בש״ט מהו״ר ישראל נר״י...״

די תשובה איז אונטערגעשריבן: „הק׳ מאיר בהגאון מו״ה יעקב נ״י ה״ה חונה בק״ק קאָנסטאַנטין ישן יע״א ואגפיה״.

די צושריפט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אויף דער שאלה איז, אַז דער שואל, ר׳ מרדכי בן יהודה לייב, וואָס איז געווען נאמן פון מעזשיבעזש, איז געקומען פאַרן בית־דין, און ער האָט עדות געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געשריבן, און ער האָט געחתמעט דערויף מיט זיין אייגענער האַנט.

אַזוי ווי דער בעש״ט שרייבט זיך אונטער: „ר׳ ישראל בעש״ט מטליסט״, דאַרף מען אָננעמען, אַז די שאלה איז געשריבן געוואָרן באַלד נאָכדעם, ווי דער בעש״ט האָט זיך אַריבערגעקליבן פון טלוסט קיין מעזשיבעזש.

פון דעם קאָן מען זען, אַז עס איז יאָ פאַרבליבן אַ חתימה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

דר. שיפּער שטיצט זיך אויך אויף זיין השערה, אַז דער רבי ר׳ בער פון מעזעריטש איז נישט געווען אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב,

נאָר פון דעם מקובל ר׳ יואל, ווייל אין מגידס ספרים ווערט נישט גע־בראַכט דער נאָמען פון בעש״ט. איז, ראשית־כל, ווערט דאָרט יאָ געבראַכט דער נאָמען פון בעש״ט.

אָט וועלן מיר דאָ איבערגעבן וואָס עס ווערט געבראַכט אין „אור האמת״ [11]) : „אמר ר׳ בעל־שם־טוב ע״ה ׳צהר תעשה לתיבה׳, שיהא מנהיר התיבה, ׳ואל אמה תכלנה מלמעלה׳, פירוש שנותן מזון להשכינה ממדריגות שלמעלה״ (דאָס זעלבע וואָרט ווערט אויך געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״ [12]), אַז „תיבה״ מיינט מען דאָס וואָרט, אַז דער מענטש זאָל באַלייכטן יעדעס וואָרט וואָס ער דאַוונט; דאָס זעלבע ווערט אויך געבראַכט אין ספר „אור תורה״, פון גרויסן מגיד).

אין ספר „אור תורה״[13]) און אין „אור אמת״ [14]) ווערט געבראַכט: „יש פעם שאדם רוצה להתפלל בהתלהבות ואינו יכול שאבריו כבדים עליו, ור׳ ישראל בעל־שם זלה״ה אמר, שדוד עליו השלום התפלל על זה[15]) ׳אל תשליכני לעת זקנה׳ שאבריו כבדים עליו כזקן״ — פאַראַן אַ צייט אַז אַ מענטש וויל מתפלל זיין מיט התלהבות, אָבער ער קאָן נישט, ווייל די אברים זיינען אים שווער. דערויף האָט געזאָגט ר׳ ישראל בעל־שם, אַז דוד המלך האָט וועגן דעם מתפלל געווען „אל תשליכני לעת זקנה״, זאָלסט מיך נישט מאַכן, אַז די אברים זאָלן מיר זיין שווער ווי ביי אַ זקן.

דערפון זעען מיר, אַז דער גרויסער מגיד ברענגט יאָ תורות פון בעש״ט.

אמת, דער רבי ר׳ דוב בער פון מעזעריטש שרייבט נישט אין זיינע תורות אויף דעם בעש״ט „מורי״, אַזוי ווי עס שרייבט דער בעל „התולדות״, אָבער דאָס איז אַן אַנדער ענין, וואָס דאַרף באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

אָבער וויכטיק איז דאָך נישט וויפל מאָל ער דערמאָנט דעם בעש״ט ביים נאָמען, וויכטיק איז, אַז אין מגידס ספרים זיינען פאַראַן די זעלבע געדאַנקען און תורות וואָס עס זיינען פאַראַן אין די ספרים פון בעש״ט און אַז דער מעזעריטשער מגיד דערמאָנט יאָ דעם נאָמען פון בעש״ט. און דאָס באַווייזט, אַז ער איז יאָ געווען אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב; נישט ווי דר. שיפּער האַלט.

אָט וועלן מיר דאָ איבערגעבן בלויז עטלעכע מראה מקומות, וואו אין מגידס ספרים ווערן געבראַכט די זעלבע געדאַנקען וואָס אין בעש״טס ספרים.

11) דף א׳, עמוד א׳.
12) ד״ה, עמוד ב׳.
13) פרשת עקב.
14) דף י״ח, עמוד ב׳.
15) תהלים ע״א.

אויפן מאמר חז״ל „שלשה ספרים נפתחים בראש השנה״ [16]) : ספרים, מיינט מען דיבורים, און צדיקים גמורים זיינען די וואָס אַלע זייערע דיבורים אין דברי קדושה, אין תפילה און אין תורה, זיינען זיי מייחד דעם דיבור מיטן עולם המחשבה [17]).

די באַוואוסטע תורה, אַז ווען מען קוקט אויף דברים גשמיים, מכל שכן אויף נשים יפות (שיינע פרויען), און ער קוקט פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן, איז נמצא, אַז דער וואָס קוקט, דינט זיך אַליין, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט געבראַכט אין ספר „אור תורה״ [18]) און אין „צוואת הריב״ש״ [19]).

ווען אַ מענטש האָט ליב אַ זאַך, זאָל ער זאָגן : „צו וואָס זאָל איך ליב האָבן אַ זאַך וואָס איז געקומען פון שבירת הכלים ? פאַרוואָס זאָל איך בעסער נישט ליב האָבן דעם איבערשטן אַליין ?״ דאָס זעלבע איז אויך מיט יראה : ווען אַ מענטש האָט מורא פאַר אַ גוי, זאָל ער טראַכטן : „פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן פאַר אים, וואָס איז אַ מענטש אַזוי ווי איך ? נאָר מסתמא האָט זיך דער בורא עולם מתלבש געווען אין אים, איז ווי דאַרף איך ערשט מורא האָבן פאַרן איבערשטן אַליין ?״ דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלע מידות. אָט־די תורה ווערט געבראַכט אין ספר „אור האמת״ [20]) און אין „צוואת הריב״ש״ [21]).

אויפן פסוק [22]) „בכל דרכיך דעהו״, געפינט זיך דאָס וואָרט פון בעש״ט, אַז דער מענטש זאָל וויסן, ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן אויף זיינע וועגן. דאָס דאָזיקע וואָרט געפינט זיך אין „אור תורה״ [23]), און דאָס זעלבע וואָרט געפינט זיך אויך אין „כתר שם טוב״ [24]) ; „צוואת הריב״ש״ [25]) און אין אַנדערע ספרים אין נאָמען פון בעש״ט.

וועגן דעם, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי צדיקים : פאַראַן אַ צדיק וואָס איז אַ צדיק בלויז פאַר זיך אַליין, און פאַראַן אַ צדיק וואָס ער איז משפיע אויף אַנדערע, אָט־דער חסידישער געדאַנק ווערט געבראַכט אין סוף פון ספר „אור תורה״ און אויך אין „צוואת הריב״ש״ [26]).

16) ראש השנה דף ט״ז, עמוד ב׳.
17) די תורה ווערט געבראַכט אין ספר „אור תורה״ (דף ס״ה) און אין „צוואת הריב״ש״ (דף ט״ו, עמוד א׳).
18) דף מ״ג, עמוד ג׳.
19) דף י״א, עמוד א׳.
20) דף ט״ו, עמוד ב׳.
21) דף י״ד, עמוד ב׳.
22) משלי ג׳.
23) דף מ״ח, עמוד ב׳.
24) דף כ״ב, עמוד ב׳.
25) דף י״ט, עמוד א׳.
26) דף ט״ו, עמוד ב׳.

דער מגיד פון מעזעריטש האָט געזאָגט, אַז עס איז נישט פאַראַן „רע גמור״, ווייל אין יעדער דבר רע איז פאַראַן אַ דבר טוב, „הרע הוא גם כן טוב, רק שהיא מדרגה תחתונה מהטוב גמור״ [27]) — דאָס שלעכטע איז אויך גוט, נאָר עס איז אַ קלענערע מדרגה פון גאַנצן גוט. אָט דער געדאַנק געפינט זיך אויך ביים בעש״ט, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן בלויז טוב; דאָס שלעכטע איז נאָר געקומען דורך די „שבירת הכלים״, און מיר דאַרפן מתקן זיין און פאַרוואַנדלען דאָס שלעכטע אין גוטן...

פון דעם זעען מיר, אַז דער מגיד פון מעזעריטש ברענגט יאָ דעם בעש״ט אין זיינע ספרים. דעריבער דאַרף מען זיך נישט פּשט׳לען, אַז דער מעזעריטשער מגיד איז נישט געווען קיין תלמיד פון בעש״ט. נאָר דער גרויסער מגיד ר׳ דוב־בער פון מעזעריטש און ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה זיינען ביידע געווען תלמידים פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

***

אויך פּראָפעסאָר גרשום שלום, וועלכער איז היינט־צו־טאָג איינער פון די גרעסטע קענער פון קבלה, האָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו חסידות. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זיינס אַ טעאָריע, אַז דער באַגרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָט געקראָגן אַ כתב־יד פון אַ שבתי־צבי׳ניק, רחמנא לצלן, און דער מיסטישער „אָדם בעל־שם״, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל ברענגען צום בעש״ט זיין כתב־יד, איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי דער שבתי־צבי׳ניק הערשל צורף פון ווילנע, וועלכער האָט דערנאָך געוואוינט אין קראָקע [28]).

לעצטנס האָט פּראָפ. שלום פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער בעש״ט־געשטאַלט [29]), אין וועלכער ער וואַרפט אָפּ, קודם־כל, די שיטה פון דר. יצחק שיפּער, אַז עס זיינען געווען צוויי בעל־שם־טובס.

אויך האַלט פּראָפ. שלום, אַז פּראָפ. בן־ציון דינור־דינאַבורג האָט אין זיין בוך „במפנה הדורות״ צופיל צוגעשריבן צו דער בעש״ט־געשטאַלט. ער וואַרפט אויך אָפּ די מיינונג פון דר. א. אשכולי, וועלכער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן אין זיין פראַנצויזיש בוך וועגן חסידות געשריבן, אַז מיר ווייסן ווייניק וועגן דער עצם געשטאַלט פון בעש״ט. און פּראָפ. שלום האַלט אויך נישט פון דעם צוגאַנג פון גרויסן היסטאָריקער פּראָפ. דובנאָוו, אַז די חסידישע באַוועגונג איז אין תוך געשאַפן געוואָרן פון די תלמידים פון בעש״ט...

27) „אור התורה״.
28) אינעם קאַפּיטל י״ד ווייזן מיר אָן אויף דעם טעות פון פּראָפ. גרשום שלום.
29) „מולד״, תל־אביב, נומער 144־145.

איין זאַך איז פּראָפ. שלום מסכים, אַז עס האָט עקזיסטירט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אָבער וואָס פאַראַ טיפּ מענטש איז געווען ר׳ ישראל בעש״ט? אָט דערויף אַנטוויקלט ג. שלום אַ גאַנצע טעאָריע, אַז ער איז געווען אַ „פאָלקס־דאָקטאָר״, אַ מאַגיקער, וואָס האָט געהיילט קראַנקע, בפרט משוגעים; אַז ער איז געווען אַ פּוקד־עקרות, און אַז ער האָט פאַרטריבן „לצים און שדים״ דורך שרייבן קמיעות און געבן סגולות.

פּראָפעסאָר שלום האַלט אויך נישט פון דער מיינונג פון מאַרטין בובער, אַז עס איז אַ חילוק צווישן אַ „בעל־שם״ און אַ „בעל־שם־טוב״; אַז דער בעש״ט איז געווען נישט סתם אַ „בעל־שם״, נאָר אַ „בעל־שם־טוב״. פּראָפ. שלום ווייזט אָן, אַז צווישן די מקובלים, וואָס האָבן עוסק געווען אין קבלה־מעשית, זיינען פאַראַן צוויי מענטשן וואָס מען האָט זיי אויך באַטיטלט מיטן נאָמען „בעל־שם־טוב״. אָבער מיר וויסן זייער גוט, אַז זיי האָבן קיין שום השפעה נישט געהאַט און זיי קענען לחלוטין נישט פאַרגליכן ווערן צו דער גרויסער פערזענלעכקייט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב...

וואָס איז פאָרט געווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, לויט דער אויפפאַסונג פון פּראָפעסאָר גרשום שלום?

דער בעש״ט, שרייבט פּראָפעסאָר שלום, איז געווען אַ בעל־מופת און אַ היילער פון קראַנקע, און אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרשפּרייט זיין תורה. „ער איז געווען דאָס, וואָס די הייַנטיקע רעליגיע־פאָרשער רופן אָן אַ „כאַריסמאַטישער מנהיג״ (דאָס איז אַ מענטש וואָס האָט אַ העכערע איינבילדונגס־קראַפט, אַז ער קאָן באַווייזן מופתים). און פּראָפעסאָר שלום פאַררופט זיך אויף מאָדערנע וויסנשאַפטלער, ווי רודאָלף אָטאָ און אַנדערע, וועלכע האָבן מיט אָט דער הנחה דערקלערט אויך, להבדיל אלף אלפים הבדלות, יעזוסן. פּראָפעסאָר שלום גיט בלויז צו, אַז מיט מאַגיק און כאַריסמאַטיזם קאָן מען נישט אַלץ דערקלערן, אַז עס האָט געמוזט אויך זיין צוגעפּאַסט פאַר דעם די צייט און די מענטשן, אַזוי אַז דער בעל־מופת קאָן נאָר באַווייזן מופתים ווען דאָס פאָלק גאַרט נאָך ניסים...

לויט פּראָפעסאָר שלום האָט דער בעש״ט כסדר געשריבן קמיעות, און ער האָט אַפילו געהאַט צוויי סופרים וואָס האָבן עוסק געווען אין דעם דאָזיקן ענין.

הכלל, פּראָפ. שלום האַלט, אַז דער בעש״ט איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער קמיע־שרייבער. און דאָס וואָס פּראָפעסאָר מאַרטין בובער און אַנדערע האַלטן, אַז דער בעש״ט האָט דערנאָך, ווען ער איז געווען דער מנהיג רוחני פון דער גרויסער חסידות־באַוועגונג, שוין נישט עוסק

געווען אין שרייבן קמיעות — ווי עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער בעש״ט האָט געעפנט אַ קמיע האָט ער געוויזן אַז דאָרט געפינען זיך נישט קיין שום שמות, נאָר בלויז זיין נאָמען, „ישראל בן שרה״ — איז לויט פראָפעסאָר שלום קיין שום ראיה נישט.

אויך דאָס וואָס דעם בעש״טס אַ תלמיד, ר׳ נחום טשערנאָבילער, שרייבט אין זיין ספר „מאור עינים״ [30]), אַז „די רפואות פון בעש״ט זיינען געווען בלויז דורך יחודים, וואָס ער האָט מייחד געווען, און ער האָט דערהויבן די שכינה צו די בחינות, און ממילא איז געקומען צו אַ תיקון אונטן״ — אויך דאָס איז פאַר פראָפעסאָר שלום קיין שום באַווייז נישט.

אינטערעסאַנט איז, אַז פראָפ. שלום געפינט אויך אין אַ מוסר־ספר, „משמרת הקודש״, אַ שאַרפן אַנפאַל אויף דעם בעש״ט, וואָס איז שטאַרק להוט נאָך געלט...

דער מחבר פון „משמרת הקודש״ איז געווען ר׳ משה פון סאַטאַנאָוו. דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אין זשאָלקעווע בערך אין יאָר תק״ו — 1746, און עס איז געשריבן געוואָרן בערך צווישן די יאָרן 1743־1746.

און וואָס שטייט אין דעם דאָזיקן ספר קעגן דעם בעש״ט?

דאָרט שטייט אַזוי:

„ועתה חדשים מקרוב באו נתנו עינים בממון והיה להם דבר ה׳ לחרפה והיה איש הולך רוח [31]) בסיפורי משלים ובדרך הלצה הוא יוכיח לעם הזה, ולא יאמרו ללבם הבל המה מעשה תעתועים ואין בם מועיל להרים מכשול מדרכי שאלך בדרך הישר בעיני ה׳״. אין יידיש: „און איצט זיינען געקומען נייע צייטן און זיי האָבן אין זינען נאָר געלט, און גאָטס וואָרט מאַכן זיי צו שאַנד, און אַ מאַן וואָס גייט אַרום מיט ווינט און דערציילט משלים און בדרך הלצה שטראָפט ער דאָס פאָלק און זיי טראַכטן אין האַרץ וועגן נישטיקייטן און מעשים תעתועים זיינען זייערע רייד און זיי העלפן גאָרנישט אויפצוהייבן דעם מענטשן פון שטרויכלונגען צו גיין בדרך הישר...״

ווען קאָן האָבן געמיינט דער מחבר, ווען ער שרייבט וועגן דעם מענטש „וואָס גלוסט צו געלט און דערציילט משלים און לצנות״? — פאַר פראָפעסאָר שלום איז עס קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער מחבר האָט נישט געמיינט קיין אַנדערן ווי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. פאַרוואָס? ווייל דער בעש״ט האָט דערציילט משלים.

און וואָס פאַר אַ לצנות האָט דער בעש״ט געטריבן?

פראָפ. שלום האָט געפונען אין „שבחי הבעש״ט״ עטלעכע מאָל די

30) פרשת נשא.
31) זע מיכה ב׳, י״א.

ווערטער „סיפּר בדרך הלצה״ (דער בעש״ט האָט דערציילט בדרך הלצה), און דאָס איז שוין גענוג...

אַי, דאָס ספר „משמרת הקודש״ איז אַרויס אין יאָר תק״ו — 1746, און אויב עס איז געשריבן געוואָרן מיט דריי יאָר פריער, איידער עס איז אַרויס פון דרוק, מיינט עס אין יאָר 1743, און דער בעש״ט איז לויט דער מסורה דעמאָלט נאָך געווען אַ נסתר! דאָס האָט פּראָפ. ג. שלום נישט גענומען אין באַטראַכט.

פּראָפ. שלום איז זיכער אַז דער „משמרת הקודש״ האָט מיט דער באַצייכענונג „איש הולך רוח״, נישט געמיינט קיין אַנדערן ווי דעם בעש״ט, און אויך מיטן אויסדרוק: „והיה דבר ה׳ לחרפה״, האָט מען געמיינט דעם בעש״ט...

פּראָפ. שלום איז שטאָלץ מיט דער דאָזיקער „אַנטדעקונג״ און ער באַרימט זיך, אין אַ געוויסן זין, וואָס פּראָפ. דינור, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן ספר אין זיין דערמאָנטן בוך, האָט נישט פאַר־שטאַנען דעם רמז פון מחבר...

ג. שלום שרייבט מיט זיכערקייט אַז „לא יתכן שכוונתם לאיש אחר זולת הבעש״ט״ (עס איז נישט מעגלעך אַז דער מחבר זאָל האָבן געמיינט אַן אַנדערן ווי דעם בעש״ט).

אָבער דער חסידות־פאָרשער ר׳ חיים ליבערמאַן האָט אין זיין אַרבעט: „כיצד חוקרים חסידות בישראל״ [32] (ווי אַזוי פאָרשט מען חסידות ביי יידן) אויפגעוויזן, אַז פּראָפ. שלום האָט געמאַכט אַ טעות.

ר׳ חיים ליבערמאַן האָט געטאָן אַ גאַנץ פּשוטע זאַך, ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער ציטאַט וואָס פּראָפעסאָר שלום ברענגט, נאָר ער האָט מעיין געווען אין ספר גופא, און אָט וואָס ער האָט אויסגעפונען:

דער מחבר ר׳ משה סאַטאַנאָווער דערציילט דאָרט פריער וועגן דעם מנהג, וואָס עס איז אַמאָל געווען, אַז בעלי־בתים פלעגן דינגען מלמדים זיי זאָלן מיט זיי לערנען דינים, און עס זיינען אַפילו געווען בעלי־בתים וואָס האָבן געהאַט ביי זיך אין הויז מלמדים, זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון זיי גוטע מעשים. דערנאָך שרייבט דער מחבר, אַז „איצט זיינען געקומען נייע צייטן און עס זיינען געקומען מענטשן, וואָס האָבן ליב געלט״.

פרעגט זיך דאָך: „מה ענין שמיטה אצל הר סיני־?״ ווי קומט דאָ פּלוצלינג אַריין דער בעש״ט? זאָל דער בעש״ט זיך נאָכיאָגן נאָך געלט אין מעזשיבעזש און די בעלי־בתים אין סאַטאַנאָוו זאָלן ווייטער האַלטן זייערע מלמדים! — פרעגט ריכטיק ר׳ חיים ליבערמאַן — בפרט נאָך, ווי געשיקט זיך דאָ צו שרייבן בלשון רבים: „נתנו עיניהם בממון והיה להם ה׳ לחרפה״ (זיי האָבן אין זין געלט און גאָטס וואָרט מאַכן זיי

32) „בצרון״, ניו־יאָרק, חוברת טבת־שבט, 1961.

צו שאַנד), אויב מען מיינט דעם בעש"ט, וואָלט דאָך געדאַרפט זיין „ונתן עינים... והיה לו..." פאַרקערט, דאָס דאַרף דאָך באַוויזן, אַז דער מחבר האָט געמיינט אַנדערע מענטשן, נישט דעם יחיד — דעם בעש"ט אַליין...

און אויב מען זאָל אָננעמען די קאָנצעפּציע פון פּראָפ. שלום, אַז דער בעש"ט האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט דערפון וואָס ער האָט געהיילט קראַנקע דורך רפואות און סגולות, וואָס פאַראַ טענות איז דאָ אַז ער האָט גענומען געלט פון פשוטע מענטשן? וואָס איז דער חילוק פון וועלכע קראַנקע דער בעש"ט האָט גענומען? און דער מחבר אַליין האָט דאָך אויך געהאַלטן פון דער ווירקונג פון „הייליקע שמות" און פון פאַרשידענע סגולות, איז וואָס פאַראַ חרפה איז דאָ צו שרייבן „והנה להם דבר ה' לחרפה"... עס האָבן דאָך די אַלע פריערדיקע בעל־שמס זיך מפרנס געווען דערפון, אַריינגערעכנט ר' יואל בעל־שם (דאָס אייניקל פון ערשטן ר' יואל בעל־שם), איז פאַרוואָס איז ר' משה פון סאַטאַנאָוו נישט אויף אים אָנגעפאַלן? און פון וואַנען איז דאָס געדרונגען אַז „דבר ה'" מיינט מען די „שמות הקדושים", ווי פּראָפ. שלום וויל אַריינטייטשן?

און פון וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז ווען דער מחבר זאָגט, אַז „זיי זאָגן משלים", מיינט ער דעם בעש"ט? האָבן דען נישט אַלע מגידים פון פריער זיך באַנוצט מיט משלים? זיינען דאָך אַלע ספרים, וואָס זיינען דערשינען אין דער צייט פון בעש"ט, פול מיט משלים און מעשיות...

ר' חיים ליבערמאַן ציטירט דעם גאַנצן אינהאַלט פון פּרק פון „משמרת הקודש", און ער ווייזט אָן, אַז דאָס קעפּל פון פּרק הייסט „איסור שעטנז", און אַז דער מחבר באַקלאָגט זיך דאָרטן אויף די בעלי־בתים, וואָס זיי ווערן נכשל אין פאַרשידענע פּרטים אין „הלכות שעטנז", ווייל זיי קענען נישט גוט די דינים פון „הלכות שעטנז", ווייל זיי זיינען קמצנים און ווילן נישט האַלטן ביי זיך מלמדים, ווי די פריערדיקע בעלי־בתים פלעגן טאָן. אויך פלעגן אַמאָל קומען לומדים און האַלטן דרשות אין בית־המדרש, און אַזוי־אַרום האָבן זיך די בעלי־בתים אויסגעלערנט דינים. מען האָט אויך געגעבן ישיבה־בחורים „טעג" אין די בעלי־בתישע הייזער — האָט דער בעל־הבית געקענט הערן אַ וואָרט תורה פון דעם ישיבה־בחור. איצט זיינען אָבער געקומען נייע צייטן, די בעלי־בתים זיינען געוואָרן קאַרג, באַקלאָגט זיך דער מחבר, זיי ווילן מער נישט האַלטן ביי זיך אויף קעסט תלמידי־חכמים, און איצט פאַרברענגט מען די צייט מיט דעם וואָס מען הערט אין בית־המדרש אַ משל און אַ דבר הלצה...

דערפון קאָן מען זען, אַז דער מחבר איז נישט מכוון מיט זיינע רייד צו אַ געוויסן מענטשן, נאָר ער באַקלאָגט זיך אויף די „מגידים" פון זיין צייט, וואָס זאָגן בלויז משלים און דערציילן מעשיות.

און דער מחבר עצה׳ט די בעלי־בתים, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער קמצנות און צוריק באַנייען דעם מנהג פון זייערע עלטערן, דאָס מיינט, אַז מען זאָל צוריק אַריינגעמען אַ תלמיד־חכם צו זיך אין הויז... פון דעם קאָן מען זען, אַז דער בעש״ט איז דאָ דורך פּראָפ. שלום פּשוט אַריינגעשלעפּט געוואָרן מיט געוואַלט.

און איז דער בעש״ט געווען אַן עם־הארץ? ווי די קעגנער פון חסידות האָבן אויף אים געשריבן.

פּראָפעסאָר שלום וואַרפט דאָס טאַקע אָפּ, אָבער קיין גרויסער למדן, שרייבט ער, איז דער בעש״ט אויך נישט געווען. ער האָט בלויז געקענט „אַ פרשה חומש מיט רש״י, רמב״ן און ׳עין יעקב׳, און אַז אים זיינען געווען צום האַרצן די ספרי־מוסר און קבלה, און אַז ער אָט געלערנט דעם ׳חובת הלבבות׳ און דאָס ספר ׳אמונות ודעות׳ פון ר׳ סעדיה גאון און ער איז געווען אַ בקי אין זוהר...״

אַי, ווי קומט עס וואָס ר׳ מאיר מרגליות זאָל אויף אים שרייבן אַזוי גרויס און ר׳ מאיר פון אַלט־קאָנסטאַנטין זאָל אים געבן אַזאַ גרויסן טיטל, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן? און מיט וואָס פאַראַ כוח האָט דער בעש״ט געקענט שאַפן אַזאַ גרויסע באַוועגונג און צוגעצויגן צענדליקער טויזנ־טער יידן אין זיין דור?

אויף אָט די אַלע פראַגעס האָט פּראָפעסאָר שלום קיין ענטפער אין זיין אַרבעט נישט געגעבן. ער האַלט נאָר, אַז דאָס וואָס דער מתנגד ר׳ ישראל לייבל שרייבט, אַז דער בעש״ט האָט געהאַט אַ צען טויזנט חסידים, איז אַ גוזמא, און די השפעה פון דעם בעש״ט איז געווען באַגרענעצט אויף אַן ענגן קרייז. ערשט נאָך זיין פּטירה האָט זיך די באַוועגונג פאַרשפּרייט, האַלט פּראָפ. שלום.

אָט אַזוי האָבן די טרוקענע פאָרשער, ווי כירורגן מיטן אָפּעראַציע־מעסער, געוואָלט צושניידן דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון בעש״ט, כדי צו פאַרמינערן זיין גרויסקייט און געוואַלטיקע פערזענלעכקייט, ווער מיט פּיצלעך און ברעקלעך פון ווערטער, וואָס עס האָבן געשריבן די קעגנער פון חסידות, און ווער מיט אַריינטייטשן כוונות אין אַ מחבר, וואָס ער האָט עס גאָרנישט געמיינט, און מיט דעם מאָדערנעם שפּרוך פון „מאַגיזם און כאַריסמאַטיזם״. אָבער די גייסטיקע פערזענלעכקייט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב לייכט אַרויס שוין איבער צוויי הונדערט יאָר און איז געוואָרן אַ פאַקל פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

קאַפּיטל יב

פאַרשידענע בעלי־שמות פאַרן בעש״ט

די פאַרשידענע בעלי־שמות אין דייטשלאַנד. — ר׳ יואל בעל־שם פון כעלם, וואָס האָט באַשאַפן אַ גולם. — זיין אייניקל האָט געלעבט אין די צייטן פון בעש״ט. — דער בעל־שם פון לאָנדאָן.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז געווען איידער ער איז נתגלה געוואָרן און אויך דערנאָך אַ רופא, וואָס האָט געהיילט קראַנקע מיט קרייטעכצער און אַנדערע רפואות און אויך מיט שמות, סגולות און קמיעות.

אין דער צייט פון בעש״ט און פאַר אים זיינען געווען אַ צאָל בעל־שמ׳ס, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און האָבן געהיילט קראַנקע מיט פאַרשידענע רפואות, שמות, סגולות, קמיעות און אָפּשפּרעכעכצעו׳.

וועגן דעם ווי אין פוילן האָט מען זיך באַנוצט מיט שמות און סגולות, ווערט שוין געבראַכט אין „מעשה טוביה״ (פ״ו עמוד ב׳) אַז: „אין לך ארץ שעוסקים יותר בעסקי שדים, בהשבעות, בשמות ובחלומות כארץ הנזכר״ (נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וואו מען זאָל עוסק זיין אין שדים, השבעות, שמות און חלומות, ווי אין דעם דערמאָנטן לאַנד — פוילן).

עס זיינען געווען פאַרשידענע בעלי־שמ׳ס, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די שדים און רוחות.

פון זיי זיינען באַקאַנט די צוויי בעל־שמ׳ס: ר׳ יואל בעל־שם און ר׳ אליהו בעל־שם פון כעלם.

ר׳ יואל בעל־שם האָט מחבר געווען דאָס ספר „מפעלות אלקים״ [1], וואָס אַנטהאַלט „סגולות נפלאות עפ״י שמות הקדושים והטהורים״... (וואונדערלעכע סגולות דורך הייליקע און ריינע שמות); און ר׳ אליהו בעל־שם פון כעלם האָט מחבר געווען דאָס ספר „תולדות האדם״ [2], פול מיט „פעולות וסגולות״.

אויך דער בעל־שם פון קראָטאָשין, ר׳ בנימין בר׳ יהודה, האָט אין יאָר תע״ז (1717), געדרוקט צוויי ספרים פול מיט סגולות, שמות, קמיעות און אָפּשפּרעכעכצער: „שם טוב קטן״ און „אמתחת בנימין״.

1) דרוק, לוואָוו, תרל״ב.
2) דרוק, זאָלקאָוו, ת״פ.

די דאָזיקע בעל־שם׳ס זיינען געווען ערלעכע און תמימות׳דיקע יידן, און זיי האָבן אַליין געגלויבט, אַז זיי האָבן אין זיך אַ מאַגישן כוח צו העלפן קראַנקע.

אַזוי שרייבט דער באַוואוסטער חסידות־פאָרשער ש. א. האָראָדעצקי אין זיינע באַמערקונגען [3] צו זיין ספר „שבחי הבעש״ט״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין אַן אייגענער אויסגאַבע צונויפגעשטעלט לויט פאַרשידענע ענינים, אַז:

„דער דאָזיקער בעל־שם, וואָס איז געווען אַ רופא, האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף זיינע רפואות און סגולות, נאָר ער פלעגט מתפלל זיין צום אייבערשטן, ער זאָל פאַר אים אַנטפלעקן די סודות פון די פאַרשידענע קרייטעכצער. ׳גל עיני ואביטה סודות מעשיך הנפלאים ואת הסגולות והרפואות אשר יסדת בעשבים ובאבנים ובזרעים ובפרחים, בשרשים, בעלים, בעצים ובפירות, ביינות ובשמנים ובשאר העשבים׳״ (דעק אויף מיינע אויגן, איך זאָל קאָנען אַריינקוקן אין די סודות פון דיינע וואונדער־לעכע מעשים, אין סגולות און רפואות, וואָס דו האָסט געשאַפן אין די גראָזן און שטיינער, אין די זאָמען און בלומען, אין די וואָרצלען, אין די בלעטער און אין פירות, אין די וויינען און בוימלען און אין אַנדערע קריי־טעכצער)... [4]).

אַזאַ מין בעל־שם איז געווען נישט בלויז אַ רופא צו היילן דעם גוף פון קראַנקן, נאָר אויך זיין נשמה. ער פלעגט מתפלל זיין, אַז דער קראַנקער וואָס איז פול מיט יסורים, זאָל דורך דעם קומען צו אַ תשובה שלימה.

אַזאַ בעל־שם איז אויך געווען ווייט פון שנאה און קאָנקורענץ, און ער פלעגט מתפלל זיין: „הצילנו משנאה ותחרות ולא אקנא באחרים ולא תהיה קנאת אחרים אלי, אלא השכן ביני ובין רופאים אחרים אהבה ואחוה ושלום ורעות, ולא אבוש ולא אכלם בפניהם, אלא אהיה מכובד בעיניהם, ומאויבי תחכמני וירום ראשי על אויבי סביבותי, וחכמתי ודעתי שפתי ברור ימללו עד שאהיה לאות ופלא בעיניהם, ולא יהיה פוצה פה ומצפצף רע עלי ולא על מעשי, ואם ח״ו יאמרו רע עלי לא יאמנו דבריהם״ (זיי מיך מציל פון שנאה און קאָנקורענץ. איך זאָל נישט מקנא זיין אַנדערע און אַנדערע זאָלן מיך נישט מקנא זיין, נאָר עס זאָל הערשן צווישן מיר און צווישן די רופאים ליבשאַפט און פריינטשאַפט און שלום און איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן פאַר זיי און איך זאָל זיין אָנגעזען אין זייערע אויגן און פאַר מיינע פיינט מאַך מיך קלוג. איך זאָל קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ איבער מיינע פיינט אַרום. איך זאָל רעדן קלוגע רייד, אַזוי, אַז איך זאָל

3) זייט 133.

4) „תולדות האדם״, אין אָפּטייל סגולות און רפואות.

זיין פאַר אַ וואונדער אין זייערע אויגן און קיינער זאָל נישט רעדן קיין שלעכטס אויף מיר און אויף מיינע מעשים, און אויב זיי וועלן, חס ושלום, רעדן שלעכטס אויף מיר, זאָל מען זיי נישט גלייבן).

דער רופא־בעל־שם פלעגט זיך באַנוצן מיט אָפּשפּרעכעכצער, קמיעות סגולות, און ער האָט אויך זיך באַנוצט מיט קרייטעכצער און פאַרשידענע געוויקסן. באַזונדערס איז ער געווען אַ „מומחה״ אין היילן גייסטיק־קראַנקע, געזונט צו מאַכן מרה־שחורה׳דיקע מענטשן, פאַרטרייבן דיבוקים, שדים, רוחות און לצים.

דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין די בעל־שם׳ס און האָט דערציילט פאַר־שידענע וואונדערלעכע מעשיות וועגן זיי. אָבער מיט דער צייט זיינען אויפגעשטאַנען אויסנאַרער, וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „בעל שם״ און זיי האָבן אויסגענוצט דאָס פאָלק מיט זייערע פאַלשקייטן און פאַרנאַ־רערייען, ווי: משה פּראַגער, אליהו אלינוב, שמואל עסינגען און אַנדערע [5]).

דער טיטל „בעל שם״ איז מיט דער צייט געפאַלן צו אַזאַ נידעריקער מדרגה, אַז מען האָט אים גערופן „עם־הארץ״. ער פלעגט אַרומגיין איבער די הייזער בעטן געלט צו פאַרקויפן פאַרשידענע סגולות. ביז עס איז געקומען ר׳ ישראל בעל־שם, און האָט צוריק אויפגעהויבן דעם דאָזיקן טיטל, און כדי אים אָפּצושיידן פון די אַנדערע בעל־שמ׳ס, האָט מען אים גערופן נישט סתם „בעל שם״, נאָר: „בעל־שם־טוב״...

דער בעש״ט האָט אָבער ווייטער געהיילט קראַנקע אַלס אַ רופא און געוואוסט פון פאַרשידענע רפואות.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״ [6])‚ אַז: איינמאָל איז דער בעש״ט אַוועקגעפאָרן פון זיין שטאָט. ער האָט געשיקט אויפן וועג, האָט ער דערהערט פון אַ מענטשן: „קום גלייך אַהיים, ווייל ר׳ יוסף איז זייער קראַנק״. האָט ער געזאָגט צו זיינע משרתים זיי זאָלן מיט אים צוריקפאָרן, און ער איז אָנגעקומען פרייטיק אינדערפרי אין שטאָט אַריין. ער איז פאַרן דאַוונען געגאַנגען אין מקוה אַריין און דערנאָך האָט ער געזאָגט צום רופא, אַז ער זאָל מיט אים גיין צום קראַנקן. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען צום חולה, האָט דער בעש״ט געהייסן האַקן אָדער, אָבער דער רופא האָט ניט געוואָלט דאָס טאָן. דער בעש״ט האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז מען מוז האַקן אָדער. די מענטשן, וואָס זיינען געווען אין שטוב, האָבן געזאָגט, אַז דער רופא האָט רעכט, וואָס האָט געזאָגט, אַז אויב מען וועט האַקן אָדער, וועט דער חולה באַלד שטאַרבן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט דעם קראַנקן יאָ געהאַקט אָדער. דער בעש״ט איז דערנאָך געגאַנגען צו זיך אַהיים און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער קראַנקער געהייסן זיך געבן

5) האָראָדעצקי, „שבחי הבעש״ט״, זייט 133.
6) זייט 70.

אַביסל וואַסער צו טרינקען און ער איז דערנאָך געזונט געוואָרן.

דער בעש״ט פלעגט היילן ניט בלויז יידישע קראַנקע, נאָר אויך פריצים און סתם גויים. ר׳ דוד פון מאַקאָוו אין זיין ספר קעגן בעש״ט, „זאת תורת הגנאות״, שרייבט, אַז דער בעש״ט פלעגט פאָרן צו פריצים און זיי היילן און ער האָט דערפאַר געגומען באַצאָלט [7].

די דאָקטוירים האָבן אָבער ניט געוואָלט, אַז דער בעש״ט זאָל ביי זיי צונעמען די פרנסה און האָבן פון אים גע׳חוזק׳ט, אָבער דער בעש״ט האָט זיי געוויזן אַז ער פאַרשטייט בעסער ווי אַזוי צו היילן אַ קראַנקן.

ווי מיר זעען דאָס פון עטלעכע מעשיות, וואָס ווערן וועגן דעם דער־ציילט אין „שבחי הבעש״ט״:

איינמאָל — ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ [8]) — איז געקומען אַ גרויסער דאָקטאָר צו דער דוכסה (גרעפין) פון שטאָט. האָט זיך די דוכסה באַרימט פאַרן דאָקטאָר, אַז דער בעש״ט איז אַ גרויסער מענטש און ער איז אַ גרויסער בקי אין רפואות. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מען זאָל שיקן נאָך אים. האָט די דוכסה געזאָגט, אַז ער איז אַן אדם חשוב און מען דאַרף צו אים שיקן אַ קאָטש, אַזוי ווי עס פאָרן די גראַפן... האָט מען געשיקט נאָך דעם בעש״ט. ווען דער בעש״ט איז אַריינגעקומען, האָט דער דאָקטאָר געפרעגט דעם בעש״ט צי עס איז אמת אַז ער איז אַ בקי אין רפואות. האָט ער געענטפערט אַז יאָ. האָט דער דאָקטאָר אים געפרעגט: „וואו האָסטו געלערנט דאָקטאָריי און ביי וועלכן מומחה?״ האָט דער בעש״ט געענטפערט: „דער אייבערשטער האָט מיך געלערנט״.

האָט דער דאָקטאָר זיך צעלאַכט, און ער האָט ביי אים געפרעגט צי ער קען זיך אויס אויפן דופק.

האָט דער בעש״ט געענטפערט: „אָט איז פאַראַן עפּעס אַ פעלער אין מיין דופק. טאַפּ מיין דופק און געפין אויס וואָס דער פעלער איז״.

האָט דער דאָקטאָר גענומען דעם בעש״ט׳ס דופק און ער האָט דערזען, אַז ער קלאַפּט נישט ריכטיק, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס די קראַנק־הייט איז, ווייל אין דער אמתן איז דער בעש״ט קראַנק געווען אויף „חולת אהבה להשי״ת״ (אַ ליבעס־קראַנקהייט צום אייבערשטן), און דאָס האָט דער דאָקטאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין.

דערנאָך האָט דער בעש״ט גענומען דעם דאָקטאָרס דופק און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער דוכסה און האָט זי געפרעגט:

„זיינען ביי דיר צוגע׳גנב׳עט געוואָרן די און די חפצים?״

האָט די דוכסה געענטפערט: „יאָ, זיי פעלן מיר שוין אַזויפיל און אַזויפיל יאָר און איך ווייס נישט וואו זיי זיינען״.

7) האָראָדעצקי, דאָרט, אין די הערות, זייט 148.
8) זייט 71.

האָט דער בעש״ט געזאָגט: „זאָל מען גיין אויף דער אכסניה פון דאָקטאָר און מען זאָל עפּענען זיין רענצל, וועט מען דאָרט געפינען די אַלע צוגע׳גנב׳עטע חפצים״.

האָט די דוכסה אַזוי געטאָן און מען האָט טאַקע דאָרט געפונען די צוגע׳גנב׳עטע חפצים און דער דאָקטאָר איז אַוועקגעפאָרן מיט חרפות און בושות...[9]).

דער בעש״ט איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די רופאים אויך דערמיט וואָס זיי האָבן געהיילט דעם קראַנקן פיזיש און דער בעש״ט מיט „רוחניות״. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער נשמה פון קראַנקן...

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט אויך דערציילט אַ מעשה, ווי דער בעש״ט האָט געהיילט אַ מענטשן, וואָס האָט נישט געקאָנט רעדן און דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים געהיילט „ברוחניות״.

איינמאָל איז געווען אַזאַ מעשה[10]): אַ מענטש איז געווען מסוכן קראַנק און אַ גרויסער יידישער דאָקטאָר האָט אים מייאש געווען. דער קראַנקער איז דערנאָך געזונט געוואָרן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט רעדן. איז געקומען דער בעש״ט אין דער שטאָט אַריין, האָט מען אים גערופן צו דעם קראַנקן. האָט דער בעש״ט געהייסן קאָכן אַ יויך פון פלייש. מען האָט דעם חולה געגעבן יויכן פון פלייש און דער בעש״ט האָט דעם חולה אינגאַנצן אויסגעהיילט. ער האָט אָנגעהויבן צוריק צו רעדן און איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

האָט דער דאָקטאָר געפרעגט דעם בעש״ט:

— ווי אַזוי האָסטו אים אויסגעהיילט? איך האָב געוואוסט, אַז זיינע נערוון זיינען ביי אים קאַליע געוואָרן און מען קאָן זיי נישט היילן.

האָט דער בעש״ט געענטפערט:

— דו באַטראַכסט דעם חולה אין גשמיות (זיין פיזישע קראַנקהייט) און איך באַטראַכט אים „ברוחניות״ („אתה השגת את החולה בגשמיות ואני השגתי את החולה ברוחניות״). דערנאָך ווערט דאָרט צוגעגעבן, אַז דער מענטש האָט רמ״ח אברים און שס״ה גידין (248 אברים און 365 אָדערן), וואָס זיי זיינען קעגן די רמ״ח מצוות עשה און שס״ה מצוות לא תעשה, און ווען אַ מענטש זינדיקט, ווערט קאַליע אַ געוויסער אבר אָדער אַן אָדער און דאָס בלוט קאָן ניט דורכגיין דורך דעם אָדער. האָט דער בעש״ט גע־רעדט מיט דער נשמה פון דעם קראַנקן מענטשן און האָט אים געהייסן תשובה טאָן — און אַזוי אַרום האָט ער אים אויסגעהיילט.

9) אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט צוגעגעבן, אַז דער בעש״ט האָט געוואוסט לויטן קלאַפּן פון דופק וואָס פאַר אַ זינד מען איז באַגאַנגען, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין זוהר.

10) דאָרט, זייט 71.

אַזאַ ענלעכע מעשה געפינט זיך אין „שבחי הבעש״ט״ [11]), ווי אין דער מדינה וואָלעכיי איז געווען אַ גרויסער גביר, וואָס זיין ווייב איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און זי האָט נישט געקאָנט אויפהייבן אירע בײדע הענט.

מען האָט די קראַנקע געבראַכט צו פאַרשידענע דאָקטוירים און זיי האָבן זי נישט געקאָנט אויסהיילן. איז דער מאַן מיט איר געפאָרן פון איין אָרט צום אַנדערן און געזוכט אַ רופא וואָס זאָל זי היילן. האָט דער מאַן באַשלאָסן, אַז ער וועט מיט איר פאָרן פון שטאָט צו שטאָט צו די בעל־שמ׳ס, אפשר וועלן זיי קענען זי היילן.

און אַזוי פאָרנדיק האָט דער גביר געהערט, אַז עס איז פאַראַן דער בעש״ט אין מעזשיבעזש. איז ער אַהין געפאָרן.

דער מאַן איז אַריין מיט זיין פרוי צום בעש״ט און אים געבעטן ער זאָל היילן זיין פרוי. האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער זאָל בלייבן זיצן אין שטאָט. האָט ער אַזוי געטאָן. עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, זיינען זיי ווידער אַריין צום בעש״ט, האָט ער ווידער געהייסן בלייבן אין דער שטאָט.

ביז איינמאָל האָט דער בעש״ט געהייסן שפּאַנען זיין פערד און וואָגן און ער האָט געזאָגט צום מאַן ער זאָל פאָרן אין זיין וואָגן נאָך אים.

די מעשה גייט דאָרטן באריכות ווי אַזוי דער בעש״ט האָט אויסגעהיילט די קראַנקע פרוי, ווי דער בעש״ט האָט געגעבן אַ געשריי צו דער גע־ליימטער פרוי:

„הייב אויף דיינע הענט״...

און די פרוי האָט גלייך אויפגעהויבן די הענט און זי איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

***

דער בעש״ט האָט אויך עוסק געווען אין פאַרטרייבן „לצים״, שדים און רוחות און אַרויסטרייבן דיבוקים.

ר׳ גדליה פון לוניץ ברענגט אין נאָמען פון זיין רבי׳ן ר׳ אריה לייב, דער מוכיח פון פּולנאה, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון בעש״ט, אַז ער האָט געזאָגט אויפן בעש״ט, אַז דער בעש״ט פלעגט פאַרטרייבן „לצים״ בלויז מיטן זאָג: „ישראל בן אליעזר כאן״ (איז דאָ) [12]).

די תלמידים פון בעש״ט האָבן געגלויבט אין בעש״ט, אַז ער פאַרשטייט די שיחות פון בהמות, עופות אוןביימער, און דער זעלבער ר׳ אריה לייב, דער מוכיח פון פּולנאה, איז געפאָרן צום בעש״ט אים בעטן ער זאָל אים

11) זייט 69.

12) „שבחי הבעש״ט״, זייט 48.

אויסלערנען פאַרשטיין די שמועסן פון די בהמות און עופות אוןביימער [13]).

***

דער בעש״ט אַליין האָט געגלויבט אין זיין מאַגישער קראַפט און ער האָט געהאַט אַ סופר אָדער צוויי, וואָס פלעגן פאַר אים שרייבן בריוו און קמיעות.

אָבער אַ צאָל חסידות־פאַרשער האַלטן, אַז נאָכדעם ווי דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן האָט ער זיך ווייניקער באַנוצט מיט קמיעות, נאָר ער האָט מתפלל געווען פאַר אַ חולה.

אַזוי שרייבט אהרן מאַרקוס אין זיין ספר „החסידות״ און מ. בודק אין זיין „ספר הדורות החדש״.

אָבער פּראָפעסאָר ג. שלום האַלט [14]), אַז דער בעש״ט האָט נאָך זיין נתגלה געוואָרן זיך אַלץ באַנוצט מיט קמיעות, און ער איז זיך סומך אויף אַ בריוו, וואָס זיין שוואָגער, ר׳ אברהם גרשון קיטעווער, האָט צו אים געשריבן אין יאָר 1748 פון ירושלים, אין וועלכן ער בעט דעם בעש״ט, ער זאָל אים שיקן אַ „קמיע כללית און ער זאָל נישט דאַרפן יעדעס יאָר אַ נייע קמיע״.[15]).

מיר האַלטן אָבער, אַז ווען אַפילו דער בעש״ט האָט פון צייט צו צייט געשריבן אַ קמיע איז עס בלויז געווען, ווייל די מענטשן האָבן געגלויבט אין זיין מאַגישער קראַפט און ער אַליין האָט געוויזן אַז ער שרייבט נישט אין די קמיעות הייליקע שמות, נאָר בלויז זיין אייגענעם נאָמען.

אַזוי ווערט געבראַכט [16]), אַז דער בעש״ט האָט אַמאָל געעפנט אַ קמיע, וואָס ער האָט געשריבן און האָט געוויזן אַז דאָרט שטייט אָנגעשריבן בלויז „ישראל בן שרה״.

אויך דער תלמיד פון בעש״ט, ר׳ נחום טשערנאָבילער, זאָגט, אַז דער בעש״ט האָט נאָך זיין נתגלה ווערן זיך נישט באַנוצט מיט קמיעות, נאָר מיט טאָן תפילה און מייחד זיין יחודים.

„די רפואות פון בעש״ט — שרייבט ר׳ נחום טשערנאָבילער אין זיין ספר „מאור עינים״ — זיינען געווען, נאָר דורך יחודים, וואָס ער האָט מייחד געווען״ [17]).

מיר קאָנען זיך סומך זיין אויפן תלמיד פון בעש״ט, ר׳ נחום טשערנאָ־

13) ג. שלום: „דמותו ההיסטורית של ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, „מולד״, נומער 144—145.

14) דאָרט, זייט 50.

15) „ספר ברכת הארץ״ פון ברוך דוד הכהן, ירושלים, תרס״ד, דף ס״ג, עמוד ב׳.

16) מ. בובער: „אור הגנוז, תש״ז, זייט 25.

17) מאור עינים, סוף פרשת נשא.

בילער, אַז נאָך דעם ווי דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, איז ער געוואָרן דער מנהיג רוחני און ער האָט געהיילט די „חולי הנפש״ און „חולי הגוף״ (גייסטיקע און פיזישע קראַנקע) מיט מתפלל זיין פאַר זיי פאַרן רבונו של עולם און אויסבעטן פאַר זיי אַ רפואה...

⁂

אַן אַנדערער בעל־שם איז געווען דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״.

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט געהייסן ר׳ שמואל חיים יעקב פאַלק. ער איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1710. מען רעכנט אין דער שטאָט פּאָדייעץ, גאַליציע. אַנדערע האַלטן, אַז בלויז זיין פאָטער איז געווען פון פּאָדייעץ און ער אַליין איז געבוירן געוואָרן אין פירט, דייטשלאַנד.

דער פאָטער זיינער האָט געהייסן „ר׳ רפאל ספרדי״. מען האָט אים גערופן „הספרדי״, נישט ווייל ער איז געווען אַ ספרד׳ישער איד, נאָר ווייל ער האָט געדאַווענט נוסח ספרד אין פוילן [18]).

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ר׳ רפאל פאַלק, דער פאָטער פון דעם „בעל־שם פון לאָנדאָן״, איז געפאָרן קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט ר׳ יהודה החסיד, וואָס האָט עולה געווען קיין ירושלים מיט אַ גרויסער גרופּע יידן פון פוילן אין יאָר 1700. זיי זיינען געפאָרן דורך דער שטאָט פירט, דאָרט האָט זיך די משפחה פאַלק אָפּגעשטעלט און דעם „בעל־שם׳ס״ מוטער איז דאָרט געשטאָרבן.

דער בעל־שם פאַלק האָט לכתחילה געוואוינט אין פאַרשיידענע שטעט אין דייטשלאַנד. ער איז געווען אַ מערקווירדיקע פערזענלעכקייט. אויך נישט־יידן האָבן אים געהאַלטן אַלס „וואַנדערמאַן״. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מקובל און מיסטיקער.

גראַף דע־ראַזנאָוו דערציילט וועגן בעל־שם פאַלק׳ס טעטיקייט, ווי אַזוי ער איז געווען אַ מאַגיקער און וואָס פאַראַ וואונדער ער פלעגט באַ־וויזן פאַר די אויגן פון פאַרשיידענע מענטשן.

עס ווערט אויך דערציילט אַ מעשה, אַז אין וועסטפאַלן האָבן די דייטשע רעגירונגס־באַאַמטע אים געכאַפּט און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים פאַראורטיילן צו פאַרברענען, אַלס אַ מכשף, ווייל ער האָט זיך באַ־רימט פאַר מענטשן, אַז ער באַזיצט אַ כוח צו אַנטדעקן געהיימע אוצרות...

פאַלק איז דעריבער אַנטלאָפן פון וועסטפאַלן און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט פאַלק געוואוינט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט זיך אויס־

18) דאָס איז געווען נאָך פאַרן אויפקום פון חסידות, אָבער עס זיינען שוין געווען אַ צאָל מקובלים, וואָס האָבן געדאַווענט לויטן נוסח ספרד, פון דעם סידור פון אר״י הקדוש.

בויט אַ הויז מיט אַ סוכה. ער האָט געהאַט אַ שול און אַ גרויסע ביבליאָ־טעק מיט פאַרשיידענע קבלה־ספרים. ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט אין דקדוק און פילאָזאָפיע און ער איז געווען באַקאַנט אין פאַרשיידענע קרייזן אַלס אַ בעל מופת.

גראַפן און פירשטן פלעגן קומען צו אים זיך שואל־עצה זיין און זיין פירסום איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט וועגן זיינע מופתים דער־ציילט אויך צווישן די קריסטן אין פּאַריז...

וועגן דעם „בעל־שם פון לאָנדאָן" איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע אָפּ־האַנדלונג פון הויפּט־רב פון ענגלאַנד, ראַבאַי נ. אַדלער [19]).

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן" ווערט אויך דערמאָנט אין ר׳ יעקב עמדינ׳ס „ספר התאבקות" און אין זיין „גת דרוכה" (לעמבערג, 1877), ווי אויך אין „שבירת לוחות" און ר׳ יעקב עמדין רופט אים אַן „בעל שד", אַנשטאָט „בעל־שם", ווי אויך „שמואל הרמאתי" (דער אויסנאַרער [20]). ר׳ יעקב עמדין באַשולדיקט אים אין שבתי צבי׳איזם, ווייל ער האָט באַ־האַלטן ביי זיך ר׳ משה דוד פון פּאָדייצע, וועלכע זאָל האָבן געווען אַ שבתי צבי׳ניק, און אַז אין אַ קמיע, וואָס ר׳ משה דוד האָט געגעבן, האָט מען געפונען די ווערטער „שמואל" און „צבי" צוזאַמען [21]).

אָבער ר׳ יעקב עמדין האָט בכלל אַ סך יראים ושלימים חושד גע־ווען אין שבתי צבי׳איזם און דאָס וואָס מען האָט אין אַ קמיע געפונען דעם נאָמען „שמואל", מיינט מען נאָך נישט, אַז דאָס איז ר׳ שמואל „בעל־שם פון לאָנדאָן". ווייניק „שמואל׳ס" זיינען פאַראַן ביי יידן? און ווען אפילו ר׳ משה דוד זאָל האָבן געווען אַן אָנהענגער פון שבתי צבי און דער בעל־שם פון לאָנדאָן האָט אים באַהאַלטן ביי זיך אין הויז, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז דער „בעל־שם פון לאָנדאָן" אַליין איז געווען אַן אָנהענגער פון שבתי צבי.

פון דער ביבליאָטעק זיינער, און פון זיין „טאָג־בוך" און פון אַלע כתבים וואָס זיינען פון אים פאַרבליבן, איז גאָר נישט פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל וואַרפן אויף אים אַ חשד, אַז ער איז געווען אַן אָנהענ־גער פון שבתי צבי [22]).

לויט ווי עס גיט איבער ראַבאַי אַדלער אין זיין אַרבעט איבער דעם

19) „דהי בעל שם אָוו לאָנדאָן", אין דער דייטשער „פעסטשריפט", צום 70־יעריקן געבוירנטאָג פון א. בערלינער, 1903, זייטן 1־9.

20) „התאבקות", זייט 30.

21) „גת דרוכה", זייט 4.

22) די ביבליאָטעק און דער „טאָג־בוך" פון דעם „בעל־שם פון לאָנדאָן", געפינען זיך אין דעם אַרכיוו פון דעם בית המדרש פון דער יונייטעד סינאַגאָג אין לאָנדאָן. עס וואָלט געווען גאָר וויכטיק, אַז זיין „טאָג־בוך" זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן.

„בעל־שם פון לאָנדאָן״, זיינען אין דעם „טאָג־בוך״ פאַרצייכנט חלומות, און אַ רשימה פון צדקה, וואָס ער האָט געגעבן, אויך אַ רשימה פון ספרים, וואָס ער האָט געקויפט, טעקסטן פון דער תורה, קבלה׳שע שמות פון מלאכים, רעצעפטן ווי צו מאַכן קוכנס און ליקערן מיט געווירצן, און אויך פאַרשיידענע געלט־חשבונות.

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט נישט געהאַט קיין קינדער. אין זיין צוואה דערמאָנט ער אַ שטיף־זון מיטן נאָמען גדליה.

ר׳ יעקב עמדין ברענגט אויך אין זיין „גת דרוכה״ אַ בריוו פון אַ חסיד פון דעם „בעל־שם פון לאָנדאָן״. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן פון איינעם זוסמאַן שעסנאָווסקי.

אָט איז אַן אויסצוג פון זוסמאַן שעסנאָווסקי׳ס בריוו:

„זיין חדר איז באַלויכטן מיט זילבערנע לייכטער, וואָס הענגען ביי די ווענט און אַ לייכטער פון אַכט ליכט, וואָס הענגט אַראָפּ פון באַלקן. כאָטש מען האָט אַריינגעגאָסן בוימל אין די לייכטער צו ברענען בלויז אויף איין מעת־לעת, האָבן זיי געברענט דריי וואָכן. איינמאָל איז ער געבליבן אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר גאַנצע זעקס וואָכן אָן שפּייז און וואַסער. ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין אָפּריכטן התבודדות, זיינען צו אים אַריינגערופן געוואָרן אַ מנין יידן, און זיי האָבן אים געטראָפן זיצן אויף אַ מין טראָן, זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט אַ גאָלדענעם טורבאַן, אַ גאָלדענע קייט איז געווען אַרום זיין האַלדז, מיט אַ זילבערנעם שטערן, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעקריצט הייליקע שמות... איך קען נישט אויסרעכענען די אַלע מופתים, וואָס איך האָב געזען און איך בין איבערגליקלעך צו זיין אין זיין שאָטן...״

וועגן די מופתים פון דעם „בעל־שם פון לאָנדאָן״ ווערט אויך דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל אָפּגעשטעלט אַ שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער גרויסער שול אין לאָנדאָן, דורך דעם, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר דער טיר פון דער שול אַ שטיקל פאַרמעט, וואָס ער האָט אויף אים אָנגעשריבן פיר אותיות...

אויך ר׳ דוד אזולאי, אין זיין ספר „מעגל טוב״ (זייט 136) שרייבט, אַז ער האָט געטראָפן אין פאַריז דעם מאַרקיז דע טאָמאַ, וועלכער האָט געראַטעוועט אַ צאָל יידן פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע און ער האָט אים דערציילט, אַז דער בעל־שם פון לאָנדאָן האָט מיט אים געלערנט קבלה.

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן באַראָן טעאָדאָר דע נאָראיף, וועלכער האָט זיך געקרוינט פאַר דעם קעניג אין קאָרסיקאַ. ער איז פאַר זיין אַוואַנטורע אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אויף אַן אינדזל און פון דאָרט אַנטלאָפן אין

יאָר 1749 קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן און דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט דעם געוועזענעם קעניג באַזוכט אין תפיסה. דער געוועזענער קעניג האָט געוואָלט אַרויסציען אַן אוצר פון גאָלד און זילבער, וואָס איז געזונקען געוואָרן אין ים, און דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט צוגעזאָגט אים צו העלפן דורך קבלה׳שע שמות...

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט זיך אויך באַגעגנט מיט דעם גראַף אַדאַם טשאַרטאָריסקי [23], וועלכער איז געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּאָדאָליע. אויך האָט ער זיך געטראָפן מיט איינעם אַ דינער פון קעניג לואי דעם 16טן פון פראַנקרייך.

אויך האָט דער „בעל־שם״ געגעבן דעם פּרינץ פון אָרלעאַנס אַ רינג אַלס אַ שמירה, וואָס וועט אים העלפן צו ווערן קעניג.

דער דאָזיקער רינג געפינט זיך ביזן היינטיקן טאָג אין מוזעאום אין פּאַריז.

דעם בעל־שמ׳ס פריינט אין לאָנדאָן זיינען געווען, דער גרויסער לאָנדאָנער באַנקיר אהרן גאָלדשמיד און זיין זון דזשאָרדזש. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן האָט דער „בעל שם פון לאָנדאָן״ אויך געהאַט עסקים אויף דער לאָנדאָנער בערזע. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיין הויז אויף דער וועלקלאָס סקוועיר אין לאָנדאָן.

פאַלק איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם הויפּט־רב פון לאָנדאָן, הרב ר׳ דוד טעוולי שיף, און מיט דעם נייעם אויפגענומענעם רב פון דער נייער שול, ר׳ משה מאירס.

אין זיין צוואה [24], וואָס דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ האָט זי געשריבן דעם 14טן אַפּריל, 1781, האָט ער באַשטימט זיינע פריינט — אהרן גאָלדשמיד און אהרנ׳ס זון, דזשאָרדזש גאָלדשמיד, און אהרנ׳ס איידעם, לעאָן, אַלס זיינע אַפּיטרופּסים. ער האָט פאַרשריבן אין דער צוואה, אַז ער לאָזט איבער צוויי קליינע ספרי תורה מיט די זילבערנע קעסטעלעך [25] פאַר דער גרויסער שול. אויך האָט ער אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אַז מען זאָל געבן דער גרויסער שול 100 ענגלישע פונט. מען זאָל אויך געבן צען גיניס יעדעס יאָר צום בית המדרש פון די אשכנזים און דעם זעלבן סכום צו דעם בית המדרש פון די ספרדים אין לאָנדאָן. צוואַנציק גיניס זאָל מען שיקן צו דער קהילה אין פירט [26].

23) געבוירן אין יאָר 1743, געשטאָרבן אין יאָר 1823.

24) זי געפינט זיך אין דעם אַרכיוו פון דער שול פון דער יונייטעד סינאַגאָג.

25) די ספרדישע יידן האַלטן די ספרי־תורה אין הילצערנע קעסטעלעך באַשלאָגן מיט גאָלד און זילבער.

26) דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״ פלעגט ביי זיין לעבן אַליין שיקן געלט צו דער יידישער קהילה אין פירט, זיי זאָלן האָבן אַ השגחה אויף דעם קבר פון זיין מוטער, וואָס איז געקומען צו קבורה אין פירט.

דריי טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי דער „בעל־שם פון לאָנדאָן" האָט געשריבן זיין צוואה [27]), איז דער „בעל־שם פון לאָנדאָן" נפטר געוואָרן, און ער איז געקומען צו קבורה אויפן בית הקברות פון מייל ענד, לאָנדאָן.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך אַ שרייבער, אַרשענהאָלץ, שרייבט אין זיין בוך „ענגלאַנד ענד איטאַליען" (זייט 149), אַז דער בעל־שם האָט געמאַכט געוויסע שטיינער, אין בראַנסוויק, קענענדיק כעמיע...

און אָט איז דער נוסח פון דער מצבה פון „בעל־שם פון לאָנדאָן".

אויף דער שפּיץ פון דער מצבה איז אויסגעקריצט די אותיות „פּ. נ.", אַ מגן דוד, און אין מיטן פון מגן דוד שטייען די דריי אותיות: „שיח", דאָס איז זיין נאָמען „שמואל יעקב חיים".

דאָן „זקן ונשוא פנים האי גברא רבא דאתי ממדינתא, החכם... המקובל מורינו הרב ר׳ שמואל בן מורינו ר׳ רפאל זצ"ל, שמו היה נודע בקצוי ארץ ואיים רחוקים, וזה ארבעים שנה שהיה כאן דגל התורה והעבודה הקיים, למד וקיים התורה והמצוות והחוקים ובעת מותו בזבז כל נכסיו, הון רב לכמה צדקות מחולקים, בזכות זה בורא שמים ויוסד ארקים, נשמתו יצרור בגן עדנו עם שארי צדיקים ויזכהו לעמוד בתחיה עם שארי מתי ישראל, אשר לעתיד יקומו. נפטר בשם טוב יום ה׳ ארבעה ימים לירח זיו, הוא אייר, ונקבר בכבוד ובהספד למחרתו יום הששי, עשרים לספירה, ה׳ תקמ"ב ליצירה. ת. נ. צ. ב. ה."

און פון „בעל־שם פון לאָנדאָן" איז געבליבן אַ בילד, וואָס עס האָט געמאָלן אַ מאָלער מיטן נאָמען קאָפּלי. דאָס דאָזיקע בילד איז געהאַנגען ביי דעם באַנקיר גאָלדשמיד אין הויז. דאָס בילד איז דערנאָך אַריין אין דער „דזשואיש ענציקלאָפּעדיע". אָט־דאָס דאָזיקע בילד האָבן יידן קאָפּירט און עס אָנגענומען אַז דאָס איז דאָס בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און עס איז געוואָרן פּאָפּולער ביי יידן און אַריין אין אַלע ביכער וועגן דער געשיכטע פון חסידות [28]).

27) דעם 17טן אַפּריל, 1782.

28) וועגן בעש"ט׳ס בילד, זע דאָס קאַפּיטל ט"ו: איז פאַראַן אַ בילד פון בעש"ט?

קאַפּיטל יג

אדם בעל־שם און די „סטאָלינער גניזה"

אדם בעל־שם וואָס האָט אָנגעזאָגט זיין זון אַז ער זאָל איבערגעבן זיינע פאַרבאָרגענע כתבים צו איינעם מיטן נאָמען „ישראל בן אליעזר". — דער מקובל ר' יהושע העשל צורף און זיין „ספר הצורף", וואָס האָט זיך געפונען ביים בעש"ט. — ווער איז געווען אדם בעל־שם?

דאָס לעבן און דאָס אַנטפּלעקן זיך פון דעם באַגרינדער פון חסידות — ר' ישראל בעל־שם־טוב, איז איינגעוויקלט אין פאַרשידענע לעגענדעס. דער איינציקער מקור וואָס מיר האָבן, איז נאָך אַלץ דער „שבחי הבעש"ט".

לויט דעם דאָזיקן „שבחי הבעש"ט" איז ר' ישראל בעל־שם־טוב געבוירן געוואָרן אַן ערך אין יאָר ת"ס — 1700, אין אָקופּ, ניט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דער פאָטער זיינער, ר' אליעזר, איז געשטאָרבן ווען ישראל איז נאָך געווען יונג. די קהילה־לייט האָבן דעם יונגן יתום אָפּגעגעבן אין אַ חדר צו לערנען, אָבער דער קליינער ישראל פלעגט אָפּט אַנטלויפן פון חדר, און ווען ער איז אַביסל אונטערגעוואַקסן, איז ער געוואָרן אַ „באַהעלפער". צו דרייצן יאָר איז ער געוואָרן אַ „שומר" אין בית־המדרש. ער האָט געהאָלפן דעם שמש און באַדינט די בית־המדרש־יידן.

די יידן אין שטאָט האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָסטן עם־האָרץ. אָבער ווען ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, איז ער שוין געווען אַ „צדיק נסתר" און באַלד איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דעם לעבן פונעם יונגן ישראל.

איינער אַ בעל־שם מיטן נאָמען ר' אָדם, האָט געהאַט אַ פּעקל „כתבים" מיט גרויסע סודות התורה, און פאַר זיין פּטירה האָט ער גערופן צו זיך זיין זון און ער האָט צו אים געזאָגט: „גיי אין דער שטאָט אָקופּ און דאָרט וועסטו געפינען אַ יונגעמאַן, וועלכער הייסט ישראל בן אליעזר. ער איז אַלט פערצן יאָר און אים זאָלסטו איבערגעבן די כתבים, וועלכע זיינען רזין דרזין, ווייל זיי קערן זיך אָן מיט זיין שורש נשמה" [1].

דער זון פון ר' אָדם בעל־שם איז געקומען קיין אָקופּ. ער האָט דאָרט געזוכט דעם ישראל בן אליעזר, און ווען ער האָט אויסגעפונען אַז ער איז

1) „שבחי הבעש"ט", זייטן 14־15.

דער משרת פון בית־המדרש, האָט ער אים אָנגעהויבן נאָכצוקוקן און ער האָט דערזען, אַז ער איז אַ פאַרבאָרגענער צדיק.

און איינמאָל ביינאַכט ווען אַלע מענטשן אין בית־המדרש זיינען געשלאָפן, האָט זיך ר׳ אָדם בעל־שמס זון געמאַכט אַז ער שלאָפט אויך. האָט ער געזען ווי דער „משרת״ שטייט אויף און איז עוסק אין תורה און עבודה.

אַזוי האָט ר׳ אָדמס זון אויסגעפּרואווט דעם „שומר״ דריי נעכט. און אין דער דריטער נאַכט, אַז דער „משרת״ איז איינגעשלאָפן, האָט ר׳ אדמס זון גענומען אַ פּאָר קונטרסים פון די „כתבים״ און זיי אַוועקגעלייגט לעבן דעם „משרת״. ווען דער שומר האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען די פּאָר קונטרסים, האָט ער אָנגעהויבן צו ציטערן און האָט זיי באַהאַלטן.

אַזוי האָט ר׳ אָדמס זון געטאָן די אַנדערע נאַכט. דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער „שומר״ איז טאַקע דער ישראל בן אליעזר, וועמען ער דאַרף איבערגעבן די הייליקע כתבים פון זיין פאָטער. האָט ער גערופן דעם שומר צו זיך און האָט אים איבערגעגעבן אַלע כתבים און אים געבעטן, ער זאָל מיט אים לערנען. דער „משרת״ איז מרוצה געוואָרן, אָבער מיט דעם תנאי, אַז קיין מענטש זאָל פון דעם ניט וויסן.

ר׳ אדמס זון, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון אַ רייכן אידן פון שטאָט, האָט זיך באַזעצט מחוץ לעיר און דער „משרת״ פון בית־המדרש איז געוואָרן זיין משרת און דאָרט האָבן זיי געלערנט די סודות התורה.

אָט דורך די „כתבים״, וואָס ר׳ אָדם בעל־שם האָט פאַר אים איבערגעלאָזט, איז דער „שומר״ ישראל געוואָרן באַהאַוונט אין דער „קבלה מעשית״ און דערנאָך איז ער נתגלה געוואָרן און געוואָרן דער באַגרינדער פון חסידות.

ווי מיר זעען, איז דאָס גאַנצע התגלות ווערן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פאַרבונדן מיט אַ גרויסן מקובל, וואָס האָט געהייסן ר׳ אָדם בעל־שם.

ווער איז אָבער געווען דער ר׳ אָדם בעל־שם און וואָס פאַראַ „כתבים״ זיינען דאָס געווען?

דער נאָמען אָדם איז גאָר ווייניק באַקאַנט ביי יידן, בפרט פון אַן אָדם בעל־שם ווייסן מיר גאָרניט.

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערן וועגן אים דערציילט אויסטערלישע זאַכן. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל איינגעלאַדן צו זיך אַ קיסר און זיינע שרים, און כדי פאַרצוברענגען אַ סעודה פאַרן קיסר כיד המלך, האָט ער איבערגעפירט אַ גרויסן פּאַלאַץ מיט גילדענע כלים און גוטע מאַכלים פון אַן אַנדערן קיסר און ער האָט זיי דורך אַ נס געבראַכט צו זיך, און אַזוי־אַרום האָט דער קיסר געקענט קומען צו אים.

אָט דער דאָזיקער ר׳ אָדם בעל־שם האָט געמאַכט אַ שאלת־חלום, צו וויסן צו וועמען איבערצוגעבן זיינע כתבים, וואָס זיינען געווען „רזין

דאורייתא״, און מען האָט אים פון הימל געענטפערט, אַז ער זאָל זיי איבערענטפערן צו „ישראל בן אליעזר פון דער שטאָט אָקופּ״ [2]).

ווער איז געווען דער דאָזיקער ר׳ אָדם בעל־שם, וואָס האָט איבער־געלאָזט פאַרבאָרגענע כתבים?

אין דער „כערסאָנער גניזה״ [3]) זיינען פאַראַן דריי בריוו פון ר׳ אָדם בעל־שם. דאָרט ווערט צוגעגעבן נאָך אַ פּרט, אַז ער שטאַמט פון דער שטאָט ראָפּשיץ [4]). איין בריוו איז געשריבן פון ר׳ אָדם בעל־שם צו זיין זון.

דער אינהאַלט פון ערשטן בריוו איז אַזוי:

„ב״ה יום (?) מקץ, תצ״א.

„דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן און זאָלסט וויסן זיין, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ הייליקער נסתר, וואָס זיין הייליקער נאָמען איז ישראל בן אליעזר. אָבער איך וויים ניט וואו ער געפינט זיך און איך האָב אַ פּעקל בריוו, וואָס איך דאַרף אים איבערגעבן, ווייל אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן ׳מפּי הגבורה׳, דערפאַר הער זיך צו צו מיין קול און זוך אים אויף און עס וועט זיין ווען דו וועסט אים געפינען, זאָלסטו אים זאָגן, אַז איך האָב הייליקע כתבים און דו זאָלסט אים מגלה זיין מיין אָרט און פאַר אַ סימן זאָלסטו אים איבערגעבן דעם מאמר פון זוהר פון דער פּרשה חיי שרה... פון מיר דיין טאַטע אָדם בעש״ט מראָפּשיץ...״

דערנאָך איז צוגעשריבן: „זאָלסט אים איבערגעבן מ״ח גליונות״ (48 בויגן).

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט שוין ר׳ אָדם בעל־שם אַ בריוו צו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נאָכדעם ווי ער גיט אים אַ גרויסן טיטל, שרייבט ער צו אים:

„ב״ה ד׳ מטות, תצ״א.

„זאָלסט וויסן זיין, אַז אַלע סודות און די כתבים, וואָס איך האָב איבער־געענטפערט פאַר דיר, האָב איך באַשוואוירן, אַז נאָר צו דיין האַנט זאָלן זיי דערגרייכן. איך אַליין קען דיך ניט, אָבער דיין רבי ח״י (חיה יחידה) א״ה (אַחיה השילוני) האָט מיר געזאָגט, אַז בלויז דיר אַליין זאָל איך איבער־

2) דאָרט, זייטן 15־16.

3) וועגן דער „כערסאָנער גניזה״ זע דאָס ווייטערדיקע קאַפּיטל י״ד אין אונדזער בוך. די רשימה און אינהאַלט פון די בריוו זיינען אָפּגעדרוקט אין „קובץ התמים״, וואַר־שע, כסלו 1936, זייטן 22־24. אויך דער פריערדיקער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן, ברענגט אין זיין „ספר הזכרונות״ דעם נאָמען אָדם בעל־שם פון ראָפּשיץ, ער גיט אָבער נישט אָן קיין שום מקור דערויף. זע „ספר הזכרונות״, אַרויסגעגעבן פון „אוצר החסידים״, ניו־יאָרק, 1947, זייטן 274־276.

4) פאַרעפנטלעכט אין „התמים״, חוברת א׳, תמוז תרצ״ה.

געבן אַלע סודות... ווייל ווען ניט דו, וואָלט חס ושלום די וועלט חרוב געוואָרן...״

אויף דעם דאָזיקן בריוו שטייט אויך אונטערגעשריבן: „אָדם בעש״ט מראַפּשיץ״.

אין דעם דריטן בריוו, אויך צו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, פון פרשת נח, תצ״ב, שרייבט ר׳ אָדם בלויז אַ פּאָר ווערטער: „לאָז מיר וויסן וואו דו געפינסט זיך. אויך דיין אָרט״. אונטערגעשריבן „אָדם מראַפּשיץ מכונה בעש״ט״.

די דאָזיקע דריי בריוו גיבן אונדז אָן דאַטעס ווען ר׳ אָדם בעל־שם האָט געלעבט און אַז ער האָט געוואוינט אין ראַפּשיץ.

מיר האָבן מיט אַ כוון געבראַכט דעם אינהאַלט פון די דריי בריוו, כדי מען זאָל זען די „גראָבע שטעך״ פונעם פעלשער.

קודם־כל איז באַקאַנט, אַז פאַר ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז דער טיטל געווען בלויז „בעל־שם״. אַזוי ווערט טאַקע אָנגערופן אין „שבחי הבעש״ט״ ר׳ אָדם אַליין.

מיר ווייסן אויך, אַז לויט דער מסורה איז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב געבוירן געוואָרן אין יאָר ת״ס (1700), און אין ספר „שבחי הבעש״ט״ ווערט אָנגעגעבן, אַז ר׳ אָדם בעל־שם האָט באַפוילן זיין זון איבערגעבן אים די כתבים, ווען ר׳ ישראל איז אַלט געווען אינגאַנצן פערצן־פופצן יאָר, בעת פון די פריערדיקע בריוו קומט אויס, אַז ר׳ ישראל האָט ערשט געדאַרפט באַקומען די „כתבים״ אין יאָר תצ״א־תצ״ב (1731־1732), דאָס מיינט, ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט שוין גאָר געוואוינט אין טלוסט (ת״ץ — 1730) און אין צווייטן בריוו, וואָס ר׳ אָדם בעל־שם שרייבט צו ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, גיט ער אָן אין טיטל:

„...מר״ר ישראל בן הר״ר אליעזר יחי׳ מאַקופּ...״

אויך קומט אויס פון די דאָזיקע בריוו, אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט די סודות פון דער תורה, דורך די „כתבים״ פון ר׳ אָדם בעל־שם, אַ פינף יאָר, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, ווייל אין אַן ערך אין יאָר תצ״ה (1735) איז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב נתגלה געוואָרן און ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ חתונה־געהאַטער, ער האָט שוין געהאַט וויכוחים מיט זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער, און לויט די בריוו קומט אויס, אַז זיין גייסטיקער רבי ר׳ אָדם בעל־שם האָט אים נאָך אַלץ אַרומגעזוכט, ער זאָל אים קענען איבערענטפערן די „הייליקע כתבים״...

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דר. זאב ראַבינאָוויץ געפונען אין הויף פון סטאָלינער רבין אַ צאָל כתב־ידן[5] און צווישן זיי אויך אַ

5) זע: ז. רבינוביץ: „הגניזה הסטולינאית״, „ציון״, שנה ה׳, זייט 126 און

מאַנוסקריפּט, אַ קאָפּיע פון דעם קבלה־ספר „ספר הצורף״ פון ר׳ יהושע העשל צורף פון ווילנע־קראָקע [6], און דער וואָס האָט מעתיק געווען דעם כתב־יד גיט אָן, האָט זיך געפונען ביי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אויף דעם דאָזיקן מקובל ר׳ יהושע העשל צורף, האָט מען געוואָרפן אַ חשד, אַז ער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער שבתי־צביניק.

אויפן סמך פון דעם געפונענעם כתב־יד אין דער סטאָלינער גניזה, איז פּראָפעסאָר גרשום שלום אַרויסגעקומען מיט זיין מיינונג, אַז ר׳ אָדם בעל־שם איז געווען דער מקובל ר׳ יהושע העשל צורף, וואָס האָט געהערט צו דער „כת שבתי־צבי״ און אַז די „כתבים״, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז ר׳ אָדם בעל־שם האָט אָנגעזאָגט זיין זון ער זאָל זיי איבערגעבן צו ר׳ ישראל בן אליעזר, זיינען געווען די כתב־ידן פון זיין „ספר הצורף״ [7].

וואָס ווייסן מיר וועגן דעם לעבן פון מקובל ר׳ יהושע העשל צורף?

מיר ווייסן אַז ער איז געווען אַ זון פון ר׳ יוסף צורף און אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1633, אַז ער האָט געלעבט אין ווילנע און אַז ער איז נפטר געוואָרן אין קראָקע אין יאָר 1700, אָדער 1720.

אויך ווייסן מיר אַז וועגן דעם מקובל ר׳ יהושע העשל צורף זיינען פאַראַן צוויי מיינונגען. רבנים פון זיין דור רופן אים אָן „צדיק״, „מקובל״, „נביא״, און דערציילן וואָס פאַראַ הייליקע ספרים ער האָט אַרויסגעגעבן. ווידער זיינען פאַראַן פאַרצייכענונגען פון שבתי־צביניקעס, וואָס רעכענען אים צו צו זייער כת, אַלס גייסטיקער פירער פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

אָט דערציילט וועגן אים דער מקובל ר׳ צבי הירש קוידאַנאָווער אין זיין „קב וישר״ [8] אַ נבואה אין זיין נאָמען און רופט אים אָן (אין פרק ק״ב): „פה קדוש האיש האלוקי מוהר״ר העשיל צורף ז״ל״ (הייליק מויל, אַ געטלעכער מענטש...״).

אין דעם פּנקס פון דער חברה קדישא אין קראָקע איז פאַרשריבן אַזוי: „יזכור אלקים את נשמת... המקובל בודאי מימות יהושע עד יהושע לא נמצא כמוהו... היה כותב חמשה ספרים לשלשה הראשונים היה קורא בשם שלשה עדרי צאן ולספר רביעי קרא בשם באר ולחמישי בשם אילת השחר, אילת אהבים. ולספר חמישי בעצמו יש לערך אלף וכמה מאות דפים... כל ימיו לא זז מפתח ביתו... וכתב יום ולילה...

ווייטער, ירושלים, 1940. טיילן פון דער „סטאָלינער גניזה״ האָט אויך פאַרעפנטלעכט ש. דובנאָוו, אין זיין „תולדות החסידות״, תל־אָביב, 1932.

6) וועגן „ספר הצורף״ זע „ציון״, שנה ו׳, זייטן 80־84, ירושלים, 1941.

7) זע: גרשם שלום: „מעידזשאָר טרענט אין דזשואיש מיסטיסיזם״, פאַרלאַג שאָקן, ירושלים, 1941, זייט 328 און ווייטער; אויך זיין אַרבעט אין „ציון״, ירושלים.

8) נפטר געוואָרן 1713.

וכתב רזין עילאין... מהור״ר העשיל במהור״ר יוסף מוילנא צורף, שידע לצרף אותיות התורה, יצא נשמתו הקדושה והטהורה ממש במיתת נשיקה, יום ה׳ כ״ד אייר ת״פ״.

אין יידיש: גאָט זאָל געדענקען די נשמה... פון מקובל, וואָס פון דעם טויט פון יהושע ביז יהושע איז ניט געווען קיין גלייכן צו אים... און ער האָט געשריבן פינף ספרים, די ערשטע דריי האָט ער אָנגערופן עדרי צאן און דאָס פערטע ספר האָט ער אָנגערופן באר און דאָס פינפטע האָט ער אָנגערופן אילת השחר און אילת אהבים... און דאָס פינפטע ספר אַליין האָט געהאַט אַן ערך פון טויזנט און אַ פּאָר הונדערט בלעטער — זיין גאַנץ לעבן איז ער ניט אַרויס פון זיין הויז... און האָט געשריבן טאָג און נאַכט... און ער האָט געשריבן „רזין עילאין״ (אַן אויסדרוק פאַר קבלה־זאַכן)... ר׳ העשל דער זון פון ר׳ יוסף פון ווילנע, וואָס מען האָט אים גערופן „צורף״ ווייל ער האָט געקענט מצרף זיין די אותיות פון דער תורה און זיין הייליקע און ריינע נשמה איז אַרויסגעגאַנגען, ממש מיט דעם טויט פון אַ קוש, דאָנערשטיק, כ״ד אייר, ת״פ — 1720.

פון דעם פנקס פון דער חברה קדישא פון קראָקע זעען מיר, אַז ר׳ יהושע צורף האָט מחבר געווען פינף ספרים, און מען רופט אויך אָן די נעמען פון די ספרים, אָבער אַ ספר מיטן נאָמען „צורף״ איז דאָרט ניט אָנגעגעבן.

אָבער פון דער הקדמה, וואָס די איבערשרייבער פון דעם כתב־יד פון „ספר הצורף״ האָט געשריבן, זעט מען, אַז דער „ספר הצורף״ איז דאָס פינפטע ספר, וואָס ווערט אָנגערופן אין פנקס פון דער חברה קדישא: „אילת השחר״, „אילת אהבים״.

פון דעם פנקס פון דער חברה קדישא דערוויסן מיר זיך אויך, אַז ר׳ יהושע העשל איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גרויסן מקובל, וואָס איז נפטר געוואָרן „במיתת נשיקה״.

אָבער דער רופא משה בורגא פון פּראָג, אַ שבתי־צביניק, האָט גע־האַלטן ר׳ יהושע העשל צורף פאַר אַן אָנהענגער פון שבתי־צבי. ער שרייבט: „זה י״ב שנה בקירוב התחיל לגלות ענינים מן הזוהר והלכו כמה חכמים להתחות אקנקניה ומצאו בו ממש בסודותיו נפלאים ובפרט מהגאולה כנודע אצלנו...״ (שוין אַן ערך פון צוועלף יאָר, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן ענינים פון זוהר און עס זיינען געגאַנגען אַ פּאָר חכמים אויסגעפינען ווער ער איז און זיי האָבן געפונען אין זיינע סודות ממש וואונדערלעכע זאַכן און בפרט וועגן דער גאולה, וואָס מיר ווייסן — געמיינט שבתי־צבי...)

די חכמים ר׳ חיים ב״ר שלמה מקאליס און ר׳ משה ב״ר יצחק מליסא דערציילן וועגן ר׳ יהושע העשל צורף, אַז אין יאָר תכ״ן — 1712, האָט

ער געהאַט אַן אַנטפּלעקונג און ער האָט מגלה געווען בלויז אויפן פּסוק „שמע ישראל״... און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די נייע תורה, וואָס וועט אַנטפּלעקט ווערן אין די צייטן פון משיח און ער האָט געזאָגט „שאמיר״ (שאדונינו מלכינו ירום הודו — שבתי־צבי) הוא ולא אחר והראה כמה רמזים בזוהר...״ (אַז שבתי־צבי איז דער משיח און ניט קיין אַנדערער, און ער האָט געוויזן אַ סך רמזים אין זוהר).

זאב ראַבינאָוויץ גיט אָן נאָך שבתי־צבינִיקעס, וואָס שרייבן וועגן ר׳ יהושע העשל צורף, אַז ער איז געווען פון דער „כת שבתי־צבי״, צווישן זיי דער רופא ר׳ אַברהם פון זאַמאָשטש און ר׳ מרדכי בן שלמה, דער שמש פון דער שול אין ווילנע, וועלכער האָט געשריבן אַ בריוו צו די מקובלים און שבתי־צביניקעס — ר׳ אַברהם דוויגו און ר׳ בנימין הכהן. אין דעם בריוו דערציילט דער שמש, אַז ר׳ יהושע העשל צורף האָט מחבר געווען פינף ספרים... און ער האָט געזאָגט, אַז „שיגמור אותו ילמד בו מי שיהיה רב גדול בכל העולם והוא מלך משיח...״ (ווען ער וועט ענדיקן דעם ספר, וועט אים לערנען דער, וואָס וועט זיין דער גרעסטער רב אין דער וועלט און ער איז דער מלך משיח).

ביז איצט האָבן מיר בלויז געוואוסט וועגן ר׳ יהושע העשל צורף, און אַז ער האָט מחבר געווען ספרים. קיין כתב־יד פון אים האָט קיינער ניט געזען. אין דער „סטאָלינער גניזה״ איז געפונען געוואָרן אַ כתב־יד, וואָס אַנטהאַלט 1,400 זייטן.

אַזוי גיט אָן בפירוש דער קאָפּיסט פון דעם כתב־יד, אַז: „זה הספר הצורף נמצא בבית אדונינו מורנו ורבנו הרב ריב״ש... והיה כתוב עליו בזה הלשון: הספר הלז חברו ויסדו החכם השלם, רוח ד׳ דיבר בו... מוה״ר העשיל צורף מק׳ קראָקע... כמעט יכתוב ככולם על פ׳ קטנה שבתורה שהוא שמע ישראל... ובפרט שמבואר איך חיבר ארבעה ספרים ... ואביו של המחבר היה שמו יוסף...״ (דאָס ספר הצורף האָט זיך געפונען אין הויז פון ריב״ש — ר׳ ישראל בעל־שם — און עס איז געווען דערויף אָנגעשריבן אַזוי: דאָס דאָזיקע ספר האָט מחבר געווען... ר׳ העשל צורף פון קראָקע און דאָס גאַנצע ספר איז כמעט געשריבן געוואָרן אויף דער קליינע פּרשה שמע ישראל און ער האָט מחבר געווען נאָך פיר ספרים אויפן פּסוק שמע ישראל און זיין פאָטער האָט געהייסן יוסף).

דער איבערשרייבער דערציילט דערנאָך, אַז ר׳ שבתי פון ראַשקאָוו (אַ תלמיד פון ר׳ דוב בער, דער מגיד פון מעזעריטש) האָט געזאָגט, אַז דער בעש״ט האָט געוואָלט מאַכן אַ העתקה פון דעם ספר, אָבער ער איז אינצווישן נפטר געוואָרן און דאָס ספר האָט זיך געפונען ביי זיין זון ר׳ צבי הירש, דערנאָך ביי ר׳ צבי הירשס זון, ר׳ אהרן, און ר׳ יהושע הלוי, דער דיין פון דינאָוויץ (אויך אַ תלמיד פון דעם מעזעריטשער מגיד)

האָט געהייסן מעתיק זיין דאָס ספר, ווייל די בלעטער ווערן אַלט און זיי צעפאַלן זיך. דערנאָך ווערט דערציילט, אַז די העתקה פון ספר האָט זיך געפונען ביי ר׳ יהושע פון דינאַוויץ און דער כתב־יד איז אַריבער צו דעם מגיד פון טשערנאָביל און פון דאָרט צו ר׳ אַהרן קאַרלינער און פון קאַרלין איז עס אַריבער אין סטאָלינער הויף.

אָט דאָס איז בקיצור, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין דער הקדמה פון די איבערשרייבער פון „ספר הצורף״ [9].

עס איז דעריבער קיין שום ספק ניט, אַז דאָס דאָזיקע „ספר הצורף״ האָט זיך געפונען ביי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און אַז דער כתב־יד פון דער „סטאָלינער גניזה״ איז אַ העתקה פון דעם „ספר הצורף״ פון ר׳ יהושע העשל צורף.

די פראַגע איז נאָר, צי ר׳ יהושע העשל איז געבליבן זיין גאַנץ לעבן אַ מאמין אין שבתי־צבי, צי ער האָט געהערט צו דער גרופע אָנהענגער, וועלכע זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער באַוועגונג אַ שטיקל צייט און האָבן זיך דערנאָך פון דער „כת״ אָפּגעשאָקלט. קיינער וועט, חס־ושלום, נישט באַטראַכטן דעם גאון ר׳ יונתן אייבשיץ [10] פאַר אַן אָנהענגער פון שבתי־צבי. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ צייט פון „כאָפּן נשמות״. די שבתי־צביניקעס האָבן זיכער געוואָלט, אַז דער גרויסער מקובל ר׳ יהושע העשל צורף זאָל ווערן אַן אָנהענגער פון דעם „נייעם משיח״...

און אפשר איז ער טאַקע מיטגעריסן געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט, אָבער דערנאָך, ווען ער האָט געזען דעם טראַגישן סוף פון יידישן „משיח״, וועלכער איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער, האָט ער חרטה באַקומען. ער האָט זיך באַזעצט אין קראָקע און נפטר געוואָרן אַן ערלעכער ייד.

אָבער ווען אַפילו עס זאָל זיין אמת, אַז ר׳ יהושע העשל צורף איז ביז צום סוף פון זיין לעבן געבליבן אַ מאַמין אין דעם נייעם משיח, איז נאָך אַלץ ניט קיין באַוויז, אַז אין זיין כתב־יד „ספר הצורף״ געפינען זיך געדאַנקען, וואָס ווייזן אָן אויף שבתי־צבי אַלס מלך משיח.

עס בלייבט נאָך אַלץ די עיקר־פראַגע: פון וואַנען איז באַוויזן געוואָרן, אַז אונטער דעם נאָמען „אדם בעל־שם״, וואָס ווערט דערמאָנט אין „שבחי הבעש״ט״, באַהאַלט זיך ר׳ יהושע העשל צורף, ווי פּראָפ. שלום האַלט?

9) געבראַכט אין „החסידות הליטאית״ פון זאב רבינוביץ, מוסד ביאַליק, ירושלים, 1961, זייט 172.

10) געבוירן 1690, נפטר געוואָרן 1764, רב פון די דריי פאַראייניקטע קהילות „אה״ו״ — דאָס הייסט, אַלטונאַ, האַמבורג און וואַנדסבעק. זיינע וויכטיקע ספרים זיינען: „אורים ותומים״, „כרתי ופלתי״, „בני אַהובה״ אויפן שולחן ערוך און די דרוש־ספרים „יערות דבש״ און „אוה למושב״.

אַט וואָס פּראָפ. שלום שרייבט (מיר גיבן אין דער יידישער איבערזעצונג):

„מיר לערנען דערפֿון אַפּ, דאָס וואָס עס איז ביז איצט געווען פֿאַרהוילן פֿאַר אונדזערע אויגן, אַז אונטער דער לעגענדאַרישער פּערזאָן פֿון ר׳ אָדם בעל־שם, וואָס ווערט געבראַכט אין ׳שבחי הבעש״ט׳, באַהאַלט זיך די היסטאָרישע פּערזענלעכקייט פֿון דעם נביא פֿון שבתי־צבי, ר׳ יהושע העשל צורף״ [11]).

אַי, פֿאַרוואָס האָט ר׳ יהושע העשל צורף באַקומען אין „שבחי הבעש״ט״ דעם מאָדנעם נאָמען „אָדם״, אַ נאָמען, וואָס איז ווייניק באַקאַנט צווישן די יידן אין מזרח־אייראָפּע? ענטפֿערט דערויף פּראָפּ. שלום, אַז אַזוי ווי אָדם הראשון האָט באַקומען אַ קבלה־ספר פֿון מלאך רזיאל, וואָס איז געווען רזין דרזין, האָט די חסידישע פֿאַנטאַזיע אויך אויסגעחלומט אַן אָדם, וואָס האָט איבערגעענטפֿערט דעם בעל־שם־טוב אַ פּעקל „כתבים״, וואָס אַנטהאַלטן די סודות פֿון דער תורה.

פּראָפּ. שלום איז זיך אויך סומך אויף אַ דאָקומענט וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין אַרכיוו פֿון דעם משכיל יוסף פּערל פֿון טאַרנאָפּאָל [12]).

דעם כתב־יד האָט געפֿונען דר. שמחה כץ אין דעם פּערל־אַרכיוו אין טאַרנאָפּאָל, און ער האָט אים איבערגעשיקט צו זאב ראַבינאָוויץ, וועלכער האָט אים פֿאַרעפֿנטלעכט אין „ציון״ [13]).

מיר גיבן דעם כתב־יד, פֿאַרקירצט און איבערגעזעצט אין יידיש.

„מיט יאָרן צוריק, ווען הרב הגאון... ר׳ אפרים זלמן מרגליות פֿון בראָד [14]) איז נאָך געווען יונג, האָט ער געוואָלט לערנען קבלה... איינמאָל איז צו אים געקומען ר׳ מרדכי וואַגמייסטער פֿון דער קלויז און ער האָט אים געטראָפֿן זיצן פֿאַרטיפֿט אין קבלה. האָט ער צו אים געזאָגט: איך זע, אַז דו שטרענגסט זיך זייער אָן צו קענען קבלה. איך האָב אַ ספר אויפֿן בוידעם, אַ כתב־יד, וואָס רופֿט זיך ׳צורף׳, אויפֿן נאָמען פֿון ר׳ הירש צורף, וועלכער איז דער מחבר פֿון דעם ספר, און דאָס ספר איז אַ פּירוש אויף דער פּרשה פֿון קריאת שמע, און איך האָב דאָס ספר געירשנט פֿון מיין זיידן, ר׳ נפתלי בן ר׳ לוי. דאָס ספר איז געבונדן אין דריי טיילן. און אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר זיי אויסבאָרגן, ווען דו זיי לערנען.

11) זע „ציון״, תש״א, זייט 91.

12) געבוירן אין יאָר 1773, געשטאָרבן 1839. ער האָט געשריבן פּאַראָדיעס אויף חסידישע ספרים: „מגלה טמירין״, אין יידיש און אין לשון־קודש, און „בוחן צדיק״, אונטער דעם פּסעוודאָנים: „עובדיה בן פּתחיה״.

13) שנה ששית, תש״א, זייט 80־84.

14) געבוירן אין יאָר 1762, נפטר געוואָרן אין יאָר 1828. איז געווען דער ראש־מתיבתא פֿון בראָד.

„האָט דער גאון מסכים געווען, און ר׳ מרדכי האָט אים געבראַכט דעם ערשטן טייל פון ׳ספר הצורף׳ אין דער קלויז אַריין און דער גאון האָט אַריינגעקוקט דערין, אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון דעם ספר. ביז איינמאָל האָבן פאַר אים אויפגעלויכטן די אויגן און ער האָט דערזען, אַז דער מחבר פון ׳ספר הצורף׳ איז ׳מכת שבתי־צבי שר״י׳ (שם רשעים ירקב).

„ווי דער גאון האָט דאָס דערזען, איז ער זייער אין כעס געוואָרן און ער האָט גענומען דאָס ספר און אַריינגעוואָרפן אין דער פאָמויניצע וואָס איז געשטאַנען אין דער קלויז. האָבן זיך אַלע מענטשן וואָס זיינען געווען אין קלויז פאַרוואונדערט דערויף. האָט דער גאון אַרויסגענומען דאָס ספר פון דער פאָמויניצע און האָט זיי געוויזן וואָס ער האָט דאָרטן געטראָפן. האָבן זיי זיך באַרואיקט.

„און עס איז ניט דורכגעגאַנגען קיין לאַנגע צייט און עס איז געקומען קיין בראָד אַ ייד פון באַרדיטשעוו און ער האָט געהאַט איין טייל פון דעם ׳ספר הצורף׳ (זאָגט דער פאַרצייכענער: דעם טייל האָט דער גאון נאָך ניט געהאַט געזען, ווייל ער האָט געהאַט אויסגעבאָרגט פון ר׳ מרדכין אַן אַנדערן טייל) און דער ייד האָט זייער געלויבט דאָס ספר. האָט מען אים געפרעגט: פון וואַנען קומט צו אייך דאָס דאָזיקע ספר? האָט דער ייד דערציילט אַזאַ מעשה:

„ווען ער איז געווען אין באַרדיטשעוו, האָט דער דיין ר׳ יהושע פון דינעוויץ[15] געבראַכט דעם ׳ספר הצורף׳ צו ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו און ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ספר האָט ער מעתיק געווען פון אַ כתב־יד, וואָס דער בעש״ט האָט געהאַט און דער בעש״ט האָט תמיד געזאָגט, אַז דורך דעם ספר קאָן מען בויען וועלטן, און איצט, ׳ווייל איך בין אַראָפּ פון מיין פאַרמעגן און איך דאַרף חתונה מאַכן אַ בתולה, מוז איך דאָס ספר פאַרקויפן׳...

„האָט דער באַרדיטשעווער רב אים געענטפערט: ׳זאָלסט וויסן זיין, אַז איך וויל זייער האָבן דאָס דאָזיקע ספר און איך זע, אַז דו פאַרלאַנגסט דערפאַר ניט קיין סך געלט, אָבער איך קאָן צום באַדויערן, אַפילו דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט ניט באַצאָלן. איך קאָן אָבער טאָן פאַר דיר דאָס: איך וועל ריידן מיט די מענטשן וואָס הערן זיך צו צו מיינע רייד, און אפשר וועט עמעצער פאַר מיינעטוועגן קויפן דאָס ספר׳.

„און איך האָב געקויפט דאָס ספר פאַרן רב. צוויי חלקים זיינען גע־בליבןביים באַרדיטשעווער רב און איין טייל געפינט זיך ביי מיר.

15) מיר האָבן פריער איבערגעגעבן, אַז אין דער הקדמה פון כתב־יד „ספר הצורף״, וואָס מען האָט געפונען אין דער „סטאָלינער גניזה״, ווערט דערציילט, אַז דער דיין ר׳ יהושע פון דינאָוויץ האָט געהייסן דעם כתב־יד איבערשרייבן.

„און ווען דער דאָזיקער ייד האָט געבראַכט דעם כתב־יד קיין בראָד, איז דעמאָלט געווען אַן אַריינגייער אין גאונס הויז, ר' אהרן פרענקל, און ווען ר' אהרן האָט געהערט וועגן דעם ספר וואָס דער ייד האָט געבראַכט, האָט ער דעם גאון דערמאָנט וועגן דעם ספר וואָס ער האָט אַריינגעוואָרפן אין דער פאָמויניצע. איז ער (ר' אהרן) אַוועק צום יידן און האָט אים געבעטן ער זאָל אים אויסבאָרגן דאָס ספר, אָבער דער ייד האָט ניט געוואָלט דאָס טאָן. אָבער מיט אַ קונץ האָט ער דאָס ספר אויסגעבאָרגט און ער האָט עס געבראַכט צו ר' אפרים זלמן מרגליות. דער גאון האָט אַריינגעקוקט אין ספר דריי נעכט נאָכאַנאַנד, און ער האָט געפונען אומעטום אַ צאָל, וואָס דאָס איז דאָס יאָר וואָס שבתי־צבי איז געבוירן געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי געזען, אַז אַלע גמטריות און נוטריקונס ווייזן אָן אויף שבתי־צבי. איז דער גאון פאַרוואונדערט געוואָרן אויף דעם דרוש פון ספר 'לקוטי אמרים' פון ר' בער פון מעזעריטש, דער אמתער תלמיד פון בעש"ט, און זיי האָבן גענומען דאָס ספר 'לקוטי אמרים' און זיי האָבן דאָרט געפונען, אַז אַלע דרשות פון ספר 'לקוטי אמרים' איז ממש גענומען פון 'ספר הצורף', אות באות...

„זיינען זיי זייער פאַרוואונדערט געוואָרן, אָבער זיי האָבן קיינעם ניט אויסגעזאָגט דערפון, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם צאָרן פון די 'בעש"טים'.

„און איידער ר' אהרן האָט צוריקגעגעבן דעם כתב־יד דעם יידן, האָט ער אָנגעשריבן צום סוף פון ספר אויף אַ ליידיק אָט אָט וואָס: 'אַזוי ווי ר' יהושע פון דינעוויץ זאָגט, אַז דער כתב־יד איז געווען ביים בעש"ט, זאָל מען וויסן זיין, אַז ער האָט דאָס אויסגעטראַכט, ווייל דער מחבר איז פון דער כת שבתי־צבי'...

„און ווען ר' אהרן האָט צוריקגעגעבן דעם כתב־יד דעם יידן פון באַרדיטשעוו, האָט ער דערזען וואָס עס איז צוגעשריבן געוואָרן, איז ער זייער בייז געוואָרן.

„אינצווישן האָט אויך דער באַרדיטשעווער רב זיך דערוואוסט וואָס ר' אפרים זלמן האָט צוגעשריבן, איז ער זייער בייז געוואָרן. דערפון האָט זיך דערוואוסט ר' זלמן פון בראָד, האָט ער געשריבן צום באַרדיטשעווער רב אַ בריוו פול מיט התנצלות און אַז ער שלאָגט אים פאָר, ער זאָל אים שיקן די דריי חלקים (פון 'ספר הצורף') און ער וועט זיי דורך די סוחרים וואָס גייען קיין לייפציג, שיקן צו ר' פנחס האָראָוויץ פון פראַנקפורט[16], און אויב ר' פנחס וועט זאָגן אַז דאָס ספר איז כשר, זאָל מען דאָס ספר אָפּדרוקן און 'איך בין גרייט צו גיין אויפן קבר פון ר' הירש צורף און

16) דער „בעל הפלאה" איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1805.

בעטן ביי אים מחילה. ווען ניט, וועט די וועלט וויסן אַז דער אמת איז מיט מיר׳.

„ר׳ לוי יצחק האָט דערהאַלטן דעם בריוו, אָבער ער האָט גאָרניט געענטפערט.

„די מעשה האָט דערציילט ר׳ אהרן פרענקל אַליין פאַר ר׳ משה פריילינג, ר׳ יצחק מאַנס און ר׳ צלאל שטערן, אות באות, אַזוי ווי עס איז פאַרשריבן געוואָרן״.

דערנאָך שטייט צוגעשריבן: „...עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אויך די מנהגים און די גלויבונגען פון די ׳בעש״טים׳, ווי דביקות, התלהבות, דאָס דערוויטערן זיך פון עצבות, די זמירות און די ריקודים, זייער פאַטשן מיט די הענט, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט פון דער כת שבתי־צבי, האָט דער בעש״ט איבערגענומען פון ׳ספר הצורף׳״.

אָט דאָס איז בערך די פאַרצייכענונג וואָס מען האָט געפונען אין דעם אַרכיוו פון יוסף פערל.

פון איבערגעבן די מעשה זעט מען, אַז זי איז פאַרשריבן געוואָרן פון אַ מענטשן וואָס האָט זי דערציילט פאַר אַן אַנדערן. מען זעט אויך פון דער באַמערקונג פון דעם פאַרצייכענער, אַז זיי האָבן שטאַרק אין זינען געהאַט צו שעדיקן די חסידישע באַוועגונג, ווייל וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס פאַטשן מיט די הענט, וואָס חסידים טוען, צום „ספר הצורף״? פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע מידות וואָס ווערן אויסגערעכנט צום סוף פון דער פאַרצייכענונג, ווי התלהבות, זיך דערוויטערן פון עצבות, זינגען און טאַנצן, האָט אַ שייכות צו די מקובלים פון צפת און פון דאָרט זיינען זיי געקומען צו די חסידים. אָבער צו זאָגן, אַז וועגן דעם אַלעם געפינט זיך אין „ספר הצורף״, דאָס האָט שוין פּראָפעסאָר שלום אַליין אָנגעוויזן, אַז דער „ספר הצורף״ איז אַ ספר פול מיט גימטריות און נוטריקין און דאָרט שטייט גאָרניט וועגן פאַטשן מיט די הענט, און ממילא איז אויך פאַלש דאָס וואָס עס ווערט אָנגעגעבן אין דער פאַרצייכענונג, אַז ר׳ זלמן מרגליות האָט אַריינגעקוקט אין ספר „לקוטי אמרים״ פון רבין ר׳ בער, און ער האָט דאָרט געפונען איבערגעשריבענע דרשות פון „ספר הצורף״...

אויך איז פאַרדעכטיקט וואָס אין דער פאַרצייכענונג ווערט כסדר דערמאָנט „די בעש״טים״, בעת אין יענער צייט האָט מען זיי שוין גערופן חסידים...

פּראָפעסאָר שלום איז זיך שטאַרק סומך אויף אָט דער „פאַרצייכענונג״, וואָס איז געפונען געוואָרן אין יוסף פערלס אַרכיוו, הגם ער ווייסט, אַז די משכילים מיט יוסף פערל בראש, האָבן זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט צו רודפן די חסידים, אַפילו צו מסרן זיי פאַרן מלכות, און דאָך נעמט ער אָן יעדעס וואָרט וואָס איז דאָרט פאַרשריבן געוואָרן פאַרן פולן אמת,

כאָטש מען זעט, אַז אין געוויסע זאַכן זאָגן זיי ניט אמת, וואָרים אין „ספר הצורף" שטייט גאָרנישט, אַז מען דאַרף טאַנצן און פּאַטשן מיט די הענט...

מען קאָן דאָך פרעגן: אפשר איז די פאַרצייכענונג וואָס איז געפונען געוואָרן אין יוסף פּערלס אַרכיוו, אינגאַנצן אויסגעטראַכט געוואָרן?

ווייזט אָבער אויס, אַז עפּעס איז יאָ פאָרגעקומען אַ וויכוח צווישן דעם באַרדיטשעווער רב און דעם גאון ר' אפרים זלמן מרגליות.

ווייל איז „שם הגדולים החדש" פון ר' אהרן וואַלדן, אין ערך „ר' סנדר מרגלית", ווערט אָנגעגעבן אָט וואָס:

„דער פעטער זיינער, ר' אפרים זלמן מרגלית פון בראָד, האָט געהאַט אַ וויכוח מיטן באַרדיטשעווער רב וועגן 'ספר הצורף' אויף קבלה („והיה לו ויכוח עם הגאון הקדוש בעה"מ 'קדושת לוי' על 'הספר הצורף' על קבלה...")

און אין ערך „ספר" (וועגן „ספר הצורף") שטייט: „ועכ"ז היה מקובל גדול כאשר הכ"י 'ס' הצורף' אשר יש עליו ההסכמה מהגאון הק' הנ"ל והגאון מוהרא"ז מנע אותם מלדפוס אותו, כי אמר אשר שלטו בו יד זר והוכיח בראיות ברורות" (און דאָך איז ער געווען אַ גרויסער מקובל, ר' יהושע העשל צורף, אַזוי ווי עס ווייזט דער „ספר הצורף", וואָס האָט די הסכמה פון דערמאָנטן קדוש — דעם באַרדיטשעווער רב — און דער גאון ר' אפרים זלמן מרגלית האָט ניט געוואָלט מען זאָל דעם כתב־יד דרוקן, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז אַ פרעמדע האַנט האָט שולט געווען אין כתב־יד און ער האָט דאָס אָנגעוויזן מיט ראיות ברורות).

פון די דאָזיקע באַמערקונגען וואָס געפינען זיך אין „שם הגדולים החדש" זעט מען, אַז דער גאון ר' אפרים זלמן מרגלית האָט ניט געהאַט קיין שום חשד אויף ר' יהושע העשל צורף, ער האָט נאָר געהאַלטן, אַז „שלטו בו יד זר" — אַז אַ פרעמדע האַנט האָט עפּעס צוגעשריבן. דאָס קאָן לייכט מעגלעך זיין, ווי די שבתי־צביניקעס האָבן דעמאָלט געזוכט מט אַלע מעגלעכקייטן אַריינצושרייבן שבתי־צביאישע נביאותן און רמזים אין פאַרשידענע כתב־ידן, כדי זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די אמונה אין שבתי־צבי צווישן די יידן.

עס בלייבט אויך נאָך אַלץ די עיקר־פראַגע, צי איז „ר' אָדם בעל־שם", וואָס ווערט דערמאָנט אין „שבחי הבעש"ט", געווען ר' יהושע העשל צורף?

דערויף גיט זייער אַן אינטערעסאַנטן ענטפער הרב ראובן מרגלית [17].

הרב מרגלית דערציילט, אַז ר' אָדם בעל־שם איז געווען באַקאַנט צווישן די חסידים פון מזרח־גאַליציע, דאָס וויגעלע פון בעש"טער חסידות.

אָבער דער נאָמען „אָדם", וואָס איז אַזוי זעלטן אין פּוילן, איז גאָר

17) אין דעם זשורנאַל „במישור", פון י"ב אייר תש"א.

ניט קיין נאָמען פון מענטשן, נאָר עס איז אַ ראשי־תיבות פון דריי נעמען. און דער אמתער נאָמען פון דעם דאָזיקן מקובל איז געווען „דוד משה אברהם״. און אין זיין צייט האָט אים יעדער איינער גערופן פאַרקירצט: „אַד״ם״. דער גרויסער מקובל ר׳ דוד משה אברהם איז געווען רב אין דעם שטעטל ראָהאַטין אין מזרח־גאַליציע. ער האָט מחבר געווען אַ ספר „תפארת אדם״, אַ באַווייז, אַז ער אַליין האָט אָנגענומען דעם פאַרקירצטן נאָמען „אָדם״, און נאָך ספרים, וואָס זיינען געבליבן אין כתב־יד.

בלויז איין ספר פון זיינע כתבים איז דערשינען אין דרוק. דאָס איז דאָס ספר „מרכבת המשנה״, אַ פּירוש אויף דער מכילתא אויפן ספר שמות, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אַ סך יאָרן שפּעטער נאָך דער פטירה פון דעם גאון און מקובל.

דאָס ספר „מרכבת המשנה״ [18]) האָט אַ הסכמה פון הרב ר׳ חיים כהן ראַפּאַפּאָרט, אַבדק״ק לעמבערג, און פון ר׳ יצחק לאַנדאַ, רב הגליל פון לעמבערג, ווי אויך אַ הסכמה פון דעם גאון הרב ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן פון לעמבערג און פון הרב אורי זאב סאַלאַט.

אַלע גאונים שרייבן אין די הסכמות גאָר גרויס וועגן דעם גאון און מקובל ר׳ דוד משה אברהם, דעם רב פון ראָהאַטין.

אַזוי שרייבט הרב אורי זאב סאַלאַט, אַז דער מחבר איז געווען אַן „איש אלקים קדוש״, און ער איז דער מענטש, וואָס האָט געקעמפט מיט זיין שווערד קעגן דער גרופּע שלעכטע מענטשן, ביז ער האָט זיי איינגאַנצן פאַרניכטעט; דאָס זיינען די רשעים און טמאים, וואָס זיינען געווען אָנ־הענגער פון דעם רשע שבתי־צבי, און וואָס אין דער שפּיץ איז געשטאַנען אלישע, שם רשעים ירקב, וועלכער האָט געוואוינט אין ראָהאַטין און מען האָט אים גערופן אלישע פון ראָהאַטין... און פון מיין רבין ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן האָב איך געהערט דערציילן וועגן דעם הייליקן מחבר וואונדער־לעכע זאַכן, ווי עס האָבן וועגן אים דערציילט אונדזערע הייליקע עלטערן [19]).

אויך זיינע אייניקלעך דערציילן, אַז זיי האָבן געהערט פון זייערע עלטערן, אַז ר׳ דוד משה אברהם, דער ראָהאַטינער רב, האָט געקעמפט מיט דער כת שבתי־צבי און ער האָט פאַרטריבן אלישע פון ראָהאַטין... „ביז דער פאַרשאָלטענער פאַררעטער האָט זיך געשמדט און איז אַרויס פון יידישן דת״ [20]).

18) געדרוקט אין לעמבערג, תרנ״ב — 1892.

19) „אשר לחם בזרועו... עם חבר מרעים והניף חרבו, חגר ה׳ ויכם עד חרמה, הלוא המה הרשעים הטמאים אשר אחזו דרכם דרך רשע ש״צ ימ״ש, ובראשם הרשע החוטא אלישע שר״י, אשר קננו אז בעיר ראָהאַטין ונקרא אלישע מראָהאַטין... ומפי מורי מואהר״ב רי״ש נאַטאַנזאָן שמעתי על המחבר הקדוש הזה נוראות, כאשר ספרו לנו אבותינו הקדושים...״

20) „עד אשר הנוכל הארור המיר ויצא מדת ישראל...״

זעען מיר אַז עס איז געווען אַ גאון און מקובל אין די צייטן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, וואָס מען האָט אים גערופן „אָדם".

אָבער פון וואַנען ווייסן מיר, אַז דער דאָזיקער גאון און מקובל האָט געהאַט אַ שייכות צו ר' ישראל בעל־שם־טוב? און פון וואַנען איז גע־דרונגען, אַז דער מחבר פון „שבחי הבעש"ט" האָט אים געמיינט, ווען ער שרייבט וועגן „ר' אָדם בעל־שם", וואָס האָט איבערגעלאָזט „כתבים" פאַר ר' ישראל בעל־שם־טוב, איידער ער איז נתגלה געוואָרן?

איז דער ענטפער, אַז פון דער זעלבער הקדמה פון די אייניקלעך פון גאון ר' דוד משה אברהם צו דעם ספר „מרכבת המשנה" ווערן מיר געוואויר, אַז ר' ישראל בעל־שם־טוב איז געווען ביי דעם גאון און מקובל פון ראָהאָטין. דאָרט שטייט געשריבן:

„מרן הבעש"ט זלה"ה בא אליו בכבודו ובעצמו להודיעהו כי על ידו שלחו מן השמים להחזיק לו טובה..." (דער בעש"ט איז אַליין געקומען צו אים און האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט אים מודיע געווען פון הימל, אַז דורך אים קאָן ער געהאָלפן ווערן...)

איך דער אַרויסגעבער פון דעם „מרכבת המשנה" שרייבט [21]:

„איך האָב געהערט פון אונדזערע זיידעס, וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי דערציילט, אַז דער בעל־שם־טוב איז געקומען באַזוכן דעם בעל המחבר פון ספר 'מרכבת המשנה', איידער ער איז נפטר געוואָרן, און ער האָט אים באַדינט ווי מען באַדינט אַ תלמיד־חכם. און דער בעש"ט האָט געזאָגט צו אים: בענטש מיך. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אים זיינע הענט און האָט אים געבענטש. און דערנאָך, ווען דער בעש"ט איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט, אַז דער רב וועט מסתמא נפטר ווערן, ווייל איך האָב געזען ווי די פמליא של מעלה איז אַרויס אים אַנטקעגנצוגיין, און איך האָב געהערט, אַז די הייליקע אין זיין דור האָבן אים גערופן 'אָדם'".

מיר זען, אַז דער בעש"ט האָט זיך באַגעגנט מיטן מקובל ר' דוד משה אַברהם — אָד"ם, נאָר לויט דער דאָזיקער ציטאַט פון דער הקדמה איז דער בעש"ט געווען ביים גאון און מקובל ווען ער איז שוין געווען מפורסם, בעת לויטן „שבחי הבעש"ט", איז דער גאון פון ראָהאָטין נפטר געוואָרן, נאָך איידער דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרן...

איז טאַקע פאַראַן אַ סתירה צווישן דער מסורה, ווי עס ווערט אָנ־

21) „שמעתי מפי זקנינו, אשר אבותיהם ספרו להם, כי הבעש"ט זלה"ה טרם נלקח ארון האלוקים, בעל המחבר, למרום בא לפניו לבקרו ולשמשו בשימוש תלמידי־חכמים. ואמר הבעש"ט להרב המחבר: רבי, ברכני. וסמך שתי ידיו עליו וברכו. ואחרי אשר הלך מאתו לדרכו, אמר הבעש"ט זלה"ה שמע מינה נח נפשיה דרב, כי ראיתי פמליא של מעלה יצאו לקראתו. ושמעתי כי הקדושים אשר בדורו קראוהו בשם ר' אָדם..."

געגעבן אין דער הקדמה פון „מרכבת המשנה״, מיט דער מעשה וואָס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״, אָבער דאָס באַרעכטיקט נאָך נישט, אַז מען זאָל פון ר׳ יהושע העשל צורף מאַכן אַ „ר׳ אָדם בעל־שם״.

פּראָפ. שלום, אין זיין ענטפער צו הרב מרגליות [22]), האַלט זיך ווייטער ביי זיינס, אַז ר׳ אָדם בעל־שם איז ר׳ יהושע העשל צורף און אַז דער בעל „שבחי הבעש״ט״ האָט צוגעשריבן, פון זיין פאַנטאַזיע, פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם דאָזיקן מקובל און האָט אים אַ נאָמען געגעבן „אָדם בעל־שם״, כדי אים אָפּצוגרענעצן פון דערווירקלעכקייט.

מיר אָבער מיינען, אַז אין דער צייט פון בעש״ט האָט געלעבט אַ גאון און מקובל, וואָס מען האָט אים גערופן „אָדם״ און די חסידישע פאַנטאַזיע האָט אַרום די צוויי פערזענלעכקייטן געוועבט פאַרשידענע מעשיות, וואָס זיינען אַריין, לויט איין נוסח, אין דער הקדמה פון „מרכבת המשנה״, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, און לויט אַ צווייטן נוסח, ווי עס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז דער גאון און מקובל האָט אָנגעזאָגט זיין זון, פאַר זיין פּטירה, ער זאָל זיינע „כתבים״ איבערגעבן דעם „נסתר״ „ר׳ ישראל בן אליעזר״...

22) „ציון״, תש״ב, זייט 28.

קאַפּיטל יד

בריוו פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

דער געפונענער אוצר פון בריוו און כתבים פון בעש״ט אין כערסאָן, אין יאָר 1919. — די בריוו זיינען עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. — וואָס אידישע היסטאָריקער זאָגן וועגן דער עכטקייט פון די בריוו.

די פאָרשונג וועגן דער פּערזענלעכקייט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נאָך אַלץ אַ קרקע בתולה, ווייל קיין סך היסטאָרישע מאַטעריאַלן פאַרמאָגן מיר נישט.

די מערסטע חסידות־פאָרשער האָבן געשריבן די געשיכטע פון דעם באַגרינדער פון חסידות, דעם בעש״ט, אויפן סמך פון סיפורי־מעשיות, תורות, מאמרים, וואָס געפינען זיך אין די פאַרשידענע ספרים, וואָס זיינען דערשינען אין די צייטן פון בעש״ט און פון זיינע תלמידים, און עטלעכע בריוו פון בעש״ט, וואָס מיר ווייסן, אַז זיי זיינען אויטענטיש.

קיין אַנדערע אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט מען דערוויל נישט.

אָבער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1919, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין פּאָדאָליע און אוקראַינע, אַז מען האָט געפונען בריוו פון בעש״ט. דערנאָך האָט מען געזאָגט, אַז די בריוו זיינען געפונען געוואָרן אין קרימינאַלן־אַרכיוו אין קיעוו, וואו זיי זיינען פאַרוואַלגערט געוואָרן בעת מען האָט אַרעסטירט דעם רבין ר׳ ישראלטשע פון ריזשין אין יאָר 1838.

לויט אַ צווייטן קלאַנג זיינען די בריוו געפונען געוואָרן אין כערסאָן [1] און לויט אַ דריטן קלאַנג האָבן זיך די בריוו געפונען אין דעם פּעטערס־בורגער מלוכה־אַרכיוו און דאָרט זיינען זיי פאַרקויפט געוואָרן צום דעם חסיד און גביר ר׳ שמואל גור־אריה. דער חסיד האָט דעם גרעסטן טייל בריוו און כתב־ידן אַוועקגעגעבן צום ליובאַוויטשער רבין, ר׳ שלום בער שניאורסאָן, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין ראָסטאָוו, ביים דאָן, און נאָך דער פּטירה פון ליובאַוויטשער רבין אין יאָר תר״פ (1920) זיינען די בריוו אַריבער צו זיין זון דעם ליובאַוויטשער רבין, ר׳ יוסף יצחק, וועלכער

1) זע: „רשומות״ ב׳, זייטן 386־389, תל־אביב, 1922.

האָט דעמאָלט געוואוינט אין פּעטערסבורג, דאַן אין ריגע, וואַרשע, און נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק.

אַ טייל פון די געפונענע בריוו זיינען אַריבער צו דעם באַיאַנער רבין, ר׳ מנחם נחום פרידמאַן, און ער האָט זיי געבראַכט קיין ווין. עס זיינען פון זיי געמאַכט געוואָרן העתקות און זיי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך הרב לאַנגערמאַן [2]), דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין דרוק פאַר־שידענע אויסגאַבעס פון די געפונענע בריוו פון בעש״ט, פון מגיד פון מעזריטש, און זייערע תלמידים, ביז צו ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי.

אַט־די אַלע געפונענע בריוו און אַנדערע כתב־ידן האָבן געקראָגן אַ נאָמען „די כערסאָנער גניזה״.

אַז בריוו פון בעש״ט און פון זיינע תלמידים געפינען זיך אין רבייאישע הויפן, דערציילט אונז אויך ש. אַנסקי אין זיין בוך זכרונות [3]), וואו ער שרייבט, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז דער קאָפּיטשיניצער רבי געווען אין ווין און מיט אים איז געווען דער גאַלי־ציאַנער מוכר ספרים, ר׳ ליפּע שוואַגער פון הוסיאַטין, האָט דער רבי גע־הייסן ר׳ ליפּען ער זאָל צוריקפאָרן אַהיים כדי מציל צו זיין דעם רבינס פאַרמעגן און די צוויי בריוו, וואָס געפינען זיך אין זיין פייער־קאַסע. ר׳ ליפּע שוואַגער איז אַהיימגעפאָרן. ער האָט באַהאַלטן אין קעלער דעם רבינס פאַרמעגן און די צוויי בריוו האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ באַזונדער קעסטל. אין עטלעכע חדשים אַרום, איז ער ווידער אַראָפּ אין קעלער, האָט ער דער־זען, אַז דאָס געלט איז נעלם געוואָרן, אָבער דאָס קעסטל מיט די צוויי בריוו זיינען געבליבן. ווען ער האָט געעפנט דאָס קעסטל, האָט ער געזען אין בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון רבין ר׳ בער פון מעזריטש און געחתמעט געוואָרן מיט דער האַנט פון בעש״ט, איז געבליבן, אָבער דער צווייטער בריוו, וואָס איז געווען פון בעש״ט׳ס כתב־יד, איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן, אַזוי אַז מען האָט אים מער נישט געקאָנט לייענען.

נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט פון די געפונענע בריוו, האָט מען אָנגעהויבן זיי צו פאַרעפנטלעכן.

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע פון זיי: הרב ר׳ חיים בלאָך האָט אין יאָר 1919 פאַרעפנטלעכט דריי בריוו נישט אָנגעבנדיק קיין מקור פון וואַנען ער האָט זיי גענומען [4]). אין יאָר 1921 האָט הרב לאַנגער־מאַן פאַרעפנטלעכט 40 בריוו [5]). מרגלית און בירבראַוער פון טשערנאָוויץ

2) „קובץ מכתבים מקוריים״, ווין 1924.

3) „דער יידישער חורבן פון גאַליציע און פוילן״, דריטער טייל, וואַרשע, 1922, זייט 58.

4) אין „די איזראַעליטישע וואָכענשריפט פיר די שווייץ״.

5) „ספר ליקוטים תלפיות״, בצירוף ארבעים מכתבים, ווין, 1921.

האָבן פאַרעפנטלעכט 32 בריוו [6] (כמעט די זעלבע וואָס לאַנגערמאַן). אין די „רשומות" זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי בריוו [7]. י. מ. ליינער האָט אין יאָר 1923 פאַרעפנטלעכט בריוו פון בעש"ט און פון זיינע תלמידים [8]. דוד פרענקעל האָט פאַרעפנטלעכט בריוו אין לעמבערג [9]. אין יאָר 1924 האָט הרב ר׳ חיים בלאָך פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג פון בריוו [10]. אין זעלבן יאָר איז אַרויס אַ זאַמלונג פון בריוו פון ר׳ חיים אליעזר ביכאָווסקי אין ירושלים, אונטערן נאָמען „גנזי נסתרות" [11]. הרב ש. אסף האָט פאַרעפנטלעכט אין „התור", אין ירושלים [12], זיבן בריוו. אין די זשורנאַלן „התמים", וואָס חב"דער חסידים האָבן אַרויסגעגעבן אין וואַרשע [13] זיינען דערשינען דריי הונדערט און זעקס בריוו. אַנדערע בריוו זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע אויסגאַבעס.

אינעם ערשטן נומער פון „התמים" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו פון בעש"ט, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין תלמיד ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון עצבות, „שאין השכינה שורה לא בתוך עצבות, רק מתוך שמחה" (די שכינה רוט נישט דורך עצבות, נאָר דורך שמחה). עס איז דאָרט אויך אָפּגעדרוקט אַ בריוו מיט אַ דער־קלערונג פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, אַז דעם דאָזיקן בריוו האָט אַ חסיד, מיטן נאָמען ר׳ יהודה לייב זלאַטאָפּאָלסקי, אָפּגעקויפט פון איינעם פון בעש"ט׳ס אייניקלעך פאַר דריי טויזנט רובל, וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען טויזנט גאָלדענע רובל.

אויך איז דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, אין וועלכן ער קלערט אויף ווי אַזוי עס איז אָפּגעקויפט געוואָרן די „כערסאָנער גניזה", דורך דעם חסיד ר׳ שמואל גור־אריה, וואָס מיר האָבן פריער דערציילט.

הרב ש. אסף האָט איבערגעגעבן דריי בריוו וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ יידן מיטן נאָמען שפּיראָ אין רוסלאַנד, און האָט די בריוו אַוועק־

6) „מכתבים קדושים", טשערנאָוויץ, 1921.
7) זע: הערה 1.
8) „מכתבים מהבעל שם טוב ותלמידיו", וואַרשע, 1923.
9) „מכתבים מהבעש"ט ז"ל ותלמידיו", בהוצאת בית מסחר ספרים דוד פרענקיל, לבוב, 1923.
10) זע: הערה 2.
11) „גנזי נסתרות", דריי אָפּטיילונגען: „אור ישראל", בריוו פון דער צייט פון בעש"ט ביז תק"כ; „אור נערב", בריוו פון גרויסן מגיד, פון יאָר תקכ"א ביז תקמ"א; און „אור רב", בריוו פון תקמ"ח ביז תקע"ב, ירושלים, 1924.
12) „התור", ירושלים, תרפ"ג, נומער 10, מיט אַ פאַקסימיליע פון צוויי בריוו פון בעש"ט.
13) „התמים", 1—8, וואַרשע, 1935־1938.

געגעבן דעם אויטאָגראַפן־זאַמלער ד״ר אברהם שוואַדראָן (שרון). שוואַד־ראָן האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל פּאַפּיר פון די דאָזיקע אָריגינעלע בריוו און האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין ווין, זיי כעמיש צו אונטערזוכן און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס פּאַפּיר פון די בריוו איז געמאַכט געוואָרן פון האָלץ און שטרוי, וואָס אַזאַ פּאַפּיר האָט מען אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ערשט אין די יאָרן 1872־1946, אָבער ביז דעמאָלט האָט מען געמאַכט פּאַפּיר פון שמאַטעס, דאָס מיינט אַז ווען די בריוו וואָלטן געווען פון בעש״ט און זיינע תלמידים וואָלטן זיי געווען געשריבן אויף אַן אַנדער סאָרט פּאַפּיר, אויף פּאַפּיר געמאַכט פון שמאַטעס...

ווען ד״ר שוואַדראָן האָט געקראָגן די רעזולטאַטן פון דער כעמישער אונטערזוכונג האָט ער זיי איבערגעשיקט צום ליובאַוויטשער רבין ר׳ יוסף יצחק שניאורזאָן, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין ריגע. שוואַדראָן האָט געקראָגן אַן ענטפער פון דעם סעקרעטאַר פון ליובאַוויטשער רבין, ר׳ יחזקאל פייגין, דאַטירט ו׳ טבת תרפ״ט, אין וועלכן ער שרייבט אים, אַז ביים ליובאַוויטשער רבין האָבן זיך געפונען בריוו וואָס זיינען געקומען בירושה און זיי האָבן זיך געפונען אין דעם אַרכיוו פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי... און די בריוו, וואָס קומען פון דער „גניזה״ זיינען בלויז קאָפּיעס, נישט די אָריגינעלע בריוו [14]).

אויך האָבן אָנגעהויבן פאַרשידענע היסטאָריקער צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון די בריוו. דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו האָט אין יאָר 1925 געקראָגן 76 קאָפּיעס פון די געפונענע בריוו, וואָס זיינען אים געשיקט געוואָרן פון אַ ליובאַוויטשער חסיד פון ראָסטאָוו קיין בערלין. דובנאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אַ מאמר אין „קרית ספר״ [15]) אין וועלכן ער ווייזט אָן אַז די בריוו זיינען פאַלשע. אַן אויספירלעכע אַרבעט האָט דובנאָוו אויך פאַרעפנטלעכט אין זיין דריטן באַנד פון „תולדות החסידות״ אין וועלכן ער ברענגט אויסצוגן פון כרוזים און בריוו און ווייזט אויף מיט ראיות ברורות אַז זיי זיינען פאַלשע [16]). דובנאָוו שרייבט, אַז אליהו גאַלאַנט, וועלכער האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן אין קיעווער אַרכיוו, האָט אין אַ בריוו צו אים פון יאָר 1927 דערקלערט אַז אינעם אַרכיוו האָבן זיך קיינמאָל נישט געפונען אַזאַ פּעקל חסידישע בריוו.

דובנאָוו האַלט אַז דער וואָס האָט געפעלשט די בריוו האָט גענומען די מעשיות וואָס זיינען פאַראַן אין „שבחי הבעש״ט״ און האָט זיי שלעכט

14) פאַרעפנטלעכט אין „מאזנים״, תרפ״ט, נומער י״ח.

15) ש. דובנאָוו: „אגרות הבעש״ט ותלמידיו, אמת או זיוף?״ „קרית ספר״, שנה שניה, זייטן 204־211, ירושלים, תרפ״ו.

16) „הגניזה החדשה, אגרות הבעש״ט ותלמידיו״, „תולדות החסידות״, ספר שלישי, תל־אָביב, 1931, זייטן 425־433.

איבערגעשריבן מיט איין סטיל — אַלס בריוו. אַזוי, למשל, איז פֿאַראַן אַ בריוו וואָס דער בעש״ט שרייבט צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער, פון דער שטאָט אָקופּ פון יאָר תפ״ט (1729). ווי עס איז ידוע, האָט ר׳ גרשון קיטעווער נישט געוואָלט אַז זיין שוועסטער זאָל חתונה האָבן מיט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ נסתר און האָט זיך געמאַכט פֿאַר אַ בור און עם הארץ. איז פֿאַראַן אַ בריוו פון דער „גניזה" וואָס גייט אַזוי:

„איך ער (הער) אַז (דו) בישט (ביזט) ברוגז אויף מיר, פֿאַרוואָס איך קען נישט לערנען. נאָ פרעג איך דעך (דיך) ווער איז שולדיג אין דעם, אַז איך בין געבליבן אַ יתום ר״ל (רחמנא לצלן) קליינערהייט. (?) נאָר איך זאָג צו, אַז איך וועל ווערן אַ בעלפער און וועל זיך אַ ביסיל צו לערנען תורה. אַ דאַנק דעם השי״ת וואָס איך האָב מיך אַביסעלע אויס־געלערנט שרייבען. דיין שוואָגער, גיסך, ישראליק מאָקופּ!"

דאָס מיינט, פרעגט מיט רעכט דובנאָוו, אַז אין יאָר תפ״ט, ווען דער בעש״ט איז שוין געווען אַ דרייסיק יאָר אַלט, און האָט לויט דער מסורה זיך מתבודד געווען אין די קאַרפּאַטן בערג, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין טלוסט, אַלס אַ מלמד (נישט אַלס בעלפער) און איידער ער איז נתגלה געוואָרן שרייבט ער צו זיין שוואָגער אַ בריוו פון אָקופּ וואָס ער האָט פאַרלאָזט אין זיינע קינדער־יאָרן און דאָרט מער נישט געוואוינט?

אויך איז פֿאַראַן אַ חסידישע מעשה פון ר׳ לייב שרה׳ס, אַז ער האָט זיך באַוויזן אין הויף פון קייזער יאָזעף דער צווייטער אין ווין און האָט זיך באַמיט מבטל צו מאַכן גזירות אויף אידן אין גאַליציע. איז פֿאַראַן אַ בריוו פון ר׳ לייב שרה׳ס געשריבן פון סלאַוויטע צום דעם מעזעריטשער מגיד, אַז ער פאָרט קיין ווין „אודות הענין הידוע" (וועגן דעם באַוואוסטן ענין) און דער בריוו איז דאַטירט פון יאָר תקל״א (1771), דאָס מיינט מיט אַ צען יאָר פריער, איידער יאָזעף דער צווייטער איז געוואָרן קייזער פון עסטרייך.

אויך פּראָפ. מ. באַלאַבאַן האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אין וועלכע ער האָט אויפגעוויזן אַז די בריוו זיינען פאַלשע [17]), און אַן אויספירלעכע אַרבעט אין זיין בוך: „לתולדות התנועה הפראַנקית" [18]).

דער וויסנשאַפטלער אברהם כהנא האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „הישוב" [19]), אין וועלכן ער דערציילט וועגן דעם יידן שפּירא, וואָס האָט פאַרקויפט די „גניזה".

אין ווינטער 1916 איז אין קיעוו צו כהנא׳ן געקומען דער וואַנדערנ־

17) „נייער היינט", וואַרשע, 1921, נומער 249 און „התקופה", י״ח, 1923.

18) צווייטער טייל, זייטן 315־320, תל־אָביב, 1935.

19) „הישוב", תרפ״ה — 1925, נומער 24.

דיקער מוכר ספרים שפּירא, און ער האָט אים געבראַכט אַ בריוו פון בעש״ט. כהנא האָט געזען אַז דאָס פּאַפּיר איז טאַקע אַלט, אָבער די טינט איז ניי. האָט ער דעם בריוו נישט געקויפט. דערנאָך האָט זיך כהנא דער־וואוסט, אַז אַ חסיד, אַ גביר פון קרעמענטשוג האָט געקויפט אַן אוצר מיט בריוו, וואָס שטאַמען פון דער פאַבריק פון דעם מוכר ספרים שפּירא און אַז ער האָט פאַר דעם „אוצר״ באַצאָלט נאָענט צו צען טויזנט רובל...

ד. צ. הילמאן דערקלערט, אַז דער פּריוואַטער נאָמען פון שפּירא איז געווען הערשעלע, ער האָט געוואוינט אין אָדעס און אַז ער האָט גע־שטאַמט פון אַ חסידישער משפּחה [20].

לויט ווי הילמאן גיט אָן האָט אויך דער פריערדיקער גערער רבי געהאַלטן אַז די בריוו זיינען פאַלשע. אויך דער מונקאַטשער רבי, ר׳ חיים אליעזר שאַפּירא, באַהאַנדלט די געפונענע בריוו אין זיין ספר „דברי תורה״ (מהדורא חמישאה, סימן ט׳) און קומט צום באַשלוס אויפן סמך פון איינעם און דעם זעלבן סטיל, פאַלשע דאַטעס און פאַלשע נעמען, אַז די בריוו זיינען פאַלשע.

הילמאן ווייזט אויך אָן, אַז דער פעלשער האָט אויף געוויסע בריוו גע׳חתמעט דעם נאָמען פון דער משפּחה, ווי, למשל, רפּפּורט, אָדער הורוויץ, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען איינגעפירט אַז מען זאָל זיך אַזוי חתמענען.

אָבער דער ליובאַוויטשער רבי, ר׳ מנחם שניאורזאָן פון ברוקלין האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1953 אַ בריוו אין וועלכן ער שרייבט, אַז עס איז ביי אים קיין שום ספק נישט אַז דער תוכן פון די בריוו איז אויטענטיש [21].

דער ליובאַוויטשער רבי האָט אין זיין בריוו, אַלס ענטפער אויף די טענות פון הילמאַנען, אָנגעגעבן פאָלגנדיקע אַרגומענטן, פאַרוואָס ער האַלט אַז די בריוו זיינען ריכטיקע: ער האָט געזען דריי הונדערט בריוו ביי זיין שווער, וואָס אַ טייל פון זיי האָט דער שווער נישט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן, און עס איז ביי אים קיין שום ספק נישט אַז דער תוכן פון די בריוו איז אויטענטיש.

עס איז אויך שווער צו גלויבן אַז אין יענער בהלהדיקער צייט, בעת דער רוסישער רעוואָלוציע, זאָל אַ מענטש געפינען אַלטן פּאַרמעט און צונויפשטעלן אַזעלכע בריוו. דאָס איז אַ זאַך פון דער אוממעגלעכקייט.

די נישט ריכטיקע דאַטעס קומען דערפון, וואָס דער קאָפּירער פון די בריוו האָט געמאַכט טעותים. אַדרבה, טאַקע דערפאַר ווייל עס זיינען

20) „הגניזה החרסונית״, „הספר״, רבעון לביבליוגראפיה, ירושלים, 1955, נומער 2־3, זייטן 32־42.

21) אין פריער דערמאָנטן „הספר״, נומער 1, 1954, זייטן 25־26 און אין נומער 2, 1955, זייטן 30־32.

פאַראַן אַזויפיל אומפּינקטלעכקייטן אין די דאַטעס, דאָס גופא איז אַ באַווייז אַז די בריוו זיינען אמתע, ווייל וואָלט עמעצער געוואָלט פעלשן בריוו, וואָלט ער געווען פּאַרזיכטיקער און וואָלט אָנגעשריבן ריכטיקע דאַטעס.

דאָס וואָס דער סטיל אין אַלע בריוו איז אַן ענלעכער? איז דערפאַר ווייל יעדער תלמיד פון אַ פריערדיקן רבי׳ן האָט זיך געפלייסט נאָכצומאַכן דעם סטיל און אַפילו די אָנטשריפט פון זיין רבי׳ן.

אין דער זאַמלונג זיינען אויך פאַראַן קמיעות און בריוו, וואָס זייער אינהאַלט איז נישט געווען באַקאַנט, נאָר עס איז וועגן דעם געווען אַ מסורה אין די חב״דער הויפן, איז ווי קומט עס וואָס דער פעלשער פון די בריוו, אַ פרעמדער מענטש, זאָל וויסן דערפון?[22]) איז אַ באַווייז אַז די בריוו זיינען ריכטיקע.

אויך איז זיכער, אַז ווען דער ריזשינער רבי איז געוואָרן אַרעסטירט האָט די רוסישע רעגירונג ביי אים קאָנפיסקירט בריוו און חפצים, וואָס ער האָט געהאַט בירושה, און ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער תפיסה, האָט ער זיך מסתמא משתדל געווען, ער זאָל אַרויסקריגן די בריוו. די רוסישע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן אָבער מורא געהאַט דאָס צו טאָן, האָבן זיי געלאָזט מאַכן קאָפּיעס פון די בריוו, געשריבן אויף פאַרמעט און פּאַפּיר, וואָס איז געווען בנמצא אין יענער צייט; די אָריגינעלע בריוו האָבן זיי צוריקגעגעבן דעם ריזשינער רבי׳ן און די קאָפּיעס זיינען געבליבן אין דעם מלוכה־אַרכיוו.

די בריוו וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די זשורנאַלן „התמים״, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם דרוקער בלויז קאָפּיעס פון די געפונענע בריוו, וואָס עס האָט געמאַכט מיט יאָרן פריער אַ ליובאַוויטשער חסיד אין ריגע. דער חסיד איז געווען אַ פרומער מענטש, אָבער ער איז נישט

22) ש. דובנאָוו אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט האַלט, אויפן סמך פון פאַרשידענע בריוו, אַז דער פעלשער פון די בריוו איז געווען אַ חב״דער חסיד, ווייל עס ווערן אין די בריוו צופיל אַרויסגעהויבן „ר׳ זלמינא״ — ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי. אין איין בריוו פון מעזעריטשער מגיד צו ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, שרייבט דער מגיד אַז ער שיקט אים זיין תלמיד „הרב הגאון האמתי מו׳ זלמינא יחיה״ — דעם אמתן גאון ר׳ זלמינא. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט דער מגיד אויף ר׳ שניאור זלמן „תלמידי הותיק ר׳ זלמינא בעל השולחן ערוך יחיה״, און ביידע בריוו זיינען פון יאָר 1772, בעת ר׳ שניאור זלמן איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר און ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן די ערשטע שריט אין דער תלמודישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן מסדר צו זיין דעם שולחן ערוך צווישן די יאָרן 1770 און 1778. לויט דער הקדמה פון דרוק אין שקלאָוו אין יאָר 1804. פרעגט זיך, האָט דער מעזעריטשער מגיד געשריבן אַזעלכע לויב־רייד אויף אַזאַ יונגן תלמיד? מוז זיין, פּירט אויס דובנאָוו, אַז דער וואָס האָט פאַרפאַסט די בריוו האָט אַריינגעגעבן אין מגיד׳ס מול אַזעלכע גוזמא׳דיקע רייד, און ער איז נישט געווען אָפּגעהיטן צו פאַרדעקן זיין ציל.



ר׳ ישראל בעל־שם־טובֿ׳ס כתב־יד לויט דער „כערסאָנער גניזה״

געווען קיין פינקטלעכער און בפרט אין ענינים פון דאַטעס. דעריבער זיינען פאַראַן אין די פאַרעפנטלעכטע בריוו אין „התמים״ אַזויפיל טעותים אין די דאַטעס.

אויף דער טענה פאַרוואָס מען האָט נאָר געפונען בריוו וועגן פריוואַטע ענינים און נישט קיין פאַרשריבענע תורות? דאָס איז דערפאַר ווייל די רביים אין די פריערדיקע דורות זיינען געווען נזהר צו פאַרשרייבן תורות, וואָס זיי האָבן געזאָגט.

אויף דעם בריוו פון ליובאַוויטשער רבי׳ן האָט הילמן נאָכאַמאָל פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן ענטפער אין דעם זעלבן „הספר״ (נומער 2), אין וועלכן ער פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפונקט און ער ברענגט נאָך מער ראיות אַז די בריוו זיינען פאַלשע.

אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די געפונענע בריוו פון דער „כערסאָנער גניזה״. על פי רוב זיינען די פאַר־שער מיט דער מיינונג, אַז די בריוו זיינען נישט אויטענטיש און כל זמן דער ליובאַוויטשער רבי וועט נישט פאַרעפנטלעכן אַלע בריוו וואָס ער האָט אין זיין רשות, מיט דערקלערונגען, ווי ער שרייבט אין זיין פריער־דערמאָנטן בריוו, אַז ער קלייבט זיך דאָס צו טאָן, און אויך אָנגעבן וועלכע בריוו ווערן געדרוקט פון קאָפּיעס און וועלכע פון די אָריגינעלע וואָס זיינען צו אים געקומען בירושה פון די פריערדיקע רביים, וועט מען נישט קענען קומען צו אַ באַשטימטן אויספיר און קענען פעסטשטעלן, וועלכע בריוו זיינען אויטענטיש און וועלכע זיינען געפעלשט געוואָרן פון איינעם אַ מוכר ספרים מיטן נאָמען הערשעלע שפּיראָ און פאַרקויפט געוואָרן צו רייכע חסידים אַלס געפונענע בריוו אין די רוסישע מלוכה־אַרכיוון...

קאַפּיטל טו

איז פאַראַן אַ בילד פון ר׳ ישראל בעש״ט?

פון וואַנען שטאַמט דאָס בילד פון בעש״ט וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער חסידישער וועלט? ווי אַזוי דאָס בילד פון „בעל־שם פון לאָנדאָן״ איז אָנגענומען געוואָרן פאַרן בעש״ט׳ס בילד. — דאָס בילד פון ר׳ אליהו גריידיצער, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַלס בעש״ט׳ס בילד.

אין דער חסידישער וועלט איז באַקאַנט אַ בילד וואָס ווערט אָנגעגעבן אַז ס׳איז די צורה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָס דאָזיקע בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב באַוויזן אין דער חסידישער וועלט אַרום דעם יאָר 1898, און פון דעמאָלט איז עס שוין געוואָרן אָנגענומען, אַז דאָס איז טאַקע דאָס בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

איך געדענק, אַז איינמאָל האָט אַ מוכר־ספרים, אַ פּאַקן־טרעגער, אַ ייד פון ראַדאָמישל, מערב־גאַליציע, געבראַכט אַ ספר צו אונדז אין שטעטל אַריין אין וועלכן עס איז געווען דאָס בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָט מיין פאָטער, זצ״ל, דאָס ספר נישט געוואָלט האַלטן אין שטוב. ער האָט געזאָגט, אַז „מיר דאַרפן אָננעמען פון בעש״ט נאָר דאָס וואָס מיר האָבן געהערט פון אונדזערע זיידעס (פון דער מסורה), און מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט, אַז עס זאָל זיין אַ בילד פון בעש״ט״.

די רביים זיינען געווען זייער פאָרזיכטיק אין די דאָזיקע ענינים, און בפרט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אָבער אין דער חסידישער וועלט איז אַרומגעגאַנגען אַ מסורה, אַז איינמאָל האָט אַן אויסלענדישער מאָלער געזוען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ביי אַ גראַף וואָס האָט געוואוינט אין דער געגנט פון מעזשיבעזש, האָט דער מאָלער געצייכנט דעם בעש״ט מיט אַ בלייפעדער. דער חסידות־פאָרשער אַברהם כהנא שרייבט [1], אַז „עס איז באַקאַנט פון די חסידישע מעשיות, אַז אַ סך גויים זיינען געקומען צום בעל־שם־טוב און האָבן זיך פאַראינטערעסירט אינעם בעש״ט, איז עס קיין שום חידוש נישט, וואָס אויך אַ קריסטלעכער מאָלער האָט געצייכנט זיין בילד״.

1) אַברהם כהנא: „ספר החסידות״, זייט 24.

דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פאַרן בעש״ט׳ס בילד.

אָבער, אַז מען קוקט אויפֿן בילד פון בעש״ט, וואָס איז אַריין אין פאַרשידענע געשיכטע־ביכער וועגן חסידות, זעט מען, אַז עס איז נישט די צורה פון אַ פוילישן רב אָדער רבין, נאָר פון אַן אָריענטאַלישן ייִדן, די לבושים זיינען אָריענטאַלישע, און אַז אויפֿן קאָפּ טראָגט ער עפּעס אַ צודעק וואָס איז נישט קיין שטריימל און נישט קיין קאַפּעליוש...

און אין דער אמתן איז דאָס דאָזיקע בילד גאָר פון ר׳ שמואל חיים

יעקב פאַלק, דער „בעל־שם פון לאָנדאָן״, וועלכער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ ספּרדישער מקובל, דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז ער איז אויך געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ ספרדישער „חכם״ (זע: קאַפּיטל י״ב).

דאָס דאָזיקע בילד איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין דער „דזשואיש ענציקלאָפּעדיע״, און דאָס בילד איז געמאָלן געוואָרן פון אַן ענגלישן מאָלער קאָפּלי. דאָס בילד איז געהאַנגען אין הויז פון דעם באַרימטן לאָנדאָנער באַנקיר אַהרן גאָלדשמיד.

אָבער טראָץ דעם וואָס דאָס בילד איז געדרוקט אין דער „דזשואיש ענציקלאָפּעדיע״, האָט עס נישט געשטערט באַוואוסטע חסידות־שרייבער זיי זאָלן אין זייערע ביכער אַריינבעמען דאָס בילד פון „בעל־שם פון לאָנדאָן״ אַלס דאָס בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אַזוי טרעפן מיר דאָס דאָזיקע בילד אין דער העברעאישער איבער־זעצונג פון גרעץ־געשיכטע [2]. די העברעאישע אויסגאַבע פון ד״ר גרעצס געשיכטע איז געווען אַן ערנסטע, און דאָך איז דאָרט אַריינגעגעבן געוואָרן דאָס מכלומרשטע „בילד״ פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אָבער אַ קוריאָז איז די אונטערשריפט אונטער אַ בילד פון בעש״ט, וואָס עס האָט געבראַכט דער שרייבער גרשם באַדער אין זיין בוך „דרייסיק דורות יידן אין פוילן״ [3]. דאָרט ווערט אָנגעגעבן אונטערן בילד: „פון אַן אַלט בילד אין אַ לעמבערגער פּריוואַט־מוזעאום, אויף וועלכן עס שטייט אונטערגעשריבן ׳ראַבין איזראַעל ז׳מיענדזיבאָרזאַ׳ (דער רב ישראל פון מיענדזיבאָרזאַ־מעזשיבעזש)״.

אין דער הקדמה צו זיין בוך שרייבט גרשם באַדער [4] וועגן די בילדער וואָס ער ברענגט אין זיין בוך אַזוי:

״איך האָב די פליכט צו זאָגן אַ וואָרט וועגן די בילדער: אַזוי ווי איך האָב די אַלע מענטשן נישט געקענט פּערזענלעך און עס איז מיר שווער צו גלויבן, אַז ר׳ מרדכי יפה (דער בעל הלבושים), ר׳ בער מעזריטשער, צי אַן אַנדער באַרימטער גאון פון יענער צייט, האָט זיך פּלוצים אַוועק־געזעצט אַלס אַ מאָדעל פאַר אַ מאָלער, און אַזוי ווי עס איז אויך אין יענער צייט קיין פאָטאָגראַפיעס נישט געווען, האָב איך מיך געמוזט פאַרלאָזן אויף צייכענונגען פון אַלטע קראָניקעס, אָדער אויף בילדער, וועלכע איך האָב מיט יאָרן צוריק געפונען אין אַ לעמבערגער פּריוואַט־מוזעאום. ווי עס פאַרשטייט זיך, גיב איך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דער גענויער

2) „דברי ימי ישראל״, הוצאת אחיספר, וואַרשע, 1931, תרגום: ש. ד. ציטרון, בצירוף מבוא ותולדות המחבר מאת פ. לאַכאָווער; ההיסטוריון כאמן וסופר מאת יעקב פיכמאַן ועם הערות מאת ד״ר ש. א. קאַמענעצקי.

3) זייט 205.

4) זייט 24.

ריכטיקייט פון די בילדער, ווייל עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מאַנכע פון זיי זיינען טאַקע נישט די ריכטיקע...״

איך האָב מיט יאָרן צוריק נישט איינמאָל געבעטן דעם חשובן שריפט־שטעלער גרשם באַדער, ער זאָל מיר אָנגעבן אין וועלכן פריוואַטן מוזעאום אין לעמבערג ער האָט דאָס דאָזיקע בילד פון בעל־שם־טוב געזען, אָבער ער האָט מיר קיין אַדרעס נישט געגעבן. ער האָט שוין דעם נאָמען פון דעם פריוואַטן מוזעאום פאַרגעסן, האָט ער געזאָגט.

איך האָב, נעמלעך, געוואָלט אויסגעפינען דעם אַדרעס און שרייבן צו מיינעם אַ פריינט קיין לעמבערג, ער זאָל אַריינגיין אין דאָזיקן פריוואַטן מוזעאום און נאָכפאָרשן פון וואַנען דאָס דאָזיקע בילד איז געקומען אין דעם פריוואַטן מוזעאום אַריין.

אָבער אַזוי ווי גרשם באַדער האָט דעם אַדרעס נישט געקענט אָנגעבן, האָב איך זיך בלויז באַגנוגנט און נאָכגעקוקט אַלע קונסט־קאַטאַלאָגן פון פוילן וואָס פאַרצייכענען די בילדער פון אַלע מוזעאומס אין לעמבערג — שטאַטישע, געזעלשאַפטלעכע און פריוואַטע — אָבער אַ בילד מיט אַזאַ אונטערשריפט איז אין די קאַטאַלאָגן, ליידער, נישט פאַראַן.

קוקט מען זיך אָבער גוט איין אין דעם בילד וואָס גרשם באַדער ברענגט, וואָס זאָל זיך האָבן געפונען אין אַ לעמבערגער פריוואַטן מו־זעאום און וואָס אונטערן בילד איז געווען אָנגעשריבן: „ראַבין איזראַעל ד׳מיענדזיבאָרזאַ״, זעט מען, אַז דאָס בילד איז גאָר פון ר׳ אליהו גוטמאַכער, וועלכער איז באַקאַנט אַלס דער „גריידיצער רבי״.

ר׳ אליהו גריידיצער [5]) איז געווען אַ רבי פון חסידים. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא אייגער אין פויזן, און ער איז געווען איינער פון די ערשטע חובבי ציון.

אין יאָר תרל״ד האָט דער גריידיצער רבי פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין „המגיד״ [6]), אַז „אַלע ברכות וואָס ער גיט, זיינען בלויז ברכות פון אַ פשוטן מענטשן און ער בעט, אַז מען זאָל צו אים נישט קומען, נישט מענער און נישט פרויען״, און צום סוף פון בריוו שרייבט ער, אַז „ווען ער איז מתפלל איז ער נישט מתפלל פאַר זיין אייגענער טובה וועגן, נאָר לטובת כלל ישראל״.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער בריוו האָט גאָרנישט געהאָלפן. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געמערט די חסידים און צום סוף איז ער געוואָרן אַ רבי, אַזוי ווי אַלע אַנדערע חסידישע רביים... [7])

5) געבוירן געוואָרן ראש חודש מנחם־אָב, תקנ״ו, 1796, נפטר געוואָרן כ״ד תשרי, תרל״ה, 1875.

6) נומער י״ב.

7) די מעשיות און מופתים וואָס די חסידים האָבן וועגן אים דערציילט, האָט



דאָס בילד פון רבין ר׳ אליהו גריידיצער, וואָס איז אָנגענומען אַלס דעם בעש״ט׳ס בילד.

אַ טייל פון זיי צונויפגעזאַמלט הרב יודל ראָזענבערג אין אַ ספר אונטערן נאָמען „הדרת אליהו״. ער האָט די מעשיות איבערגעזעצט אין יידיש און זיי אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „דער גריידיצער״, פּיעטריקאָוו־וואַרשע.

און פון ר׳ אליהו גוטמאַכער איז פאַרבליבן אַ בילד. אין זיין צייט, אין גריידיץ, האָט זיך שוין געקענט טרעפן אַ מאָלער וואָס האָט אים געמאָלן. דאָס דאָזיקע בילד איז באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און עס ווערט געדרוקט אין פאַרשידענע ספרים, וואו עס געפינט זיך אַ ביאָגראַפיע אָדער מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ אליהו גריידיצער. און אומעטום ווערט אָנגעגעבן דאָס דאָזיקע בילד אַלס דאָס בילד פון ר׳ אליהו גריידיצער [8]).

און דאָס דאָזיקע בילד האָט גרשם באַדער אָנגעגעבן אַלס דאָס בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב...

פון דעם אַלעם קאָנען מיר אָפּלערנען, אַז דאָס פאַרשפּרייטסטע בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, איז דאָס בילד פון דעם לאָנדאָנער „בעל־שם״, און דאָס בילד וואָס גרשם באַדער ברענגט, איז גאָר דאָס בילד פון ר׳ אליהו גריידיצער, אַזוי, אַז אַ בילד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז פאַקטיש נישט פאַראַן...

8) זע : „אנציקלופדיה של הציונות הדתית״, בעריכת יצחק רפאל, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים (זייט 448), וואו עס ווערט געבראַכט דאָס דאָזיקע בילד אונטערן שטיך־וואָרט „גוטמאַכער, אליהו״.

קאַפּיטל טז

חסידים איידער דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן

די מגידים האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער חסידישער באַוועגונג. — וואָס עס ווערט געבראַכט אין די מוסר־ספרים וועגן מצב פון די יידן פאַר און בימי הבעש״ט. — די פאַרשידענע חסידים־גרופּעס פאַרן בעש״ט.

די חסידישע באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע איבערקערעניש בעת איר אנטשטייאונגס־תקופה. נאָך איידער עס איז אויפגעקומען חסידות, האָבן געוויסע מגידים אין זייערע דרשות געזאָגט מוסר און געשטראָפט די יידישע תקיפים, פאַרוואָס זיי הערשן מיט אַזאַ אייזערנער האַנט איבער די יידישע פאָלקס־מאַסן [1]. אָבער דאָס זיינען געווען איינצלנע אַרויסטריטן. קיין אָרגאַניזירטער כוח איז דעמאָלט נישט געווען. ערשט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט מיט זיין שיטה אַרומגענומען די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן, די דאָרפס־יידן און עמי־הארצים, און זיי דערהויבן, זיי געשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט, גלייך מיט די תלמידי־חכמים און תקיפים.

דער באָדן פאַר דער חסידישער באַוועגונג איז אָבער צוגעגרייט געוואָרן פון פריער, פון די פאַרשידענע מגידים, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון די אונטערדריקטע שיכטן.

כדי דאָס בולטער צו באַווייזן, וועלן מיר דאָ ברענגען עטלעכע אויס־צוגן פון פאַרשידענע מוסר־ספרים.

אין דער הקדמה צום ספר „תקנתא דמשה״ [2]) ווערט געבראַכט:

1) זע: „במפנה הדורות״, פון בן־ציון דינור, מוסד ביאַליק, ירושלים, 1955, זז. 83־227. דאָרט ווערן געבראַכט אויסצוגן פון פאַרשידענע מוסר־ספרים פון יענער צייט, מיט שאַרפע שטראָף־רייד קעגן יידישע גבירים און תקיפים. אַזאַ אַרבעט איז טיילווייז געמאַכט געוואָרן דורך י. סאָסיס: „סאָציאַלע געשיכטע פון די יידן אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד״, אין „צייטשריפט פון ווייס־רוסלענדישער קולטור״, יידישער אָפּטייל, מינסק, 1926, זז. 14־24. סאָסיס שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף די ספרים „יסוד יוסף״ און „קב הישר״.

2) פון ר׳ שמריה בר׳ משה בעדילינער, אַלעקסאַניץ, 1768. דער מחבר האָט געלעבט אין דער צייט פון פאַרן אויפקום פון דער חסידישער באַוועגונג.

„עס איז געוואָרן אַ פאָלקס־ווערטל, אַז אין דער איצטיקער צייט, ווען אַרויסקריגן ברויט קומט אָן מיט דער נשמה, דערלויבט מען צו זאָגן ליגן, אָדער טאָן יענעם אָן עוולה... אַלץ פאַר געלט" („מרגלא בפומי דאינשי, בעיתים הללו, בנפשו יביא לחמו, הותר לעשות שקר או עוולה... עבור ממון").

„מען שווערט פאַלש און מענטשן זאָגן, אַז יעדער וואָס האָט עולם־הזה, וועט אויך האָבן עולם הבא" („מרגלא בפומי דאינשי, מי שיש לו עולם־הזה, יש לו עולם־הבא")[3].

„די מענטשן יאָגן זיך נאָך געלט, כדי מען זאָל זיין אַ 'חשוב', ווי מען רופט עס איז יידיש פיינע בריאות, און מען האָט פיינט מלאכות".

דער מחבר באַקלאָגט זיך אויך, אַז „מען גיט איבער יידיש געלט צו גויים" („מוסרין ממון של ישראל לאומות העולם"), און אַז „מסירות און מלשינות זיינען געוואָרן אַ הפקר־זאַך" („מסירות ומלשינות נעשה הפקר").

און וועגן די גבירים שרייבט דער מחבר אַז: „די כלבים, די עזות־פנימער, די עשירים, קענען זיך גאָרנישט אָנזעטיקן פון נעמען פראַצענט" („הכלבים עזי נפשם העשירים, לא ידעו שבעה מליקה ריבית").

עס איז שוין געקומען אַזאַ ביטערע צייט אויף די יידישע פאָלקס־מענטשן, אַז דאָס פאָלק האָט געשריגן: „צוליב וואָס דאַרפן מיר קהל, בלויז אונדז צו אונטערדריקן?"

און אין ספר „משמרת הקודש"[4] ווערט געבראַכט: „מען קויפט תבואה אויף ביליקע פרייזן און מען באַהאַלט זי, זי זאָל ווערן טייערער און דאַדורך הייבט מען די פרייזן און די אָרעמעלייט מיט זייערע קינדער ליידן הונגער" („נוהגים ליקח תבואה בשער הזול ולהצניע ביוקר... על ידי כך מייקרים השער שאחריו, ועניים ואביונים ובניהם רעבים")... „מען הייבט די פרייזן אַפילו אויף זאַלץ וואָס איז נייטיק פאַר יעדן איינעם".

און וועגן די רבנים פון יענער צייט ווערט געבראַכט אין ספר „זרע בירך"[5], אַז: „מען באַרגט געלט אויף גרויסע פראַצענטן און די רבנים שטייען אויך נישט אָפּ דערפון..."

און: „מען מוז אַמאָל אויפנעמען אַ רב אין שטאָט, ווייל קהל איז אים שולדיק געלט", ווערט געבראַכט אין ספר „חיבורי לקוטים"[6] („הקהילות היו אומרות צריכים הרב מחמת עשירותו, מפני שאנו חייבים לאלפים").

3) דאָרט, סימן ג'.

4) פון ר' משה פון סאַטאַנאָוו, זאָלקעווע, 1746.

5) פון ר' ברכיה בירך בר' אליקים געצל פון קלימינטאָוו, חלק שלישי, אויף ברכות, פראַנקפורט דאָדער, 1731, דף י"ג, עמוד ב'. וועגן מחבר און זיינע דרשות וואָס מיר ברענגען ווייטער זע: אַברהם יערי: „מחקרי ספר", הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, 1958, זז. 445־449.

6) פון ר' זעליק מרגלית פון קאַליש, וויניציה, 1715.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז „די עמי־הארצים און די רשעים האָבן פיינט דעם תלמיד חכם, מער ווי די גויים האָבן פיינט די יידן״ („עמי הארץ ורשעי ישראל ששונאים את התלמיד חכם, יותר משושנאים אומות העולם את ישראל...״), ווערט געבראַכט אין ספר „דרכי נועם״ [7]).

אַ טרויעריקע שילדערונג וועגן דער גייסטיקער ירידה פון די יידן אין יענער צייט גיט אונדז ר׳ ברכיה בירך, וועלכער האָט צוליב זיינע שאַרפע דרשות געדאַרפט אויסשטיין גרויסע רדיפות.

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן גענויער ווער דער דאָזיקער מגיד איז געווען און צו ברענגען גרעסערע אויסצוגן פון זיינס אַ דרשה.

דער מגיד ר׳ ברכיה בירך בן ר׳ געצל איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ ברכיה בן ר׳ יצחק אייזיק שפירא פון קראָקע [8]).

אַזוי ווי זיין זיידע איז אויך דאָס אייניקל [9]) געווען אַ גרויסער בעל־דרשן און אויך ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר „זרע בירך שלישי״, חידושים אין תורה. ר׳ ברכיה בירך בן ר׳ אליקים געצל איז פריער געווען רב אין שטעטל קלעמענטאָוו, פוילן, און דערנאָך איז ער געווען אַ דרשן און מוכיח אין יאַרוואָראָוו. אויפן שער־בלאַט פון „זרע בירך שלישי״ ווערט אָנגעגעבן, אַז דער מחבר האָט אַ סך ספרים אין כתב־יד, נאָענט צו טויזנט בויגן (קונטריסים), וואָס זיינען געשריבן אויף ביידע זייטן, און אַז דאָס דאָזיקע ספר איז בלויז אַ גאָר קליינער טייל פון דעם מחברס חיבורים.

אַז דער מחבר איז געווען אַן אָדם חשוב, זאָגט עדות ר׳ דוד אָפּענ־היים, רב אין פּראָג, וועלכער האָט געגעבן אַ הסכמה אויפן ספר, און ער שרייבט, אַז כאָטש עס איז באַקאַנט, אַז ער גיט נישט קיין הסכמות אויף ספרים, מאַכט ער אָבער דאָ אַן אויסנאַם, ווייל דער מחבר איז אַן „אָדם גדול״. דער מחבר האָט זיין ספר געדרוקט אין האַלע, דייטשלאַנד, אין בלויז 37 דפים, „מחמת די גזירה פון דעם מושל העיר (שטאָט־הערשער), האָט מען נישט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס דרוקן דעם ספר און ער האָט דעם מחבר איינגעזעצט אין תפיסה, מיט דער טענה, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו וואוינען אין שטאָט, און מיט גרויס שוועריקייט און השתדלות פון דעם אַלטן קצין „פרנס ומנהיג ר׳ יעקב בר״א׳, איז געלונגען אים צו באַ־פרייען...״, שרייבט דער בעל־מגיה אין סוף פון ספר.

און ווען דער מחבר איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה אין האַלע, איז

7) פון ר׳ שמואל בר׳ אליעזר, קעניגסבערג, 1760, פרק ו׳.

8) נפטר געוואָרן כ״ט טבת תכ״ד — 1664.

9) דער זיידע האָט אַרויסגעגעבן די צוויי ספרים: „זרע בירך״ אויף תורה, חלק ראשון, דרשות פון בראשית ביז מסעי, און „זרע בירך שני״, וואָס נעמט אַריין די ווייטערדיקע פרשיות ביז דברים.

ער צוריקגעפאָרן קיין פוילן און ער האָט ווייטער געהאַלטן זיינע דרשות אין די פאַרשידענע שטעטלעך אין פוילן. ער האָט מיט זיינע מוסר־דרשות צוגעצויגן אַ גאַר גרויסן עולם און האָט געזאָגט מוסר די פריווי־לעגירטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, און די ראשי־הקהל האָבן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. האָט ר׳ ברכיה בירך אַרויס־גענומען אַ דערלויבעניש פון פרנס פון ועד אַרבע הארצות — פון דעם רופא ר׳ אברהם יצחק חזק — אַז ער מעג האַלטן דרשות אין יעדער שטאָט אין פוילן, און ער דאַרף נישט נעמען פריער קיין דערלויבעניש פונעם רב פון שטאָט...

אין יאָר תצ״א — 1731, איז ר׳ ברכיה בירך געקומען צום צווייטן מאָל קיין דייטשלאַנד און ער האָט אין פראַנקפורט ד׳אָדער געדרוקט דאָס ספר „זרע בירך שלישי״, חידושי אַגדות אויף דער מסכתא ברכות. אין דעם דאָזיקן ספר [10] האָט דער מחבר אָפּגעדרוקט איינע פון זיינע מוסר־דרשות, און די דאָזיקע דרשה גיט אונדז אַ בילד פון דעם ירידה־מצב פון די אייבערשטע שיכטן פון די יידן אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות.

פון דער דאָזיקער מוסר־דרשה קענען מיר אויך בעסער פאַרשטיין פאַרוואָס ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, דער תלמיד פון בעש״ט, איז אין זיינע ספרים אַזוי שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די רבנים...

און אָט וואָס דער מוכיח שרייבט אין דער דאָזיקער מוסר־דרשה:

„און איך האָב אין מיין חיבור געשטראָפט די רבנים אין אונדזער צייט, וואָס האָבן פרנסה דערפון וואָס זיי לייען זייער געלט אויף פּראָצענט. און כאָטש זיי האָבן ישיבות, האַלטן זיי נישט די ישיבות לשם שמים, נאָר צוליב געלט, וואָס זיי קריגן פון יעדן איינעם אַ ׳טאָלער ישן׳ (אַן אַלטן טאָלער), אַחוץ די אַנדערע מתנות וואָס עס ברענגען זיי די עלטערן פון די בחורים... און דאָס וואָס עס שטייט ׳ובמרבית לא תתן אכלך׳, מיין איך, אַז דאָס איז אַ רמז אויף די רבנים, וואָס די עלטערן פון די בני־ישיבה ברענגען זיי מתנות, בראָנפן און אויסגעשטאָפּטע הינדלעך, אָדער קעז מיט פּוטער. און ווען עס קומט צו זיי איינער פון די קהי־לות אָדער פון די אַרומיקע דאָרפס־איינוואוינער צו האָבן אַ דין־תורה, ברענגט יעדער איינער אַ שיינע מתנה... און איך ווייס נישט וואָס פאַראַ היתר האָבן די רבנים און ראשי המדינות, צו נעמען מתנות פאַר דעם משפט. און ׳אוי לעינים שכך רואות הנהגה הנ״ל׳ (ווי איז צו די אויגן וואָס זעען אַזאַ פירערשאַפט, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן)...״

און דער מגיד שטראָפט ווייטער:

10) דף י״ד־ט״ו.

„פאַראַן רבנים וואָס נעמען נאָכן פסק־דין שכר דיינות, וויפל זייער הארץ גלוסט פאַר ׳שכר בטלה און הפסד׳ [11]) ... בעת אין אונדזער צייט ווען אַ תלמיד־חכם האָט נישט קיין שום מלאכה און ער האָט גאַרנישט קיין היזק ווען ער זיצט ביי אַ דין־תורה, דעריבער טאָר ער נישט נעמען אַפילו איין פרוטה... און זיי נעמען שכר דיינות, אַפילו ווען זיי האָבן קיין שום הפסד נישט און דערנאָך דאַרף מען אונטערשרייבן דעם פסק־דין, דאַרפן די בעלי־דין אויפסניי געבן די רבנים געלט פאַר דער חתימה. דערנאָך קומט דער משרת פון רב וראש־מדינה און זאָגט צום בעל־דין: גיט מיר אויך, ווייל איך בין דעם רבס משרת, און דער רב האָט מיר צוגעזאָגט אַז אַט דאָס וועט זיין מיין שכירות, אַז פון יעדן פסק וואָס דער רב וועט חתמענען, וועל איך קריגן עטלעכע ׳גדולים׳ [12]). און חוץ דעם וואָס דער בעל־דין מוז געבן דעם שמש, וואָס רופט צו אַ דין־תורה וויפל ער פאַר־לאַנגט, דאַרף ער אויך געבן דעם סופר וואָס האָט געשריבן די הזמנות און דעם פסק־דין, אויך ער פאַרלאַנגט דערפאַר אַ גרויסן שכר. און טיילמאָל האָט דער בעל־דין גרעסערע הוצאות פון דעם גאַנצן חוב וואָס ער מאָנט..."

און דערנאָך זאָגט דער מגיד אין זיין דרשה אויך מוסר די מגידים און ער שרייבט:

„אַ מוכיח דאַרף זיין לשם שמים, נישט צוליב געלט־זאַכן, און ער דאַרף נישט חנפענען קיין שום מענטשן און אויך נישט די רבנים און די ראשי המדינות. און נישט ווי די היינטיקע מוכיחים וואָס פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און זאָגן מוסר־דרשות און זיי שטראָפן נישט די רבנים און נישט די ראשי המדינות, נאָר דעם המון־עם, דערנאָך שיקן זיי צו קהל, צו די חברות און צו די גבאים און פאַרלאַנגען מען זאָל זייער מויל באַ־דעקן מיט זילבער... דערנאָך גייען זיי אין די הייזער פון די עשירים מען זאָל זיי געבן מתנות... און דאָס לערנען פון די דאָזיקע רבנים און ראשי מדינות איז שוא ושקר און חריפות פון הבל. אַזאַ לערנען פאַרלענגערט דעם גלות און די ספרים וואָס זיי זיינען מחבר אין אונדזער צייט זיינען שוא ושקר... און וועגן אַזאַ לימוד און וועגן אַזעלכע ספרים זאָגט דער פסוק ׳עשות ספרים הרבה אין קץ׳..."

דער מגיד ר׳ ברכיה שאָנעוועט אויך נישט מיט זיינע שאַרפע רייד די ראשי המדינות און די תקיפים. אַט וואָס ער שרייבט וועגן זיי:

„איך האָב געזען, אַז די ראשי המדינות און די רבנים ווען זיי האָבן אַן אַסיפה אין ועד (ועד הגלילות), נעמען אַ טייל פון זיי מתנות פון די

11) רבנים מעגן על־פי דין נעמען געהאָלט אַלס „שכר בטלה", וואָס זיי זיינען מבטל פון לערנען.

12) אַ מין מטבע.

קהילות, וואָס קומען צו זיי האָבן דין־תורה׳ס, אָדער ווען זיי קומען וועגן דער סומע (וואָס זיי דאַרפן געבן). דער ראש־מדינה, דער תקיף וואָס נעמט מתנות פון די משולחים פון יעדער קהילה, שיקט אָפּשאַצער, וואָס שאַצן אָפּ יעדער קהילה באַזונדער וויפל זיי זאָלן צאָלן שטייערן; און ער זעט שוין, אַז זיי זאָלן מאַכן לייכטער דער דאָזיקער קהילה (וואָס האָט אים געגעבן געלט), און די משולחים, וואָס גיבן נישט קיין מתנות, שיקט דער תקיף אַזאַ אָפּשאַצער, וואָס זאָל באַשווערן מיט שטייער די דאָזיקע קהילה. און אַזאַ ועד וועט ניט אָנגערופן ׳קודש׳, נאָר ׳קדש׳ אָן אַ וא״ו, פון דעם לשון ׳לא תהיה קדש וקדשה׳, פון לשון זנות...

„און איך האָב געזען מיט מיינע אויגן אין אַן אַנדער געגנט וואָס איך בין דורכגעפאָרן, אַז אַ צאָל קהילות, וואָס זיינען געפאָרן צו דער פאַרזאַמלונג (פון ועד הגליל), כדי מען זאָל דאָרט אָפּשאַצן וויפל זיי דאַרפן געבן מלוכה־שטייער, האָט קהל געגעבן די שליחים אויף הוצאות און כך וכך ׳אדומים׳ (גאָלדענע רענדלעך), צו געבן מתנות דעם ראש המדינה, וועלכער איז אַ תקיף און ער האָט קרובים צווישן די אָפּשאַצער, ער זאָל צו זיי שיקן די דאָזיקע אָפּשאַצער, כדי זיי זאָלן פאַרקלענערן דעם סכום, וואָס זיי האָבן פאַראַיאָרן געגעבן. כאָטש איך האָב געזען גוטע רבנים און ראשי־מדינה, וואָס נעמען נישט קיין מתנות און שוחד, שרייב איך אָבער וועגן דעם רוב רבנים... דעריבער האָבן מיך די גוטע רבנים זייער ליב. אָבער די רבנים וואָס נעמען מתנות האָבן מיך פיינט, ווייל איך שטראָף זיי וועגן דעם...״

פון אַלע זיינע חיבורים, וואָס דער מחבר, דער שאַרפער מגיד און מוכיח, האָט געהאַט אין מאַנוסקריפּט, זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז צוויי קליינע ספרים, וואָס צוזאַמען האָבן זיי 75 דפים. און פון אַלע זיינע דרשות איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז איין דרשה. וואָס איז געשען מיט די אַנדערע חיבורים?

מען האָט נישט געוואָלט אַז ער זאָל זיי אָפּדרוקן, האָט מען זיי ביי אים צוגערויבט.

די מעשה איז אַזוי געווען:

אין די צייטן פון רש״ל [13], מיט אַ פיר דורות פאַרן מחבר, איז אַרויס אַ שם־רע וועגן אַן אָנגעזעענער יידישער משפחה. דער רש״ל האָט גע־פסקנט מתיר צו זיין די משפחה.

אין די צייטן פון ר׳ ברכיה בירך זיינען אייניקלעך פון דער דאָזיקער משפחה געווען פרנסים און אָנגעזעענע מענטשן. האָט מען געזאָגט, אַז ר׳ ברכיה בירך וויל פסלן די אָפּשטאַמער פון דער משפחה, כאָטש דער רש״ל האָט זיי מתיר געווען. אָבער דאָס איז נישט געווען ריכטיק. ר׳

13) ר׳ שלמה לוריא.

ברכיה בירך האָט געהאַלטן מיטן רש״ל. בלויז מיט איין זאַך איז ער מיט אים געווען מחולק. דער רש״ל האָט צווישן אַלע אַנדערע היתרים אויך מתיר געווען די משפחה, דערפאַר וואָס מסתמא איז דער שם־רע פאַלש, ווייל פון דער משפחה זיינען אַרויסגעקומען „מושלים בישראל״ (אָנפירער פון יידישן קהילה־לעבן). האָט אויף דעם געזאָגט דער מגיד ר׳ ברכיה בירך, אַז „דאָס איז קיין ראיה נישט, ווייל עס ווערט געבראַכט אין תוספות יום טוב, אין סוטה, אויף דער משנה ׳בני חורין׳, אַז בעיקבא משיחא (משיחס צייטן) וועלן שפלדיקע מענטשן און ממזרים זיין הערשער איבער יידן...״

אָבער בלויז דער קלאַנג, אַז דער מגיד ר׳ ברכיה בירך איז מחולק מיטן רש״ל, און אַז ער וויל פסלן די מיוחסדיקע משפחה, איז שוין גענוג געווען, אַז די רבנים זאָלן זיך מיט אים אָפּרעכענען פאַר אַלע צייטן. און ווען ער איז נאָכאַמאָל געפאָרן קיין דייטשלאַנד צו דרוקן זיין צווייט ספר, איז ער דורכגעפאָרן דאָס שטעטל שידלאָוו, אין פוילן, זיך צו זען מיטן דאָרטיקן רב, ר׳ יהודה לייב, וועלכער איז דערנאָך געווען רב אין קראָקע, כדי ער זאָל אים געבן אַ הסכמה אויף זיין ספר. זיינען אים דאָרט באַפאַלן גויים און יידן און האָבן פון אים צוגערויבט פיר חיבורים, וואָס זיינען געווען מער פון הונדערט בויגן (קונטרסים), וואָס זיי זיינען געווען 2,200 גרויסע בלעטער געשריבן אויף ביידע זייטן. זיי האָבן אים נישט געלאָזט אַרויספאָרן פון שטאָט און האָבן אים פשוט געוואָלט הרגענען, אָבער ביי־נאַכט, ווען די וועכטער זיינען איינגעשלאָפן, איז דער רב אַנטלאָפן קיין ראַקאָוו.

„און איצט״, שרייבט דער מגיד, „בין איך געבליבן ליידיק און אַלע מיינע חיבורים, וואָס איך האָב אויף זיי געאַרבעט מער פון 22 יאָר, זיינען צוגערויבט געוואָרן פון מיר...״

זיי האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז דערמיט אַליין. נאָר זיי האָבן אים אויך געמסרט פאַרן פּרנס פון ועד ארבע ארצות, וועלכער האָט אים פריער געהאַט געגעבן אַ דערלויבעניש צו מעגן דרשנען אין יעדער שטאָט, און דער פּרנס האָט גלייך געשריבן קיין יאַבראָוו, אַז מען זאָל אים דאָרט נישט לאָזן דרשנען...

און כאָטש דער מגיד האָט דערנאָך אויפגעוויזן דעם פּרנס, אַז ער איז נישט קעגן פּסק־דין פון רש״ל, האָט ער אָבער זיינע כתב־ידן נישט צוריקגעקראָגן...

און צו אַלע זיינע צרות איז צוגעקומען אַ נייע אומגליק. ווען ער איז געפאָרן קיין פראַנקפורט אַם אָדער, צו דרוקן זיין צווייט ספר, האָט אין ליסע, אַ ייד וואָס האָט אים באַגלייט, ביי אים צוגענומען זיין גאַנץ געלט, און ער האָט מער נישט געהאַט מיט וואָס צו דרוקן זיין ספר. אָבער דאָ

האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט ר׳ ישעיה בן יחיאל מיכל פון האַמבורג, און ער האָט אים געליגען זעקס הונדערט „פוילישע גולדן״, ער זאָל קענען דרוקן זיין ספר.

אָט אַזוי האָט געליטן אַ רב, אַ מגיד, וואָס האָט זיך דערלויבט צו שטראָפן די ראשי הקהל, די תקיפים און אַ טייל רבנים, פאַר זייער נישט־ערלעכקייט, אין די צייטן ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס חסידות...

***

אָט אין אַזאַ שפּלדיקן מצב האָבן זיך די יידן געפונען בעת דער אַנט־שטייאונג פון חסידות.

עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אויף די דאָרפס־יידן, ווייל די דאָרפס־יידן זיינען שטאַרק אונטערדריקט געוואָרן אי פון די פּריצים און אי פון די רייכע יידן.

די רייכע יידן האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די דערפער. די פּריצים האָבן זיך אויפגעפירט ווי מלכים; עס האָט זיי נישט געפּאַסט זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל, דאָס האָבן זיי איבערגעגעבן צו די „הויף־יידן״ און די „הויף־יידן״ האָבן אונטערדריקט דעם פּשוטן דאָרפס־ייד.

די יידישע גבירים האָבן אויך באַהערשט קהל מיט דער צושטימונג פון די פּריצים [14]).

די ראשי־קהל האָבן אויך גענומען שכירות פאַר זייער עוסקן זיך אין קהל־ענינים. „זיי גייען נישט קיין פיר איילן זיי זאָלן נישט נעמען דערפאַר באַצאָלט״, ווערט געבראַכט אין ספר „אור עולם״ [15]) („שכר עסקי בצרכי הקהילה נוטל בסתר כבגלוי בכל מיני תחבולות, חלילה לו ללכת ד׳ אַמות בלא נטילה״).

און נישט בלויז די ראשי הקהל זיינען זיך אַזוי נוהג, נאָר אויך די רבנים זיינען נישט בעסער — באַקלאָגט זיך דער בעל „זרע בירך״ [16]). אָט וואָס ער שרייבט: „אויך דער רב, וואָס גיט אַ סך געלט און קויפט זיך אַ רבנות, טראַכט זיך, אַז ער האָט געקויפט אַ שטאָט מיט שקלאַפן. דאָס געלט וואָס ער האָט געגעבן דעם שר, נעמט ער צוריק דורך מתנות, שכירות און שכר־דיינות, שוחד, און דערנאָך טראַכט ער, אַז ער נעמט דאָס צוריק פון פּראָצענט זיין גאַנץ לעבן״ („גם הרבנים שנותנים ממון רב וקונה עצמו רבנות, נחשב אצלם כאילו קונים עיר מלא עבדים, הקרן

14) שאלות ותשובות „נאות דשא״, פון ר״ש אייבשיץ, סימן כ״ו.
15) פון רי״ל מרגליות, געדרוקט אין פּראַג, 1783, אין דער צווייטער הקדמה.
16) אויף ברכות, דף כ״ט, עמוד ב׳.

שנתן לשר הוא מוציא תוך איזה שנים על־פי מתנות, שכירות, שכר־דיינות, שוחד, ואחר כך נחשב לרבית מה שנוטל כך שנה ושנה כל ימי חייו״).

און אין ספר „טהרת הקודש״ [17]) באַקלאָגט זיך דער מחבר, אַז עס הערשט נישט קיין ליבע צווישן יידישן פאָלק, נאָר „מאן דאלים גבר״ (ווער עס איז שטאַרקער דער הערשט).

אַן אַנדער מחבר פון יענער צייט באַקלאָגט זיך, אַז „עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז דער וואָס איז נישט קיין אויסנאַרער, דער ווערט באַטראַכט פאַר אַ „שוטה״; ווער עס זאָגט נישט קיין ליגן, איז נישט חשוב און ווער עס גזלט נישט, איז נישט קיין קלוגער״ [18]) („כל שאינו רמאי ומהפך הוא שוטה, וכל שאינו משקר ומכזב אינו חשוב, וכל שאינו גוזל אינו פיקח ואינו מצליח״).

דאָס אויפנעמען אַ רב אין שטאָט האָט געמוזט זיין מיט דער באַוויליקונג פון פּריץ. דער פּריץ האָט זיך דערפאַר געהייסן גוט באַצאָלן. דער רב האָט געגעבן כאַבאַר־געלט דעם פּריץ, אָבער ער האָט עס דערנאָך אויפגעמאָנט ביי די יידן. און די דרשנים באַקלאָגן זיך, אַז מען קויפט אַ רבנות פון שררות, דערנאָך שינדט מען אָפּ די הויט פון די יידן („קונים הרבנות מן השררות ואחרי כן רודים בהמון העם, מפשיטים עורם מעליהם״) [19]).

דער המון־עם האָט שטאַרק געחוזקט פון די רבנים און עס האָט זיך געשאַפן אַ ווערטל, אַז „רבי״ איז די ראשי־תיבות פון „ראשיה בשוחד ישפטו״ — די פּירער משפטן מיט כאַבאַר [20]).

אמת, מיר ווייסן אַז די סיבות פון דער גייסטיקער ירידה פון די יידן אין יענער צייט איז געווען צוליב די כסדרדיקע רדיפות אויף יידן אין די גזירות ת״ח ות״ט — 1648. די שחיטות פון די הײדאַמאַקעס אין פּאָדאָליע, מזרח־גאַליציע און אוקראַינע, דאָס אַריינדרינגען פון די טאַטאַרן און טערקן האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידן זיינען אַנטלאָפן פון די פריער־איינגעזעסענע מקומות; זיי האָבן זיך באַזעצט אין נייער ערטער. עס איז דעריבער פאַרשוואונדן געוואָרן דער אָנגענומענער סדר. געווען מנהיגים וואָס האָבן אַרויסגעגעבן תקנות וועגן „חזקה״, נישט אויסצודינגען ביי אַ צווייטן יידן די פאַכט אָדער אַ שענק. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

17) חלק א׳, זייט 22, און אין דער הקדמה, געדרוקט צום ערשטן מאָל אין אַמסטערדאַם, עס ווערט נישט אָנגעגעבן דער נאָמען פון מחבר. עס איז איבערגעדרוקט געוואָרן צום צווייטן מאָל אין זשאָלקעווע, אין יאָר תקס״ו — 1806.

18) „תקנתא דמשה״.

19) ר׳ יעקב עמדין: „ספר ההתאבקות״, זייט 11.

20) „תקנתא דמשה״, משקל טוב לחיים, סימן כ״ז.

דעמאָלט איז אויפגעקומען די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט פון איין זייט געפירט אַ קאַמף מיט די רייכע יידן, די תקיפים קהל־לייט, רבנים און לומדים, און פון דער אַנדערער זייט דערהויבן די דאָרפס־יידן און דעם המון־עם.

***

אָבער מען דאַרף נישט טראַכטן, אַז דאָס אַלץ האָט געטאָן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַליין. עס האָט געמוזט פריער זיין אַ באָדן, וואָס האָט צו־געגרייט דערצו, אַז די דאָזיקע חסידישע שיטה זאָל געדייען צווישן די יידישע מאַסן. קיין שום באַוועגונג קאָן נישט אַרויסוואַקסן פלוצלינג פון דער העלער הויט. עס האָבן געמוזט פריער זיין קעמערלעך, וואָס האָבן שוין געוואָרפן די געדאַנקען וואָס חסידות האָט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט. שטעלט זיך די פראַגע: זיינען טאַקע געווען חסידישע חברות פאַרן בעש״ט?

אין „שבחי הבעש״ט״ זיינען פאַראַן פאַרשידענע מעשיות, וואָס ווייזן אָן אויף דער עקזיסטענץ פון חסידישע חברות, וואָס זיינען געוואָרן אָנ־הענגער פון בעש״ט.

מיר זען אַז אַזעלכע חסידים־חברות זיינען געווען אין בראָד, קיטעוו און אין מעזשיבעזש [21]).

און נישט בלויז זיינען געווען חסידים־גרופעס פאַרן בעש״ט, נאָר די „כת חסידים״ זיינען געווען פאַקטיש די ערשטע, וואָס האָבן אָנגענומען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פאַרן מנהיג. אַזוי לייענען מיר אין „שבחי הבעש״ט״ [22]), אַז די „כת החסידים הגדולים״, וואָס זיינען געווען אין שטאָט (בראָד) האָבן אים אויפגענומען פאַר אַ „רב״ („כי כת החסידים הגדולים אשר היו בעיר... קבלו אותו לרב עליהם״).

מיר זעען פון ספר „שבחי הבעש״ט״, אַז דאָס גאַנצע התגלות פון בעש״ט איז פאַרבונדן מיט דער „כת החסידים״ פון פאַרן בעש״ט. עס קאָן זיין, אַז מיט דעם דאָזיקן סיפור פון „שבחי הבעש״ט״ האָט חסידות געהאַט אַ ספּעציעלע כוונה, צו ווען באַווייזן, אַז דאָס התגלות פון בעש״ט איז פאָרגעקומען דורך די וואָס די קעגנער פון חסידות מוזן מודה זיין אַז זיי זיינען „גדולי עולם בש״ס ובפוסקים ויראת שמים העוסקים תמיד בתורה ובמצוות מפורסמים בחסידות שיש להם יד ושם בסתרי הקבלה״ — אַז זיי זיינען גרויסע לערנער און קענען ש״ס און פוסקים און זיינען גרויסע יראי שמים און זיינען תמיד עוסק אין תורה און מצוות און זיינען מפורסמים אין חסידות און זיי קענען קבלה [23]).

21) „שבחי הבעש״ט״, זז. 21, 23, 28.
22) זייט 21.
23) פון כרוז פון בראָד קעגן די חסידים פון כ׳ סיון תקל״ב — 1772, „זמיר

אָבער מען מוז צוגעבן, אַז די „כת החסידים״ אין בראָד האָט אָנער־קענט דעם בעש״ט, ווען נישט, וואָלט אַזאַ לעגענדע נישט געקענט גע־שאַפן ווערן, וואָס זאָל זיין דער גאַנצער היפוך פון אמת.

***

מיר זעען אויך פון „שבחי הבעש״ט״, אַז ר׳ נחמן פון קאָסעוו, וועלכער איז פון אָנהויב געווען אַ קעגנער פון בעש״ט און דערנאָך צוגעשטאַנען צו אים, איז געווען שוין פון פריער אַן אָנפירער פון דער „חבריא קדישא״ אין מעזעריטש, וואָס דאָס האָט געמוזט זיין אַ קרייז פון מיסטיקער און חסידים נאָך איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן.

די אָנהענגער פון דער „חבריא קדישא״ זיינען גערודפט געוואָרן פון די מתנגדים, פונקט אַזוי ווי די ערשטע חסידים, די תלמידים פון בעש״ט.

אַזוי שרייבט ר׳ יעקב עמדין אויף ר׳ נחמן פון קאָסעוו, אַז ער איז „אַ גראָבער יונג און אַן עם־הארץ מכת שבתי־צבי״ („שהוא בור ועם הארץ מכת שבתי צבי״ [24]). דער פירער פון דער חבריא קדישא, ר׳ נחמן קאָסעווער, האָט געטייטשט, „אַל תפנו אל האובות״ — מיינט מען, אל האָבות, צו די עלטערן, מען זאָל נישט פרעגן פאַרוואָס איז דער דרך נישט געווען ביי אונדזערע עלטערן...

צו דער דאָזיקער חברה האָט אויך געהערט דער מקובל ר׳ חיים סאַנזער פון דער בראָדער קלויז און ר׳ גרשון קיטעווער, און זיי אַלע האָבן אָנערקענט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פאַר זייער מנהיג.

אָט די דאָזיקע תלמידים פון בעש״ט זיינען אָנגערופן געוואָרן „חסידים״ נאָך פאַרן בעש״ט. מירריידן נישט פון די דאָווענער אין דער בראָדער קלויז, וואָס אין כרוז קעגן חסידות ווערן זיי אָנגערופן „חסידים״, נאָר אויך וועגן ר׳ נחמן פון האָראָדענקע ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ „חסיד גדול״ — אַ גרויסער חסיד [25]).

און ווער זיינען געווען די מיטגלידער פון דער „חבריא קדישא״ און פון די „ערשטע חסידים״?

זיי האָבן געמוזט זיין די רעשטלעך פון ר׳ יהודה החסיד (וועלכער איז געפאָרן אין יאָר 1700 קיין ארץ־ישראל מיט זיינע תלמידים), וועלכע האָבן זיך שטאַרק מסגף געווען, און ר׳ נחמן פון האָראָדענקע איז טאַקע געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין די ערשטע יאָרן ווען דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן [26]). אויך ר׳ גרשון קיטיווער, דער שוואָגער פון בעש״ט,

עריצים״, דובנאָוו, „חסידיאַנאַ״, זייט 14.

24) „שבירת הלוחות״, זייט 57, „התאבקות״, י״א.

25) „שבחי הבעש״ט״, זייט 41.

26) דאָרט, זייט 46.

איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל. און לויט דער לעגענדע איז אויך ר׳ אליעזר פון אַמסטערדאַם, דער מחבר פון „מעשה רוקח״, געווען פון די „חסידים״ פון בראָד [27]).

מיר וואָלטן געדאַרפט אָננעמען, אַז אויך די צוויי תלמידים פון בעש״ט — ר׳ דוב בער, דער מגיד פון מעזעריטש, און ר׳ יעקב יוסף הכהן פון פולנאָה — האָבן געהערט צו דער „כת החסידים״ נאָך פאַר דער התגלות פון בעש״ט. אין „שבחי הבעש״ט ווערט אַפילו געבראַכט, אַז דער מגיד פון מעזעריטש איז פון אָנפאַנג געווען אַ קעגנער פון בעש״ט, אַז ער האָט זיך מסגף געווען און געהערט צו דער „חבריא קדישא״, נאָר ערשט דערנאָך האָט ער אָנערקענט דעם בעש״ט פאַר אַ מנהיג.

אָט די דאָזיקע „חבריות קדושות״ האָבן זיך געלעבט אָפּגעזונדערט. זיי האָבן געלערנט קבלה און בפרט זוהר. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וואָס מען האָט געהאַט פאַרבאָטן צו לערנען קבלה, האָט מען נאָר געמיינט פאַר אַ זמן קצוב, פאַר באַשטימטער צייט, אָבער אין זייער צייט מעג מען שוין לערנען קבלה [28]). און זיי האָבן געלערנט יעדן טאָג לכל הפחות דריי בלאַט זוהר און אין משך פון איין יאָר געמאַכט אַ סיום אויפן זוהר. דערצו האָט מען נאָך געלערנט „לשם עיון״ פאַרשידענע קבלה־ספרים [29]).

קבלה האָט מען געלערנט מיט אַ חבר און מיט אַ רבין, „מלמד־חבר״ און „מגיד־רבי״. די וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט, האָבן זיך געדונגען אַ „מלמד־חבר״ און די וואָס האָבן קיין געלט דערויף נישט געהאַט, האָבן געלערנט בחברותא. מען האָט אין יענער צייט מער געלערנט קבלה און ספרי מוסר ווי תלמוד. ר׳ חיים פון וואָלאָזשין באַקלאָגט זיך, אַז אין אַ שטאָט האָט ער געזען אין די בתי־מדרשים אַ סך ספרי־מוסר און דאָרט איז נישט געווען קיין איין ש״ס [30]). מען האָט געלערנט משניות און אַגדה, און אין יענער צייט זיינען געשאַפן געוואָרן „חברות משניות״, האַלט פּראָפּ. דינור. מען האָט אויך געפּראַוועט התבודדות, אָפּגעזונדערט זיך פון מענטשן.

און וואָס איז געווען דער ציל פון די „חסידים ראשונים״, אָדער פון די „הייליקע חברות״?

זייער הויפּט־ציל איז געווען צו ברענגען די גאולה, קומען צו גילוי אליהו, וואָס דאָס איז אַ הקדמה צו ביאת המשיח, ווי דער רמב״ם שרייבט [31]), און קומען צו רוח הקודש.

27) דאָרט.
28) ר׳ אברהם אַזולאַי אין דער הקדמה צו „לאור החמה״.
29) סידור „קול יעקב״, פון ר׳ יעקב קאָפּל.
30) „נפש חיים״, שער ד׳, פרק א׳.
31) הלכות מלכים.

אָט די דאָזיקע רעשטלעך פון די אָנהענגער פון רבי יהודה החסיד, די מיטגלידער פון די „הייליקע חברות" און די „חסידים הראשונים" זיינען געוואָרן אָנהענגער פון בעש"ט.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט מיט זיין גרויסער פערזענלעכקייט זיי אַלע צונויפגענומען און געמאַכט פון זיי איין בונד: חסידים.

קאַפּיטל יז

די ערשטע אַנהענגער פון בעל־שם־טוב

די עקאָנאָמישע אונטערדריקטע שיכטן זיינען געווען די ערשטע אַנהענגער פון בעש"ט. — די מגידים, מלמדים, שוחטים און חזנים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער חסידישער באַוועגונג. — דער בעש"ט און זיינע תלמידים האָבן עוסק געווען אין פדיון־שבויים. — די מנהיגים פון חסידות האָבן פאַרטיידיקט די פשוטע אידן.

די ערשטע אַנהענגער פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, זיינען געווען די עקאָנאָמיש־אונטערדריקטע שיכטן אין דער ידישער קהילה. זיי זיינען געווען: מגידים, מלמדים, שוחטים און חזנים.

מיר קענען דאָס זען פון די פאַרשידענע מעשיות וואָס ווערן וועגן זיי דערציילט אין „שבחי הבעש"ט", ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן חסידים.

אָבער נישט בלויז פון די חסידישע לעגענדעס קענען מיר דאָס אַרויס־לערנען, נאָר אויך פון דער אַנטי־חסידישער ליטעראַטור פון די מתנגדים.

אַזוי זעען מיר, אַז אין די תקנות פון לענטשאָוו, אַ שטעטל אין מזרח־גאַליציע, אויף דער גרענעץ פון וואָלין, ווערט דערמאָנט אַלס דער הויפּט־אָנפירער פון דער דאָרטיקער חסידישער באַוועגונג, איינער ר' לייב מלמד פון טאַרנאָפּאָל. אין די תקנות ווערט אויך אָנגעגעבן אַז די מלמדים זיינען אונטערן חשד, אַז זיי געהערן צו דער חסידישער באַוועגונג און אַז אויך דער „ש"ץ דקהלתנו" (שטאָט־חזן), וואָס די חסידים רופן אים מגיד, וואַרפט זיך נישט אונטער די באַפעלן פון די בעלי־בתים פון שטאָט, „ווי דער מנהג אין אַלע אַנדערע קהילות"...

אויך אין די תקנות פון שקלאָוו פון יאָר תקמ"ז (1787), ווערט אָנגע־געבן, אַז „מען טאָר די פּראָסטע און גראָבע לייט נישט אָנשטעלן פאַר מלמדים" [1].

אויך אין יוסף פּערלס „מגלה טמירין", וואָס ער האָט אים געשריבן אַזוי שפּעט ווי 1816, אָבער לויט דעם אינהאַלט האָט עס געדאַרפט זיין אַן אַלט־חסידישער כתב־יד, זיינען צווישן די חסידים פאַראַן אַ צאָל מלמדים און אָרעמע אַרענדאַרן.

1) דיינאַרד, „מפלגות בישראל", ניו־יאָרק תרנ"ט, זייט 21.

די ערשטע אָנהענגער פון חסידות האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די, וואָס זיינען געווען אין דער אָפּאָזיציע צו די קהילה־תקיפים.

אַזוי ווערט דערציילט אין אַ חסידישער לעגענדע, אַז דער בעש״ט האָט געהאָלפן דאָרפס־יידן מאַכן אַ מנין אין אַ דאָרף ראש־השנה און דער בעש״ט אַליין איז געווען דער בעל־תפילה, דערפאַר איז דער בעש״ט באַשטראָפט געוואָרן פון די ראשי־הקהל [2].

די תלמידים פון בעש״ט האָבן אויך עוסק געווען אין פדיון שבויים. אין דער חסידישער ליטעראַטור, אין די חסידישע מעשה־ביכלעך זיינען פאַראַן אַ סך מעשיות ווי אַזוי צדיקים זיינען אַרומגעפאָרן אויסלייזן דאָרפס־יידן, פאַכטערס, וואָס זיינען געזעסן אין תפיסה, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אָפּצאָלן די ראַטע דעם פּריץ [3]. אַמאָל טרעפט זיך, אַז דער פּריץ אַרעסטירט דעם פאַכטער מיט זיין גאַנצער משפחה פאַר נישט באַצאָלן די ראַטע און מען דאַרף זיי אויסלייזן [4].

דער בעש״ט איז אויך געווען באַזאָרגט וואָס געוויסע דאָרפס־יידן נאַרן אויס אין חשבון די גוים און דערפאַר איז אַ קיטרוג אין הימל. אַזוי ווערט דערציילט [5] אַ מעשה וועגן אַ „בן כפר אחד, שהוא לומד בקביעות ובעל צדקה, אלא שיושב בכפר זה כמה שנים ובכל שנה גזל את הנכרים שלו״... אַ דאָרפס־ייד, וואָס זיצט און לערנט און איז אַ בעל־צדקה, אָבער ער זיצט אינעם דאָרף עטלעכע יאָר און ער באַרויבט די גוים, איז דעריבער אויף אים אַ קיטרוג אין הימל.

דער בעש״ט האָט אויך אָפּגעזאָגט רבנים, שוחטים, דרשנים און שליחי ציבור, אויב זיי זיינען נישט געווען ראוי צו זייער אַמט. ער האָט אָבער אין זיינען געהאַט ביי זיי נישט צוצונעמען די פּרנסה, ווען ער האָט באַשטימט אַנדערע אויף זייערע ערטער, וועלכע זיינען געווען נאָענט צו זיין שיטה [6]. אָפטמאָל פלעגט דער בעש״ט אַליין דאָס טאָן [7]. און אַמאָל האָט ער געשיקט זיינס אַ תלמיד.

אַזוי דערציילט שלמה מימון [8] וועגן אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַלט געווען אַ 22 יאָר און ער איז אַרומגעפאָרן איבער פּוילן און פאַרשפּרייט דאָס חסידות און ווען ער איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער מבטל געווען אַלץ וואָס עס איז אים נישט געווען געפעלן און ער האָט איינגע־

2) „קהל חסידים החדש״, סימן כ׳. מער וועגן דעם אין „חסידות און לעבן״ פון מנשה אונגער.

3) „שבחי הבעש״ט״, זייטן 45, 46, 87; „קהל חסידים״, סימן ל״א, און אַנדערע.

4) „שבחי הבעש״ט״, זייט 4 און זייט 126.

5) דאָרט, זייט 109 און זייט 126.

6) דאָרט, ז. 22 און 82.

7) דאָרט, זייט 73.

8) „חיי שלמה מימון״, זייט 141, אין דער הערה.

פירט נייע תקנות, וואָס די מענטשן האָבן אָפּגעהיטן, און די עלטערע יידן וואָס האָבן געקענט מער לערנען פון אים האָבן פאַר אים געציטערט.

אויך יוסף פערל אין זיין אַנטי־חסידישער סאַטירע „מגלה טמירין", שילדערט ווי אַזוי די רבנים „ציטערן, נעבעך" פאַר די חסידים און אַז זיי מוזן זיך אונטערוואַרפן די חסידים, ווייל זיי האָבן מורא, אַז מ'וועט ביי זיי צונעמען די שטעלעס. ס'קאָן אָבער זיין אַז די שילדערונגען זיינען שוין פון אַ שפּעטערדיקער תקופה, ווען חסידות האָט שוין באמת געהאַט אַ מערהייט אין פאַרשידענע קהילות און זיי האָבן געוואָלט האָבן רבנים וואָס זאָלן זיין אָנהענגער פון דער חסידישער שיטה...

די מנהיגים פון חסידות האָבן אויך געשטיצט די אָרעמעלייט. אין אַ תקנה פון רבין ר' אַהרן פון קאַרלין, וואָס ער האָט איינגעפירט אין יאָר תקכ"ט (1769) אין נעשכיז, ווערט אָנגעוויזן אַז מען דאַרף שטיצן אָרעמע־לייט [9].

פון אַ צווייטן באַריכט [10]) זעען מיר, אַז דער מעזריטשער מגיד שטיצט די תקנה פון ר' אַהרן קאַרלינער נישט צו נעמען קיין „קאַראָבקע" (שטייער פאַר פלייש) פון שכר לימוד פון די מלמדים און אַז מ'זאָל נישט פאַרדינגען די קאַראָבקע, אויב די בעלי־בתים און אָרעמעלייט פון שטאָט וועלן דערויף נישט מסכים זיין.

דאָס באַווייזט, אַגב, אויך, אַז חסידות האָט געקעמפט פאַר דעם אַז אָרעמעלייט זאָלן זיך באַטייליקן אין קהילה־לעבן.

אין ספר „שבחי הבעש"ט" איז פאַראַן אַ קוואַל פון ידיעות וועגן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין דער צייט פון דער אַנטשטיי־אונג פון חסידות.ליידער האָבן די פאָרשער זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט דערויף. מען האָט באַטראַכט דעם „שבחי הבעש"ט" בלויז ווי אַ מעשה־ביכל מיט חסידישע לעגענדעס און מען האָט עס באַהאַנדלט אויף וויפל עס שפּיגלט אָפּ פאַרהערלעכונג פון חסידישע מנהגים. אָבער היינט ווייסט שוין יעדער פאָרשער, אַז אין יעדער לעגענדע איז פאַראַן אַ שמץ פון אמת, און אויב מען האָט נישט קיין אַנדערע מאַטעריאַלן (פאַרלעסלעכע קוואַלן, דאָקומענטן אָדער מעמואַרן) ווענדעט מען זיך צו דער לעגענדע און מען שעפּט פון איר היסטאָרישע ידיעות.

פּראָפ. בן־ציון דינור האָט אין זיין בוך „במפנה הדורות" [11]) געמאַכט אַן אויספאָרשונג וועגן דעם „שבחי הבעש"ט" פון היסטאָרישן שטאַנד־פּונקט. אָבער דאָס פעלד איז נאָך נישט גענוג באַאַרבעט געוואָרן און מען וואָלט נאָך געקענט אַ סך אויפטאָן אויף דעם דאָזיקע געביט.

9) זע דובנאָוו, „תולדות החסידות", זייט 478.

10) דאָרט, זייט 179.

11) „במפנה הדורות", מוסד ביאַליק, ירושלים 1955.

פון „שבחי הבעש״ט״ דערוויסן מיר זיך אויך, אַז די פאַרשפּרייטער פון חסידות, די תלמידים פון בעש״ט, האָבן געפירט אַ קאַמף מיט דער רעגירונג. ווי עס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ (זייט 38), אַז דער מגיד פון מעזריטש האָט געהייסן מיטנעמען מיט זיך דעם רב ר׳ מנחם מענדל, וועלכער האָט געקענט רעדן פּויליש, און ער האָט באַפוילן זיך גלייך לאָזן פירן צום שר...

און ווי אַזוי האָט חסידות באַהערשט די פּשוטע יידן?

דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך דריי וועגן:

א) חסידות האָט זיך אָנגענומען פאַר די כלי־קודש, ווי שוחטים, חזנים, מלמדים, וואָס האָבן געקראָגן ווייניק באַצאָלט פון דער קהילה.

ב) חסידות האָט אַריינגעפירט אין דער אָנפירונג פון דער קהילה אייגענע מענטשן, אייגענע רבנים, מלמדים און מגידים.

און ג) חסידות האָט געהאַלטן מיט די אָרעמע שיכטן אין שטאָט און מיט די פאַרלאָזענע דאָרפס־יידן, אין זייער קאַמף קעגן די תקיפים.

***

די חסידישע ליטעראַטור העלפט קעמפן די אָרעמע קעגן די רייכע, דעם עם־הארץ קעגן תלמיד־חכם און דעם פּראָסטאַק קעגן תקיף.

די מאָטיוון אין דער חסידישער ליטעראַטור זיינען: „אהבת שלום״, זיך דערווייטערן פון מחלוקת, זיין אַן עניו, אַנטלויפן פון גאווה, געבן צדקה און גמילות חסדים און זאָגן דעם אמת. וואָלטן די מאָטיוון אַליין דאָמינירט אין די חסידישע ספרים, וואָלט עס קיין שום חידוש נישט געווען, ווייל די זעלבע מאָטיוון קאָן מען געפינען אין די מוסר־ספרים. אָבער ווען מען באַקענט זיך מיט די ספרים פון די תלמידים פון בעש״ט, זעט מען אַז עס ווערן דאָרט אונטערגעשטראָכן די מידות וואָס דער תלמיד־חכם דאַרף אויסאַרבעטן און עס ווערט געשטעלט דער טראַפּ אויף די רבנים, וואָס פאַרכאַפּן די מאַכט און נוצן אויס די אָרעמעלייט, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אָפּגעוואוינען דערפון.

אַזוי ווערט געבראַכט אין חסידישן ספר „תולדות יעקב יוסף״ פון ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאה, וועלכער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון בעש״ט [12]), וועגן דעם, ווי אַזוי דער תלמיד חכם באַציט זיך שלעכט צום פּשוטן אידן און ער רעדט וועגן די רבנים, וואָס פאַרכאַפּן די מאַכט פאַר זיך אַליין [13]). דער בעל התולדות רעדט אויך וועגן די תלמידי־חכמים,

12) דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1781, אָבער עס איז אַן ספק פריער געשריבן געוואָרן, און געוויסע טיילן, מסתמא, אין דער צייט פון בעש״ט. עס ווערן אין אַ תורה אַפילו דערמאָנט די הריגות פון די היידאַמאַקעס פון יאָר תקי״א, 1743.

13) „תולדות יעקב יוסף״, פרשת שופטים.

וואָס זיינען זיך מבזה אין די אויגן פון די פאָלקס־מענטשן[14]). ער רעדט אויך וועגן דעם, ווי די אָרעמע מענטשן פילן מער דעם עול הגלות ווי די תלמידי חכמים. „יש שני סוגי אנשים בזמן הגלות, שבורי הגלות, מחמת עול המסים וארנוניות וכיוצא, וסוג ב׳ הם תלמידי חכמים הפטורים מהם" (עס זיינען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן אין אונדזער צייט, צעבראָכענע פון גלות, די וואָס לײַדן אין גלות פון די שטייערן און אָפּ־צאָלונגען א. אַ. וו. און די תלמידי־חכמים, וואָס זיינען פּטור פון דעם אַלעם)[15]).

דער בעל „תולדות יעקב יוסף" רעדט אויך אין זיין ספר וועגן דעם, וואָס עס איז פאַראַן אַ גרויסער ריס צווישן די תלמידי־חכמים און המון־עם. „התלמיד חכם עם המוני עם, הם שני קצוות רחוקות, ואין להם התחברות כלל" (פרשת בראשית — דער תלמיד־חכם מיט דעם המון־עם זיינען אַזויווי צוויי ווייטע עקן, וואָס עס איז קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיי נישט פאַראַן)[16]).

ער רופט אָן די תלמידי־חכמים „גסי רוח" (בראשית), און פאַרלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן מער אין זיינען האָבן דאָס פאָלק (משפטים), און ער ווענדעט זיך צום צדיק, ער זאָל זיך מתחבר זיין מיט דעם המון־עם (פרשת לך לך). און אַפילו מיט די רשעים דאַרף מען זיך מתחבר זיין, האַלט דער בעל התולדות. בלויז ווען מען טיילט זיי אָפּ פון דער מחנה ווערן זיי „רע לשמים ורע לבריות", אַזוי ווי מיר זעען ביי קרח׳ן, אַז ער האָט געלייקנט אין משהס נבואה, אָבער דאָך איז ער באַשטראָפט געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער ידישער מחנה (פרשת נצבים). מיט רעכט זאָגט פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו, אַז דער בעל התולדות האָט גערופן די יידישע פאָלקס־מאַסן צו רעוואָלט און אַז אין „תולדות יעקב יוסף" איז פאַראַן אַ רעוואָלוציאָנערער טאָן קעגן די פריערדיקע מנהיגים[17]).

אינעם גאַנצן ספר „תולדות יעקב יוסף" גייט דורך איין מאָטיוו, אַז מען דאַרף זיך חברן מיטן פאָלק, אים העלפן, פאַרשטיין זיין מצב, און די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן. אַזוי ווי „עס האָט רעכט געהאַט די פרוי פון מעזשיבעזש, וואָס האָט געזאָגט אויף רוסיש: ׳מיר האָבן אויסגעקליבן אַ גוטן גאָט, אָבער אויך גאָט האָט אויסגעקליבן אַ גוט פאָלק, וויל פּייוויש, וואָס איז אַ קל, הייליקט גאָטס נאָמען׳" (פרשת אמור)[18]).

14) דאָרט, פרשת דברים.

15) דאָרט.

16) זע אויך פרשת נח, שמות און קדושים.

17) דובנאָוו, „תולדות החסידות", זייט 140.

18) „צדקה אותה אשה מק"ק מעזביז, שאמרה בלשון רוסיא: יפה בחרנו את אלוקינו, אבל גם השי"ת יפה בחר בישראל, שהרי פייביש איש קל, מקדש השי"ת".

באַקאַנט איז אויך די תורה פון בעל התולדות: „שועלים קטנים, שהם רבנים העומדים בשביל כסף והם קטנים ונערים״ (פרשת בא) — די קליינע פוקסן מיינט מען די רבנים, וואָס האָבן אין זינען געלט און זייַנען קליינע מענטשן.

דער בעל התולדות פאַרשטייט אויך, אַז צוליב דחקות אין פּרנסה קומט צו שנאת חינם. ווי ער זאָגט אין אַ תורה: „מיעוט פּרנסה גורם לשנאת חינם. כל תלמיד חכם שונא את חברו התלמיד חכם, מפני שסובר שהוא מקפח את פרנסתו״ (פרשת בא) — דאָס האָבן ווייניק פּרנסה ברענגט צו שנאת חינם. יעדער תלמיד־חכם האָט פיינט זיין חבר, ווייל ער מיינט, אַז יענער נעמט ביים אים צו די פּרנסה. פאַראַן אַ סוג תלמידי־חכמים, זאָגט דער בעל התולדות אין אַ תורה (פרשת בשלח), וואָס זיי זייַנען „חכמים להרע״, חכמים שלעכטס צו טאָן, און אַז דער תלמיד־חכם וואָס איז נישט קיין ירא שמים האָט פיינט דעם תלמיד־חכם וואָס איז אַ גאָט־פאַרכטיקער[19]).

אויך וועגן דער מצוה פון געבן צדקה האָבן די תלמידים פון בעש״ט אַרויסגעזאָגט געוואָגטע געדאַנקען.

אַזוי ווערט געבראַכט אין אַ תורה אין חסידישן ספר „אמתחת בנימין״ (דף י׳), אַז: „כלל גדול הוא, הממון שגזלו מהעשירים הוא המעות של העניים בעצמם, והם הבעלים של הממון״ — עס איז אַ גרויסער כלל, אַז דאָס געלט וואָס מען גזלט צו פון די עשירים, איז עס דאָס געלט פון די אָרעמעלייט אַליין, און צו זיי געהערט דאָס געלט.

אויך אין ספר „אור המאיר״ ווערט געבראַכט, אַז אַ איד דאַרף נישט אויסגעבן קיין איבעריק געלט, ווייל דאָס געלט נעמט מען צו פון די אָרעמעלייט [20]).

אָט מיט די דאָזיקע תורה׳ס, וואָס עס האָבן געזאָגט די תלמידים פון בעש״ט, און וואָס זיי האָבן די גרונד־שיטה איבערגענומען פון בעש״ט אַליין, מיט פאַרטיידיקן דעם אָרעמאַן און שטראָפן די תלמידי־חכמים, איז חסידות געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג. חסידות האָט געעפנט שפּרודל־דיקע קוואַלן אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. און די חסידישע באַוועגונג האָט דעריבער בעת איר אַנטשטייאונג, געצונדן די הערצער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

19) „ת״ח שאינן יראי שמים השונאים לת״ח יראי אלוקים״ — פרשה וישב.
20) „אור המאיר״, דרוש לראש השנה.

קאַפּיטל יח

דער בעש"ט האָט פאַרוואַנדלט חסידות אין אַ פאָלקס־באַוועגונג

די מקובלים וואָס האָבן געהאַלטן אַז דורך פאַסטן און סגיפים וועט מען ברענגען די גאולה. — ווי דער בעש"ט האָט פאַרשפּרייט זיין נייע שיטה צווישן פאָלק.

די גרויסע קאַטאַסטראָפעס וואָס האָבן געטראָפן דאָס יידישע פאָלק אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון חסידות, די בגידה פון שבתי־צבי מיט זיינע אַנהענגער, דער אונטערגאַנג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן און די שחיטות אויף יידן אין די פאַרשידענע קהילות אין אוק־ראַינע, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער חסידישער באַוועגונג.

אָט ווי אַ ייד פון יענער צייט, ר' מרדכי בן שמואל פון ווילנע, באַ־קלאָגט זיך אין זיין ספר „שער המלך" וועגן די אומגליקן אויף יידן[1]. עס איז איצט אַ צייט, שרייבט ער, ווען „הכל שוחטין ולעולם שוחטין, ובכל המיתות דמינו נשפך" (אַלע שעכטן, און כסדר שעכט מען, און מיט פאַר־שידענע מיתות ווערט אונדזער בלוט פאַרגאָסן).

אַן אַנדער מחבר פון יענער צייט, ר' יחיאל מיכל פון קאַלוואַריע, שרייבט אין זיין ספר „דרך המלך", אַז: מיר יידן זיינען ערגער פון בהמות, „שהרי בהמה כשהיא מגיעה למקום שנשחטה חברתה ורואה דמה, היא צועקת ומיללת, והרי אנו עינינו רואות וכלות בכל יום ויום בני ישראל אשר דמם נשפך כדם פרים... ואין לנו שמים על לב כלל" (וואָרים אַ בהמה, ווען זי קומט צו דעם אָרט, וואו איר חברטע ווערט געשאָכטן און זי דערזעט איר בלוט, הויבט זי אָן צו שרייען און יאָמערן, און מיר — אונדזערע אויגן זעען ווי יידיש בלוט ווערט פאַרגאָסן יעדן טאָג און מיר לייגן גאָרנישט קיין אַכט דערויף).

די צרות זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'איז נישט אַנדערש, נאָר עס זיינען געקומען משיחס צייטן; אַז די

1) חלק ב' שער ד'. כאָטש דאָס דאָזיקע ספר איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1777, איז עס געשריבן געוואָרן מיט אַ סך יאָרן פריער.

אַלע ליידן זיינען אַתחלתא דגאולה. ווי מיר לייענען אין דעם פריער־דערמאָנטן ספר „שער המלך״ [2]: „כל מי שעיניו בראשו יראה, כי קרוב יום ה׳ לפקוד את עמו״ (ווער עס האָט אויגן אין קאָפּ, דער זעט, אַז נאָענט איז דער טאָג, ווען גאָט וועט אויסלייזן זיין פאָלק).

געווען מגידים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ווייל עס דערנענטערט זיך די גאולה, דאַרף מען פריער תשובה־טאָן און ווייל מען טוט נישט קיין תשובה, דעריבער מערן זיך אַזויפיל אומגליקן, ווי עס ווערט געבראַכט אין ספר „בית פרץ״ [3]: כל זמן דהוא עת וקץ ולא עושים תשובה, איתהפך להריגת דם צדיקים״ (יעדע צייט, ווען עס דאַרף קומען די גאולה און מען טוט נישט תשובה, ווערט דאָס איבערגעקערט און עס ווערן גע׳הרגעט צדיקים). מען האָט אויך געהאַלטן, אַז די אומגליקן פון גזירת ת״ח זיינען אַן אָנדייט אויף דער גאולה, ווי „חמיל״ (כמעלניצקי) מאַכט: „חבלי משיח יבוא לך״ (עס וועט קומען די חבלי משיח. — דאָרט).

עס זיינען דאָך אָבער געווען יידן, וואָס האָבן יאָ תשובה געטאָן, איז פאַרוואָס זיינען מיר נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון אומגליק? איז דער ענטפער דערויף געגעבן געוואָרן, אַז מען האָט נישט געוואוסט אויף וועלכער עבירה מען זאָל תשובה־טאָן. „עס איז פונקט אַזוי״, שרייבט דער „לב שמחה״ [4] „ווי עס זאָל עמעצן ווי טאָן די אויגן און מען לייגט אים צו קאָמפּרעסן צו די אויערן״. דעריבער האָט דער מחבר געטייטשט דעם פסוק „השיבנו ה׳ אליך״ — לאָמיר הערן דיין קול, זאָג אונדז צוליב וועלכער עבירה עס קומען אויף אונדז די אַלע צרות, „ונשובה״, וועלן מיר ויסן ווי אַזוי תשובה צו טאָן...

און צוליב דעם, וואָס מען האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי תשובה צו טאָן, האַלט פּראָפ. בן־ציון דינור [5] האָבן זיך געשאַפן „חברות חסידים״ נאָך איידער די חסידישע באַוועגונג איז אויפגעקומען.

די חסידישע שיטה האָט אָבער אויסגעברייטערט איר קרייז. פון גרופּקעלעך מקובלים איז געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג. חסידות האָט אַריינגענומען דעם דאָרפס־יידן און דעם שטאָטישן פאָלקס־מענטש.

די הויפּט־פילאָזאָפיע פון חסידות איז געווען: „לית אתר פנוי מיניה״ — אומעטום איז גאָט.

דער דאָזיקער מאַמר פון זהר איז געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו פון חסידות. ממילא דאַרף מען נישט זיין אונטערגעוואָרפן די יידישע שטאָט־בעלי־בתים. מען מוז נישט קומען אויף די ימים־נוראים דאַוונען דווקא

2) חלק ב׳, דף ד׳.
3) דרוש לכ׳ סיון, יום צום לגזירת נעמעראָוו, שנת ת״ח.
4) אין שער תשובה.
5) אין זיין בוך „במפנה הדורות״, זייטן 83, 227.

אין שטאָט אַריין. מען קען אויך דאַוונען אין דאָרף, ווייל גאָט איז אומעטום...

אויך האָט חסידות געענדערט דעם אופן וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן. די קבלת האר״י [6]) האָט געשאַפן די טעאָריע פון „עולם התיקון". מען דאַרף מתקן זיין די נשמות.

די דאָזיקע לערע האָט געבראַכט צו דער אמונה פון גלגולים, ווייל כל־זמן אַ נשמה האָט נישט געקראָגן איר תיקון אויף דער וועלט, מוז זי נאָכאַמאָל געבוירן ווערן און זוכן איר תיקון. און ווען אַלע נשמות וועלן באַקומען אַ תיקון און עס וועט אָפּגעשיידט ווערן דאָס גוטע פון שלעכטן, דעמאָלט וועט קומען משיח: „כאשר נגמרו כולן (אַלע נשמות) להתקן ונסתלק הטוב מן הרע, יבוא משיח" [7]).

אָבער וויאַזוי זאָל מען מתקן זיין די נשמות?

האָבן די מקובלים געענטפערט: דורך סיגופים, מיט פאַסטן און זיך פייניקן. דאָס האָט געבראַכט צו אַסקעטיזם. די דאָזיקע לערע איז אויך אַריבער קיין פוילן און זיך פאַרשפּרייט צווישן די „חברות חסידים", וואָס האָבן זיך געשאַפן פאַר דער אַנטשטייאונג פון חסידות.

ערשט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געענדערט די דאָזיקע לערע און האָט געזאָגט, אַז אַנשטאָט סיגופים דאַרף זיין שמחה; אַז דורך שמחה קאָן מען קומען צו די זעלבע מדרגות און אפשר צו גרעסערע ווי דורך סיגופים. דערמיט האָט חסידות צוגעצויגן דעם פּשוטן מענטשן און דעם עם־האָרץ.

צום בולטסטן ווערט דעם בעש״ט׳ס שיטה אַרויסגעבראַכט אין זיין פּירוש אויפן פּסוק אין משלי (קאַפּיטל ג׳, פּסוק ו׳): „בכל דרכיך דעהו" (אין אַלע דיינע וועגן טו אים דערקענען), אַז „דעהו" איז פון לשון חבור — „צו באַהעפטן צוזאַמען אַלע דיינע מעשים אַפילו אין די גשמיותדיקע זאַכן, וואָס דער מענטש טוט, זאָל עס זיין לשם שמים" (צוואת הריב״ש, דרוק עדעלין, תרצ״ד (1933), זייט 24).

דאָס איז געווען דער יסוד פון בעש״ט׳ס שיטה, צו קענען דינען דעם בורא מיט אַלע מעשים, וואָס „דער מענטש טוט: ווי מיט עסן און טרינקען און משא ומתן"...

ד״ר רפאל מאהלער אין זיין בוך: „דברי ימי ישראל דורות אחרונים", ספר שלישי, פאַרלאַג ספרית פועלים מרחביה, 1955, ברענגט, אויף זייט 198, אַז דער מגיד ר׳ בנימין פון זאַלאָזיטש, האָט צוגעגעבן צו דעם

6) ר׳ יצחק לוריא, געבוירן אין יאָר 1534, געלעבט אין צפת, נפטר געוואָרן אין יאָר 1572.

7) ר׳ חיים וויטאַל, „ספר הגלגולים", פּרק א׳ ב׳.

8) „בן פורת יוסף".

פירוש אויך מלאכה, דאָס מיינט, אַז אויך מיט טאָן מלאכות קען מען דינען דעם בורא.

די מקובלים האָבן אָבער געטייטשט דעם פסוק פונקט פאַרקערט, אַז אין צרכי הגוף זאָל מען וויסן נהנה צו זיין נאָר וואָס מען מוז כדי צו דערהאַלטן די נשמה. (זע: „מגיד מישרים״, ווילנע, תר״ם — 1880, זייט 102. לויט דער מסורה איז דער „מגיד מישרים״ פון דעם פוסק און מקובל ר׳ יוסף קארו, אָבער דאָס איז אָפּגעפרעגט געוואָרן פון פאַרשידענע פאָר־שער. זע: „הרב יוסף קארו וזמנו״ פון הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד, ניו־יאָרק, 1953, זייטן 184—233. דאָס ספר „מגיד מישרים״ איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין לובלין, אין יאָר 1646).

די קבלה פון אר״י האָט דערווייטערט גאָט פון די מענטשן און דאָס חסידות פון בעש״ט האָט אַראָפּגעבראַכט גאָט צו די מענטשן.

נישטאָ קיין מחיצה צווישן שלעכטס און גוטס, לערנט חסידות. „הרע הוא כסא לטוב, אין רע בהחלט״ (דאָס שלעכטע איז אַ בענקל צום גוטן, ס׳איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע שלעכטס) [8].

„בתוך שקר יש אמת״ — אין דעם שקר איז פאַראַן דער אמת, ווערט געבראַכט אין „כתר שם טוב״ אין נאָמען פון בעש״ט.

און כאָטש גאָט איז אומעטום, זעען מיר אָבער נישט די „התפשטות האלקות״ (די אויסשפרייטונג פון גאָט). דאָס איז פונקט אַזוי ווי עס זאָל זיין אַ זאַל, וואו מען שפילט און מען טאַנצט, קומט אַריין אַ טויב־שטומער, פאַרשטייט ער נישט פאַרוואָס מען טאַנצט, ווייל ער הערט נישט דאָס שפילן [9].

עס שטייט: „דע מה למעלה ממך״ (וויס וואָס עס איז אויבן איבער דיר), האָט חסידות געטייטשט: „דע״ — וויס, „מה למעלה״ — וואָס עס איז אויבן, „ממך״ — קומט פון דיר [10].

אָדער „ה׳ צלך״ (גאָט איז דיין שאָטן): פונקט אַזוי ווי דער שאָטן טוט וואָס דער מענטש טוט, אַזוי איז אויך מיט גאָט [11].

און דער עיקר איז דאָס, אַז די עבודה פון אַ יידן דאַרף זיין מיט שמחה.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״: „אַפילו נכשל בעבירה, לא יכבה בעצבות, רק שיעצב על העבירה ויחזור לשמוח להבורא״ (אַפילו ווען דער מענטש איז געשטרויכלט געוואָרן און האָט געטאָן אַן עבירה, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין עצבות, נאָר ער זאָל חרטה האָבן אויף דער עבירה און ער זאָל ווידער דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה).

אָדער „טוב יותר לעבוד השי״ת בשמחה בלי סיגופים, כי גורמים

9) „דגל מחנה אפרים״, פרשת יתרו.

10) „אור תורה״, פרשת תצא.

11) „קדושת לוי״.

עצבות״ (עס איז בעסער צו דינען דעם אויבערשטן אָן סיגופים, ווייל זיי זיינען גורם צו עצבות) [12].

דעריבער האָט חסידות זיך אָנגעלענט אויף דעם פשוטן יידן און אויף דעם דאָרפס־יידן, עם־הארץ, בעל־מלאָכה און פּראָסטאַק.

***

די חסידישע באַוועגונג איז אויך צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע אין די קהילות.

מיר קאָנען דאָס אַרויסלערנען פון די ערשטע לעגענדעס פון חסידות, וואָס ווערן געבראַכט אין די ערשטע חסידישע מעשה־ביכלעך: „שבחי הבעש״ט״, „קהל חסידים״ און „עדת צדיקים״.

די סביבה וואָס ווערט געשילדערט אין די לעגענדעס, שפּיגלט אָפּ דעם לעבנס־שטייגער פון די יידן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט [13].

אַפילו אַזאַ מימרא פון בעש״ט, וואָס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט [14]), אַז „כל אדם צריך להיות תפוס איזו פעם״ (יעדער מענטש דאַרף כאָטש איינמאָל האָבן געזעסן אין תפיסה), ווייזט אָן אויף יענע מאוימדיקע צייטן [15]).

די ערשטע חסידישע מעשיות זיינען געווען וועגן דאָרפס־יידן, פּאַכטערס און אָרעמע בעלי־מלאָכות [16]). אויך וועגן יידן וואָס זיצן אין תפיסה און מען דאַרף זיי אויסלייזן, און רייכע יידן, וואָס נעמען צו די חזקה פון די יידישע פּאַכטערס. דערפון קאָן מען זען, אַז די ערשטע חסידים זיינען געווען די אונטערדריקטע שיכטן פון יידישן פאָלק און אַז חסידות האָט וועגן זיי דערציילט מעשיות.

אין די חסידישע ספרים פון די ערשטע תלמידים פון בעש״ט געפינען מיר אויך תורה׳ס, וואָס באַווייזן ווי די מנהיגים פון חסידות זיינען געווען קעגן די יידישע תקיפים, און אויך קעגן די רבנים, וואָס האַלטן מיט די ראשי־הקהל, און נוצן אויס די דאָרפס־יידן. אַזוי ווערט געבראַכט אין

12) „צוואת הריב״ש״.

13) חסידות האָט שטאַרק געהאַלטן פון דערציילן מעשיות און עס איז אַפילו פאַראַן אַ מעשה אין „שבחי הבעש״ט״, אַז ר׳ יעקב, דער משרת פון בעש״ט, האָט זיך מפרנס געווען דערפון, וואָס ער האָט דערציילט מעשיות פון בעש״ט.

14) זייט 90.

15) זע: האַלמשטאָק, „יידישער לעבנס־שטייגער אין דעם 18טן יאָרהונדערט״, ווייס־רוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, יידישער סעקטאָר, „צייטשריפט״, באַנד 4, זייטן 85־120.

16) מער וועגן דעם אין מיין בוך „חסידות און לעבן״.

„תולדות יעקב יוסף״ [17]), אַז אַמאָל פלעגן די רבנים אַרומפאָרן חנוכה־צייט איבער די דערפער, כדי מעורר צו זיין די ישובניקעס זיי זאָלן תשובה־טאָן און זיי אַרויפצופירן אויפן דרך הישר. זיי האָבן דערפאַר נישט גע־נומען קיין געלט, אָבער היינט פאָרן זיי אַרום אין די דערפער נאָר כדי צו קלייבן נדבות, און דערנאָך איז עס געוואָרן אַ חוק. מען נעמט ביי די אָרעמע דאָרפס־יידן מיט געוואַלט...

און ווי אַזוי ווערט געשילדערט דער סאָציאַלער אונטערשיד צווישן די יידן אין דער חסידישער לעגענדע?

פראָפ. בן־ציון דינור האָט וועגן דעם געמאַכט אַ זייער אינטערעסאַנטע אויספאָרשונג אינעם ספר „שבחי הבעש״ט״, און ער גיט איבער, אַז אין די חסידישע מעשיות דאָרט ווערט געשילדערט דער יידישער עושר, אַז ער איז אַ „כל ולך״ אין דער שול [18]), אַז מען וואַרט אויף די יידישע גבירים ביי קבלת שבת אין שול, זיי זאָלן קומען פון דער פעסטונג (פון פריץ).

די רייכע פאַכטערס לעבן גוט מיט די פריצים און די פריצים העלפן זיי. אָבער נישט אַזוי זיינען זיך די פריצים נוהג מיט די אָרעמע פאַכ־טערס [19]).

די גרויסע יידישע סוחרים פאַרלאָזן זייערע מסחרים און נעמען זיך צו פאַכטעריי [20]), ווי עס הייסן זיי דאָס טאָן די פריצים, און אַז זיי דינגען אויס די פאַכט פון די אָרעמע פאַכטערס [21]).

אין דער חסידישער לעגענדע ווערט אַרויסגעהויבן דער דאָרפס־ייד, און דער בעש״ט אַליין ווערט געשילדערט אין דער לעגענדע, אַז ער שטאַמט פון אָרעמען פאָלק, אַז דעם בעש״טס פאָטער און מוטער זיינען פליטים פון געפאַנגענע [22]), אַז זיין מוטער איז פאַר אָרעמקייט געווען אַ הייבאַם און דער בעש״ט אַליין גייט דורך אין דער חסידישער לעגענדע אַלע נידעריקע שטאַפלען פון דער יידישער געזעלשאַפט אין יענער צייט: ער ווערט יונגערהייט אַ יתום; ער איז אַ באַהעלפער, אַ שמש אין אַ בית־המדרש, אַ משרת, אַ מלמד, אַ שוחט ובודק אין אַ דאָרף, אַן אָרעמער פאַכטער אין דאָרף, אַ פירער פון ליים אויף אַ וועגעלע און פאַרשידענע אַנדערע פאַזן פון דער אונטערדריקטער געזעלשאַפט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ טייל שילדערונגען וועגן לעבן פון בעש״ט זיינען

17) זייט 172.
18) „שבחי הבעש״ט״, זייט 110.
19) דאָרט, זייטן 87, 89 און 90.
20) דאָרט, זייט 108.
21) דאָרט, זייט 115.
22) דאָרט, זייט 11.

גענומען געוואָרן פון אים אַליין, פון זיין אייגענער משפחה און קרובים. אָבער אין דער לעגענדע איז זיכער פאַראַן אַ קאָלעקטיווע שילדערונג פונעם מצב פון די יידן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער חסידישער באַוועגונג.

און ווער זיינען געווען די תלמידים פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב?

די תלמידים פון בעש״ט, די שפּעטערדיקע מנהיגים פון חסידות זיינען על־פּי־רוב מגידים און אַ טייל רבנים, אָבער פון די רבנים זיינען גאָר ווייניק פון זיי געוואָרן פירער פון דער באַוועגונג.

אַזוי זעען מיר, אַז דער הויפּט־פירער פון דער חסידישער באַוועגונג נאָכן בעש״ט, ר׳ דוב בער פון מעזריטש, איז פריער געווען אַ מלמד[23]; ר׳ דוד פאָרקעס איז געווען פריער אַ מגיד און שוחט[24]; ר׳ יצחק פון דראָהאָביטש איז געווען אַ מגיד[25]; ר׳ מענדעלע איז געווען אַ מגיד אין באַרי; ר׳ אַברהם פּאַדאָלסקער איז געווען אַ מגיד[26]; דער תלמיד פון בעש״ט, ר׳ יוסף, איז אָנגערופן ר׳ יוסף מוכיח; מגידים זיינען אויך געווען ר׳ משה פון ראַשקאָוו און ר׳ יואל פון נעמעראָוו. דער תלמיד ר׳ יעקב יוסף איז געווען רב אין ווישאָגראָד, איידער ער האָט דערקענט דעם בעש״ט.

בלויז איינער פון די תלמידים פון בעש״ט איז געווען רייך, און דאָס איז געווען ר׳ נחמן קאָסאָווער. ער האָט געהאַלטן אַ דאָרף[27]. אָבער דאָס איז געווען אַן אויסנאַם.

דאָס רוב חסידים זיינען געווען דאָרפס־יידן, וואָס דער בעש״ט דערציילט זיי מעשיות[28]. זיי קומען צו אים און ער קומט צו זיי.

ערשט דערנאָך, ווען די חסידישע באַוועגונג האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען אין יידישן לעבן, קומען צו די רייכערע פאַקטערס[29])

(23) „זכרון כהונה״.
(24) „שבחי הבעש״ט״, זייט 63.
(25) „קהל חסידים החדש״, זייט 52.
(26) דאָרט.
(27) „שבחי הבעש״ט״, זייט 40.
(28) דאָרט, זייט 88.
(29) דאָרט, זייט 87.

קאַפּיטל יט

אַ מתנגד טרעט אַרויס קעגן בעל־שם־טוב

דער קאַמף פון די מתנגדים קעגן חסידים. — ווי ר׳ דוד מאַקאָווער שילדערט דעם בעש״ט. — וואָס ער שרייבט וועגן די מנהיגים פון חסידות. — דורך דער אַנטי־חסידישער ליטעראַטור קאָנען מיר בעסער פאַרשטיין דעם מהות פון חסידות.

אין דעם קאַמף וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן חסידים, ווערן תמיד אַרויסגעבראַכט די חרמות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן קעגן די חסידים, און די מסירות וואָס געוויסע מתנגדים, דערנאָך אויך די משכילים, האָבן געמאַכט אויף די מנהיגים פון חסידים.

אָבער די מתנגדים האָבן דאָך געהאַט אַ סיבה, וואָס האָט זיי געפירט דאָס צו טאָן — צו לייגן די חסידים אין חרם אַריין.

וואָס זיינען געווען זייערע טענות? ווארים אַמאָל קען מען דורך די טענות פון די מתנגדים בעסער פאַרשטיין דעם מהות פון חסידות און דעם בייעם דרך וואָס חסידות האָט געשאַפן אין יידישן לעבן.

איינער פון די הויפט־קעגנער פון חסידות איז געווען ר׳ דוד פון מאַקאָוו, לעבן לאָמזשע, פוילן, וועלכער איז געווען מו״ץ אין שטאָט. ער איז געווען באַקאַנט אַלס „מגיד פון מאַקאָוו״. ער איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון ווילנער גאון און ער האָט מחבר געווען 21 חיבורים, ס׳רוב קעגן חסידות. ער האָט געהאַט אַ שאַרפע פען און אַ פּאָמפּלעטישע שפּראַך אין אַנגרייפן די חסידים. ער האָט ליב געהאַט וואָרט־שפּילן, ווי אָנרופן די חסידישע רבנים — „רע־בנים״; אויפן רבין ר׳ בער פון מעזעריטש האָט ער געשריבן „איש בער לא ידע״ (די חסידים זיינען אויך ניט אָפּגע־שטאַנען און האָבן זיין ספר קעגן די חסידים „זמיר עריצים״ גערופן: „ממזר עריצים״). ער האָט אָנגעשריבן דאָס ספרל קעגן די חסידים „זאת תורת הקנאות״, וואָס איז אַ קאָפּיע פון זיין אַנטי־חסידישן קונטרס „שבר פושעים״ און פאַרשידענע אַנדערע קונטרסים קעגן חסידות.

זיינע שריפטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן די חסידים זיינען גוט באַ־קאַנט די חסידות־פאַרשער. אָבער איין קונטרס, וואָס האָט זיך געפונען

אין באַזיץ פון פנחס טורבערג[1]), איז ביז איצט נישט געווען באַוואוסט די פאַרשער פון חסידות[2]), און פון דעם דאָזיקן כתב־יד קענען מיר זיך דערוויסן וואָס די מתנגדים האָבן געטראַכט וועגן די חסידים, ווי אַזוי זיי האָבן געקוקט אויפן נייעם חסידישן דרך און פאַרוואָס זיי זיינען געווען קעגנער פון דער חסידישער שיטה.

דר. מרדכי ל. ווילענסקי האָט פאַרעפנטלעכט דעם דאָזיקן דאָקומענט מיט ביאָגראַפישע ידיעות וועגן ר׳ דוד מאַקאָווער[3]).

און לויט ווי דר. ווילענסקי גיט אָן פון אַ בריוו, געשריבן פון ר׳ יוסף לעווענשטיין[4]) צום היסטאָריקער דובנאָוו[5]), האָט ר׳ דוד מאַקאָווער געקענט פּערזענלעך דעם רבין ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, און אַז ר׳ דוד מאַקאָווער איז געווען אַ געבוירענער פון ראָוונע, וואו דער מעזע־ריטשער מגיד ר׳ דוב בער האָט געוואוינט דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן, און אַז ר׳ דוד האָט געהערט צו די חסידים פון ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק, איידער ער איז געוואָרן אַ מתנגד. פון דעם יאָר 1772 אָן האָט ר׳ דוד געוואוינט אין מאַקאָוו. אַהין פלעגט קומען אויף שבת ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען רב אין זשעליכאָוו.

לויט דעם בריוו פון סעראַצקער רב, האָט דער קעגנער פון חסידות, ר׳ דוד מאַקאָווער, געזען אין דער חסידישער שיטה אַ סכנה צו דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. דעריבער זיינען די רביים געווען אַזוי סענסיטיוו צו זיינע אָנפאַלן. און אַפילו די רביים, וועמען דעם מאַקאָווער רב האָט אַזוי שאַרף אָנגעגריפן, ווי דער „חוזה" פון לובלין און דער קאָזשעניצער מגיד, האָבן אויף אים קיין שלעכטס נישט גערעדט.

אָבער ווען ר׳ דוד מאַקאָווער איז נפטר געוואָרן, אין יום־כיפור, 1814, האָבן די חסידים זיך נוקם געווען אין אים און האָבן נישט געלאָזט שטעלן קיין אוהל.

ערשט שפּעטער, ווען ס׳איז נפטר געוואָרן דער רבי ר׳ נתן פון מאַקאָוו,

1) עס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער ביבליאָטעק פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים.

2) דער ביבליאָגראַף א. ר. מלאכי האָט אין יובליי־נומער פון „הדואר", פון יאָר 1952, פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן דעם דאָזיקן כתב־יד.

3) אין „אַמעריקען אַקאַדעמי פאָר דזשואיש ריסוירטש", בוך 25, 1956.

4) דער סעראַצקער רב, מחבר פון דעם באַוואוסטן כראָנאָלאָגישן ספר „דור דור ודורשיו". ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון פיר און אַכציק יאָר, יום ד׳, כ״ו ניסן, תרפ״ד — 1924. אַ קורצע ביאָגראַפיע וועגן אים האָט פאַרעפנטלעכט דער ביבליאָ־גראַף יהודה רובינשטיין אין דער נייער פאָטאָסטאַטישער אויסגאַבע פון „דור דור ודורשיו", הוצאת „נצח", תל־אָביב, תש״ט, מיט זיינע באַמערקונגען.

5) דער בריוו געפינט זיך אין דעם דובנאָוו־אַרכיוו אין ייוו״א.

וועלכער איז געווען אַן אײדעם פון ר׳ חיים חייקל פון אַמדור, האָבן די מתנגדים אויך נישט געלאָזט אויפשטעלן קיין אוהל אויף ר׳ נתנס קבר. דעמאָלט האָבן די חסידים שלום־געמאַכט מיט די מתנגדים און עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל אי אויף ר׳ דודס קבר און אי אויף ר׳ נתנס קבר.

און וואָס זיינען געווען די הויפּט־טענות, וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער האָט געהאַט צו די חסידים, לויט ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט אינעם דאָקו־מענט?

קודם־כל איז דער דאָקומענט אַ מין צוואה, וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער האָט געשריבן צו זיינע קינדער, און ווי עס ווייזט אויס, איז ער געשריבן געוואָרן אין יאָר 1810. ווי דער סעראַצקער רב גיט אָן אין זיין בריוו, האָט ר׳ דוד מאַקאָווער אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אַז „שאם לא העלה בידו ויתרבו החסידים, אזי לא יודפסו חבוריו. וקודם מותו חזר בו הרב מכל המחלוקת״ — אויב עס וועט זיך אים נישט איינגעבן און עס וועלן זיך מערן די חסידים, דעמאָלט זאָל מען נישט דרוקן זיינע חיבורים. און איידער ער איז געשטאָרבן, האָט ער זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער גאַנצער מחלוקה.

דר. ווילענסקי באַמערקט, אַז דער סעראַצקער רב האָט די דאָזיקע ידיעה וועגן ר׳ דוד מאַקאָווער, אַז אויב די חסידים וועלן זיך מערן זאָל מען זיינע ספרים נישט דרוקן, געקראָגן פון חסידים. פּונקט אַזוי ווי ער גיט אָן אין אַ צווייטן בריוו צו דובנאָוון, פון יאָר 1894, אַז דער ווילנער גאון האָט געזאָגט: „שאם יתרבו החסידים אזי ידעו כי לא צדקו המלשינים עליהם״ — אויב עס וועלן זיך מערן די חסידים, דעמאָלט וועט מען וויסן, אַז עס האָבן נישט רעכט געהאַט די וואָס האָבן גערעדט שלעכטס אויף זיי.

אַזעלכע קלאַנגען, האַלט דר. ווילענסקי, האָבן חסידים פאַרשפּרייט קעגן די מתנגדים.

און די הויפּט־טענות פון ר׳ דוד מאַקאָווער קעגן די חסידים זיינען געווען:

די חסידים זיינען קעגן עצבות און פאַר שמחה; זיי זיינען „מבזה תלמידי־חכמים״ („אַפילו עם־האָרץ שבהם, איש בער לא ידע, מבזה לומדי תורה״); זיי זיינען עובר אויף זמן תפילה; זיי דאַווענען מנחה גאָר שפּעט אין דער נאַכט; זיי ריידן בעת מען לייענט די תורה; די חסידישע מנהיגים נעמען געלט ביי אָרעמעלייט און זיי האָבן געענדערט דעם נוסח התפילה פון אַשכנז אויף ספרד און זיי קענען גאָרנישט קיין קבלה.

ר׳ דוד מאַקאָווער טרעט שטאַרק אַרויס קעגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

אָט וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער שרייבט וועגן בעש״ט: „ער איז נפטר

געוואָרן אין יאָר תקי״ט[6], „היא שנת החתונתי, וזוכרני שהיה מפורסם ללא למדן, רק לבעל־שם כותב קמיעות, ולא למד כלל, כי לא היה יכול ללמוד״ — ער איז געשטאָרבן אין דעם יאָר פון מיין חתונה. און איך געדענק, אַז ער איז געווען באַוואוסט פאַר נישט קיין לערנער, נאָר פאַר אַ בעל־שם, וואָס האָט געגעבן קמיעות און ער האָט בכלל נישט געלערנט, ווייל ער האָט נישט געקענט לערנען. „ער (דער בעש״ט) פלעגט אַרומגיין אין די מאַרקן מיט אַ ליולקע ציבעק און ריידן מיט ווייבער און ווען עס איז צו אים געקומען אַ פרוי, וואָס איז געווען קראַנק, האָט ער איר געטאַפּט דעם דופק, אַזוי ווי עס האָט מיר דערציילט אַן אַלטע פרוי, אַ ווייב פון אַ תלמיד־חכם... ער פלעגט אויך פאָרן צו די פּריצים און זיי געבן רפואות און פאַר דעם גענומען באַצאָלט...״

און ווען דער ווילנער גאון איז נפטר געוואָרן, באַקלאָגט זיך ר׳ דוד מאַקאָווער אין זיין דאָקומענט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן די חסידים; זיי פאַרפירן די „צעירי צאן״ — די יוגנט. דאָס ווערט נאָכאַמאָל איבער־געחזרט: „רבים צעירי בני עמנו נוקשו ונלכדו״ — אַ גרויסע צאָל פון דער יוגנט איז געכאַפּט געוואָרן אין זייער נעץ.

דערפון קאָן מען זען, אַז חסידות האָט צוגעצויגן די יוגנט.

די מנהיגי החסידים קענען גאָרנישט קיין קבלה, שרייבט ר׳ דוד מאַקאָווער, און ער דערציילט, אַז „איך האָב געהערט פון דעם הויפּט־פירער פון דער ׳כת׳[7], וואָס ער האָט מיר געזאָגט אין יאָר תקל״ח (1788), אַז ער האָט נישט געזען די כתבי האר״י און אַז ער האָט אין זיי נישט געלערנט פון דעם טאָג אָן ווען ער איז געווען ביי זיי רבין ר׳ בעריש[8], דעם תלמיד פון בעש״ט, שוין מער פון צוועלף יאָר („וכן שמעתי מגדול שבהם, רבן של כל הכת הזאת אמר לי בשנת תקל״ח שלא ראה כתבי האר״י ולא למד מיום היותו אצל רבו ר׳ בעריש, תלמיד ריב״ש, יותר מי״ב שנה״). און איך האָב אים געפרעגט אין ׳עניני חכמה׳ און איך האָב געזען, אַז זיינע ידיעות זיינען קליינע, ער געדענקט נאָר דאָס וואָס ער האָט געלערנט איידער ער איז געפאָרן צו זיין רבין („ושאלתיו בעניני החכמה וראיתי כי ידיעתו מעוטה, ורק מה שזכר קצת מה שהיה למד קודם הנסיעה לרבו הנ״ל״). און איך האָב אים געפרעגט אַ מאמר אין זוהר, פּרשת בשלח, און ער איז געזעסן עטלעכע שעה און געמאַכט קולות, ווי זייער שטייגער איז, און דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען מען ווייסט נישט דעם פּירוש פון זוהר, איז וואָס? („ושאלתיו עבור איזה מאמר

6) ר׳ דוד מאַקאָווער מאַכט דאָ אַ טעות. דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ך.

7) געמיינט ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו.

8) געמיינט ר׳ דוב בער, דער מעזעריטשער מגיד.

בזוהר פרשת בשלח, וישב כמה שעות בזעקות ובקולות כמשפטם ואין קול ואין עונה, ואמר לי אח״כ באם אינו יודע פירוש הזוהר מה בכך״). און די דאָזיקע שעה, וואָס ער איז געזעסן איבערן זוהר האָט אים צוגעלויכטן מיט אַ ליכט אַ מומר, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ קלויסטער. און איך האָב געזען, אַז זיין ענטפער איז געווען בלויז לפנים וועגן. און שבת, ביי שלוש־סעודות, האָב איך אים געהערט זאָגן תורה מיט געשרייען, ווי זייער דרך איז, אָן אַ טעם און וואָס לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל און ער איז מגלה פנים בתורה שלא כהלכה („ואותן השעות שהיה יושב על מאמר הזוהר בלילה האיר לו מומר אחד בנר אשר ברח מהקלוסטר וראיתיו שלא היה תשובתו רק לפנים, ובשבת על שלוש סעודות שמעתי ממנו תורה בזעקות כמנהגם, גם אין המשך ואין טעם, ופירושו אין הדעת סובלו ומגלה פנים בתורה שלא כהלכה״).

און נאָך זיין פטירה, שרייבט ווייטער ר׳ דוד מאַקאָווער, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זיין ספר דער „קדושת לוי״ און ווער עס האָט געהירן אין מוח און האָט געלערנט די „ספרי הזוהר״ און די „כתבי האר״י״, דער זעט, אַז זיי זיינען שטותערייען און מגלה פנים בתורה שלא כהלכה.

וועגן די חב״דער חסידים שרייבט ר׳ דוד אַ שפּיל־וואָרט: „וכת אחת בשם חב״ד מכונים, ולא רעי זה כרעי זה״ (לויטן מאמר „לא ראי זה כראי זה״...)

אָבער די שאַרפסטע פיילן וואַרפט ר׳ דוד מאַקאָווער קעגן דעם קאָזשעניצער מגיד. אויף אים שרייבט ער, צווישן אַנדערן, אַז ער זאַמלט געלט פון די פדיונות, פון געבן רפואות פאַר חולי־נפלס, משוגעים, אַז ער איז אַ פוקד עקרות און אַז ער רעדט תמיד מיט ווייבער אַ סך ליצנות, וואָס מען קאָן עס גאָרנישט אַרויפברענגען אויפן כתב... „עס האָט מיר געזאָגט אַ באַגלויבטער מענטש, אַז ער איז געווען ראש־השנה אין קאָזשעניץ, האָט ער געזען דעם קאָזשעניצער מגיד זיצן ׳כיד המלך׳ אויף איין שטול און דערנאָך האָט ער זיך איבערגעזעצט אויף אַ צווייטער שטול, צו ווייזן, אַז ער איז אַראָפּ פון דער שטול פון ׳דין׳ און האָט זיך געזעצט אויף דער שטול פון ׳רחמים׳, אַזוי ווי ער וואָלט געווען די ׳מרכבה׳... און איינער פון זיינע תלמידים איז געלאָפן הין און צוריק, אַזוי ווי עס זאָל זיין ׳והחיות רצוא ושוב׳...״

די חסידים פאַררופן זיך אויף נוסח ספרד, אויפן האר״י הקדוש, אָבער דער האר״י, שרייבט ר׳ דוד מאַקאָווער, האָט איינגעפירט נוסח ספרד נאָר פאַר ארץ־ישראל און פאַר חוץ־לארץ בלויז פאַר יחידים.

אויך זינגען די חסידים צו־לאַנג ביי שלוש־סעודות זייערע זמירות, ביז חצות...

און דער עיקר חטא איז, שרייבט ר׳ דוד מאַקאָווער, וואָס זיי זיינען

מבזה תלמידי־חכמים און גייען אַראָפּ פון דער תורה, פאַסטן נישט און זיינען זיך נישט מסגף אויף דער תורה.

ר׳ דוד מאַקאָווער שילדערט אין זיין כתב־יד ווי אַזוי די חסידים פאַרברענגען שלוש־סעודות ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ווי אַזוי זיי זינגען זמירות און איבערזאָגן עטלעכע מאָל איין וואָרט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען מסיני, און דערנאָך, ווען עס קומט צו דאַוונען, כאַפּן זיי ביי קריאת שמע.

„די דאָזיקע פּושעים", שרייבט ר׳ דוד מאַקאָווער, „מאַכן יעדן טאָג יום־טוב מיט סעודהלעך, פרעסן און טרינקען, זיי און זייערע תלמידים, און זיי זעען נאָר עס זאָל זיין שמחה און נישט קיין עצבות. זיי זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך, וואָס זאָל העלפן צו קריגן השגות, ווי שמחה, אָבער זיי ווייסן נישט, אַז דאָס איז גוט פאַר די וואָס האָבן געלערנט תורה און זיינען ריין פון עבירות, אָבער נישט פאַר אַזעלכע פּראָסטע מענטשן, פּוסט־און־פּאַסטניקעס, וואָס זיינען מבזה די תלמידי־חכמים. וואָס איז מיט זיי די שמחה?"

פון די אַלע באַשולדיקונגען וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער רעכנט אויס, קאָן מען זען, אַז די חסידים האָבן אַריינגעבראַכט דעם דרך פון שמחה אין לעבן; אַז זיי פלעגן זינגען און טאַנצן שבת; אַז זיי זיינען געזעסן לאַנג ביי שלוש־סעודות, און אַז זיי פלעגן מקרב זיין פּשוטע מענטשן, נישט קיין לערנערס, און נישט געהאַלטן, אַז נאָר די תלמידי־חכמים זיינען די אייבערשטע פון שטייסל.

ר׳ דוד מאַקאָווער האָט אין זיין פּאָלעמיק געוואָלט באַווייזן, אַז ער קען אויך קבלה און ער אָפּערירט כסדר מיט מאמרים פון זוהר און כתבי האר"י. ער האָט נישט געקאָנט שאַרף אַרויסטרעטן קעגן דעם וואָס די חסידים האָבן משנה געווען דעם נוסח התפילה פון אַשכנז אויף ספרד, ווייל אַזוי האָט זיך דאָך אויך נוהג געווען דער אר"י הקדוש, האָט ער געפונען אַ תירוץ, אַז „דער אר"י האָט איינגעפירט דעם נוסח ספרד נאָר פאַר ארץ־ישראל, און ווען ער איז געקומען אין אַן אַשכנזישער שול, האָט ער געזאָגט 'ויתן לך' אין שול, און ווען ער האָט געדאַוונט אין אַ ספרדישער שול, האָט ער נישט געזאָגט 'ויתן לך' אין שול, נאָר ווען ער איז אַרייב־געקומען אין זיין שטוב אַריין, ווייל ער האָט נישט געוואָלט משנה זיין דעם אָנגענומענעם מנהג, אָבער נישט אַזוי זיינען זיך נוהג די חסידים".

אַזוי האָט דער אר"י הקדוש געהאַלטן, אַז פאַר חוץ־לארץ איז דער נוסח ספרד „נאָר פאַר יחידי סגולה, וועלכע זיינען עוסק אין קבלה, און נישט פאַר יעדן איינעם, פאַר פּשוטע גראָבע יונגען, וואָס זיי זאָגן 'הודו' פאַר 'ברוך שאמר' און ענדערן דעם נוסח אין קדיש און זאָגן 'ויצמח פורקנה'".

פון די אַלע באַשולדיקונגען, וואָס ר׳ דוד מאַקאָווער רעכנט אויס, קאָן מען זען, אַז דער הויפּט־חטא איז געווען, וואָס חסידות האָט צעשטערט די העגעמאָניע פון די תקיפים אין יידישן לעבן, וואָס זי האָט באַקעמפט די תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז זיי דאַרפן זיין די מנהיגים פון יידישן לעבן.

און ווייל דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק איז אין יענער צייט באַשטאַנען פון יידן וואָס האָבן געוואוינט אין די דערפער, אין קליינע שטעטלעך און זיי האָבן געדאַרפט אַרומפאָרן אויף ירידים אין די דערפער כדי צו האָבן אויף חיונה פאַרן ווייב און קינדער אויף דער וואָך, האָט מען פון זיי נישט געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן זיצן און לערנען טאָג און נאַכט אין בית־המדרש...

דאָס פאַרענטפערט, אַגב, אויך וואָס די חסידישע פאָרשער גריבלען זיך אין דעם פּראָבלעם: פאַרוואָס חסידות איז נישט אַריינגעדרונגען אין דער ליטע? אויב מען זאָל אָננעמען, אַז חסידות האָט אַריינגעצויגן אין אירע רייען די דאָרפס־יידן, בעלי־מלאכות, פּשוטע מענטשן, און געפירט אַ קאַמף מיט די תקיפים און וואויללערנערס, איז פאַרוואָס האָט זיך די חסידישע שיטה נישט פאַרשפּרייט אין דער ליטע? די יידן אין דער ליטע זיינען דאָך געווען אָרעמער פון די יידן אין גאַליציע אָדער פּאָדאָליע, פאַרוואָס האָט זיך דאָרט נישט פאַרשפּרייט דאָס חסידות?

דר. מאַהלער, אין זיין בוך[9], שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דעם פּראָבלעם, און ער וויל קומען צום אויספיר, אַז דאָס חסידות איז נאָר אַריינגעדרונגען צווישן די דאָרפס־יידן, די פאַקטערס, און נישט צווישן דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע און בעלי־מלאכות. אין ליטע און פרייסן איז שוין געווען אַן אָרגאַניזירטער כוח פון זיי קעגן די אָנפירער פון די קהילות, האָבן זיי נישט געדאַרפט אָנקומען צו דער חסידישער באַוועגונג. אָבער אונדז דוכט זיך, אַז די סיבה פאַרוואָס חסידות איז נישט אַריינגעדרונגען אין דער ליטע איז געווען, ווייל חסידות האָט צוגעצויגן די פּשוטע יידן און עמי־הארצים און האָט אַראָפּגעריסן די הערשאַפט פון דעם וואוילערנער, אָבער אין דער ליטע איז דער דרך־ארץ פאַרן תלמיד־חכם געווען געוואַלטיק גרויס. דאָס איז געקומען דורך דער השפעה פון ווילנער גאון. בעלי־מלאכות האָבן געשאַפן אייגענע קלויזן צו לערנען משניות, עין־יעקב און שולחן־ערוך. דעריבער האָט דאָרט חסידות נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען.

פאַרשטייט זיך, אַז פונקט אַזוי ווי חסידים האָבן דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט גערודפט די חסידים, אַזוי האָבן מתנגדים דערציילט מעשיות וועגן די רביים, וואָס זיינען גאָר

9) „דברי ימי ישראל בדורות אחרונים״, ספר שלישי, הוצאת „מעגית״, מרחביה.

ווייט פון אמת, און די קעגנער פון חסידים האָבן עס אָנגענומען ווי דברי אמת.

אין מיין בוך „די חסידישע וועלט״, אין דער מאָנאָגראַפיע וועגן קאָזשעניצער מגיד, האָב איך געגעבן אַ בילד, ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך נוהג געווען ביים דאַווענען, וואָס איז געשילדערט געוואָרן פון חסידים, און דאָרט ווערט גאָרנישט דערציילט, אַז ער זאָל ראש־השנה זיצן אויף צוויי שטולן. דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ גרויסער גאון און מקובל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ספרים אין הלכה, שו״ת און קבלה. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. אָט אין אַזעלכע שוואַרצע פאַרבן מאָלט ר׳ דוד מאַקאָווער דעם בעש״ט און די מנהיגי החסידות.

יאָ, דורך דער אַנטי־חסידישער ליטעראַטור, קענען מיר בעסער פאַר־שטיין דעם מהות פון חסידות און זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין יידישן לעבן...

קאַפּיטל כ

ווען האָט מען די אָנהענגער פון בעש״ט אָנגעהויבן צו רופן חסידים?

די מתנגדים האָבן די ערשטע גערופן די חסידים „כת״. — די „חסידים ראשונים״ און סתם „חסידים״. — ווי אַזוי חסידות האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין פּאָדאָליע און וואָלין. — וויפל חסידים ס׳זיינען געווען אין די צייטן פון בעש״ט.

ווען האָט מען די אָנהענגער פון בעש״ט׳ס שיטה אָנגעהויבן צו רופן „חסידים״?

כדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, דאַרפן מיר קודם וויסן פון וואַנען עס קומט בכלל דער נאָמען חסיד.

אין תנ״ך מיינט חסיד — אַ פרומער מענטש, פול מיט צדקות. אַפילו וועגן גאָט אַליין ווערט געזאָגט אין ירמיהו „כי חסיד אני״, און אין תהלים קמ״ט, ווערט שוין אָנגעמערקט אויף דער עקזיסטענץ פון אַ גרופּע פרומע מענטשן וואָס האָבן געהייסן חסידים („תהלתו בקהל חסידים״).

אין די צייטן פון סירישן קעניג אַנטיוכוס איז געווען אַ גרופּע חסידים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די גזירות, וואָס דער קעניג האָט אַרויסגעגעבן.

אין דער משנה און אין דער גמרא געפינען מיר אָפט דעם נאָמען „חסידים ראשונים״. מיר טרעפן סיפּורים וואָס הויבן זיך אָן „מעשה בחסיד אחד״ — אַ מעשה וועגן אַ חסיד. אויך אין בבל און אין אַנדערע לענדער האָט מען געגעבן אַ גרויסן געלערנטן און פרומען מאַן דעם טיטל „חסיד״. דער רבינו בחיי איז אָנגערופן געוואָרן „חסיד״.

אין דייטשלאַנד זיינען אין דעם 12טן און 13טן יאָרהונדערט געווען פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט דעם טיטל „חסידים״. זייער פירער און רבי איז געווען רבי יהודה החסיד. זיי זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען „חסידי אַשכנז״. מען דערציילט פון זיי מופתים און זייער הויפּט-ווערק איז דער „ספר חסידים״ און די ספרים פון ר׳ אלעזר רוקח, מחבר פון „ספר רוקח״. זיי האָבן עוסק געווען אין קבלה, וואָס ווערט באַצייכנט אין דער געשיכטע פון די מיסטישע באַוועגונגען ביי יידן: „קבלת אַשכנז״.

אין פּוילן איז אין סוף פון 17טן יאָרהונדערט געווען אַ צווייטער רבי

יהודה החסיד, וועלכער האָט געשטאַמט פון שידלאָווצע, אָדער שעדליץ, און ער האָט געוואַנדערט אין פאַרשידענע מקומות, געווען אין עסטרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און אומעטום האָט ער מיט זיינע דרשות מעורר געווען די יידן צו טאָן תשובה. זיינע תלמידים האָבן געהייסן „חסידים״. זיי זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים. אַ פּופצן הונדערט אָנהענגער פון רבי יהודה החסיד זיינען אין יאָר 1700 געפאָרן קיין ארץ־ישראל און זיי האָבן אין ירושלים געקויפט אַ חצר (הויף), געבויט אַ שול, וואָס איז געוואָרן אָנגערופן „חורבת רבי יהודה החסיד״ (די שול געפינט זיך אין דער אַלטער שטאָט פון ירושלים און איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער עבר הירדן מלוכה. ווי מען זאָגט, האָבן די אַראַבער זי חרוב געמאַכט).

און ווי אַזוי האָט מען גערופן די אָנהענגער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב?

אין דער פּאָלעמישער ליטעראַטור קעגן די חסידים ווערן די אָנהענגער אָנגערופן „חסידים חדשים״, אָדער „חסידים דזמן האידנא״ — נייע חסידים, אָדער חסידים פון אונזער צייט [1]. מען האָט זיי אויך גערופן סתם „מעזריטשער״ און „קאַרלינער״ [2]. אויך דער פראַנצויזישער רייזנדער גריגואַר, וועלכער האָט אין יענער צייט באַזוכט פּוילן, רופט אָן די חסידים „קאַרלינער״ און אַפילו אין די דאָקומענטן פון דער שפּעטערדיקער תקופה, פון די יאָרן 1796־1801, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין סענאַט אין פּעטערסבורג, ווען די רוסישע רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצו־מישן אין דער מחלוקה צווישן די מתנגדים און חסידים, ווערן די חסידים אָנגערופן „קאַרלינער״, כאָטש אין יענער צייט איז שוין די חסידישע באַוועגונג געווען פאַרשפּרייט אין גאַנץ פּוילן, אוקראַינע און אין טיילן פון רוסלאַנד. ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, ווערט אין די דאָזיקע דאָקומענטן אָנגערופן „דער הויפּט פון די קאַרלינער״ [3].

שלמה מימון, אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, מיינט, אַז די אָנהענגער פון בעש״ט האָבן זיך גערופן „חסידים ראשונים״ אין קעגנזאַץ פון די „חסידים״, אָנהענגער פון רבי יהודה החסיד, וועלכער האָט זיך שטאַרק מסגף געווען.

אויך פריימאַן [4]) ברענגט אַ דאָקומענט וואו עס שטייט: „הרבנים אשר

1) זע „זמר עריצים הראשון״, דובנאָוו, „תולדות החסידות, כרך ב׳, זייטן 23, 25. וועגן באַגריף חסיד זע אויך קאַפּיטל כ״ח.

2) די צוויי צענטערן פון חסידות אין יענער צייט. דער מעזעריטשער מגיד ר׳ דוב בער איז געווען אַ תלמיד פון בעש״ט און ר׳ אַהרן דער גרויסער האָט געשאַפן דעם צענטער פון חסידות אין קאַרלין, בערך אין יאָר 1765.

3) זע דר. זאב ראַבינאָוויטש, „אור זרוע״, תל־אביב, תשי״ב, זייט 3.

4) אין די „היסטאָרישע שריפטן״, ייוואָ, באַנד 2, זייט 140—144.

בירושלים החרימו אותם ואת כל חברת החסידים החדשים״ — די רבנים אין ירושלים האָבן זיי געלייגט אין חרם אַריין און די גאַנצע חברה „חסידים חדשים״.

פּראָפעסאָר בן־ציון דינור האַלט [5], אַז די אָנהענגער פון בעש״ט האָט מען צוערשט גערופן „חסידים חדשים״, אָדער „חסידים ראשונים״, נאָר מיט דער צייט האָט מען פאַרגעסן דעם צונאָמען „חדשים״, אָדער „ראשו־נים״ און מען האָט זיי גערופן סתם „חסידים״.

אָבער אַ פראַגע איז פאַרט: פאַרוואָס האָבן די אָנהענגער פון בעש״ט געהייסן חסידים און די קעגנער מתנגדים?

מיר ווייסן אויך, אַז דער ווילנער גאון איז אָנגערופן געוואָרן „החסיד״, זיינע אָנהענגער האָבן וועגן אים דערציילט כמעט די זעלביקע מעשיות וואָס די אָנהענגער פון בעש״ט האָבן דערציילט וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב; פונקט אַזוי ווי דער בעש״ט האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל נאָר „פון הימל האָט מען אים מעכב געווען״, אַזוי ווערט אויך דערציילן וועגן הגר״א, אַז ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר וויל ער האָט געהאַט אַ ניצוץ פון דער נשמה פון משה רבינו, האָט מען אים אין הימל נישט געגעבן קיין רשות עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל [6].

די תלמידים פון הגר״א האָבן אויך געהאַלטן, אַז דער ווילנער גאון איז „משיח בן יוסף״, און זיי האָבן געגאַרט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נישט ווייניקער פון די תלמידים פון גרויסן מגיד פון מעזעריטש [7].

די אָנהענגער פון הגר״א האָבן זיך גערופן סתם יידן, זיי אַליין זיינען דאָך געווען די מערהייט פון יידישן פאָלק און זיי האָבן נישט געדאַרפט האָבן קיין ספּעציעלן נאָמען. און ווען דער בעש״ט האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיין שיטה, זיינען דאָך זיינע אָנהענגער געווען אַ מינדער־הייט, זיי זיינען דאָך געווען קעגנער פון דעם אָנגענומענער שטייגער־לעבן, זיי וואָלטן דאָך געדאַרפט הייסן „מתנגדים״ — קעגנער פון דעם איינ־געשטעלטן סדר־לעבן פון יידישן פאָלק; וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פונקט פאַרקערט, די חסידים זאָלן הייסן „מתנגדים״ און די „מתנגדים״, די אָנהענגער פון הגר״א, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַלע דינים פון שולחן ערוך, צו דאַווענען אין דער צייט (תפילה בזמנה), צו זיצן יומם ולילה און לערנען — אָט זיי וואָלט מען דאָך געדאַרפט רופן „חסידים״.

נאָר דער אמת איז, אַז די מתנגדים האָבן אין דער ערשטער צייט, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די שיטה פון בעש״ט, קיין שום

5) אין זיין בוך: „במפנה הדורות״, מוסד ביאַליק, ירושלים, 1955.
6) „עליות אליהו״, קאַפּיטל „תולדות הגר״א״, זייט 39.
7) זע „חזון ציון״ פון ה. ה. ריבלין, תל־אביב.

ספּעציעלן נאָמען נישט געהאַט. זיי, ווידער, האָבן גערופן די אָנהענגער פון בעש״ט די „כת״ (סעקטע).

ערשט שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו רופן די אָנהענגער פון ווילנער גאון אין ארץ־ישראל מיטן נאָמען „פּרושים״, דאָס איז געווען ווען די אָנהענגער פון הגר״א האָבן אין יאָר תק״ס — 1800 געגרינדעט די אָר־גאַניזאַציע „חזון ציון״, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל [8], האָבן זיי געקראָגן דעם נאָמען „פּרושים״, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט פּורש זיין — אָפּשיידן — פון גלות־לעבן און פון די תענוגי עולם הזה און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל [9]. דעם אָנפירער פון דער „חזון ציון״־באַוועגונג, ר׳ בנימין ריבלין פון שקלאָוו, האָט מען גערופן „שר הפּרושים״ [10]).

די אָנהענגער פון בעש״ט האָבן אָבער אויך געהייסן חסידים [11]). און ווען זיי זיינען געוואָרן אַ מערהייט אינעם יידישן פאָלק, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רופן די אָנהענגער פון הגר״א: „מתנגדים״ — קעגנער פון דער שיטה פון בעש״ט.

און ווי אַזוי איז געוואָקסן די חסידישע באַוועגונג ? אין וועלכע געגנטן איז דאָס חסידות אין די צייטן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב פריער איינגעדרונגען ?

אויך די דאָזיקע וויכטיקע פראַגע ווערט באַהאַנדלט פון פּראָפעסאָר דינור אין זיין בוך: „במפנה הדורות״, און ער קומט צום אויספיר, אַז דאָס חסידות האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט שנעל פאַרשפּרייט אין פּאָדאָליע און וואָלין.

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערן אויסגערעכנט אַן ערך פופציק שטעט, וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט אין שייכות מיטן לעבן פון בעש״ט און זיינע נסיעות, און אין שייכות מיט די נעמען פון זיינע תלמידים און זייערע וואוין־ערטער [12]).

אין דעם צווייטן דור פון חסידות איז די באַוועגונג שוין געווען שטאַרק אָנזעעוודיק צווישן פאָלק. אינעם אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָט חסידות שוין געהערשט אין אַ גרויסן טייל פון די יידישע קהילות אין אוקראַינע, מזרח־גאַליציע, אין רוב קהילות אין פּוילן, און אין אַ גרויסן

8) דעם נאָמען האָט געגעבן דער ווילנער גאון אַליין, ווייל „חזון ציון״ איז בגימטריא „ברכה״.

9) זע „חזון ציון״, זייט 29.

10) וועגן דער „חזון ציון״־באַוועגונג און זייער עליה קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1800, האָב איך אויספירלעך געשריבן אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל״ פון 21טן אָקטאָבער, 1959.

11) זע קאַפּיטל טז, „חסידים איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן״.

12) נישט אַלע שטעט זיינען אונדז היינט באַקאַנט.

טייל פון ווייס־רוסלאַנד, אין רומעניע, אונגאַרן און אין אַ קליינעם טייל פון ליטע.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין גענויע ציילונג אין יענער צייט וועגן דער צאָל חסידים איז נישט געמאַכט געוואָרן, אָבער עס איז אינטערעסאַנט אָנצוגעבן, וואָס עס רעכענען די פאַרשידענע יידישע וויסנשאַפטלער.

לויט ווי עס גיט אָן ישראל לייבל אין „סולאַמיט"[13]), האָט דער בעש"ט געהאַט אין אָנהויב פון זיין באַוועגונג אַ צען טויזנט אָנהענגער.

מיט אַ פינף יאָר שפּעטער, רעכנט מען שוין, אַז די אָנהענגערשאַפט איז געוואַקסן אויף פערציק טויזנט[14]). איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט דער 18טער יאָרהונדערט, רעכנט מען, אַז עס זיינען שוין געווען אַן ערך הונדערט טויזנט חסידים.

דאָס באַווייזט, אַז חסידות האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם יידישן לעבן, טראָץ דעם, וואָס חסידות האָט געהאַט מוראדיקע קעגנער און מען האָט די חסידים געוואָלט שטעלן „מחוץ למחנה", אויסשליסן זיי פון יידישן פאָלק. מען האָט די חסידים געלייגט אין חרם אַריין אין ווילנע און אין בראָד אין יאָר 1772. מען האָט געוואָלט זיי מאַכן פאַר אַ „כת". אָבער ס'האָט זיך די קעגנער דאָס נישט איינגעגעבן. חסידות איז געבליבן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

13) 1807, צווייטער באַנד, זייט 307, אין דער איבערזעצונג פון דיינאַרד אין „חרב חדה", זייט 3.

14) זע גרעצס געשיכטע, אין העבראעיש, 11טער באַנד, זייט 126.

קאַפּיטל כא

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט דערהויבן דעם פּשוטן אידן

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן עם־האָרץ. — אַ גאַנצע שטאָט יידן לעבן אין זכות פון אַ פשוטן בעל־מלאכה, זאָגט דער בעש״ט. — אַ טייטש פון אַן עם־הארץ מאַכט אַ רעש אין הימל. — בלויז דאָס געזאַנג פון תהלים־זאָגן פון פּשוטע יידן איז מעורר צו רחמים. — אַ פּשוטע יידענע איז מבטל אַ גזירה אין הימל.

חסידות האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן שינוי אין יידישן לעבן דערמיט וואָס חסידות האָט געשטעלט דעם פּשוטן יידן גלייך מיטן למדן, דעם עם־האָרץ מיטן וואויל־לערנער, דעם בעל־מלאָכה און דאָרפס־ייד מיט דעם „שיינעם יידן״ און תלמיד־חכם.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַליין, דער באַגרינדער פון חסידות, ווערט געשילדערט אין דער חסידישער לעגענדע, אַז ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן עם־האָרץ, כדי דערמיט צו ווייזן, אַז אויך פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פּראָסטאַקעס, קענען דינען דעם אויבערשטן באמונה...

ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז געקומען צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער וועגן די תנאים, וואָס ר׳ גרשונס פאָטער האָט געשריבן מיט אַ מענטשן וואָס הייסט ישראל (דער בעש״ט איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נסתר), האָט דער בעש״ט זיך פאַרשטעלט „כאחד הריקים ב׳פּעלציל״ (ווי אַ פּראָסטער מענטש אין אַ פּעלצל) און אַ שטריק אַרומגעבונדן און ער האָט אויך געביטן זיין אופן פון רעדן און ער איז געקומען צו ר׳ גרשון קיטעווער און האָט צו אים געזאָגט מיט פּראָסטע דיבורים: „גיב מיר מיין ווייב״...[1]

אויך האָט דער בעש״ט זיך אַרויסגעדרייט פון מגלה זיין אַז ער איז אַ בעל־פּלפּול, אַז ער קאָן לערנען, נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער זאָל זיין אַן עם־האָרץ. איינמאָל האָט ער אַפילו געזאָגט, אַז ער האָט געזען אַ דין אין „ספרי טייטש״ (עברי־טייטש)...

1) „שבחי הבעש״ט״, זייט 17.

אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז ער, דער בעש״ט, איז אַמאָל געקומען אין אַ קהילה, וואו עס איז דעמאָלט גראָד פאָרגעקומען די זיצונג פון ועד אַרבע האַרצות, איז אויף דער זיצונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי מען זאָל זיך באַציען צום בעש״ט, וואָס איז נישט קיין למדן... האָט מען אים געשיקט רופן, און ווען דער בעש״ט איז געקומען, האָט דער פרנס פון ועד, ר׳ אַברהם אַבא, געזאָגט: „מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט אַן עם־האָרץ. בכן, לאָמיר הערן פון דיין מויל, צי דו קענסט אַ דין״.

און ווייל עס איז גראָד דעמאָלט געווען ראש־חודש, האָט מען דעם בעש״ט געפרעגט, ווי איז דער דין אויב מען האָט פאַרגעסן צו זאָגן „יעלה ויבוא״ ביים דאַווענען.

דער בעש״ט האָט זיי געענטפערט:

„נישט איך און נישט איר דאַרפט דעם דין. וואָרים איר ווערט אויך דאָס צווייטע מאָל ווידער פאַרגעסן, און איך וועל סיי ווי נישט פאַרגעסן״.

דערמיט האָט דער בעש״ט געוואָלט אַ שטאָך־טאָן די לומדים, אַז זיי זיינען תמיד אַזוי אַריינגעטאָן אין לערנען און פלפול, אַז זיי דאַווענען מעכאַניש, במילא וועלן זיי פאַרגעסן צו זאָגן „יעלה ויבוא״, אָבער דער וואָס דאַוונט מיט האַרץ און מיט כוונה — דער וועט נישט פאַרגעסן אַזאַ תפילה.

די חסידישע לעגענדע האָט אויך געוואוסט אָפּצושאַצן די ערלעכע אַרבעט פון דעם יידישן בעל־מלאָכה.

אָט וואָס עס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ [2]: אַ מעשה וועגן אַ פשוטן בעל־מלאָכה „אומן הנקרא שאָפּאָוואַל״ [3]), וואָס פלעגט אַ גאַנצן טאָג שטיין ביי זיין שווערער אַרבעט, פון וועלכער ער האָט קוים געשעפּט זיין חיונה. דער דאָזיקער בעל־מלאָכה פלעגט אויף גיך זיך אַריינכאַפּן אין בית־המדרש אַריין. האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט דאָרט געטראָפן אַ מנין, האָט ער מיטגעדאַוונט בציבור, ווען נישט — האָט אויך נישט אויסגעמאַכט, האָט ער געדאַוונט אין דער היים. ער האָט אַפילו געזאָגט תהלים, בלויז די קאַפּיטלעך וואָס ער האָט געקענט אויסנווייניק...

און דאָך דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז ווען דער בעש״ט האָט איינמאָל געזען דעם דאָזיקן בעל־מלאכה, איז ער דערציטערט געוואָרן, ווייל ער האָט געזען ברוח הקודש, אַז אין זכות פון אָט־דעם פשוטן בעל־מלאָכה, וואָס איז נהנה מיגיע כפו בכשרות, וועלכער דערנערט זיך פון

2) זייט 18.

3) „שאָפּאָוואַל״, איז אַ בעל־מלאָכה, וואָס אַרבעט אויס פילץ און זאַכן פון פילץ, וואָליקעס, וואַרעמע היט א״אַ.

זיין אייגענער כשרער פּראַצע, האַלט זיך דער גאַנצער יידישער קיבוץ אין שטעטל.

דער בעש״ט פלעגט לערנען מיטן פשוטן פאָלק, ער האָט מיט זיי געדאַוונט אין איין סידור און אַזוי אַרום זיי דערהויבן און זיי געשטעלט אויף איין מדרגה מיט די לומדים און שיינע בעלי־בתים.

לאָמיר דאָ דערמאָנען אַ חסידישע מעשה וועגן דעם.

עס איז אַמאָל געווען אַ שנת בצורת, אַ יאָר פון טריקעניש. האָט מען גוזר תענית געווען, מען האָט געפאַסט און געזאָגט תהלים אין אַלע שולן און בתי־מדרשים, בכדי מבטל צו מאַכן די גזירה אין הימל.

אויך אין בית־המדרש פון בעש״ט האָבן תפילה געטאָן די תלמידים פון בעש״ט, די צדיקים און חסידים, און צווישן זיי אויך פשוטע מענטשן.

איז דער בעש״ט געשטאַנען לעבן אַ פשוטן יידן און האָט מתפלל געווען צוזאַמען מיט אים פון איין סידור. הערט דער בעש״ט ווי דער פּראָס־טער ייד צעוויינט זיך מוראדיק אַזוי אַז ס׳צעגייט דאָס האַרץ — און באַלד האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן פון הימל...

האָט דער בעש״ט דערנאָך געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„אין זכות פון אָט־דעם פשוטן יידן זיינען מיר געהאָלפן געוואָרן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט, אַז דער הימל האָט אָנגעהויבן מיט אים מיטצואוויינען!״

זיינען די תלמידים פון בעש״ט צוגעגאַנגען צו דעם פשוטן יידן און האָבן אים געפרעגט, ביי וועלכן פסוק ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט. האָט דער ייד זיי געענטפערט:

— איך האָב געזאָגט דעם פסוק „ועצר את השמים ולא יהיה מטר״ [4].

האָבן די תלמידים אים געפרעגט:

— וואָס איז דאָ צו וויינען ביי אָט־דעם פסוק?

האָט דער ייד געענטפערט:

— איר מיינט אפשר אַז איך קאָן נישט קיין פירוש המלות? דער רבי מיינער אין חדר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ווען איך האָב ביי אים געלערנט, אַז „ועצר״ מיינט „אויסקוועטשן״ — האָב איך טאַקע אַזוי מתפלל געווען צום רבונו של עולם און האָב אים געבעטן: „טאַטע זיסער, קוועטש־אויס דעם הימל, עס זאָל דאָרטן נישט בלייבן קיין רעגן און דעם גאַנצן רעגן גיב אונדז״.

אָט צוליב דער האַרציקער תפילה פון דעם פשוטן יידן, וואָס האָט אַפילו נישט געוואוסט קיין פירוש המלות, אָבער ער האָט אין די ווערטער

4) דברים י״א, י״ז — און ער וועט פאַרשפּאַרן די הימלען, אַז קיין רעגן זאָל נישט זיין.

אַריינגעלייגט נשמה און האַרץ, האָט דער אויבערשטער זיך צוגעהערט צו זיין תפילה און עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען...

אויך די נשיאים פון חב״ד, וואָס זייער שיטה אין חסידות איז געשטעלט אויף מוח און מחשבה, האָבן געהאַלטן, אַז דער בעש״ט איז געקומען, כדי „אויפצואוויזן אויף דער גרויסקייט פון דער מעלה פון פשוטע יידן״.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „ספר המאמרים״ [5]: „ביז צו רבינו הבעל־שם־טוב פליגן די תלמידי־חכמים און בני־תורה זיין אָפּגעשיידט פון פשוטע יידן, איז געקומען דער בעל־שם־טוב און האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסקייט פון דער מעלה פון פשוטע יידן״.

און אין נאָמען פון בעש״ט ווערט געטייטשט דער פסוק: „ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו אָרץ״ [6] — פשוטע יידן, וועלכע שטייען אין מאַרק, גייען איבער די דערפער, אין פריצישע גיטער און דערמאָנען דעם אויבערשטנס נאָמען, ציען זייער פּרנסה פון אייגענער פּראַצע, זיינען מחזיק בני־תורה און ברענגען אַריין אַ ספר אין בית־המדרש אַריין מיט גרויס שמחה — אָט־די זיינען „ועמך כולם צדיקים״, און זיי זיינען „לעולם ירשו אָרץ״, וואָרים זיי ווערן מערן יראַת שמים אויף דער וועלט [7].

דער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי האָט דערציילט, אַז זיין רבי, דער מעזריטשער מגיד, האָט אים דערציילט, וואָס ער מיט זיינע חברים פון דער „חבריא קדישא״ האָבן געלערנט ביים בעש״ט אין איין שבת.

דער בעש״ט האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ער פלעגט שבת אויסזעצן פשוטע יידן, און אויך פּאַכטערס, ביי זיין טיש, און ער פלעגט מיט זיי זינגען און ער פלעגט פאַר זיי אויך זאָגן תורה.

די תלמידים האָבן געהאַט אַ הקפּדה דערויף, וואָס דער בעש״ט זיצט מיט פשוטע יידן, און זיי האָבן געטראַכט, אפשר וועט דער בעש״ט זיצן בלויז ביי איין סעודה מיט זיי אַליין, וועט ער זיי מגלה זיין סודות התורה. און צו דער צווייטער סעודה האָבן די פשוטע יידן נישט געהאַט קיין רשות אַריינצוגיין. זיינען די פשוטע יידן דעמאָלט אַוועק אין בית־המדרש און געזאָגט תהלים.

דער בעש״ט האָט געהייסן איינעם פון דער „חבריא קדישא״, ער זאָל זינגען אַ ניגון, און אַלע האָבן אָנגעהויבן מיטצוזינגען. און אַז אַלע האָבן געזען, אַז דער בעש״ט איז מלא שמחה, זיינען זיי אויך געוואָרן פול מיט שמחה.

5) קונטרס ס״ה, זייט 141.

6) ישעיה ס׳, כ״ו — און דיין פאָלק זיינע אַלע צדיקים, אויף אייביק וועלן זיי ירשענען דאָס לאַנד.

7) „רבי ישראל בעל שם טוב״, פאַרלאַג אוצר החסידים, 1960, זייט 64.

האָבן עטלעכע פון דער „חבריא קדישא״ געטראַכט, אַז איצט איז זייער גוט. אַנדערש איז אָבער ווען עס קלייבן זיך צונויף די פשוטע יידן, וועלכע הויבן נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס זייער רבי זאָגט. און אַ שאלה האָט גענומען עקבערן אין זייערע מוחות: „פאַרוואָס איז דער רבי מקרב די דאָזיקע פשוטע יידן?״

דער בעש״ט איז געזעסן פאַרדביקה׳ט און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן תורה: „שלום, שלום לרחוק ולקרוב״ [8], זאָגן אויף דעם די חז״ל [9] „במקום שבעלי תשובה עומדין, צדיקים גמורים אינן עומדין״. דער בעש״ט האָט מדייק געווען דעם נוסח „צדיקים״, און ער האָט געזאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים פון עבודת השם, די עבודה פון צדיקים און די עבודה פון בעלי תשובה, און די עבודה פון די פשוטע יידן איז אין דער מדרגה פון בעלי תשובה, ווייל זיי שטייען אַליין אין הכנעה און שפלות. און ווען דער בעש״ט האָט פאַרענדיקט זאָגן תורה, האָט די „חבריא קדישא״ ווידער אָנגעהויבן צו זינגען אַ ניגון, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער בעש״ט האָט מיט זיין תורה מכוון געווען זייערע מחשבות, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט וועגן די פשוטע יידן.

און דער בעש״ט האָט ווידער געהייסן אַ תלמיד זינגען אַ ניגון, און אינמיטן זינגען האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז יעדער איינער זאָל אַרויפלייגן זיין רעכטע האַנט אויף דער פלייצע פון דעם, וואָס זיצט לעבן אים, אַזוי אַז אַלע תלמידים, וואָס זיצן אַרום דעם טיש, זאָלן זיין אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן, און דער לעצטער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם אַקסל פון בעש״ט און דער בעש״ט האָט געהייסן זיינע תלמידים זיי זאָלן האָבן אַ „התרכזות המחשבה״ [10] — און פלוצלינג האָבן זיי דערהערט אַ מתיקות׳דיק געזאַנג פון תהילים זאָגן, אַ געזאַנג, וואָס איז געווען געמישט מיט תחנונים, וואָס מאַכט דערציטערן די נשמה, אַ געזאַנג פון השתפכות הנפש און גרויס בענקעניש — אַ מין געזאַנג וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט אין זייער לעבן.

דער בעש״ט איז געזעסן פאַרדביקה׳ט און האָט מיטגעזונגען מיט דעם פלאַימדיקן געזאַנג.

און ווען דער בעש״ט האָט אויפגעהערט צו זינגען האָבן די תלמידים מער נישט געהערט דאָס וואונדערלעכע געזאַנג.

און דער בעש״ט האָט צו זיי געזאָגט:

„דאָס געזאַנג וואָס איר האָט געהערט, איז דאָס געזאַנג פון די פשוטע

8) ישעיה נ״ז, נ״ט — שלום, שלום, צום ווייטן און צום נאָענטן.

9) ברכות דף ל״ז, עמוד ב׳ — דאָרט וואו בעלי תשובה שטייען, שטייען נישט קיין צדיקים.

10) קאָנצענטראַציע פון געדאַנק — אַ מיסטיש־חב״דישער אויסדרוק.

יידן, וועלכע זאָגן תהילים אין בית־המדרש. איר האָט זוכה געווען צו הערן דאָס דאָזיקע געזאַנג״.

און פון דעמאָלט אָן האָבן די תלמידים פון בעש״ט׳ די „חבריא קדישא״, תמיד געהאַט געגועים, גרויסע בענקענישן צוצוקומען צו דער מדרגה פון די פשוטע יידן, וואָס האָבן געזאָגט תהילים [11]).

פאַרשידענע מעשיות ווערן דערציילט וועגן בעש״ט, ווי אַזוי ער האָט דערהויבן די פשוטע יידן און האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען אין הימל גאָר חשוב.

אַזוי ווערט איבערגעגעבן, אַז עס איז געווען אַ ייד, וואָס זיין אַרבעט איז געווען צו גראָבן ברונעמער. ער האָט קוים געקענט עברי, און ביי זיין אַרבעט פלעגט ער בלויז איבערחזרן די אותיות פון אַלף־בית. האָט דער בעש״ט אויף אים געזאָגט, אַז „הערשל גרעבער האָט אַ דעה אין הימל [12]).

און טיפיש איז די מעשה וואָס ווערט דערציילט וועגן בעש״ט:

איינמאָל איז געווען אַ גרויסע גזירה אויף יידן. האָבן יידן געפאַסט און זיינען אַוועק אין שול זאָגן תהלים. אָבער דער מקטרג האָט נישט צוגעלאָזט די תפילות. די גזירה איז אָפּגעשריגן געוואָרן צוליב אַ פשוטער יידענע, און דער בעש״ט האָט געזאָגט צו ר׳ נחמן האָראָדענקער:

„ווען אַלע יידן האָבן געזאָגט תהלים, איז געשטאַנען אַ יידענע אין דער ווייבער־שול. זי האָט קיין תהלים נישט געקאָנט זאָגן. זי האָט געהערט די בכיות און יללות און האָט אַזוי געזאָגט: ׳רבונו של עולם, דו ביסט דאָך אונדזער טאַטע. דיינע קינדער בעטן דיך מיט ביטערע געוויינען. איך האָב פינף קינדער, איז אַז זיי הייבן אָן שרייען, קאָן איך נישט איבער־טראָגן, היינט דו, טאַטע אין הימל, דו האָסט אַזויפיל קינדער, אַפילו ווען דו זאָלסט האָבן אַ טאַטעריש האַרץ דאַרפסטו זיי ענטפערן... טאַטע, ענטפער דיינע קינדער!׳״.

און די דאָזיקע פשוטע ווערטער האָבן פאַרמאַכט דאָס מויל פון מקטרג און די גזירה איז בטל געוואָרן [13]).

אָט מיט אַזעלכע פשוטע ווערטער׳ ווען זיי קומען נאָר פון האַרצן, קאָן מען עפענען אַלע טויערן פון הימל און אָפּשרייען אַלע גזירות, האָט חסידות געלערנט.

11) די מעשה איז איבערדערציילט געוואָרן באַריכותדיקער אין אַ בריוו פון ליו־באַוויטשער רבין, ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן, אין „קובץ מכתבים״ א׳, וואַרשע, אלול תרצ״ז, און „התמים״, חוברת ב׳, זייטן 69־72. זע אויך ד״ר יהודה אבן שמואל, „ממשנתו של רבי ישראל בעל שם טוב״, אין „ספר הבעש״ט״, זייט 85.

12) „ספר המאמרים תש״ט״, קונטרס ס״ד, זייט 87.

13) „לקוטי דיבורים״, ערשטער באַנד, ליקוט ג׳, זייט 146.

צווייטער טייל:

די ערשטע ספרים פון בעש"ט, זיינע תורות, משלים און מעשיות

כב. די ערשטע ספרים וואו עס ווערן געבראַכט תורות און מאמרים פון בעש"ט

כג. „שבחי הבעש"ט" — די ערשטע זאַמלונג פון מעשיות וועגן ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים

כד. אַ מעשה פון „שבחי הבעש"ט" — אַ היסטאָרישער פאַקט

כה. מאמרים פון ר' ישראל בעל־שם־טוב

כו. מעשיות וועגן ר' ישראל בעל־שם־טוב

כז. ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע משלים

קאַפּיטל כב

די ערשטע ספרים, וואו עס ווערן געבראַכט תורות און מאמרים פון בעש״ט

דאָס ספר „צוואת הריב״ש". — אַ זאַמלונג פון ווערטער און מאמרים פון בעש״ט. — ווי אַזוי דאָס ספר איז געפונען געוואָרן אין כתב־יד. — די ספרים: „לקוטים יקרים", „כתר שם־טוב" און פאַרשידענע אַנדערע ספרים וואו ס׳ווערן געבראַכט תורות און מאמרים פון בעש״ט.

אין דער חסידישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ קליין ספרל מיטן נאָמען צוואת הריב״ש". דער דאָזיקער נאָמען קאָן פאַרפירן דעם פשוטן לייענער, ער קאָן מיינען אַז דאָס איז אַ צוואה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אָבער אין דער אמתן איז דאָס נישט קיין צוואה אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. דאָס ספרל דאַרף אויך נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ ווענדונג, וואָס דער בעש״ט זאָל האָבן געשריבן פאַר זיין פטירה, ווי זיין לעצט וואָרט, אָדער אָנזאָג צו זיין משפחה און מקורבים. דער בעש״ט האָט אַזאַ צוואה נישט געמאַכט, נישט מינדלעך און נישט שריפטלעך. דערצו איז דער גאַנצער אינהאַלט פון ספרל נישט אין כאַראַקטער פון א צוואה[1].

דאָס קליינע ספרל איז אויך נישט איינע פון יענע „אגרות מוסר" — צוואות, וואָס אייניקע גדולים האָבן געשריבן פאַר זייערע פאַמיליעס און מקורבים, אין אַ געוויסער תקופה פון זייער לעבן; דער בעש״ט האָט אַזאַ „אגרת מוסר" נישט געשריבן.

דאָס דאָזיקע קליינע ווערק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צוואת הריב״ש", איז בלויז אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע מאַמרים, וואָס דער בעש״ט האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים און מקורבים אין פאַרשידענע צייטן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

אַזוי זאָגט דער ליאַדיער רבי, דער גרינדער פון דער חב״ד־שיטה אין חסידות, אין זיין „תניא", ח״ד, אין פרק כ״ה, וואָס איז געבויט אויף אַ שטעל פון „צוואת הריב״ש", אַז: „הגם שבאמת אינה צוואתו ולא צוה

1) זע: ש. צ. זעצער: „די צוואה פון בעל שם" — אין יידיש, העפט 1, ניו־יאָרק 1934, 64 זייטן; העפט 2, 56 זייטן.

כלל לפני פטירתו, רק הם לקוטי אמרותיו הטהורות שלקטו לקוטי בתר לקוטי ולא ידעו לכוון הלשון על מתכונתו (בלשון הקודש), כי הבעש״ט הי׳ אומר ד״ת (דברי תורה) ב״א (בלשון אַשכנז) ולא בלה״ק״ (בלשון הקודש). — הגם אין דער אמתן איז דאָס נישט זיין (דעם בעש״ט׳ס) צוואה און ער האָט עס בכלל גאָרנישט אָנגעזאָגט פאַר זיין פּטירה, נאָר דאָס זיינען זאַמלונגען פון זיינע מאמרים, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט ווי מכוון צו זיין דאָס לשון אין די כוונות פון בעש״ט, ווייל דער בעש״ט האָט געזאָגט זיינע תורה׳ס אין יידיש און נישט אין לשון־קודש.

דאָס קליינע ספרל „צוואת הריב״ש״, איז טאַקע בלויז אַ זאַמלונג פון ווערטער און מאמרים פונעם בעש״ט.

און ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין איינע פון די אויסגאַבעס פון „צוואת הריב״ש, האָט מען געפונען די דאָזיקע כתבים נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ ישעיה יאַנאָווער [2]).

מיר ווייסן נישט גענוי ווען דאָס ספרל „צוואת הריב״ש״ איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן. די ביבליאָגראַפן גיבן אָן די ערשטע אויס־גאַבע אין יאָר 1792; אַזוי ווערט דאָס ספרל פאַרצייכנט ביי פרידבערג, בן־יעקב און דובנאָוו. דוד כהנא אין זיין ספר „תולדות המקובלים השבתאים והחסידים״ גיט אָן דעם דרוק זשאָלקעווע און דאָס יאָר תקנ״ג — 1793.

מיר האָבן אַ פולן נוסח פון שער־בלאַט פון ספר „צוואת הריב״ש״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן: יום א׳ מנחם שנת תקנ״ד, לבוב (?) — 1794. לויט ווי דער יידישער פאָרשער און ביבליאָגראַף א. מ. האַבערמאַן גיט אָן [3]), געפינט זיך אין דער דאָזיקער אויסגאַבע ווי אַ צוגאָב, אַ „יהי רצון״, צו זאָגן בעתן טובל זיין זיך אין דער מקוה, וואָס געפינט זיך נישט אין אַנדערע אויסגאַבעס. דער „יהי רצון״ גייט אַזוי: „וכן יהי רצון מלפניך ה׳ או״א כשם שאני מטהר א״ע (את עצמי) למטה כן תטהר את נשמתי מלמעלה בנהר דינור...״

אין דער אויסגאַבע פון ר׳ אלעזר שענקיל פון טאַרנע, געדרוקט אין קראָקע אין דער דרוקעריי פון יוסף פישער, 1896, זיינען צוגעדרוקט

2) ווערט אויך אָנגערופן ר׳ ישעיהו פון דינאָוויץ. געווען איינער פון די יינגערע תלמידים פון בעש״ט און שפּעטער אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד. נפטר געוואָרן כ״ב אייר תקנ״ד — 1794.

3) דער יידישער פאָרשער און ביבליאָגראַף א. מ. האַבערמאַן האָט צונויפגע־שטעלט אַ ביבליאָגראַפיע פון אַלע דרוקן פון „צוואת הריב״ש״ (א. מ. הברמן: „ספר ׳צוואת הבעש״ט׳ ושאר הליקוטים הקדמונים מדברי הבעש״ט״; אין „ספר הבעש״ט״, מוסד הרב קוק, ירושלים, 1960, זייטן 38־49. לויט זיין ביבליאָגראַפיע קומט אויס, אַז דאָס ספרל איז געדרוקט געוואָרן 26 מאָל. ער רעכנט אָבער נישט אַריין די אויסגאַבע פון ש. צ. זעצער, וואָס ווערט דערמאָנט אויבן אין הערה 1.

געוואָרן: א) אַ בריוו פון רבין ר׳ בער, דער מגיד פון מעזעריטש, צו ר׳ לייב שרה׳ס; ב) אַ בריוו פון ר׳ יעקב שמשון שעפּיטאָווקער צום רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש; ג) אַ בריוול פון רבין ר׳ הערשעלע זידיטשאָווער; ד) צוואת הרה״צ תלמידי הבעש״ט.

דער „צוואת הריב״ש איז אויך געדרוקט געוואָרן אונטער טיטל: „שבחי וצוואת הריב״ש״, געדרוקט אין לעמבערג אין יאָר 1826.

די מתנגדים זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט ווען ס׳איז דער־שינען דער „צוואת הריב״ש״, און לויטן באַפעל פון ווילנער גאון איז דאָס ספרל פאַרברענט געוואָרן, ערב פסח אין יאָר תקנ״ו — 1796, ביי אַ גרויסער אַסיפה פאַר ביעור חמץ ביי דער שול [4]. אויך אין גאַליציע איז אויסגערופן געוואָרן אַ חרם אין יאָר תקנ״ט — 1799, אויף „איזה ביכלך המכונים צוואת הריב״ש ולקוטי יקרים״ (געוויסע ביכלעך, וואָס ווערן אָנגערופן צוואת הריב״ש און לקוטי יקרים).

דער כעס פון די מתנגדים, גיט אָן האָבערמאַן, איז געווען, ווייל אין די דאָזיקע ביכלעך ווערט געזאָגט וועגן שאָקלען זיך ביים דאַווענען אַז: „ווען אַ מענטש טרינקט זיך אין אַ טייך און ער מאַכט פאַרשידענע באַווע־גונגען, דערנאָך ווען ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער, וועלן זיכער די וואָס זען אים, פון אים נישט לאַכן, וואָס ער האָט געמאַכט משונהדיקע באַוועגונגען אין טייך. אַזוי איז אויך ווען אַ מענטש דאַוונט און ער מאַכט באַוועגונגען, זאָל מען פון אים נישט לאַכן, ווייל ער ראַטעוועט זיך פון דעם שטורמישן וואַסער, וואָס דאָס זיינען די קליפּות, וועלכע קומען אים שטערן אין זיינע מחשבות ביים דאַוונען״ [5]).

כדי צו פאַרמיידן מחלוקתן האָבן געוויסע דרוקער אין רוסלאַנד איבערגעדרוקט דעם „צוואת הריב״ש״, און געביטן דעם נאָמען פון ספר, געענדערט דעם צוזאַמענשטעל און אַרויסגעלאָזט געוויסע שטעלן, אָבער דאָך איז פאַרבליבן דער נאָמען פון ספר לויטן ערשטן מקור.

„ליקוטים יקרים״

אַ צאָל מאמרים וואָס ווערן געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״, געפינען זיך שוין אין ספר „לקוטים יקרים״, וואָס איז געבראַכט געוואָרן צום דרוק דורך ר׳ שמואל בר יהודה ליב סג״ל, געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין לעמבערג אין יאָר תקנ״ב — 1792.

ווי עס ווייזט אויס האָט די ערשטע אויסגאַבע געהייסן „לקוטים יקרים״, נישט „ליקוטי יקרים״, ווי געוויסע פאָרשער גיבן אָן, אָבער אין די שפּעטערדיקע דרוקן האָט מען עס גערופן „ליקוטי יקרים״.

4) פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו, „געשיכטע פון חסידיזם״, זייטן 113־114.
5) „ליקוטי יקרים״, י״ד, ב׳.

„כתר שם טוב"

מיר האָבן שוין גישט איינמאָל דערמאָנט, אַז דער בעש"ט האָט זיין תורה נישט פאַרשריבן. דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעגעבן זיין שיטה, דורך זיינע מאמרים, איז געווען זיין תלמיד ר׳ יעקב יוסף הכהן פון פולנאָה, וואָס ער האָט געבראַכט די רייד פון בעש"ט אין זיינע פיר ספרים, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אַ צוואַנציק יאָר נאָך דער פטירה פון בעש"ט. זיי זיינען: „תולדות יעקב יוסף", „בן פורת יוסף", „צפנת פענח" און „כתונת פסים" [6]).

אין די דאָזיקע ספרים ווערן געבראַכט מאַמרים פון בעש"ט, וואָס זיין תלמיד האָט אַליין געהערט פון בעש"ט, אָדער פון זיינע חברים, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט מאַמרים פון בעש"ט.

ביי די דאָזיקע מאמרים צייכנט אָן ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה: „שמעתי ממורי", „שמעתי בשם מורי" („איך האָב געהערט פון מיין רבין", אָדער „איך האָב געהערט אין נאָמען פון מיין רבין").

שמואל ה. דרעזנער ווייזט אָן אין זיין בוך „דער צדיק" [7]), אַז טייל־מאָל גיט ער צו „ז"ל" אָדער „זלה"ה", דאָס מיינט, אַז טייל מאַמרים האָט דער תלמיד פאַרשריבן ווען דער בעש"ט האָט נאָך געלעבט און טייל מאמרים נאָך דעם בעש"ט׳ס פטירה. דרעזנער האָט צונויפגערעכנט, אַז אין „תולדות יעקב יוסף" געפינען זיך 249 מאָל תורות און מאַמרים פון בעש"ט; 114 מאָל אין „בן פורת יוסף"; 107 מאָל אין „צפנת פענח" און 66 מאָל אין „כתונת פסים", צוזאַמען 536 מאַמרים, תורות, משלים און ווערטער פון בעש"ט.

מאַמרים פון בעש"ט געפינען זיך אויך אין די צוויי ספרים פון דעם תלמיד פון בעש"ט — דער מעזעריטשער מגיד: „מגיד דבריו ליעקב" אָדער „לקוטי אמרים" (קאָרעץ, תרמ"ד).

אַחוץ די אויבנדערמאָנטע ספרים זיינען דעם בעש"טס רייד אָפּגע־היטן געוואָרן אין אַנדערע ספרים, וואָס די מחברים זיינען געווען נאָענט צום בעש"ט אין צייט אָדער אָרט, ווי אין „דגל מחנה אפרים" (קאָרעץ תק"ע — 1810) פון ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, אַן אייניקל פון בעש"ט, אין ספר „אור המאיר" (קאָרעץ, תקנ"ח — 1798) פון ר׳ וואָלף זשיטאָמירער, „מאור עינים" און „ישמח לב" פון רבין ר׳ נחום טשער־נאָבילער (סלאַוויטע, תקנ"ח — 1798).

אַ ספּעציעל ספר מיט מאַמרים פון בעש"ט איז דאָס ספר „כתר שם טוב", אין צוויי חלקים, וואָס אַ חסיד מיטן נאָמען ר׳ אַהרן במהור"ר צבי

6) פּראָפ. ש. דובנאָוו האַלט, אַז דער „כתונת פסים" איז אַ זיוף, און עס איז נישט פון ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה.

7) Samuel H. Dresner: "The Zadik", Abelard Schuman, New York, p. 251.

הכהן פון אַפּטע האָט מלקט געווען פון די ספרים: „בן פורת יוסף״, „תולדות יעקב יוסף״, „צפנת פענח״ און „ליקוטי אמרים יקרים״ [8]).

דער „כתר שם טוב״ איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. בנימין מינץ האָט אין זיין ספר „שבחי הבעש״ט״ [9]) איבערגעדרוקט דאָס ספר „ליקוטי כתר שם טוב״, וואָס איז געפונען געוואָרן אין דער ביבליאָ־טעק פון גערער רבין, ר׳ אַברהם מרדכי אַלטער, און איז געדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער העפטל אין וואַרשע אין יאָר תר״ע — 1920, אונטערן נאָמען „ליקוטי בעש״ט זצלה״ה״.

אויך הרב הרשקוביץ פון בני ברק האָט אַרויסגעגעבן אין תשי״ז — 1957, דעם „כתר שם טוב״, און ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז אַזוי ווי דאָס ספר איז שוין עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און די דרוקער האָבן אויסגעלאָזט אַ צאָל מאַמרים, האָט ער צונויפגענומען די אַלע מאַמרים, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע אויסגאַבעס פון „כתר שם טוב״, און זיי אַריינגעשטעלט אין זיין אויסגאַבע.

„דרכי ישרים״

דאָס ספרל „דרכי ישרים״ האָט אַ זאַמלונג פון ווערטער פון בעש״ט און אויך „הנהגות ישרות״ פון רבין ר׳ מענדל פון פרעמישלאַן און פון מעזעריטשער מגיד, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן ר׳ אַברהם אַבלי פון טשידנאָוו, וועלכער איז פריער געווען מו״ץ אין וויטקאָוו. עס איז אויך צוגעגעבן „הודו״ מיט אַ פירוש פון ר׳ ישראל בעש״ט. מען רעכנט, אַז דאָס ספרל איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין זשאָלקעווע בערך אין יאָר תקנ״ד — 1794.

ווי א. מ. האַבערמאַן גיט אָן אין זיין ביבליאָגראַפיע, איז דאָס ספרל „דרכי ישרים״, איבערגעדרוקט געוואָרן 15 מאָל, און אין געוויסע אויס־גאַבעס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן הנהגות און בריוו פון אַנדערע רביים.

„ספר מרבי ישראל בעל שם טוב״

דאָס „ספר מרבי ישראל בעל שם טוב״ האָט אַ זאַמלונג פון ווערטער, פון וועלכע דער כתב־יד האָט זיך געפונען ביים רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, און איינער פון זיינע תלמידים האָט דעם דאָזיקן כתב־יד מעתיק געווען. דאָס ספרל איז צום ערשטן דערשינען אין זשיטאָמיר, אין יאָר תקס״ה — 1805.

אויפן שער־בלאַט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע שטייט אָנגעגעבן:

8) געדרוקט געוואָרן אין זשאָלקעווע, תקנ״ד־תקנ״ה — 1785־1784.
9) הוצאת תלפיות, תל־אביב, תשכ״א — 1961, מיט אַן אַריינפיר.

„נדפס פה ק״ק זיטאָמיר עיר גובערני תחת ממשלת אדונינו הקיסר אָווסע פרימו ועטליוסי וועלקי ססאדאר ימפּיראַטאָר אָלכסנדר פּאולוץ סאַמאָ דרזיטשי ווסיע ראָסיע ירום הודו״...

דאָס דאָזיקע ספרל איז נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין לאַשטשאָוו, אין יאָר תקע״ו — 1856.

„ספר קטן״

דאָס „ספר קטן״ איז אַ קליין ספרל, אַ פּירוש פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אויף „הודו״.

לויט ווי האַבערמאַן גיט אָן, האָט דאָס ספרל געהייסן „שם טוב קטן״. דאָס דאָזיקע ספרל איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין סלאַוויטע, אין יאָר תקע״ט — 1819, און איז פינף מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

אַהרן מאַרקוס שרייבט, אַז דער בעש״ט האָט מחבר געווען זיין פּירוש אויף „הודו״, נאָכדעם ווי עס איז מיט אים געשען אַ נס, ווען ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל און די שיף איז געזונקען און ער איז ניצול געוואָרן. דער בעש״ט האָט דעמאָלט אויך איינגעפירט דעם מנהג צו זאָגן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל תהלים ק״ז, יעדן ערב שבת פאַר מנחה. דאָס קאַפּיטל איז אַ לויבגעזאַנג צום אייבערשטן פאַר די וואָס גייען אַדורך די מדבריות, פאַר די וואָס גייען אַרויס פון תפיסה, פאַר קראַנקע וואָס זיינען געזונט געוואָרן און פאַר די וואָס פאָרן מיט שיפן איבערן ים.

חסידים זאָגן „הודו״ ערב שבת פאַר מנחה ביזן היינטיקן טאָג [10].

„ספר בעל שם טוב״

נאָך דעם ווי עס איז דערשינען דאָס ספר „כתר שם טוב״ זיינען דערשינען אַ צאָל ספרים, זאַמלונגען פון ווערטער פונעם בעש״ט.

דאָס גרעסטע ספר פון דעם סאָרט איז „ספר בעל שם טוב״, וואָס איז דערשינען אין גרויסן פאָרמאַט אין לאָדזש, אין יאָר תרצ״ח — 1938, אַ יאָר פאַר אונדזער דריטן חורבן. דאָס ספר איז אַ זאַמלונג פון דעם בעש״ט לויט די פּרשיות פון דער תורה און מועדים, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך ר׳ נתן נטע הכהן, רב אין קאָלביעל, און איז צונויפגעשטעלט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן צום דרוק דורך דעם שו״ב ר׳ שמעון מנחם מענדיל פון גאָוואַרטשאָוו. דאָס ספר איז אַרויסגעגעבן אין צוויי טיילן מיט אַ פּירוש „מקור מים חיים״ אויף די מאמרים פון בעש״ט [11]. ווי אַ הקדמה איז אָפּגעדרוקט אַ קונטרס „מאירת עינים״ —

10) אַהרן מאַרקוס, „החסידות״, הוצאת נצח, תל־אָביב 1953, זייט 316.

11) דער ערשטער טייל האָט 284 זייטן. דער צווייטער טייל 308 זייטן. דאָס ספר

אַ זאַמלונג פון מאַמרים פון די תלמידים פון בעש״ט און פון תלמידים פון זיינע תלמידים, וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן בעש״ט [12]).

דער מחבר פון „ספר בעל שם טוב״ האָט צונויפגעזאַמלט מאמרים פון בעש״ט פון 210 ספרים, ווי ער גיט אָן אין סוף פונעם ספר

איז נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאָטאָ־אָפסעט, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין מערב־דייטשלאַנד.

12) דער דאָזיקער קונטרס „מאירת עינים״ איז נאָכאַמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין ספר „שבחי הבעש״ט״, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן הרב בנימין מינץ, מיט הוספות וועגן בעש״ט, אַרויסגענומען פון ספר „פאר ישרים״, אַ זאַמלונג פון ווערטער פון ר׳ פנחס קאָריצער און זיין תלמיד ר׳ רפאל פון בערשאַד.

קאַפּיטל כג

שבחי הבש״ט — די ערשטע זאַמלונג פון מעשיות וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים

וועך איז געווען דער מחבר פון „שבחי הבעש״ט״ און ווען איז דאָס ספר צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן? — די פאַרשידענע אויסגאַבעס פון „שבחי הבש״ט״ אין לשון קודש, יידיש און לאַדינאָ. — די יידישע ווערטער וואָס געפינען זיך אין „שבחי הבעש״ט״.

ש„שבחי הבעש״ט״, דאָס ערשטע ספר צווישן די חסידישע לעגענדע־ספרים מיט די הויפּט־מעשות וועגן בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים, איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין קאָפּוסט, אין יאָר 1815, ד. ה. פינף און פופציק יאָר נאָך ר׳ ישראל בעל־שם־טובס פּטירה. אין דעם זעלביקן יאָר איז דער ספר איבערגעדרוקט געוואָרן אין באַרדיטשעוו און אין לאַשטשעוו. אַ יאָר שפּעטער, אין 1816, איז „שבחי הבעש״ט״ אַרויס אויף יידיש — אין נאָווידוואָר, קאָריץ, אָסטראָ און לאַשטשעוו. אין משך פון צוויי יאָר זיינען אַרויס דריי אויסגאַבעס אויף העברעאיש און פיר אויף יידיש [1]. דער חסידות־פאָרשער יצחק רפאל האָט צונויפגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפיע פון אַלע אויסגאַבעס [2]. מיר איז אויסגעקומען אָנ־צואווייזן אַז זי איז ניט קיין פולשטענדיקע און צוצוגעבן מילואים [3]. עס באַקומט זיך אַז „שבחי הבעש״ט״ איז געדרוקט געוואָרן אין העברעאיש 26 מאָל, אין יידיש 22 מאָל און אין דזשודעזמאָ (לאַדינאָ) 2 מאָל.

די לעגענדעס וואָס זיינען אַריין אין דעם ספר האָבן זיך דערציילט די אָנהענגערס פון בעש״ט במשך פון צוויי דורות: זיי זיינען פאַרשריבן

1) זע: יוסף אָפּאַטאָשוס הקדמה צו „מעשות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, ציקאָ, ניו־יאָרק, 1957.

2) יצחק רפאל, „שבחי הבעש״ט״, „ארשת״, מוסד הרב קוק, ירושלים, תש״ך, זז׳ 358־377.

3) זע: „ארשת״, תשכ״א; „טאָג מאָרגען־זשורנאַל״ פון 5טן יוני 1961.

שבחי הבעש״ט

והוא ספורי נפלאות ונוראות מכבוד אור ישראל וקדושו המאיר לארץ ולדרים עליה באור תורה ועבודה הרב האלקי מ' ישראל בעש"ט זצ"ל ותלמידיו הקדושים אשר נתאבקו בעפר רגליו לשתות בצמא בריון דא"ח : והגם כי הם נעתקה מן הכ"י עכ"ז והקה הזו ש"ד נגד"ו וכו' ורבו התועליות המשכים מזה להלהיב לבות ב"א לעבודתו ית' מבואר בהקדמה :

בדפוס של הרבני הנגיד המופלג מו' ישראל במהור"ר יצחק יפה ז"ל :

Съдозволенія Виленской Цензуры

ВЪКОПЫСЬ

בקאפוסט

לפרט ויעל אל ישראל אבי לפ"ק.

דער שער־בלאַט פון „שבחי הבעש״ט", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1815 אין קאַפּוסט.

געוואָרן, זיינען קאָפּירט געוואָרן אין פאַרשיידענע העתקות, ביז זיי זיינען געדרוקט געוואָרן א. ג. „שבחי הבעש״ט". דער צונויפקלייבער פון די מעשיות איז געווען ר׳ דוב־בער בר׳ שמואל, דער שוחט פון ליניץ. עס זעט אויס אַז ער האָט פאַרריכט די פאַרשיידענע נוסחאות, האָט אויסגעלאָזן דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף אויסלאָזן און האָט די מעשיות צונויפגענומען אין איין קונטרס. דער ר׳ דוב־בער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ אלכסנדר שוחט, וואָס איז געווען אַ צאָל יאָרן דער סופר ביים בעש״ט גופא, ווי דאָס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט".

דער ערשטער וואָס האָט געדרוקט דעם ספר איז געווען ר׳ ישראל בר׳ יצחק יפה, וואָס האָט געהאַט אַ דרוקעריי אין קאָפּוסט און איז געווען אַ מקורב פון ר׳ שניאור־זלמן פון ליאַדי. ווי עס ווייזט אויס האָט דער דרוקער אַריינגעבראַכט געוויסע שינויים אין סדר פון די מעשיות, אין פאַרגלייך מיט דעם ווי זיי זיינען געווען ביים מחבר ר׳ דוב־בער [4]. אין דער קאָפּוסטער אויסגאַבע פון 1851 ווערט נישט דערמאָנט אויפן שער־בלאַט דער נאָמען פון מחבר, נאָר אין דער הקדמה ווערט יאָ דערמאָנט דער נאָמען פון ר׳ דוב־בער, דעם שוחט פון ליניץ.

אין דער צווייטער אויסגאַבע, געדרוקט אין באַרדיטשעוו, פעלט די מעשה אַז דער בעש״ט זאָל האָבן געזאָגט — אַז זיין זון ר׳ הערשעלע איז געבוירן געוואָרן „על־פי הדיבור", ווייל ער איז פערצן יאָר געווען אַ פּרוש פון זיין ווייב.

קיין איין חסידות־פאָרשער קען ניט אויסקומען אָן „שבחי הבעש״ט", און דאָך איז ביז איצט ניט אַרויס קיין וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון דעם ווערק וואָס זאָל געבן אַ פולן אינדעקס פון די נעמען און פון די שטעט וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם ספר. אין „שבחי הבעש״ט" ווערן דערמאָנט אַן ערך פופציק ערטער, וואו דער בעש״ט איז געווען; דרייסיק צווישן זיי זיינען אין פּאָדאָליע און וואָלין, מער פון צען אין מזרח־גאַליציע און די אַנדערע אין ווייס־רוסלאַנד [5]. אין „שבחי הבעש״ט" ווערן דערמאָנט 115 נעמען פון זיינע תלמידים און מקורבים, אָבער נישט וועגן אַלע ווייסן מיר וועד זיי זיינען געווען. איך האָב באַאַרבעט דעם „שבחי הבעש״ט" אויפן סמך פון דער ערשטער קאָפּוסטער אויסגאַבע, צונויפגעשטעלט אַן

4) אין מיטן פון דף ד׳ איז דאָ: „עד כאן שמעתי בשם אדמו״ר נבג״מ סדר ההשתלשלות, והמעשים הנפלאות שאירע בינתים אכתוב ככתוב בכתבים לידי" („ביז אַהער האָב איך געהערט פון מיין רבין, זיין נשמה רוט אין גן־עדן, און די מעשיות און די וואונדער וואָס זיינען געשען אין צווישן וועל איך שרייבן לויט די כתבים וואָס איך האָב געקראָגן").

5) זע: בן ציון דינור, „במפנה הדורות", מוסד ביאַליק, ירושלים, 1955, אין זיין מאמר „ראשיתה של החסידות ויסודותיה הסוציאליים והמשיחיים", „ציון", ח׳, תש״ג, ז. 113.

אינדעקס פון אַלע נעמען פון די מענטשן וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט און וועגן יעדערן אַנגעוויזן ביאָגראַפישע ידיעות אויף ווי ווייט דאָס האָט זיך געלאָזט. עס איז אויך גרייט אַ רשימה פון אַלע חסידישע מנהגים וואָס ווערן דערמאָנט אין „שבחי הבעש״ט" מיט אָנווייזונגען פון וואַנען זיי שטאַמען און אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער שינוי. עס איז אויך געגרייט אַ מאַפּע פון אַלע ערטער וואו דער בעש״ט איז געווען, כדי צו וויסן ווי גרויס עס איז געווען זיין השפעה ביי זיין לעבן (אָדער ווי זיינע תלמידים האָבן זיך עס געהאַט פאָרגעשטעלט), וואָס וועט בקרוב דערשיינען.

אין דעם אייגנאַרטיק פאַריידישטן העברעאיש פון „שבחי הבעש״ט" קומען אַריין די יידישע ווערטער מחמת עטלעכע סיבות: (1) ווען דער מחבר וויל איבערגעבן פּינקטלעך עמעצנס רייד (אַזוי ווי אין די שאלות־ותשובות; (2) ווען עס פעלט אים דאָס וואָרט אָדער דאָס פּינקטלעכערע וואָרט אויף לשון־קודש (און דאָס איז אין דעם רוב פאַלן); (3) ווען דער מחבר איז ניט זיכער, צי דער לייענער וועט פאַרשטיין דאָס לשון־קודשע וואָרט וואָס ער נוצט און ער גיט צו דאָס יידישע וואָרט ווי אַ פאַרטייטשונג. עס איז אינטערעסאַנט וואָס אין דער רעלאַטיוו־קליינער זאַמלונג ווערטער איז פאַראַן אַ היפּשע צאָל זעלטענע און אַפילו כמעט פאַרגעסענע ווערטער. פון דעם לאָזט זיך דרינגען ווי רייך עס איז געווען דאָס יידישע לשון אויף דער טעריטאָריע וואו עס איז געווען קאָנטיק די השפעה פון דעם בעש״ט.

מיר גיבן דאָ אַ רשימה פון אַלע יידישע ווערטער וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ערשטער, דער העברעאישער, אויסגאַבע. מיר גיבן זיי צוזאַמען מיט אַ זאַץ אָדער אַ פראַזע פון דעם לשון־קודשדיקן טעקסט. די יידישע ווערטער גיבן מיר פריער אין דעם איצטיקן אויסלייג, און דער אויסלייג פון דעם קאָפּוסטער „שבחי הבעש״ט" ווערט קלאָר פון ציטאַט. אויף אַזאַ אופן וועט מען קענען זען ווי אַזוי די יידישע ווערטער זיינען אַריינ־געפלאָכטן געוואָרן אין דעם העברעאישן טעקסט. דער אויסלייג קען אויך אין געוויסע פאַלן אונדז לערנען ניט בלויז וועגן דעם ווי מען האָט די יידישע ווערטער געשריבן, נאָר אפשר אויך ווי אַזוי מען האָט זיי אַרויס־גערעדט אין דער סביבה פון דעם בעש״טס תלמידים און מקורבים. קענען מיר געווינען אַ צוריקבליק אויף צוויי הונדערט יאָר. עס וואָלט ניט גע־בראַכט קיין נוצן אָנצואווייזן די זייטן פון דער קאָפּוסטער אויסגאַבע, וואָרים דאָס איז אַ יקר־המציאות. ווייזן מיר אָן די זייטן לויט דער אויס־גאַבע וואָס ש. א. האָראָדעצקי האָט באַאַרבעט און וואָס איז אַרויס אין בערלין אין 1922 [6]. האָראָדעצקי האָט די מעשיות אויסגעשטעלט אין אַ

6) ש. א. הורודצקי, „ספר הבעש״ט", ערוך ומסודר מחדש בצרוף מבוא והערות, עינות, בערלין, תרפ״ב. די דאָזיקע אויסגאַבע איז אַרויס נאָכאַמאָל אין תל־אָביב, הוצאת דביר, מיט אַן איבערגעאַרבעטן אַריינפיר און מיט תיקונים אין די פּרקים.

ספורי בעל שם טוב

בנאוי דוואר

NOWO DWOR

w Drukarni J. A. Kriger

די ערשטע אויסגאַבע פון „שבחי הבעש״ט“ אין אידיש, געדרוקט אין יאָר 1826, אין נאָווידוואָר

כראָנאָלאָגישן סדר, האָט געגעבן אַן אַריינפיר און צוגאָבן, האָט געמאַכט זיינע באַמערקונגען און געבראַכט אויסטייטשונגען.

חוץ דער רשימה יידישע ווערטער, גיבן מיר אויך די נעמען פון אַלע שטעט און שטעטלעך און נאָך עטלעכע נעמען פון לענדער און טייכן. דאָס איז נוצלעך צו דערגיין די יידישע געאָגראַפישע נעמען. מיר ברענגען זיי אין דעם אויסצוג פון „שבחי הבעש״ט“ און דערביי גיבן מיר ניט

קיין זאַצן אָדער פראַזעס וואו זיי טרעפן זיך, ווייל דאָס וואָלט קיין נוצן פאַר קיינעם ניט געהאַט.

די רשימה ווערטער נעמט אַרום 107 איינסן [7].

אונטערשטיבל — „והמגיד היה דר בבית קטן... הנקרא אונטער־שטיבל״, ז. 37.

אַלמער — „ועמדתי אצל הבימה שקורין אלמער״, ז. 123. [זעט אויס אַז עס איז ניט דאָס באַקאַנטע וואָרט אַלמער (אַ שאַפע), נאָר אלמימר, אַלמעמער, דיאַלעקטיש אויך: אַמעמאַר, אַמעמער. מעגלעך אַז אויך אַזאַ פאָרעם איז פאַראַן אָדער עס איז אַ גרייז]

אַלקער — „ואלולי שחזר מעט לאַחוריו לתוך האַלקער״, ז. 48.

אַרענדאַר — „ובא הבעש״ט אל הכפר, וכשאַמרו בבית האַרענדר שבא הבעש״ט...״, ז. 88.

אַרענדע — „שכר את האַרנדי בהוספה גדולה״, זז. 90, 93, 94, 95, 105.

באַדעקנס — „ובהגיע החתונה קודם הבידעקענס...״, זז. 86־87.

באַהעלפער — „וישכור א״ע (= את עצמו) להיות בהעלפר״, ז. 13.

באַס — „והיה לו משורר שקורין באַס״, ז. 76.

בייגל — „שול ביגל שלך״, זז. 104, 113.

בילעט — „והיה נוסע בדרך ועשו לו עלילה מחמת הבילעט״, ז. 96.

בעל־טאַקסע — „והיה מעשה שקצב אחד נשאר ב״ח (= בעל־חוב) לבעל־הטאַקשע״, ז. 52. [קען זיין אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ווערט דערמאָנט אין ליטעראַטור דער בעל־טאַקסע, וואָס איז געווען דאָס ציל־ברעט פאַר משכילישע שרייבערס און בעיקר פאַר מענדעלע מוכר־ספרים.]

ברוסליק — „ולבש ר׳ גרשון ברוסלק שנתפר על צמר־גפן״, ז. 35. [אַ וואַרעם רעקל, אַ לייבל אָן אַרבל, אונטערגעפּעלצט מיט וואַטע.]

בריטאַן — „היה לאדון כלב אחד ונקרא שמו בריטאַן״, ז. 51 [ניט קיין יחידישער נאָמען פון אַ הונט, נאָר אַ ספּעציעלער מין פון גרויסע הינט, אויף ענגליש mastiff.] אויף ז. 52 — „ברעטאַן״.

בריקע — „ובא חנוני... עם בריקע גדולה...״, ז. 91.

גאַזעטן — „וכשהגיעו הגאַזעטין בעולם...״, ז. 14. [ד. ה. די נייסן, די ידיעות.]

גילדענער — „ונתן לה תמיד זהב שקורין גילדענער״, ז. 100. [דאָ איז עס אַ סובסטאַנטיוו, אַ גילדענע מטבע.]

7) מיר דאַנקען די יידישע פילאָלאָגן: פּראָפ. יודאַ אַ. יאָפע און יודל מאַרק, רעדאַקטאָר פון דער „יידישע שפּראַך״, פאַר העלפן אויפקלערן דעם באַטייט פון אַ צאָל ווערטער. זייערע דערקלערונגען קומען אין קאַנטיקע קלאַמערן.

געבערג — „והוא הלך להתבודד בין הרים גדולים הנקרא גיבירג״, ז. 18. [אייגנטלעך אַ קייט בערג.]

געוואַנט — „...עם בריקע גדולה עם סחורה גיוואַנט״, ז. 91.

געוואַנט־שניטער — „מעשה בחנוני אחד...שקורין גיוואַנט־שניטער״, ז. 93. [ד. ה. אַ קרעמער פון אַ שניטקראָם; דאָס וואָרט שניטער מיטן זעלביקן באַטייט געהערט אין ליטע.]

גרעבליע — „וציוה שלא יוליכו אותו על הגשר שקורין גרעבליע״, ז. 96. [גרעבליע איז ניט קיין בריק, נאָר אַ דאַמבע. דער מחבר האָט זיך געמיט צו נוצן דאָס נאָענטסטע העברעאישע וואָרט וואָס ער האָט געוואוסט, דערנאָך דערזען אַז עס איז פּאָרט ניט דאָס וואָס ער וויל פאַרטייטשן.]

דאָקטער — „שלחו אחרי דאָקטער...״, ז. 88 א. אַ.

דאָקטעריי — „ושאל אותו מאין יודע דאָקטעריי״, ז. 68.

דונצעס — „והשיבו תשואת חן על אשר שלחת עלי דונצעס״, ז. 55. [דאָס וואָרט איז דערוויל אומפאַרשטענדלעך.]

דייטש — „קרא הבעש״ט לר׳ יוסף ואמר בזה״ל (= בזה הלשון) דאייטש בוא אליי״, ז. 85. „והילך בקובע של דייטש״, ז. 94. [אין ערשטן זאַץ באַטייט דייטש — אַ ייד אָנגעטאָן אין ניט־יידישע, אין דייטשע מלבושים.]

דימענט — „וקנה ממנו אבן טובה הנקרא דימאַנט״, ז. 37.

דערזשאַווניע — „כשהיה הבעש״ט אצל הדירזאַווצעס דק״ק סלוצק״, זז. 87, 89. [רייכער אַרענדאַר; תקיף, מיט ביי־טעם פון ביטול. דאָ איז מסתמא דער ערשטער מקור פאַר דעם וואָרט.]

דראַגון — „וצוה לשלוח לק״ק סלוצק דראַגונס״, ז. 89.

האַרבאַטער — „שמעתי מפי ר׳ משה האַרבאַטיר״, ז. 96. [ס׳איז נויטיק זיך צו מערקן די ענדונג ־ר ביי אַן אַדיעקטיוו וואָס קומט פון סלאַוויש.]

הערמאַט — „באו אותן פולין עם קנה שריפה גדולה שקורין הערמאַטע״, ז. 120.

הוט — „לבוש בגדי שבת וכובע על ראשו שקורין הוט״, ז. 84. [דאָ איז הוט ניט דער אַלגעמיינער נאָמען פון דעם וואָס מען טראָגט אויפן קאָפּ, נאָר אַ ספּעציעלער מין, אַ ניי־מאָדישער פאַר יענער צייט.]

הוסט — „והתחיל לשעול שקורין הושט״, ז. 126.

היידאַמאַק — „או שיפלו על היידאַמאַקין ויגזלו ממך את ממונך״, ז. 84; „הידאַמאַקעס״ — ז. 119.

הינטערשטעליק — „ונשארת הינטר־שטעליק״, ז. 22. [ד. ה. געבליבן פון הינטן.]

הינערפלעט — „ואחר נסיעתו התעלף שקורין בל״אַ (=בלשון אַשכנז, ד. ה. אויף יידיש) הינער פלעט", ז. 33. ס׳איז אויך דאָ די פאָרעם הינער־בעט — „...לפעמים שוכבים בהינער בעט", ז. 5.

העכט — „והביאו דג גדול שקורין העכט", ז. 125.

העמבאַר — „ופשטתי הבגדים לתחתית הספינה שקורין העמבאַר", ז. 36. [אייגנטלעך אַמבאַר, אוקראַיניש, רוסיש, פון פערסיש; אויך אַ תלמודיש וואָרט: אמבר, אמברא, וואָס באַטייט, חוץ לאַגערן פאַר זאַכן, אויך שאַץ־קאַמער.]

וואַלקולאַק — „נתהפך המכשף לחי׳ רעה הנקראה וואקילאק", ז. 13. [נאָך אַ פאָרעם פון דעם וואָרט וואָס האָט אַ צאָל נוסחאות: וואָלפקולאַק, וואָלקעלאַק, וואַקעלאַקע, וואָוקעלאַק(ע) און אפשר אַנדערע.]

וואָס מאַכט... — „...שאל את אנשי העיר על שלום האָח הג׳ בזה״ל (=בזה הלשון): וואָש מאַכט מיין מתנגד?", ז. 107.

זאַווערוכע — „וראו בני הבית שהתחיל הרוח להתגלגל כמו זאַווירוחע", ז. 75.

זייגער — „ותיקן בתוך כך הזייגער [משמעות אַ טעות־הדפוס] שלו", ז. 65; „אָמר להם הסימן, שכאשר יפטור יעמדו שני זייגערש... והזיגר גדול עמד", ז. 118.

זעקסער — „ונתן לו זעקסער", זז. 25, 35, 128.

זשופּיצע — „ועשה לו זופיצא של הביליע״ה" [8], ז. 25; אויך „זופיצע", ז. 49.

טאַבאַק — „והיה שואף טאַבק", ז. 35; „והריח טאַבאַק", ז. 65.

טאָוול — „וראה שהוא עם יש״ו (=ימח שמו וזכרו) על לוח אחד שקורין טאָביל", ז. 80.

טאָלער — „אָמר: יש לי שני טאָלער", זז. 123־124.

טוזליק — „והיה לבוש רק טוזליק", זז. 23, 49 א. אַ. [אַ קורצער און וואָלוועלער ווינטערדיקער אייבערמאַנטל, אַ קורץ פּויעריש פּעלצל.]

טיטון — „ויקח... גחלת לשאוף את עשן הטיטון", ז. 112.

טייטש — „כי ראיתי בספרי־טייץ", ז. 20. [אין ספרים אויף יידיש.]

יופּע — „ותטול מן המוט יופע שאַת מבקשת", ז. 15.

לאַטאַקס — „והבעש״ט עכב את העגלה והעמיד את הלאַטאַקס", ז. 91 [זייער אַן אינטערעסאַנט וואָרט, באַטייט: פאָדערשטע אַקס. ׳לאַט׳ איז פון leiten, אייגנטלעך — לייטאַקס.]

ליולקע — „ועישן לולקע", זז. 50, 74, 81 א. אַ.; אויך „לילקי", ז. 29, 75.

ליטוואַק — „כי הם הכירו אותו שהוא לעטוויק", ז. 45.

8) דאָס וואָרט איז ניט פאַרשטענדלעך. קאָן זיין, אַז די הא איז אַ הא הידיעה און דאָס וואָרט איז ביליע, ד. ה. ווייסע לייוונט.

ליטער — „...שהיה ביכלתו לקנות א׳ לאיטער יי״ש״, ז. 95. [איז דער
אַרויסרייד געווען: לייטער, לאַטער?]
מאַרדער — „עורות של מאַרדער״, ז. 25.
מאַיאָר — „לשלוח... דראַגונס עם שר המאַיאָר״, ז. 89.
מיטעלניצע — „התחיל רוח סערה עם שלג הנקרא מיטעלניצע״, ז. 69.
[אויך: מעטעליצע, ד. ה. זאַווערוכע.]
מערידן — „ואָמר לפתוח לה מרידין״, ז. 78.
משוגענער — „ואָמר...: משוגענער נחמן״, ז. 56.
סטעליע — „ראה ר׳ משה שחזירים הולכים על הסטאַליע״, ז. 48.
סטענדער — „והניח ראשו על הסטענדער״, זז. 42, 64. [דאָס וואָרט
שטענדער ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ ס׳ אין אַ צאָל אוקראַינער
ריידעניש, הגם פון דעם אויסלייג קען מען עס נאָך ניט דרינגען.
זען דאָס וואָרט שטיוול.]
סעפעט — „...להכין צדה לדרך ולקחת הסעפט עם כל הבגדים״, ז. 112.
[באַטייט: אַלטער טשעמאָדאַן.]
פאַשאַ — „ששלחו הישמעאלים שר א׳ פאַסי׳ אחריהם״, ז. 32.
פויליש — „יודע לדבר בלשון פולש״, ז. 38.
פולווער — „ולחמו מן המבצר כמעט שכלה הפולווער״, ז. 120.
פעלצל — „וישנה את לבושו כאחד הריקים בפעלציל״, ז. 17.
פראָטעסט — „וצעק הרב: אתם עדים בלשון פולין פראָטעסט״, ז. 102.
[דער מחבר האָט עס אויפגענומען ווי אַ פויליש וואָרט.]
פאַטשיילע — „ונתנה לו פאַטשילע״, ז. 41; „והוציא מכיס הברסלק [זען
ברוסליק] הפאַטשיילע״, ז. 35.
פאַקטער — „שלחו את הפאַקטער״, ז. 95.
פור — ויתן בעד פור״, ז. 78; „ויאמר לה לא תסע על הפורין האלו״, ז. 44.
פלעשל — „ונתן פלעשיל יי״ש לגוי״, ז. 56.
פעסל — „היה פיסול מטבעות״, ז. 41.
פרום — „די פרומע ריבעלע״, ז. 127.
ציבוק — „ובדרך עישן את הלולקע, והציבוק היה אָרוך מאוד״, ז. 103.
צירונג — „ויברח עם התכשיטין והצירונג״, ז. 89.
צעטל — „ועל מחצית השני נתנו לו צעטל״, ז. 106; אויך „צעטיל״, ז. 107.
קאַווע — „והגבאי שלו הביא לו ב׳ פעמים קאַווע״, ז. 42.
קאַזאַק — „נדמה לו כמו קאַזאַק גדול״, ז. 75.
קאָמיסאַר — „היו לאנשי העיר יסורים... מהקאָמיסאַר שלהם״, ז. 39 א. אַ.
קאַמער — „לך לחדר שקורין קאַמער״, ז. 15.
קאַמפּיע — „שבאו אצל קאַמפּיע אחד״, ז. 36. [זען דאָס וואָרט קעמפּע.
דאָ איז אויך אינטערעסאַנט דער ׳אחד׳ אַנשטאָט ׳אחת׳.]

קאָנטראַקט — „כי קרוב זמן הקאָנטראַקט״, זז. 39, 90.
קאַפּטן — „לא היו מלבושי כבוד, רק קאַפּטין אחד״, ז. 49; „ולשאול להם כתנות לשבת וקאַפּטינעס״, ז. 81.
קאַראַוואַן — „הולכי קראַוונעס״, ז. 25. [האָט מען אַרויסגערעדט „קראַוון״? איז עס נאָר אַזאַ אויסלייג?]
קאָרטן — „...היינו שמשחקים בקאָרטין״, ז. 94.
קוואָרט — „וקנה אצל שכנו שני קוואָרט יי״ש״, ז. 95.
קוויט — „וחיפש תיכף הקוויטין של המוכסים״, ז. 87.
קיטײַ — „והיה לבוש רק בטיזליק של קיטאַ״, ז. 23.
קיטל — „וקודם מוסף הלך הבעש״ט ובא לבית קטן ללבוש הקיטל״, ז. 63.
קלויז — „י״ב זהובים תתנו לאַנשי הקלויז״, ז. 99; „אויך „קלאוז״, ז. 49.
קלייד — „קלייד של הביליע״ה״, ז. 25.
קעמפּע — „אָמרתי בלבי אם אלך אל הקעמפּין״, ז. 36. [קעמפּע איז אַ קליינער אינדזל, ספּעציעל אויף אַ טייך.]
קריסטאַל — „זכוכית טוב שקורין קריסטאַל״, ז. 14.
קרעדענץ — „והכין קרידענצין״, ז. 14.
קרעטשמע — „ובאם הדרך בקרעצמע״, ז. 86. [עס טרעפט זיך אויך די אינטערעסאַנטע פאָרעם] קרעצים — „והבטיח המוכסן לעשות כן ועמדו אצלו בקרעצים״, זז. 69, 87. [דערפון איז ניט געדרונגען אַז דער אַרויסרייד איז געווען מיט אַ צ׳, נאָר מען איז געווען אומבאַהאָלפן ביים איבערגעבן דעם קלאַנג טש.]
קרעטשמער — „והיה פלא לבעל הקרעצימער״, ז. 86. [דעם בעל־ קען מען באַטראַכטן ווי אַ מיטל צו מאַכן עס ׳העברעאישער׳.]
רודניע — „והיה מו״מ (=משא ומתן) שלו עם ברזל...נסע לרודניע״, זז. 124־125. [אָרט וואו מען באַאַרבעט רודע, אַרץ.]
רענדע — „ובתוך כך נפלה במחשבה להאָרענדר שיש בעבר הנהר רענדי קטנה״, ז. 89. [דאָס זעלביקע וואָס אַרענדע.]
שאָלדערגעלט — „...היו מוצאים בס״ת (=בספר־תורה) אחת תמיד טעות והיו מתקנים אותה... [ואף על־פי כן] מוצאים בה טעות. והראו את הס״ת להבעש״ט ואָמר כי ניתנה לכתוב ממעות שקורין שאָלדער געלד ואמר הבעש״ט שאין לה תקנה ולעול׳ תהי׳ פסולה״, ז. 94. [די מעשה ברענגט יצחק ריבקינד, „קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן ביי יידן״, ז. 82, הערה 1. אין „יידישע געלט״, ז. 254 פאַרטייטשט ער: „דאָס געלט וואָס מען נעמט אַראָפּ ביי קאָרטנשפּיל פון יעטוועדער קאָן פאַר כלערליי הצטרכותן פון חברה שפּילער...משקה און צו־בייסעכץ, אויך פאַר דעם שטובמיידל״.]
שאַפּאַוואַל — „אומן הנקרא שיפּאָוואַל״, ז. 74. [ווער עס אַרבעט אויס

פּילץ און זאַכן פון פילץ, וואַליקעס, וואַרעמע היט א. אַ.]

שויב — „דרך חלון קטן של שאוב אחת״, ז. 24.

שוים — „והתחיל לילך מפיו האשקומה שקורין שום״, ז. 90.

שטיגאַטער — „הצורר המקטרג שקורין שטריגאטאר״, ז. 93. [אַ יידישער פֿאָלקסטימלעכער אויסדרוק. ביי ליפשיצן איז עס סטיגאַטער, פֿאַרטייטשט פּראַטיוניק, פעסליעדאָוואַטעל. פון אַן עלטערער פּרוי וואָס שטאַמט פון פּראָסקעראָוו געהערט די פֿאָרעם מיט אַ ש׳ און מיטן אויסטייטש: העצער, אונטערהעצער.]

שטיול — „וגם העבד שלו שלף הסטיויל״, ז. 73. [איז ערגעץ אין דעם שטח פון בעש״טס השפעה געווען אַ ריידעניש מיט אַ ס׳ אין אַט דעם וואָרט? גיכער איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם פֿאַרבייט אין אויסלייג ש:ס.]

שלאָסבייטל — „ונפל מן הברוסלק כיס קטן שקורין שלאָס באייטיל״, ז. 35.

שענק — „כי הוא ישב בכפר קטן על השיינק״, זז. 22, 25. שענקער — „וגם השיינקר שלו לא בא״.

שפּייכלער — „...התפלל הבעש״ט תפלת מנחה בכפר א׳ בחדר שקורין שפּיאכלער״, ז. 65.

שפּענער — „ונבערו השפּענער שעל התנור״, ז. 24.

שקאַרפּעטקעס — „...פוזמקאות שקורין שקאַרפּעטקעס״, ז. 96.

מיר גייען איבער צו די געאָגראַפֿישע נעמען וואָס מע טרעפֿט אין דער ערשטע אויסגאַבע פון „שבחי הבעש״ט״. מיר האָבן באַגעגנט נאָר צוויי נעמען פון טייכן: נעסטער (און דאָס איז דער יידישער נאָמען פֿאַרן טייך דניעסטער) און פּרוט. מיר טרעפֿן דאָרטן די „מדינות״ און געגנטן: אוקראַינע, וואָלין, פּאָלעסיע (אויסגעלייגט אוקריינא, פּאָלעסי), פּוילן, ווי אויך מדינות פּאָבערעזי וואָס זעט אויס צו זיין די געגנטן ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים. מיר לאָזן דורך די נעמען פון שטעט אין ארץ־ישראל א. אַ. און ברענגען אין סדר פון אלף־בית די נעמען פון שטעט און שטעטלעך אין דעם אויסלייג פון דעם ספר.

אומין (אומאַן); אוסטרא, אוסטראָה, אסטראהא; אוספאל (שפּאָלע); איזבאַרז (זבאַרזש); אליק (אוליק, אָליק); אַנפּאָלי, אַנעפּאָליע, האַניפּאָלי (אַנאַפּאָליע); אָקופּ.

באָלטע; באַר; ביטשוב (משמעות: ביטשוטש); ברדיטשוב (באַרדיטשעוו); בראָד; ברעסלא; ברעהין, ברייאהין(?).

דובאַסאַר; דראַזניץ, דראַזנע.

האָראָדענקאָ, האָראָדענקע, האָראָדענקי; האָריחוב; הוראָדני, הוראָדנע.

וויינאַציא, וויניציא (וויניצע); ווירטשיוקע (מיט איין „ואו״ אין אָנהייב); וויערחאָווע.



ספר שבחי

בעל שם טוב

קואינטוס מאראביליוזוס אי הירמוזוס קי איזו איל
רב סאנטו אי פובליקאדו ישראל איזו די
אליעזר אין לה סיבדאד די מעזיבוז
די לה מוסקופיאה:

אימפרימידו אין לה סירביאה אגוירה די
5612

דער „שבחי הבעש״ט" איבערגעזעצט אין לאַדינאָ

זאלראווע ; זאלקלא(?) ; זאַסלאַוו ; זורניץ (שזערניץ) ; זלאָטשוב (זלאָט־
שעוו).

חוואַסטוב (כוואַסטאָוו) ; חלאָדוווקע (אַ דאָרף וואָס האָט משמעות גע־
הייסן כלאָדאָוקע) ; כמעלניק.

טאָמאַשפּאָלי ; טאָרטשין ; טובעריק ; טולטשין ; טוראָווע (טוראָוו) ;

טיטשילניק, טייטשיליק; טלוסט; טשאַרנאָבל, טשאַרניבאָל; טשידנוב (טשודנאָוו); טשיטשיליק (דאָס זעלביקע וואָס טייטשיליק?); טשערטריע (אַ דאָרף).

יאַמפּאָלי.

לאַדזין; לאָדמיר (לודמיר); לבוב (לעמבערג); לייפּסיק (לייפּציק); ליניץ, לינץ; לעטישוב, ליטשוב.

מאָהיליב (אין פּאָדאָליע); מאַריפּאָליע; מעזיבוז, מעזבוז (מעזשבעזש, מעזשיבעזש); מעזריטש.

ניקלשפּורג (ניקלשבורג, ניקלסבורג); נמרוב (נעמעראָוו).

סאָקאָלאָוקי(?); סארגאן; סטאַמביל (סטאַמבול); סלאָנים; סלוצק; סמילנא.

פּאַוולויץ, פּאַווליץ, פּאַווליץ, פּאַווליטש; פּאַריבוסק(?); פּולינאה, פּולנאי (פּאָ־לאָנאָע); פּראַטהור(?).

ציקונאונקי.

קאָוולע, קאָלומיי (קאָלאָמיי); קאַלימינע; קאַליש (ניט צונויפּמישן מיט קאַליש אין פּוילן); קאָמניץ, קאַמעניץ; קאַמינקע; קאָנסטאַנטין, קאָשטאַנ־טין; קאָנסטאַנטין ישן (אַלט־קאָנסטאַנטין); קאָסוב (קאָסעוו); קאַרוטשי־סאב; קאַרינקע; קאָריץ, קאָרץ; קוטב, קיטב, קוטעב; קראַסניע; קריבוש (קריוועש); קרעמניץ (קרעמעניץ).

ראַדוויל (ראַדזיוויל); ראָוונע, ראַשקוב, ראַשקאָוו.

שאַטנאָב, שאַטאַנאָווע (סאַטאַנעוו); שאַריגראָד; שדה־לבן.

קאַפּיטל כד

אַ מעשה פון „שבחי הבעש״ט״ אַ היסטאָרישער פאַקט

דער באַזוך פון בעש״ט אין סלוצק, וואָס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״, באַשטעטיקט פון אַ היסטאָריקער. — די צווי יידישע פאַכטערס פון גיטער ביים פירשט ראַדזשיוויל. — דער בלבול אויף די יידן אין סלוצק.

געוויסע חסידות-פאָרשער האָבן געהאַלטן, אַז די מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, האָבן קיין שום האָפט נישט און אַז די נעמען פון די מענטשן (אַחוץ די באַוואוסטע תלמידים פון בעש״ט) זיינען אויסגעטראַכטע, און האָבן גאָרניט עקזיסטירט אין דערווירקלעכקייט. אָבער ביסלעכוויז הויבן זיך אָן אַרויסצושיילן אַ סך אמתן פון דעם שלייער פון לעגענדעס, וואָס דער בעל „שבחי הבעש״ט״ האָט איינגעהילט זיינע העלדן.

דער יידישער היסטאָריקער, פּראָפ. י. היילפּערן פון ירושלים, האָט באַוויזן אין זיין אַרבעט „גזירת ושצ׳ילה״ [1], אַז די מעשה וועגן צוויי ברידער פון סלוצק, וואָס זיינען געווען דזשערזשאַוועס — פאַכטערס — פון גרויסע גיטער ביים דוכס ראַדזשיוויל, וואָס ווערט וועגן זיי דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, איז אַ צונויפמישונג פון לעגענדע און ווירקלעכקייט.

לאָמיר פריער דערציילן די מעשה מיט די יידישע שררות, אַזוי ווי זי ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״ [2]. מיר באַנוצן זיך אויך מיט דעם יידישן נוסח, לויט דער קאָריצער אויסגאַבע [3].

„שמעתי מהרב דקהלתינו ז״ל [4], ווען דער בעש״ט איז געווען ביי

1) „ציון״, שנה כ״ב, חוברת א׳, ירושלים, תשי״ז, זייטן 67-56.
2) ש. א. האָראָדעצקיס אויסגאַבע, זייט פ״ז-פ״ט — 87-89.
3) דערשינען אין יאָר 1816.
4) געמיינט, ר׳ גדליה׳ן, וועלכער איז געווען רב אין ליניץ — ליניץ, אַ שטעטל אין אוקראַינע, אין דער קיעווער געגנט. פון ר׳ גדליהן ווערן געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״ אַן ערך פון אַ פופציק מעשיות.

די ׳דירזאָווצעס (דזשערזשאָווצעס) אין סלוצק, וואָס איינער האָט געהייסן ר׳ שמואל און דער אַנדערער (זיין ברודער), ר׳ גדליה, און זיי זיינען געווען דזשערזשאָווצעס ביים דוכס ראַדזשיוויל אין זיינע גיטער, און ר׳ שמואלס ווייב האָט געהייסן טובעלע [5]), און זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל שיקן נאָכן בעש״ט, ווייל זיי האָבן אויסגעבויט אַ הויז און זיי האָבן מורא געהאַט זיך אַריינצוציען אין אים צוליב די שדים און ניט־גוטע [6]).

האָט מען געשיקט נאָכן בעש״ט. און אַז דער בעש״ט איז געקומען, זיינען די מענער נישט געווען אין דער היים. האָט ר׳ שמואלס ווייב געוואָלט מאַכן אַ סעודה. האָט דער בעש״ט געזאָגט: ׳איך וועל נישט עסן ביז איך וועל פריער נישט שיקן נאָכן שוחט, איך זאָל זען דעם חלף׳. האָט געמוזט קומען דער שוחט און אים ווייזן דעם חלף. די שטאָטישע בעלי־בתים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, אַז דער שוחט זאָל דאַרפן ווייזן דעם חלף דעם בעש״ט. אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל די נגידה האָט אַזוי פאַרלאַנגט [7]).

„ביי מנחה האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער בעש״ט דאַוונט נוסח ספרד, האָט עס זיי נאָך מער פאַרדראָסן. ווען ר׳ שמואל איז אַהיימגעקומען, האָבן זיי אים פאַרמסרט פאַר ר׳ שמואלן. אָבער ר׳ שמואל האָט געענטפערט, אַז ׳עס איז נישט קיין דרך־ארץ, מען זאָל אים טאָן עפּעס שלעכטס׳.

„פאַר מנחה זיינען די שטאָט־בעלי־בתים געגאַנגען מיטן בעש״ט אים ווייזן די בנינים. דער בעש״ט האָט געמאַכט תנועות, גלייך ווי ער זעט עפּעס. דאָרט זיינען געשטאַנען כמעט אַלע מענטשן פון שטאָט, האָבן זיי אים חושד געווען, אַז זיינע תנועות זיינען פאַלש און ליגן.

5) לויט דעם יידישן נוסח האָט זי געהייסן כאַשע טאָבע, און לויט דעם „פּנקס אַמטשיסלב״, לויט היילפּערנס באַמערקונג 12, דאָרט, האָט זי געהייסן העני.

6) די בעל־שמס האָבן געגעבן פאַרשידענע סגולות און קמיעות קעגן דער סכנה צו וואוינען אין אַ ניי הויז צוליב די שדים און בפרט צוליב דער קליפּה, וואָס ווערט אָנגערופן „מישער״ און זי מאַכט חרוב דאָס הויז. זע: „מפעלות אלקים״... מוה״ר יואל בעל־שם... דפוס תק״ע, דף ט״ו, אויך „ספר זכירה״... המבורג, תס״ט, דף ל״ד. אויך אין „שבחי הבעש״ט״ ווערן דערמאָנט פאַרשידענע מעשיות ווי אַזוי דער בעש״ט האָט פאַרטריבן מזיקים.

7) די זעלבע מעשה ווערט אויך געבראַכט אין ספר „עדת צדיקים״ און דאָס דערציילט אויך ר׳ דוד פון מאַקאָוו, אַ גרויסער קעגנער פון חסידות, געבראַכט ביי מ. י. ווילענסקי אין „פּראָסידינגס אָוו דהי אַמעריקען אַקאַדעמי פאָר דזשואיש ריסוירטש״, 1936, זייט 148. לויט דעם נוסח פון ר׳ דוד מאַקאָווער, האָט מען געשאָכטן אַ קעלבל פאַר דער שוועל פון הויז און די נגידהסטע האָט געוואָלט וויסן וועגן איר צוקונפט. אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט די מעשה דערציילט באַזונדער. דאָס בלוט פון אַ בעל־חי, אַ קעלבל אָדער אַן עוף, איז לויטן פאָלקס־גלויבן געווען אַ סגולה צו פאַרטרייבן די שדים און רוחות. זע אויך: „פּתחי תשובה״, יורה דעה סימן קע״ט, סעיף ג׳ עופות.

„ר׳ שמואל האָט געזאָגט צו זיין ווייב אין אַ באַזונדערן חדר, אַז ער וויל אויספּרואוון דעם בעש״ט. און דער בעש״ט, וואָס איז געווען אין אַן אַנדער חדר, ווייט פון ר׳ שמואלס חדר, האָט זיך דערוואוסט דערפון, און ער האָט געשיקט זיין משרת ער זאָל זאָגן ר׳ שמואלס ווייב, אַז זי זאָל גלייך קומען און דער משרת זאָל נישט פרעגן אויף די ׳וואָרטעס׳ (וואָך), וואָס שטייען ביי זיי. דער משרת האָט אַזוי געטאָן. און אַז זי איז געקומען, האָט דער בעש״ט איר גאָרנישט מער געזאָגט, נאָר: ׳זאָלסט וויסן, אַז דיין מאַן, דער שוטה, וויל מיך פּרוון׳. האָט זי זיך שטאַרק דער־שראָקן און האָט אים אָנגעהויבן צו בעטן ער זאָל נישט זיין ברוגז. און אַזוי ווי זי איז געקומען צו איר מאַן און האָט אים דערציילט די ווערטער פון בעל־שם־טוב, איז דער בעש״ט זייער חשוב געוואָרן ביי ר׳ שמואלן, און ער האָט אויף מאָרגן פון זיינעטוועגן געמאַכט אַ גרויסע סעודה. ער האָט מיטן בעש״ט גערעדט וועגן ארץ־ישראל, וואָס דער בעש״ט וויל אַהין פאָרן מיט דער יבשה. האָט ער געפרעגט דעם בעש״ט וויפל ער דאַרף האָבן. האָט דער בעש״ט געענטפערט: ׳ס׳ אלף׳. האָט ר׳ שמואל אים געזאָגט, אַז דאָס איז ביי אים אַ קלייניקייט, און ער האָט אים צו־געזאָגט, אַז ער וועט אים שיקן אַלע יאָר אויף פרנסה. און דער בעש״ט האָט גאָרנישט געמיינט מכוח פרנסה, ער האָט נאָר געוואָלט ער זאָל אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

„גאַנצע דריי וואָכן איז דער בעש״ט געזעסן ביי ר׳ שמואלן. איינמאָל האָט ר׳ שמואלס ווייב, טובעלע, געפרעגט דעם בעש״ט ווי לאַנג זייער מזל וועט געדויערן. האָט דער בעש״ט אויף איר אַ געשריי געטאָן און האָט געזאָגט: ׳מע פרעגט אַזאַ זאַך נישט!׳ האָט זי אים פאָרט ׳געמראַ־טשעט׳ און געבעטן. האָט ער פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן און האָט איר געזאָגט: ׳עס וועט נאָך געדויערן צוויי און צוואַנציק יאָר׳[8]. אַז איר מאַן איז דאָס געוואויר געוואָרן, איז ער ברוגז געוואָרן אויפן בעש״ט.

„ווידער האָט זיך געטראָפן, אַז ביי איינעם פון די נגידים איז אַ קינד שלאָף געוואָרן. איז מען געקומען צום בעש״ט, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס קינד וועט לעבן. דערנאָך האָט ער געזען, אַז דאָס קינד וועט שטאַרבן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אים עפּעס אַ בזיון אָפּטאָן, איז ער אין האַלבער נאַכט אַוועקגעפאָרן.

„און ווי דער בעש״ט איז אַרויסגעפאָרן פון נגידס גרענעץ האָט ער געשריבן אַ בריוו צו ר׳ שמואלן, אַז ער איז פון אים אַנטלאָפן נישט ווייל ער האָט פאַר אים מורא, נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל אים נישט ערגעץ אַנדערש שאַטן און אַז זיינע רייד וועלן מקוים ווערן,

8) לויט ווי עס גיט איבער ר׳ דוד מאַקאָווער, האָט דער בעש״ט געענטפערט, אַז עס וועט געדויערן בלויז 12 יאָר.

אַז ׳אין צוויי און צוואַנציק יאָר אַרום וועט ער האָבן אַ מפּלה׳. דער בעש״ט האָט געשיקט דעם בריוו מיט אַ שליח מיוחד. אַז דער בריוו איז אָנגעקומען צו ר׳ שמואלן איז ער זייער ברוגז געוואָרן און ער האָט זיך געשעמט ווייזן דעם בריוו פאַר פרעמדע, אָבער דעם בעש״טס חתימה האָט ער יאָ געוויזן.

„און דער סוף פון די דזשערזשאַוועס, האָב איך געהערט פון ר׳ יצחק אייזיקן, איז אַזוי געווען: דער דוכס פון סלוצק איז געווען ראַדזשי־וויל. ער האָט זיך ביי זיי געבאָרגט אַ סך געלט, וואָס ער האָט עס נישט געקאָנט אָפּצאָלן, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך נאָך מער געלט באָרגן. האָבן זיי פאַרטראַכט אַן עצה, אַז זיי וועלן זיך אַריבערציען קיין ברעסלאַ. און זיי האָבן אָפּגעמאַכט מיטן מלך פון פּרייסן, אַז ער זאָל זיי נעמען אונטער זיין שוץ און דערפאַר גיבן זיי דעם חוב, וואָס דער דוכס קומט זיי, אַ מתנה דעם מלך. זיי זיינען געפאָרן אויף אַ שיף קיין ברעסלאַ און האָבן מיט זיך מיטגענומען דריי פעסער געלט, און דער פּקיד איז מיטגעפאָרן מיט זיי. און זיי זיינען געקומען נאָענט צו סלאָנים, דאָרט, וואו דער דוכס האָט געוואוינט. און ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין האַפן פון דער שטאָט, איז דער פּקיד פון זיי אַוועק און איז אַריין צום דוכס און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה. אַז ר׳ שמואל איז אָנגעקומען צום דוכס האָט ער געזען ווי דער פּקיד שטייט און שמועסט מיטן דוכס, האָט ער דעם פּקיד אַ פּאַטש געטאָן. האָט דער דוכס אים געזאָגט: איך בין דיר מוחל וואָס דו האָסט אים אַ פּאַטש געטאָן פאַר מיר אין די אויגן, וואָרים דו ווייסט וואויל, ווען דו זאָלסט מיין קינד פּאַטשן, וואָלט איך דיר אויך מוחל געווען. נאָר וואָס באַדייט דאָס, וואָס דער פּקיד דערציילט מיר וועגן דיר?

„ר׳ שמואל האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און דער דוכס האָט געשיקט זיינע מענטשן צו דער שיף און עס האָט זיך אַלץ באַשטעטיקט, אַזוי ווי דער פּקיד האָט געזאָגט. האָט ער גענומען ר׳ שמואלן תפוס און ער האָט געשיקט קיין סלוצק ׳דראַגונס׳ (סאָלדאַטן) מיטן ׳שר המאַיאָר׳ און ער האָט באַפוילן דעם מאַיאָר ער זאָל פאַרחתמענען גאָר זיין האָב. דער מאַיאָר האָט אָבער מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט זיך די זאַך איבער־קערן, וועלן זיי אים ווערן שונאים. ׳בעסער וועל איך זיי אַ טובה טאָן׳ — האָט ער זיך געטראַכט. האָט זיך דער מאַיאָר געמאַכט שיכור און ביינאַכט איז דער מאַיאָר אַליין געגאַנגען צו דער ׳פּרוי טובלי׳ און ער האָט איר מודיע געווען, אַז ער וועט מאָרגן פאַרחתמענען איר האָב, דעריי־בער זאָל זי ביינאַכט אויסרוימען וואָס זי האָט. האָט ר׳ שמואלס ווייב אַזוי געטאָן און זי האָט אַוועקגעשיקט איר אײדעם מיט תכשיטין און צריונג און ער איז דערפון דערנאָך געוואָרן אַ גרויסער עושר אין ברעסלאַ.

„און דער דוכס האָט אַלע געֿתפס׳ט מיט גאָר זייערע משפחות. און די נגידים אַליין האָבן געמוזט שרייבן חתונה־בריוולעך צו די קרובים, בעטן קומען אויף אַ חתונה, כדי ווען זיי וועלן קומען, וועט מען זיי תפס׳ן. די, וואָס זיינען געוואויר געוואָרן אונטערוועגס, די האָבן זיך צוריק אומגעקערט, און די, וואָס זיינען נישט געוואויר געוואָרן אונטערוועגס און זיי זיינען געקומען, האָט מען זיי געֿתפס׳ט.

„ר׳ שמואלס וויב, טאָבע, האָט געבעטן די שטאָט־לייט זיי זאָלן שיקן צום בעל־שם־טוב, טאָמער וועט ער זיי העלפן מיט זיין תפילה. און די שטאָט־לייט האָבן פיינט געהאַט די צוויי נגידים. זיי האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, זיי האָבן אָבער פאָרט מורא געהאַט פאַר די נגידים. האָבן זיי געשריבן אַ בריוו צום בעל־שם־טוב, אים דערציילט וואָס עס האָט מיט די נגידים געטראָפן. אָבער דאָס איז געוועזן אויבן־אויף. בסוד־סודות האָבן זיי אָנגעזאָגט דעם שליח מיוחד, אַז ער זאָל בעטן דעם בעל־שם־טוב, ער זאָל זיי נישט העלפן.

„און דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט צום שליח: ׳איך וואָלט אפשר געקאָנט אויסזוכן אַ וועג ווי אַרום איך זאָל זיי העלפן, נאָר וויל יהודים בעטן, אַז איך זאָל זיי נישט העלפן, וועל איך זיי נישט העלפן״.

אָט דאָס איז דער נוסח פון דער מעשה, ווי זי ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״.

מיר האָבן אָבער ביז איצט געמיינט, אַז די גאַנצע מעשה איז איין שטיק לעגענדע, אַז די צוויי נגידים, ר׳ שמואל און ר׳ גדליה, זיינען לא היה ולא נברא. האָט איצט פראָפ. היילפערן אין זיין אַרבעט אויפגעוויזן מיט היסטאָרישע באַווייזן, אַז די מעשה איז יאָ אמת. דאָס הייסט, אַז עס זיינע טאַקע געווען צוויי גרויסע דזשערזשאַווצעס, מיט די נעמען, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין „שבחי הבעש״ט״, וואָס האָבן געפאַכטערט דעם דוכס ראַדזשיווילס גיטער, און אַז די צוויי ברידער האָבן טאַקע געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דעם פרייסישן קעניג, אַז זיי שענקען אים אַוועק דעם חוב, וואָס דער פירשט ראַדזשיוויל איז זיי געווען שולדיק.

פראָפ. היילפערן ברענגט אַפילו אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דאַנציק [9], וואָס דערפון קאָן מען זען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ פראָצעס צווישן דעם דוכס ראַדזשיוויל און דעם פרייסישן האַנדלס־ראַטגעבער סאַרטרוגוס און דעם הויף־מינצער אפרים [10], וועגן „דעם סכסוך צווישן דעם, וואָס

9) געדרוקט אין דער צייטונג „הילדעסהיימער רעלעישאָנס קוריער״ פון נאָוועמבער, 1751.

10) ער האָט געהייסן נתן־פייטל היינע אפרים און ער איז געווען דער מינצער, מטבע־גיסער, אין פרייסישן קעניגלעכן הויף.

איז געווען דער אַלגעמיינער קאַסירער פון דוכס — איזאַקאָוויטש [11]). און עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דער דוכס האָט איינגעזען, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול און די 92 יידן, וואָס זיינען ביז איצט געווען אַרעסטירט אין סלוצק און אין ביאַלע, זיינען באַפרייט געוואָרן״.

פון דער קאָרעספּאָנדענץ קאָן מען אויך זען, אַז די צוויי נגידים האָבן נישט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף, ווי עס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט״, ווייל דאָרט ווערט דערציילט, אַז דער דוכס האָט געגעבן מתנות דער משפחה איזאַקאָוויטש זייער גאַנץ לעבן און אַז אויך דער פּרייסישער קעניג האָט באַשטעטיקט דעם אויסגלייך, און אַזוי אַרום זיינען אויפסניי צוריק איינ־געשטעלט געוואָרן די האַנדלס־באַציאונגען צווישן דעם פּרייסישן קעניג און דעם דוכס ראַדזשיוויל, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם דערמאָנטן סכסוך.

און אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער בעש״ט איז געווען אין סלוצק מיט אַ צוועלף יאָר פריער איידער די צוויי ברידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן, קומט אויס, אַז ווען מען זאָל אַראָפּנעמען פון דעם יאָר 1751, ווי ער ווערט אָנגעגעבן אין דער פריער־דערמאָנטער צייטונג, 12 אָדער 14 יאָר, איז דער בעש״ט געווען אין סלוצק אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן. אָבער ווען מען זאָל אַראָפּרעכענען 22 יאָר פון דעם יאָר 1751, קומט אויס, אַז דער בעש״ט איז געווען אין סלוצק ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר. איז ווי אַזוי קאָן עס שטימען מיט דער מעשה וואָס ווערט דערציילט, אַז די נגידהסטע, ר׳ שמואלס ווייב, האָט דעם בעש״ט פאַרבעטן אין די נייע בנינים, וואָס די צוויי גבירים האָבן אויסגעבויט, ער זאָל פאַרטרייבן די רוחות און נישט־גוטע, און אַז דער בעש״ט האָט זיך געהייסן ווייזן דעם חלף פון שוחט? דער בעש״ט איז דאָך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט נתגלה געוואָרן?

דעריבער דאַרפן מיר אָננעמען, אַז אין „שבחי הבעש״ט״ איז אַ טעות, און עס דאַרף זיין: מיט אַ 12 אָדער 14 יאָר צוריק.

פון דער דאָזיקער מעשה וואָס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״ זעען מיר אויך, אַז דער בעש״ט האָט נישט געהאַט קיין גרויס אָפּשיי פאַר יידן גבירים. ווייל כאָטש די גבירטע טאָבע, ר׳ שמואלס ווייב, האָט געבעטן די שטאָט־לייט פון סלוצק, אַז זיי זאָלן שיקן אַ בריוו צום בעש״ט, ער זאָל מתפלל זיין, אַז איר מאַן, ר׳ שמואל, זאָל אַרויס פון תפיסה, אָבער ווייל די שטאָט־בעלי־בתים האָבן פיינט געהאַט די גבירים און האָבן

11) ווייזט אויס, אַז דער פאָטער פון די צוויי ברידער האָט געהייסן יצחק, דערפאַר האָט מען זיי גערופן איזאַקאָוויטש.

אָנגעזאָגט בסוד־סודות דעם שליח ער זאָל בעטן דעם בעש״ט ער זאָל נישט העלפן די גבירים, וואָס זיינען געווען אין תפיסה, האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז הגם ער וואָלט געקאָנט אויסזוכן אַ וועג ווי אַזוי זיי צו העלפן, אָבער, אַז „די יהודים ווילן נישט, וועט ער נישט העלפן״.

פּראָפ. י. היילפּערן ברענגט נאָך אַ צאָל דאָקומענטן, וואָס באַווייזן באותות ומופתים, אַז עס זיינען געווען צוויי ברידער דזשערזשאַווצעס ביים דוכס ראַדזשיוויל און מיט זיי האָט געטראָפן אַן אומגליק, זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין דעם „שבחי הבעש״ט״.

אָט דאָס באַשטעטיקט אונדזער הנחה, אַז מען דאַרף נישט קוקן אויפן „שבחי הבעש״ט״ ווי אויף אַ ספר מיט סתם לעגענדעס, וואָס האָבן נישט קיין שום קערנדל פון היסטאָרישע אמתן, נאָר מען דאַרף מאַכן אַ גאַנץ נייע רעוויזיע וועגן דעם דאָזיקן ספר און אַרויסשיילן די אמתע פאַקטן פון די פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן.

קאַפּיטל כה

מאמרים פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

מאמרים און ווערטער פון בעש״ט, וואָס געפינען זיך אין „צוואת הריב״ש״ און אין אַנדערע ספרים. — ווערטער וועגן תפילה, וועגן שפלות און גאווה, וועגן עצבות און שמחה, וועגן מחשבה און התבודדות, וועגן צדיק און רשע און וועגן אַנדערע ענינים.

תפילה

די נשמה האָט געזאָגט צום בעל־שם־טוב, אַז דאָס וואָס ער האָט זוכה געווען אַז עס זאָלן פאַר אים נתגלה ווערן די הויכע ענינים, איז נישט דערפאַר וואָס ער האָט געלערנט אַ סך ש״ס און פוסקים, נאָר צוליב זיין תפילה, וואָס ער האָט מתפלל געווען שטענדיק מיט גרויס כוונה, פון דאָרט האָט ער זוכה געווען צו אַ הויכער מדרגה...

***

„אם אין אני לי — מי לי; וכשאני לעצמי — מה אני״ [1]. דער מענטש דאַרף זיך ביים דאַוונען ווי אויסטאָן פון גשמיות און נישט פילן זיין מציאות אויף דער וועלט. און דאָס איז דער פשט פון „אם אין אני לי — מי לי״, היינו, ווען איך האָב נישט דעם „אני״ מיינעם, ווען איך באַפריי זיך פון מיין איך — איז „מי לי?״ דאָס הייסט, אַז איך קום צו אַ מדרגה איך זאָל גאָרנישט וויסן און פילן, צי איך געפין זיך אויף דער וועלט, אָדער נישט, איז וואָס פאַראַ מחשבות זרות קאָנען דעמאָלט מיט מיר זיין? האָב איך דאַן פאַר קיין שום מחשבות זרות קיין מורא נישט... אָבער „כשאני לעצמי״, אַז איך באַטראַכט זיך פאַר אַ זאַך, וואָס געפינט זיך במציאות אין דער דאָזיקער וועלט... דעמאָלט „מה אני?״ וואָס פאַראַ ווערט האָב איך?

***

1) אבות, פרק א׳, י״ד.

...אין דער אמתן טוט דער אייבערשטער אַ גרויס חסד מיט דעם מענטשן, וואָס ער בלייבט לעבן נאָך דער תפילה זיינער. וואָרים ער האָט אַריינגעגעבן דעם גאַנצן כוח זיינעם אין דער תפילה, דורך די גרויסע כוונות...

***

די תפילה איז דביקות (באַהעפטונג) מיט דער שכינה.

דביקות אין תפילה איז, אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז ער אַ סך מאריך ביי דעם דאָזיקן וואָרט, וואָרים מחמת דביקות וויל ער זיך נישט אָפּשיידן פון דעם וואָרט ...

***

„צהר תעשה לתבה" — דו זאָלסט זען, אַז די ווערטער, וואָס דו ברענגסט אַרויס פון דיין מויל, זאָלן לייכטן, זאָלן מיט אַ הארה פון דער שפע העליון דורכגעשטראַלט זיין („תבה" מיינט אויך אַ וואָרט).

***

דער דיבור (דאָס וואָרט) איז דאָס חיות פון מענטשן. און דאָס חיות איז פון אים יתברך. אַז דער מענטש רעדט אַ דיבור טוב — גייט דער דאָזיקער דיבור אַרויף אויבן און איז מעורר דעם דיבור העליון, וואָס איז משפיע אויף אים נאָך מער חיות פון די עולמות העליונים. ווען ער רעדט אָבער אַ שלעכטן דיבור — גייט דאָס חיות אַרויס און אויבן גייט עס אויך נישט אַרויף. דאַן קאָן טרעפן, אַז דאָס חיות זאָל פון אים אַוועקגענומען ווערן. און דאָס איז דאָס וואָס מען זאָגט אין יידיש: „ער האָט אויסגערעדט"...[2]

***

דער וואָס איז מכוון בייַם דאַווענען אַלע כוונות וואָס ער ווייסט, איז ער בלויז מכוון די כוונות וואָס ער ווייסט; אָבער אַז דער מענטש זאָגט דאָס וואָרט מיט גרויס התקשרות, ווערן מוכלל אין גאַנצן וואָרט, די אַלע מענטשעכע כוונות פון זיך אַיין. וואָרים יעדעס וואָרט איז אַן עולם השלם. אַז דער מענטש זאָגט דאָס וואָרט מיט גרויס התקשרות — איז זיך אַוודאי מתעורר אַט יענע העכערע וועלט... דעריבער זאָל דער מענטש זען מתפלל צו זיין מיט התקשרות און גרויס התלהבות...

2) אַזוי שטייט אויך אין לשון־קודשדיקן טעקסט אין „צוואת הריב"ש".

⁂

די תפילה וואָס דער מענטש טוט מיט גרויס שמחה איז אַוודאי מער אָנגענומען ווי די תפילה וואָס ער טוט מיט עצבות און געוויין. און אַ משל דערויף איז: דער אָרעמאַן, וואָס פאַרלאַנגט און בעט בײַ דעם מלך מיט גרויס געוויין, גיט אים דער מלך פונדעסטוועגן נישט מער ווי נאָר אַ קלייניקייט. אָבער אַז דער שר איז מסדר פאַרן מלך דעם לויב פון מענטשן מיט שמחה, און צווישן דערמיט בעט ער שוין זײַן בקשה, דעמאָלט גיט אים דער מלך אַ זייער גרויסע מתנה, ווי מען גיט צו שררות...

⁂

דער מענטש זאָל נישט זאָגן קיין תהלים פאַרן דאַוונען, כדי ער זאָל דעם גוף ניט אָפּשוואַכן, ווײַל ער וועט נאָכדעם נישט קענען זאָגן דעם עיקר, די זמירות, קריאת שמע און די תפילה מיט גרויס דביקות, מחמת ער האָט פאַרוואַנדן זײַן כוח פאַרן דאַוונען אויף אַנדערע זאַכן...

⁂

ווען דער מענטש איז קראַנק, איז אויך זײַן נשמה אָפּגעשוואַכט, קאָן ער דערפאַר נישט דאַוונען ווי עס דאַרף צו זײַן. דעריבער דאַרף דער מענטש זייער שטאַרק אָפּהיטן זײַן געזונט...

⁂

דער מענטש דאַרף מתפלל זײַן אויף זײַנע שונאים, ווײַל זיי זײַנען זײַן נשמה פון אַ פריערדיקן גלגול.

⁂

אין מדרש ווערט געבראַכט אַ משל: איין מאָל איז דער מלך פון די חיות אין כעס געוואָרן אויף די חיות. האָבן זיך די חיות באַראָטן וועמען צו שיקן מפייס צו זײַן דעם מלך. האָט דער פוקס געזאָגט: „איך וועל גיין, ווײַל איך האָב דרײַ הונדערט משלים". און ווען דער פוקס איז געקומען צום מלך פון די חיות, האָט ער פאַר שרעק פאַרגעסן אין אַלע משלים און ער האָט געזאָגט: זאָל יעדער איינער גיין מפייס זײַן דעם מלך, ווי ער קען.

דאָס איז אַ משל אויף די בעל־תפילות אין די ימים הנוראים, האָט

דער בעש״ט געזאָגט, דער עולם זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיי; נאָר יעדער איינער זאָל מתפלל זיין ווי ער קאָן...

***

ירמיהו הנביא איז באַשטראָפט געוואָרן און איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גרוב, ווייל ער האָט נישט מתפלל געווען, ווען ער האָט געהערט אַ שלעכטע נבואה אויף די יידן...

***

דער מענטש קאָן אַמאָל זאָגן אַ תפילה מיט גרויס התלהבות און אָן באַוועגונג, און עס קאָן זיך אויסדוכטן אַ צווייטן, אַז דער מענטש זאָגט די תפילה אָן דביקות, און אַזאַ עבודה איז בעסער ווי אַ תפילה וואָס מען זעט אויסערלעך דורך זיינע באַוועגונגען מיט די אברים, אין אַזאַ תפילה האָט די קליפה קיין שום אחיזה נישט, ווייל זי איז אינגאַנצן אינערלעך...

***

דער בעש״ט האָט געזאָגט, ווען אַ מענטש דאַוונט זאָל ער זיך שאָקלען און מאַכן באַוועגונגען, פונקט אַזוי ווי אַ מענטש טרינקט זיך אין אַ טייך וועט ער מאַכן פאַרשידענע באַוועגונגען, מען זאָל אים אַרויסציען פון וואַסער און די וואָס זען אים, וועלן זיכער פון אים נישט לאַכן...

די מחשבה פון מענטשן

מען דאַרף אַמאָל דינען השם יתברך מיט דער נשמה אַליין, דהיינו בלויז מיט דער מחשבה, און דער גוף זאָל שטיין אויף איין אָרט...

***

דער מענטש קאָן נישט געבן צו פאַרשטיין דעם צווייטן מענטשן, וואָס עס מיינט אהבת הבורא, ווי שטאַרק ער האָט ליב דעם אייבערשטן אין זיין האַרצן, פונקט אַזוי ווי ער קאָן נישט געבן צו פאַרשטיין אַ צווייטן דעם טעם פון אַ מאכל, אויב יענער האָט דעם מאכל קיינמאָל נישט געגעסן.

***

דער מענטש דאַרף ברענגען אַלץ וואָס ער לעבט דורך צו אַ העכערן תיקון. ער זאָל אַלע זיינע מחשבות, אַלע זיינע געפילן אַנהעפטן אין דעם וויטן, הויכן שורש זייערן, פון וועלכן זיי אַלע שטאַמען. ווען ער הויבט

אַז, למשל, טראַכטן וועגן זינדיקער אַהבה, זאָל ער צו זיך זאָגן: וואָס האָב איך עס געטאָן אַזוינס? איך האָב גענומען אַ טייל פון עולם המחשבה און אים פאַראומרייניקט. אויב עס איז אויף אים, למשל, געקומען אַ מחשבה־זרה פון אַהבת נשים, זאָל ער טראַכטן: אויב אַ פרוי דערוועקט אין מיר אהבה — טאָ ווי אַזוי דאַרף איך שוין ליב האָבן דעם בורא עולם?

התבודדות

ווען דער מענטש וויל אָפּריכטן התבודדות, זאָל מיט אים זיין נאָך אַ מענטש, אַ חבר. אַליין אָפּריכטן התבודדות איז אַ סכנה. דער מענטש קאָן קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער קאָן אָפּריכטן התבודדות אַפילו ווען ער געפינט זיך אין אַ הויז וואו עס זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן.

⁂

איך האָב געהערט פון מיין רבי׳ן דעם בעש״ט, אַז מען האָט אים געוויזן ווי מען פירט אים אונטערן עץ הדעת טוב ורע, זיינען געווען מיט אים אַ סך מענטשן. דערנאָך ווען מען האָט אים דורכגעפירט דורכן עץ החיים זיינען געווען ווייניק מענטשן, און דערנאָך ווען מען האָט אים אַריינגעפירט אין גן־עדן זיינען שוין געבליבן גאָר ווייניק...

⁂

דער מענטש זאָל טאָן זיינע מעשים פאַרבאָרגענערהייט, נישט אָפן, די מענטשן זאָלן אים נישט האַלטן פאַר אַ חסיד.

דער רשע און צדיק

עס זיינען פאַראַן צווייערליי מענטשן: איינער וואָס איז אַ רשע גמור, ער ווייסט אַז עס איז פאַראַן אַ באַשעפער, נאָר ער וויל אין אים מורד זיין, און דער צווייטער איז, וואָס דער יצר־הרע האָט פאַרשלאָסן זיינע אויגן, און אים דוכט זיך אויס אַז ער איז אַ צדיק גמור און אויך אין די אויגן פון מענטשן איז ער אַ צדיק גמור, אָבער אין דער אמתן, כאָטש ער לערנט בהתמדה, דאַוונט און איז זיך מסגף, איז עס אַלץ אַרויסגעוואָרפן, ווייל ער האָט נישט קיין אמונה שלימה.

דער חילוק צווישן זייביידן איז: דער רשע גמור קאָן נאָך אַמאָל תשובה טאָן, אָבער דער צווייטער, דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ צדיק גמור,

ער האָט שוין מער קיין שום תקנה נישט, ער האַלט זיך דאָך פאַר אַ צדיק, ווי אַזוי וועט ער תשובה טאָן?

שלעכטס און גוטס

דאָס שלעכטע איז אויך גוט, נאָר עס איז אַ נידעריקע מדרגה פון גוטס.

***

דער מענטש דאַרף אָפּהיטן אַלע זאַכן וואָס ער האָט, ווייל עס איז אַ גרויסער כלל, אַז אַלץ וואָס דער מענטש טוט אָן, אָדער ער עסט, אָדער ער באַנוצט זיך מיט אַ כלי, איז ער נהנה פון דעם חיות וואָס עס איז פאַראַן אין יעדער זאַך באַזונדער, ווייל ווען נישט די רוחניותדיקייט, וואָלט קיין שום זאַך נישט געקאָנט האָבן קיין קיום, און אין אַלעם זיינען פאַראַן ניצוצין הקדושים, וואָס געהערן צו זיין שורש נשמה, דעריבער האָט אַ מענטש איין זאַך ליב און אַ צווייטע פיינט, און ווען דער מענטש באַנוצט זיך מיט אַ זאַך, אָדער ער עסט אַ מאַכל, ציט ער אַרויס די הייליקע פונקען וואָס זיינען אין דעם פאַראַן און איז זיי מתקן.

טיילמאָל טרעפט זיך אַז דער מענטש האָט שוין אַרויסגעצויגן פון דער כלי אַלע פונקען וואָס געהערן צו זיין שורש נשמה, דעמאָלט נעמט דער אייבערשטער אַוועק די דאָזיקע כלי פון אים און גיט זי צו אַן אַנדערן, וואָס צו יענעם געהערן די הייליקע פונקען וואָס זיינען געבליבן אין דער כלי; זיי זיינען אַ טייל פון יענעמס חלק נשמה און וואַרטן אויף אַ תיקון. דעריבער דאַרף דער מענטש חס זיין אויף יעדער זאַך וואָס ער האָט, ווייל ער דאַרף חס זיין אויף די ניצוצין הקדושים וואָס זיינען דערין פאַראַן...

***

פון וואַנען קומט דאָס שלעכטע אויף דער וועלט?

נאָר עס איז נישט קיין גאַנצע שלעכטסקייט, ווייל דאָס שלעכטס איז אויך גוט, נאָר עס איז אַ קלענערע מדריגה פון גוטן. „הרע הוא גם כן טוב, רק שהיא מדריגה תחתונה מהטוב גמור״.

***

„הרע הוא כסא לטוב״ — דאָס שלעכטע איז אַ פוסבענקעלע צום גוטן.

***

די גאַנצע תורה איז נכלל אין די עשרת הדברות, און די גאַנצע תורה איז אויך נכלל אין איין וואָרט.

***

דער בעש״ט האָט געזאָגט אַ משל: אַ מלך האָט געהאַט אַ זון, האָט דער מלך אים געוואָלט לערנען וויסנשאַפטן, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן. האָט דער מלך געדונגען עטלעכע חכמים זיי זאָלן מיט אים לערנען, אָבער דער זון האָט גאָרנישט געוואָלט לערנען, ביז אַלע חכמים האָבן זיך מייאש געווען פון אים, און עס איז געבליבן בלויז איין חכם מיט אים.

איינמאָל האָט דער בן־מלך געזען גאָר אַ שיין מיידל, האָט דער בן־מלך זי שטאַרק ליב געקראָגן. האָט דער מלך געזאָגט: זאָל מען אַריינברענגען דאָס שיינע מיידל, ווייל ער האָט אַ גלוסטונג צו גשמיותדיקע ענינים, וועט ער זיך דורך דעם אויסלערנען אַלע חכמות.

און דער מלך האָט אָנגעזאָגט דעם מיידל, אויב דער בן־מלך וועט זיך וועלן דערנענטערן צו איר, זאָל זי אים זאָגן, ער זאָל זיך פריער אויסלערנען איין וויסנשאַפט. און זי האָט אַזוי געטאָן, און דער בן־מלך האָט זיך צוגעהערט צו איר און ער האָט זיך אויסגעלערנט איין וויסנשאַפט. דערנאָך האָט דאָס מיידל אים געזאָגט ער זאָל זיך אויסלערנען אַ צווייטע וויסנשאַפט און ער האָט זיך דערנענטערט צו איר, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט אַלע חכמות און איז געוואָרן אַ גרויסער חכם. דעמאָלט האָט ער שוין מער נישט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, נאָר ער האָט גענומען אַ בת־מלך.

דער נמשל איז, אַז דאָס וואָס אַ מענטש האָט חשק צו גשמיותדיקע זאַכן לערנט ער זיך אויס ווי אַזוי חשק צו האָבן צו דינען דעם אייבערשטן און אים ליב צו האָבן...

***

דער מענטש זאָל טראַכטן, אַז אַלץ וואָס ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט איז פון אייבערשטן און אַלץ וואָס דער מענטש טוט, אַפילו די גאָר קלענסטע זאַכן, קומט אַלץ פון דער השגחת הבורא, זאָל דערפאַר ביי דעם מענטשן נישט זיין קיין אונטערשיד צי ער האָט געטאָן ריכטיק צי נישט, ווייל אַלץ קומט פון אייבערשטן.

***

ווען אַ מענטש קוקט אויף אַ שיינער פרוי זאָל ער טראַכטן, פון וואַנען קומט צו איר די שיינקייט? ווען זי שטאַרבט, וואָלט זי פאַרלוירן איר שיינקייט, נאָר איר שיינקייט קומט פון דער געטלעכקייט, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף איר און דאָס גיט איר שיינקייט... אַזוי אַז דער שורש פון איר שיינקייט קומט פון דער געטלעכער קראַפט...

דאָס זעלבע איז אויך ווען אַ מענטש קוקט אויף אַנדערע גשמיותדיקע זאַכן, ווי אויף אַ כלי, זאָל ער טראַכטן: פון וואַנען קומט צו דער כלי די שיינקייט אין אויסזען? די מאַטעריע פון דער כלי איז דאָך פסולת, נאָר די שיינקייט אין אויסזען קומט פון דער רוחניותדיקייט פון דער שאַפונג פון דער כלי, וואָס דאָס איז אַ טייל פון דער אויסשטראַלונג פון דער געט־לעכקייט...

דאָס זעלבע איז אויך ווען אַ מענטש עסט, זאָל ער טראַכטן, אַז דער טעם פון זיסקייט פון דעם מאכל קומט פון דעם כח חיוני און זיסקייט פון אויבן, וואָס דאָס איז זיין חיות און אין דומם איז אויך פאַראַן אַ חיות, דאָס וואָס מיר זען אַז אַפילו אַ דומם עקזיסטירט איז דערפאַר ווייל עס האָט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע געטלעכע חיות...

*
**

ער זאָל זיך באַטראַכטן ווי ער איז פון די מענטשן פון דער איי־בערשטער וועלט און ער זאָל זיך בישט רעכענען וואָס אַנדערע מענטשן זאָגן, וואָס וואוינען אויף דער וועלט, ווייל די גאַנצע וועלט איז געגליכן צו אַ קערנדל פון דער אייבערשטער וועלט, זאָל עס פאַר אים זיין גלייך צי מען האָט אים ליב, צי פיינט...

*
**

אַלץ וואָס דער מענטש טוט זאָל ער טראַכטן אַז ער טוט דערמיט אַן אַ נחת רוח דעם בורא.

ער זאָל זיין אָפּגעהיטן, אַז אַלע זיינע באַוועגונגען אין דער עבודה, זאָלן זיין אָן אַ פּניה...

*
**

עס איז אַ גרויסער כלל: וואָס מען טראַכט ביי־טאָג חלומט זיך אים ביינאַכט, און ווען דער מענטש וועט וועגן יעדער זאַך אַזוי טראַכטן ביי־טאָג, וועט ער ביינאַכט זען די לעבנסקראַפט פון דער גשמיותדיקער זאַך, וואָס ביי־טאָג האָט ער געזען בלויז דאָס גשמיותדיקע פון דער זאַך און אין

געדאַנק האָט ער געטראַכט וועגן דער רוחניותדיקייט וואָס איז איינגעהילט אין דעם, אָבער אין חלום זעט דער מענטש די נאַקעטע גייסטיקייט אין דעם לבוש...

***

ווען דער מענטש רעכנט זיך פאַר אַן אַין, אַ גאָרנישט, דערנעענטערט ער זיך צו השם יתברך, אָבער ווען אַ מענטש באַרימט זיך, דערווייטערט זיך פון אים דער איבערשטער...

***

„במקום שאדם חושב במחשבה שם הוא כולו" — דאָרט וואו דער מענטש איז מיט זיין געדאַנק, דאָרט איז ער אינגאַנצן.

***

פאַר דעם מענטשן דאַרפן אַלע געשעענישן זיין גלייך, ווי עס שטייט: „שויתי ד׳ לנגדי תמיד" — איך האַלט גאָט פאַר מיר תמיד (תהלים ט״ז, ח׳), — „שויתי" איז פון לשון השתוות, גלייכהייט, אַלץ דאַרף ביי דעם מענטשן זיין גלייך, סיי ווען מען לויבט אים און סיי ווען מען איז אים מבזה, און דאָס זעלבע איז אויך אין אַנדערע ענינים.

שפלות און גאווה

טיילמאָל דאַרף דער מענטש זיך האַלטן שטאָלץ צוליב דעם כבוד הבורא, אָבער ער דאַרף זיין שטאַרק אָפּגעהיטן ער זאָל אין דער זעלבער צייט טראַכטן פון זיין אייגענער נידעריקייט, און ער זאָל זאָגן ביי זיך אין הארצן: איך בין באמת אַ גרויסער שפל, און דאָס וואָס איך דערהייב זיך איבער מענטשן, איז נאָר פאַרן כבוד הבורא.

***

דער מענטש דאַרף טראַכטן, אַז אַלץ וואָס ער וויל, איז נאָר כדי דערמיט צו טאָן דעם בורא עולם אַ נחת רוח און אים שטענדיק צו דינען. זיין נשמה זאָל שטענדיק זיין אָנגעהאָפטן אין עולם העליון, אין אים, השם יתברך; און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „ומן המקדש לא יצא", דעם מקדש טאָר מען קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. מען דאַרף זיך שטענדיק געפינען אין דביקות מיט השם יתברך...

***

ווען אַ מענטש וויל לויבן — זאָל ער לויבן דעם אויבערשטן, און ווען אַ מענטש וויל טאַדלען — זאָל ער טאַדלען זיך אַליין.

עצבות און שמחה

דער מענטש דאַרף זיך דערוויטערן פון עצבות און זיין האַרץ זאָל תמיד זיין אין שמחה.

***

טיילמאָל נאַרט אָפּ דער יצר־הרע דעם מענטשן און ער זאָגט אים אַז ער האָט געטאָן אַ שווערע עבירה, וואָס עס איז בלויז אַ חומרא בעלמא, אָדער אינגאַנצן קיין עבירה נישט. די כוונה פון יצר־הרע איז, אַז דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין עצבות.

***

געוויין איז זייער שלעכט, ווייל דער מענטש דאַרף דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה, נאָר ווען בכיה קומט מחמת שמחה, דעמאָלט איז זי גוט.

***

דער מענטש זאָל נישט מדקדק זיין צופיל אין זיין טאָן, ווייל דאָס איז די כוונה פון יצר־הרע, דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין שרעק, אַז ער האָט עס נישט גוט געטאָן, און דאָס וועט אים ברענגען צו עצבות.

***

עס איז גוט צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה, אָן סיגופים, ווייל זיי זיינען גורם צו עצבות.

***

ווען דער גוף איז קראַנק, ווערט אויך די נשמה אָפּגעשוואַכט.

***

פאַראַן רופאים וואָס גיבן רפואות וואָס זיינען זייער ביטער, אָבער אַ בעסערער רופא גיט אַ רפואה וואָס איז זיס, וויל מען זי נעמען.

דער נמשל איז מיט די וואָס לערנען, אַז מ׳דאַרף פאַסטן תעניתים און זיך מסגף זיין — דער עולם וויל דאָס נישט טאָן; אָבער דער וואָס גיט אַ רפואה וואָס איז זיס ווי האָניק, אָן סיגופים, ווילן זיי אַלע נעמען...

***

דער מענטש זאָל תמיד זיין בשמחה און ער זאָל טראַכטן און גלויבן באמונה שלימה, אַז די שכינה איז ביי אים און היט אים, ער קוקט אויפן בורא און דער בורא אויף אים, און דער בורא קאָן טאָן אַלץ וואָס ער וויל, ווען ער וויל קאָן ער אין איין רגע מחריב זיין אַלע וועלטן, און אין איין רגע זיי צוריק צו באַשאַפן; אין אים זיינען איינגעוואָרצלט אַלע זאַכן וואָס עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, ווייל אַלץ האָט זיין חיות...

***

געוויין איז זייער שלעכט, ווייל דער מענטש דאַרף דינען דעם בורא מיט שמחה, נאָר ווען די בכיה קומט פון שמחה, דעמאָלט איז זי זייער גוט...

***

מיט אַלץ וואָס דער מענטש האָט קאָן ער דינען דעם אייבערשטן, אַפילו מיט עסן און טרינקען, ווי עס שטייט „בכל דרכיך דעהו״ (משלי ג׳, ו׳) — אין אַלע דיינע וועגן טו אים דינען. „דעהו״ מיינט באַהעפטן — דער מענטש קאָן באַהעפטן אַלע גשמיותדיקע זאַכן, צו דינען דערמיט דעם בורא [3].

3) אַ צאָל מאמרים וואָס ווערן דאָ געבראַכט געפינען זיך אין אַנדערע טיילן פון אונזער בוך, אָבער מיר האָבן זיי דאָ געגעבן נאָכאַמאָל, אַזוי ווי זיי ווערן געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״.

קאַפּיטל כו

מעשיות וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב

אַ מעשה וועגן פּשוטע דאַוונערס וואָס אויף זיי האַלט זיך די שול. — ווי אַזוי אַן אלמנה טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם. — מען טאָר נישט רעדן קיין שלעכטס אויף יידן. — אַ מעשה ווי אַזוי דער בעש״ט לייזט אויס אַ ניגון און פאַרשידענע אַנדערע מעשיות.

וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב זיינען פאַראַן, אַן אַ גוזמא, הונדערטער און הונדערטער מעשיות. מיט יעדן דור, נאָך דער פּטירה פון בעש״ט, האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע געוועבט פאַרשידענע מעשיות אַרום דער גרויסער געשטאַלט פון בעש״ט. די מערסטע מעשיות זיינען איבער־געגאַנגען איש מפּי איש און זיינען פאַרשריבן געוואָרן אַנאָנים. פאַראַן אויך מעשיות, וואו עס ווערט אָנגעגעבן וועלכער רבי עס האָט זיי דער־ציילט. על פּי רוב זיינען די מעשיות צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער און מהות פון דער חסידישער שיטה, וואָס דער בעש״ט האָט געשאַפן. די מאָטיוון פון די מעשיות זיינען: א) בטחון — אַז דער עיקר איז צו האָבן בטחון אין רבונו של עולם, וועט מען זיכער געהאָלפן ווערן; ב) די תפילה פון עם הארץ — אויב די תפילה איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ ריינער כוונה איז זי חשובער אין הימל ווי די תפילה פון אַ וואויל־לערנער; ג) עיקר יידישקייט איז פּשוטע אמונה; ד) מעשיות וועגן דאָרפס־יידן, וועלכע זיינען געווען די ערשטע מאמינים אין בעש״ט; ה) מעשיות וועגן שטאָטישע בעלי־מלאָכות, וועלכע זיינען אין אַ שפּעטערדיקער תקופה געוואָרן אָנ־הענגער פון חסידות; ו) מעשיות וועגן גבירים, וועלכע זיינען פון אַ שפּעטערדיקער תקופה, מסתמא שוין נאָך דער פּטירה פון בעש״ט, ווען די חסידישע באַוועגונג האָט אין געוויסע געגנטן שוין אַרומגענומען כמעט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און אויך יידן־גבירים זיינען געוואָרן אָנהענגער פון חסידות.

מיר וועלן דאָ געבן אַ צאָל מעשיות פון בעש״ט, לויט די מאָטיוון וואָס מיר האָבן פריער אויסגערעכנט, אַרויסגענומען פון „שבחי הבעש״ט״ און אַנדערע ספרים.

די פשוטע מתפללים זיינען דער יסוד פון שול

אין דער שטאָט אַניפּאָלע איז געווען אַ בעל־מלאכה, וואָס מען האָט אים גערופן „שאַפּוואַל״. ער האָט געשטריקט זאָקן און ער האָט זומער און ווינטער געדאַוונט אין שול. אַפילו ווען עס איז נישט געווען קיין מנין, האָט ער געדאַוונט ביחידות.

איינמאָל איז דער בעש״ט געקומען קיין אַניפּאָלע און בשעת ער האָט געריכערט די ליולקע פאַרן דאַוונען, האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און האָט געזען דעם בעל־מלאכה גיין אין שול אַריין. איז דער בעש״ט זייער דערציטערט געוואָרן און האָט געזאָגט צום בעל־הבית: „גיי אַרויס און זע ווער עס גייט מיט זיין טלית און תפילין. און דער בעל־הבית איז אַרויס און ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט: „אַ בעל־מלאכה גייט אין שול אַריין״.

האָט דער בעש״ט געהייסן מען זאָל דעם בעל־מלאכה ברענגען צו אים, האָט דער בעל־הבית געזאָגט: „איך ווייס אַז ער וועט נישט וועלן קומען״. האָט דער בעש״ט געשוויגן.

נאָכן דאַוונען האָט דער בעש״ט געשיקט נאָכן זאָקן־מאַכער, ער זאָל אים ברענגען פיר פּאָר זאָקן. איז דער זאָקן־מאַכער געקומען און האָט מיטגעבראַכט די זאָקן. האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

— וויפל קאָסט אַ פּאָר זאָקן?

האָט דער זאָקן־מאַכער געענטפערט:

— יעדע פּאָר זאָקן קאָסט אַנדערהאַלבן גילדן.

האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

— אפשר וועסטו נעמען ווייניקער ווי אַנדערהאַלבן גילדן?

האָט דער זאָקן־מאַכער געענטפערט:

— ווען איך וואָלט געוואָלט נעמען ווייניקער, וואָלט איך גלייך אַזוי געזאָגט.

האָט דער בעש״ט אים באַצאָלט פאַר פיר פּאָר זאָקן וויפל ער האָט פאַרלאַנגט.

האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

— ווי אַזוי פאַרקויפסטו דיינע זאָקן?

האָט דער זאָקן־מאַכער געענטפערט:

— איך גיי נישט אַרויס פון מיין שטוב, נאָר די קרעמער קומען צו מיר, זיי לאָזן מיר איבער דעם וואָל. איך גיי קיינמאָל נישט אַרויס פון הויז. מיט אייך האָב איך געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר אייער כבוד וועגן, אַזוי אָבער גיי איך נישט אַרויס פון שטוב, נאָר אין שול אַריין. איז דאָרט פאַראַן אַ מנין, דאַוון איך מיטן מנין; ווען נישט, דאַוון איך ביחידות.

האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:

— ווען דו האָסט געדאַרפט חתונה מאַכן דיינע זין, וואָס האָסטו געטאָן?
האָט ער געענטפערט:
— השם יתברך העלפט מיר. פון מיין מלאכה מאַך איך חתונה מיינע זין.
האָט דער בעש״ט אים געפרעגט:
— ווען דו שטייסט אויף אין דער פרי, וואָס טוסטו?
האָט ער געענטפערט:
— איך מאַך זאַקן.
— און תהלים זאָגסטו?
— דאָס וואָס איך קען אויסנווייניק, דאָס זאָג איך...
האָט דער בעש״ט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז דער יסוד פון דער שול, ביז ביאת הגואל במהרה בימינו, אָמן סלה[1].

דער בעש״ט און דער פאַסטעך

איינמאָל האָט מען געוויזן דעם בעש״ט אין הימל, אַז אַ פאַסטעך דינט דעם אייבערשטן מיט מער כונה פון אים. האָט דער בעש״ט זייער געגלוסט צו זען דעם דאָזיקן פאַסטעך. האָט ער באַפוילן צו שפּאַנען די פערד און צו פאָרן מיט זיינע תלמידים.

זיינען זיי געשטאַנען אין אַ פעלד צופוסנס פון אַ באַרג און אויפן באַרג איז געשטאַנען אַ פאַסטעך און האָט געבלאָזן אויף אַ האָרן צונויפצוזאַמלען די שאָף. ווען די שאָף זיינען שוין געווען צוזאַמען, האָט ער זיי געפירט צו אַ טייך זיי אָנצוטרינקען, און ווען די שאָפן האָבן געטרונקען, האָט דער פאַסטעך אָנגעהויבן צו ריידן אויך אויף אַ קול און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„רבונו של עולם, דו האָסט באַשאַפן הימל און ערד, דעם דאָזיקן באַרג און די דאָזיקע שאָף און דעם מענטש, וואָס צו אים געהערן די שאָף, און מיך, און אויך דיין פאָלק ישראל האָסטו באַשאַפן. דו שפּייזט אַלע באַשעפענישן און אויך מיר גיסטו שפּייז. איך בין אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ. איך ווייס נישט ווי אַזוי דיך צו דינען, מיט וואָס דיך צו לויבן. איך בין פון קליינערהייט אָן אַ יתום און בין אויפגעצויגן געוואָרן צווישן גוים. קיין תורה האָב איך נישט געלערנט. איך האָב בלויז אָן אויסגעהוילטן האָרן אין מיין האַנט און מיט אים בלאָז איך ווי מיט אַ שופר. מיט מיין גאַנצן כוח בלאָז איך און איך זאָג: דו ביזט אונזער גאָט״.

און ווי דער פאַסטעך האָט אַזוי געבלאָזן מיט זיין גאַנצן כוח, איז ער אַ פאַרשוואַכטער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און געלעגן שטיל

1) „שבחי העבש״ט״.

ביז ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כוחות. און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כוחות, האָט ער ווידער געזאָגט:

„רבונו של עולם, דו האָסט באַשאַפן הימל און ערד און שפּייזט יעדן איינעם. דו האָסט באַשאַפן די שאָף און מיך, און דו האָסט איין פאָלק — אַזוי ווי דו ביזט איינער — וואָס לערנט תמיד דיין תורה און איז מתפלל צו דיר. אָבער איך בין אַ קליינער פּאַסטוך און איך קען נישט לערנען און נישט דאַוונען, ווייל איך בין פון קליינערהייט אַ יתום פון מיין טאַטן און מאַמען און בין אויפגעצויגן געוואָרן צווישן גויים. אָבער איך קען פאַר דיר זינגען אַ ליד פון די פּאַסטעכער־לידער".

און דער פּאַסטעך האָט אָנגעהויבן צו זינגען מיט גרויס התלהבות, ביז ער איז געפאַלן אין אָנמאַכט אויף דער ערד און איז געלעגן שטיל ביז ער האָט צוריקגעקראָגן זיינע כוחות.

און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כוחות, האָט ער געזאָגט:

„רבונו של עולם, איך האָב פאַר דיר געבלאָזן אויפן האָרן, איך האָב פאַר דיר געזונגען לידער, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס ביי דיר, האַר פון אַלע וועלטן, וואָס דו שפּייזט יעדן איינעם. מיט וואָס קען איך דיר נאָך דינען, פאָטער אין הימל? איך קען אָבער מאַכן אַ קונץ און די קונץ וועל איך מאַכן פאַר דיר".

און דער פּאַסטעך האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און ער האָט די פיס באַוואויגן אין דער לופט.

דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און ווידער געמאַכט אַ קאָזשעלעק, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַזוי עטלעכע מאָל ביז ער איז געפאַלן פון זיינע כוחות אויף דער ערד און איז געבליבן ליגן שטיל.

און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כוחות האָט ער געזאָגט:

„רבונו של עולם, איך האָב געבלאָזן אויפן האָרן, איך האָב פאַר דיר געזונגען לידער, איך האָב פאַר דיר זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, אָבער וואָס איז דאָס אַלץ חשוב ביי דיר, טאַטע אין הימל? מיט וואָס נאָך קען איך דיך דינען? אָט האָט נעכטן בײנאַכט דער פּריץ, וואָס צו אים געהערן די שאָף, געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע קנעכט און צום סוף פון דער סעודה האָט ער יעדן קנעכט געגעבן אַ מתנה אַ זילבערנעם גראָשן, און דעם גראָשן גיב איך דיר אַ מתנה, באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס דו האָסט באַשאַפן הימל און ערד, דעם באַרג און דאָס וואַסער, די שאָף און מיך, דעם קליינעם פּאַסטעך".

און ריידנדיק אַזוי, האָט דער פּאַסטעך געגעבן אַ וואָרף דעם זיל־בערנעם גראָשן אין דער הויך, און דער בעש"ט האָט געזען ווי עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט פון הימל און נעמט צו דעם גראָשן...

און דער בעש״ט האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

— דער דאָזיקער קליינער פּאַסטעך האָט מקיים געווען דעם פּסוק: „ואהבת את ד׳ אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך״ [2].

די פּשוטע אמונה

די דאָזיקע מעשה האָט דערציילט דער רבי ר׳ ישראל דוב פון וועלעדניק, מחבר פון ספר „שארית ישראל״ [3].

געווען אַמאָל אַ יידישער גנב, וואָס האָט זיך מפרנס געווען פון גניבות. און תמיד, ווען ער איז געווען אין אַ סכנה געכאַפּט צו ווערן, איז ער געפאָרן צום בעש״ט און דער בעש״ט האָט אים געטאָן אַ טובה און האָט אים געבענטש ער זאָל ניצול ווערן פון אַלע צרות.

איינמאָל איז ער געווען אין גאָר אַ גרויסער סכנה געכאַפּט צו ווערן. איז ער ווידער געפאָרן צום בעש״ט קיין מעזשיבעזש. אויפן וועג האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער בעש״ט איז נסתלק געוואָרן שוין מיט אַ צייט צוריק. האָט ער זייער געוויינט. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט פון די תלמידים פון בעש״ט, אַז אויב חס ושלום דער בעש״ט וועט אַוועק פון דער וועלט, וועט זיין תלמיד, דער רב פון פּולנאה, ווערן זיין ממלא מקום. איז ער געפאָרן צום פּולנאָהער רב און האָט אים בסוד דערציילט זיינע צרות. ווען דער פּולנאָהער רב האָט דערהערט, אַז ער איז אַ גנב, האָט ער נישט געוואָלט אים אויסהערן און האָט אים געהייסן פאַרלאָזן דאָס הויז.

איז דער גנב געפאָרן אויפן ציון פון בעש״ט. ער האָט זייער געוויינט אויפן קבר און האָט געזאָגט: „רבי! רבי! אַזוי ווי איר האָט מיר געהאָלפן ווען איר האָט געלעבט, העלפט מיר אויך איצט!״

און דער גנב איז אַזוי געזעסן עטלעכע שעה ביים קבר און האָט געוויינט ביז ער איז איינגעשלאָפן און אין חלום האָט ער געזען ווי דער בעש״ט קומט צו אים און פרעגט אים: „וואָס פאַרלאַנגסטו? האָט דער גנב אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ און ער האָט אים דערציילט, אַז ער איז געווען ביים פּולנאָהער רב, און ער, דער רב, האָט אים אַרויסגעטריבן פון הויז.

האָט דער בעש״ט אים געענטפערט:

„זאָלסט נישט קיין מורא האָבן. פאָר צו מיין אייניקל אפרים, וואָס איז רב אין סודילקאָוו, און זאָג אים אין מיין נאָמען ער זאָל דיר געבן

2) לויט דעם „שיחות יקרים״.

3) געדרוקט אין ספר „סיפורי צדיקים״, סיפור י״ד.

אַ ברכה. זאָלסט אים געבן אַזאַ סימן: פאַרגאַנגענעם שבת איז געווען פּרשת קורח, האָב איך מיט אים געלערנט די סדרה״.

האָט זיך דער גנב אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט געדענקט דעם חלום. ער איז באַלד געפאָרן צום סודילקאָווער רב און האָט אים בסוד דערציילט דעם גאַנצן חלום וואָס ער האָט געהאַט.

ווען דער סודילקאָווער רב, דער „דגל מחנה אפרים״, האָט אויס־געהערט די מעשה און דעם סימן, וואָס ער האָט געגעבן, האָט ער אים געגעבן זיין ברכה, אַז קיין שום שלעכטס זאָל מיט אים נישט געשען.

ווען דער רבי ר׳ ישראל פון וועלעדניק האָט פאַרענדיקט דערציילן די מעשה פאַר זיינע חסידים, האָט ער אויסגעלאָזט: „זעט ווי גרויס עס איז דער כוח פון אמונה — אַפילו די פּשוטע אמונה פון אַ פּשוטן מענטש העלפט...״

אַן אלמנה טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו של עולם

איינמאָל האָט דער בעש״ט געזען אין הימל אַ גרויסן קטרוג אויף די יידן, רחמנא לצלן. האָט ער אָפּגעהאַלטן אַן עצה מיט זיינע תלמידים און זיי האָבן געפאַסט תעניתים, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אָפּשרייען די גזירה.

האָט דער בעש״ט געפועלט ביים רב פון שטאָט, ער זאָל גוזר־תענית זיין אויף אַלע יידן אין שטאָט. זיינען אַלע יידן, אנשים, נשים וטף, זיך צונויפגעקומען אין שול אַריין. זיי האָבן געזאָגט תהלים, האָבן גע־עפנט דעם ארון־קודש, געקלאָגט און געוויינט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט מבטל מאַכן די גזירה.

פּלוצלונג האָט דער בעש״ט צוגערופן זיין תלמיד ר׳ נחמן פון האָראָדענקע, און האָט אים געזאָגט: „ברוך השם, די גזירה איז בטל געוואָרן!״

און ביינאַכט, נאָכן תענית, ווען דער בעש״ט איז געזעסן מיט זיינע תלמידים, האָט ער זיי דערציילט אין וועמענס זכות די גזירה איז בטל געוואָרן. די מעשה איז אַזוי געווען:

אין דער וויבער־שול איז געזעסן אַן אַלמנה און ווען זי האָט געהערט ווי יידן וויינען און בעטן דעם אייבערשטן ער זאָל מבטל מאַכן די גזירה, האָט זי אַזוי געזאָגט:

„רבונו של עולם, ביזטו דען נישט אונזער פאָטער? זיינען מיר דען נישט דיינע קינדער? פינף קינדער האָב איך, און ווען זיי הייבן אָן צו שרייען און וויינען, איבערקערן זיך די געדערעם אין מיר. און דו, טאַטע אין הימל, דיינע קינדער שטייען איצט און וויינען און קלאָגן, און דו

הערסט זיך גאָרנישט צו צו זיי? האָסטו דען אַ האַרץ פון אַ שטיין, דו זאָלסט זיך נישט וועלן צוהערן צו זייער געבעט? ענטפער זיי, פאָטער אין הימל, הער זיך צו צו זייער געוויין!...״

און אין דער רגע איז אַרויס אַ בת־קול פון הימל און אויסגערופן, אַז די גזירה איז בטל געוואָרן...

מען טאָר נישט ריידן קיין שלעכטס אויף יידן

דער בעש״ט האָט אַמאָל געהאַלטן שבת אין דער שטאָט אָליק, ביי דעם פּרנס החודש. צו מנחה איז דער פּרנס החודש געגאַנגען אין שול אַריין. דאָרט האָט אַ בעל־דרשן געהאַלטן אַ דרשה. דער בעש״ט האָט געוואַרט מיט שלוש סעודות אויף דעם בעל־הבית. דערווייל האָט דער בעש״ט געהערט, אַז דער בעל־דרשן האָט מלשין געווען אין זיין דרשה אויף די יידן. איז דער בעש״ט ברוגז געוואָרן און ער האָט געזאָגט צום גבאי, ער זאָל גיין רופן דעם בעל־הבית. דער גבאי האָט דערציילט אין שול, אַז דער בעש״ט איז ברוגז אויפן בעל־דרשן, האָט דער עולם אָנ־געהויבן ביסלעכווייז אַרויסצוגיין פון שול און דער בעל־דרשן האָט אויפגעהערט צו דרשענען.

צומאָרגנס איז דער בעל־דרשן געקומען צום בעש״ט. האָט דער בעש״ט אים געגעבן שלום און אים געפרעגט: „ווער זענט איר?״ האָט ער געענטפערט: „איך בין דער בעל־דרשן. פאַרוואָס זענט איר ברוגז אויף מיר?״

איז דער בעש״ט אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און טרערן האָבן אים אָנגעהויבן צו רינען פון זיינע אויגן און ער האָט געזאָגט:

„דו רעדסט שלעכטס אויף יידן! זיי וויסן, אַז ווען אַ ייד גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג אויפן יאַריד און ער פאַרשפּעטיקט מנחה־צייט און ער זאָגט: ׳אוי־וויי, איך האָב פאַרשפּעטיקט זמן מנחה׳, און ער לויפט אַריין אין אַ שטוב און דאַוונט מנחה, איז כאָטש ער ווייסט גאָרנישט וואָס ער רעדט, פונדעסטוועגן ציטערן שרפים און אופנים פאַר דעם. ביזטו מלשין אויף יידן?...״ [4]

דער בעש״ט לייזט אויס אַ ניגון

דער בעש״ט איז איינמאָל געגאַנגען מיט זיינע תלמידים אין פעלד, האָט ער געזען ווי אַ פאַסטעך שטייט און שפּילט אויף זיין פייפערל. האָט

4) „שבחי הבעש״ט״.

ער זיך צוגעהערט צום ניגון מיט גרויס התפעלות. ווען דער פּאַסטעך האָט פאַרענדיקט שפּילן, האָט דער בעש״ט אים געגעבן אַ מטבע ער זאָל נאָך אַמאָל שפּילן דעם זעלבן ניגון. האָט דער פּאַסטעך איבערגעחזרט דעם ניגון מיט גרויס ליבשאַפט און התלהבות. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט דער בעש״ט אים ווידער געגעבן אַ מטבע ער זאָל צום דריטן מאָל שפּילן דעם ניגון. איז דער פּאַסטעך געשטאַנען און געטראַכט און גע־טראַכט און האָט געזאָגט:

„איך האָב פאַרגעסן דעם ניגון!“

האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„געלויבט דער אייבערשטער, איך האָב מקיים געווען פדיון שבויים. דעם דאָזיקן ניגון האָבן די לויים געזונגען אין בית המקדש. נאָך דעם חורבן איז דער ניגון געגאַנגען אַפּריכטן גלות און ער איז געפאַנגען געוואָרן פון די גוים, ביז עס איז געקומען דער פּאַסטעך און האָט גע־שפּילט דעם ניגון. איצט האָב איך אים אויסגעלייזט פון גלות און האָב אים צוריקגעבראַכט צו זיין הייליקן שורש...“

אַ מעשה פון אַ גביר וואָס האָט נישט געהאַלטן פון בעש״ט

אין מעזשיבעזש איז געווען אַ גרויסער סוחר און ער איז געווען פון די מענטשן וואָס זיינען נאָך געווען קעגנער פון בעש״ט. דער דאָזיקער סוחר האָט געהאַט אַ בן־יחיד, אַ חכם, אַ מופלג אין לערנען און איז געווען מיט אַלע מעלות. איינמאָל איז דער בן־יחיד געפאָרן קיין ברעסלוי נאָך סחורה. זיין סדר איז געווען זיך צו זוימען אין וועג אַ פיר וואָכן, אָבער דאָס איצטיקע מאָל האָט דער זון זיך געזוימט מער פון צען וואָכן און דער פאָטער האָט פון אים קיין שום ידיעה נישט געהאַט. האָבן די בני־בית דערפון געהאַט גרויס צער. האָט איינמאָל די מוטער, דעם סוחרס ווייב, צו אים געזאָגט:

„פאַרוואָס איז דיין האַרץ אַזוי שטאַרק קעגן בעש״ט? די גאַנצע וועלט פאָרט צו אים, ממש מארבע פינות העולם, און ער העלפט זיי, און דו ווילסט נישט גיין צו אים זיך פרעגן וועגן אונזער זון. עס איז דאָך נישט קיין פּשוטע זאַך וואָס אונזער זון איז נאָך נישט צוריקגעקומען!“

דער סוחר האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיין ווייבס רייד. אָבער ווען עס זיינען אַוועק נאָך אַ סך טעג און דאָס ווייב איז צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל גיין צום בעש״ט, האָט ער געמוזט נאָכגעבן איר פאַרלאַנג און ער איז ערב שבת געגאַנגען צום בעל־שם־טוב און האָט געזאָגט צום בעל־שם־טוב:

„עס איז שוין מער פון צען וואָכן ווי מיין איינציקער זון איז אַוועק־געפאָרן קיין ברעסלוי און מיר האָבן נישט קיין שום ידיעה פון אים און מיר ווייסן נישט וואָס מיט אים איז געשען״.

דער בעש״ט האָט זיך באַלד געהייסן דערלאַנגען דעם ספר הזוהר, ער האָט אים געעפנט, האָט אין אים אַריינגעקוקט און האָט געזאָגט צום סוחר:

„דיין זון איז, ברוך השם, בחיים ושלום. דעם שבת וועט ער האַלטן אין אַ דאָרף, וואָס איז בלויז אַ מייל פון אונזער שטאָט״.

האָט דער סוחר דאָס נישט געוואָלט גלויבן, ווייל ווען דער זון זאָל זיין אַזוי נאָענט פון אים וואָלט ער דאָך זיכער אַהיימגעקומען, ווייל ער ווייסט דאָך ווי זיינע עלטערן בענקען נאָך אים און געלט איז ביי אים גאָרנישט חשוב און ער וואָלט געגעבן פאַר אַ פור וויפל מען וואָלט פאַרלאַנגט, כדי ער זאָל קענען זיין שבת צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. אָבער כדי זיך צו באַרואיקן, האָט ער געשיקט אַ שליח אין דאָרף אַריין און האָט אים געהייסן וואַרטן אין דאָרף ביז נאַכט, אפשר וועט ער קומען נאָך איידער עס פאַלט צו די נאַכט.

פרייטיק צו נאַכטס איז דער גוי׳אישער שליח צוריקגעקומען און ער האָט געזאָגט, אַז מען האָט גאָרנישט געהערט פון אים. האָט דער עושר געזאָגט צו זיין ווייב: „דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט איך זאָל גיין צום בעל־שם־טוב און איך האָב זיך געלאָזט פון דיר איבעררעדן. איך האָב פון פריער געוואוסט, אַז זיינע רייד האָבן נישט קיין ממשות און אַז ער נאַרט אָפּ...״

אָבער מוצאי שבת איז דער זון אַהיימגעקומען און האָט דערציילט זיין פאָטער די גאַנצע מעשה, אַז זיין וואָגן איז עטלעכע מאָל צעבראָכן געוואָרן אויפן וועג און אַז ער איז געקומען אין דאָרף אַריין אַרום האַל־בער נאַכט און אַז ערשט מוצאי שבת האָט ער געקענט אַהיימקומען.

דעמאָלט האָט דער סוחר געזען, אַז דעם בעש״ט׳ס רייד זיינען רעכט געווען. איז ער געגאַנגען צום בעש״ט ביי אים בעטן ער זאָל אים מוחל זיין, היות ער האָט אויף אים גערעדט לשון־הרע, און ער האָט אים דער־ציילט די גאַנצע מעשה.

האָט דער בעש״ט צו אים געזאָגט:

„דאָס ליכט וואָס הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אין ששת ימי בראשית, האָט אָדם הראשון דערמיט געזען פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, און דאָס ליכט איז באַהאַלטן געוואָרן פאַר די צדיקים וואָס דאַרפן גע־בוירן ווערן, און וואו האָט עס דער אייבערשטער באַהאַלטן? אין דער תורה. דעריבער, אַז איך עפן דעם ספר הזוהר, זע איך וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט און איך בין זיך גאָרנישט טועה...״

און פון דעמאָלט אָן איז דער סוחר געוואָרן אַ מקורב צום בעש״ט און איז געוואָרן אַן ערלעכער מאַן [5].

גזלנים און דער בעש״ט

ווען דער בעש״ט איז נאָך געווען אַ נסתר האָט ער אָפּגעריכט התבודדות אין די בערג. די בערג זיינען געווען זייער גרויס און צווישן די בערג איז געווען זייער אַ טיפער טאָל, נישט משופּע, נאָר גלייך ווי אַ וואַנט.

איינמאָל איז דער בעש״ט געגאַנגען אויף די בערג, זייער פאַרטראַכט אין זיינע מחשבות, און אויף דער צווייטער זייט באַרג זיינען געשטאַנען גזלנים. ווען זיי האָבן אים געזען פונדערווייטנס ווי ער גייט ביז צום סוף פון באַרג פאַרטראַכט אין זיינע מחשבות האָבן זיי געזאָגט: „ער וועט זיכער פון באַרג אַראָפּפאַלן אין טאָל אַריין״. אָבער ווען דער בעש״ט איז געקומען נאָענט צום באַרג, זיינען די בערג זיך צונויפגעקומען און זיי זיינען געוואָרן גלייך. און ווען דער בעש״ט האָט זיך דערווייטערט האָבן זיך די בערג צוריק פונאַנדערגעטיילט. אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל, ווען דער בעש״ט איז געגאַנגען הין און צוריק.

האָבן די גזלנים געזען, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן, וואָרים גאָט איז מיט אים. האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָבן געזען, און זיי האָבן צו אים געזאָגט:

„מיר זעען, אַז דו ביזט אַ געטלעכער מאַן, דעריבער בעטן מיר דיך, דו זאָלסט פאַר אונז תפילה טאָן, מיר זאָלן מצליח זיין אין אַלע אונזערע וועגן, וואָס מיר גייען תמיד, איינשטעלנדיק אונזער לעבן״.

האָט דער בעש״ט צו זיי געזאָגט:

„אַז איר וועט מיר שווערן, אַז איר וועט נישט באַ׳גזלנען קיין יידן, וועל איך דעמאָלט טאָן אַזוי ווי איר פאַרלאַנגט״.

און זיי האָבן געשוואוירן. און פון דעמאָלט אָן, אַז זיי האָבן געהאַט צווישן זיי אַ קריגעריי, אָדער איינער האָט געהאַט אַ טענה אויפן צווייטן, זיינען זיי געקומען צום בעש״ט און ער האָט געמאַכט אַ פשרה צווישן זיי.

איינמאָל זיינען צוויי גזלנים געקומען צום בעש״ט זיך משפטן. האָט דער בעש״ט אַרויסגעגעבן אַ פסק־דין. אָבער איינעם פון זיי איז דער פסק פון בעש״ט נישט געפעלן, האָט ער ביי זיך געטראַכט, ווען דער בעש״ט איז וואַך קען מען אים קיין שום שלעכטס נישט טאָן, אָבער ווען ער וועט שלאָפן וועל איך דעמאָלט דערפילן מיין באַגער און איך וועל אים הרגענען.

5) „שבחי הבעש״ט״.

און אַזוי האָט ער געטאָן. ווען דער בעש״ט איז געשלאָפן, איז דער גזלן געקומען און האָט אויפגעהויבן זיין האַק אויפן בעש״ט אָפּצוהאַקן זיין קאָפּ. אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן זיין האַק איבער דעם בעל־שם־טובס קאָפּ, האָט מען אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און ער האָט נישט געוואוסט ווער, און מען האָט אים געשלאָגן מכות רצח, מען האָט אים געמאַכט וואונדן און ביילן, אַזוי אַז עס איז מער נישט געבליבן קיין לעבעדיקער אָטעם אין אים און ער האָט שוין מער נישט געקענט רעדן.

ווען דער בעש״ט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער דערזען ווי איינער ליגט איינגעשמירט אין בלוט און פול מיט וואונדן און ביילן. פרעגט ער אים: „ווער האָט דיר דאָס געטאָן?״ דער גזלן האָט אָבער קיין כוח נישט געהאַט צו ענטפערן. איז דער בעש״ט אַוועקגעגאַנגען פון אים. צומאָרגנס, ווען דער גזלן איז צוריקגעקומען צו זיינע כתות, איז ער אַליין געקומען צום בעש״ט און האָט אים אַלץ דערציילט.

איינמאָל זיינען געקומען גזלנים צום בעש״ט און האָבן אים געזאָגט:

„האַר אונזערער! מיר ווייסן אַ קורצן וועג צו גיין קיין ארץ־ישראל, דורך היילן און גריבער, און אויב דו ווילסט גיין מיט אונז, וועלן מיר דיר וויזן דעם וועג״.

האָט דער בעש״ט באַוויליקט צו גיין מיט זיי. און ווי זיי זיינען געגאַנגען, זיינען זיי געקומען צו אַ גרוב פול מיט וואַסער, בלאָטע און ליים און איבער דעם גרוב איז געלעגן אַ ברעט און מען האָט זיך אָנגעלענט אין אַ באַלקן וואָס איז געשטאַנען אין וואַסער. זיינען די גזלנים געגאַנגען פאָראויס. און ווי דער בעש״ט האָט געוואָלט גיין אויף דעם ברעט, האָט ער דערזען, אַז דאָס איז אַ „להט החרב המתהפכת״ (אַ פלאַמיקע שווערד וואָס דרייט זיך), איז ער צוריקגעגאַנגען...[6]

חסידים האָבן אין דער מעשה אַריינגעטייטשט, אַז אין הימל האָט מען נישט געוואָלט, אַז דער בעש״ט זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל.

עיקר תשובה איז חרטה, נישט סיגופים

אַ ייד האָט אַמאָל מחלל שבת געווען בשוגג. ער איז געקומען ערב שבת נאָך ליכט־בענטשן אין שטאָט אַריין, מחמת דער וואָגן האָט זיך אים צעבראָכן אויפן וועג. איז ער געקומען צום רבין ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה אויף זיין חטא. האָט דער רבי ר׳ מעכעלע פאַר אים מסדר געווען אַ תשובה אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט

6) „שבחי הבעש״ט״.

אין ספר „הרוקח" און אין די אַנדערע ספרים. ער האָט אים געהייסן פאַסטן, זיך וואַלגערן אין שניי, אויפהאַקן דאָס אייז אין ווינטער און זיך טובל זיין און זיצן דאָרט אַזוי לאַנג ביז מען קען אין דער צייט אָפּפרעגלען אַן איי.

דער ייד האָט אָנגעהויבן דורכצופירן די אַלע סיגופים, אָבער ער האָט געזען, אַז ער וועט נישט קענען אויסהאַלטן, ווייל ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש.

האָט זיך געמאַכט, אַז דער בעש"ט איז געקומען קיין כאַדאַרקאָוו, וואָס איז נאָענט צו דער שטאָט, וואו דער ייד האָט געוואוינט. איז דער ייד געפאָרן צום בעש"ט און האָט אים געבעטן ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה אויף חילול שבת. האָט דער בעש"ט אים געהייסן נעמען אַ פונט ליכט און אָנצינדן ערב שבת אין שול לכבוד שבת.

ווען דער ייד האָט דאָס דערהערט, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרן. האָט דער בעש"ט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וואונדערט זיך אַזוי. האָט ער דערציילט דעם בעש"ט וואָס פאַר אַ שווערע תשובה ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער האָט אים געגעבן. האָט דער בעש"ט צו אים געזאָגט: „זאָרג זיך נישט. טו אַזוי ווי איך הייס דיך!"

און ווי נאָר דער ייד איז אַהיימגעקומען האָט ער אַזוי געטאָן. ער האָט גענומען אַ פונט ליכט און אָנגעצונדן אין שול לכבוד שבת.

און צו ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער האָט דער בעש"ט באַפוילן, ער זאָל צו אים קומען אויף שבת קיין כאַדאַרקאָוו.

און ר׳ מעכעלע איז געפאָרן צום בעש"ט אויף שבת. אָבער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אַ ראָד האָט זיך צעבראָכן און ר׳ מעכעלע איז אַריינגעקומען צום בעש"ט פרייטיק צו נאַכטס, ווען דער בעש"ט האָט שוין געהאַלטן זיין כוס אין דער האַנט צו מאַכן קידוש. ווען דער בעש"ט האָט דערזען ר׳ מעכעלען, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט:

„ר׳ מעכעלע, פון איצט אָן זאָלט איר וויסן, אַז עס איז נישט גוט אַרויסצוגעבן אַזאַ שווערע תשובה צו אַ ייד, וואָס האָט מחלל שבת געווען בשוגג. איר אַליין, וואָס האָט אין אייער גאַנץ לעבן נישט טועם געווען קיין טעם חטא, ווייסט נישט וואָס פאַר אַ שבירת הלב אַ ייד האָט, ווען ער ווערט, חס ושלום, נכשל אין אַן עבירה. דערפאַר האָט איר נישט געדאַרפט אַרויסגעבן אַזאַ שווערע תשובה דעם ייד. איר זאָלט וויסן, ר׳ מעכעלע, אַז צוליב דעם צעבראָכענעם האַרץ וואָס דער ייד האָט געהאַט צוליב דעם וואָס ער האָט מחלל שבת געווען, האָט ער שוין מיט דעם אַליין געהאַט אַ תיקון און זיין חטא איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן!"

דערנאָך האָט דער בעש"ט געמאַכט קידוש און האָט געזאָגט, אַז דער עיקר תשובה איז חרטה און שבירת הלב, נישט קיין סיגופים.

צוליב אַ געלעכטער האָבן זיי מעכב געווען די גאולה

שמיני עצרת ביינאַכט אין יאָר תק״ך זיינען געזעסן דעם בעש״טס תלמידים און האָבן געוואַרט דער בעש״ט זאָל מיט זיי גיין אין בית המדרש אַריין פּראַוועז די הקפות. אָבער דער בעש״ט האָט זיך פאַרזוימט, ער האָט אָפּגעריכט התבודדות אין זיין חדר מיוחד. און ווען ער איז סוף־כל־סוף אַריינגעקומען, איז ער געווען פאַרזונקען אין מחשבות און זיין פּנים האָט געלויכטן. אַ שעה צייט איז דער בעש״ט געזעסן און געשוויגן און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„איצט, רבותי, אידער מיר הייבן אָן צו פּראַוועז הקפות, הערט זיך צו וואָס איך זאָג אייך: בשעת קריאת התורה וועט איר זען זאַכן, וואָס וועלן פאַר אייך זיין אַ פלא, אָבער איך בעט אייך איר זאָלט גאָרנישט זאָגן, וואָס איר וועט זען, און בפרט זאָלט איר, חס וחלילה, נישט דערוועגן צו לאַכן. זאָגט איר מיר דאָס צו?״

האָבן זיך אַלע תלמידים אויפגעשטעלט, איינער נאָכן צווייטן, און האָבן צוגעזאָגט בהן צדק, אַז זיי וועלן נישט קיין שמייכל געבן.

און ווען מען האָט אַרויסגענומען די ספרי־תורה פון אָרון הקודש, האָט דער בעש״ט אויסגערופן אויפן קול:

„יעמוד ר׳ אהרן בן ר׳ עמרם הכהן לתורה!״

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אהרן הכהן, אָנגעטאָן אין חושן און אפוד, און ער האָט געמאַכט אַ ברכה ביי דער תורה.

האָט דער בעש״ט ווידער אויסגערופן:

„יעמוד ר׳ משה בן ר׳ עמרם הלוי!״

און עס איז אַריינגעקומען אַ ייד, זיין פּנים פאַרהילט, און ער האָט געמאַכט אַ ברכה.

און דער בעש״ט האָט אויפגערופן איינעם נאָכן צווייטן צו די עליות:

ר׳ אַברהם; דערנאָך ר׳ יצחק בן ר׳ אברהם; ר׳ יעקב בן ר׳ יצחק, און רבי שמעון בר יוחאי, צו געבן זיי: שלישי, רביעי, חמישי און שישי, און צו מפטיר האָט דער בעש״ט אויסגערופן:

„יעמוד משיח צדקנו — מפטיר!״

אין דער רגע איז געווען איין תלמיד פון בעש״טס תלמידים, וואָס האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

האָט דער בעש״ט געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט און האָט געזאָגט:

„ווי איז אונז, וואָס עס איז מיט אונז געשען! צוליב דעם געלעכטער האָבן מיר מעכב געווען, משיח זאָל קומען!״

און בשעת די הקפות האָט שוין מער נישט געשטראַלט דעם בעש״ט׳ס

פנים פאַר שמחה, און ווען די תלמידים האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי געוואָרן פאַרטרויערט. זיי האָבן שווער געקרעכצט, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, אַז אַ שלעכטע צייט רוקט זיך אָן אויף זיי.

און אין זעלבן יאָר, דעם ערשטן טאָג שבועות, איז דער בעש״ט נסתלק געוואָרן.

גילוי אליהו

די תלמידים פון בעש״ט האָבן געבעטן זייער רבין ער זאָל זיי וויזן אליהו הנביא. האָט דער בעש״ט זיי מבטיח געווען.

מיט אַ צייט שפּעטער איז דער בעש״ט געקומען אין בית המדרש אַריין און ער האָט געזוכט אַ ספר און ער האָט עס נישט געקענט געפינען. האָבן די תלמידים צו אים געזאָגט, אַז זיי האָבן מיט זייערע אויגן געזען ווי עס איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן אין בית המדרש אַריין, ערשט מיט אַ קנאַפּע שעה צוריק, ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם דאָזיקן ספר און איז נעלם געוואָרן.

האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע תלמידים, זיי זאָלן אַרויסגיין זוכן דעם אָרעמאַן. זיינען זיי אַרויס אין גאַס זוכן דעם אָרעמאַן. ווען זיי האָבן אים געפונען, האָבן זיי געזען, ווי דאָס ספר איז באַהאַלטן אונטער זיין מאַנטל. האָבן זיי אויף אים געשריגן און געזאָגט:

„עס איז אַ חרפּה און אַ בושה. אַ ייד קומט אין בית המדרש אַריין און גנבעט צו אַ ספר. איז אַזוינס געהערט געוואָרן?״

האָבן דורכגייענדיקע יידן געהערט די טענות פון די תלמידים, זיינען זיי אָנגעפאַלן אויפן אָרעמאַן און האָבן אים געוואָלט שלאָגן. אָבער אין דער זעלבער רגע איז אָנגעקומען דער בעש״ט און ער האָט אים מציל געווען פון זייערע הענט.

און ווידער איז געווען אַ מעשה ביי אַ ברית־מילה, ווען דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים זיינען דאָרט געווען, און מען האָט געכאַפּט אַ ייד, וואָס איז אַרויס פון הויז מיט אַ זילבערנעם לעפל, וואָס ער האָט צוגענומען. אַ סך פון די וואָס זיינען געזעסן ביי דער סעודה, האָבן דעם ייד געוואָלט שלאָגן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים דערקענט, אַז ער איז ענלעך צו דעם ייד וואָס האָט געגנבעט דאָס ספר אין בית המדרש, און אויך דאָס מאָל האָט זיך דער בעש״ט איינגעשטעלט פאַרן אָרעמאַן און האָט אים מציל געווען.

און עס איז נישט דורכגעגאַנגען קיין לאַנגע צייט און דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אין פעלד, האָבן זיי באַ־געגנט אַ סאָלדאַט רייטן אויף אַ פערד. אַ שווערד איז געהאָנגען אויף זיינע לענדן און אַ פּייקע אין זיין מויל. און דער רייטער האָט געבעטן

מען זאָל אים געבן פייער צו פאַררייכערן די ליולקע, האָבן זיי אים געגעבן. האָט דער רייטער געזאָגט:

„אַ דאַנק אייך אַלע, און דו, ישראלטשע, וואָס מאַכסטו?״

האָט דער בעש״ט געענטפערט: „ברוך השם, ברוך השם!״

איז דער סאָלדאַט אַראָפּ פון זיין פערד און איז אַרויפגעפאַלן דעם בעש״ט אויפן האַלז און האָט אים געקושט און איז צוריק אַרויף אויפן פערד און אין אַ גאַלאָפּ אַפּגעפלויגן און מען האָט אים מער נישט געזען.

האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל ווי איר האָט געהאַט גילוי אליהו, און איר האָט אים נישט דערקענט!...

פון דער דאָזיקער מעשה קען מען אָפּלערנען, האָבן חסידים געזאָגט, אַז אליהו הנביא קען זיך פאַרשטעלן אין פאַרשידענע געשטאַלטן, און יעדער אָרעמאַן, אַפילו אַזאַ איינער וואָס מען האַלט אַז ער האָט צוגע־גנבעט אַ ספר אָדער אַ לעפל, און אַפילו אַ מיליטערישער רייטער — קען זיין אַז דאָס איז אליהו הנביא[7].

דער וואַסער־טרעגער און דער בעש״ט

„מעשה — אין אַ שטאָט נישט ווייט פון מעזשיבעזש האָט געוואוינט אַ ייד אַ גרויסער עושר און תלמיד־חכם. האָט ער געוואָלט שרייבן אַ ספר־תורה, וואָס זאָל זיין די איינציקע אין דער גאַנצער געגנט.

„קיבץ העושר — האָט דער עושר צונויפגענומען אַ צאָל קעלבלעך און האָט זיי געשאָכטן, דאָס פלייש האָט ער צעטיילט צו אָרעמעלייט און די פעלן האָט ער געלאָזט אויסאַרבעטן, צו מאַכן פון זיי פּאַרמעט. און ער האָט געבראַכט אין שטוב אַריין אַ סופר, וואָס איז געווען אַ חד בדרא. ער האָט אים געצאָלט כך וכך רובל אַ וואָך, ער זאָל זיצן און שרייבן די ספר־תורה.

„והסופר — און דער סופר איז געזעסן ביים עושר אין שטוב עטלעכע יאָר און האָט געשריבן די ספר־תורה. פאַר יעדן שם איז דער סופר געגאַנגען אין מקוה אַריין און נאָך דער טבילה האָט ער מכוון געווען גרויסע כוונות פאַרן שרייבן דעם שם.

„ויהי — און עס איז געווען, ווען דאָס שרייבן די ספר־תורה איז געוואָרן פאַרענדיקט, האָט דער עושר געמאַכט אַ גרויסע סעודה ביי

7) דעם זעלבן מאָטיוו האָט קינסטלעריש באַאַרבעט דער העברעאישער שריפט־שטעלער ש. י. עגנון.

זיך אין הויז און ער האָט פאַרבעטן צו דער סעודה אַלע בעלי־בתים פון שטאָט.

„ובעיר — און אין דער שטאָט איז געווען אַ וואַסער־טרעגער, וואָס האָט תמיד געזאָגט תהלים און ער האָט מיט זיין תהלים־זאָגן מגין געווען אויף דער שטאָט.

„ויהי — און עס איז געווען פאַר דער סעודה, איז דער עושר אַליין אַרומגעגאַנגען צווישן די טישן און האָט יעדן איינעם געטיילט חלות און ער האָט דעם וואַסער־טרעגער, וואָס איז געזעסןביים עק פון טיש, אויך געגעבן אַ חלה.

„והשואב־מים — און דער וואַסער־טרעגער, וואָס האָט געבראַכט וואַסער אין פאַס אַריין אין הויז פון עושר, כדי אַזאַ גרויסע עדה יידן זאָלן האָבן גענוג וואַסער זיך צו וואַשן צו דער סעודה, איז געווען אויס־געהונגערט, האָט ער זיך פריער פון אַלע געוואַשן און געמאַכט אַ המוציא. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן דעם בעל־הבית, וואָס אַ ייד, אַ וואַסער־טרעגער, כאַפּט זיך פריער וואַשן פאַר אַלע שיינע און חשובע בעלי־בתים פון שטאָט. האָט ער זיך אויף אים געבייזערט און מיט כעס געשריגן: „וואָס פאַר אַ חוצפה איז דאָס, זיך צו וואַשן פאַר אַלע בעלי־בתים? צי דערפאַר וואָס איר זאָגט תהלים, מיינט איר, אַז איר דאַרפט זיך האַלטן גרויס?״

„ויצא — און דער וואַסער־טרעגער איז גלייך אַרויס פון דעם עושרס הויז און אַלע בעלי־בתים האָבן זיך געוואַשן צו דער סעודה, האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך שטאַרק משמח געווען.

„אחר הסעודה — נאָך דער סעודה, ווען אַלע בעלי־בתים זיינען אַהיימגעגאַנגען, האָט דער עושר און תלמיד־חכם זיך געזעצט לערנען זיין שיעור קבוע. און פלוצלינג איז אַריינגעקומען אַ ייד, וואָס ער האָט אים נישט געקענט, און האָט אים געזאָגט, אַז עמעצער וואַרט אויף אים אין דרויסן.

„וסגר — און דער עושר האָט פאַרמאַכט דאָס ספר און איז אַרויס־געגאַנגען, און פלוצלינג איז אָנגעקומען אַ גרויסער שטורעם־ווינט און האָט אַוועקגעטראָגן דעם עושר הונדערט מיילן ווייט און האָט אים גע־בראַכט אין אַ מדבר אַריין.

„והעושר — און דער עושר האָט זיך פלוצלינג געפונען איינער אַליין אין דער מדבר, און עס איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ גרויסער פחד.

„פתאום — פלוצלינג האָט דער עושר דערזען פון דער ווייטנס אַ שטיבל אין דער מדבר און אַ ליכט שיינט פון דאָרט אַרויס.

„ולא ידע — און דער גביר האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס עס קומט

אים אַזאַ עונש, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מבייש געווען דעם וואַסער־טרעגער און „כל המלבין את פני חבירו ברבים״, ווער עס פאַר־שעמט זיין פריינט ברבים, פאַרלירט זיין עולם־הבא. האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און ער האָט געוואָלט צוגיין צו דעם שטיבל, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשיינט אַ ליכט. אָבער ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז מסתמא זיינען דאָרט פאַראַן גזלנים. האָט ער זיך מיט אַלע זיינע לעצטע כוחות צוגעשאַרט אויף אַלע פיר צו דעם שטיבל און ער איז געבליבן זיצן אין דרויסן.

„ופתאום — און פלוצלינג האָט דער עושר דערהערט אַ קול אַרויס־קומען פון שטיבל: „מאַכט אַ וואַרע פאַר דוד מלך ישראל!״ און דערנאָך האָט ער דערהערט אַ קול: „ברוך הבא, דוד מלך ישראל!״

„ואחר כך — און דערנאָך האָט ער דערהערט אַ קול: „מאַכט אַ וואַרע פאַר ר׳ ישראל בעל־שם־טוב!״ און דערנאָך ווידער אַ צווייט קול: „ברוך הבא, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב!״

„והנה — און דער עושר האָט געהערט ווי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געפרעגט: „פאַרוואָס זיצט דער ייד אין דרויסן און פאַרוואָס האָט מען אים דאָ אַהער געבראַכט?״

„ענה דוד המלך — און דוד המלך האָט געענטפערט: „איך האָב געשיקט נאָך דעם יידן, מיט אים צו האָבן אַ דין־תורה, און איר, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זאָלט זיין דער מליץ און דיין פון דעם דאָזיקן יידן״. און דוד האָט פאַרגעבראַכט זיינע טענות און ער האָט געזאָגט: „איך האָב אויסגעפועלט ביים רבונו של עולם, אַז דער וואָס וועט עוסק זיין אין תהלים, זאָל זיין גלייך ווי ער וואָלט זיך עוסק געווען אין נגעים און אהלות. עס איז געווען אַ ייד, אַ וואַסער־טרעגער, וואָס האָט כסדר געזאָגט תהלים, און דער דאָזיקער ייד האָט אים מבייש געווען ברבים. וויל איך, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ פסק־דין קעגן דאָזיקן יידן״.

„והזקן — און דער אַלטער ייד, וואָס איז דאָרט געזעסן און וואָס איז געווען דער ראש פון די דיינים, האָט געהאַלטן, אַז דעם יידן קומט מיתה בידי שמים.

„ענה הבעש״ט — און דער בעש״ט זצ״ל האָט געענטפערט: „מיט דעם דאָזיקן עונש וועט קיינער נישט וויסן ווי גרויס די מידה פון זאָגן תהלים איז און ווי גרויס דער עונש פאַר אַ מענטש וואָס איז מבייש אַ יידן וואָס זאָגט תהלים איז. על כן דעתי — דעריבער האַלט איך, אַז דער עושר זאָל צוריק גיין אין זיין שטאָט אַריין און ער זאָל לעבן וויפל יאָרן עס איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן אין הימל צו לעבן, נאָר ער זאָל מפייס זיין דעם וואַסער־טרעגער. ער זאָל מאַכן אַ גרויסע סעודה אין זיין הויז, למען יראו, ישמעו וייראו, כדי מען זאָל זען, הערן און וויסן מער אַזוי נישט צו טאָן״.

„ויצא — און דער שליח פון בית־דין איז אַרויסגעגאַנגען און האָט דערציילט דעם עושר, וואָס איז געזעסן פאַרן שטיבל, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי פסק־דינס, און ער קען זיך אויסקלייבן איינעם פון זיי. און דער עושר האָט אויסגעקליבן דעם פסק־דין וואָס דער בעש״ט האָט אַרויסגעגעבן, היינו — ער זאָל אַהיימפאָרן און מאַכן אַ גרויסע סעודה און זאָל דעם וואַסער־טרעגער מפייס זיין.

„אַחר כך — דערנאָך האָט מען געפרעגט דעם בעש״ט, צי דער עושר ווייס פון בעש״ט. האָט דער בעש״ט געענטפערט: „ניין!" האָט זיך דאָס בית־דין ווידער אַוועקגעזעצט חוקר ודורש צו זיין וואָס פאַר אַ פסק־דין עס קומט אַ ייד, וואָס וואוינט פיר מייל פון בעש״ט און קען אים נישט. איז ווידער אַרויס אַ פסק־דין — מיתה בידי שמים. און דער בעש״ט האָט ווידער געטענהט, אַז ווען דער עושר וועט אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, וועט מען דאָך נישט וויסן, אַז דאָס איז אים געקומען אַלס אַן עונש. דעריבער זאָל מען אים פרעגן צי ער וויל מהיום והלאה זען דעם בעש״ט.

„ויצא — און דער שליח פון בית־דין איז נאָכאַמאָל אַרויסגעגאַנגען צו דעם עושר און האָט אים איבערגעגעבן די צוויי פסק־דינס און האָט אים געפרעגט וועלכן פסק־דין ער וויל זיך אויסקלייבן, און דער עושר האָט געזאָגט, אַז ער נעמט אויף זיך דעם פסק־דין פון בעש״ט. דער שליח האָט אים דאַן געגעבן אַ קרוג מיט וואַסער און ער האָט זיך געוואַשן און איז צוריקגעקומען צו זיינע כוחות. און עס איז געקומען אַ וואָלקן און האָט אים צוריקגעבראַכט אַהיים אין זיין שטוב אַריין.

„והנה — און דער עושר האָט פלוצלינג געזען, אַז ער זיצט צוריק ביי זיין אָפענער גמרא און דער גאַנצער ענין האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום.

„ויהי בבוקר — און צומאָרגנס אין דער פרי האָט דער עושר געשיקט רופן דעם וואַסער־טרעגער און ער האָט אים מפייס געווען און ער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אים און פאַר נאָך יידן פון דער שטאָט און האָט פאַר זיי דערציילט די גאַנצע מעשה. און שפּעטער מיט צוויי טעג האָט ער גענומען אַ פור און איז געפאָרן צום בעש״ט. ווען ער איז אַריינגעקומען צום בעש״ט, האָט ער גלייך דערקענט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וועמען ער האָט געזען אַריינגיין אינעם שטיבל אין דער מדבר.

„ורצה — און דער עושר האָט געוואָלט דערציילן דעם בעש״ט די גאַנצע מעשה וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. האָט דער בעש״ט צו אים געזאָגט: „איך ווייס אַלץ". און דער עושר איז געוואָרן אַ מקורב צום בעש״ט כל ימיו" [8]).

8) „גדולת רבנו ישראל בעל שם טוב זי״ע", זייטן 69־70.

דער בעש״ט בענטשט אַ פּויער

ווען דער בעש״ט האָט געוואוינט אין דעם דאָרף קישיליוויטש, וואָס איז נאָענט צו טליסט (טלוסט), פלעגט ער יעדן אינדערפרי גיין צו אַ טייכל וואָס איז דאָרט געווען, זיך טובל צו זיין. אַז עס איז געקומען ווינטער און דאָס טייכל איז פאַרפרוירן געוואָרן, האָט דער בעש״ט געמאַכט אַ „פּילאָנקע״ (אַ לאָך אין אייז) און האָט זיך דאָרט טובל געווען.

לעבן טייך האָט געוואוינט אַ פּויער. האָט ער געזען ווי דער בעש״ט גייט אַריין נאַקעט אין דעם אויסגעהאַקטן לאָך פון טייך און אַז זיינע פיס זיינען צוגעפרוירן געוואָרן צו דער פראָסטיקער ערד, אַזוי, אַז די הויט פון די פיס האָט זיך אָפּגעשיילט און עס איז גערונען בלוט פון די פיס. האָט דער פּויער רחמנות געקראָגן אויפן בעש״ט און האָט אויסגעלייגט שטרוי אויפן גאַנצן וועג פון בעל־שם־טובס שטיבל ביז צום טייך.

אַזוי האָט דער פּויער געטאָן אַ גאַנצן ווינטער. איינמאָל האָט דער בעל־שם־טוב אים געזאָגט: „וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען וועל איך דיר געבן. דו קענסט דיר אויסקלויבן איינע פון די דריי זאַכן: צו זיין אַן עושר, צו האָבן אַריכות ימים, אָדער צו זיין אַ שופט״. האָט דער פּויער געענטפערט אויף אוקראַיניש: „אַלע דריי״. האָט דער בעש״ט געבענטשט דעם פּויער מיט אַלע דריי ברכות.

האָט דער פּויער געפרעגט דעם בעל־שם־טוב: „ווי אַזוי וועל איך קענען ווערן אַן עושר, אַז איך האָב גאָרנישט קיין געלט?״ האָט דער בעש״ט געענטפערט: „פון דעם קוואַל, וואָס איז לעבן דיין הויז. זאָלסט פון דעם וואַסער פאַרקויפן צו קראַנקע צו טרינקען און זיי וועלן האָבן אַ רפואה, און ווער עס וועט זיך טובל זיין אין טייכל וועט געהיילט ווערן פון אַלע חולאתן״.

דערנאָך האָט אים דער פּויער געזאָגט: „גיב מיר אַ סימן ווי לאַנג איך וועל לעבן״.

האָט דער בעש״ט געענטפערט: „דו וועסט לעבן אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט זען אַ מענטשן וואָס וועט אויסזען אַזוי ווי איך״.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז דעם פּויערס ווייב קראַנק געוואָרן און דער פּויער האָט איר געגעבן צו טרינקען פון דעם קוואַל־וואַסער און די פּויערטע איז געזונט געוואָרן. דערנאָך איז קראַנק געוואָרן זיין קינד, האָט ער אים געטובלט אין דעם טייכל און עס איז געזונט געוואָרן. האָט זיך באַלד דער שם פאַרשפּרייט אין גאַנצן דאָרף און אין דער גאַנצער סביבה, אַז ביים פּויערס שטיבל איז פאַראַן אַ קוואַל און אַ טייך וואָס היילן קראַנקע. זיינען געקומען קראַנקע זיך היילן און דער פּויער איז רייך געוואָרן. ביז עס האָבן זיך דערפון דערוואוסט די דאָקטוירים, האָבן זיי אויסגעפּועלט ביים מלכות, אַז מען זאָל פאַרשטאָפּן דעם קוואַל...

אין די צייטן פון ריזשינער רבין האָט דער ריזשינער געוואָלט זען דעם אַלטן פויער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אַריכות ימים און ער האָט נאָך געקענט דעם בעש״ט. האָט מען דעם פויער געבראַכט צום ריזשינער.

ויהי — און ווי דער אַלטער פויער איז אַריינגעקומען צו ר׳ ישראל־טשע ריזשינער און ער האָט דערזען די צורה פון ריזשינער רבין, האָט ער אַ געשריי געגעבן: „איצט איז שוין געקומען מיין צייט איך זאָל אַוועק פון דער וועלט — איך האָב געזען אַ מענטש וואָס האָט דעם זעלבן אויס־זען ווי דער בעל־שם־טוב״ [9].

פאַרוואָס אַ דאָרפס־ייד האָט געפּראַוועט שלוש־סעודות

דער בעל־שם־טוב האָט מיט זיינע תלמידים געפּראַוועט שלוש־סעודות. ער פלעגט זיצן ביים טיש גאָר לאַנג, זינגען זמירות און זאָגן תורה.

ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט דער בעש״ט געהאַלטן שבת אין אַ דאָרף.

צו שלוש־סעודות האָט דער דאָרפס־ייד צונויפגענומען עטלעכע יידן פון דאָרף און ער האָט מיט זיי געגעסן שלוש־סעודות. זיי זיינען געזעסן צוזאַמען און געזונגען זמירות.

האָט דער בעש״ט געזען, אַז אין הימל האָט מען שטאַרק הנאה פון דעם דאָרפס־יידס שלוש־סעודות, האָט דער בעש״ט אַריינגערופן דעם דאָרפס־ייד און האָט אים געפרעגט:

„פאַרוואָס גיט איר אויס אַזויפיל געלט אויף שלוש־סעודות?״

האָט דער דאָרפס־ייד געענטפערט:

„איך האָב געהערט, אַז יידן זיינען זיך מוסר נפש, אַז זיי זאָלן אין דער לעצטער רגע פון יציאת נשמה זיין צווישן יידן.

„איך האָב אויך געהערט, אַז יעדן שבת באַקומט יעדער ייד אַ נשמה יתירה און מוצאי שבת גייט די נשמה יתירה צוריק אין הימל אַריין, וויל איך, אַז מיין נשמה יתירה זאָל אויסגיין צווישן יידן. דעריבער נעם איך צונויף די יידן פון דאָרף און מיר פּראַוועון צוזאַמען שלוש־סעודות, כדי די נשמה יתירה זאָל אויסגיין צווישן יידן...״ [10].

9) דאָרט, זייט 74.

10) „גדולת רבנו ישראל בעל שם טוב זי״ע״, זייט 50.

קאַפּיטל כז

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע משלים

דער בעש״ט האָט איינגעהילט זיין שיטה פון חסידות אין משלים. — יעדער משל פון בעש״ט איז אַ תורה, האָבן זיינע תלמידים געזאָגט. — צוליב מעשיות און משלים וואָס דער בעש״ט האָט דערציילט איז דער מעזע־ריטשער מגיד געוואָרן זיין תלמיד. — דער בעש״ט פלעגט אַרומגיין איבער מאַרקן און דערציילן מעשיות און משלים פאַר פשוטע יידן.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט אַריינגעפלאָכטן זיין גאַנצע שיטה פון חסידות אין משלים און אין דערציילן מעשיות.

אין דער חסידישער ליטעראַטור פון די תלמידים פון בעש״ט ווערן געבראַכט פאַרשידענע משלים פון בעל־שם־טוב, וואָס דער בעש״ט האָט דערציילט.

עס זיינען פאַראַן אפילו משלים וועגן די משלים, וואָס דער בעש״ט האָט דערציילט, וואָס מיר פאַרשטייען נישט דעם נמשל פון משל...

אַזוי ווערט געבראַכט אין דעם ספר „לקוטי יקרים״ פון רבי׳ן ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק אַזאַ משל וועגן דעם ענין פון משלים:

אַ מלך האָט אַמאָל פאַרלוירן זיין חותם. איז ער געווען זייער טרויע־ריק. ראשית, ווייל ווער עס וועט געפינען דעם מלכס חותם וועט קענען מיט אים חתמענען, און שנית, ווייל דעם מלכ׳ס חותם וואַלגערט זיך אויף ערד. האָט דער מלך מיט זיינע שרים געהאַט גרויס צער דערפון. זיינען אַלע געגאַנגען זוכן דעם מלכ׳ס שטעמפּל און זיי האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. אָבער עס איז דורכגעגאַנגען אַ דאָרפס־יונג (בן־כפר) אויף דעם אָרט וואו דעם מלכס זיגל איז געווען, און ער האָט געפונען דעם מלכס חותם. ער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ חשיבות דער זיגל האָט. האָט ער דעם חותם געבראַכט צו אַ מענטשן. יענער האָט דערקענט, אַז דאָס איז דעם מלכס חותם און האָט אים צוריקגעבראַכט צום קעניג. האָבן זיך אַלע געפרייט וואָס דעם מלכ׳ס זיגל איז געפונען געוואָרן. דער מלך האָט זיך געפרייט, דעם מלכס קינדער האָבן זיך געפרייט. און אַז דער „בן־כפר״ האָט געזען אַז אַלע פרייען זיך, האָט ער זיך אויך געפרייט, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט דאָס גרויסע חשיבות פון דעם מלכס חותם...

דאָס זעלבע איז מיטן בעש״ט׳ס משל — פירט אויס דער בעל „לקוטי

יקרים״ — עס איז ווי דעם מלכס חותם, כאָטש מיר ווייסן נישט זיין גרויס חשיבות, דאַרפן מיר זיך פרייען מיטן משל...

ווייל דער משל אַליין איז אַ תורה, נישט בלויז דער נמשל, האָבן די תלמידים פון בעש״ט געהאַלטן. ווי עס ווערט געבראַכט אין ספר „מגיד דבריו ליעקב״ פון מעזעריטשער מגיד, אַז די תורה אַליין וואָלטען מיר נישט געקענט פאַרשטיין אָן אַ משל, וואָס איז אַ לבוש (מאַנטל) פון דער תורה, פונקט אַזוי ווי מען קאָן נישט אַריינקוקן אין דער זון אַליין, ווייל דאָס ליכט איז צו שטאַרק, אָבער מיר קענען אַריינקוקן אין דער לבנה, וואָס קריגט דאָס ליכט פון דער זון...

אויף ווי וויט חסידות האָט פאַרהייליגט די משלים און מעשיות וואָס דער בעש״ט האָט דערציילט, קאָן מען זען דערפון, וואָס די חסידישע מסורה האַלט, אַז דער הויפּט־תלמיד פון דעם בעש״ט, דער מעזעריטשער מגיד, ר׳ דוב בער, איז געוואָרן דעם בעש״ט׳ס אַ חסיד, נישט ווייל ער האָט פון בעש״ט געהערט געוואַלטיקע תורות, נאָר צוליב דעם בעש״ט׳ס מעשיות.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „כתר שם טוב״ [1]:

„איך האָב געהערט פון אַ חסיד, אַז ווען הרב מו״ה דוב בער זלה״ה האָט געהערט פון דעם גרויסן שם וואָס דער בעש״ט האָט געקראָגן און אַ סך מענטשן פאָרן צו אים, און אַז ער פּועלט זייער אַ סך אין הימל מיט זיין תפילה, האָט דער רב ר׳ דוב בער, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער חריף און בקי אין גאַנץ ש״ס און אַלע פּוסקים און האָט גוט געקענט קבלה, אויך געוואָלט פאָרן צום בעש״ט. און ווייל ר׳ דוב בער איז געווען אַ גרויסער מתמיד און ער האָט די צוויי טעג וואָס ער איז געפאָרן נישט געקענט לערנען, האָט ער שוין חרטה געהאַט וואָס ער האָט חשק געהאַט צו זען דעם בעש״ט.

„און ווען ער איז אַריינגעקומען צום בעש״ט, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט פון אים הערן תורה. אָבער דער בעש״ט האָט אים דערציילט ווי אַזוי ער איז געפאָרן עטליכע טעג אויפן וועג און ער האָט נישט געהאַט קיין ברויט צו געבן דעם בעל־עגלה, דעם ׳ערל׳, און ווי ער האָט באַגעגנט אַ גוי אַן אָרעמאַן מיט אַ זאַק ברויט און ער האָט ביי אים געקויפט דאָס ברויט צו געבן דעם בעל־עגלה זיינעם. און נאָך אַזעלכע מעשיות האָט דער בעש״ט אים דערציילט. אויפן צווייטן טאָג איז ר׳ דוב בער נאָכאַמאָל געקומען צום בעש״ט און דער בעש״ט האָט אים ווידער דערציילט ווי אַזוי ער האָט אויפן וועג נישט געהאַט צו געבן קיין היי זיינע פערד און ווי ער האָט באַגעגנט אַ גוי מיט היי... און דער בעש״ט האָט אים דערציילט נאָך אַזעלכע מעשיות.

„און ר׳ דוב בער האָט נישט פאַרשטאַנען די פאַרבאָרגענע חכמה,

1) חלק ב׳, דף כ״ג, ע״א.

וואָס ליגט אין די אַלע מעשיות, וואָס דער בעש״ט האָט דערציילט און ער האָט גלייך געוואָלט אַהיימפאָרן. אָבער עס איז שוין געווען טונקל, האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן אויף דער אַכסניא ביז עס וועט אַרויס די לבנה און דערנאָך וועט ער אַהיימפאָרן״.

דער סוף פון דער מעשה איז, אַז דער מעזעריטשער מגיד איז געבליבן אַ געטרייער חסיד פון בעש״ט. דער בעש״ט האָט אים געשיקט רופן ביינאַכט און האָט אים געפרעגט צי ער קען לערנען און ער האָט אים געפרעגט פשט אין דעם קבלה־ספר „עץ החיים״. דער מגיד האָט געוואוסט דעם פשט, אָבער דער בעש״ט האָט געזאָגט אַן אַנדער פירוש, און די שטוב איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ליכט; און דער בעש״ט האָט אים געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מאַמר פון „עץ החיים״ האָט אַ סך „שמות״ פון מלאכים, דעריבער איז די שטוב געוואָרן פול מיט ליכט, און ער האָט געזאָגט צום מגיד: „דיין פשט איז אַ ריכטיקער, אָבער דיין לערנען איז אָן אַ נשמה...״

„און באַלד האָט דער מגיד געהייסן זיין משרת ער זאָל אַהיימפאָרן, און דער מגיד איז געבליבן אַ געטרייער תלמיד פון בעש״ט״.

דערפון קען מען זען, אַז דער בעל־שם־טוב, וואָס האָט שטאַרק משתוקק געווען צו האָבן דעם מעזעריטשער מגיד פאַר זיין תלמיד, האָט אים ביי דער ערשטער באַגעגעניש נישט געזאָגט קיין תורה, נאָר ער האָט אים דערציילט מעשיות.

אויך דעם צווייטן תלמיד זיינעם, ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה, האָט דער בעש״ט צוגעצויגן מיט דערציילן מעשיות. דער בעש״ט איז עטלעכע מאָל געווען אין שאַרגאָראָד, וואו ר׳ יעקב יוסף האָט געוואוינט. אָבער ר׳ יעקב יוסף האָט אים נישט געוואָלט זען...

„און איינמאָל איז דער בעש״ט געקומען קיין שאַרגאָראָד, איז ער געשטאַנען אין מיטן מאַרק און האָט דערציילט מעשיות פאַרן פאָלק. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן צו הערן זיינע מעשיות. דאָס איז געווען גאַנץ פרי. ר׳ יעקב יוסף איז געקומען אין שול אַריין דאַווגען מיט אַ מנין, און ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, אַז ער האָט דאָרט קיינעם נישט געטראָפן אַחוץ דעם שמש. האָט דער שמש אים דערציילט, אַז דער גאַנצער עולם שטייט איצט אין מאַרק אַרום דעם בעש״ט און הערט זיך צו צו זיינע מעשיות. איז דאָס אַריין אין האַרצן פון ר׳ יעקב יוסף און ער האָט געשיקט רופן דעם בעש״ט. און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן זיין געטרייער חסיד״ [2].

די תלמידי הבעש״ט האָבן געהאַלטן, אַז אין יעדער מעשה און משל, וואָס דער בעש״ט דערציילט, שטעקן סודות התורה און אויף אַזאַ אופן דינט דער בעש״ט דעם איבערשטן.

2) זע: דר. ש. א. הורודצקי, „החסידות והחסידים״, זייט 106.

דער בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן געהאַלטן, אַז דערמיט וואָס ער רעדט מיט פשוטע מענטשן און דערציילט זיי מעשיות קאָן ער זיי דערנענטערן צו תורה און מצוות. אַזוי ווערט געבראַכט אין „תולדות״ [3]:
„וכן אמר הרב המגיד מבאר (און אַזוי האָט געזאָגט דער מגיד פון באַר), אַז דורך דעם רעדן מיט דעם המוני־עם, קאָן מען זיי דערנענטערן צו תורה און מצוות...״

דער בעל ה„תולדות״ שרייבט, אַז דער בעש״ט האָט מייחד געווען „יחודים״ בעתן דערציילן פשוטע מעשיות [4]. דאָס זעלבע שרייבט אויך דער „דגל מחנה אפרים״ [5], אַז דוד המלך האָט געקענט גיין אין די גאַסן און מאַרקן און מייחד זיין יחודים.

די תלמידי הבעש״ט פאַרהייליקן יעדן פשוטן דיבור, יעדע מעשה און משל פון בעש״ט...

אויך דער היסטאָריקער פון דער חסידות־באַוועגונג, שמעון דובנאָוו, שרייבט וועגן בעש״ט, אַז „ער האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פעאיקייט, ער האָט געלערנט דורך שמועסן מיט איטלעכן איינציקן, דורך ווערטלעך און מימרות... און זיינע געדאַנקען פלעגן זיך אָנקליידן אין דער געשטאַלט פון משלים...״

דער „׳שבחי הבעש״ט׳ ווי אויך דער געגנער פון חסידות — שרייבט דער קולטור־היסטאָריקער, דר. י. צינבערג — דער מגיד דוד מאַקאָוו דערציילן, אַז דער בעש״ט פלעגן ליב האָבן אַרומצוגיין איבער די גאַסן און מאַרקן מיטן שטעקן אין דער האַנט און די ליולקע־ציבעק אין מויל און פאַר פשוטע דאָרפס יידן (אַנשי כפרים) און ווייבער דערציילן מעשיות און משלים [6].

אָט זיינען עטלעכע אויסגעקליבענע משלים פון בעש״ט ווי זיי ווערן געבראַכט אין די ספרים פון זיינע תלמידים.

דער מוזיקאַנט און דער טויבער

דער בעש״ט האָט פאַרטיפט דעם געדאַנק פון דער גאַנצקייט פון דער וועלט. אויב עס איז פאַראַן פולע שלימות, קאָן מען דאָך פרעגן, טאָ ווי אַזוי קאָן געמאָלט זיין, אַז אויף דער וועלט זאָלן הערשן שני הפכים, גוטס און שלעכטס? דער ענטפער איז, האָט דער בעש״ט געלערנט, אַז דער מענטש לעבט אין טעות, די קעגנזאַצן זיינען פאַקטיש נישט קיין אַבסאָלוטע

3) „תולדות יעקב יוסף״, פרשת שמות, דף מ״א, עמוד ב׳.
4) דאָרט.
5) פרשת תצא.
6) „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, באַנד 7, בוך 2, זייט 46-47.

קאָנצענטראַציע, זי איז דער עסענץ פון אַלץ. און ווי מ'מוז פאַרשטיין, אַז דער מענטש אין זיין שאַפונג פון האָט, ס'איז נישט פיל ...

קעגנזאַצן. אונטער דער איבערשטער שאָלעכץ (קליפּה) פונעם שלעכטן, איז באַהאַלטן דאָס גוטע און ריינע; „אין הרע בהחלט, כי הרע הוא כסא לטוב״, דאָס אַבסאָלוטע שלעכטע איז גאָר נישט בנמצא, דאָס שלעכטע איז אַ פוסבענקעלע צום גוטן. ערשט אַ דאַנק דעם שלעכטן, באַקומט דאָס גוטע זיין רעאַלע ממשות, זיין ריכטיקן ווערט; וואָרים „יתרון האור נמשך מן החושך״, דאָס ליכט שטאַמט פון דער פינצטערניש, איינס איז פאַרבונדן מיטן אַנדערן („נעשה כסא זה לזה״), טאָקע ווי אין פסוק שטייט: „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד״ — פון ליכט און פינצטערניש איז געוואָרן איין גאַנצקייט [7].

„והכל טוב גמור״ — פירט אויס דער בעש״ט — אַלץ אין דער וועלט איז לויטער גוטס; אַלץ טראָגט דעם חותם פון גאָטס לייטזעליקייט. פול איז די וועלט מיט ליכטיקן גלאַנץ און די וואונדערלעכע סודות פון דער וועלט. נאָר דער מענטש איז ניט ראוי דאָס אַלץ צו קענען פאַרשטיין, צו זען איין שלימות אין די אַלע סתירות און ער האָט ניט קיין חוש דאָס אַלץ צו קענען משיג זיין. דער בעש״ט גיט אויף דעם אַ משל פון אַ טויבן:

„אַ מוזיקאַנט איז געשטאַנען אויף דער גאַס מיט זיין כלי־זמר אין דער האַנט און אַ ניגון זיך געשפּילט. דאָס שפּילן איז געווען אַזוי זיס און פול מיט האַרמאָניע, אַז מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַצויבערט פון דער שיינער מעלאָדיע, און ביסלעכוויַיז האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאַנצן צום טאַקט פון ניגון, און אַלע באַוועגונגען פון קערפּער זייַנען געווען צוגעפּאַסט צו דעם ריטם פון די טענער, און אַלץ שטורעמישער איז געוואָרן דער טאַנץ, און אַלץ מער איז געוואַקסן די אַנטציקונג. איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ טויבער. גאַפט ער פאַר גרויס וואונדער: עס שטייט עפּעס איינער און מאַכט מיט דער האַנט איבער אַ ׳קעסטעלע׳ און אַלע אַרום אים טאַנצן ווי משוגעים מיט גרויס אַנטציקונג. פאַרשטייט ער ניט וואָס פאַר אַ שמחה דאָ איז. וואָלט ער אָבער געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן דעם מענטשן, וואָס מאַכט מיט דער האַנט איבערן קעסטעלע, און די מענטשן, וואָס טאַנצן — וואָלט ער געהאַט דעם חוש השמיעה, וואָלט ער געקענט פאַרשטיין דאָס שייכות צווישן די טאַנצנדיקע מענטשן און די מתיקותדיקע טענער פון דער וואונדערלעכער מעלאָדיע — און ער וואָלט זיכער אויך געווען מיטגעטאַנצט מיט זיי. אים האָט אָבער געפעלט דער דאָזיקער חוש, דעריבער האָט ער געזען די גרויסע סתירה צווישן די טאַנצנדיקע מענטשן און דעם מענטש, וואָס מאַכט מיט דער האַנט״ [8].

7) „תולדות יעקב יוסף״, בראשית; דאָרט, לך לך; דאָרט, משפטים; „כתר שם טוב״, דף 4, עמוד ב׳.

8) „דגל מחנה אפרים״, פרשת יתרו.

יאָ, דער בעש״ט, דער דאָרפס־מלמד פון פּאָדאָליע, האָט געהאַט דעם באַזונדערן חוש צו הערן דעם וואונדערבאַרן ניגון, צו פילן די האַרמאָניע, וואָס הערשט אין גאַנצן קאָסמאָס, אַז „הכל טוב גמור״ — אַלץ אין דער וועלט איז לויטער גוטס, ווייל „כבודו מלא עולם״, זיין גוטסקייט פּילט אָן די גאַנצע וועלט, און „מלוא כל הארץ כבודו״, די גאַנצע וועלט איז אָנגעפּילט מיט זיין גוטסקייט. מיר דאַרפן נאָר האָבן אַ חוש דאָס אַלץ צו פאַרשטיין און צו פילן, דעמאָלט וועט קיין שום סתירה מער נישט זיין...

***

דער יסוד פון חסידות איז געווען, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, איז גוט. עס קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין קיין שלעכטס, ווייל אַלץ קומט פון דער גאָטהייט, און גאָט איז אַבסאָלוט גוט. אַי, מיר זען אַז עס איז פאַראַן אַ מחיצה צווישן שלעכטס און גוטס? איז דאָס בלויז אַ פאַר־בלענדעניש...

אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז עס איז פאַראַן אַ גיהנום, און דאָרט מוז דאָך זיכער זיין שלעכט, ווייל מען שטראָפט דאָך דאָרט די רשעים? זאָגט דער בעש״ט, אַז דער גיהנום איז גאָר קיין גיהנום נישט; „דער גן־עדן פון די צדיקים איז דער גיהנום פון די רשעים...״

„ווען מען ברענגט אַריין דעם רשע אין גן־עדן און ער זעט, אַז דאָרט דאַוונט מען מיט שמחה און מען טאַנצט און מען לערנט תורה מיט התמדה, האָט דער רשע דערפון גרויס צער, ווייל ער איז נישט געוואוינט דערצו, ווערט דער גן־עדן זיין גיהנום״[1]).

אויף אַן אַנדערן אופן ווערט דאָס וואָרט פון בעש״ט געבראַכט אין ספר „כתונת פסים״[2]): „...שמעתי שאין לרשעים גיהנום יותר מגן־עדן, שאין שום תענוג בגן־עדן רק בדברים רוחניים... ונחשב להם זה לגיהנום...״ (איך האָב געהערט, אַז די רשעים האָבן נישט קיין גיהנום, נאָר דעם גן־עדן, וואָס דאָרט איז נישטאָ קיין אַנדער תענוג ווי גייסטיקע ענינים, און דאָס ווערט ביי די רשעים באַטראַכט ווי אַ גיהנום...)

אָבער מיר געפינען דאָך, אַז דער אייבערשטער איז אַמאָל אַן „אל נקמות״? איז דער ענטפער, אַז די נקמה פון אייבערשטן איז אויך אַן אַנדערע ווי דער מענטש שטעלט זיך פאָר, זי איז פול מיט רחמים...

נישט דער אויבערשטער איז זיך נוקם אין אַ מענטשן און טוט אים שלעכטס, נאָר אַדרבא, ער טוט אים גאָר גוטס...

און דער בעש״ט האָט דערויף געגעבן אַ משל, וואָס ווערט געבראַכט

1) „צפנת פענח״, סוף פרשת בשלח, דף נ״ט, עמוד ד׳.
2) דף ו׳, עמוד ד׳.

אין ספר „תולדות יעקב יוסף״ [3]): „איך האָב געהערט פון מיין רבין דעם פירוש אויפן פסוק „אל נקמות ד׳ אל נקמות הופיע״ [4]) לויט אַזאַ משל: אַ פויער האָט אַמאָל מורד במלכות געווען. ער האָט גענומען דאָס בילד פון מלך און האָט עס אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און דערויף געטראָטן מיט די פיס. ווען דער מלך האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געלאָזט צו זיך רופן דעם „איש כפר״ (דעם פויער). דער פויער איז געווען זיכער, אַז דער מלך וועט אים באַשטראָפן, אָבער דער מלך האָט אים גאָר געמאַכט פאַר אַ פירער... און אַזוי האָט דער מלך כסדר דערהויבן דעם פויער פון איין הויכן ראַנג צו אַ צווייטן, ביז דער פויער איז געוואָרן שני למלך. און וואָס גרעסער דער קעניג האָט געמאַכט דעם פויער, וואָס מער דער פויער האָט דערזען די גרויסקייט פון מלך, אַלץ מער צער האָט ער געהאַט וואָס ער האָט מורד געווען אין מלך, וועלכער איז אַזאַ גוטער... דער מלך האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אַ כוונה, ווייל ווען ער גיט אַ באַפעל דן צו זיין למיתה דעם פויער, וואָלט דער פויער געווען געהאַט צער בלויז איין רגע, בשעת מען וואָלט אים געהרגעט, אָבער אַזוי האָט ער כסדר צער וואָס ער האָט מורד געווען אין אַזאַ גוטן מלך...״

און דער נמשל איז:

אויך דער רבונו של עולם איז אַן „אל נקמות״ אויף אַזאַ אופן. ער איז פול מיט רחמים און טוט דעם מענטש מער גוטס, און דער מענטש האָט דערפון צער וואָס ער האָט מורד געווען קעגן מלך מלכי המלכים. און דאָס איז דער פשט: „אל נקמות ד׳״, די נקמה פון אייבערשטן איז — „אל נקמות הופיע״, וואָס ער ווייזט דעם מענטשן פון זיין גרויסקייט, דערפון האָט דער מענטש גרויס צער ווען ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט מורד געווען קעגן אַזאַ מלך... [5]).

די גאָטהייט — דערקלערט דער בעש״ט — באַהאַלט זיך טאַקע דורך כמה מחיצות, אָבער פאַרשטענדיקע מענטשן („אנשי הדעת״) ווייסן, אַז אַלע מחיצות און אייזערנע מויערן זיינען עצם מעצמותו יתברך...

און דער בעש״ט האָט דערויף געגעבן אַזאַ משל:

„עס איז אַמאָל געווען אַ מלך, אַ גרויסער חכם. האָט ער דורך פאַר־בלענדעניש (אַחיזת עינים) אויפגעשטעלט גרויסע מויערן, טורעמס און טויערן. און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווער עס וויל, קאָן צו אים

3) פרשת בא, דף נ׳, עמוד ד׳, מיטן אָנהויב „שמעתי ממורי״. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דאָרט, וואו דער בעל „התולדות״ שרייבט „שמעתי ממורי״, מיינט ער זיין רבין, דעם בעש״ט.

4) תהלים צ״ד.

5) דער זעלבער משל ווערט אויך געבראַכט אין „צפנת פענח״, דף קי״ט, עמוד ד׳; דער זעלבער טייטש פון בעש״ט ווערט אויך געבראַכט אין ספר „קדושת לוי״ אויף פרקי אָבות, פרק ב׳, משנה ה׳.

קומען דורך די דאָזיקע טויערן. ער האָט אָבער דערביי באַפוילן, אַז עס זאָלן ביי יעדן טויער אַרויסגעשטעלט ווערן אוצרות פון זיין שאַצקאַמער.

„איז קיינער ביז צום מלך נישט דערגאַנגען. וואָרים יעדער איינער, ווי נאָר ער האָט ביי די טויערן דערזען די אוצרות, האָט ער גלייך מיט זיי אָנגעפילט זיינע טאַשן און צוריק אַהיים געגאַנגען. איז אָבער געקומען דער בן־מלך. ער האָט אַלע זיינע כוחות אָנגעשטרענגט, כדי ער זאָל דווקא צום געליבטן פאָטער צוקומען. און אַז ער איז שוין צוגעקומען צו זיין פאָטער, דעם מלך, האָט ער דערזען, אַז עס איז גאָר קיין מחיצה נישט פאַראַן וואָס זאָל אים אָפּטיילן פון זיין פאָטער. וואָרים אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש [6]).

פון דעם דאָזיקן הויפּט־יסוד פון חסידות, וואָס דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום שלעכטס אויף דער וועלט, ווייל אַלץ קומט פון אייבערשטן און דער אייבערשטער איז מלא רחמים, און קיין שום מחיצה טוט נישט אָפּטיילן דעם מענטשן פון גאָט יתברך, וואָרים „לית אתר פנוי מיניה״ (עס איז נישט פאַראַן קיין איינציקער אָרט, וואָס גאָט זאָל דאַרפט נישט זיין), די וועלט איז פון גאָט און אין גאָט — פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן די צווייטע הויפּט־הנחה פון חסידות, אַז דערפאַר דאַרף יעדער מענטש זיין פול מיט שמחה און עס קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין, אַז דער מענטש זאָל זיין אין עצבות...

די שמחה דריקט זיך אָבער אויס ביי יעדן איינעם אויף אַן אַנדערן אופן, לויט זיין גייסטיקן מהות און שורש נשמה. איינער קאָן האָבן שמחה פון אַ גשמיותדיקער זאַך, און אַ צווייטער פון אַ רוחניותדיקן ענין. דער מענטש דאַרף אָבער שטרעבן צו מער רוחניותדיקער שמחה.

שמחה ביי סתם־יידן האָט זיך, געוויינלעך, אין די צייטן פון בעש״ט, אויסגעדריקט מער אין די שבתים און ימים־טובים ווי אין די וואָכנטעג. אָבער די שמחה איז באַשטאַנען, דער עיקר, אין משמח זיין דעם גוף מיט עסן און טרינקען. אָבער דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס מען איז משמח דעם גוף אום שבת, איז דערפאַר, כדי די נשמה זאָל קענען האָבן אַן אמתע שמחה.

און דער בעש״ט האָט אויף דעם, ווי זיין שטייגער איז געווען, גע־געבן אַ משל פון אַ מלך און אַ בן־מלך:

אַ משל פון אַ מלך און בן מלך

„אַ בן־מלך איז אַמאָל געוועזן געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. דער מלך האָט געזוכט אים אויסצולייזן, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

6) „כתר שם טוב״, זייט 7, לעמבערגער אויסגאַבע פון יאָר 1858.

איינמאָל האָט דער בן־מלך געקראָגן אַ בריוו פון מלך, אַז ער זאָל זיך נישט מייאש זיין און אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן די קעניגלעכע התנהגותן, כאָטש ער געפינט זיך אין אַ פרעמד לאַנד, און אַז דער קעניג האָט נאָך נישט אויפגעגעבן די האָפענונג אים צו באַפרייען, אָדער דורך מלחמה, אָדער בדרך השלום. האָט זיך דער בן־מלך זייער דערפרייט מיט דעם דאָזיקן בריוו. ער האָט אָבער נישט געקענט אַרויסווייזן זיין שמחה אין דער עפנטלעכקייט. וואָס האָט דער בן־מלך געטאָן? ער האָט צונויפגענומען אַ גרופּע מענטשן אין אַ שענק אַריין און האָט זיי מכבד געווען מיט משקה. זיי האָבן זיך געפרייט פון דער משקה וואָס זיי האָבן געטרונקען, און דער בן־מלך האָט זיך געפרייט צוליב דעם בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן פון זיין פאָטער...״

דאָס זעלבע איז אויך מיטן „עונג שבת״. דעם גוף גיט מען צו עסן און צו טרינקען אום שבת, כדי די נשמה זאָל קענען האָבן אַ תענוג רוחני [7].

דער בעש״ט האָט אויך וועגן דעם תענוג פון שבת בכלל, וואָס מען עסט און מען טרינקט, געזאָגט אַזוי:

אַ משל פון אַ פאָטער און קינד

ווען אַ קינד וויל עפּעס אַ זאַך, גיט דער פאָטער נאָך דעם קינד זיין פאַרלאַנג. דאָס קינד פרייט זיך זייער דערפון, וואָס עס קריגט דאָס וואָס עס האָט פאַרלאַנגט. אָבער די פרייד פון קינד גייט אויך איבער צום פאָטער, ווייל אויך דער פאָטער האָט תענוג פון דער שמחה פון קינד...

דער נמשל איז אויף דעם, וואָס די חז״ל זאָגן, אַז עס איז אַ מצוה צו עסן און טרינקען אום שבת. וואָס פאַראַ הנאה האָט די נשמה יתירה דערפון וואָס דער מענטש עסט און טרינקט? נאָר לויט דעם משל איז שוין פאַרשטענדלעך. די נשמה יתירה האָט אַ שמחה דערפון וואָס דער גוף האָט הנאה פון די מאכלים [8].

און כאָטש דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז דער צדיק איז דער „צינור״ (די רער), דורך וועלכער עס קומט אַראָפּ די גוטסקייט פון דער אייבערשטער

7) „תולדות יעקב יוסף״, פּרשת בא, דף מ״ט. דער משל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „שמעתי ממורי״. דער זעלבער משל ווערט געבראַכט אין „תולדות יעקב יוסף״ אויף אַן אַנדער אָרט און אין אַן אַנדערן נוסח: „משל פון אַ בן־מלך, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין אַ ווייט דאָרף אַריין צו זיין צווישן פּראָסטע מענטשן. מיט דער צייט האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון פאָטער און ער האָט זיך געוואָלט פרייען. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז די דאָרפס־מענטשן וועלן פון אים לאַכן און וועלן זאָגן: וואָס איז היינט אַנדערש פון יעדן אַנדערן טאָג? וואָס האָט דער בן־מלך געטאָן? ער האָט צונויפגערופן די דאָרפס־מענטשן און זיי געקויפט בראָנפן...״

8) „כתר שם טוב״, ח״ב, דף ג׳, ע״ב, און אויך אין די „ליקוטי אמרים״, דף ג׳.

וועלט, קען אָבער דער צדיק נישט זיין אָפּגעזונדערט פון די מענטשן, נאָר ער דאַרף זיין צוזאַמען מיט זיי און די יידן דאַרפן זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אים.

און דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז יעדער ייד דאַרף פאַרן דאַוונען אויף זיך נעמען די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״ און זיי דאַרפן האָבן אַחדות.

איינמאָל האָט דער בעש״ט געדאַוונט מיט זיינע תלמידים מיט אַן אַהבה גדולה און ער האָט מאַריך געווען ביי שמונה עשרה. די תלמידים האָבן מער נישט געקענט וואַרטן, און זיי זיינען אַהיימגעגאַנגען און האָבן איבערגעלאָזט דעם בעש״ט אַליין. האָט דער בעש״ט דערנאָך געזאָגט, אַז זיי האָבן גורם געווען אַ גרויסן פּירוד דערמיט וואָס זיי זיינען אַהיים־געגאַנגען און האָבן אים איבערגעלאָזט אַליין.

און דער בעש״ט האָט זיי געגעבן אַזאַ משל:

אַ משל מיט אַ פויגל

„ווי עס איז ידוע, איז די טבע פון פייגל, אַז ווינטער פליען זיי אַוועק אין די וואַרעמע מקומות. איינמאָל האָט דער מלך געזען אַ זייער שיינעם פויגל אויף אַ שפּיץ פון אַ בוים, וועלכער איז נישט אַוועקגעפלויגן. האָט ער צונויפגערופן מענטשן. ער האָט געהייסן איין מענטשן זיך שטעלן אויף די פּלייצעס פון אַ צווייטן מענטש, און אַזוי כסדר, ביז דער לעצטער האָט שוין דערגרייכט דעם שפּיץ פון בוים. אָבער ווייל די מענטשן האָבן זיך נישט געהאַלטן צוזאַמען, האָבן זיי זיך געשאָקלט, און דער איבערשטער מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביים שפּיץ פון בוים, איז אַראָפּגעפאַלן, און דער שיינער פויגל איז אַוועקגעפלויגן...״ [9]

דעריבער דאַרפן יידן האָבן אַחדות און זיך האַלטן צוזאַמען און שטאַרק ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.

דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז יידן דאַרפן לעבן אין אַחדות, האָט נאָך מער פאַרטיפט דעם בעש״ט׳ס תלמיד, ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה. ער שרייבט, אַז „אונזער אומגליק אין ביטערן גלות קומט דערפון, וואָס עס איז נישט פאַראַן קיין אַחדות און ברידערלעכקייט״ [10]. „דער גלות האַלט אָן — זאָגט ווייטער דער בעל „התולדות״ — ווייל עס הערשט דאָרט שנאת חינם״ [11].

9) „אור החכמה״, פון ר׳ אורי פייוול פון קריסנאָפּאָליע, קאָרעץ, תקע״ה, ציטירט לויט דעם „מדרש ריב״ש״, פון יהודה לייב אַבראַהאַמס, קעטשקעמעט, אונגאַרן, תרפ״ז, זייט 42.

10) „תולדות יעקב יוסף״, דף י״ג, עמוד א׳.

11) דאָרט, דף ל״ג, עמוד 4.

מען דאַרף זיך אָנשטרענגען צו ברענגען אַחדות צווישן די יידן:
„פונקט אַזוי ווי מען קאָן נישט אויף אַ נאַטירלעכן אופן מאַכן אַ פאָדעם פון זאַמד, אַזוי איז נישט מעגלעך אויף אַ נאַטירלעכן אופן צו ברענגען צו אַחדות צווישן יידן", זאָגט דער בעל „התולדות" [12]).

און שטעלט מען די פראַגע: וואָס פאַראַ אָריגינעלע געדאַנקען האָט חסידות אַריינגעבראַכט? זיינען דען אָט־די דאָזיקע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען, די עטישע און מאָראַלישע געדאַנקען פריער נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַנדערע? זיינען דען די דאָזיקע שאַרפע מחשבות אויף איין אָדער אַן אַנדערן אופן נישט פאַראַן פון פריער אין די מדרשים און אין די מוסר־ספרים פון שפּאַניע און דייטשלאַנד, און אין די קבלה־ספרים פון די תלמידי האר"י הקדוש?

אויף אָט־די דאָזיקע פראַגעס האָט חסידות געענטפערט מיט אַזאַ משל:
„איך האָב געהערט אַזאַ מעשה: אַ לערן־ייִנגל האָט זיך געלערנט צו זיין אַ שמיד. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך, האָט ער געמאַכט אַ רשימה, וואָסערע מכשירים מען דאַרף האָבן, כדי צו עפענען אַ שמידעריי.

„דער נייער שמיד האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביים קעניג אין פּאַלאַץ. ער האָט איינגעשטעלט אַ שמידעריי, אַריינגעבראַכט אַלע מכשירים וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן, אַ בלאָז־זאַק, אַ האַמער און אַ קאָוואַדלע. ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס שטיק אייזן, אָנגעהויבן צו קלאַפּן, געבלאָזן מיטן בלאָז־זאַק, אָבער דאָס אייזן איז ניט געוואָרן רויט און האָט זיך ניט געלאָזט בייגן.

„האָט ער גערופן דעם אַלטן שמיד, ביי וועמען ער האָט זיך געלערנט דאָס פאַך, און אים געפרעגט פאַרוואָס דאָס אייזן בייגט זיך נישט.

„דער אַלטער שמיד האָט אַ קוק געגעבן און האָט געזאָגט:
„דו האָסט אַריינגעשטעלט אין דער שמידעריי אַלץ וואָס מען דאַרף. דו האָסט אָבער פאַרגעסן איין זאַך — דעם פונק!...

„אָן אַ פונק וועט זיך נישט אָנצינדן קיין פייער און דאָס אייזן וועט נישט ווערן רויט..." [13])

אָט דאָס איז דער אויפטו פון חסידות: חסידות האָט אַריינגעבראַכט דעם פונק! האָט דעם פונק אָנגעצונדן אין יידישע הערצער, האָט געבראַכט התלהבות. אָן דעם פונק בלייבט דאָס האַרץ קאַלט...

12) דאָרט, דף כ"ח, עמוד א׳, אויך אין „צפנת פענח", דף נ"ט, עמוד א׳.
13) „צפנת פענח", דף ט"ז, עמוד א׳, און „בן פורת יוסף", דף י"ז, עמוד ד׳ און דף צ"ט, עמוד א׳.

דריטער טייל:

ר' ישראל בעל־שם־טוב
און זיין שיטה אין חסידות

כח. דער בעש"ט און צדיק

כט. אהבת ישראל

ל. עצבות און שמחה

לא. געזאַנג און טאַנץ

לב. עניוות און גאווה

לג. מחשבה און תפילה

לד. תעניתים און תשובה

קאַפּיטל כח

דער בעל־שם־טוב און צדיק

דער באַגריף צדיק אין קבלה און חסידות. — פאַרוואָס האָט חסידות גע־דאַרפט האָבן אַ צדיק? — דער צדיקיזם ביים בעש״ט און ביי זיינע תלמידים. — וואָס חסידות זאָגט וועגן צדיק. — חסידות און די פאָלקס־רביים.

דער יסוד היסודות פון חסידות איז דער צדיק — דער רבי.

חסידות האָט אויפגעבויט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן מהות פון צדיק און זיין חשובע ראָלע אין יידישן לעבן.

לויט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז דער צדיק דער „צינור״ — די רער, וואָס דורך אים גייט דורך די גאַנצע שפע צו די יידן.

דער צדיק איז דער משפיע, דער צדיק איז דער שליח פון דער שכינה און דער צדיק קאָן מבטל מאַכן אַ גזירה, וואָס איז נגזר געוואָרן אין הימל.

דער צדיק איז געוואָרן דער צענטראַלער פונקט אין חסידות, דער חוט־השדרה פון חסידות.

אָן דעם צדיק — דעם רבי׳ן, דוכט זיך אונז, וואָלט זיך נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק אַנטוויקלען און אויסשפּרייטן די חסידישע באַוועגונג און האָבן אַזאַ גרויסע השפעה אויפן יידישן לעבן.

יעדער צדיק האָט מיט זיין אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט פאַרטיפט און אַריינגעבראַכט אייגנאַרטיקייט אין דער שיטה פון חסידות און געוואָרן דער גייסטיקער מנהיג פון זיינע חסידים.

פונקט ווי אַ בוים, וואָס האָט אַ סך צווייגן און אַלע ציען די יניקה פון שורש — פון שטאַם, אַזוי האָט אויך דער בוים פון חסידות אַרויסגעגעבן פאַרשידענע צווייגן און אָפּצווייגונגען, יעדער איינער לויט זיין גייסטיקן מהות, און אַלע האָבן זיי געצויגן די יניקה פון דעם שורש — פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

און אויב ביי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז דער באַגריף צדיק נאָך געווען אַ פאַרנעפּלטער, איז ער אָבער ביי זיינע תלמידים און תלמידי־תלמידים שוין געוואָרן דער צענטראַלער פונקט פון חסידות, ווי ביי ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה אין זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״ און אין זיינע אַנדערע ספרים איז דער צדיק „דאָס האַרץ פון דער וועלט״, דער „יסוד העולם״ (פונדאַמענט פון דער וועלט), די „נשמה פון דער וועלט״.

און אויב בחייו פון בעש״ט איז דער באַגריף צדיק נאָך געווען אַ מטושטשער, איז די טעאָריע וועגן מהות פון צדיק געווען דער צענטראַ־לער פונקט פון חסידות.

דער תלמיד פון בעש״ט, ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה, האָט אין זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״ און אין זיינע אַנדערע ספרים, אויסגעברייטערט די טעאָריע פון צדיק. לויט זיין טעאָזאָפיע איז דער צדיק „דאָס האַרץ פון דער וועלט״, דער „יסוד העולם״ (פונדאַמענט פון דער וועלט), די „נשמה פון דער וועלט.

ביים לעבן פון בעש״ט האָבן זיינע תלמידים די צדיקים נישט פּראַק־טיצירט קיין רביסטווע, אָבער נאָך דער פּטירה פון בעש״ט איז זיין צווייטער תלמיד מובהק, דער רבי ר׳ בער, מגיד פון מעזעריטש, געוואָרן אַ רבי פון חסידים און ס׳רוב פון זיינע תלמידים זיינען געוואָרן רביים.

די טעאָריע פון צדיקיזם איז אויסגעברייטערט געוואָרן ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק אין זיין ספר „נועם אלימלך״ און צו דער העכסטער מדריגה פון צדיק דערהויבן געוואָרן ביי ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וואָס לויט אים איז דער אמתער צדיק שוין בבחינת משיח, און מען דאַרף גאָר מתפלל זיין צום צדיק, זיך מתקשר זיין מיט זיין נשמה, כדי ער זאָל די תפילות מעלה זיין אין הימל זיי זאָלן אָנגענומען ווערן.

פאַרוואָס האָט חסידות געשאַפן די טעאָריע פון צדיקיזם?

דער באַגריף צדיק אין דער קבלה

כדי צו געבן אויף דעם אַן ענטפער, דאַרפן מיר זיך קודם כל באַקענען מיט דעם באַגריף צדיק אין דער קבלה, ווייל חסידות האָט דאָך געבויט איר רעליגיעז־פילאָזאָפישע שיטה אויף דער קבלה. דאַרפן מיר זען וואָס דער זוהר און די בעלי־קבלה זאָגן וועגן צדיק.

אָבער פריער דאַרפן מיר זען וואָס עס מיינט דער אויסדרוק „צדיק״ אין תנ״ך.

דער באַגריף „צדיק״ און „רשע״ אין תנ״ך מיינט אַ גוטער און אַ שלעכטער מענטש. אַנדערע אויסדרוקן, און אין דעם גייט שוין אויך אַריין דער אויסדרוק חסיד, זיינען געווען שמות־נרדפים, באַגלייט־ווערטער צו דעם אויסדרוק „צדיק״.

אין דער מדרש־ און אגדה־ליטעראַטור איז שוין געמאַכט געוואָרן אַ גרענעץ צווישן „צדיק״ און „חסיד״. דער דרך פון צדיק איז דער וועג פון דער הלכה און גוטע מידות אין זיינע באַציאונגען צום צווייטן מענטשן, אָבער דער חסיד לעבט אַ מער רעליגיעז־מאָראַליש לעבן, ער האָט שוין געטאָן זאַכן „לפנים משורת הדין״, דאָס מיינט, ער האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט פליכטן און טואונגען, וואָס דער פשוטער מענטש דאַרף עס

נישט טאָן. אָבער אין די מערסטע מאמרים, ווערט דער באַגריף „צדיק" באַטראַכט אַזוי ווי דער באַגריף „חסיד" [1]).

אין דער ליטעראַטור פון מחשבה און מוסר אין מיטל־אַלטער איז אויסגעבויט געוואָרן אַ שיטה וועגן חסיד, וואָס האָט אים געשטעלט העכער פון צדיק. די מערסטע חכמי־המוסר האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם יחידישן אידעאַליזם, זיי האָבן פאַרלאַנגט אַן אויסגעהאַלטן רעליגיעז־מאָראַליש לעבן, וואָס דאָס האָבן געקאָנט אויספירן נאָר יחידי־סגולה, אָדער געשלאָסענע חברות פון אויסדערוויילטע מענטשן, אַט זיי, ווערן אַנגערופן „חסידים", וואָס דאָס מיינט פּאַקטיש „צדיקים".

דער „חובות הלבבות" פון ר' בחיי אבן פקודה, וואָס אַנטהאַלט די לערנונג פון אַ יחיד פון 11־טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע, און דער „ספר חסידים", וואָס איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג פון 12־טן און 13־טן יאָרהונ־דערט, פון די „חסידי אשכנז" (דייטשלאַנד), ברענגען דאָס אַרויס זייער בולט.

דער „חובות הלבבות" ברענגט די שטאַפּלען, ווי אַזוי מען קאָן קומען צו דער מדריגה פון „חסידים", און דער „חסיד" קאָן קומען צו דער מדריגה פון נביא.

אין „ספר חסידים", ווערט שוין געבראַכט דער באַגריף צדיק ווי דאָס פּראָבלעם: „צדיק ורע לו" (אַ צדיק און עס איז אים שלעכט אויף דער וועלט), אָבער דאָרט ווערט געבראַכט דער אויסדרוק צדיק, נישט ווי אַ מענטש וואָס איז אַ מושלם מיט אַלע מעלות טובות. דאָרט קאָנען מיר טרעפן מענטשן וואָס ווערן אַנגערופן צדיק, אַפילו ווען זייערע מידות זיינען אין קעגנזאַץ צו די מידות פון חסידות, ווי די „מעשה מיט אַ צדיק וואָס איז געווען אַ בייזער, און ווען מען האָט זיך מיט אים געקריגט האָט ער נישט געענטפערט, נאָר ער האָט מעניש געוועזן און דערנאָך איז אים אַריבער דער כעס און ער האָט חרטה געהאַט" [2]).

אָדער אַן אַנדערע מעשה: „אַ צדיק האָט געמאַכט אַ ספר, איז געקומען אַ צווייטער צדיק און האָט אים געוואָלט סותר זיין זיינע חדושי תורה, כדי צו ווייזן זיין חריפות. ער האָט גאָר נישט געזוכט דעם אמת, און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט דער מת זיך באַקלאָגט, וואָס ער וויל צעשטערן זיינע רייד בחינם" [3]).

אַ צדיק וואָס איז אַ רגזן, אָדער אַ צדיק וואָס וויל צעשטערן יענעמס

1) גענויער וועגן דעם זע: י. תשבי, „משנת הזוהר", חלק ב', מוסד ביאַליק, ירושלים, 1961, זייט 655.

2) ספר חסידים, סימן קכ"ז. די דאָזיקע ציטאַטן, ווי די קומענדיקע, ווערן געגעבן לויט דעם „משנת הזוהר", צווייטער טייל, זייטן 658—733.

3) ספר חסידים, סימן תת"ר, מ"ט.

רייד, כדי צו ווייזן זיין חריפות, איז נישט געווען דער באַגריף צדיק וואָס איז שפּעטער אַריין אין דער קבלה און חסידות...

אָבער אין אַלגעמיין, שרייבט י. תשבי אין זיין גאָר אינטערעסאַנטן מאמר, איז דער באַגריף צדיק אין „ספר חסידים״, געווען דער זעלבער וואָס „חסיד״...

די ערשטע מקובלים אין דרום־פראַנקרייך, האָבן זיך באַנוצט מיט דעם טיטל „החסיד״, „הפרוש״, „הנזיר״, פאַר זייערע לערער. רבי יצחק סגי נהור, דער הויפּט פון די מקובלים, אינעם אָנהייב פון 13־טן יאָרהונדערט, איז אָנגערופן געוואָרן: „רבינו החסיד״, אָדער סתם „החסיד״.

אויך די מקובלים פון שפּאַניע, פון דער צווייטער העלפט פון 13־טן יאָרהונדערט, האָבן אָנגערופן זייערע רביים מיטן טיטל „חסיד״.

י. תשבי האָט דורכגעאַקערט דאָס גאַנצע פעלד וועגן באַגריף „צדיק״ און „חסיד״ אין די ערשטע קבלה־ספרים, אין ספר הזוהר און אין אַנדערע ספרים, און ער קומט צום אויספיר, אַז אויך אין „זוהר״ איז נישט פאַראַן קיין יסודות׳דיקער אונטערשיד צווישן צדיק און חסיד. דער צדיק ווערט פאַרבונדן מיט דער ספירה „יסוד״ און דער חסיד מיט דער ספירה „תפארת״. אָבער ביידע ווערן שטאַרק דערהויבן אין זוהר.

לויט דעם „זוהר״ איז דער צדיק אין דער מדריגה פון אַ מלאך און נאָך דער פּטירה פון צדיק ווערט ער דער ממונה צו באַדינען הקדוש־ברוך־הוא צוזאַמען מיט די אַנדערע מלאכים [4]. און „מען הערט זיך צו אין הימל צו די צדיקים״ [5]. די צדיקים ווערן מלאכי השרת [6]. די נשמות פון די צדיקים ווערן מלאכים און זיי קומען אַראָפּ פון גן־עדן צו העלפן די צדיקים אויף דער וועלט [7].

דער צדיק איז אַזוי גרויס, אַז הקדוש־ברוך־הוא איז מגין אויף אים, עס זאָל אים גאָר נישט געשען, די מענטשן זאָלן אויף אים קיין שליטה נישט האָבן [8]. און „אומעטום וואו די צדיקים גייען, טוט הקדוש־ברוך־הוא זיי היטן, און פאַרלאָזט זיי נישט... אומעטום וואו די צדיקים גייען, גייט די שכינה מיט מיט זיי״ [9].

דער זוהר פאַרענטפערט דאָס פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״ אַזוי:

די צדיקים דאַרפן נישט נאָכטראַכטן וואָס זיי איז נישט גוט אויף דער וועלט, ווייל „וואויל איז צו די צדיקים, וואָס זיי האָבן נישט קיין חלק בעולם

4) זוהר חדש, ק׳, עמוד א׳.
5) דאָרט, צ׳, עמוד א׳.
6) זוהר חדש, נח, ל״ו, עמוד א׳.
7) דאָרט ל״ה, עמוד ב׳.
8) זוהר ח״ג, פ״ז.
9) דאָרט, קפ״ט, עמוד א׳.

הזה נאָר בעולם הבא״, וואָרים אַפילו די צדיקים, וואָס זיינען ריין פון יעדן חטא, טוט הקדוש־ברוך־הוא צעברעכן זייער גוף, כדי שולט צו זיין אויף דער נשמה״ און „דער צדיק וואָס איז צעבראָכן — אים האָט הקדוש־ברוך־הוא ליב״ [10]).

דערמיט האָט דער זוהר געוואָלט פאַרענטפערן די פראַגע פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״.

אויך דער געדאַנק פון חסידות, אַז די שפע קומט אַראָפּ אויף דער וועלט דורך די צדיקים, געפינט זיך שוין אין זוהר.

דער גורל פון יעדן דור — זאָגט דער זוהר — ווערט באַשטימט לויט דעם מעמד פון די צדיקים, אויב דער רושם פון די צדיקים איז אַנזעעוודיק אויף דער וועלט, הערשט אַ האַרמאָניע און אחדות אין דער גאָטהייט, און די ספירות זיינען פול מיט שפע [11]). ווייל „די צדיקים זיינען דער יסוד און דער קיום פון דער וועלט״ [12]).

לויט דעם זוהר דאַרפן זיך געפינען דרייסיק צדיקים אויף דער וועלט צו באַשיצן דעם דור. אין די צייטן פון רבי שמעון בן יוחאי איז געקומען אַ מלאך חרוב מאַכן די וועלט, ווייל עס האָבן זיך נישט געפונען קיין דרייסיק צדיקים, נאָר אין זכות פון רבי שמעון בן יוחאי איז די גזירה בטל געוואָרן [13]).

אָבער בדרך כלל, ווערט געזאָגט, אַז אַפילו בלויז אויף איין צדיק האַלט זיך די וועלט [14]).

אָבער די צדיקים דאַרפן זיך נישט באַגנוגענען מיט זייער פּאַסיוון זכות צו באַשיצן זייער דור, נאָר זיי דאַרפן משפיע זיין מיט זייער כוח אויף דעם דור. זיי דאַרפן תפילה טאָן און זען אַז די מענטשן, בפרט די רשעים, זאָלן תשובה טאָן [15]). ווייל הקדוש־ברוך־הוא איז משתוקק און גאַרט נאָך די תפילות פון די צדיקים [16]) . . .

די צדיקים דאַרפן פאַרטיידיקן די רשעים און זיך משתדל זיין, אַז די גזירות אויף די יידן זאָלן בטל ווערן, וואָרים דער צדיק איז בבחינת „ידידו של מלך״ (דער פריינט פון מלך), וואָס באַזוכט זיין פּאַלאַץ בשעת דער מלך איז אין כעס און ער באַרואיקט דעם מלך [17]).

לויטן זוהר זיינען אברהם און משה געווען מוסטער־צדיקים, ווייל זיי האָבן מתפלל געווען אויף זייערע דורות, אָבער נח האָט זיך געמאַכט אַ

10) תשבי, 673.
11) זוהר ח״א, דף ס״ז, עמוד א׳.
12) דאָרט, דף קצ״ה, עמוד א׳.
13) זוהר חדש, פרשת וירא, דף מ״ד, עמוד ב׳.
14) זוהר ח״א, דף פ״ב, עמוד א׳.
15) זוהר חדש, בראשית דף כ״ב, עמוד א׳.
16) זוהר חלק א׳, דף קס״ז, עמוד א׳.
17) דאָרט, חלק ג׳, דף י׳, עמוד א׳.

תיבה און דער דור איז דערטרונקען געוועןן אין מבול [18]). דערפון זעט מען, אַז דער צדיק דאַרף מגין זיין אויף זיין דור. על אחת כמה וכמה טאָר דער צדיק נישט מקטרג זיין אויף די יידן, און אויב ער איז מלשין אויף די יידן און רעדט שלעכט פאַרן אייבערשטן אויף די יידן, איז זיין עונש זייער גרויס [19]).

הקדוש־ברוך־הוא איז מגלה די צדיקים דעם גזר־דין, וואָס איז נגזר געוואָרן צו באַשטראָפן די רשעים, כדי די צדיקים זאָלן קאָנען וואָרענען די רשעים און זיי מציל געוועןן פון די פורענות, דורך טאָן תשובה [20]). אָבער דער צדיק דאַרף נישט דערמאָנען די רשעים זייערע זינד. ער דאַרף רעדן צו זיי נישט דירעקט. ער דאַרף רעדן, דרך אגב, וועגן דעם חטא און דער מענטש וועט שוין אַליין וויסן וועמען ער מיינט, ווייל הקדוש־ברוך־הוא איז חס אויף דעם כבוד פון דעם מענטשן, אַפילו אויף די רשעים [21]).

די נשמות פון די צדיקים זיינען ממשיך אויך אויף יענער וועלט, צו טאָן גוטס די נשמות פון די רשעים. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין גיהנום, כדי מעלה צו זיין די נשמות פון די רשעים [22]).

אין „מדרש הנעלם" ווערט גערדרשנט דער שמועס צווישן מלך סדום און אברהם אבינו, ווי אַ משא־ומתן צווישן שר פון גיהנום און די נשמות פון די צדיקים.

דער שר פון גיהנום „עריסא" שטייט פאַר די נשמות פון די צדיקים און בעט זיך ביי זיי, זיי זאָלן אים לאָזן צונעמען די נשמות פון די רשעים און זיי אַריינברענגען אין גיהנום אַריין, און די נשמות פון די צדיקים ענטפערן: אַז בלויז די רשעים גמורים, וואָס האָבן נישט געוואָלט תשובה־טאָן אויף דער וועלט, זיי וועלן זיי לאָזן צונעמען, אָבער די וואָס האָבן געלערנט אין די יונגע יאָרן, די וואָס זיינען געגאַנגען מיטן צדיק אויף דער וועלט, זיי וועלן די צדיקים האַלטן און זיי נישט לאָזן מעניש זיין [23]).

דאָ זעט מען, אַז די השפעה פון צדיק איז אַזוי גרויס, אַז ער קאָן מציל זיין אַפילו רשעים, אויב זיי זיינען מיט אים געגאַנגען אויף דער וועלט [24]).

דער וויסנשאַפטלער י. ווייס ווייזט אָן, אַז אין דער חסידישער שיטה, איז פאַרבונדן געוואָרן די ירידה פון צדיק אויף דער וועלט, כדי מעלה צו

18) זוהר חדש, נח, דף ל״ט, עמוד א׳.
19) זוהר חדש, דף ע״א, עמוד ב׳.
20) זוהר חלק ג׳, דף ק״ד, עמוד ב׳.
21) זע תשבי זייט 667.
22) זוהר חלק ג׳, דף ר״כ, עמוד ב׳.
23) זוהר חדש, פרשת לך לך, דף מ״ב, עמוד א׳־ב׳.
24) „הלכו אתי בעולם הזה" — דאָרט.

זיין די רשעים. דער צדיק נידערט אַראָפּ אין גיהנום, כדי מתקן צו זיין די רשעים[25]).

פון די אַלע מאמרים, וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט זעען מיר, אַז דער געדאַנק אַז דער צדיק איז דער „יסוד פון דער וועלט", איז שטאַרק אויסגעבריייטערט געוואָרן אין זוהר, און פון די בעלי־מקובלים איז דער באַגריף פון צדיקיזם און זיין השפעה אויף דער וועלט אַריבער אין חסידות.

דער באַגריף צדיק ביים בעש"ט

דער בעש"ט אַליין רעדט וועגן צדיק, אָבער לויט אים איז יעדער מענטש אַ צדיק. ווי דער בעש"ט זאָגט: „כל אדם הוא צדיק", ווייל לויט דעם בעל־שם־טוב'ס פילאָזאָפיע וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, איז פאָרגעקומען אַ מיזוג צווישן רבונו־של־עולם און דער גאַנצער יצירה — „אַלץ וואָס איז אויבן און אונטן, איז איין גאַנצקייט". דער בעש"ט קוקט אויפן מענטש ווי דער „יציר נבחר", די אויסדערוויילטע שאַפונג. דער מענטש איז אַ חלק פון דער גאָטהייט און אַזוי ווי אין דער גאָטהייט זיינען פאַראַן צען ספירות, אַזוי זיינען אויך פאַראַן צען ספירות אין יעדן מענטש. דער מענטש איז דעריבער דער צענטער פון דער וועלט און דערפאַר קאָן יעדער מענטש זיך דערהייבן צו דער בחינה פון צדיק.

אמת, דער בעש"ט האָט געהאַלטן, אַז דער צדיק פירט אויס אַ געוויסע פונקציע אויף דער וועלט, „דער צדיק איז דער שליח פון דער שכינה"[26]), און אַז די צדיקים זעען דעם „אור הגנוז" פון דער תורה און זעען אין דער תורה פון איין עק וועלט צו דער צווייטער; אָדער אַז אין יעדן צדיק זיינען פאַראַן הייליקע פונקען, וואָס זיינען פון זיין שורש נשמה, וואָס ער דאַרף זיי מתקן זיין[27]), אָבער דער צדיק דאַרף זיך נישט האַלטן פאַר אַן „אדם שלם", „דער צדיק דאַרף יעדע רגע פילן, אַז ער האָט נאָך בכלל נישט אָנגעהויבן צו דינען דעם אייבערשטן"[28]). אָבער ביים בעש"ט איז נאָך נישט איינגעשטעלט געוואָרן קיין אינסטיטוציע פון צדיקיזם. עס זיינען בלויז אַרויסגעזאָגט געוואָרן געדאַנקען וועגן די אויפגאַבעס און אחריות פון צדיק לגבי די מענטשן.

„דער צדיק אַליין האָט פאַרשידענע מדריגות — זאָגט דער בעש"ט — אַמאָל איז ער אין גדלות און אַמאָל אין קטנות, און אַמאָל גייט דער צדיק אַליין אַראָפּ פון זיין הויכער מדריגה, כדי מעלה צו זיין די געפאַלענע, ווייל

25) י. וויס, „ראשית צמיחתה של הדרך החסידית", „ציון", שנה תשי"א, זייטן 73—75.

26) „צדיקיא אינון שלוחי דמטרוניתא", כתר שם טוב, ז'.

27) דגל מחנה אפרים, פרשת לך.

28) „אמתחת בנימין" און „שפתי צדיקים", פרשת לך לך.

ווער עס וויל אַרויסציען זיין חבר פון דער בלאָטע, דאַרף אַליין אַריין אין דער בלאָטע און אים אַרויסהייבן פון דאָרט״ [29]). מיר ווייסן אָבער, אַז די תלמידים פון בעש״ט האָבן געקוקט אויף דעם בעש״ט ווי אויף דעם „צדיק יסוד עולם״.

אַזוי האָט ר׳ פּנחסל קאָריצער געזאָגט וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אַז וואָלט ער נישט געווען געזען, אַז דער בעש״ט האָט געהאַט אַ זון, ר׳ הערש, וואָלט ער נישט געווען געגלייבט, אַז ער איז געווען אַ בשר־ודם... דעריבער האָבן זיי אַריינגעטייטשט פאַרשידענע גרויסע כוונות אין די אַלע טועכצן און זאָגעכצן פון בעש״ט.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „דגל מחנה אפרים״ אין נאָמען פון בעש״ט, אַז טיילמאָל דאַרף דער צדיק פאַרשטעלן זיינע רייד, כדי צו היילן דעם קראַנקן, דעם חולה הנפש, און פּונקט אַזוי ווי אַ דאָקטאָר ווען ער זעט, אַז דער קראַנקער וועט נישט קאָנען נעמען די מעדיצין, ווייל זי איז ביטער, מישט ער אין איר אַריין זיסקייטן, כדי דער חולה זאָל זי וועלן איינגעמען, אַזוי מוז דער צדיק אָנקליידן זיינע דיבורים אין פאַרשידענע לבושים, כדי דער חולה הנפש זאָל וועלן נעמען די רפואה [30]).

און דער בעל „דגל מחנה אפרים״ שרייבט וועגן מהות פון צדיק, אַז: „הקדוש־ברוך־הוא נעמט דאָס ליכט פון זיך און פאַרפלאַנצט עס אויף דער וועלט און דערפון וואַקסט אַרויס אַ צדיק אויף דער וועלט״ [31]).

און וואָס, האָבן די תלמידים פון בעש״ט געזאָגט, קאָן לויט דער שיטה פון בעש״ט אָנגערופן ווערן אַ צדיק? זיי האָבן געזאָגט, אַז „אַ צדיק גמור איז דער, וואָס האָט אין זיך נישט קיין שמץ פון שלעכטס און זעט נישט קיין שלעכטס אין אַ מענטש, און ער האָט זייער ליב יעדן ייד״ [32]). און דער בעש״ט האָט געהאַט אַזאַ ליבשאַפט צו יעדן מענטשן, אַז ווען ער האָט אַמאָל געזען ווי אַ טאַטע האָט געגעבן אַ קוש זיין זון, האָט ער צו אים געזאָגט: „איך האָב מער ליב דעם פּחות שבפּחותים, ווי דו האָסט ליב דיין איינציקן זון״ [33]).

לויט ווי עס ווערט געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״, האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי צדיקים און ביידע זיינען „צדיקים גמורים״. דער חילוק צווישן איז דער, וואָס איין צדיק איז נאָר אַ צדיק פאַר זיך און ער וויל נישט משפּיע זיין אויף אַנדערע. אַט אַזאַ צדיק איז געגליכן צו אַ בוים וואָס גיט נישט קיין פּירות. דער צווייטער

29) „תולדות יעקב יוסף״ פּרשת לך.
30) „דגל מחנה אפרים״, ליקוטים.
31) „הקדוש ברוך הוא נוטל, כביכול, אור מעצמותו וזורע אותו האור בעולם וממנו צומח צדיק בעולם״. — „דגל מחנה אפרים״, פּרשת בראשית.
32) „נתיב מצוותיך״, דף כ״ו.
33) „דרך אמונה ומעשה רב״, זייט 7.

צדיק איז געגליכן צו אַ בליענדיקן טייטלבוים, וועלכער גיט פּירות און ער שטעלט־אויף צדיקים אויף דער וועלט אַזוי ווי ער איז אַליין.

דאָס, קאָן זיין, איז געזאָגט געוואָרן בנוגע די רבנים, וואָס זיינען נישט געווען קיין חסידים.

די תלמידים פון בעש״ט האָבן איבערגעגעבן אַ צאָל ווערטער פון מויל פון בעש״ט וועגן דעם מהות צדיק.

„ווער עס דערציילט שבחים פון צדיקים, איז גלייך ווי ער וואָלט עוסק געווען אין מעשה מרכבה״ [34]).

דער תלמיד פון בעש״ט, ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, ברענגט אין זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״ אַ צאָל ווערטער פון בעש״ט וועגן צדיק, וואָס לויט אים האָט דער בעש״ט דערהויבן דעם צדיק צו אַזאַ מדריגה, אַז ער האָט אויף דער וועלט דעם כוח פון דעם אייבערשטן אין הימל.

אָט זיינען עטלעכע אויסצוגן וועגן דעם:

„דער צדיק קאָן באַשאַפן הימל און ערד; ער קאָן באַווייזן מופתים אויפן הימל און אויף דער ערד; דער צדיק קאָן מכפּר זיין אויף די זינד; ער קאָן משפּיע זיין אין אַלע וועלטן; ער פאַרבינדט די אייבערשטע מיט דער אונטערשטער וועלט; ער איז די נשמה פון דער וועלט; ער איז דאָס האַרץ פון דער וועלט; ער איז דער פאַרמיטלער צווישן פאָלק און דעם אייבערשטן; ער איז די רער, וואָס דורך איר גייט דורך די שפע פון הימל אויף דער וועלט; ער איז דער ממלא מקום כבודו״ [35]).

דער „תולדות״ ברענגט אויך אין נאָמען פון בעש״ט אַן אויסטייטשונג פון דעם מאמר חז״ל [36]): „עין רואה ואוזן שומעת״ (דאָס אויג זעט און דאָס אויער הערט). דער בעש״ט האָט אַזוי געזאָגט: אַ מענטש וואָלט געקאָנט זען פון סוף העולם עד סופו, פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן, און הערן וואָס מען רופט אויס אין הימל. נאָר די זינד שיידן אונז אָפּ, ווייל די נשמה איז אין גלות פון יצר־הרע, וואָרים דריי קליפּות רינגלען אַרום די זע־קראַפט און דאָס געהער, אָבער ווען מען באַצווינגט די קליפּות קאָן מען זען און הערן אַלץ [37]).

די תלמידים האָבן אויך געבראַכט פאַרשידענע מאמרים פון בעש״ט, וואָס ווייזן אָן, אַז דער בעש״ט האָט געהאַלטן, אַז דער צדיק דאַרף זיין אַ מסתפּק במועט, אַז אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שווערער עול צו העלפן די יידן און ער דאַרף בלויז אויספירן זיין מיסיע בשלימות, אָן אייגענער הנאה.

34) „שבחי הבעש״ט״, דף כ״ו.
35) זע: ד״ר ש. א. האָראָדעצקי אין זיין אַריינפיר צום „שבחי הבעש״ט״.
36) אָבות, פּרק ב׳.
37) „צפנת פענח״, פּרשת וירא, דף כ״ה, עמוד א׳, און „בן פורת יוסף״, פּרשת ויחי.

די חז״ל זאָגן: „כל העולם ניזון בשביל חנינא בני״ (די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט צוליב מיין זון חנינא), האָט דער בעש״ט געטייטשט, אַז דאָס וואָרט „שביל״ מיינט אַ „וועג״. דאָס הייסט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט „בשביל״ — דורך דעם „צינור״ (רער פון מיין זון חנינא, ווייל דער צדיק איז ממשיך די השפעה אויף דער גאַנצער וועלט, און אַזוי ווי דער צינור איז נישט נהנה פון דעם, וואָס גייט־דורך דורך אים, אַזוי דאַרף אויך דער צדיק נישט נהנה זיין פון דער שפע, וואָס גייט־דורך דורך אים [38]).

די תלמידים פון בעש״ט האָבן געזאָגט, אַז דער בעש״ט האָט געהאַלטן אַז דער צדיק דאַרף אַרבעטן פאַר אַנדערע, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין זוהר וואָס מיר האָבן פריער ציטירט.

אַזוי ווערט געבראַכט, אַז מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם בעש״ט: פאַרוואָס דערמאָנט מען בלויז די דריי אָבות, אברהם, יצחק, יעקב, פאַרוואָס דערמאָנט מען נישט דעם זכות פון די אַנדערע צדיקים? אויך געפינען מיר אין זוהר, אַז עס זיינען געווען נשמות פון תנאים, וואָס זיינען געקומען נאָך זייער פּטירה לערנען מיט רבי שמעון בר יוחאי די סודות פון דער תורה, און אַנדערע זיינען נישט געקומען, פאַרוואָס?

האָט דער בעש״ט געענטפערט: אַז די צדיקים, וואָס האָבן ביי זייער לעבן געדינט דעם אייבערשטן ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר מזכה צו זיין אויך אַנדערע, זיי זיינען עוסק אין דער דאָזיקער עבודה אַפילו נאָך זייער פּטירה, אויך וועגן משה׳ן ווערט געזאָגט, אַז זיין השפעה איז אין יעדן דור; אָבער די צדיקים, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן זיך באַמיט בלויז זיך אַליין מתקן צו זיין, זיי קומען נישט לערנען מיט אַנדערע נאָך זייער פּטירה, און דערפאַר דערמאָנען מיר נישט דעם זכות פון די אַנדערע צדיקים אַחוץ די אָבות [39]).

די תלמידים פון בעש״ט האָבן געהאַלטן, אַז דער בעש״ט איז געווען דער צדיק גמור, וואָס ער האָט געאַרבעט פאַר אַנדערע, דעריבער האָט ער געהאַט אָפענע אויגן און ער האָט געקאָנט זען פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן״.

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי ר׳ ברוך פון קאַמינקע האָט געשיקט אָקסן אין וועג אַריין און ער האָט מורא געהאַט, אַז דער טרייבער וועט די אָקסן נישט ברענגען צו דעם באַשטימטן אָרט, האָט ער געשיקט ר׳ יוסף פון קאַמינקע צום בעש״ט זיך דערוויסן צי די אָקסן זיינען אָנגעקומען אויפן ריכטיקן אָרט, האָט דער בעש״ט געעפנט דעם זוהר און געזאָגט: „איך זע, אַז מען האָט די אָקסן נישט צוגערויבט״...

פרעגט אים ר׳ יוסף:

38) „כתר שם טוב״, חלק ב׳, „תולדות יעקב יוסף״, פרשת קרח.

39) „אור הגנוז״, פרשת תצא, זע אויך: „ספר הבעש״ט״, זייט 144.

„דאָס געפינט זיך אין זוהר?"

האָט דער בעש"ט געענטפערט:

„דער וואָס איז זוכה צו געפינען אין דער תורה דעם 'אור הגנוז', דער זעט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן" [40]).

דער בעש"ט האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער צדיק אַליין איז נישט אינגאַנצן ריין פון יעדער זינד.

דער בעש"ט האָט געזאָגט: עס שטייט: „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", מיינט מען, ער זאָל נישט טאָן קיין זינד אַפילו „בעצם עשיית הטוב" (אַפילו ווען ער טוט די גוטע זאַך, די מצוה), ווי, למשל, ער טוט די מצוה מיט אַ פניה אָדער מיט גאווה.

די הויפּט־שיטה פון בעש"ט איז געווען נישט צו פאַרהערלעכן דעם צדיק און אים דערהייבן, נאָר זיין שיטה איז געווען, אַז „יעדער מענטש איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט, כדי צו דערפילן עפּעס אַ שליחות". און אויך די „צדיקים מפורסמים" האָבן אַ באַשטימטע שליחות מהפך צו זיין דעם מידת הדין אויף מידת הרחמים.

עס קאָנען נישט זיין בלויז צדיקים אויף דער וועלט, ווי דער בעש"ט האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל „כל ישראל ערבים זה לזה" — „ערבים" מיינט מען „מעורבים זה בזה", זיי זיינען אויסגעמישט איינער מיט דעם צווייטן, „כי שורש אחד לכולם", ווייל אַלע האָבן איין שורש נשמה.

און ווי אַזוי דאַרף מען דינען דעם אייבערשטן?

האָט דער בעש"ט געלערנט: „בכל דרכיך דעהו" [41]) (אין אַלע דיינע וועגן טו אים דערקענען). „דעהו" מיינט מען אויך באַהעפטן, ווי עס שטייט: „והאדם ידע את חוה" [42]) (אדם האָט דערקענט חוה'ן, ער האָט זיך מיט איר באַהאָפטן), אַזוי קאָן מען זיך באַהעפטן מיטן אייבערשטן אויך אין גשמיות־דיקע זאַכן[42]). אין „צוואת הריב"ש"[44]) ווערט דאָס וואָרט פון בעש"ט געבראַכט אויף אַן אַנדערן אופן, אַז אַפילו אין גשמיות'דיקע ענינים דאַרף דער מענטש טאָן פאַר דעם אייבערשטן אַליין. אָבער די כוונה איז די זעלבע, דאָס מיינט, אַז מען קאָן דינען דעם אייבערשטן אַפילו מיט גשמיות'דיקע און וואָכעדיקע ענינים.

און אַזאַ מין עבודה קאָן שוין טאָן יעדער מענטש...

דער בעש"ט האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק קאָן נישט זיין פון בלויז צדיקים, עס מוז זיין אַ געמישטע עדה. דער בעש"ט האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָרט „צבור" איז די ראשי־תיבות: „צדיקים, בינונים ורשעים". אַ ציבור

40) מיר האָבן דעם זאָג שוין פריער געבראַכט.

41) משלי ג', ו'.

42) „תולדות יעקב יוסף", פרשת וירא. דאָרט שטייט אין אָנהייב פון מאמר: „שמעתי ממורי", וואָס דאָס מיינט פון בעש"ט.

43) דף י"ב, עמוד א'.

מוז האָבן צדיקים, פשוטע מענטשן און רשעים. פון אַ ציבור אָן רשעים, האָט דער בעש״ט ווייטער געזאָגט (דאָס מיינט, מען נעמט אַוועק דעם אות „ריש״ פון „צבור״), בלייבט בלויז „צב״ (שילדקרעט), דאָס הייסט, אַ „בעל חי שאינו טהור״, וואָס מען טאָר נישט עסן...

פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געבראַכט, זעען מיר, אַז דער בעש״ט האָט טאַקע צוגעטיילט ספּעציעלע שליחות׳ן פאַרן צדיק, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז „יעדער מענטש ווערט אָנגערופן צדיק״, און אַז אַ צדיק טאָר נישט זען קיין שלעכטס אין אַ מענטש און אַז אַ ציבור קאָן נישט באַשטיין אָן רשעים, אַ פאָלק איז געמישט, און דינען דעם אייבערשטן קאָן מען מיט אַלע אופנים, אַפילו מיט גשמיות׳דיקע זאַכן.

ערשט די תלמידים פון בעש״ט, ווי ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, דער „דגל מחנה אפרים״, ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, האָבן געשאַפן אַ קולט פון צדיק און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם צדיק ווי דעם צענטער פון דער וועלט און פון די חסידים. די פראַגע איז אָבער, פאַרוואָס האָט חסידות אַזוי שטאַרק דערהויבן דעם צדיקיזם?

דער ענטפער איז, מיינען מיר, ווייל חסידות איז געקומען ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ רעוואָלוציע אין איינגעשטעלטן יידישן שטייגער־לעבן. חסידות האָט געוואָלט אַראָפּרייסן די היעראַרכיע פון די רבנים, וואָס האָבן געהערשט איבער די פשוטע יידן. די תלמידים פון בעש״ט, און בפרט זיין תלמיד מובהק ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאה, טרעטן שטאַרק אַרויס אין זייערע ספרים קעגן די רבנים. האָט חסידות געדאַרפט שאַפן אייגענע, גייסטיקע מנהיגים — די צדיקים.

אָבער אין דעם ערשטן און צווייטן דור פון חסידות האָט נאָך אין חסידות געגילט דעם בעל־שם־טוב׳ס וואָרט, אַז צדיק און פאָלק איז איינס, „דאָס פאָלק דאַרף האָבן דעם צדיק און דער צדיק דאַרף האָבן דאָס פאָלק[45]). אָבער מיט דורות שפּעטער איז דער צדיק געוואָרן דער הערשער איבערן פאָלק.

די מערסטע רביים האָבן זיך געבויט הייפן, מען האָט געזאַמלט געלט ביי חסידים, מען האָט איינגעשטעלט באַשטימטע „מעמדות״ ביי די חסידים אויסצוהאַלטן דעם רבי׳נס הויף און דער רבי האָט שוין געלעבט אַ מלכות־דיקן לעבן.

געוועזן רביים, ווי די טשערנאָבילער, ריזשינער און אַנדערע רבישע דינאַסטיעס, וואָס האָבן זיך געבויט טייערע פּאַלאַצן און געלעבט אויפן חשבון פון די חסידים. דער ריזשינער רבי האָט געהאַט אַ פירסטלעך הויף אין סאַדעגורע. דער טריסקער רבי האָט געהאַט אַ מנורה, וואָס איז געגאָסן געוואָרן פון ריינעם גאָלד און גרויס געווען ווי די הויך פון אַ מענטש, און

45) „כתר שם טוב״ און „תולדות יעקב יוסף״, פרשת קדושים.

ר׳ דוד׳ל טאַלנער האָט געלאָזט אויסקריצן אויף זיין זילבערנע שטול: „דוד מלך ישראל״ [46]) . . .

חסידות האָט דערהייבן דעם „בחיר היצירה״, דעם מענטש, און אים געשטעלט אין דער מדריגה פון צדיק. חסידות האָט געדאַרפט האָבן דעם צדיק אין קעגנזאַץ צו די רבנים, אָבער דער צדיקיזם, וואָס האָט דערהייבן דאָס חסידות, האָט אין די שפּעטערדיקע דורות פון חסידות אויך געבראַכט צו איר ירידה.

אָבער דאָס אמתע חסידות האָט זיך נישט אָנגעלענט אויף די רייכע חסידישע הייפן, נאָר אויף די פאָלקס־רביים, אויף די רביים, וועלכע האָבן זיך געטיילט מיט יעדן ביסן ברויט מיטן חסיד און וועלכע האָבן אויס־געפירט אַ גרויסע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע פונקציע. אָט זיי זיינען געגאַנגען אין די פוס־טריט פון בעש״ט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז יעדער מענטש קאָן זיך דערהייבן צו דער בחינה פון צדיק; אָט זיי האָבן באַריי־כערט דאָס חסידות, האָבן אַריינגעהויכט אַ הייליקן אָטעם אין דער גרויער וואָכנדיקייט, אין וועלכער די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט. זיי האָבן איינ־געפלאַנצט אמונה און בטחון אין די פאַר׳יאוש׳טע הערצער פון די גע־רודפ׳טע יידן, וועלכע זיינען טאָפּלט געפּלאָגט געוואָרן, אי פון דער אויסער־לעכער קריסטלעכער וועלט און אי פון די אייגענע תקיפים, די ראשי־הקהל און גבירים. זיי האָבן געדאַרפט האָבן דעם צדיק און דער צדיק זיי...

46) מער וועגן דעם זע: מנשה אונגער, „חסידות און לעבן״, זייטן 131—151.

קאַפּיטל כט

אהבת ישראל

אהבת ישראל איז דער יסוד פון חסידות. — דער מענטש טאָר נישט זען קיין שלעכטס אויף אַ צווייטן מענטשן. — מען דאַרף מלמד־זכות זיין אויף יעדן מענטשן. — יעדער מענטש איז אַ קליינע וועלט. — פאַר יעדן מענטשן איז דער צווייטער מענטש זיין אייגענער שפּיגל.

דער הויפּט־יסוד פון חסידות איז אַהבת ישראל.

ליב האָבן יעדן, דאָס איז געווען דער הויפּט־דרך פון חסידות.

די דאָזיקע שיטה פון אַהבת ישראל גייט דורך אַ ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דער חסידישער באַוועגונג, און דאָס איז געווען די ריכט־ליניע פון אַלע גייסטיקע מנהיגים פון חסידות און בפרט פון בעש״ט.

האָט מען דאָך געפרעגט דעם בעש״ט, ווערט געבראַכט אין ספרל „בוצינא דנהורא״, פון רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, אַן אייניקל פון בעש״ט (דף י״ז): וואָס איז דער עיקר עבודה פון אַ יידן? מיר ווייסן דאָך אַז די פריערדיקע דורות זיינען געווען יידן אנשי־מעשה, וואָס האָבן געפאַסט משבת לשבת, און איר האָט דאָס מבטל געווען, און איר זאָגט, אַז דער וואָס פאַסט ווערט אָנגערופן אַ חוטא [1]) און ער וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַרן בית דין של מעלה, ווילן מיר וויסן, וואָס איז דער עיקר עבודה?

האָט דער בעש״ט געענטפערט, אַז דער עיקר עבודה איז, אַז דער מענטש זאָל נעמען אויף זיך דריי זאַכן: אַהבת השם, אַהבת ישראל און אהבת התורה ואין צריך לעשות בסיגופים — ליב האָבן דעם אייבערשטן, ליב האָבן די יידן און ליב האָבן די תורה, און מען דאַרף זיך נישט מסגף זיין.

אויך האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט צום קאָלאָמייער רב, דעם פאָטער

1) זע די גמרא תענית דף י״א, עמוד א׳: „אָמר שמואל כל היושב בתענית נקרא חוטא״ — שמואל האָט געזאָגט, דער וואָס פאַסט ווערט אָנגערופן אַ חוטא.

פון זיין תלמיד ר׳ נחמן: „איך האָב ליבער דעם קל שבקלים און פחות שבפחותים ווי דו האָסט ליב דיין איינציקן זון״ [2].

און אין ספר „מדרש פליאה החדש״ [3] ווערט געבראַכט פון רבין ר׳ גדליה פון לינץ, אַז ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון זיין רבין דעם „מוכיח״ — ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה — אַז משיח וועט מלמד־זכות זיין אויף אַלע יידן, אַפילו אויף די רשעים, און זאָגן אַז זיי זיינען צדיקים... און ער האָט געזאָגט: „אַ קליינער צדיק האָט ליב קליינע רשעים, און אַ גרויסער צדיק האָט ליב גרויסע רשעים. און אַזוי ווי משיח וועט מלמד־זכות זיין אַפילו אויף רשעים, דעריבער איז דער וואָס איז מלמד זכות אויף אַלע יידן בבחינת משיח...״

אַזוי ווי דער „מוכיח״ איז געווען איינער פון די הויפּט־תלמידים פון בעש״ט, דאַרף מען אָננעמען אַז ער האָט דאָס וואָרט געהערט פון בעש״ט [4].

מען דאַרף ליב האָבן יידן מיטן גאַנצן האַרצן, האָט דער בעש״ט געלערנט.

איינמאָל זיינען די תלמידים פון בעש״ט געזעסן ביינאַכט נאָך חצות און האָבן אויסגערעכנט די שבחים פון די יידן, זיי האָבן אָבער דאָס נישט געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, נאָר בלויז כדי אָנצוטאָן אַ נחת־רוח דעם רבונו של עולם, האָט דאָס גורם געווען אַ קיטרוג אין הימל. איז אַריין צו זיי דער בעש״ט און האָט זיי געזאָגט:

„איר לויבט די יידן ווי אַ שטיף־מאַמע, וואָס לויבט פאַר איר מאַן זיינע קינדער, אָבער אין האַרצן האָט זי זיי פיינט שנאַת מוות. אָבער איך, ישראל, זאָג אייך, אַז דאָס פאָלק ישראל איז אַ הייליק פאָלק, זיי זיינען גוט, גוט, גוט, און פול מיט אַלע גוטע מידות און איך האָב זיי ליב און זיי זיינען מיר איינגעבאַקן אין האַרצן, און אויך דער רבונו של עולם האָט זיי ליב...״

די ליבשאַפט צו יידן דאַרף זיין בגלוי, אָפן, און נישט בסתר, פאַר־באָרגענערהייט, לערנט חסידות.

און דער בעש״ט האָט דערויף געזאָגט אַזאַ משל: ווען אַ מאַן האָט ליב אַ פרוי, ווייזט ער אַרויס זיין ליבשאַפט בלויז פאַרבאָרגענערהייט, ער וועט זי נישט קושן פאַר יעדן איינעם אין די אויגן, ווייל ס׳איז ניט קיין דרך ארץ. אָבער די ליבע פון אַ ברודער צו אַ שוועסטער איז אַן אָפענע, ער וועט זיין שוועסטער קושן אַפילו ווען יעדער איינער זעט.

אַזוי איז אויך די אהבה פון אייבערשטן צו יידן, און אַזוי דאַרף זיין

2) זע „ספר בעל שם טוב״, פרשת בראשית, זייט 61, אין די הערות.
3) פון אַנהויב.
4) זע דאָרט, זייט 84, אין די הערות.

די ליבשאַפט צו יעדן יידן — אָפן, בגלוי, יעדער איינער זאָל עס קענען זען [5].

דער מענטש קאָן גאָרנישט זען קיין שלעכטס אויף אַ צווייטן מענטשן, זאָגט דער בעש״ט. און אויב אַ מענטש זעט עפּעס שלעכטס, איז אַ סימן, אַז אין אים אַליין איז פאַראַן אַ שמץ פון דעם דאָזיקן שלעכטס; און דער בעש״ט האָט דערמיט געטייטשט: „הוכח תוכיח״: קודם־כל שטראָף דיך אַליין; און אַז דו אַליין וועסט אין זיך אויסאַרבעטן אַלע מידות, וועסטו דעמאָלט ליב האָבן אַלע יידן, „ולא תשא עליו חטא״, און דו וועסט שוין מער נישט זען קיין שום שלעכטס, אַפילו אויף אַ רשע [6].

דער בעש״ט האָט אויך מתרעם געווען אויף די דרשנים, וואָס פלעגן איבערשרעקן דעם עולם מיט פּחדימדיקע שטראָפן.

אַמאָל, ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, ווען דער בעש״ט האָט געהאַלטן שבת אין נעמיראָוו, האָט דאָרטן אַ בעל־דרשן שטאַרק געשטראָפט די יידן, געליאַרעמט, פאַרוואָס די יידן זיינען נישט מקיים אַלע מצוות ווי עס דאַרף צו זיין. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן דעם בעש״ט און ער האָט געזאָגט, אַז דער בעל־דרשן איז „מלשין על ישראל״ — ער ברענגט מסירות אויפן פאָלק ישראל. האָט מען וועגן דעם דערציילט דעם בעל־דרשן. איז דער בעל־דרשן אויפן אַנדערן טאָג געקומען צום בעש״ט און זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אין כעס אויף אים. איז דער בעש״ט גלייך אויפגעשפרונגען פון אָרט און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און ער האָט געזאָגט:

— דו רעדסט שלעכטס אויף יידן! זיי ווייסן, ווען אַ פּשוטער ייד דרייט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק און פאַרנאַכט, אַז ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג: „ווײ איז מיר! איך קען דאָך עובר זיין די צייט פון דאַווענען מנחה!״ און ער כאַפּט זיך אַריין אין הויז, דאַוונט אויף גיך אָפּ מנחה, און ווייסט אַפילו נישט וואָס ער זאָגט — ווערן דאָך אין דער פמליא של מעלה, פון דער דאָזיקער תפילה דערציטערט אַלע מלאכים און שרפים [7].

דער בעש״ט האָט גאָר אינגיכן מבטל געמאַכט דעם באַגריף רשע. לויטן בעש״ט קומט אויס, אַז יעדער מענטש איז אַ צדיק: „שמעתי ממורי שאָדם נקרא צדיק — איך האָב געהערט פון מיין רבין, אַז דער מענטש ווערט אָנגערופן צדיק [8].

5) געבראַכט אין ספר „מדרש ריב״ש טוב״, חלק שני, זייט 7, אין נאָמען פון ספר „כתבי קודש״, אַ זאַמלונג פון תורה׳ס פון בעש״ט און זיינע תלמידים, לבוב תרכ״ב.

6) „אוצר חיים״.

7) זע אויך „כתר שם טוב״, זייט 29.

8) „תולדות יעקב יוסף״, סוף פרשת ואתחנן, דף קע״ט, עמוד ב׳.

אָבער יעדער צדיק, דאָס הייסט, יעדער מענטש, קאָן האָבן נפילות, קאָן אַראָפּפאַלן פון זיינע מדריגות; דאַרף ער געדענקען בעת דער נפילה אַרויסצונעמען די ניצוצין הקדושין — די הייליקע פונקען, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן, און זיי צוריק מעלה זיין...

„שמעתי ממורי" — איך האָב געהערט פון בעש"ט, זאָגט דער בעל ה„תולדות" — אַז דעם פסוק „אָחור וקדם צרתני" [9] — מיינט, אַז אין אַ נידעריקער מדריגה איז מען בבחינת אָחור, ווען מען הויבט זיך אויף אין אַ העכערער מדריגה, איז מען בבחינת קדם. ביידע האָט דער אייבער־שטער באַשאַפן, מען דאַרף קאָנען אויפהייבן די הייליקע פונקען און זיי מעלה זיין [10].

חסידות האָט אַזוי שטאַרק פאַרהייליקט דעם מענטש, אַז לויט דעם מיסטיציזם וואָס דער בעש"ט האָט אַריינגעבראַכט אין חסידות, איז אין יעדן מענטשן פאַראַן די צען ספירות, אַזוי ווי זיי זיינען פאַראַן אין קאָסמאָס.

„קבלתי ממורי" — איך האָב געהערט פון מיין רבין דעם בעש"ט, זאָגט דער בעל ה„תולדות" — „כי יש עשר ספירות באָדם הנקרא עולם הקטן" — אין יעדן מענטשן זיינען פאַראַן צען ספירות און זיי ווערן אָנגערופן די קליינע וועלט [11].

דערפאַר האָט דער בעש"ט געלערנט, אַז ווען אַ מענטש זעט עפּעס שלעכטס ביי אַ צווייטן מענטש, זאָל ער אַליין מפשפש זיין במעשיו; זאָל ער ווייסן אַז דאָס קומט פון אים אַליין. און דער בעש"ט האָט דערויף געגעבן אַ משל: פונקט אַזוי ווי אַ מענטש קוקט אין אַ שפּיגל זעט ער זיך אַליין, אַזוי, ווען ער זעט ביי עמעצן שלעכטס, איז יענער מענטש זיין אייגענער שפּיגל [12].

דעריבער איז דער עיקר דרך פון חסידות געווען: „ליב האָבן יעדן איינעם". און דערפאַר האָט דער בעש"ט געזאָגט צום פאָטער פון זיין תלמיד ר' נחמן האָראָדענקער, אַז „איך האָב ליבער אַ קל שבקלים, ווי דו האָסט ליב דיין איינציקן זון..."

אָט־די מידה פון „אהבת ישראל" איז דער הויפּט־דרך פון בעש"ט.

9) תהלים קל"ט.
10) „תולדות יעקב יוסף", פרשת שמות, דף מ"א, עמוד ב'.
11) דאָרט, פרשת מצורע, דף צ"ה, עמוד ב'.
12) דאָרט, פרשת חיי שרה, דף כ"ב, עמוד א'; אויך דאָרט סוף פרשת לך לך.

קאַפּיטל ל

עצבות און שמחה

דער יסוד פון חסידות איז צו באַקעמפן עצבות. — וואָס דער בעש״ט זאָגט וועגן עצבות און שמחה. — חסידות האָט געשטעלט די עיקר עבודה אויף שמחה. — דורך וואָכעדיקע ענינים קאָן מען קומען צו הויכע מדרגות, לערנט דער בעש״ט.

דער יסוד פון חסידות איז צו באַקעמפן דאָס עצבות און זיין בשמחה. דער דרך פון בעש״ט איז געווען אָפּצואוואַרפן דעם וועג פון אַסקעטיזם.

עצבות, לערנט חסידות, איז אַ שטער צו עבודת הבורא [1]. און ווען דער געטרייער תלמיד פון בעש״ט, ר' יעקב יוסף פון פולנאָה, האָט געוואָלט עוסק זיין אין סיגופים און תעניתים, לויט דער קבלה־מעשית פון אר״י הקדוש, האָט דער בעש״ט אים געשריבן אַ בריוו, אַז ער איז אויף אים גוזר אַז ער זאָל נישט צופיל פאַסטן, ווייל דאָס ברענגט צו מרה שחורה און עצבות, און די שכינה רוט נישט אין עצבות, נאָר אין שמחה של מצווה [2].

אויף ווי וויט דער בעש״ט באַקעמפט עצבות קאָן מען זען פון אָט־דעם זאָג פון בעש״ט:

„טיילמאָל רעדט איין דער יצר־הרע דעם מענטשן און ער זאָגט אים, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה, וואָס אין דער אמתן איז עס גאָר קיין עבירה נישט, אָדער בלויז אַ חומרא בעלמא... און די כוונה פון יצר־הרע איז, אַז דער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין עצבות, און דאָס וועט גורם זיין, אַז ער וועט אויפהערן צו דינען דעם אייבערשטן. זאָל דעריבער דער מענטש זאָגן צום יצר־הרע: אדרבה, איך וועל דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה. דערפאַר דאַרף דער מענטש זיין אָפּגעהיטן פון עצבות אויף וויפל ער קאָן" [3].

אַן אַנדערש מאָל האָט דער בעש״ט געזאָגט: „אַל ירבה בדקדוקים יתירים" — דער מענטש זאָל נישט צופיל מדקדק זיין, ווען ער טוט אַ מצווה, ווייל דאָס איז די כוונה פון יצר־הרע, ער זאָל אַנוואַרפן אַ פחד אויפן מענטש און דערמיט וועט ער אים ברענגען צו עצבות, און עצבות

1) „תולדות יעקב יוסף", פרשת ויגש.
2) „שבחי הבעש״ט".
3) „צוואת הריב״ש", דף ה', עמוד ב'.

איז אַ גרויסע שטערונג צו עבודת הבורא. און ווען אַפילו אַ מענטש איז געשטרויכלט געוואָרן אין אַן עבירה, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין עצבות, נאָר ער זאָל חרטה האָבן אויף דער עבירה און צוריק דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה [4]). און אויף דעם האָט דער רבי ר׳ פנחס קאָריצער געזאָגט, אַז דער דאָזיקער זאָג האָט מיך דערהאַלטן בילדותי, אין מיינע קינדער־יאָרן [5]).

און ווי עס ווייזט אַן דער פאָרשער ע. שוחט, אין זיין אַרבעט „וועגן שמחה און חסידות״, האָט נישט דער בעש״ט אַליין דאָס מחדש געווען, נאָר ער האָט געהאַט פאַר אַ מקור אין די מוסר־ספרים פון שפּאַניע און דייטש־לאַנד [6]). אַזוי ווערט געבראַכט אין „ספר חסידים״ [7]), אַז ווען דער מענטש איז מתפּלל, זאָל ער זאָגן די תפילה מיט דעם ניגון וואָס ער האָט ליב, ווייל דער ניגון דערפרייט דאָס האַרץ. אויך אין „ספר רוקח״, פון ר׳ אלעזר מגרמייזה [8]), ווערט געבראַכט, אַז „אהבת השם איז פאַרבונדן מיט שמחה...״ דאָס זעלבע ווערט אויך געבראַכט אין „חובת הלבבות״ [9]). אויך אין זוהר פּרשת אחרי מות שטייט, אַז מען זאָל טאָן מצוות מיט שמחה.

האָט חסידות זיך טאַקע געשטיצט אויף די מקורים, און דער עיקר טאַקע אויפן פּסוק „עבדו את ה׳ בשמחה״ [10]). אָבער די מקובלים, און בפרט די תלמידים פון אר״י הקדוש, האָבן געוואָלט דערגרייכן דעם קץ דורך סיגופים און תעניתים, האָט חסידות אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע הנהגה און געשטעלט די עיקר עבודה אויף שמחה.

דער חידוש פון בעש״ט איז אויך געווען, וואָס ער האָט געלערנט, אַז אַלע ענינים, אַפילו גשמיותדיקע זאַכן, דאַרף מען טאָן מיט שמחה, ווייל אין אַלע ענינים זיינען פאַראַן „ניצוצין קדישין״ — הייליקע פונקען, וואָס מען דאַרף זיי אַרויסציען און מעלה זיין, דעריבער דאַרף אַפילו דאָס עסן און טרינקען זיין מיט שמחה...

חסידות האָט אויך געפונען אַ מקור וועגן שמחה אין של״ה הקדוש, וואָס האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זינגען ביי דער סעודה: „ויש נוהגים לשורר פזמונים אחר הסעודה... מנהג יפה הוא״ [11]). דערפון האָבן חסידים גענומען דעם מנהג צו זינגען ביי די שבת־סעודות („צריך להכניס שבת בשירות

4) דאָרט, דף ו׳, עמוד א׳.
5) „מדרש פנחס״, דף כ״א, עמוד א׳, אות כ״ו.
6) זע: ע. שוחט, „על השמחה בחסידות״, „ציון״, שנה ט״ז, ספר א־ב, זייטן 30־43.
7) הוצאת וויסטינעצקי, זייטן 8־9.
8) שי״ז.
9) שער אהבת ד׳, פרק ו׳.
10) תהלים ק׳, ב׳.
11) „של״ה״, פ״ה, עמוד ב׳.

ותשבחות וללוותו בשירות ותשבחות״ — מען דאַרף אַריינפירן און באַ־גלייטן דעם שבת מיט געזאַנג [12]).

אויך איז דער אָנגענומענער מנהג, אַז דער רבי זאָל זאָגן תורה שבת ביי די טישן, געפינט זיך אין „של״ה״: „צריך האדם להמציא בשכלו חידושי תורה מדי שבת בשבתו״ [13]). אַפילו טרינקען ביז שיכרות דערלויבט דער „של״ה״: „אַפילו כששותים דרך שיכרות הוא רצוי, כי אין כוונתם אל מילוי הבטן... רק שעיקר כוונתם בזה לדרוש ולתור בחכמה, כי בהתחזק הכוחות הגופניות, יתחזקו הכוחות הנפשיות״ [14]) — אַפילו ווען מען טרינקט ביז שיכרות איז דערלויבט, ווייל די כוונה איז נישט אָנצופילן דעם בויך מיט ווייך, נאָר דער עיקר כוונה איז צו פאַרשן די חכמה, און אַז עס שטאַרקן זיך די פיזישע כוחות אין קערפּער, שטאַרקן זיך אויך די גייסטיקע כוחות.

דער „של״ה״ האַלט אָבער, אַז דאָס איז נאָר פאַר די בני־תורה און נישט פאַרן המון־עם [15]).

דער בעש״ט האָט אָבער געהאַלטן, אַז יעדער מענטש, אַפילו ער איז נישט קיין בן־תורה, איז אַן „עולם קטן״, און מען דאַרף נישט מאַכן קיין אונ־טערשיד צווישן די בני־תורה און דעם המון־עם.

געפינען מיר טאַקע אין „שבחי הבעש״ט״ [16]), אַז איינמאָל האָט דער בעש״ט געטרונקען ווייך מער ווי מען דאַרף, „און זיין פּנים איז געוואָרן רויט, און אַלע האָר זיינען געשטאַנען ממש ווי פייער, און תיכף האָט דער בעש״ט געגעבן אַ פיר מיט דער האַנט איבער זיין פּנים און דער גאַנצער ווייך האָט אויסגעוועפּט״. און דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז „איך האָב געטראַכט וועגן דער גרויסקייט פון אייבערשטן איז אויף מיר געפאַלן אַ פּחד, און דער גאַנצן ווייך האָט אויסגעוועפּט״. יעדער מענטש קאָן זיין אַ „קומה שלימה״ און טראַכטן פון אייבערשטן.

מיר געפינען אויך מעשיות, אַז דער בעש״ט האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, זיי זאָלן געבן געלט אויף משקה [17]), אַזוי אַז דער ענין טרינקען משקה איז געווען אַן אָנגענומענער מנהג ביי חסידים.

„עס איז פאַראַן קטנות און גדלות אויף דער וועלט״, האָט דער בעש״ט געזאָגט, „און דורך שמחה קאָן מען אַרויס פון קטנות און אַריין אין גדלות״ [18]).

12) דאָרט, קל״ה, עמוד ב׳.
13) דאָרט.
14) דאָרט, פ״ד, עמוד ב׳.
15) דאָרט.
16) דף ל״ח.
17) „מעשיות ומאמרים יקרים״, י״ב.
18) „בן פורת יוסף״, צום סוף.

פאַראַן צווייערליי דאָקטוירים, זאָגט דער בעש״ט. איין דאָקטאָר היילט מיט ביטערע געטראַנקען און אַן אַנדערער מיט זיסע געטראַנקען; און דער דאָזיקער דאָקטאָר איז בעסער, ווייל „ער היילט מיט געטראַנקען, וואָס זיינען זיסער ווי האָניק״ [19]. די דאָקטוירים וואָס היילן מיט ביטערע גע־טראַנקען זיינען די וואָס זאָגן, אַז מען זאָל זיך פּייניקן און פאַסטן, אָבער דערפון ווערט דער גוף אָפּגעשוואַכט און מען פאַלט אַריין אין עצבות, און „ווען דער גוף איז אָפּגעשוואַכט, ווערט דערפון אויך אָפּגעשוואַכט די נשמה״. „לכן צריך האדם לשמור בריאת גופו מאוד״.

זייער אָפט דערמאָנט דער בעש״ט זיינע תלמידים, אַז „אכילה ושתיה איז אויך אַן עבודת השם״; און דורכן תענוג גשמי קאָן מען זיך דערהייבן צו דעם גײַסטלעכן תענוג.

און דער בעש״ט חזרט כסדר איבער, אַז „להרחיק את עצמו מעצבות ויהיה לבו שמח בד׳... ויהיה תמיד בשמחה״ — דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון עצבות און זיין האַרץ זאָל זיין מיט שמחה, און דער מענטש זאָל תמיד זיין פריילעך. אויך זאָל דער מענטש נישט וויינען, „הבכיה היא רע מאוד, רק אם הבכיה היא מחמת שמחה, אַז טובה היא מאוד״ — געוויין איז זייער שלעכט, נאָר ווען דאָס געוויין קומט מחמת שמחה, איז זייער גוט.

דעריבער האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט כדי צו לערנען דריי זאַכן: אַהבת ה׳, אַהבת ישראל ואהבת התורה, ואין צריך לעשות סיגופים [20]. דער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף נישט פאַסטן...

און אין „אור המאיר״ [21]) ווערט געבראַכט אַ מעשה, אַז אין די צייטן פון בעש״ט איז געווען איינער, וואָס האָט געפּראַוועט סיגופים און געלאָפן יעדעס מאָל אין מקווה אַריין, כדי ער זאָל דערגרייכן די מדרגה פון רוח הקודש. האָט דער בעש״ט אויף אים געזאָגט בזה הלשון:

„אין יענער וועלט (בעולם התמורות) לאַכט מען פון אים״.

אויף די מימרא פון דער גמרא, אַז „הרבה עשו כר׳ שמעון בר יוחאי ולא עלתה בידם״ — אַ סך האָבן געטאָן אַזוי ווי ר׳ שמעון בן יוחאי און עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, האָט דער בעש״ט דאָס מפרש געווען: ווייל זיי האָבן געוואָלט דורך סיגופים און תעניתים דערגרייכן די מדרגה פון ר׳ שמעון בן יוחאי, דערפאַר האָבן זיי עס נישט דערגרייכט.

עס פאַסירט גאַנץ אָפט, לערנט דער בעש״ט, אַז דווקא אַזעלכע וואָ־כעדיקע זאַכן ווי עסן און טרינקען, אָדער עוסק זיין אין משא ומתן, וואָס

19) „תולדות יעקב יוסף״.
20) „בוצינא דנהורא״.
21) פרשת וירא.

ברענגען צו ביטול תורה, דערפרישן אַזוי שטאַרק די נשמה, אַז זי ווערט דורך דעם ערשט מסוגל צו דערגרייכן די העכסטע מדרגות פון דביקות [22].

ווען אַ מענטש פאַלט, חס ושלום, אַריין אין עצבות, דאַרף דער צווייטער אים העלפן און אים אַרויסציען פון עצבות.

ווען איינער דערציילט דעם צווייטן אַפילו פשוטע מעשיות, נאָר דורך דעם פאַרטרייבט ער פון אים די עצבות, איז דאָס דער גרעסטער יחוד — באַהעפטונג מיט דעם אייבערשטן, זאָגט דער בעש״ט [23]. און דער בעש״ט דערמאָנט אָפּטמאָל דעם מדרש וועגן צוויי פשוטע בדחנים, וואָס פאַר זיי איז געווען אָנגעגרייט עולם הבא דערפאַר „שהיו מפקיחין צער האדם על ידי מלתא דבדיחותא״, ווייל זיי האָבן דורך גלייכווערטלעך פאַרטריבן דעם צער פון מענטשן [24].

דער בעש״ט לערנט דעם מענטש, אַז ער זאָל תמיד זיין פריילעך, ווערט געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״ [25], און ער גיט אָן אַ טעם. דאָרט שטייט אַזוי: „ויהיה תמיד בשמחה, ויחשוב ויאמין באמונה שלימה שהשכינה אצלו, שומרת אותו, והוא מסתכל על הבורא יתברך שמו, והבורא יתברך שמו מסתכל בו״ — און דער מענטש זאָל תמיד זיין בשמחה און ער זאָל טראַכטן און זאָל גלויבן באמונה שלימה, אַז די שכינה היט אים און ער קוקט אויפן אייבערשטן און דער אייבערשטער קוקט אויף אים.

אין יענער צייט, צוליב דעם געדריקטן עקאָנאָמישן מצב פון די יידן, צוליב די פּאָגראָמען פון די הײדאַמאַקעס, נאָך דער תקופה פון „גזירת ת״ח״, האָבן יידן זיך געפייניקט און געוואָלט מקרב זיין דעם קץ דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך מסגף זיין. אַסקעטיזם איז געוואָרן פאַרשפּרייט דורך די בעלי קבלה, און דעמאָלט איז געקומען דער בעש״ט מיט זיין נייער שיטה און האָט געלערנט, אַז מען דאַרף נישט פאַסטן, אַז מען טאָר נישט זיין אין עצבות, נאָר זיין תמיד אין שמחה, און אַז אויך מיט עסן און טרינקען קאָן מען דינען דעם אייבערשטן.

איז דערפאַר איינע פון די הויפּט־יסודות פון חסידות — שמחה; און פאַרטרייבן דאָס עצבות, ווי דער בעש״ט האָט געלערנט.

22) „כתר שם טוב״.
23) דאָרט.
24) דאָרט.
25) י״ח, עמוד א׳.

קאַפּיטל לא

געזאַנג און טאַנץ

וואָס דער בעש״ט זאָגט וועגן נגינה און ריקוד. — דער בעש״ט האָט זיך צוגעהערט צו די ניגונים פון די פויערים. — גרויסע בעלי־מנגנים. — די ניגונים פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. — די ריקודים פון די יידן זיינען תפילות, זאָגט דער בעש״ט. — געזאַנג און טאַנץ אין חסידות.

געזאַנג און טאַנץ איז געווען אַריינגעוועבט אינעם לעבן פון בעש״ט.

זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין גרויסער ניגון.

דאָס געזאַנג פון אַ יידן איז קודש, דאָס געזאַנג פון בעש״ט איז געווען קודש קדשים.

פון וויגל ביז זיין פּטירה איז געווען איין גרויסער ניגון.

ווען אַ יידן איז שווער צו רעדן, ווען ער קאָן נישט אַרויסגעבן דאָס וואָס ס׳ליגט אים אויפן האַרצן, הויבט ער אָן צו זינגען און דערציילט זיין ווייטיק און צער אין אַ ניגון, ווייל „אין ניגון איז דער מענטש זיך מתוודה״, רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן און עס ווערט אים דערנאָך פריילעכער אויף דער נשמה...

און דער עיקר חסידות איז דאָך, האָט דער בעש״ט געלערנט, „וירחק עצמו מעצבות ויהיה לבו שמח״ [1], דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון עצבות און זיין האַרץ זאָל תמיד זיין מיט שמחה...

זיינען מעשיות וועגן געזאַנג און טאַנץ אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אינעם גאַנצן לעבן פון בעש״ט.

ווען דער בעש״ט איז נאָך געווען אַ קינד, אַ יתום, פלעגט ער אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און זיך דאָרט מתבודד זיין, זיך צוגעהערט צו דעם געזאַנג פון די פייגל. און ווען ער איז עלטער געוואָרן און איז געוואָרן אַ „באַהעלפער״ (בעלפער), האָט ער געפירט די קינדער אין שול אַריין מיט געזאַנג. „ער האָט געזונגען מיט די קינדער מיט אַן אָנגענעם קול און מיט גרויס חשק, וואָס האָט זיך געהערט פונדערווייטנס. אין הימל האָט מען געהאַט אַ גרויסן נחת רוח פון זיין זינגען, וואָס איז געווען ווי דאָס געזאַנג פון די לוויים אין בית המקדש.

1) צוואת הריב״ש.

„דאָס האָט דער שטן נישט געקאָנט סובל זיין, האָט ער זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ חיה רעה, וואָס ווערט אָנגערופן ׳וואָלקילאַק׳ און ער האָט דערשראָקן די קינדער, אָבער דער בעש״ט האָט אים מנצח געווען״ [2]).

אָט אַזוי האָט די חסידישע פאַנטאַזיע געשפּינט אַרום דער גרויסער פּערזענלעכקייט — דעם בעש״ט. ער האָט דעם שטן מנצח געווען נישט מיט תפילות און נישט מיט הייליקע שמות, נאָר מיט געזאַנג, וואָס האָט פאַרשאַפט אין הימל אַ גרויסן נחת רוח.

און נאָך איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר, און האָט נישט געוואָלט די וועלט זאָל וויסן, ווער ער איז, פלעגט ער שבת זינגען זמירות מיט גרויס שמחה.

אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, אַז ער האָט שבת בייטאָג פאַר קידוש געזונגען „אסדר לסעודתא״ [3]).

און פון וואַנען האָט דער בעש״ט גענומען ניגונים?

ער האָט זיי גענומען פון דער נאַטור און פון די מענטשן אַרום. ער האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון די פייגל אין וואַלד, צום גערויש פון די ביימער און צום שאָרכן פון די גראָזן. אַלץ זאָגט שירה צום רבונו של עולם.

דער בעש״ט האָט אויך געהערט ניגונים פון די מקובלים, און פון די „חסידים הראשונים״, וואָס זיינען פאַרן בעש״ט און בימי הבעש״ט.

דער בעש״ט האָט אויך געהערט ניגונים פון די פּויערים אין די בערג און אין די וועלדער, ווען ער האָט זיך מתבודד געווען...

דער בעש״ט האָט געהאַלטן, אַז אַפילו לידער, וואָס עס זינגען די אומות העולם זיינען „בבחינת יראה און אהבה, וואָס קומען אַראָפּ פון אויבן און זיי צעשפּרייטן זיך אונטן״ [4]).

איז דאָך געווען דער עיקר שיטה פון בעש״ט, אַז „הכל למעלה ולמטה אחדות אחד״ [5]) — אַלץ, וואָס עס איז אויבן און אונטן, איז איינס. און אַז ניצוצים הקדושים זיינען פאַראַן אַפילו אין דברים טמאים — זיינען פאַראַן הייליקע פונקען אויך אין די ניגונים, וואָס די גוים זינגען.

האָט דער בעש״ט זיך צוגעהערט צו די ניגונים פון די פּויערים און האָט פון די ניגונים אַרויסגעצויגן די ניצוצין הקדושין — די הייליקע פונקען, וואָס זיינען פאַראַן אין יעדן ניגון און זיי מעלה בקודש געווען, זיי צוריק געבראַכט פון וואַנען די טענער זיינען געקומען, פון „היכל הניגון״, און דער בעש״ט האָט זיי געזונגען.

2) „שבחי הבעש״ט״, זייט 13.
3) זייט 21.
4) דגל מחנה אפרים, פרשת וירא.
5) „כתר שם טוב״, זייט 7.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט דער בעש״ט געהערט אויף דער גאַס אין מעזשיבעזש אַ שכור׳ן גוי זינגען אַ ניגון. דער בעש״ט האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך צוגעהערט ווי דער שכור׳ער גוי זינגט און וויינט אין זיין געזאַנג. איז דער בעש״ט געשטאַנען און זיך גוט איינ־געהערט, ביז דער גוי האָט אויפגעהערט זינגען...

און דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט צו זיינע תלמידים: אינעם ניגון איז דער מענטש זיך מתוודה, ער דערציילט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן אין זיין לעבן, און ווען אַ מענטש איז זיך מתוודה, דאַרף מען אים אויסהערן״...[6]).

און נישט בלויז האָט דער בעש״ט זיך צוגעהערט צו די „לידער פון די פויערים״, נאָר ער האָט אויך געהייסן זיינע תלמידים, זיי זאָלן זינגען פאַר די פויערים.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז דער בעש״ט האָט אַמאָל מיטגענומען זיין תלמיד, ר׳ שאול מרגלית[7]), ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, אין אַ דאָרף אַריין, בעת עס איז געווען אַ קריסטלעכע חגא. אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו דעם גוי׳אישן קלויסטער, האָט דער בעש״ט געזען שטיין אַן אַלטן גוי שפילן אויף אַ פידל און צוזינגען און די פויערים האָבן גע־טאַנצט אַ גאַנצע נאַכט. דער בעש״ט איז אַראָפּ פון דער פור, ער האָט געהייסן געבן די פויערים יי״ש אויף זיין חשבון און ער האָט זיך באַרימט פאַר זיי, אַז ער האָט אַ ייִנגל, וואָס האָט אַ שיין קול. דאָס ייִנגל האָט געזונגען און די פויערים האָבן געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט[8]).

און איינמאָל ווידער איז דער בעש״ט געפאָרן דורך כייסין, וואָס איז נאָענט צו מעזשיבעזש, האָט ער געזען ווי אַ גרופּע גויים שטייען אַרום אַן אַלטער גויע און הערן זיך צו צו איר געזאַנג. האָט דער בעש״ט צו זיי געזאָגט: איך האָב אַ ייִנגל, וואָס קאָן בעסער זינגען פון דער גויע. און ער האָט געהייסן דעם ייִנגל זינגען פאַר זיי[9]).

דער בעש״ט האָט פאַרשטאַנען דעם גרויסן כוח פון נגינה און ריקוד, אַז דורך זיי קאָן דער מענטש זיך דערהייבן פון דער ערדישקייט, אַריינ־

6) זע: מ. גשורי: „אנציקלופדיה של חסידות״, חלק א׳, זייט 17.

7) ער איז געווען רב אין לובלין און קאָמאַרנע. ער איז נפטר געוואָרן כ״ו כסלו תקמ״ח — 1788.

8) זע: „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, חייו, שיטתו ופעולתו״ פון אברהם כהנא, זשיטאָמיר, תרס״א.

9) דאָס ייִנגל איז דערנאָך אויסגעוואַקסן אַ גרויסער חזן, וואָס מען האָט אים גערופן „קאַשטאַן״, ווייל ער האָט געהאַט האָר פון קאַשטאַן־פאַרב — זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען ווייַנטרויב — ער איז געווען דער פאָטער פון דעם חזן ר׳ שלמה קאַשטאַן, חזן אין דובנע, און דער זיידע פון דעם דריטן קאַשטאַן, הערש ווייַנטרויב, וואָס איז געווען חזן אין קעניגסבערג, דייטשלאַנד.

פאַלן אין אַן עקסטאַז און זיך אַריבערטראָגן אין העכערע וועלטן און דער־מיט קאָן דער מענטש גובר זיין דעם יצר־הרע, — די עקשנות׳דיקע און תאווה׳דיקע פאַרלאַנגען. וואָרים די הויפּט־כוונה פון יצר־הרע, האָט דער בעש״ט געהאַלטן, איז אַריינצוואַרפן דעם מענטשן אין עצבות.

דעריבער, לערנט דער בעש״ט, זאָל דער מענטש „נישט מרבה זיין אין דקדוקים פון די מצוות, וואָס דאָס איז די כוונה פון יצר־הרע, כדי ער זאָל ווערן טרויעריק, נאָר ער זאָל טאָן זיין עבודה מיט שמחה״.

און דער בעש״ט לערנט אונז, אַז: „ווען אַפילו אַ מענטש איז נכשל געוואָרן אין אַן עבירה, זאָל ער נישט טרויערן, — נאָר ער זאָל האָבן חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן און ער זאָל ווייטער דינען דעם רבונו של עולם מיט שמחה״ [10]).

יאָ, דער מענטש דאַרף מנצח זיין דעם שטן מיט שמחה, מיט געזאַנג און טאַנץ... דאָס איז געווען די הויפּט־לערע פון בעש״ט.

***

דער בעש״ט, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פאַר זיין שיטה פון דער קבלה, האָט אויך בנוגע נגינה געפונען פאַרשידענע מקורות אין זוהר, און דער זוהר זאָגט: „אורייתא בנגנא, שכינתא בנגנא, ישראל סלקין מגו גלותא בנגנא [11]) — די תורה איז אינעם ניגון, די שכינה איז אינעם ניגון און די יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות דורכן ניגון...

און אַזוי ווי חסידות האָט אין תוך געשטרעבט צו גאולה, צוערשט צו גאולה פּרטית, וואָס דערפון זאָל אַרויסוואַקסן די גאולה כללית, איז דעריבער דאָס געזאַנג און טאַנץ געווען פון די הויפּט־עיקרים פון חסידות.

און ווי דער זוהר ברענגט, זינגט די גאַנצע וועלט שירה. וואָרים „אַלץ וואָס הקדוש ברוך האָט באַשאַפן זינגט שירה״ [12]).

די מלאכים זינגען שירה און אַפילו דער גלגל פון דער זון גיט אַרויס אַנגענעמע טענער, וואָס דער מענטש קאָן זיי נישט דערהערן [13]).

פאַראַן אַ היכל אין הימל, וואָס מען קאָן אים נישט עפענען נאָר מיט געזאַנג [14]).

„דער ניגון דערפרייט דאָס האַרץ״ — זאָגט דער זוהר [15]). לויטן זוהר,

10) „צוואת הריב״ש״.
11) תיקוני זוהר, תיקון כ״א.
12) זוהר פרשת חיי, דף קכ״ג, עמוד א׳.
13) זוהר פרשת ויקהל, דף קצ״ו, עמוד א׳.
14) תיקוני זוהר מ״ה, עמוד א׳.
15) פרשת יתרו, צ״ג.

האָבן די נביאים זיך באַנוצט מיט נגינה, כדי עס זאָל אויף זיי רוען דער רוח אלקים [16]). און „די יידן וועלן באַפרייט ווערן פון גלות דורך ביאת המשיח דורך נגינה" [17]).

די בעלי קבלה אין צפת, מיטן אר"י הקדוש בראש, פלעגן יעדן פרייטיק פאַרנאַכט אַרויסגיין אין די בערג מקבל שבת זיין די מלכה שבת און זינגען „לכה דודי" [18]).

דער אר"י הקדוש האָט מחבר געווען די דריי זמירות: „אזמר בשבחין", „אסדר לסעודתא" און „בני היכלא" אין לשון פון זוהר און זיי געזונגען ביי די דריי שבת'דיקע טישן [19]).

דער בעל־מקובל ר' ישראל נאַגאַראַ האָט מחבר געווען די זמירות „י־ה רבון עלם ועלמיא". דער בעש"ט האָט די דאָזיקע זמירות געזונגען און מסתמא מיט די ניגונים, וואָס עס האָבן זיי געזונגען די מקובלים אין צפת, אָבער ער האָט צו די ניגונים צוגעגעבן אַ חסידישן קאָלאָריט, אַ חסידישע אינטערפּרעטאַציע, אַ חסידישן טאַקט און ריטם. אָט דערמיט האָט חסידות באַרייכערט די יידישע נגינה, וואָרים די חסידישע מנהיגים האָבן געבראַכט צום יידישן פאָלק אין אוקראַינע און פוילן, ניגונים פון צפת און פון זיי געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן נוסח, אַ געמיש פון אָריענטאַלישער נגינה, וואָס האָט אין זיך עלעמענטן פון די מורן אין שפּאַניע, פון די שפּאַניער, פון די אַראַבער אין ארץ־ישראל און אַן אייגענעם יידישן קנייטש און קרעכץ, מיט אוקראַאינישע פאָלקס־ניגונים...

***

דער בעש"ט האָט געהאַט אַזאַ גרויסן חוש פאַר נגינה, אַז ער האָט געהערט „ווערטער" אינעם שפּילן אויף אַ מוזיק־אינסטרומענט.

„ווען אַ מענטש שפּילט, דערציילט ער אויפן פידל אַ מעשה", — האָט דער בעש"ט געזאָגט, און „לויטן שפּילן פונעם שפּילער, האָט דער בעש"ט דערקענט, וואָס דער שפּילער האָט געטאָן, פון זינט ער איז געבוירן געוואָרן" [20]).

דער בעש"ט אַליין האָט געהאַט אַ שיין קול און געדאַוונט פאַרן עמוד.

דער בעש"ט פלעגט אויך דאַווענען פאַרן עמוד אין די דערפער פאַר די דאָרפס־יידן.

16) זוהר פרשת בשלח.
17) תיקוני זוהר, תיקון כ"א.
18) „עץ החיים".
19) דאָרט, „שער הכוונות".
20) „כתר שם טוב".

לויט אַ חסידישער מעשה, האָט דער בעש״ט געדאַווענט פאַרן עמוד ימים־נוראים אין אַ דאָרף לעבן לעמבערג, נאָך איידער ער איז נתגלה געוואָרן. קהל פלעגט נעמען פאַר די ימים־נוראים פון די דאָרפס־יידן אַן אָפּצאָל פאַר די „שטעט״ אין שול. האָט דער בעש״ט געזאָגט צו די דאָרפס־יידן, אַז דער רבונו של עולם איז אומעטום און אַז מען קאָן אויך אין דאָרף מאַכן אַ מנין און דאַווענען. און ווייל דער בעש״ט האָט געדאַווענט פאַרן עמוד פאַר די דאָרפס־יידן, האָט קהל אין לעמבערג אַרויסגעגעבן אַ שטראָף פאַר די דאָרפס־יידן, אַז זיי זיינען מחויב מקבל נזיפה צו זיין און זיי מוזן קומען אין אַ וואָכעדיקן טאָג קיין לעמבערג און גיין אין די קיטלען און זאָקן צום רב און דער חזן זייערער — דער בעש״ט — זאָל קומען צום רב און זאָל איבערזאָגן אַלע ימים־נוראים׳דיקע תפילות מיט אַלע ניגונים זיינע, כדי דער רב זאָל זען צי ער קען גוט עברי און בלאָזן שופר...

און די דאָרפס־יידן זיינען אין זייערע קיטלען און אין די זאָקן גע־גאַנגען איבער לעמבערגער גאַסן. קליינוואַרג איז זיי נאָכגעלאָפן און פון זיי גע׳חוזק׳ט, און דער בעש״ט האָט איבערגעזונגען אַלע תפילות ביז צו די ברכות „אָבות״ [21]).

אַ חסידישע אגדה איז פאַראַן, אַז איינמאָל האָט איינער פון בעל־שם־טוב׳ס תלמידים געפרעגט דעם בעש״ט, וואָס עס וועט זיין זיין פּרנסה. האָט דער בעש״ט געענטפערט: „דו וועסט זיין אַ חזן״. האָט דער תלמיד גע־זאָגט: „אָבער איך קען דאָך נישט זינגען?״ האָט דער בעש״ט געענטפערט: „איך וועל דיך פאַרבינדן מיטן עולם הניגון״. און דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמיד איז געוואָרן אַ חזן. מען האָט אים גערופן „דעם בעל־שם־טוב׳ס חזן״, וואָס דאָס איז געווען דער חזן ר׳ מרדכי פון זאַסלאַוו, און מער דער־ציילט, אַז אַ חזן מיט אַזאַ שיין קול איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען.

***

צווישן דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמידים זיינען געווען גרויסע בעלי־מנגנים און איינער פון זיי, ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער, האָט אַליין מחבר געווען ניגונים און זיי געזונגען פאַרן בעש״ט.

דער בעש״ט האָט, לויט אַ חב״ד׳ער מסורה, געזאָגט, אַז דער רבי ר׳ מעכעלע איז „אַן אָפּטער אַריינגייער אין היכל הנגינה און ער קלויבט זיך דאָרט אויס ניגונים״ [22]).

21) ספר „אמונת צדיקים״.
22) „ספר השיחות״, קיץ, ש״ט, שיחה ב׳, אות ו׳, פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן.

צווישן די ניגונים, וואָס דער רבי ר׳ מעכעלע האָט מחבר געווען, איז אויך פאַראַן אַ ניגון, וואָס ווערט אָנגערופן דער „געגועים־ניגון", און וועגן דעם ניגון ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

איינמאָל איז דער רבי ר׳ מעכעלע קראַנק געוואָרן און ער האָט נישט געקאָנט גיין צום בעש״ט. זיין בענקעניש צום בעש״ט איז אָבער געווען זייער גרויס, האָט ער מחבר געווען אַ „געגועים־ניגון", אַ בענקעניש־ניגון, און האָט אים געזונגען מיט גרויס צער.

דעם דאָזיקן ניגון האָט דער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי געהערט זינגען ביי זיין רבי׳ן, ר׳ בער פון מעזעריטש, וואָס איז געווען אַ תלמיד

דער „געגועים־ניגון" פון רבי׳ן ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער

צו זינגען פאַמעלעך מיט התלהבות



פון בעש״ט, און דער דאָזיקער ניגון ווערט ביזן היינטיקן טאָג געזונגען ביי די חב״ד׳ער חסידים [23]).

לויט דער זעלבער חב״ד׳ער מסורה, האָט דער בעש״ט פאַר זיין פטירה זיך געהייסן זינגען ר׳ מעכעלע זלאָטשעווערס ניגון [24]).

אויך ר׳ דוד מיקאָלייעווער, דער תלמיד פון בעש״ט, איז געווען אַ בעל־מנגן און ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אינעם בית־המדרש פון בעש״ט.

דער מקורב פון בעש״ט, ר׳ פנחס קאָריצער, האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער קען נישט זינגען. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „רבונו של עולם! וואָלט איך געקענט זינגען, וואָלט איך דיך נישט געלאָזט וואוינען אויבן, נאָר איך וואָלט דיך געצוואונגען דו זאָלסט וואוינען צוזאַמען מיט אונז אויף דער וועלט!״...

דער מעזעריטשער מגיד, דער תלמיד פון בעש״ט, האָט געזונגען דעם בעל־שם־טוב׳ס ניגונים. און זיין תלמיד, דער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, האָט געזאָגט: „ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל קיין מעזעריטש, האָב איך געוואָלט גלייך צוריקפאָרן, אָבער דער רבונו של עולם האָט מיר געשאָנקען אַ חוש פאַר נגינה, און ווען איך האָב געהערט דעם רבי׳ן זינגען, בין איך שוין דאָרט פאַרבליבן״ [25]).

דער ליאַדיער רבי האָט אויך פאַרשפּרייט זיין חב״ד׳ער שיטה דורך נגינה. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט צוגעצויגן די לומדישע יונגעלייט דורך די ניגונים, וואָס ער האָט געהערט אין מעזעריטש, וואָס שטאַמען פון בעש״ט.

דער ליאַדיער רבי האָט דערגאַנצט די מימרא פון בעש״ט, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דאָס וואָרט איז די פעדער פון האַרץ״, מיט דעם צוגאָב: „און די נגינה איז די פעדער פון דער נשמה״ [26]).

עס זיינען פאַראַן געציילטע ניגונים, וואָס זיינען אונז פאַרבליבן פון בעש״ט.

אינעם „ספר הניגונים״ [27]) זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי ניגונים פון בעש״ט [28]). דער ערשטער ניגון האָט דריי פאַלן. לויט דער חב״ד׳ער מסורה, איז נישט דער גאַנצער ניגון פון בעש״ט. דער בעש״ט האָט בלויז מחבר געווען דעם ערשטן פאַל; דעם צווייטן פאַל — דער מעזעריטשער מגיד, און דעם דריטן פאַל — ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי. אַזוי אַז דער

23) די נאָטן פון ניגון זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „ספר הניגונים״, פון חסידי חב״ד, פאַרלאַג „חברת ניחח״, ברוקלין, 1948, ניגון 22.

24) דאָרט, זייט 48.

25) דאָרט, זייט 28.

26) דאָרט, זייט 32.

27) זע: הערה 23.

28) ניגון 20, 21.

דער „ניגון פון דריי פאַלן"

צו זינגען פאַמעלעך מיט דביקות



דער ערשטער פאַל איז פון בעש"ט, דער צווייטער פאַל — פון מעזעריטשער מגיד, און דער דריטער פאַל — פון ליאַדיער רבי'ן

דאָזיקער בעל־שם־טוב'ס ניגון איז אַ בשותפות'דיקער: פון בעש"ט, זיין תלמיד און תלמיד'ס תלמיד.

אויך צ. א. אידלזאָן האָט אין זיין גרויס ווערק וועגן יידישער מוזיק [29] ניגונים, וואָס שטאַמען פון בעש"ט.

פיר ניגונים פון בעש"ט זיינען אויך אָפּגעדרוקט אין י. ש. גשורי'ס ספר „אנציקלופדיה של החסידות".

דעם בעל־שם־טוב'ס ניגונים האָבן באַאיינפלוסט די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן ווי ערנעסט בלאָך מיט זיין „בעל שם" (דריי בילדער פון חסידישן לעבן) פאַר פידל און פּיאַנאָ, דער צווייטער טייל איז דער באַוואוסטער בעש"ט־ניגון; יוסף אהרון — „יידישע מעלאָדיעס"; לאַזאַר סאַמינסקי — „חסידישע טענץ" (פאַר פּיאַנאָ). חסידישע ניגונים האָבן אויך משפּיע געווען אויף די קאָמפּאָזיטאָרן: יואל ענגעל (זיינע ניגונים צום „דיבוק"); שלמה ראָזאָווסקי — „חסידים"; יוסף טשערניאַווסקי — „חסידים און מתנגדים"; לעאָן צייטלין — „ר' נחמנ'ס ניגון"; וולאַדימיר חפץ — „חסידיש"; לעאָן שטיין — „דריי חסידישע טענץ"; מאַקס עטינגער — „יידיש לעבן" (קאַנ־

29) „אוצר נגינות ישראל", הוצאת „דביר".

טאַטע, אין וועלכער ס׳ווערן באַנוצט פאַרשידענע חסידישע מאָטיוון; אַלעקסאַנדער קריין, און אַנדערע [30].

דעם בעל־שם־טוב׳ס מאמרים און משלים וועגן נגינה און אויך די מימרא׳ס וועגן געזאַנג פון זיין אור־אייניקל ר׳ נחמן בראַצלאַווער, האָבן משפיע געווען אויף אונזער קלאַסיקער י. ל. פרץ מיט זיינע חסידישע דער־ציילונגען, ווי „אַ גלגול פון אַ ניגון" און אַנדערע.

די חסידישע נגינה האָט אויך משפיע געווען אויף דעם רעליגיעזן דענקער פראַנץ ראָזנצווייג. אין זיין בריוו פון 8־טן מאַי, 1918, שרייבט ראָזנצווייג צו זיין מוטער, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט אַ חסידיש שטיבל אין וואַרשע, אַז:

בעל־שם־טוב׳ס ניגון

צו זינגען לעבעדיק



30) וועגן דעם זע: פראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַנס בוך „מוזיקאַלישע עסייען", מעק־סיקאָ, 1956, זייט 159, ווי אויך דאָס בוך „מוזיק ביי יידן" פון ישראל ראַבינאָוויטש, מאָנטרעאַל, 1940, זייטן 81—86.

בעל־שם־טוב׳ס ניגון

צו זינגען מיט התלהבות



„דאָס געזאַנג איז ביי זיי דער עיקר. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ ענלעכע זאַך. די דאָזיקע מענטשן דאַרפן נישט קיין אָרגל צו זייער התלהבות׳דיקן שטראָם. די קולות פון די קינדער און פון די זקנים, מישן זיך אויס צוזאַמען — איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ דאַווענען״ [31]).

*
**

צוזאַמען מיט דער נגינה, האָט דער בעש״ט אויך אויפגעלעבט דעם טאַנץ. לויט דער שיטה פון בעש״ט איז ריקוד געווען אַ הייליקע עבודה, אַ מין תפילה.

31) נחום גלאצר: „פראַנץ רוזנצווייג״, זייט 132, תל־אביב, תשי״ט, ציטירט לויט יוחנן טווערסקי: „הבעל־שם־טוב״, הוצאת „מסדה״, 1959, זייט 162.

בעל־שם־טוב׳ס ניגון

צו זינגען פאַמעלעך פאַרטראַכט



דער בעש״ט האָט געזאָגט: „די ריקודים פון די יידן פאַרן רבונו של עולם, זיינען תפילות״. די טענץ פון די יידן ווערן געזאַמלט אין הימל. פון די צעריסענע שיך, וואָס די יידן צערייסן בשעת זיי טאַנצן, ווערט אין הימל פון זיי געמאַכט אַ קרוין. אַזוי ווי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט מסביר געווען צו זיינע תלמידים דעם גרויסן ענין פון די ריקודים פון יידן אין שמחת־תורה:

בעל־שם־טוב׳ס ניגון

צו זינגען פאַמעלעך פאַרטראַכט



„די יידן טאַנצן שמחת־תורה אַזוי שטאַרק, אַז זיי ווערן מיד. זיי שלאָפן דערנאָך לאַנג. האָבן די מלאכים אין הימל קיין שום עבודה נישט. זיי שטייען אויף גאַנץ פרי, אַזוי ווי יעדן טאָג, אָבער אָן די נשמות פון די יידן קאָנען זיי נישט טאָן די עבודה פאַר דעם אייבערשטן.

איז וואָס טוען זיי? גייען זיי אין גן־עדן אַריין אויסצוקערן און צו רייניקן דעם גן־עדן. דערזען זיי די פאַרשידענע זאַכן, וואָס זיי פאַרשטייען נישט פון וואַנען קומען זיי אַהער, ווי למשל, קלעצלעך פון שיך, אויסגע־ריבענע זוילן, שיך־בענדלעך, און אינגאַנצן צעריסענע שיך. שטייען די מלאכים פאַרוואונדערט, און זיי פרעגן זיך:

„וואָס טוען דאָ די דאָזיקע זאַכן? דער שטייגער איז צו געפינען אין גן־עדן ציצית, תפילין, אַפילו אַ צעריסענעם טלית. אָבער שיך?"

זיינען די מלאכים געגאַנגען פרעגן דעם מלאך מיכאל. האָט דער מלאך מיכאל זיי געענטפערט:

„די דאָזיקע זאַכן זיינען מיינע. זיי זיינען דאָ אַהער געקומען פון די ריקודים פון די יידן מיט זייערע ספרי־תורה אין די הענט".

און דער מלאך מיכאל גרויסט זיך פאַר דעם מלאך מטטרון. דער מלאך מטטרון פלעכט אויס אַ קרוין פאַר דעם אייבערשטנס וועגן פון די תפילות פון די יידן. אָבער ער, דער מלאך מיכאל, מאַכט אַ קרוין פון די שיך, וואָס די יידן האָבן צעריסן בשעת זיי האָבן געטאַנצט מיט דער תורה" [32] . . .

32) זע: אליעזר שטיינמאַן: „באר החסידות, ספר הבעש"ט", פאַרלאַג „כנסת",

אין „שבחי הבעש״ט״[33]) ווערן דערציילט צוויי מעשה׳ס ווי אַזוי די „אנשי סגולה״ האָבן שמחת תורה געטאַנצט ביים בעש״ט:

„זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט און כסדר אַרויפגענומען וויין פון בעל־שם־טוב׳ס קעלער. האָט דעם בעל־שם־טוב׳ס ווייב, די צדקנית, געזען, אַז די חסידים וועלן נישט איבערלאָזן קיין וויין אויף קידוש און הבדלה, איז זי אַריין צום בעש״ט און אים געבעטן ער זאָל זאָגן די ׳אנשי סגולה׳ זיי זאָלן אויפהערן צו טרינקען און טאַנצן. האָט דער בעש״ט געזאָגט מיט אַ שמייכל: ׳ביזט טאַקע גערעכט, גיי דו און זאָג זיי, זיי זאָלן אויפהערן טאַנצן און גיין אַהיים׳. האָט זי געוואָלט אַזוי טאָן, נאָר ווען זי האָט געעפנט די טיר, האָט זי דערזען ווי די חסידים טאַנצן אין אַן עיגול און אַרום זייער ראָד ציט זיך אַ פייערדיקע שנור... האָט זי גלייך אַריין, גענומען די כלים, אַראָפּ אין קעלער און געבראַכט וויין וויפיל זיי האָבן געוואָלט״...

אָט אַזוי האָט חסידות אַריינגעטייטשט אין דעם ריקוד פון די „אנשי סגולה״ פון בעש״ט, אַז אַ פייערדיקע שנור האָט זיך געצויגן אַרום דעם עיגול פון די „אנשי סגולה״ בעת זיי האָבן געטאַנצט.

„און אַ צווייט מאָל האָבן די ׳אנשי חברותא קדישא׳ פון בעש״ט געטאַנצט שמחת תורה ביים בעש״ט און די שכינה האָט געלויכטן אַרום זיי. פון דעם התלהבות׳דיקן טאַנצן האָט זיך צעריסן אַ שוך ביי איינעם פון די ׳זעירי דמן חבריא׳ — פון די יונגע תלמידים פון בעש״ט — און ער איז געווען אַן אָרעמאַן, האָט ער גרויס צער געהאַט וואָס ער קאָן מער נישט טאַנצן מיט די חסידים. די טאָכטער פון בעש״ט, די צדקנית מרת אָדל, איז געשטאַנען אין שטוב אין דער זייט און זיך צוגעקוקט ווי די חסידים טאַנצן, האָט זי געזאָגט צו דעם דאָזיקן תלמיד: ׳אויב דו וועסט מיר מבטיח זיין, אַז איך וועל דעם יאָר האָבן אַ בן זכר, וועל איך דיר גלייך ברענגען גוטע שיך, וואָס איך האָב אין מיין געוועלב׳. האָט דער תלמיד פון בעש״ט איר געגעבן אַ ברכה, אַז זי וועט האָבן אַ בן זכר, און ער האָט ווייטער געטאַנצט. וכך הוה, זי האָט אין זעלבן יאָר געבוירן דעם זון ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש״[34]).

מיטן כוח פון טאַנצן האָט דער יונגער תלמיד פון בעש״ט אויסגעפועלט אין הימל, אַז דעם בעל־שם־טוב׳ס טאָכטער אָדל זאָל האָבן אַ בן זכר.

וועגן די ריקודים פון בעש״ט אין שמחת תורה און וועגן די טענץ פון זיינע תלמידים זיינען פאַראַן פאַרשידענע חסידישע מעשה׳ס.

אַזוי האָט דער בעש״ט געטאַנצט שמחת תורה ביינאַכט מיט דער ספר־תורה אין דער האַנט, דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט די ספר־תורה. האָט

תל־אביב, זייט 257.

33) זייט 60.

34) דאָרט.

איינער פון זיינע תלמידים געזאָגט צו דער הייליקער חברותא: „פריער האָט דער בעש״ט געטאַנצט מיט אַ גשמיות׳דיקער ספר־תורה און איצט טאַנצט ער מיט דער רוחניות׳דיקער ספר־תורה״...

דער טשאָרטקאָווער רבי, ר׳ דוד משה, האָט דערציילט אין נאָמען פון זיין פאָטער דעם ריזשינער רבי׳ן, ר׳ ישראלטשע, אַז איינמאָל, ווען דער בעש״ט האָט פאַרענדיקט דאַוונען מעריב מוצאי יום־כיפור און ער האָט געוואָלט מחדש זיין די לבנה, האָט ער געזען, אַז די לבנה איז פאַר־שטעלט מיט גרויסע וואָלקנס און עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז די לבנה וועט זיך נאָך באַווייזן. איז דער בעש״ט געווען אין גרויס צער, וואָס ער קאָן נישט מחדש זיין די לבנה מוצאי יום־כיפור. די תלמידים פון בעש״ט האָבן אָבער נישט געוואוסט דערפון, האָבן זיי געטאַנצט, ווי זייער מנהג איז געווען צו טאַנצן יעדן מוצאי יום־כיפור, און טאַנצנדיק אַזוי זיינען זיי אַריין אין בעל־שם־טוב׳ס חדר און פאַר גרויס התלהבות האָבן זיי געבעטן דעם בעש״ט, אַז ער זאָל מיט זיי מיטטאַנצן. האָט דער בעש״ט געטאַנצט מיט זיינע תלמידים און אינמיטן טאַנצן האָט זיך באַוויזן די לבנה, האָבן אַלע זיך אָפּגעשטעלט פון טאַנצן און זיינען אַרויס מחדש זיין די לבנה.

דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט צו די „בני היכלא״: „דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט פּועל׳ן אין הימל דורך עבודה און מוחין, האָבן די תלמידים גע׳פּועל׳ט דורך זייער ריקוד״...

עס איז אויך באַקאַנט די מעשה, אַז איינמאָל מוצאי שבת איז דער בעש״ט געזעסן מיט זיין חברותא און ער איז געווען שטאַרק פאַר׳מוח׳ט, אָבער פּלוצלונג האָבן דעם בעל־שם־טוב׳ס תלמידים דערזען ווי דעם בעל־שם־טוב׳ס פּנים האָט זיך געשטראַלט פאַר שמחה און דער בעש״ט האָט זיך צעלאַכט.

דערנאָך גייט די מעשה ווי אַזוי דער בעש״ט האָט געהייסן שפּאַנען פערד און וואָגן און געהאַט קפיצת הדרך. ער איז אָנגעקומען קיין אַפּט און האָט צו זיך גערופן ר׳ שבתי איינבינדער. ר׳ שבתי האָט אים דער־ציילט, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט אויף שבת, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נהנה זיין פון פרעמדע, און ווי אַזוי עס איז מיט אים געשען אַ נס און זיין ווייב האָט געקראָגן געלט און זי האָט אָנגעגרייט אויף שבת. ר׳ שבתי איינבינדער האָט געטאַנצט פרייטיק צו נאַכט און די גאַנצע פמליה של מעלה האָט מיטגעטאַנצט, און צוליב דעם ריקוד האָט מען אַראָפּגעשיקט די הייליקע נשמה פון קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל, וואָס איז געווען דער זון פון ר׳ שבתי איינבינדער[35]).

35) עדת צדיקים, לעמבערג תרכ״ה — 1885, זייט 5. זע אויך: מנשה אונגער, „די חסידישע וועלט״, זייטן 55—58.

***

חסידים האָבן געשאַפן אַן אייגענע פאָרם אין טאַנץ.

דער חסידישער טאַנץ איז געוויינלעך אין אַ ראָד, אַן עיגול, און דער רבי ר׳ הערש מלך (אלימלך) פון דינאָוו, דער בעל „בני יששכר״, האָט געגעבן דערויף אַ טעם:

„דערפאַר טאַנצן חסידים אין אַ ראָד, ווייל אין אַ ראָד זיינען אַלע גלייך, ס׳איז נישטאָ קיין אויבן און אונטן, אַלע זיינען גלייך״ [36].

דער בעש״ט האָט דערהויבן דעם ריקוד צו אַ גאָר הויכער מדריגה, אַזוי אַז ר׳ נתן, דער תלמיד פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַן אור־אייניקל פון בעש״ט, האָט מתקן געווען אַ ספּעציעלע תפילה, צו זאָגן פאַר יעדן חסידישן טאַנץ.

די תפילה הויבט זיך אָן אַזוי:

„יהי רצון שתרחם עלי ותזכני להיות בשמחה תמיד... עד שאזכה להרים את רגלי בשמחה גדולה, ואזכה בריקודין דקדושה גדולה... ועל ידי הריקודין בהתלהבות הלב דקדושה, אזכה ברחמיך להמתיק ולבטל כל הדינין...״ (יהי רצון — עס זאָל זיין באַוויליקט פאַר דיר, אַז דו זאָלסט דיך אויף מיר דערבאַרעמען און זאָלסט מיך מזכה זיין, אַז איך זאָל תמיד זיין אין שמחה... ביז איך וועל זוכה זיין צו הייבן מיינע פיס מיט גרויס שמחה... און איך זאָל זוכה זיין צו טאַנצן גרויסע און הייליקע טענץ... און דורך די טענץ מיט התלהבות פונעם האַרצן פון קדושה וועל איך זוכה זיין מיט דיין גרויס דערבאַרעמקייט צו פאַרזיסן און מבטל צו זיין אַלע דינים).

מיר ווייסן נישט פון נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט וואָס זאָל האַלטן אַזוי הייליק דעם טאַנץ, און עס זאָל געזאָגט ווערן אַ תפילה איידער מען הויבט אָן צו טאַנצן.

טאַנצן טאָקע די בראַצלאַווער חסידים נאָך יעדן דאַווענען, אין דער וואָכן און אום שבת, און אַפילו אין די דריי וואָכן, ווען מען טאָר זיך נישט משמח זיין, צעפלאַקערן זיי זיך אין פייערדיקע טענץ, אין טרויער־טענץ לזכר חורבן ירושלים, מיט דער האָפענונג, אַז „כי נחם ה׳ ציון״. תמיד ווערט געטאַנצט. דער עיקר: דער טאַנץ זאָל נישט איבערגעריסן ווערן...

דער ריקוד דערהייבט דעם מענטשן. עס איז אַ מין תפילה פון „כל עצמותי תאמרנה״. טאַנץ פירט אַרויס דעם מענטשן פון דער גשמיות־דיקער וועלט, ווי דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט:

„דער ריקוד דערהייבט דעם מענטשן דריי טפחים פון דער ערד״...

36) ציטירט לויט בצלאל לאַנדוי, „המחול והריקוד בתנועת החסידות״, אין „מחניים״, זייט 62.

***

חסידות האָט אויך געהאַלטן דעם טאַנץ פאַר אַ מין מלחמה... אַ חסידישע מעשה דערציילט, אַז איין מאָל איז דער ראָפּשיצער רבי, אין שמחת תורה, געשטאַנען ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט ווי די חסידים טאַנצן אין הויף. פלוצים האָט ער אויפגעהויבן די האַנט. דאָס איז געווען אַ רמז, אַז זיי זאָלן אויפהערן טאַנצן. די חסידים האָבן איבערגעריסן דעם טאַנץ. דאָס פּנים פון דעם ראָפּשיצער איז געוואָרן פאַרוואָלקנט מיט צער און מיט טרויער. דערנאָך האָט דער ראָפּשיצער רבי אויסגערופן מיט התלהבות:

„און אַז אַ גענעראַל פון דער אַרמיי פאַלט אין שלאַכט, ווערט די מלחמה אָפּגעשטעלט? מלחמה איז מלחמה! טאַנצט ווייטער!..."

נאָך יום־טוב האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין יענער רגע איז דער צדיק ר' אברהם פון אולאַנאָוו נפטר געוואָרן [37]...

***

חסידות האָט געהאַלטן, אַז מיט ריקודים קאָן מען אויסבעטן אין הימל אַ רפואה פאַר אַ חולה.

חסידים דערציילן, אַז ווען דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער האָט זיך דערוואוסט, אַז ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז קראַנק, האָט ער געקויפט אַ נייע פּאָר שטיוול, און ער איז אַרויס אין אַ ריקוד מתפלל צו זיין פאַר דעם בערדיטשעווער, אַז ער זאָל האָבן אַ רפואה...

און אַ רבי, וואָס זיין זיידע איז געווען אַ תלמיד פון דעם בעש"ט, האָט דערציילט, אַז זיין זיידע איז געווען אַ הינקעדיקער. האָט מען געבעטן דעם זיידן, אַז ער זאָל דערציילן ווי אַזוי דער בעש"ט האָט זיך נוהג געווען ביים טאַנצן. האָט דער זיידע זיך אויפגעשטעלט און דערציילט. און אין דערציילן איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרויס התלהבות, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַליין צו טאַנצן, כדי צו ווייזן ווי אַזוי דער בעש"ט האָט געטאַנצט.

„אַזוי לאַנג ווי דער זיידע האָט געטאַנצט" — האָט דער בי געזאָגט — „איז ער געווען גלייך מיט יעדן מענטשן. ערשט ווען ער האָט אויפגעהערט טאַנצן, איז ער צוריק געוואָרן אַ הינקעדיקער..."

די רביים פון די פריערדיקע דורות האָבן פאַרשפּרייט חסידות דורך ריקודים. אַזוי ווערט דערציילט, אַז דער גרויסער ר' אהרן פון קאַרלין פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און ער האָט געטאַנצט התלהבות־

37) „עשר צחצחות", זייט 89.

דיקע טענץ. אַזוי אַרום האָט ער צוגעצויגן די יידן צום דרך החסידות.

די מתנגדים זיינען טאַקע אַרויסגעטראָטן קעגן די חסידים, ווייל זיי טאַנצן און פּאַטשן מיט די הענט בשעת דעם דאַווענען.

אין די מקומות, וואו די מתנגדים האָבן געהאַט די מאַכט, האָבן זיי אין זייערע חרמות גע׳אסר׳ט דאָס טאַנצן פון די חסידים [38].

אָבער די מתנגדים האָבן נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם דרך החסידות, בפרט די שיטה פון טאַנצן אין שבת און יום־טוב.

און עס זיינען געווען רביים, וואָס פלעגן אַ סך טאַנצן. אַזוי האָט דער „שפּאָלער זיידע״, ר׳ אריה לייב, גע׳שמ׳ט מיט זיינע וואונדערלעכע טענץ.

„ער איז געווען גרינג אויף זיינע פיס — דערציילן די בני הדור — ווי אַ פיר־יאָריק קינד...״

און ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט טאַנצן שמחת תורה מיט דער תורה. די חסידים האָבן עדות געזאָגט, אַז ער פלעגט ממש פליען אין דער לופטן...

און דער טריסקער רבי, ר׳ אברהמ׳לע, וועלכער האָט אַריבערגעבראַכט דעם טשערנאָבילער דרך קיין פּוילן, האָט דערפאַר געפונען אַ רמז פאַרוואָס די חסידים טאַנצן מיט דער תורה אום שמיני עצרת אַזוי ווי אום שמחת תורה, ווייל אין דעם וואָרט „עצרת״ זיינען פאַראַן די ראשי־תיבות פון: „צדיקים עושין ריקודין תמיד״ (צדיקים טאַנצן שטענדיק).

און חסידות האָט געהאַלטן, אַז: ווען אַ מענטש פאַלט אַריין אין עצבות־דיקן צושטאַנד, קאָן מען אים אַרויספירן פון דעם דאָזיקן מצב, — דורך ריקודים.

חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר׳ אורילע סטרעליסקער איז אַרום־געפאָרן איבער די שטעטלעך זאַמלען געלט פאַר פדיון שבויים. ער האָט אָבער נישט געזאַמלט גענוג. איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן עצבות׳דיקן מצב. גראָד דעמאָלט איז ער געווען ביי ר׳ משה לייב סאַסאָווער. האָט דער סאַסאָווער רבי צו אים געזאָגט:

„איך האָב נישט קיין פּרוטה דיר צו געבן. אָבער דערפאַר וועל איך פאַר דיר טאַנצן...״

און דער ריקוד פון ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט אַריינגעגעבן התחזקות אין דעם האַרץ פון דעם רבי׳ן ר׳ אורילע סטרעליסקער, און ער איז ווייטער געפאָרן איבער די שטעטלעך זאַמלען געלט פאַר פדיון שבויים...

גאָר שטאַרק זיינען געווען די ריקודים פון די רביים ביי אַ חתונה. מען דערציילט, אַז דער רבי צבי אריה פון אָליק, דער תלמיד פון דעם מעזעריטשער מגיד, האָט געהאַט אַ מנהג, אַז אויף אָרעמע חתונות פלעגט ער זיך פאַרשטעלן און טאַנצן.

38) „זמר עריצים״, זייט 31, און דעם בריוו פון לענשאָו.

ר׳ משה לייב סאַסאָווער, וועלכער פלעגט אַליין אַרומפאָרן און זאַמלען געלט פאַר הכנסת כלה, האָט נישט יוצא געווען דערמיט, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט דאָס געלט, נאָר ער האָט אַליין געטאַנצט אויף דער חתונה, כדי משמח צו זיין חתן וכלה.

חסידים דערציילן, אַז איין מאָל איז ר׳ משה לייב נעלם געוואָרן אויף אַ צוויי טעג, און מען האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט ער געהאַט צוגעזאָגט אַ יינגל, וואָס האָט אים געהאָלפן זאַמלען געלט פאַר פדיון שבויים דורך אָנווייזן דעם רבי׳ן אויף די רייכע הייזער, אַז ווען ער, דאָס יינגל, וועט אויפוואַקסן און חתונה האָבן, וועט דער רבי קומען אויף זיין חתונה. און דער רבי האָט איצט זיין הבטחה מקיים געווען. ער איז געפאָרן קיין זלאָטשעוו, וואו די חתונה איז געפראַוועט געוואָרן.

אַ חסיד, וועלכער איז געווען אויף יענער חתונה, האָט דערציילט, אַז בעת מען האָט געהאַלטן ביים טאַנצן דאָס מצוה־טענצל, האָט זיך פלוצים באַוויזן אַ מענטש, אָנגעטאָן אין פויערישע מלבושים, מיט אַ פויערישער פייקע אין מויל, און ער האָט זיך אַריינגעריסן אין ראָד און געטאַנצט מיט גרויס התלהבות. צוערשט האָט דער חסיד געוואָלט אַרויסציען דעם פויער פון דעם רעדל טאַנצנדיקע יידן. אָבער ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער, וועלכער האָט זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ פויער, כדי משמח צו זיין חתן וכלה.

וועגן דעם רבי׳ן אלימלך פון ליזשענסק ווערט דערציילט, אַז איין מאָל איז צו אים געקומען אַ ייד, וועלכער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז ער האָט אַ טאָכטער, וואָס איז שוין אין די יאָרן, אָבער ער קאָן מיט איר קיין שידוך נישט טאָן, ווייל ער האָט נישט אויף קיין נדן. האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים העלפן אַז ער זאָל קאָנען סילוק׳ן דעם נדן. דער איד האָט געטאָן אַ שידוך מיט אַ וואוילן בחור. דער רבי ר׳ אלימלך איז אַרומגעפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך זאַמלען געלט פאַר הכנסת כלה. ער האָט געבראַכט וויפיל דער ייד האָט געדאַרפט פאַרן נדן, און די חתונה איז געפראַוועט געוואָרן ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך אין הויז. דער קאָזשעניצער מגיד האָט בשעת דער חתונה געשפילט אויף דעם פידל, דער חוזה פון לובלין האָט געזאָגט בדחנות, און דער רבי ר׳ אלימלך האָט געטאַנצט פאַר חתן־כלה...

***

גאָר שטאַרק זיינען געווען די ריקודים פון די רביים פרייטיק־צו־נאַכטס.

חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר׳ חיים קאָסעווער פלעגט פרייטיק־צו־

נאַכטס טאַנצן שעה׳ן לאַנג. איין מאָל איז אַ בענקל אים אַרויפגעפאַלן אויפן פוס בעת דעם טאַנצן, און דער רבי האָט געמוזט אויפהערן טאַנצן. האָט דער קאָסאָווער רבי געזאָגט:

„מיר דוכט זיך, אַז איך האָב געקראַגן דעם ווייטיק אין פוס, ווייל איך האָב אויפגעהערט צו טאַנצן...״

חסידים דערציילן, אַז די צוויי רביים פון פוילן, ר׳ יצחק וואָרקער און ר׳ דוד׳ל לעלעווער, זיינען אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס אַרויס אין וואַלד, און דאָרט געזונגען און געטאַנצט „ישמחו במלכותך״. אין צווישן איז אַנגעפאַלן אַ גרויסער שניי, אָבער די רביים האָבן נאָך אַלץ געטאַנצט. זיי האָבן געטאַנצט אַזוי לאַנג, ביז מענטשן האָבן פון דער ווייטנס באַמערקט, אַז צוויי שטריימלעך באַוועגן זיך אין אַ טיפן שניי [39]...

די גמרא זאָגט, אַז „עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות מחול לצדיקים והוא יושב ביניהם בגן עדן, וכל אחד מראה עליו באצבעו, שנאמר: ביום ההוא הנה אלוקינו זה קוינו לו ויושיענו, זה ה׳ קוינו לו, נגילה ונשמחה בישועתו״ [40]. — „דער אייבערשטער וועט מאַכן אַ טאַנץ מיט די צדיקים, און ער וועט זיצן צווישן זיי אין גן־עדן, און יעדער איינער וועט אָנווייזן אויף אים מיטן פינגער, און ער וועט זאָגן: דאָס איז אונזער גאָט, וואָס מיר האָבן געהאָפט אויף אים...״

חסידות האָט צוגעגרייט דעם דאָזיקן הייליקן טאַנץ. דער בעש״ט מיט זיינע תלמידים האָבן אַריינגעבראַכט אַ התעוררות פון שמחה און אַ חדווה פון קדושה אין דעם ריקוד. זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם טאַנץ אין אַן עבודה און אין אַ תפילה.

39) בצלאל לאַנדוי: „המחול והריקוד בתנועת החסידות״, אין „מחניים״, נומער 48.
40) תענית, ל״א, עמוד א׳.

קאַפּיטל לב

עניוות און גאווה

גאווה איז נאָך ערגער פון אַן עבירה, זאָגט דער בעש״ט. — דורך עניוות קאָן מען זוכה זיין צו אַלע מדריגות. — אַ מענטש קאָן אַרומגיין פול מיט גאווה און ער זאָל אפילו נישט וויסן אַז ער איז אַ בעל־גאווה. — אַ מעשה מיט אַ תלמיד־חכם אַ בעל־גאווה און אַ בעל־מלאכה אַ עניו.

חסידות האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש דאַרף זיין אַן עניו און באַקעמפן די שלעכטע מידה פון גאווה.

אויף פאַרשידענע אופנים האָט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב געלערנט ווי אַזוי דער ייד דאַרף אין זיך אויסאַרבעטן די מידה פון עניוות און מבטל זיין די נישט־גוטע מידה פון גאווה.

„ווער עס איז ביי זיך שפל און איז בבחינת ׳ארץ׳, דער קומט צו דער נקודה פון אמת״. און דער בעש״ט האָט געזאָגט אין יידיש, עס שטייט אין פסוק [1]: „אמת מארץ תצמח״. איז דאָך קשה, פאַרוואָס הויבט קיינער נישט אויף דעם אמת? מיר וויסן דאָך, אַז ווען עמעצער זעט אַ חשובע זאַך אויף דער ערד, הויבט ער זי גלייך אויף. נאָר דער תירוץ איז, אַז קיינער וויל זיך נישט איינבייגן [2].

מען דאַרף זיך שטאַרק היטן פון גאווה, האָט דער בעש״ט געלערנט, ווייל אַפילו ביי יציאת הנשמה קאָן אַ מענטש זיין אַ בעל גאווה, ווען ער ציט אויס די פיס אין בעט...

דער מענטש דאַרף זיך אַזוי אויסאַרבעטן, אַז ער זאָל מאַכן פון „אני״, איך — „אַין״, גאָרנישט [3].

אין „תולדות יעקב יוסף״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון בעש״ט [4], אַז: עס זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס טוען מצוות בלויז כדי זיך צו באַרימען, מען זאָל זיי האַלטן פאַר אַנשי שם, און זיי לערנען אויך תורה, כדי זיך גרויס צו האַלטן. אָבער כדי צו זיין די אמתע בני־עליה, צו זיין נאָענט צו אַחדות הבורא — זיינען פאַראַן ווייניק מענטשן.

1) תהלים פ״ה, י״ב.
2) „גאולת ישראל״, פתגמין קדישין, אין נאָמען פון בעש״ט.
3) „אני״ און „אין״ זיינען די זעלבע אותיות.
4) פרשת חוקת, דף ק״ס, עמוד ד׳.

ווען אַ מענטש האַלט זיך קליין, קומט ער נעענטער צום אייבערשטן, האָט דער בעש״ט געלערנט, און ער האָט וועגן דעם געגעבן אַזאַ משל:

ווען אַ מענטש שטייט ביי אַ וואַסער, זעט ער זיין פנים אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער גרויס, אָבער ווען ער בייגט זיך אַראָפּ, ווערט די אָפּשפּיגלונג אין וואַסער אויך קלענער. וואָס מער דען מענטש בייגט זיך איין, אַלץ קלענער ווערט זיין פנים אין וואַסער. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ מענטשנס האַרץ. ווען אַ מענטש טראַכט אין זיין האַרץ, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, ווערט זיין פריינט אויך גרויס ביי זיך. ווען אָבער אַ מענטש דערנידעריקט זיך פאַר אַ צווייטן מענטשן, דערנידעריקט זיך אויך דער צווייטער מענטש פאַר אים, און דעמאָלט ווערן ביידע גליך. דעריבער שטייט אין פסוק[5]: „ודבר ד׳ אל משה פנים אל פנים כאשר ידבר איש אל רעהו״ — ווייל משה האָט זיך קליין געמאַכט פאַרן אייבערשטן, האָט אויך דער אייבערשטער זיך פאַרקלענערט פאַר אים...[6])

דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז אַלע מידות קומען פון די הימלישע מידות, און לויט דער קבלה מיינט עס, פון די צעבראָכענע פונקען פון די הייליקע ליכט, „שברי ניצוצות מהמאורות הקדושים״, און אויך די מידה פון גאווה קומט פון דער מידה פון „תפארת״, נאָר צוליב דער „שבירת הכלים״ איז די מידה פון תפארת אַריינגעפאַלן אין דער קליפה — דעריבער איז אַ מענטש שטאָלץ[7]).

אויך, אַז „די ליניע פון ׳תפארת׳ האָט זיך פאַרשפּרייט אונטן, אין אָרט פון דער קליפה — און דאָס איז גאווה״[8]).

דעריבער דאַרף זיך דער מענטש היטן פון גאווה, ווייל גאווה איז נאָך ערגער פון אַן עבירה, וואָרים ביי אַלע חטאים שטייט „אני ה׳״... אָבער דער וואָס איז ביי זיך שטאָלץ, זאָגט דער רבונו של עולם: „איך און ער קאָנען נישט וואוינען אין דער וועלט...״[9]).

אינטערעסאַנט איז דאָס וואָרט פון בעש״ט וועגן אַ מענטש, וואָס האַלט זיך שטאָלץ:

„דער פונדאַמענט איז דער עיקר פון בנין. אויב דער פונדאַמענט איז דורכגעפוילט, וועט דער גאַנצער בנין איינפאַלן. אַזוי איז אויך מיט דעם מענטש. אויב זיין פונדאַמענט איז דורכגעפוילט, אויב ער איז אַ שטאָלצער, זיינען אַלע זיינע מעשים געבויט אויף אַ פאַרפוילטן יסוד״[10]).

5) שמות ל״ג, י״א.
6) „אור החכמה״, פון רבין ר׳ אורי פייוול פון קריסנאָפּאָליע, פרשת ויקהל.
7) „תולדות יעקב יוסף״, פרשת משפטים.
8) דאָרט, אין די ליקוטים.
9) „צפנת פענח״, פרשת יתרו.
10) דאָרט, פרשת משפטים.

דערמיט קאָן מען אויך פאַרשטיין וואָס דער בעש״ט האָט געזאָגט וועגן דער סיבה פאַרוואָס שבתי־צבי האָט זיך געשמדט. „ער האָט געהאַט אַ ניצוץ פון הייליקייט, אָבער זיין נפילה איז געקומען ווייל ער איז געווען ביי זיך שטאָלץ. האָט אים דער ׳סמך מם׳ (דער שטן) געקענט אַריינכאַפּן אין זיין נעץ״ [11]).

„דורך עניוות — האָט דער בעש״ט געלערנט — קאָן מען זוכה זיין צו אַלע מדריגות״ [12]).

„דער מענטש קאָן קומען צו די זעלבע מדריגות, וואָס די תנאים און אמוראים האָבן געהאַט — האָט דער בעש״ט געזאָגט — נאָר די גאווה דערלאָזט אים נישט״ [13]).

„די צרה פון דער שלעכטער מידה פון גאווה איז, וואָס זי ברענגט אויך צו כעס. אָבער ווער עס איז אַן עניו, דער קאָן בכלל נישט קומען צו כעס״ [14]).

אָבער נישט סתם אויסערלעכע עניוות, אַן עניוות וואָס יעדער איינער קאָן זען, דאָס איז קיין עניוות נישט. עניוות — האָט דער בעש״ט גע־לערנט — דאַרף קומען פון האַרצן, עס דאַרף זיין אַן אינערלעכע עניוות, אַן „עניוות שבלב״.

אָבער צו שפּלדיק טאָר אַ מענטש אויך נישט זיין. ער דאַרף געפינען דעם „שביל הזהב״, דעם גאָלדענעם מיטן. ווייל ווען אַ ייד ווערט ביי זיך גאָר קליין — האָט חסידות געלערנט — ווערט ער אויס ייד, ער ווערט בלויז אַ פּינטעלע (געמיינט דעם אות „יוד״ — ווען ער ווערט קלענער, ווער ער אויס „יוד״).

אַ ייד טאָר אָבער נישט זיין צו גרויס, ווייל ווען אַ ייד („יוד״) ציט זיך אויס, ווערט ער אויס ייד („יוד״) — ער ווערט אַ „ואו״...

דעריבער דאַרף דער מענטש תמיד געפינען דעם דרך הממוצע, נישט צופיל גדלות און נישט צופיל עניוות [15]).

דער בעש״ט האָט בכלל נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש איז אַ בעל גאווה.

„ווען דער ייד דינט דעם אייבערשטן תמיד, האָט ער גאָר נישט קיין צייט צו זיין אַ בעל גאווה״ [16]).

דער בעש״ט האָט אויף פאַרשידענע אופנים געוואָלט לערנען די

11) „שבחי הבעש״ט״.
12) „תולדות יעקב יוסף״, סוף פרשת תולדות.
13) „בית אהרן״, פון ר׳ אהרן קאַרלינער.
14) „דגל מחנה אפרים״, פרשת בחקותי.
15) „צרור החיים״. זע אויך: הרב מ. י. גוטמאַן, „רבי ישראל בעש״ט״, זייטן 75־74.
16) „צוואת הריב״ש״.

מענטשן, זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון גאווה. און ווי דער סדר פון בעש״ט איז געווען, האָט ער דערויף געזאָגט פאַרשידענע משלים.

אַזוי ווערט געבראַכט אין נאָמען פון בעש״ט, אַז ער האָט געזאָגט:

„אַ מענטש קאָן אַרומגיין פול מיט גאווה — און ער זאָל אַפילו נישט וויסן, אַז ער איז אַ בעל גאווה.

„בין איך דען אַ בעל גאווה — טראַכט זיך דער דאָזיקער מענטש — איך בין דאָך גאָר אַ גרויסער למדן, אַ ירא שמים; אדרבה, איך בין דאָך גאָר אַן עניו! טראָץ די אַלע מעלות וואָס איך פאַרמאָג, חבר איך זיך מיט פשוטע יידן, און דאָס איז אַלץ ווייל איך ווייס, אַז אַ מענטש דאַרף ביי זיך זיין אַ שפל...״

אָבער דער דאָזיקער מענטש איז זיך טועה.

ער איז געגליכן צו איינעם וואָס איז געפאָרן אויף אַ וואָגן און ער האָט איינגעדרימלט בעתן פאָרן. איידער ער איז איינגעשלאָפן, איז דער וואָגן געפאָרן אויף אַ גלייכן וועג. ווען ער איז אָבער איינגעשלאָפן, איז דער וואָגן אַרויף אויף אַ באַרג. ווען דער מענטש האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער געפרעגט די מיטפאָרער:

„וואו געפינען מיר זיך?״

האָבן זיי אים געזאָגט: „אויף דעם און דעם באַרג״.

אָבער דער מענטש האָט זיי נישט געגלויבט, ווייל ער האָט גאָרנישט געפילט בשעת ער איז איינגעשלאָפן, אַז דער וואָגן איז געפאָרן באַרג־אַרויף.

אָבער ווען דער וואָגן האָט אָנגעהויבן צו פאָרן באַרג־אַראָפּ, דעמאָלט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דער וואָגן האָט זיך טאַקע געפונען אויפן באַרג.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם ענין פון גאווה און עניוות.

ווען דער מענטש הערט אויף טראַכטן און דרימלט איין, גייט דער „וואָגן פון לעבן״ באַרג־אַרויף, אָבער ער פילט גאָרנישט, אַז ער איז אַרויפ־געשטיגן אויפן באַרג פון גאווה.

ווען הויבט ער אָן צו פילן אַז ער איז אַ בעל גאווה? ווען ער הויבט אָן זיך צו פאַרטראַכטן און באַרעכענען וואָס ער האָט געטאָן אין לעבן, דעמאָלט דערזעט ער, אַז ער האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אויפן באַרג פון גאווה, נאָר ער אַליין האָט עס גאָרנישט געפילט...

אויך אַ תלמיד־חכם, אויב ער איז אַ בעל גאווה, איז כאָטש ער זיצט גאַנצע טעג און לערנט, רעכנט מען זיך גאָרנישט דערמיט אין הימל.

און דער בעש״ט האָט דערציילט אַזאַ מעשה:

אין אַ שטאָט האָבן געוואוינט אין איין הויז צוויי מענטשן, איינער איז געווען אַ תלמיד־חכם און דער צווייטער — אַ פשוטער בעל מלאכה.

דער תלמיד־חכם איז טאָג און נאַכט געזעסן און געלערנט, און דער בעל מלאכה האָט געדאַרפט שווער האָרעווען ביז ער האָט פאַרדינט קוים אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר זיינע בני־בית.

דער תלמיד־חכם האָט געהאַט אַ מנהג, אַז יעדן טאָג פלעגט ער אויפ־שטיין גאָר פרי און גיין אין בית־המדרש אַריין. דאָרט פלעגט ער לערנען עטלעכע שעה פאַרן דאַוונען און דערנאָך האָט ער געדאַוונט מיט גרויס כוונה. נאָכן דאַוונען פלעגט ער ווייטער לערנען אַ פּאָר שעה ביז מיטאָג, ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען עפּעס איבערבייסן. באַלד דערנאָך איז ער צוריק געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַוונען מנחה און ווייטער זיך אַוועקגעזעצט לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דערנאָך דאַוונען מעריב. ערשט אַרום חצות פלעגט ער אַהיימגיין עפּעס טועם זיין און זיך לייגן שלאָפן.

דער פּשוטער בעל מלאכה האָט זיך אויפגעהויבן פאַרטאָג, געלאָפן אין בית־המדרש אַריין, אויף שנעל אָפּגעדאַוונט און באַלד זיך געזעצט אַרבעטן. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט האָט ער אָפּגעכאַפּט אויף שנעל מנחה־מעריב און ווידער זיך געזעצט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

יעדן טאָג, מיטאָג־צייט, האָבן זיך די צוויי מענטשן באַגעגנט. דער תלמיד־חכם איז געגאַנגען פון בית־המדרש בנעימות'דיק, ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט געלערנט אַלע שיעורים וואָס ער האָט זיך קובע געווען אין בית־המדרש, און ווי נאָר ער וועט עפּעס איבערבייסן, וועט ער גלייך צוריקגיין אין בית־המדרש אַריין לערנען. און ווען ער האָט באַגעגנט דעם בעל־מלאכה, האָט ער אויף אים געגעבן אַ שטאָלצן קוק, ווי איינער זאָגט: זעט, וואָס דער אונטערשייד איז צווישן מיר און מיין שכן...

דער בעל־מלאכה אָבער, אַז ער האָט דערזען דעם תלמיד־חכם גיין פון בית־המדרש מיט זיין גרויסן תפילין־זאַק, האָט ער געגעבן אַ טיפן קרעכץ, וואָס האָט צעבראָכן דאָס האַרץ...

אין יאָרן אַרום איז געקומען די צייט, אַז ביידע זאָלן אַוועקגיין פון דער וועלט, און ביידע זיינען געקומען פאַר דער פמליא של מעלה אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אויף דער וועלט.

עס איז געקומען דער תלמיד־חכם מיט זיינע שיעורים און תפילות, און דער בעל־מלאכה מיט זיינע ליידיקע הענט.

— זעט די פּעק תורה און תפילות פון דעם תלמיד־חכם — האָט דער סניגור געטענהט.

און פאַרן בית דין של מעלה זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן פולע הויפנס פון חידושי תורה און פּעק מיט תפילות...

— ער האָט זיך געגרויסט — האָט געטענהט דער קטיגור — ער האָט געקוקט מיט גאווה אויף זיין אָרעמען שכן, דעם בעל מלאכה...

מ׳האָט אַריינגעבראַכט דעם פּשוטן בעל־מלאכה. ער איז געשטאַנען פאַרן בית־דין של מעלה און געציטערט פאַר שרעק.

— וואָס האָסטו אויפגעטאָן אויף דער וועלט? וואָס האָסטו מיט דיר מיטגעבראַכט? — האָט אים דאָס בית דין געפרעגט.

— איך האָב נישט קיין תורה און נישט קיין תפילות. איך בין תמיד געווען פאַרנומען מיט אַרבעטן, כדי מפרנס צו זיין מיין ווייב און קינדער — האָט דער בעל־מלאכה אַ קרעכץ געטאָן.

האָט דאָס בית־דין של מעלה געפּסקנט, אַז מען זאָל ברענגען די וואָג־שאָל און מען זאָל אַרויפלייגן אויף איין שאָל די תורה און די תפילות פון תלמיד־חכם און אויף דער אַנדערער שאָל דעם גאַווהדיקן קוק, און מען וועט זען וועלכע שאָל עס וועט אַריבערוועגן.

און די צווייטע וואָגשאָל — דער „גאַווהדיקער קוק" — האָט אַריבער־געוואויגן...

און ווידער האָט מען געבראַכט די וואָגשאָל און אויף איין שאָל האָט מען אַרויפגעלייגט דאָס גאַנצע פאַרהאַרעוועטע לעבן פון דעם אָרעמען בעל מלאכה, אָן תורה און אָן תפילות, און אויף דער צווייטער וואָגשאָל האָט מען אַרויפגעלייגט דעם קרעכץ פונעם בעל־מלאכה, וואָס האָט צע־בראָכן דאָס האַרץ, ווען ער האָט געזען דעם תלמיד־חכם יעדן טאָג קומען פון בית־המדרש אַהיים...

און די צווייטע שאָל מיטן קרעכץ האָט אַריבערגעוואויגן און דער בעל־מלאכה איז אַריין אין גן־עדן...[17])

אָט אַזוי איז אַ פּשוטער בעל־מלאכה, בלויז מיט אַן ערלעכן קרעכץ, אַריינגעקומען אין גן־עדן, און דער תלמיד־חכם, מיט זיין גאַנצן לערנען, האָט דערצו נישט זוכה געווען, ווייל ער איז געווען אַ בעל גאווה...

17) דוד זריצקי: „אוצר משלי חסידים", ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זייטן 21־23.

קאַפּיטל לג

מחשבה און תפילה

דער געדאַנק איז די נשמה פון מענטש; די שפּראַך — די פּען פון האַרצן. — יעדעס וואָרט וואָס דער מענטש זאָגט אַרויס דאַרף לייכטן. — די תפילות, וואָס זיינען אָן ריינע כוונות, בלייבן אין שול.

חסידות האָט געלערנט, אַז דער מענטש דאַרף תמיד האָבן ריינע מחשבות.

„דער געדאַנק איז די נשמה פון מענטש", האָט דער בעש"ט געזאָגט [1]. דעריבער, דאָרט וואו די מחשבה פון מענטש איז — דאָרט איז דער מענטש גופא [2].

דער געדאַנק איז דער „אב" (פאָטער) און דאָס וואָרט איז די „תולדה" (דאָס קינד), זאָגט דער בעש"ט, דערפאַר דאַרף יעדעס וואָרט זיין אָפּגעהיט און ריין.

דאָס וואָרט איז דער לעבנס־גייסט פון מענטש [3].

„הלשון הוא קולמוס הלב" — די שפּראַך איז די פּען פון האַרצן [4].

דער מענטש קען בעסער תופס זיין די העכערע וועלטן דורך דעם געדאַנק, דורך זיין ריינער מחשבה.

די חז"ל זאָגן: יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת־קול פון הר חורב... אָבער אין הימל איז דאָך „אין אומר ואין דברים" — דאָרט זיינען דאָך נישטאָ קיין ווערטער, דאָרט איז דאָך אַלץ געדאַנק. דעריבער קאָן מען דערהערן דעם בת־קל בלויז במחשבה [5].

פאַרשידענע מחשבות באַפאַלן דעם מענטשן, יעדע רגע בייט זיך זיין מחשבה. דאַרף דעריבער דער מענטש גוט טראַכטן, וועלכער געדאַנק עס קומט בלויז אויף אַ רגע און פאַרשווינדט, און וועלכע מחשבה איז מיט אים כסדר. אַט די דאָזיקע מחשבה, וועלכע בלייבט מיט אים כסדר, איז גע־

1) „צוואת הריב"ש".
2) „תולדות יעקב יוסף", פרשת שלח; „בן פורת יוסף", פרשת ויגש און ויחי; „דגל מחנה אפרים", פרשת שמות.
3) „צוואת הריב"ש".
4) „כתר שם טוב", חלק ב', זייט 16.
5) „תולדות יעקב יוסף", פרשת צו.

קומען פון די העכערע וועלטן, און ביי דער מחשבה דאַרף דער מענטש זיך האַלטן, זאָגט דער בעש״ט.

און אַזוי ווי דאָס וואָרט איז די תולדה פון דער מחשבה, דאַרף דער מענטש זען, אַז יעדעס וואָרט וואָס דער מענטש זאָגט אַרויס, זאָל לייכטן...

„עס שטייט, האָט דער בעש״ט געזאָגט, ׳צוהר תעשה לתיבה׳ [6]) — דו זאָלסט מאַכן יעדעס וואָרט, עס זאָל לייכטן״ [7]). („תיבה״ מיינט אויך „וואָרט״, און „צוהר״ מיינט „לייכטן״).

ווייל יעדעס וואָרט וואָס דער מענטש רעדט, גייט פריער דורך אין געדאַנק, אָבער דאָס וואָרט איז נישט בכוח אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק. יעדעס וואָרט איז בלויז אַ צענטל פון געדאַנק [8]).

דאָס חיות פון יעדן מענטשן, האָט דער בעש״ט געזאָגט, איז זיין דיבור. קומט אויס, אַז די רייד איז זיין חיות, און מיט יעדן וואָרט וואָס דער מענטש רעדט, ברענגט ער אין זיך אַריין אַ ניי חיות [9]).

און פאַרוואָס איז די שכינה אין גלות? ווייל דאָס וואָרט איז אין גלות, האָט דער בעש״ט געזאָגט [10]). ווייל מיט יעדן וואָרט ווערט באַשאַפן אַ וועלט, אָבער אַז מען רעדט דברים בטלים, און אַ מחשבה זרה הערשט איבערן וואָרט, געפינט זיך דעריבער די שכינה אין גלות [11]).

אַלע תלמידי הבעש״ט האָבן שטאַרק מזהיר געווען דעם מענטשן, ער זאָל זען אַז דאָס וואָרט זאָל זיין חשוב ביים מענטשן [12]).

חסידות האָט געהאַלטן, אַז יעדער צדיק איז דאָך כסדר דבוק מיט זיין מחשבה אין די העכערע וועלטן, דעריבער זיינען אויך זיינע רייד הייליק. דערפאַר האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז דאָס לערנט אונז דער מאמר חז״ל [13]): „שיחות חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד״. דאָס מיינט: די רייד פון אַ צדיק, וואָס ער איז יעדע רגע דבוק אין אויבערשטן, אויך זיינע פשוטע דיבורים, דאַרף מען לערנען.

דער מענטש דאַרף אָבער זיין אָפּגעהיט מיט זיינע רייד, נישט בלויז ווען ער לערנט, נאָר אויך אין דער גאַס, אין מאַרק, ווען ער רעדט מיט זיין פריינט דאַרף ער זיין נזהר מיט זיין דיבור.

ווייל אין יעדן וואָרט זיינען פאַראַן „יחודים״, און נאָר דער בעש״ט

6) בראשית ו׳, ט״ז — דו זאָלסט מאַכן אַ גיבלדאַך צו דער תיבה.

7) „צוואת הריב״ש״.

8) „דגל מחנה אפרים״, אין די ליקוטים, מיטן אָנהויב וואָרט: „מלכותך״: „שמעתי בשם אבי זקני (בעש״ט) כי הדיבור הוא חלק „זיין״ או חלק „יוד״ מהמחשבה״.

9) „ערבי נחל״, פרשת וישלח, אין נאָמען פון בעש״ט.

10) „כתבי קודש״, דף כ״ב, עמוד ב׳.

11) „דודאים בשדה״, פרשת וירא.

12) „זוהר חי״, אין דער הקדמה, דף א׳, עמוד א׳.

13) סוכה, דף כ״א, עמוד א׳.

האָט געקאָנט מייחד זיין „יחודים" אויך מיט יעדער פּשוטער מעשה וואָס ער האָט דערציילט [14]).

אויך דוד המלך האָט געקאָנט גיין אין די גאַסן און מאַרקן און רעדן פּשוטע רייד, און פון די דאָזיקע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט אַ גאַנצן טאָג, האָט ער דערנאָך בײַנאַנד געמאַכט אַ קאַפּיטל תהלים [15]). און דאָס האָט דוד המלך געזאָגט [16]): „ואתהלכה ברחבה, כי פיקודיך דרשתי" — און לאָמיר אומגיין אין דער ברייטעניש, וואָרים דיינע באַפעלן האָב איך געזוכט — „ברחבה" מיינט אין די רחובות, גאַסן. „כי פיקודיך דרשתי", ווייל איך האָב גאָרנישט פאַרלאַנגט פון דער וועלט, נאָר די יחודים, איך זאָל קענען מייחד זיין קודשא בריך הוא מיט דער שכינה.

***

דער עיקר פון יעדער זאַך איז די מחשבה, האָט דער בעש"ט געזאָגט.

ווען מען זעט אַ כלי, איז דאָך די כלי אַ שטיק חומר. נאָר צוליב דער מחשבה פון מייסטער איז זי געוואָרן אַזאַ־און־אַזאַ כלי. קומט במילא אויס, אַז דאָס אויסזען פון דער כלי איז אָפּהענגיק פון דעם געדאַנק פון קינסט־לער. ווי עס שטייט: „סוף מעשה במחשבה תחילה" — צום סוף איז געווען די מעשה, אָבער פריער איז געווען די מחשבה.

און עס ווערט דערציילט, אַז דער בעש"ט האָט געקענט דערקענען אין אַ כלי נישט בלויז ווער עס האָט זי געמאַכט, נאָר אויך וואָס פאַראַ מחשבות דער קינסטלער האָט געהאַט בעת ער האָט געמאַכט די כלי [17]).

דער געדאַנק אַז „כוח הפועל בנפעל", אַז דער כוח פון מייסטער געפינט זיך אין ווערק פון מייסטער, ווערט אויך געבראַכט אין נאָמען פון בעש"ט [18]), און עס ווערט דערציילט, אַז ווען מען האָט געבראַכט פאַרן בעש"ט אַ כלי אָדער אַ שטול, האָט ער איבערגעגעבן די מחשבות וואָס דער קינסטלער האָט געהאַט בעת ער האָט די כלי געמאַכט [19]).

און נישט בלויז אין אַ כלי האָט דער בעש"ט געקאָנט דערקענען די געדאַנקען פון מייסטער, נאָר אויך ווען ער האָט געהערט עמעצן שפּילן, האָט ער דערקענט אין די טענער פון פידל וואָס דער שפּילער טראַכט בעתן שפּילן [20]).

14) „תולדות יעקב יוסף", אָנהויב פּרשת שמות.
15) „דגל מחנה אפרים", פּרשת תצא.
16) תהלים קי"ט, מ"ה.
17) „כתבי קודש", דף כ"ו, עמוד א'.
18) אין ספר „„אוצר חסד", דף פ"ו.
19) זע אויך „היכל הברכה", פּרשת מקץ, דף רל"ח, עמוד א'.
20) „ליקוטי מהר"ן", אות רכ"ה, און „אור המאיר", פּרשת האזינו.

מחשבה איז לויט חסידות פאַרבונדן מיט כוונה. דער מענטש דאַרף האָבן ריינע מחשבות און ערלעכע כוונות.

אויב דער מענטש האָט נישט קיין ריינע כוונות, פועלן גאָרנישט אַלע זיינע מעשים טובים.

ווי עס ווערט געבראַכט [21], אַז דער רבי ר׳ אַברהם מרדכי פון פינטשעוו האָט דערציילט, אַז דער בעש״ט האָט אַמאָל געזען אַ צדיק, וואָס האָט עוסק געווען אין פרישות און אין סיגופים. האָט דער בעש״ט געזאָגט: „אויף יענער וועלט לאַכט מען פון אים, ווייל ער האָט געהאַט אַ כוונה נישט לשם שמים. דער צדיק וואָלט געקאָנט קומען צו דער מדריגה צו האָבן רוח הקודש, נאָר ווייל ער האָט געהאַט אַ כוונה שלא לשם שמים, האָט ער פאַרלוירן אַלע מדריגות [22]).

בפרט, האָט דער בעש״ט געלערנט, דאַרף דער מענטש האָבן ריינע כוונות ביים דאַווענען. טאָמער האָט דער מענטש געהאַט נישט קיין אמתע און ערלעכע כוונות ביים דאַווענען, גייען די תפילות נישט אַרויף אין הימל אַריין.

און עס ווערט דערציילט: איינמאָל איז דער בעש״ט געקומען אין אַ שטאָט און איז געגאַנגען אין בית־המדרש. ער האָט זיך געשטעלט פאַר דער טיר פון בית־המדרש און האָט געזאָגט, אַז ער קאָן נישט אַריינגיין, ווייל דער בית־המדרש איז פול...

האָבן די חסידים אַריינגעקוקט אין בית־המדרש און האָבן דאָרט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. האָט דער בעש״ט צו זיי געזאָגט: „דער בית־המדרש איז פול מיט תורה און תפילה, וואָס איז געבליבן צווישן די ווענט פון בית־המדרש און נישט אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין״.

און דער בעש״ט האָט דערנאָך מסביר געווען פאַר זיינע תלמידים, אַז „די מענטשן האָבן טאָקע געלערנט תורה און מתפלל געווען, זייערע תפילות און זייער לערנען זיינען אָבער נישט געווען יוצאים מן הלב בכוונה שלימה״ — נישט אַרויסגעגאַנגען פון האַרצן און זיינען נישט געווען מיט ריינע כוונות, דעריבער איז די גאַנצע תורה און די תפילות געבליבן אין בית־המדרש [23]).

דער מענטש קאָן אָבער אַמאָל האָבן „חלישת הדעת״ און ער קאָן אַראָפּפאַלן פון אַלע מדריגות, דאַרף קומען אַ צווייטער מענטש און אים אַרויסהייבן, אים מחזק זיין. דעמאָלט קריגט ער צוריק זיינע פריערדיקע מדריגות. אַזוי האָט זיך געטראָפן מיט דעם בעש״ט אַליין:

דער בעש״ט האָט איינמאָל געקראָגן חלישות הדעת און ער איז

21) ספר „אוצר החיים״.

22) „מאירת עינים״.

23) „באר משה״ געבראַכט אין „מאירת עינים״.

אַראָפּגעפאַלן פון זיינע מדריגות. איז געקומען איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים באימה ופחד, און ער האָט אַ זאָג געגעבן: „רבי!" האָט דער בעש"ט צוריק געקראָגן אַלע זיינע מדריגות [24]). דערמיט וואָס דער תלמיד האָט דעם בעש"ט גערופן „רבי", האָט ער אים מחזק געווען, און דערפאַר האָט דער בעש"ט צוריק געקראָגן זיינע הויכע מדריגות.

דעריבער דאַרף דער מענטש כסדר האָבן ריינע מחשבות און זיין אָפּגעהיט מיט זיין דיבור. ווען דער מענטש רעדט גוטע רייד, איז דער דיבור דאָס חיות פונעם מענטשן און ער איז משפיע מער חיות פון אויבן.

און אויב דער מענטש אַרבעט אויס זיין מחשבה, אַז זי קומט צו שלימות, ווערט זיין דיבור מקוים.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן בעש"ט, אַז ער איז אַמאָל, ווינטער־צייט, געגאַנגען מיט זיין תלמיד אין מקוה אַריין. עס איז געווען אַ ברענענדיקער פּראָסט אין דרויסן און עס האָבן אַראָפּגעהאָנגען אייז־צאַפּנס פון די דעכער, וואָס ווערן אָנגערופן „סנאָפּיס". דער בעש"ט איז געווען אין מקוה עטלעכע שעה און דאָס ליכטל האָט שוין אָנגעהויבן צו צאַנקען. האָט דער בעש"ט געזאָגט צו זיין תלמיד בזה הלשון: „דאַרניע (טיפּש), נעם אָן אייז־סנאָפּ פון דאַך און צינד אים אָן, ווייל ווער עס האָט געזאָגט אַז בוימל זאָל ברענען, דער קאָן אויך זאָגן אַז דער אייז־צאַפּן זאָל ברענען..."

און דער אייז־צאַפּן האָט טאַקע אָנגעהויבן צו לייכטן [25]). אָט אַזוי האָט דער בעש"ט געלערנט דאַרף דער מענטש האָבן ריינע מחשבות ביים דאַווענען און אין אַלע זיינע מעשים, וואָס ער טוט.

24) „אוצר החיים", אין דער הקדמה, געדרוקט אין חומש במדבר און אין „היכל הברכה, פרשת תשא, און אין „נתיב מצותיך", נתיב התורה, שביל א', אות יו"ד.

25) „נוצר חסד", פ"ו, אָנהויבנדיק מיט די ווערטער „אהבה נטיות".

קאַפּיטל לד

תעניתים און תשובה

דער אַסקעטיזם ביי די מקובלים פאַרן בעש"ט. — דער בעש"ט איז קעגן סגופים און תעניתים. — ווי דער בעש"ט האָט זיך נוהג געווען איידער ער איז נתגלה געוואָרן.

ר' ישראל בעל־שם־טוב איז מיט זיין נייער שיטה פון חסידות געווען אַ רופא צו די יידן דערמיט וואָס ער האָט געלערנט, אַז דער ייד זאָל תמיד לעבן בשמחה („לחיות תמיד בשמחה") און אַז ווען אַפילו אַ ייד האָט געטאָן אַן עבירה, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין עצבות („כשנכשל בעבירה לא ירבה בעצבות"). אָט דאָס האָט אַ סך געהאָלפן, אַז דער ייד זאָל ווערן קערפּערלעך געזינטער. דער בעש"ט האָט אויך געלערנט מען זאָל זיך נישט קיין סך מסגף זיין און נישט פאַסטן, וואָס דאָס האָט אויך געהאָלפן, אַז דער ייד זאָל נישט אַריינפאַלן אין קיין מרה שחורה און זיך נישט פּייניקן ביז כלות הנפש, אַזוי ווי עס איז געווען אין זיין צייט פאַלן, אַז יידן האָבן זיך געפּייניקט ביז זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם שלמה מימון אין זיין אויטאָביאָ־גראַפיע [1]:

„אין דער שטאָט לוביטש האָט געלעבט אַ באַוואוסטער געלערנטער ייד, ר' שמעון, וואָס זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען צו לייטערן זיין נשמה דורך שטרענגער תשובה. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט די „תשובת הקנה", דאָס הייסט, זעקס יאָר כסדר געפאַסט אַלע טאָג, און אַלע אָוונטן ביים אָפּפאַסטן זיך, האָט ער נישט געגעסן קיין שום שפּייז וואָס קומט פון אַ בעל־חי, ווי, למשל: פיש, פליש, מילכיקע שפּייזן, האָניק וכדומה. ער האָט אָפּגעריכט „גלות", דאָס מיינט, ער האָט אַרומגע־וואַנדערט ווי אַן עלנטער נע־ונדניק, איז אין קיין שום אָרט נישט פאַר־בליבן קיין צוויי טעג און ער האָט געטראָגן אַ האָרענעם זאַק אויפן הוילן לייב. אָבער ר' שמעון לוביטשער האָט געמיינט, אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט גענוג געטאָן, אויף צו דערגרייכן אַ כפרה אויף זיינע כלומרשטע

1) ציטירט לויט דער יידישער איבערזעצונג פון א. ל. גאָלדשמידט, ווילנע, 1927, זייטן 132־137.

זינד, האָט ער אויף זיך גענומען די „תשובת המשקל" (די תשובה פון אָפּ־וועגונג), דאָס הייסט, אָפּצוּאָוועגן איטלעכע זינד און פּייניקן דעם גוף אין ערך צו דער וואָג. האָט ער אָבער אויסגערעכנט און געפונען, אַז די צאָל פון זיינע זינד איז צו גרויס, ער זאָל קאָנען קומען צו אַ „תיקון" דורך „תשובת המשקל". בכן האָט ער באַשלאָסן צו געפינען אַ כפּרה אויף זיינע זינד דורך אַ פּשוטן אופן: זיך לאָזן אויסהונגערן ביז צום טויט. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. נאָכדעם ווי ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אויף אַזאַ אופן, איז ער אויף זיין וואַנדער־וועג איינמאָל געקומען אין וואוין־אָרט פון מיין פאָטער, און נישט צו זאָגן קיינעם פון די שטוב־מענטשן אַ וואָרט, איז ער אַריין אין שייער און אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד אין חלשות. מיין פאָטער איז דעמאָלט צופעליק אַריין אין שייער, האָט ער געפונען אויף דער ערד ר' שמעונען, וואָס ער האָט אים געקענט שוין פון לאַנג, אַ האַלב־טויטן, מיט אַ זוהר אין דער האַנט.

„אַזוי ווי מיין פאָטער האָט אים שוין געקענט, האָט ער געבראַכט וויין און כל המינים אַנדערע דערפרישונגס־מיטלען, אָבער ר' שמעון האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערפון פאַרזוכן. מיין פאָטער האָט שטאַרק געבעטן ר' שמעונען עפּעס נעמען אין מויל אַריין צו דערכאַפּן די נשמה, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. און היות מיין פאָטער איז אין דער צייט געווען זייער פאַרנומען אין שטוב מיט אַרבעט, און ר' שמעון האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון מיין פאָטערס ווייטערדיקן צושטיין צו אים, האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות, זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, אַרויס פון שייער און צום סוף אַוועק פון דאָרף. אַז מיין פאָטער איז ווידער אַריין אין שייער און האָט דאָרט ר' שמעונען מער נישט געטראָפן, איז ער אים נאָכגעלאָפן און האָט אים געפונען ניט ווייט הינטערן דאָרף ליגן שוין אַ טויטן. די מעשה איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אומעטום אין יידישע קהילות, און ר' שמעון איז געוואָרן אַ קדוש.

„און אַן אַנדער חסיד, ר' יאָסל פון קלעצק, האָט גענומען אויף זיך אַיין קלייניקייט — צוצואיילן דאָס קומען פון משיח. צוליב דעם צוועק, האָט ער גענומען אויף זיך אַ שטרענגע תשובה, האָט געפאַסט הפסקות, געקייקלט זיך אין שניי, נישט געשלאָפן און אָפּגעריכט „תיקון חצות" וכדומה. ער האָט בתמימות געגלויבט, אַז מיט איטלעכער פון די דאָזיקע אָפּעראַציעס, פאַרטיליקט ער אַ גאַנצן לעגיאָן בייזע רוחות, וואָס שטייען משיחן אין וועג און לאָזן אים נישט קומען. דערצו זיינען נאָך צום סוף צוגעקומען אַ סך שטותערייען פון „פּראַקטישער קבלה". ער האָט געררויכערט קטורת, געמאַכט השבעות וכדומה ביז זיין שכל איז סוף־כל־סוף אינגאַנצן פאַרפינצטערט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער זעט גייסטער (מלאָכים) מיט אָפענע אויגן, האָט יעדן פון זיי אָנגערופן

מיטן נאָמען. ער האָט געשליידערט אַלץ אַרום זיך ווי אַ מטורף, געבראָכן פענצטער און אויוונס, מיינענדיק, אַז ער האַלט מלחמה מיט זיינע שונאים, די בייזע גייסטער (ממש ווי זיין פאַרגייער דאָן קיכאָט). ביז ער איז צולעצט געבליבן ליגן אויף דער ערד איינגאַנצן אָן כוחות. אַזוי איז דער דאָזיקער מענטש אַראָפּ פון זינען דורך זיין חסידות און זיינע פאַנטאַזיעס. און נאָר מיט פיל מי האָט זיך דעם פירשט ראַדזיווילס לייב־דאָקטאָר איינגעגעבן אים אויסצוהיילן, צו ברענגען אים צוריק צו זיך״.

מיר דאַרפן דאָ קודם־כל אָנווייזן, אַז דאָס וואָס שלמה מימון רופט אָן ר׳ יאָסל פון קלעצק חסיד, אַז ער האָט נישט געהערט צו דער „כת החסידים״ פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. עס זיינען געווען חסידים נאָך פאַרן בעל־שם־טוב, וואָס זיי ווערן אָנגערופן „חסידים ראשונים״ (זע: קאַפּיטל ט״ז).

די דאָזיקע צוויי יידן, וואָס שלמה מימון דערציילט וועגן זיי, זיינען נישט געווען קיין יחידים. עס זיינען דעמאָלט געווען אַ צאָל אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך מסגף געווען און געפּייניקט ביז צום טויט.

עס ווערט דעריבער נאָך פאַרשטענדלעכער די גרויסקייט פון בעש״ט, וואָס האָט געלערנט, אַז דער ייד דאַרף זיך נישט מסגף זיין, נישט זיין בצער, נאָר תמיד זיין בשמחה...

ווי גרויס איז דאָס וואָרט, וואָס ווערט נאָכגעזאָגט פון קאָצקער רבין, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ווען אַ ייד זינדיקט איז די בעסטע תשובה — פאַרגעסן די עבירה, ווייל וואָס קומט אַרויס ווען מען טראַכט וועגן דער זינד? עס איז „ווידער געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע און אָבעראַמאָל גע־טאָפּטשעט אין דער בלאָטע — בלאָטע בלייבט בלאָטע...״

***

דער בעש״ט איז שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן אַסקעטיזם, און עצבות. ער האָט געוואָרנט זיינע חסידים און זיינע אייגענע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט מסגף זיין.

אין אַ בריוו פון בעש״ט[2] צו זיין תלמיד ר׳ נחמן האָראָדענקער, פון יום ג׳ פרשת חקת שנת תיק״ח (1758) לק״ק אוסטראהא, שרייבט דער בעש״ט: „...והנני להזהיר גדולים על הגדולים למעה״ש (למען השם) יזהירו בשמי לבלי לסגף א״ע ח״ו (את עצמו, חס ושלום) ובכל יום בין

2) פאַרעפנטלעכט אין „רשומות״, צווייטער טייל, זייטן 286־287. וועגן דער עכטקייט פון די בריוו זע: קאַפּיטל י״ד. און כאָטש מיר ווייזן דאָרט אָן אַז די בריוו זיינען שטאַרק מוטל בספק, באַנוצן מיר זיך אָבער דאָ מיט זיי, ווייל די בריוו שפּיגלען פאָרט אָפּ דעם בעש״ט׳ס שיטה לויט דער חסידישער מסורה.

רש״י ור״ת ישתה חלב חמה מבושלת בדבש ולאַקריץ כאשר למדתיו, כוס אחד ובערב על מטתו ימשח את רגליו בשמן זית מבושל בארבאר בארי וילביש באנפילות של פיטער ולמעה״ש להזהירו שלבל ילך למקוה כי אינו צריך למקוה כלל, רק יכוון בנטילת ידים שחרית, כאשר למדתיו, ובזה די והותר לו״ [3]).

אין יידיש מיינט עס אַזוי: „איך זאָג אָן אַלעמען, אַז זיי זאָלן זיך נישט פּייניקן, און יעדן טאָג צווישן די רש״י און רבינו תמ״ס תפילין זאָלן זיי טרינקען אַ גלאָז וואַרעמע מילך, געקאָכט אין האָניק און לאַקריץ, אַזוי ווי איך האָב זיי געלערנט, און אין אָוונט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, זאָלן זיי אויסשמירן זייערע פיס מיט בוימל, געקאָכט מיט אַראַבאַר בארי און זיי זאָלן זיך אָנטאָן פּיטערנע שיך און זיי זאָלן למען השם זיין גע־וואָרנט נישט צו גיין אין מקוה, ווייל זיי דאַרפן בכלל קיין מקוה נישט, נאָר זיי זאָלן מכוון זיין ביים וואַשן זיך אינדערפרי, אַזוי ווי איך האָב זיי געלערנט און דאָס איז איבער גענוג...״

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט ווי די מקובלים, וואָס האָבן געהאַלטן פון דער שיטה פון אר״י הקדוש, האָבן זיך מסגף געווען, תשובה צו טאָן אויף זייערע עבירות, קאָן מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש דאָס האָט אַרויסגערופן אין יידישן לעבן, ווען דער בעש״ט האָט געהייסן זיך נישט פּייניקן, נישט גיין אין מקוה, טרינקען אינדערפרי וואַרעמע מילך און זיך שמירן די פיס מיט בוימל; דאָס אַליין, וואָס מען האָט זיך ווייניקער געפּייניקט, נישט געגאַנגען אַזוי אָפט אין דער מקוה אַריין, וואָס אין ווינטער־צייט האָט אַ קאַלטע מקוה גורם געווען צו אַ פאַרקילונג, און דאָס וואָס מען האָט בעסער געגעסן און געטרונקען, האָט עס פאַרמינערט פאַרשידענע קראַנקייטן ביי יידן.

מיר ווייסן פון „שבחי הבעש״ט״, אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַליין איז יאָ געגאַנגען יעדן טאָג אין מקוה אַריין, אַפילו אין די גרעסטע פרעסט אין די ווינטער־חדשים, אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „שבחי הבעש״ט״ [4]), אַז „אח״כ (אחר כך) קבע דירתו בק״ק טלוסט, והיה שם ג״כ (גם כן) מלמד ולא היה ביכלתו לעשות לו מנין בביתו וקיבל אצלו אנשים והתפלל עמהם. והיה לבוש רק בטוזליק של קיטא ואצבעות הרגלים היו יוצאות דרך חורי המנעלים, כי היה עני מאד, והיה הולך קודם התפילה למקוה אפילו בתקופת טבת. ובשעת התפילה היו נוטפים ממנו זיעה טיפות כמו פולין, ואח״כ נזדמנו לו כמה חולאים ולא רצה לקבל אותם. עד שפעם אחת הביאו משוגע או משוגעת ולא רצה לקבל אותו. ובלילה הגידו לו

3) מיר האָבן די דערקלערונגען פון ראשי־תיבות ווערטער געשטעלט אין האַלבע לבנות.

4) ש. א. האָראָדעצקיס אויסגאַבע, פאַרלאַג „עינות״, בערלין תרפ״ב, זייט 23.

שמלאו לו ששה ושלושים שנה ובבקר חשב חשבונו והיה כן. וקיבל אותו המשוגע וריפא אותו ועזב את המלמדות וקיבל את חמי ז״ל לסופר והיו נוסעים אליו מכל המקומות״.

אין יידיש הייסט עס: „דערנאָך האָט ער (דער בעש״ט) זיך באַזעצט אין טלוסט און ער איז אויך דאָרט געווען אַ מלמד. און ער האָט נישט געקאָנט מאַכן אַ מנין אין זיין הויז. עס פלעגן צו אים קומען מענטשן, האָט ער מיט זיי צוזאַמען געדאַוונט. און ער איז געגאַנגען אַנגעטאָן אין אַ זומערדיקן טיזליק און די פינגער פון זיינע פיס האָבן אַרויסגעשטאַרצט דורך די לעכער פון די שטיוול, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. און ער איז געגאַנגען אין דער מקוה אַריין פאַרן דאַוונען, אַפילו אין דער תקופת טבת און בשעת דעם דאַוונען האָבן פון אים געטריפט טראָפּנס שוויס, גרויס ווי אַרבעס. דערנאָך זיינען צו אים געקומען אַ סך קראַנקע, אָבער ער האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען. ביז איינמאָל האָט מען צו אים געבראַכט אַ משוגענעם, אָדער אַ משוגענע, און ער האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען און בייגאַכט האָט מען אים געזאָגט, אַז ער איז אַלט געוואָרן זעקס און דרייסיק יאָר, און אין דער פרי האָט ער אויסגעקחשבונט און ער האָט געזען, אַז עס איז ריכטיק, האָט ער אויפגענומען דעם משוגע־נעם און ער האָט אים אויסגעהיילט און ער האָט פאַרלאָזט דאָס מלמדות און ער האָט צוגענומען מיין שווער פאַר אַ סופר און מען איז צו אים געפאָרן פון אַלע מקומות...״

כדי צו פאַרשטיין די סתירה צווישן דעם „שבחי הבעש״ט״ און דעם בריוו וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט, מוזן מיר וויסן, אַז די אבות־החסידות האָבן געהאַלטן, אַז זיי אַליין, די מנהיגים, דאַרפן זיך מסגף זיין, אַ סך פאַסטן, אָפּריכטן גלות, אָבער דער המון־עם, די פשוטע חסידים, דאַרפן זיך נישט אַזוי פירן.

אין דער זעלבער מעשה וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט ווערט אויך דערציילט [5], אַז דאָס האָט זיך פאַרלאָפן נאָך איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, און אַז דער מחבר פון „שבחי הבעש״ט״ האָט די מעשה געהערט פון זיין שווער [6], און דאָרט ווערט דערציילט, אַז איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, „האָט ער געהאַט אַ שענק אין אַ קליין דאָרף. און זיין דרך איז דעמאָלט געווען, אַז ווען ער האָט געבראַכט זיין ווייב בראָנפן, פלעגט ער אָפּריכטן התבודדות אויף דער אַנדערער זייט טייך

5) „שבחי הבעש״ט״, זייט 22.

6) דער „שבחי הבעש״ט״ איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין קאָפּוסט, אין יאָר תקע״ה (1815). דאָס מעשה־ביכל איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך ר׳ דוב בער ב״ר שמואל שוחט פון לינעץ, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ אלכסנדר שוחט, וואָס איז געווען אַ סופר פון קמיעות און סגולות ביים בעש״ט.

פרוט. דאָרט אין אַ פעלדז פון אַ באַרג, האָט ער געהאַט אַ שטיבעלע און ער האָט זיך מיטגענומען ברויט בלויז אויף איין סעודה, און ער האָט געגעסן בלויז איין מאָל אַ וואָך.

דערפון זעען מיר, אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַליין, האָט יאָ געהאַלטן פון סיגופים, בפרט די ערשטע צייט, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, אָבער די פשוטע אידן האָט דער בעש״ט געלערנט אַז דער דרך פון תשובה טאָן, איז נישט דורך זיך פייניקן נאָר די עיקר תשובה איז דורך שמחה „להיות תמיד בשמחה״...

פערטער טייל:

מנהגים וואָס דער בעש"ט האָט איינגעפירט

לה. דער נוסח התפילה פון די ערשטע חסידים

לו. דער נוסח התפילה וואָס ר' ישראל בעש"ט האָט איינגעפירט

לז. דער קאַמף פון די מתנגדים קעגן די חסידישע שוחטים

לח. פאַרש־ידענע מנהגים וואָס חסידות האָט איינגעפירט

לט. דער מנהג צו טראָגן שטריימלען און ווייסע קאַפּאָטעס

מ. דער מנהג פון לייגן יעדן שבת צו יעדער סעודה י"ב חלות

מא. דער מנהג צו געבן אַ „קוויטל" אַ רביין

מב. דעם „בעש"טיס סעודה"

מג. דער בעש"ט־מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור

קאַפּיטל לה

דער נוסח התפילה פון די ערשטע חסידים

דער איינגעשטעלטער „נוסח אשכנז". — חסידים הויבן אָן צו דאַווענען „נוסח ספרד". — דער „נוסח האר"י". — דער חרם קעגן חסידים ווייל זיי זיינען משנה דעם אָנגענומענעם נוסח התפילה.

ייִדן פון דייטשלאַנד און פוילן האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן געהאַט איין נוסח התפילה און דאָס איז געווען דער אַזוי־גערופענער „נוסח אַשכנז".

דער דאָזיקער נוסח איז איינגעשטעלט געוואָרן פון די ערשטע „חכמי אַשכנז", אין די צייטן פון רש"י, און דורך די „דורשי רשומות", ווי עס ווערט געבראַכט אין טור „אורח חיים" [1]), אַז די „דורשי רשומות, וואָס זיינען די חסידי אַשכנז, האָבן געציילט די אותיות פון יעדער תפילה און ברכה, וואָס מען האָט מתקן געווען [2]).

מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ שינוי אין דעם איינגעשטעלטן נוסח התפילה. אַנשטאָט דעם „נוסח אַשכנז", וואָס איז געווען אָנגענומען ביי אַלע יידן אין פוילן, האָבן חסידים אָנגעהויבן צו דאַווענען לויט דעם נוסח פון האר"י, וואָס ווערט אָנגערופן „נוסח ספרד".

דאָס משנה זיין דעם נוסח התפילה האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם ביי די מתנגדים. מען האָט אויף די דאָזיקע חסידים געקוקט ווי אויף „פורצי גדר" (זיי רייסן אויף די צוימען)... און אין די חרמות קעגן די חסידים פון בראָד און קראָקע ווערט דערמאָנט, אַז מען לייגט די חסידים אין חרם אַריין, ווייל זיי דאַווענען נישט לויטן אָנגענומענעם נוסח, נאָר לויטן „נוסח האר"י".

דאַרף מען מברר זיין, ווער האָט טאַקע איינגעפירט דעם דאָזיקן נייעם נוסח ספרד אין פוילן? איז דאָס געווען דער בעש"ט, צי האָט מען אויך געדאַוונט נוסח ספרד אין פוילן פאַרן אויפקום פון חסידות?

אין „שבחי הבעש"ט" ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן ר' גרשון

1) סימן קי"ג.

2) „דורשי רשומות, הם חסידי אַשכנז, אשר היו שוקלין וסופרין מספר מנין תיבות התפילות והברכות כנגד מה נתקנו".

קיטעווער, אַ שוואָגער פון בעש״ט, און דערפון דערוויסן מיר זיך, אַז דער בעש״ט האָט געדאַוונט פון דעם סידור פון האר״י.

אויך פון אַ מעשה וועגן די „דירזאַווצעס פון סלוצק״, וואָס ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״, דערוויסן מיר זיך, אַז דער בעש״ט האָט געדאַוונט נוסח ספרד, און דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן די שטאָט־בעלי־בתים [3].

די מעשה מיט ר׳ גרשון קיטעווער גייט דאָרט אַזוי [4]: איך האָב געהערט פון ר׳ פאַלק, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, אַז ווען ר׳ גרשון פון קיטעוו איז געפאָרן פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ משדך צו זיין זיין זון, האָט ער געזאָגט, איך וועל אַריינפאָרן צו מיין שוואָגער, דעם בעש״ט. ער איז צו אים געקומען ערב שבת. האָט זיך דער בעש״ט גע־שטעלט דאַוונען תפילת מנחה און ער האָט זייער מאריך געווען מיט זיין דאַוונען ביז די שטערן זיינען שוין אַרויסגעקומען. און ר׳ גרשון האָט אויך געדאַוונט פון דעם סידור פון האר״י, זכרונו לברכה [5].

פון דעם זאָץ, אַז: „ר׳ גרשון האָט אויך געדאַוונט פון דעם סידור פון אר״י הקדוש״, זעט מען, אַז דער בעש״ט האָט געדאַוונט פון אר״יס סידור.

פון דער דאָזיקער מעשה לערנען מיר אויך אָפּ, אַז די מקובלים האָבן געדאַוונט נוסח האר״י נאָך איידער חסידות האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַר־שפרייטן.

דאָס קאָן מען אויך אַרויסדרינגען פון דעם חרם קעגן די חסידים, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בראָד, ב׳ סיון, תקל״ב (1772).

צווישן די באַשולדיקונגען קעגן די חסידים ווערט אין דעם חרם געזאָגט:

„...און די זעלביגה (זעלביקע) לייט וואָש (וואָס) מאַכין (מאַכן) זיך מנהגים חדשים (נייע מנהגים), מאַכין זיך באַזונדרה (באַזונדערע) מנינים... און זענין משנה ממטבע שטבעו חכמים גדולי הפוסקים כל תקוני התפילות במדינות הללו (פון דעם, וואָס גרויסע חכמים און פוסקים האָבן איינגעשטעלט די תפילות אין די דאָזיקע לענדער), און זייגין עובר זמן קריאת שמע ותפילה און דווקאי בשנוי נוסחאות (און זיינען עובר אויף

3) „ובמנחה שמעו שהוא מתפלל נוסח ספרד חרה להם מאד״ — ביי מנחה האָבן זיי געהערט אַז ער (דער בעש״ט) דאַוונט נוסח ספרד, האָט עס זיי (די שטאָט־בעלי־בתים) שטאַרק פאַרדראָסן „שבחי הבעש״ט״, זייטן 87־88.

4) „שבחי הבעש״ט״, הוצאת ש. א. הורודצקי, תל־אָביב, תש״ך, זייט 104.

5) „שמעתי מר׳ פאלק, הנ״ל, כשנסע ר׳ גרשון פון קיטוב מא״י לחוץ לארץ לשדך את בנו, אמר, אגב אורחא, ת״ל שעברתי את הים, אסע לגיסי הבעש״ט. בא אליו בעש״ק. עמד הבעש״ט להתפלל תפילת מנחה והיה מאריך בתפילתו עד צאת הכוכבים, ור׳ גרשון התפלל גם כן מתוך הסידור של האר״י ז״ל״.

דער צייט פון זאָגן קריאת שמע און דאַווענען און זיינען דווקא משנה דעם נוסח), ניט מנהג מדינות הללו, וואָש אונזרה (וואָס אונזערע) גאונים קדמונים האָבן אונז מוסר גיוועזין (וואָס די פּאַרצייטיקע גאונים האָבן אונז איבערגעגעבן...) ... און זענין מתפלל מתוך הסידור של איש אלקי קדוש האר״י ז״ל, וואָש זיא (זיי) זיינין בוודאי קוצץ בנטיעות״ (האַקן אויס די פלאַנצונגען).

דערפון זעט מען, אַגב, אַז דער נוסח פון די חסידים איז נישט געווען דער ריינער „נוסח האר״י״, נאָר עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגענער חסידישער נוסח, וואָס ווערט אָנגערופן „נוסח ספרד״.

אין דעם זעלבן חרם ווערט געבראַכט:

„ובכן האָבן העדה הקדושה הנ״ל גוזר געווען בחרם הגדול והנורא, אַז מהיום והלאה (פון היינט אָן און ווייטער) חלילה, חלילה לכל בתי כנסיות והמניינים הקבועים שבקהלתנו (אַז שולן און איינגעשטעלטע מניינים פון אונזער קהילה), וואָש האָבין רשות מנין צו מאַכין בבתיהם (וואָס האָבן אַ דערלויבעניש צו מאַכן אַ מנין אין זייערע הייזער), חס ושלום משנה צו זיין ממנהג שלנו (פון אונזער מנהג), מנוסח התפילה האַשכנזית. ופשיטא, אַז קיינער טאָר זיך נישט דערוועגען להתפלל מתוך הסידור של האר״י ז״ל ושאר מקובלים. וכן חלילה לשום אדם מתפלל צו זיין רק בסדר תפילות האַשכנזים. מלבד השרידים אשר ד׳ קורא (די איבערגע־בליבענע, וואָס גאָט רופט) המתפללים תוך השטיבל הראשון שבצד הקלויז דקהלתנו, וואָש איז צלול וברור (דורכלויכטיג און קלאָר), אַז די לייט, וואָש דאָרטין האָבין קובע מקום גיוועזין להתפלל, זענין מלאים תורה הנגלית, גמרא ופוסקים ויש להן יד ושם בסתרי הקבלה און זענין שוין מכמה וכמה שנים מתפלל מתוך סידור האר״י ז״ל, וואָש האָבין נאָך געהאַט זייערע מנהגים בפני רבנים קשישאי (פאַר די אַלטע רבנים). די זעלביגי מפורסמים איז מותר להתפלל כמנהגם... וחוץ להשטיבל הס מלהזכיר לשום מנין לשנות מנוסח האשכנזית אף אות אחד... ולא כמנהגי הספרדים ... וכל זה וואָש איז מותר, איז היינו שהם בן שלושים שנה ומעלה (פון איבער דרייסיק יאָר אַלט) אובער (אָבער) הפחותים מבן שלושים שנה (ווינציקער פון דרייסיק יאָר) חלילה וחלילה זיא (זיי) מצרף צו זיין להשטיבל הנ״ל...״

דערפון זעען מיר, אַז אין בראָד איז געווען אַ שטיבל, וואו מען האָט שוין פון פריער געדאַוונט לויטן נוסח האר״י הקדוש. דאָס זיינען געווען די מקובלים פון „חכמי הקלויז״ פון בראָד. אָט זיי האָט מען דערלויבט צו דאַווענען על פי „נוסח האר״י״, ווייל זיי זיינען „פול מיט תורה הנגלית און מיט גמרא ופוסקים״, און ווייל זיי דאַווענען שוין פון לאַנג, לויט דעם דאָזיקן נוסח. אָבער אויך דאָרט מעגן דאַווענען לויט „נוסח האר״י״ בלויז

די וואָס זיינען שוין עלטער פון דרייסיק יאָר...

אויך אינעם חרם פון קראָקע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן די חסידים אין יאָר 1785, ווערט געזאָגט, אַז: „ולא שמענו מעולם (מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט), אַז עס זאָל ווער האָבין משנה גיוועזין מן נוסח התפילה שיסדו לנו קדמונינו עפ״י מנהגו של מאור עינינו הגאון אמיתי רמ״א ז״ל. און כדי די קרעץ זאָל זיך ניט אויסשפּרייטן איז מען גוזר בחרם יב״ן (יהושע בן נון), אַז מהיום והלאה (פון היינט אָן און ווייטער) זיך ניט דערוועגין שום אחד מקהלתנו צו מאַכין מנין לשנות נוסח התפילה...״

אויך אין דעם בריוו, וואָס דער בריסקער גאון, ר׳ אברהם קצנלבוגן, האָט געשריבן צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען רב אין זשעלעכאָוו, פרעגט ער ר׳ לוי יצחקן פאַרוואָס די חסידים זיינען משנה פון „נוסח אַשכנז״ אויף „נוסח ספרד״?

דער דאָזיקער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תקמ״ד (1784), נאָכדעם ווי דער בריסקער גאון האָט דורכגעפירט אַן עפנטלעכן וויכוח אין פּראָגע, לעבן וואַרשע, מיט ר׳ לוי יצחקן. אין דעם דאָזיקן בריוו שטעלט אים דער בריסקער גאון זיבן פראַגעס, און די ערשטע פראַגע איז: „פאַרוואָס זיינען די חסידים משנה פון ׳נוסח אַשכנז׳ אויף ׳נוסח ספרד׳?״ די צווייטע פראַגע איז: „פאַרוואָס זאָגן ניט די חסידים אין ׳יוצר׳: ׳אור חדש על ציון תאיר׳? און פאַרוואָס שרייען זיי ביים דאַווענען און מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען, טאַנצן און שפּרינגען ווי משוגעים?״.

פון דעם אַלץ זעען מיר, אַז מתנגדים זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די חסידים, וואָס האָבן איינגעפירט אַ נייעם נוסח אין דאַווענען — דעם „נוסח ספרד״, און מען האָט די חסידים דערפאַר געלייגט אין חרם אַריין.

אָבער צי האָבן מיר ידיעות, אַז די חסידים האָבן געהייסן דאַווענען „נוסח ספרד״? אפשר האָבן בלויז איינצלנע חסידים אַזוי געדאַוונט?

דער בעש״ט אַליין און די תלמידים פון בעש״ט האָבן טאַקע געדאַוונט „נוסח האר״י״, פונקט אַזוי ווי עס האָבן געדאַוונט מקובלים פאַר די צייטן פון בעש״ט. אָבער עס זיינען אויך געווען מקובלים בימי הבעש״ט, וואָס, לויט דער מסורה, זיינען זיי געווען תלמידים פון בעש״ט און זיי האָבן נישט געוואָלט משנה זיין דעם נוסח התפילה און האָבן געדאַוונט „נוסח אַשכנז״. לדוגמא וועלן מיר דערמאָנען דעם מקובל ר׳ ליבער פון באַרדיטשעוו, וואָס אין דעם בית־המדרש וואו ער האָט געדאַוונט און וואָס איז געוואָרן אָנגערופן אויף זיין נאָמען, האָט מען געדאַוונט „נוסח אַשכנז״ ביז די גאָר לעצטער יאָרן [6].

6) זע: ש. א. הורודצקי: „החסידות והחסידים״, חלק ב׳, זייט 79.

דעם ערשטן מקור וועגן דעם, אַז חסידים דאַוונען נוסח האר״י, האָבן מיר פון די כתבים פון רבין ר׳ דוב בער פון מעזעריטש. אין זיין ספר „מגיד דבריו ליעקב״ [7]) שרייבט ער, אַז די יידן זאָלן דאַוונען פון אר״י הקדושס סידור: דער אַר״י הקדוש, וואָס אַלע וועגן פון הימל זיינען אים געווען קלאָר, האָט געלערנט דאָס פאָלק און ער האָט מתקן געווען אַ סידור, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון פאַרשידענע נוסחאות... דעריבער זאָל יעדער איינער גיין אין זיין וועג, וואָס איז גלייך פאַר יעדן איינעם [8]).

דערפון לערנען מיר אָפּ, אַז אויב בימי הבעש״ט האָבן בלויז די תלמידים פון בעש״ט און יחידי סגולה געדאַוונט על־פי נוסח האר״י, האָט דער מעזעריטשער מגיד שוין געהייסן אַלע חסידים דאַוונען לויטן נוסח האר״י.

אויך דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, דער בעל „נועם אלימלך״, האָט געפּסקנט, אַז מען דאַרף דאַוונען נוסח ספרד.

דער „בית יוסף״ — שרייבט דער בעל „נועם אלימלך״ — ברענגט ביידע נוסחאות, „נוסח אַשכנז״ און „נוסח ספרד״. דערנאָך איז געקומען דער רמ״א און ער האָט געזען, אַז דער נוסח ספרד איז אַ גרויס ליכט, וואָס די וועלט קאָן עס נישט פאַרשטיין, האָט ער איינגעשטעלט דעם „נוסח אשכנז״, וואָס איז גוט פאַר יעדן איינעם. אָבער די צדיקים, וואָס זיינען מדקדק אין יעדער מצוה כחוט השערה, זיי האָט דער רמ״א זיכער נישט געמיינט, און זיי מעגן דאַוונען לויטן „נוסח ספרד״.

אויף דער פראַגע, אַז עס זיינען דאָך פאַראַן אַ סך חסידים, וואָס זיינען נישט אין דער מדרגה פון די צדיקים, פאַרוואָס זאָלן זיי דאַוונען „נוסח ספרד״? ענטפערט דערויף דער רבי ר׳ אלימלך מיט אַ משל פון קבלת התורה: „בעת די יידן האָבן מקבל געווען די תורה, האָט זיכער נישט געקאָנט יעדער ייד זיין אין דער מדרגה פון נבואה, אָבער ווייל זיי האָבן געגלויבט אין משה רבינו און האָבן זיך אין אים באַהאַפטן, און ער האָט אויף זיי משפיע געווען מיט זיין רוח הקודש, איז גלייך געווען ווי זיי וואָלטן אַליין געווען אין דער דאָזיקער מדרגה. און דורך דעם האָבן זיי אַלע געקענט מקבל זיין די תורה״ [9]).

דער נמשל איז, אַז דורך דער אמונה, וואָס דער חסיד האָט אינעם צדיק, גרייט דער צדיק אים צו, אַז דער חסיד זאָל אויך זיין אַ קדוש וטהור און אויך ער זאָל קענען מתפלל זיין לויטן „נוסח ספרד״.

7) ב׳, ט״ז.

8) „אלקי האר״י זצ״ל, בהיות נהירין ליה שבילין דרקיעא, לימד דעת את העם ותיקן סידור מלוקט מכמה נוסחאות... ע״כ כל אחד יאחוז דרכו של האר״י ז״ל, השוה לכל נפש״.

9) „אגרת הקודש״, געדרוקט אין סוף פון ספר „נועם אלימלך״.

אין אַ תשובה צו אַ חסיד, צי ער זאָל דאַווענען „נוסח ספרד״, ענט־פערט דער רבי ר׳ אלימלך: „איך בין שוין אַלט און איך פאַרשטיי די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן נוסח, אַזוי, אַז איך קאָן דאָס גאָרניט אַרויס־ברענגען בכתב און ווען איך זאָל אַפילו דאָס זאָגן מיט מיין מויל, ווייס איך אויך נישט צי מען וועט מיך פאַרשטיין. אָבער מען דאַרף דאַווענען אין דעם דאָזיקן נוסח״ (ספרד). און דער רבי ר׳ אלימלך רעכנט אויס וואָס אַ איד דאַרף זיין, כדי ער זאָל קענען פאַררעכנט ווערן פאַר אַ חסיד: ער זאָל נישט זאָגן קיין ליגן; ער זאָל קיינעם נישט שעלטן, אַפילו בלויז אין האַרצן; ער זאָל נישט טראָגן אויף קיינעם קיין שנאה, אַפילו בלויז אין האַרצן; ער זאָל נישט האָבן קיין גאווה, קיין קנאה און גלוסטונג צו געלט, און ער זאָל זיך שטראָפן, אַזוי ווי עס איז אייך באַקאַנט, אַז איך שטראָף זיך עפנטלעך און בין זיך מבייש ברבים... ווער עס האָט די דאָזיקע מידות, מעג אויך דאַווענען „נוסח ספרד״, ווייל „הבא לטהר מסייעין לו״ [10], און „איר זייט דאָך משתוקק צו קומען צו די דאָזיקע מידות. אויב נישט — חלילה להתפלל בנוסחא זו״ (זאָלט איר נישט מתפלל זיין אין דעם דאָזיקן „נוסח ספרד״)...

אָבער וואָס איז דער אונטערשיד צווישן נוסח ספרד און חסידישן נוסח? וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

10) „דער וואָס וויל זיך ריייניקן, העלפט מען אים״ (פון הימל) — שבת דף ק״ד, עמוד א׳.

קאַפּיטל לו

דער נוסח התפילה וואָס ר׳ ישראל בעש״ט האָט איינגעפירט

פון וועלכן סידור האָט דער בעש״ט געדאַוונט? — דער „נוסח ספרד״ און „חסידישער נוסח״. — ווען איז געדרוקט געוואָרן דער ערשטער חסידישער סידור? — די פיר נוסחאות אין דאַווענען. דער אונטערשיד פון די דאָזיקע נוסחאות.

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט ווי אַזוי אין די צייטן פון בעש״ט האָבן די מקובלים אין פוילן שוין געדאַוונט לויטן נוסח פון האר״י הקדוש, און אַז דער מעזעריטשער מגיד, דער תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָט געהייסן די חסידים זיי זאָלן דאַוונען לויטן „נוסח ספרד״, און אויך דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, דער תלמיד פון מעזעריטשער מגיד, האָט געפּסקנט, אַז חסידים דאַרפן דאַווענען לויטן „נוסח ספרד״, און אַז צוליב דעם, וואָס חסידים האָבן איינגעפירט אַ נייעם נוסח התפילה, האָט זיך קעגן זיי אויפגעהויבן אַ שטורעם מצד די מתנגדים און מען האָט דערפאַר די חסידים געלייגט אין חרם אַריין.

די מקובלים פאַר דעם בעש״ט און אין די צייטן פון בעש״ט, האָבן זיכער געדאַוונט פון דעם סידור פון האר״י הקדוש, וואָס זיי האָבן געהאַט בכתב־יד, אָדער געדרוקט אין אַנדערע לענדער און געבראַכט קיין פוילן. ווען איז אָבער צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן דער סידור מיטן איי־גענעם נוסח פאַר חסידים?

אָבער לאָמיר קודם־כל ברענגען וואָס דער מעזעריטשער מגיד, ר׳ דוב בער, דער הויפּט־תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, שרייבט וועגן דעם אין זיין ספר „מגיד דבריו ליעקב״ [1]:

„עס איז שוין באַוואוסט וואָס אונדזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז דרייצן השתחוויות (זיך בוקן) זיינען געווען אין בית־המקדש, קעגן די דרייצן טויערן. צוועלף טויערן זיינען, יעדער טויער פאַר יעדן שבט

1) דף כ״ב. געדרוקט דורך זיין תלמיד ר׳ שלמה פון לוצק אין יאָר תקמ״ד — 1744.

באַזונדער. ווי עס איז ידוע, איז דער בית־המקדש של מטה געווען אַקעגן דעם בית־המקדש של מעלה. קומט אויס, אַז אויך אין בית־המקדש של מעלה, איז אַ טויער פאַר יעדן שבט באַזונדער, ווי עס ווערט געבראַכט אין די כתבים פון האר״י ז״ל. און דער ענין פון תפילה איז, כדי יעדער איינער זאָל קאָנען אַרויפגיין דורך זיין טויער... און עס זיינען פאַר יעדן טויער פאַראַן באַזונדערע צירופים, דעריבער זיינען פאַראַן באַ־זונדערע נוסחאות. און דער דרייצנטער טויער איז פאַר דעם, וואָס געדענקט נישט זיין שבט און ער ווייסט נישט דורך וועלכן שער ער זאָל אַריינקומען אין הויף פון מלך. פאַר דעם איז פאַראַן דער דרייצנטער טויער. און דער געטלעכער האר״י ז״ל, וואָס די וועגן פון הימל זיינען אים געווען קלאָר און ער האָט געלערנט דעם פאָלק און דעם וואָס ווייסט נישט זיין שבט, און ער האָט מתקן געווען דעם סידור, צונויפגענומען פון פאַר־שידענע נוסחאות, וואָס זיינען באַוואוסט צו בקיאים אין דער צייט ווען מען ווייסט יעדן שבט און שבט און דעם נוסח וואָס געהערט צו יעדן שבט און שבט, איז זיכער בעסער אַריינצוגיין דורך זיין טויער, און ביי מיר איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענער טעם וועגן דעם. אָבער אין דער איצטיקער צייט, ווען מיר קענען נישט די שבטים, דאַרף דערפאַר יעדער גיין אין וועג פון האר״י ז״ל, וואָס איז גלייך צו יעדן איינעם״.

דעריבער האָבן די חסידים אָנגעהויבן צו דאַווענען לויטן נוסח פון האר״י.

אָבער די סידורים, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין פוילן פאַר די חסידים, שטייט אין זיי נישט אָנגעשריבן, אַז זיי זיינען לויטן נוסח האר״י, נאָר „נוסח ספרד״. און אין דער אמתן איז דער נוסח התפילה פון די חסידים ווייט פון דעם נוסח פון די ספרדים, נאָך אפשר מער ווי פון דעם נוסח פון די אשכנזים.

פופציק יאָר האָט געדויערט ביז די חסידים האָבן געהאַט אַן אייגענעם געדרוקטן סידור.

דער ערשטער סידור וואָס איז געדרוקט געוואָרן דורך די חסידים, איז דער סידור פון הרב ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער בעל „התניא״, וואָס איז צונויפגעשטעלט על־פי נוסח האר״י און ער איז אַרויס צום ערשטן מאָל אין שקלאָוו אין יאָר תקס״ג (1803).

פריער האָבן די חסידים זיך באַנוצט מיט די סידורים, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם, זשאָלקעווע און לעמבערג. דאָס זיינען געווען סידורים על־פי נוסח האר״י ז״ל. עס זיינען אָבער צווישן זיי אויך געווען סידורים, וואָס זיינען געווען על־פי נוסח אַשכנז, נאָר די כוונות זיינען געווען על־פי האר״י, ווי למשל, דער סידור „קול יעקב״ פון ר׳ יעקב קאָפּל איש ליפשיץ פון מעזעריטש, וואָס איז געדרוקט געוואָרן צום

ערשטן מאָל אין סלאַוויטע אין יאָר תקס״ה (1805) מיט דער הסכמה פון הרב ר׳ אשר פון אָסטראָהאָ און דאָרט ווערט אָנגעגעבן, אַז „איך האָב גע־הערט זאָגן, אַז דעם דאָזיקן סידור האָט געזען דער נשר הגדול (דער גרויסער אָדלער) קדוש עליון מ״ו הבעש״ט... וישר בעיניו״ (און ער איז אים געפעלן).

ווייסן מיר נישט, צי דער בעש״ט האָט טאַקע געדאַוונט פון אָט דעם סידור, הגם עס איז פאַראַן אַ סידור אין כתב־יד און עס איז מקובל, אַז דער בעש״ט האָט אין אים געדאַוונט. אָבער זיכער איז מען נישט [2].

הרב אהרן ווערטהיים ווייזט אויף, אַז דער סידור פון הרב מליאַדי, פון בעל „התניא״, איז נישט אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע חסידים, ווייל ער האָט אַריינגעבראַכט אין אים אַ סך נוסחאות, וואָס זיינען נישט אָנ־גענומען געוואָרן ביי אַלע חסידים, נאָר ביי די „חסידי חב״ד״. די אַנדערע חסידים, פונעם צווייטן דור פון בעש״ט, האָבן געדאַוונט פון סידור האר״י, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר תקמ״ד (1784). זיי האָבן נישט געוואָלט דאַוונען אין אַן אַנדערן סידור, ווייל אויך ר׳ פנחסל קאָריצער האָט געדאַוונט פון דעם דאָזיקן סידור.

און וואָס איז פאַרט דער נוסח פון די חסידים, וואָס ווערט אָנגערופן „נוסח ספרד״?

דאַרפן מיר קודם־כל דערקלערן וואָס עס איז „נוסח האר״י״.

דער האר״י הקדוש, וואָס האָט געלעבט אין אַ ספרדישער סביבה, האָט גענומען דעם ספרדישן סידור און ער האָט אַריינגעבראַכט זיינע שינויים על־פי קבלה.

די חסידים האָבן אָבער געלעבט אין אַן אַשכנזישער סביבה, האָבן זיי גענומען די „כוונות פון האר״י״ און האָבן זיי אַריבערגעפירט אין דעם אַשכנזישן נוסח, אַזוי אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגענער חסידישער נוסח.

דער נוסח פון די חסידים איז אָבער נישט קיין איינהייטלעכער.

אַלס ביישפּיל וועלן מיר דאָ אָנגעבן פאַרשיידענע חסידישע נוסחאות אין דער ברכה „רפאנו״ פון דער שמונה עשרה:

1) „והעלה רפואה שלמה לכל מכותינו״ — ווי עס איז אין דעם „נוסח אַשכנז״.

2) „והעלה ארוכה ורפואה שלמה לכל מכותינו״ — אַזוי איז אין סידור פון הרב מליאַדי, וואָס דאָס איז דער סידור פון די חב״דער חסידים.

2) וועגן דעם דאָזיקן ענין האָט אָנגעשריבן אַ גאָר וויכטיק קאַפּיטל הרב דר. אהרן ווערטהיים אין זיין ספר: „הלכות והליכות בחסידות״, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, תש״ך, שער שלישי, „התפילה בעולם החסידות״.

3) „והעלה ארוכה ומרפא לכל תחלואינו ולכל מכאובינו ולכל מכו־תינו״.

4) „והעלה ארוכה ומרפא לכל תחלואינו ולכל מכאובינו רפואה שלמה לכל מכותינו״ — אַ צונויפמישונג פון נוסח אַשכנז און נוסח ספרד צוזאַמען.

ווי אַזוי איז פאָרגעקומען אַזאַ צונויפמישונג?

על־פי רוב, זיינען אין דעם שולדיק די דרוקער, וועלכע האָבן גע־וואָלט אַרויסגעבן סידורים, וואָס זאָלן זיין גוט אי פאַר די וואָס דאַווענען „נוסח אַשכנז״ און אי פאַר די וואָס דאַווענען „נוסח ספרד״, האָבן זיי אָנגעגעבן איין נוסח, לאָמיר זאָגן דעם „נוסח אַשכנז״, און דעם „נוסח ספרד״, האָבן זיי ביי יעדן זאַץ, וואו עס איז פאַראַן אַן ענדערונג, געגעבן אין קלאַמערן; זיינען געקומען אַנדערע דרוקער און האָבן, על־פי טעות, אויס־געלאָזט די קלאַמערן און עס האָבן זיך צונויפגעמישט צוויי נוסחאות אין איין נוסח.

דער מונקאַטשער רבי, ר׳ חיים אלעזר שפירא, האָט וועגן דעם גע־שריבן אַן אויספירלעכן מאמר [3], אין וועלכן ער ווייזט אָן ווי אַזוי עס זיינען צוליב דעם „בחור הזעצער״ אויסגעמישט געוואָרן פאַרשידענע נוסחאות [4].

הרב ווערטהיים האָט אין פריער־דערמאָנטן ספר אויך אַן אויספירלעך קאַפּיטל וועגן די פאַרשידענע ענדערונגען וואָס זיינען פאַראַן אין „נוסח אַשכנז״, „נוסח חב״ד״ און דער אָנגענומענער נוסח פון די חסידים. ער ברענגט דאָס גאַנצע דאַווענען, אין דער וואָכן, שבת און ימים־טובים און גיט אָן אַלע ענדערונגען מיט דערקלערונגען.

אָבער, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז דער נוסח פון די חסידים אויך נישט קיין איינהייטלעכער.

געווען רביים, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט געוויסע ענדערונגען אין נוסח התפילה און די חסידים האָבן זיך געמאַכט אייגענע שטיבלעך וואו זיי האָבן געדאַוונט לויט דעם דאָזיקן נוסח.

אַמאָל האָט צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די חסידים און די רעגירונג האָט זיך געמוזט אַריינמישן.

אַזוי ברענגט הרב ווערטהיים אין זיין פריער־דערמאָנטן ספר [5], אַז עס זיינען אין די אוקראַאינישע שטעטלעך אויסגעבראָכן קריגערייען צווישן די חסידים, שבת ביים דאַווענען, צוליב דעם נוסח פון דער „קדושה״. אַ

3) „מאמר נוסח התפילה״, אין ספר „חמישה מאמרות״, בערעגסאַס, תרפ״ב — 1922.

4) אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט האָט אויך וועגן דעם געשריבן מ. ר. מדן: „תפילת החסידים״, אין דעם זשורנאַל „מחניים״, ערב חג השבועות, תש״ך.

5) זייט 97.

טייל חסידים האָבן געזאָגט „כדבר האמור על יד נביאך״ און אַנדערע חסידים האָבן געזאָגט „ככתוב על יד נביאך״. זיינען חסידים אָנגעפאַלן איינער אויפן צווייטן און עס האָט געדאַרפט קומען דער רוסישער „פּריס־טאַוו״ אין שטיבל אַריין און ער האָט געצוואונגען דעם חזן צו זאָגן „ככתוב״ נישט „כדבר האמור״, די חסידים האָבן, נעבעך, אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי געמוזט זאָגן „ככתוב״ כאָטש דער רבי האָט געהייסן זאָגן „כדבר האמור״.

עס זיינען אויך געווען חסידים, וואָס האָבןביים קדיש געזאָגט „וקרב קץ משיחה״ און מען האָט די דאָזיקע חסידים גערופן די „קצניקעס״. עס פלעגן אויסברעכן שטאַרקע מחלוקתן צוליב דעם וואָרט „קץ״, צי מען זאָל יאָ זאָגן „קץ״, צי נישט.

די „קצניקעס״ זיינען געווען חסידים פון דער טשערנאָבילער דינאַס־טיע, ווייל זיי האָבן געהאַט בקבלה פון רבין ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער [6]), וואָס האָט געזאָגט: איצט איז שוין די צייט, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָרן פון חבלי משיח, דעריבער האָט ער איינגעפירט צו זאָגן אין קדיש „ויקרב קץ משיחה״, ווייל „צו דעם אָנהויב פון ביאת המשיח האָבן מיר שוין דערגרייכט און מיר דאַרפן נאָר מתפלל זיין וועגן דעם קץ פון דער גאולה״. צוליב דעם זעלבן טעם האָט דער טשערנאָבילער מגיד אויך מבטל געווען דעם מנהג פון אָפּריכטן חצות, וואָס דאָס איז צו פאַרלייכ־טערן די חבלי משיח, ווייל די חבלי משיח, האָט ער געהאַלטן, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן [7]).

די פראַגע, צי מען מעג משנה זיין דעם אָנגענומענעם נוסח אשכנז אויף נוסח ספרד, איז כסדר אויפגעשוואומען, וואו חסידות האָט זיך פאַרשפּרייט, און חסידים האָבן געשאַפן אייגענע מנינים צום דאַווענען.

דער רבי ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל, האָט אין זיין ספר שאלות ותשובות „השיב משה״ [8]) אַ שאלה וועגן דעם און ער פסקנט, אַז די חסידים מעגן דאַווענען לויטן נוסח „האר״י הקדוש״.

די זעלבע שאלה איז אויך פאַראַן אין ספר שו״ת „דברי חיים״, פון רבין הגאון ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז, ער שרייבט [9]), אַז מען האָט אים געפרעגט די שאלה פון דער שטאָט קליין־וואַרדיין, אונגאַרן, און אַז דער שואל פאַררופט זיך אויפן גאון ר׳ משה סופר פון פרעשבורג, וועלכער שרייבט אין שו״ת ספר „חתם סופר״ [10])׳ אַז דער האר״י האָט מכוון געווען

6) ר׳ מרדכי טווערסקי, תק״ל — תקצ״ז ; 1770 — 1839.

7) זע: הרב ווערטהיים, אין פריער־דערמאָנטן ספר, זייט 65.

8) סימן ז׳.

9) חלק ב׳, אורח חיים, סימן ח׳.

10) אורח חיים, סימנים ט״ו, ט״ז און קצ״ו.

כוונות לויטן ספרדישן סידור, ווייל ער איז געווען אַ ספרדי, און אויך אין אַשכנזישן נוסח קאָן מען מכוון זיין די סודות.

דערויף שרייבט דער „דברי חיים״, די אונטערשידן וואָס עס זיינען פֿאַראַן צווישן דעם נוסח אַשכנז און נוסח ספרד, און ער איז מחולק מיטן „חתם סופר״ און ער פּסקנט, אַז „מען קאָן זיך סומך זיין אויף די גדולי הדור און קדושי עליון, וואָס האָבן משנה געווען פון נוסח אשכנז אויף דעם נוסח ספרד״.

אין סוף פון דער תשובה לאָזט ער אויס: „באַכדעם ווי עס איז אַראָפּ־געקומען אויף דער וועלט דער בעש״ט, וואָס זיין גרויסקייט ווערט איבער־געגעבן אין ספר ׳יכין ובועז׳ פון גאון בעל ׳מאיר נתיבים׳, און אַ צאָל פריערדיקע גאונים האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון הימל מתקן צו זיין זיין דור און ער האָט אָנגענומען דעם נוסח האר״י ז״ל... און ער האָט מתקן געווען, אַז די וואָס גייען אים נאָך זאָלן דאַווענען לויטן נוסח האר״י... דעריבער, ווער עס איז אַ מאַמין אין בעש״ט און אין זיינע תלמידים, דאַרף זיך האַלטן ביים נוסח האר״י ז״ל״ [11]).

עס איז אויך פֿאַראַן אַ שאלה, צי מען מעג משנה זיין דעם נוסח אשכנז אויפן נוסח ספרד, ווען אַ רבי איז געקומען אויף אַ שבת אין שטאָט אַריין.

אין ספר שו״ת „מהר״ם בריסק״ [12]), גיט איבער דער בעל המחבר, ר׳ מרדכי בריסק, אַז דער רבי ר׳ יחזקאלע האַלבערשטאַם פון שינעווע איז געקומען קיין מאַרגאַרעטען, אונגאַרן, אין יאָר תרס״ט (1909), און עס זיינען געקומען חסידים פון פֿאַרשידענע שטעט אויף שבת. האָט דער שינעווער רבי געדאַוונט אין שול מיט זיינע חסידים לויטן נוסח ספרד, נאָכדעם ווי די שטאָטישע בעלי־בתים האָבן פריער געדאַוונט מיטן ערשטן מנין לויטן נוסח אשכנז. צי האָט דער שינעווער רבי דאָס געמעגט טאָן? ר׳ מרדכי בריסק פּסקנט, אַז דער רבי און די חסידים האָבן געמעגט דאַווענען לויטן נוסח ספרד...

און כאָטש חסידות האָט אָנגענומען נוסח ספרד, זיינען אָבער געווען אויך רביים אויסנאַמען, וואָס האָבן געדאַוונט מיט זייערע חסידים נוסח

11) זע: י. ז. כהנא: „בעיות הלכה בעקבות החסידות״, אין „ספר הבעש״ט״, מוסד הרב קוק, תש״ך — דאָרט ווערט אָנגעגעבן, אַז שאלות וועגן נוסח ספרד ווערן געבראַכט אין ספר שו״ת „שערי צדק״, פון רמ״מ פּאַנעט, אורח חיים, סימן ו׳; אין „מהריא״ץ״ (ר׳ אהרן פון שאַסבורג), אורח חיים, סימן ז׳; „בנין יהושע״; אין סוף פון ספר „דברי מרדכי״; קרן דוד״ (פון ר״ד גרינוואַלד), אורח חיים, סימנים י״ט־כ׳, מ״א־מ״ב; „לבושי מרדכי״, סימנים ל״ו, ס״ה.

12) חלק ב׳, סימן כ״ח.

אשכנז. אַזאַ רבי איז געווען דער רבי ר׳ אַברהמעלע (לאַנדאָ) טשעכאַנאָווער, וואָס האָט געדאַוונט נוסח אשכנז...

פון דעם וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט זען מיר, אַז פאַקטיש זיינען פאַראַן פיר נוסחאות אין תפילה: א) „נוסח אשכנז״; ב) „נוסח ספרד״; ג) „נוסח האר״י״, געבויט אויפן „נוסח ספרד״, און ד) אַ חסידישער נוסח וואָס איז געבויט סיי אויפן „נוסח ספרד״ און סיי אויפן „נוסח אשכנז״, מיט די כוונות פונעם אר״י הקדוש.

קאַפּיטל לז

דער קאַמף פון די מתנגדים קעגן די חסידישע שוחטים

דער קאַמף קעגן חסידים צוליב די „געשליפענע חלפים". — דער בעש"ט האָט אַריינגעשטעלט אייגענע שוחטים אין פאַרשידענע קהלות. — דער שרעק פאַר די שוחטים. — שבתי־צבי־ניקעס און פראַנקיסטן. — דער סאָציאַלער הינטערגרונד פון דעם קאַמף קעגן די חסידישע שוחטים.

צווישן די דינים און מנהגים, וואָס די שאָפער פון חסידות האָבן איינגעפירט, איז געווען די שחיטה מיט געשליפענע חלפים.

אין דעם קאַמף וואָס די מתנגדים האָבן געפירט קעגן די חסידים, זיינען זיי אין די כרוזים און חרמות אַרויס קעגן שחיטה מיט געשליפענע חלפים.

אין דער זאַמלונג „זמיר עריצים"[1] ווערט געבראַכט אַ כרוז פון בראָד, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „מצורף לזה", מאַכן זיי זיך חלפים לשחיטה דוקא גישליפיני (געשליפענע), וואָס מען געפינט ניט בכל התלמוד ובכל הפוסקים, ראשונים ואחרונים, וואָס כל השוחטים זאָגן, אַז עס איז בלתי אפשר דערמיט צו שחטן, מען מוז קומען לידי חלדה הגרמה ועיקור (דאָס זיינען זאַכן וואָס פסלן די שחיטה). און דערנאָך ווערט געבראַכט צווישן די גזירות און תקנות, אַז „גם אודות החלפין די גישליפיני חס מלהזכיר בכל גבול קהלתנו, וואָרים דאָס איז בודאי מעורבי שמץ מינות. שחיטת הסכינים גישליפיני הם נבלה וטריפה, וכל אנשי קהלתנו מוזהרים ועומדים זאָלין ניט עסן משחיטת החלפים ההם, ובכל מקום ווי אחד מבני קהלתנו וועט קומען למקומות אחרים מוז ער חקירה האָבן, אויב מען איז דאָרט נוהג לשחוט בחלפים ההם, איז אָסור לו לאכול מזבח עכרם במקום ההוא — זבח רשעים תועבה ולא שום תבשיל של בשר, די כלים זיינען טריפה ונבלה".

דערפון זעען מיר, אַז דער כרוז אסרט די שחיטה מיט געשליפענע חלפים און האַלט עס פאַר טריפה און אויך די כלים זיינען טריפה.

1) אַלעקסניץ, תקל"ב — 1772.

פאַרוואָס איז פאַרגעקומען אַזאַ מוראדיקער קאַמף קעגן דער שחיטה מיט געשליפענע חלפים? און פאַרוואָס האָבן די מתנגדים גערודפט די שוחטים וואָס האָבן געשאָכטן מיט געשליפענע חלפים? און דער עיקר: וואָס איז דאָס אַזוינס געשליפענע חלפים און ווער האָט זיי איינגעפירט?

„געשליפענע חלפים" האָט מען גערופן אַזעלכע חלפים וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון אייזערנע געשמאָלצענע קלינגלעך און זיינען געשליפן געוואָרן גאָר שאַרף, גלאַט און דין.

„נישט געשליפענע חלפים" האָט מען גערופן חלפים פון אייזערנע, געשמידטע קלינגלעך, וואָס מ'קאָן זיי נישט שלייפן גאָר שאַרף און זייער גלאַט.

איידער עס איז אויפגעקומען די חסידישע באַוועגונג האָבן שוחטים אין מזרח־אייראָפּע זיך באַנוצט מיט נישט־געשליפענע חלפים. ערשט חסידים האָבן אַריינגעבראַכט די „געשליפענע חלפים" פון דייטשלאַנד און זיי פאַרשפּרייט אין פּאָדאָליע, אוקראַינע, און אין די מקומות וואו חסידים האָבן באַהערשט קהל.

האָט ר' ישראל בעל־שם־טוב אַליין זיך באַנוצט מיט „געשליפענע חלפים"?

קיין באַשטימטן ענטפער קאָן מען אויף דעם נישט געבן, ווייל אין „שבחי הבעש"ט", וואָס אַנטהאַלט מעשיות און מנהגים פון בעש"ט און זיינע תלמידים, ווערט וועגן „געשליפענע חלפים" גאָרנישט דערציילט.

אַהרן מאַרקוס, דער פאַרערער פון חסידות, שרייבט אין זיין ספר: „החסידות"[2], אַז נאָכדעם ווי דער בעש"ט איז אַלט געוואָרן זעקס־און־דרייסיק יאָר האָט ער זיך אַריבערגעצויגן (פון דאָרף) אין שטאָט אַריין און ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ שוחט. ער האָט איינגעפירט אַ וויכטיקע ענדערונג אין דער שחיטה, ער האָט געשליפן דעם חלף זייער שאַרף, לויט דער שיטה וואָס ווערט אָנגערופן „די אוקראַאינישע שלייפונג". דאָס שחיטה־מעסער דאַרף זיין גאָר שאַרף און גלאַט, אָן יעדן פּגם. אָבער ביזן בעש"ט האָט מען נישט געשטעלט דעם חלף אַזוי שאַרף, וואָס אַ דאַנק דער גאָר שטאַרקער שאַרפקייט קאָן מען שנעלער שעכטן און פאַרקלע־נערן דעם צער פון דער בהמה.

מאַרקוס גיט אָבער נישט אָן קיין שום מקור, פון וואַנען ער האָט גע־נומען אַז דער בעש"ט האָט זיך באַנוצט מיט „געשליפענע חלפים".

אָבער אַז דער בעש"ט איז געווען אַ שוחט, אָדער געשאָכטן פאַר זיינען בני־בית, ווערט יאָ געבראַכט אין די חסידישע סיפורי מעשיות.

2) הוצאת „נצח", תל־אביב, תשי"ד, זייט 13.

אַזוי ווערט דערציילט אין ספר „קבוצת יעקב״ [3]), „שהבעש״ט היה שוחט בכפר קישליוויץ הסמוך ליאַזלאָוויטש״ (דער בעש״ט איז געווען אַ שוחט אין דאָרף קישליוויץ וואָס איז לעבן יאַזלאָוויטש).

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט געבראַכט, אַז דער בעל־שם־טוב פלעגט שעכטן פאַר זיין הויז־געזינט בעת ער איז נאָך געווען אַ נסתר אין דאָרף. אָט וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט [4]):

„איך האָב געהערט פון רב ר׳ גדליה, און אויך פון מיין שווער, אַ מעשה שהיה. ר׳ דוד פון קאָלאָמיי [5]) איז געפאָרן צונויפנעמען דאָס חנוכה־געלט אין די דערפער. האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אויפן וועג און ער איז אָנגעקומען צום הויז פון בעש״ט. און דער בעש״ט איז דעמאָלט געזעסן מתבודד אין זיין שטיבל... און ער האָט געפרעגט דעם בעש״ט׳ס ווייב, וואו איר מאַן איז, און זי האָט אים געענטפערט, אַז איר מאַן האָט גע־דאַרפט גיין העלפן דעם פאַכטער אָנטרינקען די בהמות. האָט ר׳ דוד געפרעגט: וואָס וועל איך דאָ עסן? האָט זי געענטפערט: מיין מאַן האָט געשאָכטן אַן עוף און איך וועל אייך ווייזן דעם חלף, אויב ער וועט אייך געפעלן וועל איך אָפּקאָכן דאָס הינדל. האָט ער געזען דעם חלף און ער איז אים געפעלן. איז געקומען די צדיקת און האָט מודיע געווען איר מאַן (אַז ר׳ דוד איז געקומען). איז ער געקומען אין שטוב אַריין, און אויך דער בעש״ט האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט געווען אַ פאַכטער (ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נסתר) און ער האָט אים באַדינט ווי אַ קליינער באַדינט אַ גרויסן״.

פון דער מעשה זעען מיר, אַז די חסידים בימי הבעש״ט האָבן נישט געוואָלט עסן פון דער שחיטה פון אַ שוחט, ביז זיי האָבן פריער נישט בודק געווען דעם חלף.

וועגן דעם געפינען מיר פאַרשידענע מעשיות אין „שבחי הבעש״ט״. אַזוי ווערט דערציילט [6]) אַז ר׳ יודל פון טשידנוב, אַ קרוב פון ר׳ נחמן פון קאָסעוו, האָט נישט געוואָלט עסן קיין פלייש, נאָר פיש, ווייל ער האָט נישט בודק געווען דעם חלף [7]).

אויך ר׳ דוד פאַרקעס, אַ תלמיד פון בעש״ט, האָט מקפיד געווען. ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין שום עוף, ביז ער האָט אַליין נישט בודק

3) פּרעמישלע, תרנ״ז, נ״א, עמוד ב׳.

4) זייט 23.

5) ה. שמערוק ווייזט אָן, אַז דאָס איז אַ גרייז, נאָר עס האָט געדאַרפט שטיין „ר׳ דוד פון מיקאָלאַיעוו״. זע זיין אַרבעט: „משמעותה החברתית של השחיטה החסידית״, „ציון״, שנה כ׳, ספרים א־ב, זז. 47־72.

6) „שבחי הבעש״ט״, זייט 124.

7) „ואמר לו בעה״ב (בעל־הבית) מה יאכל רומע״ל (רום מעלתו) דגים אין לי, בשר לא יאכל מחמת שלא בדק הסכין״.

געוועזן דעם חלף, און ער האָט זיך אַפילו נישט פאַרלאָזט אויפן בעש״ט, וואָס האָט געקוקט אויף די עופות און האָט זיי געהייסן עסן...

אָט וואָס עס ווערט וועגן דעם דערציילט [8]:

ר׳ דוד פארקעס איז געקומען מיטן בעש״ט קיין קאָשטאַנין, האָט דער בעש״ט באַפוילן, אַז עס זאָל קומען דער שוחט און ער זאָל אים ווייזן דעם חלף, און ער איז נישט באַלד געקומען. דער בעש״ט האָט זיך גע־שטעלט דאַוונען און דער שוחט איז געקומען, און ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן (ביז דער בעש״ט וועט פאַרענדיקן דאַוונען), און ער האָט זיך געבייזערט אויף דער פרוי פון בעל־הבית, זי זאָל אים געבן (עופות) צו שעכטן, און זי האָט אים געגעבן און ער האָט געשאָכטן און איז אַוועקגע־גאַנגען. נאָכן דאַוונען האָט דער בעש״ט געפרעגט: דער שוחט איז נאָך נישט געקומען? האָט מען אים געענטפערט: די עופות ליגן שוין אויס־געזאַלצן. האָט ער אויף זיי געקוקט און געזאָגט אַז ער וועט זיי עסן, און ר׳ דוד הנ״ל האָט נישט געוואָלט פון זיי עסן, און דער בעש״ט האָט אויף דעם נישט מקפיד געווען.

כדי בעסער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער בעל „שבחי הבעש״ט״ האָט געשילדערט ר׳ דוד פארקעס, אַז ער איז געווען מער מחמיר פון בעש״ט, דאַרף מען וויסן, אַז לויט דער חסידישער מסורה איז ר׳ דוד פארקעס, אַ מגיד אין מעזשיבעזש, פריער געווען אַ קעגנער צום דרך החסידות פון בעש״ט (ער האָט מסתמא געהערט צו דעם קרייז מקובלים, וואָס זיינען גע־ווען אין דער צייט פון בעש״ט), און ערשט דערנאָך, ווען ער האָט געהערט די גרויסקייט פון בעש״ט, איז ער, צוזאַמען מיטן מגיד פון מעזעריטש, געגאַנגען צו דער סעודה פון בעש״ט. באַלד נאָכן וואַשן די הענט צום עסן איז אים באַפאַלן אַ דרימל, און אין חלום האָט ער געזען אַז דער האר״י הקדוש איז זיך מתווכח מיטן בעש״ט וועגן די כוונות פון נטילת ידים, און דער האר״י האָט מסכים געווען מיטן בעש״ט.

אָבער נישט תמיד האָבן די שוחטים מסכים געווען צו ווייזן דעם בעש״ט אָדער זיינע תלמידים דעם חלף.

אין „שבחי הבעש״ט״ [9]) ווערט טאַקע דערציילט אַ מעשה, ווי דאָס קהל אין סלוצק האָט געהאַט תרעומות אויפן בעש״ט צוליב דעם וואָס ער האָט פאַרלאַנגט בודק צו זיין דעם חלף פון שוחט. אָט איז אַ קיצור פון דער מעשה:

דער בעש״ט איז געקומען קיין סלוצק און ער איז איינגעשטאַנען ביי די רייכע דירזשאַווצעס (פאַכטערס), וואָס איינער האָט געהייסן ר׳ שמואל און דער צווייטער ר׳ גדליה, און ר׳ שמואלס ווייב האָט געהייסן

8) דאָרט, זייט 83.
9) זייט 87.

טובעלע, און זי האָט מפציר געווען איר מאַן, ער זאָל שיקן נאָכן בעש״ט, ווייל זיי האָבן געהאַט אויפגעמויערט אַ הויז און האָבן זיך געוואָלט דערין אַריינציען. האָבן זיי געשיקט אַ שליח צום בעש״ט ער זאָל קומען צו זיי. איז דער בעש״ט געקומען. האָט זי געוואָלט מאַכן אַ סעודה, האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער וויל זען דעם חלף, האָט מען געשיקט נאָכן שוחט, ער זאָל אים ווייזן דעם חלף, און די מענטשן פון שטאָט האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער בעש״ט פאַרלאַנגט בודק צו זיין דעם חלף פון דעם שטאָט־שוחט, און בפרט פון אַזאַ גרויסער קהילה. אָבער זיי האָבן גאָר־נישט געקאָנט טאָן, ווייל די נגידתטע האָט געהייסן אים קומען...

דער בעש״ט האָט אויך אַליין געשטעלט אַ חלף פון אַ שוחט, וואָס איז טאַקע געווען דער שווער פון בעל „שבחי הבעש״ט".

אַזוי ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש״ט" [10], אַז אין שדה־לבן איז געווען מפורסם דער צדיק ר׳ אברהם פאָדליסקער [11]. איינמאָל איז אים נישט געפעלן קיין שום חלף, האָט מען געשיקט נאָך אַ צאָל שוחטים פון פאַרשיידענע שטעט און קיינער האָט ניט געקענט שטעלן אַ חלף וואָס זאָל אים געפעלן. איינמאָל איז געקומען אין שטאָט אַריין דער בעש״ט. האָט ער געזאָגט, דער אורח איז מיר זייער ליב, אָבער איך ווייס נישט מיט וואָס אים מכבד צו זיין. און ער האָט אים דערציילט דעם פאַל מיט די חלפים. האָט דער בעש״ט געזאָגט אַז ער וועט שטעלן דעם חלף, און ער האָט געשטעלט דעם חלף און דער חלף האָט אים (ר׳ אברהם פאָד־ליסקער) געפעלן. און מען האָט געשאָכטן און מען האָט געגעסן און דער בעש״ט האָט זיי מבטיח געווען צו שיקן אַ שוחט. און ער האָט געשיקט מיין שווער ז״ל, און ער איז דאָרט נתעשר געוואָרן...

פאַרוואָס האָט דער בעש״ט און זיינע תלמידים אַזוי מחמיר געווען אין דעם ענין פון שחיטה, אַז זיי האָבן געוואָלט בודק זיין דעם חלף פון יעדן שוחט און אויך אַריינשטעלן אייגענע שוחטים אין פאַרשידענע שטעט?

דאָס האָט צו טאָן מיט אַן ענין פון קבלה.

די מקובלים אין פוילן נאָך פאַרן בעש״ט און אין די צייטן פון בעש״ט און אויך דער בעש״ט אַליין און זיינע תלמידים האָבן געהאַלטן, אַז דער טיש אויף וועלן מען עסט, איז געגליכן צו דעם מזבח אין בית־המקדש, דער שוחט איז דער כוהן גדול און דער חלף געהערט צו די כלים פון בית המקדש.

דער שוחט וואָס איז בבחינת כוהן גדול, דאַרף בעתן שעכטן די

10) זייט 68.

11) ער איז געווען אַ תלמיד פון בעש״ט, און אין ספר „תפארת עוזיאל" פון ר׳ עוזיאל מייזליש, ווערן געבראַכט תורות פון אים.

בהמה מכוון זיין כוונות, מתקן צו זיין די נשמה וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דער בהמה און זוכט אַ תיקון...

אין ספר „חסד לאברהם" פון דעם ארץ־ישראלדיקן מקובל ר' אברהם אַזולאי [12]) ווערט געבראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן זינדיקע נשמות, וואָס ווערן מגולגל אין „דומם, צומח און בעלי־חיים" (שטיינער, געוויקסן און לעבעדיקע באַשעפענישן); און די נשמות וואָס ווערן מגולגל אין „בעלי חיים טהורים", דאָס מיינט אין בהמות און עופות וואָס מען מעג זיי עסן, זיינען אין אַ העכערער מדריגה, און זיי קענען באַקומען אַ תיקון דורך אַ כשרער שחיטה, און דורך דעם וואָס דער צדיק עסט פון דעם דאָזיקן פלייש...

דעריבער דאַרף דער שוחט זיין אַ ירא־שמים און דער חלף דאַרף זיין אָן אַ פּגימה, כדי די שחיטה זאָל זיין אַ כשרע...

די דאָזיקע אמונה אין גילגולים און וועגן מתקן זיין די זינדיקע נשמה וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ בהמה דורך אַ כשרער שחיטה איז פאַר־שפּרייט געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע דורך ר' אליהו בן אברהם הכהן פון איזמיר, דער בעל „שבט מוסר" [13]), און דער בעל „שבט מוסר" עצהט [14]) דעם שוחט, אַז ער זאָל זאָגן אַ ספּעציעלע תפילה, כדי אויסצולייזן די נשמה וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דער בהמה [15]).

אָבער פאַרוואָס האָבן די מתנגדים אַזוי שטאַרק גערודפט די חסידים וואָס האָבן געגעסן פון דער שחיטה פון „געשליפענע חלפים"? פאַרוואָס האָבן זיי געלייגט אין חרם אַריין די וואָס שעכטן מיט געשליפענע חלפים?

ווייל די שוחטים זיינען געווען צווישן די ערשטע חסידים, אָנהענגער פון בעש"ט, צוזאַמען מיט חזנים, מלמדים און מגידים.

אמת, צווישן די הויפּט־קעמפער קעגן חסידות זיינען אויך געווען מגידים, ווי ר' ישראל לייבל, דער מגיד פון סלוצק; ר' דוד, דער מגיד פון מאַקאָוו און ר' יעקב ישראל, דער מגיד פון קרעמעניץ, אָבער זיי אַלע זיינען געווען מגידים וואָס האָבן געהאַט אַ באַשטימטן געהאַלט אין די קהילות, בעת די אַנדערע מגידים זיינען על־פּי רוב געווען „וואַנדערנדיקע" מגידים, וואָס פלעגן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און זאָגן אַ דרשה אין שול, פאַר וועלכער זיי האָבן געקראָגן באַצאָלט פון דער קהילה אָדער פון די מתפללים.

אין „שבחי הבעש"ט" זיינען פאַראַן אַ צאָל מעשיות וועגן שוחטים.

12) נפטר געוואָרן אינעם 17טן יאָרהונדערט.

13) דאָס דאָזיקע ספר איז איבערגעדוקט געוואָרן עטלעכע מאָל אויך אין יידיש און אין לאַדינאָ.

14) פּרק ל"ו.

15) זע ח. שמערוק אין פריער־דערמאָנטער אַרבעט.

פון די מעשיות קאָן מען דרינגען, אַז די שוחטים זיינען געווען צווישן די אונטערדריקטע אָנגעשטעלטע אין קהל, אַזוי ווי די מלמדים, מגידים און חזנים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער חסידישער באַוועגונג [16].

די מתנגדים האָבן דעריבער גערודפט די שוחטים וועלכע זיינען געוואָרן חסידים, מחמת די שוחטים זיינען געווען פורקי־גדר, זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן קהל און צאָלן קאַראָבקע. דאָס האָבן אויך נישט געוואָלט צאָלן די קצבים און אויך די אָרעמע פּאָלקס־מאַסן.

אין פּוילן איז געווען אַ תקנה פון קדמונים, אַז דער שוחט דאַרף ווייזן זיין חלף דעם רב, ער זאָל אים בודק זיין צי דער שוחט האָט דעם חלף גוט געשטעלט. אַזוי איז פאַראַן אַ תקנה פון „ועד מדינת ליטא״ פון יאָר שצ״ט (1639), אַז „דאָס בית־דין דאַרף בודק זיין דעם חלף לכל־הפחות איינמאָל אין דער וואָך״.

די שוחטים האָבן אויך געדאַרפט איין מאָל אין דריי יאָר אַרויסנעמען אַ נייע קבלה אויף שחיטות און פאַר דעם אָפּצאָלן אַ געוויסן אָפּצאָל צום רב.

דער רב האָט געקאָנט זייער לייכט אָסרן אַ שוחט, ער האָט נאָר גע־דאַרפט זאָגן, אַז דער שוחט קאָן מער נישט שטעלן זיין חלף, ווייל די האַנט ציטערט אים און ווען ער איז בודק דעם חלף געפינט ער אין אים „פגימות״.

אויך האָבן די מתנגדים מורא געהאַט פאַר דעם נייעם מנהג וואָס די חסידים האָבן פאַרשפּרייט צו שעכטן מיט „געשליפענע חלפים״, ווייל ביז דעם אויפקום פון חסידות האָט מען דערפון נישט געוואוסט און די מתנגדים (פּונקט אַזוי ווי דער בעש״ט און זיינע תלמידים) האָבן מורא געהאַט פאַר די שוחטים — שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטן — וואָס האָבן מיט אַ כיוון געשאָכטן אויף טריפה.

צוליב דעם זעלבן טעם האָט דער בעש״ט און זיינע תלמידים בודק געווען דעם חלף פאַר דער שחיטה און אַריינגעשטעלט „אייגענע שוחטים״ אין די שטעט וואו חסידות האָט געהאַט אַ השפעה אויף דער קהילה, אַלץ צוליב דער מורא פון די שבתי־צביניקעס און די פראַנקיסטן.

די שבתי־צביניקעס האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַ מצוה צו עסן טריפה מאכלים. די „דאָנמעס״ אין סאַלאָניקי (שבתי־צביניקעס) האָבן געזאָגט, אַז „אַכילת פיגול״ און „מאכלות אסורות״ זיינען פון די זעקס־און־דרייסיק כריתות, וואָס זיינען געווען אין זייערע אויגן פאַררעכנט פאַר „מצוות עשה״.

מיר ווייסן אויך, אַז עס איז געווען אַ פאַרבינדונג צווישן די אָנהענ־

16) זע: בן־ציון דינור, „במפנה הדורות״, זייט 145.

גער פון ברוכיה, דער הויפּט פון די שבתי־צביניקעס אין סאַלאָניקי, און די עקסטרעמע שבתי־צביניקעס אין פּאָדאָליע [17]).

אויך די פראַנקיסטן אין פוילן, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די שבתי־צביניקעס, האָבן אויף להכעיס געשאָכטן אויף טריפה, כדי אַזוי אַרום צו ברענגען דורך עבירות משיח.

אין איינעם פון די גביית־עדות נאָך דער מעשה פון לאַנצקאָרן, האָט אַן אָנהענגער פון די פראַנקיסטן זיך מודה געווען, אַז ער האָט געגעסן טריפות און ער האָט דאָס אַריינגערעכנט אין די „מצוות", צווישן די אַנדערע עבירות, וואָס ער האָט מיט אַ כיוון אויף זיי עובר געווען [18]).

אויך אין חרם פון בראָד קעגן די פראַנקיסטן פון יאָר תקט"ז (1756) ווערט בפירוש באַטאָנט, אַז „דער וואָס איז חשוד אין דער פאַלשער אמונה (פראַנק), זאָל נישט זיין קיין שוחט ובודק, אויב מען ווייסט נישט אויף באַשטימט, צי ער האָט פאַרלאָזט דעם שלעכטן וועג פון די אנשי כת שבתי־צבי און ער האָט תשובה געטאָן אין משך פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר [19])".

און אַזוי ווי די חסידישע באַוועגונג איז געווען אַ נייע שיטה אינעם יידישן לעבן, האָבן די מתנגדים מורא געהאַט פאַר די חסידישע שוחטים, אפשר האָבן זיך אין זיי אַריינגעכאַפּט אויך אַזעלכע שוחטים, וואָס געהערן צו דער „כת" פראַנקיסטן...

אויך די מנהיגים פון דער חסידישער באַוועגונג ווידער, האָבן זיך מער נישט פאַרלאָזט אויף די אַלגעמיינע שוחטים, נאָר האָבן געוואָלט האָבן אייגענע שוחטים, וואָס זאָלן שעכטן מיט די כוונות על־פי קבלה, כדי מתקן צו זיין די נשמה וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ בהמה און עוף און דאַרף האָבן אַ תיקון, ווי מיר האָבן פריער געבראַכט.

ווי גרויס די שרעק איז געווען ביי די חסידים פאַר די שבתי־צביניקעס און פראַנקיסטן זעען מיר פון פאַרשידענע מעשיות אין „שבחי הבעש"ט".

אַזוי איז דער בעש"ט מודיע דעם רב פון ביטשוב [20]), אַז דער שוחט איז מאכיל טריפות במזיד די יידן, ווייל ער געהערט צו דער כת שבתי־צבי און ער מאַכט מיט אַ כיוון פגימות אין חלף פאַר דער שחיטה. אין אַן אַנדער קהילה, איז דער שוחט זיך מתוודה פאַרן בעש"ט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט בודק געווען די לונג פון אַ בהמה.

17) זע: ג. שלום, „ברוכיה ראש השבתאים בשאלוניקי", אין „ציון", שנה ו', באַזונדערס די זייטן 137־136; אויך ג. שלום: „התנועה השבתאית בפולין", „בית ישראל בפולין", כרך ב', באַזונדערס אויף די זייטן 76־56.

18) מ. באַלאַבאַן: „לתולדות התנועה הפראַנקית", זייט 120.

19) „פנקס ד' ארצות", הוצאת י. היילפרין, זייט 417.

20) ח. שמערוק מיינט, אַז עס וואָלט געדאַרפט זיין בוטשאַטש — די שטאָט, וואָס איז געווען באַקאַנט, אַז דאָרט זיינען געווען שבתי־צביניקעס.

דער בעש״ט האָט אַריינגעשטעלט „אייגענע״ שוחטים אין באַר־דיטשעוו, שדה־לבן און אין אַנדערע שטעט, און דאָרט וואו ער האָט נישט געקאָנט האָבן אַן אייגענעם שוחט, האָט ער בודק געווען דעם חלף פאַר דער שחיטה.

אָבער אין אַנדערע שטעט האָט קהל דאָס נישט געוואָלט פאַרטראָגן און אין חרם פון בראָד פון יאָר תקל״ב (1772), ווערט טאַקע געזאָגט, אַז: „ווען איין אורח וועט קומען לקהלתנו, וועט ניט וועלן עסן משחיטת השוחטים הקבועים בעיר (פון דער שחיטה פון די באַשטימטע שוחטים) — מוז דער בעל־הבית מודיע זיין להנגיד הפרנס־החודש להדוף ולגרש האיש מן העיר״ (אַרויסצוטרייבן דעם דאָזיקן מענטשן פון שטאָט)[21].

אָט דאָס איז געווען דער הינטערגרונט פון קאַמף, וואָס האָט זיך גע־פירט צווישן די חסידים און מתנגדים וועגן די שוחטים. עס זיינען געווען עקאָנאָמישע סיבות געמישט מיט רעליגיעזע מאָטיוון.

די ראשי־הקהל צוזאַמען מיט די רבנים האָבן נישט געוואָלט פאַר־לירן די העגעמאָניע איבער די שוחטים און זיי האָבן אויך מורא געהאַט פאַר די שוחטים שבתי־צביניקעס אָדער פראַנקיסטן.

די מנהיגים פון חסידות ווידער, האָבן זיך אָנגענומען פאַר די גע־קריוודעטע שוחטים, וואָס זיינען אונטערדריקט געוואָרן פון די קהלשע תקיפים און רבנים, און אויך זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די שוחטים־שבתי־צביניקעס.

דער תלמיד פון בעש״ט, ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, איז מתרעם אויף די רבנים און ער באַקלאָגט זיך אויפן שלעכטן מצב פון שחיטה, וואָס אין זיין צייט האָט זיך פאַרערגערט.

אָט זיינען זיינע ווערטער[22]: „אין די פריערדיקע דורות זיינען די רבנים געווען יראי־שמים און זיי האָבן זיך אויך נוהג געווען אַרומצו־פאָרן אין די דערפער לשם־שמים. אין די חנוכה־טעג און אין די יומי דפגרא זיינען זיי אַרומגעפאָרן אין די דערפער צו לערנען די יידן אַ דרך ישרה הן בחילול שבת און לפקח בשוחטים (סיי אין די ענינים פון חילול־שבת און סיי צו האָבן די אויפזיכט אויף די שוחטים) און זיי האָבן נישט נהנה געווען פון די דאָרפס־יידן קיין שום פּרוטה... און נאָך אין די דאָזיקע דורות, פאָרן אַרום די רבנים אין די דערפער ׳בלויז צו נעמען מתנות׳...״

און אויך אַן אַנדער אָרט באַקלאָגט זיך דער בעל „התולדות״[23], אַז „אַלע שעכטן, אַפילו די וואָס זיינען נישט בקי אין הלכות שחיטה... און איך האָב געהערט פון איין חכם, אַז איצט איז דער יצר־הרע קליגער

(21) „העבר״, פּעטערבורג, תרע״ח — 1918, זייט 15.
(22) „תולדות יעקב יוסף״, פרשת צו.
(23) פרשת נשא.

געוואָרן, ער דאַרף מער נישט גיין צו יעדן איינעם באַזונדער און אים אַריינכאַפּן אין זיין נעץ... נאָר ער שטעלט אַריין אַ שוחט פון זיין שטאַט פון סטרא דיליה (פון זיין צד) און יענער איז מאכיל טריפות לרבים און אַלע ווערן אַזוי אַרום אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ..." [24])

די שוחטים וואָס חסידים האָבן אַריינגעשטעלט אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך וואו זיי האָבן געהערשט, האָבן אָנגעהויבן אָראָפּ־צוואַרפן פון זיך דעם עול פון אָפּצאָלן פאַרשידענע שטייערן צו קהל און צו די שמשים פון שטאָט [25]).

קהל פלעגט שליסן אָפּמאַכן מיט די שוחטים צו צאָלן געוויסע שטייערן. אַזוי איז פאַראַן אַן אָפּמאַך אין „פנקס קהלת פוזנא", פון יאָר ש"ץ (1630), וואָס קהל האָט געשלאָסן מיט צוויי שוחטים, אַז די שוחטים דאַרפן צאָלן אַכציק „גדולים" יעדע וואָך צום שמש.

אין „פנקס דובנא", פון די יאָרן תקמ"ט־תק"ן (1789־1790), געפינען מיר, אַז צוויי שוחטים האָבן אָפּגעדונגען פון קהל דאָס רעכט צו מעגן שעכטן אין די אַרומיקע דערפער פאַר אַן אָפּצאָל פון 16 גילדן אַ וואָך.

געוויסע קהילות, וואָס האָבן געהאַט דאָס אויסשליסלעכע רעכט אַריינ־צושטעלן אַ שוחט אין אַ דערבייאיקן שטעטל, ווי מיר זעען דאָס פון דעם אָפּמאַך, וואָס די קהילה אין ווילנע האָט געמאַכט מיט דער קהילה אין שניפּישאָק, אין יאָר ת"ס (1700), און די ווילנער קהילה האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף איר רעכט [26]).

די חסידישע באַוועגונג האָט מיט איר נייער שיטה און מיט איר רעוואָלט קעגן די תקיפים און ראשי־הקהל צעריסן די צוימען וואָס קהל און די רבנים האָבן אַרויפגעלייגט אויף די אָרעמע שוחטים. דעריי־בער טרעפן מיר צווישן די ערשטע חסידים, די אָנהענגער פון בעש"ט, אַ היפּשע צאָל שוחטים.

***

אבער דער קאַמף קעגן חסידים צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך אָנ־געהויבן באַנוצן מיט געשליפענע חלפים, האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט ערשט נאָך דער פטירה פון בעש"ט.

מיט אַ צוועלף יאָר שפּעטער, נאָך דעם ווי ר' ישראל בעל־שם־טוב

24) דאָס וואָס דער בעל „התולדות" רופט אָן די דאָזיקע שוחטים „מסטרא דיליה" ווייזט ריכטיק אָן דר. ח. שמערוק אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט, אַז דער בעל „התולדות" האָט אפשר געמיינט דערמיט די שוחטים, וואָס האָבן געהערט אין געהיים צו דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

25) זע שמערוק אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט, זייטן 51־52.

26) זע: ישראל קלויזנער, „תולדות הקהילה בווילנא", חלק א', זייטן 148־149.

איז נפטר געוואָרן, ווערט אין בראָדער חרם קעגן חסידים פון יאָר תקל״ב (1772), דערמאָנט, אַז מען לייגט די חסידים אין חרם אַריין, ווייל זיי באַנוצן זיך מיט געשליפענע חלפים.

אויך דער גאון ר׳ אַברהם קאַצענעלנבויגן פון בריסק, טרעט שטאַרק אַרויס, אין זיין בריוו צו ר׳ לוי יצחק פון זשעליכאָוו [27], קעגן דעם, „וואָס די חסידים באַנוצן געשליפענע חלפים און זיי ווילן נישט עסן פון דער שחיטה פון אַנדערע שוחטים, וואָס באַנוצן זיך מיט חלפים וואָס זיינען פון דור־דורות געווען כשר. דערצו נאָך זיינען די געשליפענע חלפים אַזוי שאַרף, אַז זיי קריגן אַ פגם, ווי נאָר זיי באַרירן די פעל פון דעם האַלדז פון דער בהמה, און זייער שחיטה איז אַ שחיטת נבלה. עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרענטפערונג, אַז זיי זיינען בודק דעם חלף נאָך דער שחיטה, ווייל אויב זיי געפינען טאַקע אַ פגם אין חלף איז די בהמה געוואָרן טריפה און זיי האָבן נישט קיין חס אויף יידיש געלט...״ [28]

הרב אהרן ווערטהיים ווייזט אָן אין זיין ספר „הלכות והליכות בחסידות״ [29], אַז דער דאָזיקער בריוו פון בריסקער רב, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, ה׳ תמוז תקמ״ד (1784), איז אַ סך מעסיקער ווי דער חרם וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן די חסידים אין בראָד, אין יאָר תקל״ב (1772).

דאָ רעדט דער בריסקער רב בלויז וועגן דעם, אַז די חסידישע שוחטים זיינען נישט חס אויף יידיש געלט און אַז זיי ווילן זיך באַרימען, אַז „זיי זיינען מער מדקדק אין מצוות ווי די אַנדערע יידן״. אָבער דער זעלבער בריסקער גאון איז מיט אַ דריי יאָר פריער, בעתן יריד אין זעלווע, ביום ה׳, ב׳ אלול, תקמ״א (1781), אַרויס מיט אַ שאַרפן כרוז צו אַלע יידישע קהילות, און דאָרט הערן מיר, אַז די חסידישע שחיטה איז שחיטת נבלה, אַז „מען דאַרף אַלע חסידים לייגן אין חרם אַריין, אַז מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט זייערע כלים... ווייל זיי שעכטן מיט געשליפענע חלפים... און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן דאַרף זיך אָנגורטן זיינע לענדן און אַרויס אין קאַמף מיט דער דאָזיקער עדה... וועלכע באַשטייט פון מענטשן ריקים ופוחזים תלמידי... הבעש״ט עוכר ישראל... מען דאַרף זיי מחרים זיין און עוקר מן השורש זיין, ווייל זיי זיינען אומוועדיק (כי שקץ הם)... און מ׳דאַרף אויסרייסן די עבודה־זרה פון איר אָרט, זי פאַרברענען און דאָס אַש צעשפרייטן אין אַלע זייטן״ [30].

27) דערנאָך געוואָרן באַרימט אַלס „באַרדיטשעווער רב״.

28) דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דובנאָוו אין „דביר״, בערלין, תרפ״ג, זייט 295, און מיר האָבן דאָ געגעבן אַ ציטאַט פון בריוו אין יידיש.

29) זייט 201.

30) דאָרט, זייט 204.

דער בריסקער גאון איז מתרעם אויף די פירער פון ווילנע און האַראָדנע, צוליב דעם וואָס זיי האָבן פאַרגעסן אין זייערע חרמות אַריינצושטעלן דעם איסור פון באַנוצן זיך מיט די געשליפענע חלפים.

אויך די יידישע פאַרשטייער פון סלוצק, וועלכע זיינען געווען אויפן יריד אין זעלווע, האָבן אויך געשטורעמט צוליב דעם וואָס אין די חרמות פון ווילנע און האָראָדנע האָט מען פאַרגעסן אַריינצושטעלן די געשליפענע חלפים און זיי האָבן אַליין אַרויסגעגעבן אַ שאַרפן חרם וועגן דעם [31].

פון די אַלע חרמות וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דעם יריד אין זעלווע זעט מען, אַז אין די חרמות פון ווילנע און האָראָדנע איז נישטאָ קיין זכר פון געשליפענע חלפים. אויך איז אין זעלבן זומער פון יאָר תקמ״א (1781) אַרויסגעשיקט געוואָרן צוויי בריוו פון ווילנע. איינער איז געווען געחתמעט פון ווילנער גאון און דער צווייטער פון בית־דין מיט צוואַנציק אַנדערע חתימות, און עס ווערט אין זיי גאָרנישט דערמאָנט וועגן די געשליפענע חלפים.

קען זיין, אַז אין יענער צייט האָבן חסידים זיך טאַקע נאָך נישט באַנוצט מיט געשליפענע חלפים, און אַפילו ווען אַפילו איינצלנע חסידישע שוחטים האָבן זיך שוין יאָ אָנגעהויבן באַנוצן מיט אַזעלכע חלפים, איז דאָס נאָך נישט געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע חסידים, און בפרט אין דער ליטע, דעריבער האָט מען אין די חרמות פון ווילנע און האָראָדנע דאָס נישט דערמאָנט.

לויט דער חב״דער מסורה איז געווען ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי דער וואָס האָט איינגעפירט די געשליפענע חלפים [32]. אָבער ווען עס איז אַרויס דער חרם אין בראָד, אין יאָר תקל״ב — 1772, איז ר׳ שניאור זלמן נאָך געווען אַ יונגערמאַן, און עס לייגט זיך נישט אויפן שכל [33], אַז ער איז שוין דעמאָלט געווען אַזאַ בר סמכא איינצופירן אַ נייעם מנהג אין שחיטה.

עס קאָן זיין, אַז דער מנהג צו נוצן געשליפענע חלפים איז שוין געווען איינגעפירט בימי הבעש״ט פון מקובלים און פון בעש״ט אַליין מיט זיינע תלמידים. און אַזוי ווי דער בעש״ט האָט געהאַט אַ השפעה באַלד נאָכדעם ווי ער איז נתגלה געוואָרן אין בראָד און אין דער סביבה אַרום, האָט מען אין בראָדער חרם פון יאָר תקל״ב יאָ דערמאָנט די געשליפענע חלפים, אָבער אין די דרום־געגנטן איז די דאָזיקע שחיטה איינגעפירט געוואָרן ערשט פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי.

31) געבראַכט אין טייטלבוימס ספר „הרב מליאַדי״, זייט 210, ציטירט לויט ווערטהיימס פריער־דערמאָנטן ספר, זייט 202.

32) זע: הילמאַן, „בית רבי״, זייט 32.

33) זע שמערוק אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט.

דאָס באַנוצן זיך מיט געשליפענע חלפים האָט זיך אַזוי פאַרשפּרייט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, אַז ווען עס איז אַרויס אין יאָר תקנ״ז (1797) דער לעצטער איסור וועגן די חלפים פון „קהל גובערנסקי מינסק״ איז שוין נישט געווען קיין איין שטאָט אין די דאָזיקע לענדער, וואו מען זאָל זיך נישט האָבן באַנוצט מיט די געשליפענע חלפים.

אויך דער רבי ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, ווען ער האָט געהערט וועגן חרם פון יאָר תקל״ב, האָט ער געשריבן אַ בריוו צו דער בראָדער קהילה, אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז דאָס שלייפן שאַרף דעם חלף איז שוין פון לאַנג איינגעפירט געוואָרן אין אַלע געגנטן אין דייטשלאַנד און... מען האָט נישט אויסגעטראַכט אַ שלעכטן שם אויף די שוחטים, און „כל הפוסל במומו פוסל״ [34]).

דער ליאַדיער רב האָט אויך געשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער איז מבאר דעם ענין פון געשליפענע חלפים, און ער פאַררופט זיך אויפן גאון ר׳ חיים פון וואָלאָזשין, אַז ער האָט געזאָגט אין יאָר תקס״ג (1803), אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום איסור אויף די געשליפענע חלפים... אין אַלע מדינות אוקראַינע, קליין־פּוילן, פּאָדאָליע און די מערסטע מדינות פון וואָלין עסט מען די שחיטה פון געשליפענע חלפים, און אויך אין גרויס־דובנע, וועלכע זיינען נישט „מאנשי שלומנו כלל״, און אויך אין ארץ־ישראל און אַ סך פון די ספרדים באַנוצן זיך מיט געשליפענע חלפים.

און כדי נישט אַרויסצורופן קיין כעס ביי די מתנגדים, וועלכע זאָלן האָבן געזאָגט אין זיין נאָמען, אַז ער האָט געאסרט די שחיטות פון מתנגדישע שוחטים, שרייבט דער ליאַדיער רבי, אַז „איך האָב חלילה נישט אַרויסגערופן קיין שלעכטן שם אויף די צענדליקער טויזנטער יידן, און זאָל עדות זאָגן אויף מיר דער פאָטער אין הימל און זאָלן עדות זאָגן די אַלע וואָס זיינען נאָענט צו מיר, אַז איך בין נישט נזהר זיך צו באַנוצן מיט זייערע כלים״ [35]).

עס איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז צוליב דעם ענין פון שחיטה איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די חסידים און ספרדים אין צפת, ווען דער רבי ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער איז געקומען מיט דער עליה פון די דריי הונדערט הסידים אין יאָר תקל״ז (1777) קיין ארץ־ישראל [36]).

דער רבי ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער האָט געמוזט זיך אַריבער־ציען פון צפת קיין טבריה, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עסן פון דער שחיטה פון אַ ספרדישן פקיד אין צפת. אמת, עס איז נישט קלאָר פון ר׳ מנחם מענדלס בריוו, צי די מחלוקה איז געווען בלויז צוליב די גע־

34) „שמן הטוב״, פּיעטריקאָוו, תרס״ד, זייט 81.

35) „בית רבי״, חלק א׳ דף מ׳, א׳.

36) זע: א. י. בראַוער, „לקורות ישוב החסידים בארץ־ישראל״, ירושלים, תרפ״ד.

שליפֿענע חלפים, צי אויך צוליב דעם, ווייל די חסידים האָבן געהאַלטן דעם ספרדישן שוחט פֿאַר נישט קיין ירא־שמים...

ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך די שחיטה מיט געשליפֿענע חלפים ביי די חסידישע שוחטים מיט דער צייט פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ פּוילן און אין די אַרומיקע לענדער.

ח. שמערוק ברענגט אין זיין אַרבעט אויסצוגן פון אַ משכיל מיטן נאָמען חיים מאַלאַגאַ, וועלכער איז געווען אַ בן־דור פון די משכילים יוסף פּערל און מענדל לעפֿין, און ער דערציילט אין אַ חוזקדיקן טאָן, אַז ר׳ זאב וואָלף פון טשאַרנאָ אָסטראָ איז געווען דער פֿאַרשפּרייטער פון געשליפֿענע חלפים אין זיין סביבה.

ש. דובנאָוו ברענגט אויך, אין זיינע פֿאַרעפֿנטלעכטע בריוו אין „העבר", און אין אַ בריוו פון שקלאָוו, פון יאָר תקמ״ז, אַז ר׳ אייזיק זאַסלאַווער(?) דרייט זיך אַרום אין אונדזער געגנט (רייסן), מאַכט אייגענע מנינים מיט אַן אייגענעם שוחט און מיט אַ חלף וואָס ווערט אָנגערופֿן „גאָל־מעסער" (געמיינט געשליפֿענעם חלף).

די מחלוקה מיט די געשליפֿענע חלפים צווישן די מתנגדים און חסידים האָט זיך איינגעשטילט ערשט נאָכדעם ווי דער באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, איז אַרויסגעקומען אין זיין „קונטרס אַחרון" מיט זיינע שאלות ותשובות און ער האָט מתיר געווען די געשליפֿענע חלפים על־פּי דין.

שאלות ותשובות וועגן די חסידישע שוחטים און געשליפֿענע חלפים זיינען אויך פֿאַראַן אין „דרכי תשובה" יורה דעה [37].

דאָס אָנשטעלן אייגענע שוחטים אין פֿאַרשידענע שטעטלעך האָט דערנאָך אַרויסגערופֿן מחלוקתן אויך צווישן די חסידים גופא פון פֿאַרשידענע רביים. עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרשידענע בריוו פון רביים, וואָס שרייבן וועגן „השגת גבול" פון איין שוחט אויפֿן צווייטן [38].

ווי מיר זעען, האָט אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן דער קאַמף פון די מתנגדים אויף די חסידים צוליב געשליפֿענע חלפים. מען האָט צוערשט פֿאַרלאַנגט פון די חסידישע שוחטים אַ באַזונדערע שבועה, אַז זיי וועלן זיך צוהערן צו קהל און נישט צו פֿאַרהוילן זייערע הכנסות וואָס זיי קריגן פון דער שחיטה אויסער דער שטאָט (אין די דערפֿער). אַזאַ שבועה האָט

37) סימן י״ח, מ׳.

38) זע ספר „דעת קדושים", פון בערזשאַנער גאון, סימן א׳, סעיף צ״ו, וואו ער ברענגט דריי בריוו פון ר׳ יעקב שמשון פון שעפּיטיווקע, פון יאָר תקמ״ד — 1784 ; פון ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט, פון יאָר תקפ״א — 1821 ; און פון ר׳ משה צבי פון סאַווראַן, פון יאָר תקפ״ח — 1828. אויך זיינען געדרוקט געוואָרן וועגן דעם ענין שוחטים, דריי בריוו אין „עשר אורות" פון רבי׳ן ר׳ הערשעלע זידיטשאָווער.

מען פון די חסידישע שוחטים פאַרלאַנגט נאָך אין יאָר 1886, אין מינסק [39].

דערפון קאָן מען זען, אַז דער קאַמף קעגן די חסידישע שוחטים איז נישט געווען בלויז צוליב די „געשליפענע חלפים״, נאָר דערפאַר ווייל די שוחטים האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן קהל און האָבן רעוואָלטירט קעגן די תקיפים און קעגן דער „קאָראָבקע״, וואָס די ראשי הקהל האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער שחיטה און אַזוי אַרום געבראַכט דערצו, אַז די קצבים האָבן געמוזט רעכענען העכערע פרייזן פאַר כשר פלייש, און ידישע פאָלקס־מאַסן האָבן דאָס נישט געוואָלט ליידן. די חסידישע שוחטים, אין די צייטן פון בעש״ט און אַ דור שפּעטער, האָבן געשאָכטן אויף אייגענער אַחריות, נישט מיטן וויסן פון רב און קהל, און אַזוי אַרום ביליקער געמאַכט דאָס פלייש...

מיט דער צייט אָבער, ווען חסידות האָט באַהערשט די מערסטע שטעט און שטעטלעך אין פּאָדאָליע, אוקראַינע, גאַליציע, פּוילן און וואָלין, און טיילן פון ליטע, האָט מען אָנגעהויבן איינצושטילן די מחלוקה. מען האָט בלויז פאַרלאַנגט אין געוויסע געגנטן, וואו די מתנגדים האָבן נאָך געהאַט אַ כוח, ווי אין מינסק, אַז די חסידישע שוחטים זאָלן אָפּגעבן אַ ספּעציעלע שבועה, אַז זיי וואַרפן זיך אונטער קהל און וועלן נישט פאַרהוילן די הכנסות וואָס זיי קריגן פון שעכטן אין די דערפער אָדער אָן דעם וויסן פון קהל. אָבער אין יאָרן אַרום איז דאָס אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן און חסידישע שחיטה מיט געשליפענע חלפים איז געוואָרן די אָנערקענטע שחיטה פון די יידן אין פּוילן און רוסלאַנד.

39) שמערוק, דאָרט, זייט 70.

קאַפּיטל לח

פאַרשידענע מנהגים וואָס חסידות האָט איינגעפירט

דער מנהג פון די מקובלים אָפּצוריכטן חצות. — פון וואַנען שטאַמט דער מנהג? — דער בעש״ט האָט אָפּגעריכט חצות. — דער מנהג צו טראָגן אַ גאַרטל ביים דאַווענען. — דער מנהג צו געבן תיקון. — דער מנהג פון טיילן שריים. — דער מנהג צו ווינטשן לחיים דעם רבי׳ן.

חסידות האָט געביטן דעם גאַנצן שטייגער־לעבן פון די יידן אין פּאָדאָליע, ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, גאַליציע, וואָלין, פּוילן, אונגאַרן און געוויסע געגנטן פון ליטע, וואו חסידות איז געווען פאַרשפּרייט.

אַ חסיד האָט מען דערקענט אין זיין אייגענעם לבוש, אין דער וואָכן און בפרט אום שבת און יום־טוב. מען האָט אים דערקענט אין דער גאַס, אין בית־המדרש ביים דאַווענען און אין שטוב.

אַ חסיד האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין: רש״יס און רבינו תמס תפילין; ער האָט געהאַט אַן אייגענעם נוסח התפילה; ער האָט געטראָגן אַ גאַרטל, אַ לאַנגע קאַפּאָטע; ער איז געפאָרן צו אַ רבין, געכאַפּט שיריים פון רבינס טיש. דער רבי האָט אים געגעבן אַ ברכה, טיילמאָל אים געגעבן אַ סגולה, אַן „אָפּגעשפּראָכענע" מטבע, און ביים געזעגענען זיך טיילמאָל געגעבן אַהיים איינע פון זיינע י״ב חלות פאַר אַ סגולה. דער חסיד האָט דעם רבין געגעבן אַ קוויטל, ער האָט זיך, זיין ווייב און קינדער מזכיר געווען פאַרן רבין. דער רבי האָט ביים „טיש" געזאָגט „תורה", געזונגען ניגונים, געפּראַוועט שלוש־סעודות צוזאַמען מיט די חסידים, געפירט מלוה־מלכה׳ס ביז נאָך חצות. דער רבי האָט דערציילט חסידישע מעשיות.

מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע לעבן פון אַ חסיד, פון דער פרי ביז ביינאַכט, אין דער וואָכן און שבת און יום־טוב, זיינע שמחות און ליידן, פון זיינע קינדער־יאָרן אָן ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן, איז געווען אינגאַנצן אַנדערש אין זיין התנהגות פון דער התנהגות פון אַ מתנגד.

ווער האָט איינגעפירט אָט־די אַלע חסידישע מנהגים? זיינען זיי אַלע איינגעפירט געוואָרן דורך ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים,

צי אַ טייל פון זיי זיינען שוין געווען איינגעפירט פון פריער, נאָר דער בעל־שם־טוב האָט זיי באַפעסטיקט און האָט קובע געווען דעם מנהג פאַר אַלע חסידים.

מיר וועלן באַהאַנדלען אַ צאָל מנהגים וואָס חסידות האָט איינגעפירט.

דער מנהג אָפּצוריכטן חצות ביי חסידים

די ערשטע חסידים, מקורבים און תלמידים פון בעש״ט, האָבן אָפּגעריכט חצות אַזוי ווי די פריערדיקע מקובלים.

אין „שבחי הבעש״ט״ [1]) ווערט דערציילט, אַז ר׳ דוד, דער רב פון קאָלאָמיי, איז געפאָרן צונויפזאַמלען חנוכה־געלט ביי די דאָרפס־יידן. אויפן וועג האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און ער איז אַריינגעקומען צום בעש״ט אין הויז. דער בעש״ט האָט נאָך דעמאָלט געפראַוועט התבודדות און איז געווען אַ נסתר. דער בעש״ט האָט געמאַכט אַ געלעגער פאַר דעם קאָלאָמייער רב; ער האָט אים אָנגעגרייט נעגל־וואַסער און אַליין האָט ער זיך געלייגט שלאָפן ווי אַ פּשוטער ייד. אָבער צו חצות האָט זיך דער בעש״ט אויפגעהויבן און האָט זיך געזעצט הינטערן אויוון און האָט שטילערהייט אָפּגעריכט חצות. ר׳ דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען אַ גרויס ליכט אַרויסשיינען פון הינטערן אויוון, האָט ער געמיינט, אַז די שפּענער האָבן זיך אָנגעכאַפּט און דערנאָך האָט ער דערזען, אַז דאָס ליכט איז געקומען פון בעש״ט און דער בעש״ט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט...

אויך ווערט געבראַכט אין „צוואת הריב״ש״ [2]) אין נאָמען פון בעש״ט, אַז „מען זאָל אויפשטיין יעדער נאַכט אָפּריכטן חצות״.

אויף אַן אַנדער אָרט ווערט דאָרט געבראַכט, אַז: „מען זאָל זיין נזהר און אויפשטיין צו חצות״ [3]).

חסידות איז אויך אין מנהג פון אָפּריכטן חצות געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די מקובלים, וועלכע האָבן אין דעם איינגעשטעלט אַ גאַנצן נוסח.

⁂

דאָס אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט און טאָן תפילה צום בורא עולם, איז שוין געווען אַן אַלטער מנהג ביי יידן. עס קאָן זיין, אַז ווען דאָס בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען און די כהנים האָבן מקריב געווען זבחי רצון און שעירי חטאת, האָט מען געזאָגט ספּעציעלע תפילות אינמיטן דער נאַכט. דוד המלך זאָגט, אַז „בחצות לילה אקום להודות לך על משפטי

1) האָראָדעצקי־אויסגאַבע, זייט 23.
2) דף ג׳ עמוד א׳.
3) דף ח׳ עמוד א׳.

צדקך״ [4]) — אין האַלבער נאַכט שטיי איך אויף דיר צו דאַנקען פאַר דיינע גערעכטע משפטים. און די חז״ל זאָגן, אַז אַ ציטער־שפּיל־אינסטרומענט האָט געהאָנגען איבער דוד המלכ׳ס בעט און ווען עס איז געקומען האַלבע נאַכט, איז געקומען אַ צפון־ווינט און האָט געבלאָזן איבער אים און ער האָט אַליין געשפּילט [5]).

און ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז די נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער און געוויין, אין הימל און אויף דער ערד, ווי די גמרא זאָגט [6]): „דריי משמרות האָט די נאַכט און אין יעדן משמר זיצט הקדוש ברוך הוא און שרייט ווי אַ לייב: ווי צו מיינע קינדער, צוליב זייערע זינד האָב איך חרוב געמאַכט מיין הויז, האָב פאַרברענט מיין היכל און זיי פאַרטריבן צווישן די אומות העולם״.

און אַזוי ווי דער איבערשטער איז זיך מצער אין מיטן דער נאַכט אויף דעם אומגליק פון די יידן, אַזוי האָבן אויך די יידן אָנגעהויבן צו טרויערן חצות, אין האַלבער נאַכט, אויף דעם, וואָס „שכינתא בגלותא״, וואָס די שכינה איז אין גלות.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן די יידן אין בבל, אין דער גאונים־תקופה, שוין געהאַט איינגעפירט אויפצושטיין אינמיטן דער נאַכט צו עבודת הבורא. רב האי גאון האַלט, אַז עס איז אַ חוב אויף יעדן יידן: „אויפצושטיין ביי־נאַכט און קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש״ [7]).

אויך אין די שפּעטערדיקע תקופות און אין אַנדערע לענדער, האָבן יידן געהאַלטן פון דעם מנהג. דער רבנו אשר שרייבט, אַז: „יעדער ירא־שמים דאַרף אויפשטיין אינמיטן נאַכט און זיך מצער זיין און זאָגן תפילות אויפן חורבן בית המקדש״ [8]). און זיין זון ר׳ יעקב, דער בעל הטורים, שרייבט, אַז די תפילות וואָס דער מענטש איז מתפלל אינמיטן דער נאַכט אויף דעם וואָס יידן זיינען אין גלות און דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, ווערן מער אָנגענומען אין הימל [9]).

אין שפּאַניע, אין אַראַגאָניע, איז געווען אַ חברה וואָס פלעגט אָפּריכטן חצות, גערופן „לילי משמרות״ [10]).

אויך די קאַראַאימער האָבן אין בבל געשאַפן חברות „אבלי ציון״ און זיי פלעגן שיטן אַש אויפן קאָפּ, זיצן אויף דער ערד אין זעק און טרויערן

4) תהלים קי״ט, ס״ב.
5) ברכות, דף ל׳ עמוד ב׳.
6) דאָרט, דף ג׳ עמוד ב׳.
7) ספר האשכול, אויסגאַבע פון ד״ר אויערבאַך, האַלבערשטאַט, תרכ״ה — 1865, דף ז׳.
8) ברכות, סימן כ׳.
9) טור שולחן ערוך אורח חיים, סימן א׳.
10) ציטירט לויט בצלאל לאַנדוי אין זיין אַרטיקל „תקון חצות״, אין מחניים, נומער מ״ו.

אויפן חורבן בית־המקדש. בפרט האָבן די קאַראַאימער זיך אַזוי נוהג געווען אינעם צענטן יאָרהונדערט אין ירושלים.

***

אינעם זוהר געפינען זיך אַ צאָל מאמרים וועגן דעם, אַז מען דאַרף אויפשטיין ביינאַכט און זאָגן תפילות. און דער של״ה הקדוש שרייבט, אַז עס איז נישט פאַראַן נאָך אַזאַ מידה פון די גוטע מידות, וואָס דער זוהר זאָל אַזוי פיל מאָל דערמאָנען ווי וועגן חצות. „אַז מען שטייט אויף אינמיטן דער נאַכט איז מען אין דער מדריגה פון אַ צדיק... ער ווערט פאַרשריבן אין היכל המלך... און דער מענטש איז ממש מקושר מיט עולם־הבא...

אָבער ביז עס זיינען געקומען די מקובלים, האָבן מיר נישט געוואוסט פון אַן איינגעשטעלטן נוסח ביים אָפּריכטן חצות. ביז דעמאָלט ווערט נאָר געזאָגט, אַז מען זאָל אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט און זאָגן תפילות, מסתמא האָט מען געמיינט זאָגן תהלים און פאַרשידענע קינות. ערשט דער אר״י הקדוש און זיינע תלמידים האָבן איינגעשטעלט אַ סדר אין אָפּריכטן חצות. אין שולחן ערוך וואָס דער אר״י האָט מחבר געווען, ווערט שוין אָנגעגעבן אַ נוסח וואָס צו טאָן ווען מען וועט אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט: „לקום בחצות לילה, לעשות סדר בשק ואפר ובכי גדול ובכוונה גדולה״ (מען זאָל אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט, מאַכן דעם סדר, זאָגן די אָנגעגעבענע קאַפּיטלעך תהילים און קינות אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף די עשרה הרוגי מלכות, זיצן אין אַ זאַק און מיט אַש אויפן קאָפּ און זאָגן מיט גרויס געוויין און מיט גרויס כוונה).

ווי עס ווייזט אויס, זיינען געווען צוויי באַגריפן ביי יידן וועגן ענין פון זאָגן תפילות אין מיטן נאַכט. עס איז פאַראַן „אויפשטיין צו חצות״ און „אָפּריכטן חצות״. אויפשטיין צו חצות — מיינט אַ ייד שטייט אויף אינמיטן דער נאַכט, ער זאָגט תהילים, לערנט זיינע שעורים און וויינט אויף גלות השכינה. אָפּריכטן חצות — מיינט, אַז ער פירט דורך דעם נוסח ווי די מקובלים האָבן איינגעשטעלט. ער זיצט אויף דער ערד אָדער אויף אַ קליין פוסבענקעלע ביי דער טיר, ווי אַן אָבל, שיט זיך אַש אויפן קאָפּ און זאָגט די קינות וואָס זיינען געדרוקט אין „תיקון חצות״.

דער „תיקון חצות״, איז לויט דער קבלה איינגעטיילט אין צוויי חלקים, אין „תיקון רחל״ און „תיקון לאה״.

אין ספר „שערי ציון״, וואָס עס האָט מחבר געווען ר׳ נתן האַנאָווער, ווערט געבראַכט, אַז דער „תיקון חצות״ איז געמאַכט געוואָרן פון אַן העתקה פון „עץ חיים״ און אַז מען דאַרף מאַכן צוויי תיקונים: מען דאַרף קלאָגן אויף רחל׳ען און אויף יעקב און לאה, ווייל לויט דער קבלה ווערט

די שכינה אָנגערופן — רחל און לאה. זי ווערט אַמאָל אָנגערופן „רחל" און אַמאָל „לאה", דאַרף מען קלאָגן אויף דער שכינה, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות אַריין. און דער צווייטער תיקון איז „תיקון יעקב ולאה" — דאַרף מען לערנען תורה, דאָס מיינט, אַז דערמיט איז מען מזווג און מען באַהעפט ישראל — די יידן, וואָס ווערן אָנגערופן יעקב, מיט דער שכינה, מיט דער וואָס ווערט אָנגערופן „לאה".

די תלמידי אר"י האָבן אַריבערגעבראַכט דעם נוסח פון „תיקון חצות" פון צפת קיין איטאַליע. דער תיקון חצות איז צוערשט פאַרשפּרייט געוואָרן דורך ר' משה זכות, דער רב פון מאַנטאָווע, איטאַליע, וואָס ער האָט אים געקראָגן פון ר' משה בנימין כהן, איינער פון די תלמידים פון אר"י. אין דעם „תיקון חצות" גייען אַריין קינות, וואָס עס האָבן מחבר געווען ר' משה אלשיך און ר' חיים הכהן פון ארם צובא, און אויך קינות„ וואָס ער אַליין האָט מחבר געווען. און אַזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ סדר אין אָפּריכטן חצות.

פון דעמאָלט אָן האָבן די מקובלים געהאַלטן פון דעם מנהג פון אָפּ־ריכטן חצות, לויטן „תיקון חצות" פונעם אר"י הקדוש.

***

צווישן די חסידים הראשונים, נאָך פאַרן בעש"ט, זיינען געווען חברות, וואָס האָבן אָפּגעריכט צוזאַמען חצות, מען האָט זיי גערופן „חברה של חצות".

און אויך די רביים פון דריטן דור נאָכן בעש"ט האָבן געהאַלטן פון דעם מנהג.

דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק, האָט אין זיין „צעטיל קטן" [11]), וואָס דאָס איז אַ סדר־היום ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך נוהג זיין יעדן טאָג, ווערט געבראַכט, אַז מען זאָל אויפשטיין צו חצות און זיך מצער זיין אויף גלות השכינה. און דער גרויסער ר' אהרן פון קאַרלין איז מזהיר, אַז „מען זאָל יעדן טאָג זאָגן תיקון חצות, סיי זומער און סיי ווינטער, אַפילו ווען ער האָט נישט קיין צייט צו לערנען" [12]).

אויך ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, וואָס האָט נישט געהאַלטן פון זאָגן פיוטים, האָט אין זיין סדור אַריינגעשטעלט דעם „תיקון חצות" און ער שרייבט „וועגן די מעלות אויפצושטיין צו חצות, וואָס דעמאָלט איז אַן עת רצון" און אַז „דער וואָס קאָן נישט אויפשטיין יעדער נאַכט, זאָל זיך באַמיען אויפצושטיין אין דער נאַכט וואָס ער קאָן יאָ". ער האָט אַפילו געהייסן אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן חברות חצות אָפּצוריכטן חצות צוזאַמען, און

11) צוגעדרוקט צום „נועם אלימלך".
12) געדרוקט אין אָנהויב פון זיין ספר „בית אהרן".

ער האָט אַריינגענומען אין זיין תיקון חצות די מזמורים און תפילות און אויסגעלאָזן די פינף קינות, וואָס זיינען שפּעטער מחבר געוואָרן פון די מקובלים.

אויך ר׳ נחמן בראַצלאַווער האַלט שטאַרק פון אָפּריכטן חצות: „אין אונזערע צייטן, ווען דער גלות האָט שוין צו־לאַנג געדויערט און השם יתברך האָפּט אונז צוריקצופירן קיין ארץ־ישראל און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש, דאַרפן מיר נישט לאָזן מעכב זיין דאָס בויען דעם בית המקדש, נאָר אדרבה, אים צוהעלפן בויען. דעריבער דאַרף מען אויפשטיין יעדער נאַכט און טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, ווייל אפשר איז ער אין ערשטן גלגול געווען איינער פון די, וואָס האָבן גורם געווען וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. און ווען אַפילו נישט, טאָמער איז ער איצט מעכב, מיט זיינע זינד, דאָס בויען דעם בית המקדש, און דאָס איז גלייך, ווי ער וואָלט גורם געווען אַז דער בית המקדש זאָל חרוב ווערן, און אויף דעם דאַרף ער וויינען און טרויערן אַ גאַנצע נאַכט, און דאָס וועט אים פאַררעכנט ווערן ווי ער אַליין וואָלט זיך משתדל געווען אַז דער בית המקדש זאָל געבויט ווערן״...

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָבן די מנהיגי החסידות פון די שפּעטער־דיקע דורות מער נישט געהאַלטן פון מנהג פון אָפּריכטן חצות.

צווישן די טשערנאָבילער חסידים איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דער טשער־נאָבילער מגיד ר׳ מאָטעלע האָט געזאָגט, אַז „דאָס אָפּריכטן חצות איז קעגן די חבלי משיח, און מיר דאַרפן מער נישט בעטן אויף דעם, ווייל מיר זיינען שוין געקומען צו דער דאָזיקער תקופה, ווייל אין אונזער צייט זיינען שוין פאַראַן חבלי משיח״. דערפאַר האָט ער אויך געהייסן זאָגן ביים קדיש „ויקרב קץ משיחה״, אַנשטאָט „ויקרב משיחה״, ווייל דער אָנהייב פון ביאת משיח האָבן מיר שוין דערגרייכט. מיר דאַרפן נאָר בעטן אויף דער „גמר״ פון דער גאולה [13]).

אָבער הרב ווערטהיים אַליין גיט אָן [14]), אַז דער טשערנאָבילער מגיד האָט געהאַלטן פון אָפּריכטן חצות, און אין זיין ספר „ליקוטי תורה״ [15]) שרייבט ער, אַז מען זאָל אויפשטיין צו חצות און זאָגן תפילות און לערנען.

אויך זיין זון, דער טריסקער מגיד, ר׳ אברהמלע, שרייבט אין זיין ספר „מגן אברהם״, אַז מען דאַרף אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט און אָפּריכטן חצות.

אויך דער קוידענווער רבי באַהאַנדלט אין זיין ספר „משמרת שלום״ [16])

13) געבראַכט אין ספר „הלכות והליכות בחסידות״ פון הרב ד״ר א. ווערטהיים, זייט 66. ער גיט אָן, אַז ער האָט דאָס געהערט פון אַלטע חסידים.

14) דאָרט.

15) זייט ג׳.

16) חלק א׳, זייט 64, וואַרשע, תרע״ג — 1913.

די שאלה, ווען מען דאַרף אויפשטיין אָפּצוריכטן חצות און ער איז מתיר אָנצוהייבן אָפּצוריכטן חצות מיט אַ צוויי שעה פאַר האַלבער נאַכט.

אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָבן די שפּעטערדיקע רביים פון פּוילן און גאַליציע אונטערגעבראַכט דעם מנהג פון אָפּריכטן חצות. עס זיינען בלויז געווען יחידי סגולה, מקובלים, וואָס פלעגן אַפילו אין אונזערע דורות אויפשטיין ביינאַכט און אָפּריכטן חצות ביחידות אין זייער שטוב, אָדער אין בית המדרש.

דער מנהג צו טראָגן אַ גאַרטל

איינער פון די חסידישע מנהגים איז צו טראָגן אַ גאַרטל בשעת'ן דאַווענען און אַפילו אַ גאַנצן טאָג.

ווען מען קומט אַריין אין אַ בית־המדרש, קען מען בלויז דורך דעם גאַרטל גלייך דערקענען צי מען איז אין אַ חסידישן אָדער מתנגדישן בית־המדרש. די חסידים טראָגן אַ גאַרטלביים דאַווענען און די מתנגדים נישט.

דער מקור פון דעם דאָזיקן מנהג געפינט זיך נאָך אין תלמוד [17]) און אויך אין שולחן ערוך, אורח חיים [18]), וואו ס'שטייט, אַז ווען אַפילו אַ מענטש טראָגט אַ גאַרטל אויף די לענדן, דאַרף ער אָנטאָן נאָך אַ גאַרטל אויף די מלבושים בשעת'ן דאַווענען.

דער דאָזיקער מנהג איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די ספרדישע יידן, אָבער נישט צווישן די יידן אין דייטשלאַנד, ווייל זיי האָבן זיך סומך געווען אויף דעם תוספות, לויט דעם מחזור וויטרי [19]).

די יידן אין אשכנז האָבן נישט געהאַלטן פון דעם מנהג אָנצוטאָן אַ גאַרטל בשעת'ן דאַווענען, ווייל דער טעם פון מנהג איז דאָך, כדי דער מענטש זאָל ניט זען זיין ערוה בשעת'ן דאַווענען, דאָס איז טאַקע געווען גוט פאַר די יידן אין בבל, וועלכע האָבן נישט געטראָגן קיין הויזן, נאָר בלויז לאַנגע העמדער, אָבער די יידן אין דייטשלאַנד טראָגן שוין הויזן, דאַרפן זיי נישט מער טראָגן קיין גאַרטלען. און אַזוי האָבן אויך געהאַלטן די יידן אין ליטע און די מתנגדים.

אָבער די מקובלים האָבן באַטראַכט דעם גאַנצן ענין תפילה אָנשטאָט דער עבודה אין בית־המקדש. דער צדיק איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער כהן, און אַזוי ווי דער כהן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַן „אבנט" בעת'ן טאָן די עבודה אין בית־המקדש, האָבן אויך די מקובלים געטראָגן גאַרטלען ביים דאַווענען.

17) אין דער גמרא שבת, דף י' עמוד א'.

18) סימן צ"א.

19) אויף דער גמרא שבת, דאָרט, אָנהייבנדיק „טריחותא". זע אויך הרב ד"ר אהרן ווערטהיים: „הלכות והליכות בחסידות", זייט 73.

די חסידים, וואָס זיינען געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די מקובלים, האָבן אויך איבערגענומען דעם מנהג פון טראָגן אַ גאַרטל בעת׳ן דאַווענען.

די חסידים האָבן געפונען דערויף אַ רמז אין פסוק: „הכון לקראת אלוקיך ישראל״ [20], אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן צום דאַווענען. פונקט אַזוי ווי אַ מענטש טוט זיך אָן אַ גאַרטל אַרומצובינדן זיינע לענדן ווען ער גייט אַריין זען אַ מלך (פאַרצייטנס, ווען דער מענטש האָט געטראָגן בלויז לאַנגע העמדער), אַזוי דאַרף דער מענטש זיך אויך אָנטאָן אַ גאַרטל ווען ער שטעלט זיך דאַווענען פאַרן רבונו של עולם.

דער „שבת־גאַרטל״ איז אין די שפּעטערדיקע צייטן געווען געשטריקט פון שוואַרצן זייד. אין די וואָכן־טעג האָט מען געטראָגן אַ גאַרטל פון געשטריקטע באַוול־פעדים.

געווען אויך גאַרטלען, וואָס מען האָט געטראָגן פון רויט־זיידענע פעדים און די חסידישע יידן אין צפת האָבן געטראָגן פאַרביקע גאַרטלען.

נאָך דער פטירה פון אַ רבי׳ן, ווען די קינדער האָבן זיך געטיילט מיט דער ירושה, האָט מען באַטראַכט דעם גאַרטל פון רבי׳ן פאַר אַ חשוב׳ן חפץ און מען האָט אים אַריינגערעכנט צווישן די מלבושים פון רבי׳ן.

געווען רביים, וואָס האָבן געהאַט גאַרטלען פון זייערע זיידעס. אַזוי איז ביי אונז אין הויז געווען אַ גאַרטל פון „חוזה״ פון לובלין, וואָס מיין פאָטער, זצ״ל, האָט אים געטראָגן בלויז ראש־השנה צו תקיעת שופר און יום־כיפור.

געווען רביים, וואָס האָבן געהייסן דעם גאַרטל, וואָס זיי האָבן געהאַט בירושה פון אַ פריערדיקן רבי׳ן, אַריינלייגן אין קבר אַריין.

דער גאַרטל איז אויך באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ סגולה. ווען עס איז געווען אַ מקשה לילד, האָט דער רבי געשיקט דעם גאַרטל צו דער מקשה־לילד פאַר אַ סגולה זי זאָל גרינג האָבן דאָס קינד.

דער מנהג פון געבן „תיקון״

ביי חסידים איז איינגעפירט, אַז ווער עס האָט יאָרצייט, גיט נאָכן דאַווענען „תיקון״. ער גיט געלט און מען קויפט בראָנפן און צובייסן. מען טרינקט און ווינטשט דעם מענטשן, וואָס האָט יאָרצייט, ביים געבן אים „לחיים״, אַז „די נשמה זאָל האָבן אַן עליה״.

אויך איז איינגעפירט, אַז ווען עס קומט אַ חסיד פון אַ פרעמדער שטאָט, אָדער ווען עס איז פאָרגעקומען אַ שמחה אין זיין הויז, אַ שטייגער, ער האָט געטאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער, גיט ער די חסידים געלט אויף „תיקון״ און די חסידים קויפן פאַר דעם געלט לעקעך און בראָנפן,

20) עמוס ד׳, י״ב.

אָדער ער אַליין ברענגט „תיקון" (לעקעך און בראָנפן) אין דער קלויז אַריין.

דער מקור פון דעם מנהג איז אין דער קבלה, וואָס האַלט, אַז יעדע נשמה קומט אַראָפּ אויף דער וועלט מתקן צו זיין אַ געוויסן תיקון, און אויב די נשמה האָט נישט אַלץ מתקן געווען, איז נאָכדעם ווי דער מענטש שטאַרבט גייט די נשמה אַריין אין אַ צווייטן מענטשן, אָדער אין אַ בעל־חי, אָדער זי וואַלגערט זיך אַרום אין עולם התוהו ביז זי קריגט אַ תיקון פון אַ צדיק.

דער אר"י הקדוש האָט מעלה געווען אַ צאָל נשמות דורך זיינע יחודים און האָט זיי געגעבן אַ תיקון [21]). אויך וועגן בעש"ט ווערט דערציילט [22]), אַז ער האָט ביים דאַווענען מכוון געווען יחודים און עס פלעגן קומען צו אים נשמות און בעטן אַ תיקון. דעם דאָזיקן סוד האָט דער בעש"ט איבער־געענטפערט צו ר' יצחק'ל דראָהאָביטשער [23]).

האָבן חסידים איינגעפירט, אַז מען זאָל געבן „תיקון" ווען אַ מענטש האָט יאָרצייט, מען זאָל מאַכן אין דעם טאָג אַ סעודה, נישט מען זאָל פאַסטן, ווי עס איז געווען דער מנהג אין די צייטן פון תלמוד, אַז אין טאָג פון דער יאָרצייט האָט מען זיך אויפגעפירט ווי אַן אָבל, מען האָט נישט געגעסן קיין פליש, נישט געטרונקען קיין וויין און אַ טייל האָבן אַפילו געפאַסט [24]), נאָר מען זאָל מאַכן אַ סעודה, און ווען דער, וואָס האָט יאָר־צייט, גיט „תיקון" און מען טרינקט „לחיים" האָט די נשמה אַ תיקון, זי האָט אַן עליה...

דערנאָך איז דער דאָזיקער מנהג פון געבן „תיקון" איבערגעגאַנגען אויך אויף אַנדערע ענינים. ווען אַ חסיד האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ שמחה אין הויז, האָט ער שוין געגעבן די חסידים „תיקון".

געווען אויך חסידים, וואָס זיינען געווען „יושבים". זיי זיינען געזעסן וואָכנלאַנג ביים רבי'ן און זיי האָבן געלעבט פון „תיקון", וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די פרעמדע חסידים.

דער מנהג פון נעמען „תיקון" איז געווען גאָר שטאַרק פאַרשפּרייט ביי די קאָצקער חסידים. ווען עס איז געקומען אַ נייער חסיד קיין קאָצק האָט ער געמוזט פריער געבן „תיקון" די חסידים, כדי מען זאָל אים אַריינעמען אין דער חברותא.

*
**

21) ווערט געבראַכט אין „שבחי האר"י".
22) „שבחי הבעש"ט".
23) „אמונת צדיקים", י"ד.
24) נדרים דף י"ב, עמוד א'.

ביי חסידים איז אַ מנהג, אַז שבת ביים טיש, ווען דער רבי זיצט מיט די חסידים און עסט, טיילט ער פון יעדן מאכל שיריים צו די חסידים. אין טייל רבישע הויפן, ווי ביי דער ריזשינער גזע, איז געווען איינגעפירט, אַז מען טיילט שיריים די חסידים פון יעדן מאכל, וואָס דער רבי האָט געגעסן, אַפילו אין דער וואָכן. דער רבי איז געזעסן אָפּגעזונדערט ביי זיך אין זיין חדר־מיוחד. די חסידים זיינען געזעסן אין פאָדער־צימער אָדער אין דער גבאים־שטוב און געוואַרט ביז דער רבי וועט זיי פּראָווען, און פון יעדן מאכל, וואָס דער רבי האָט געגעסן ביי זיך אין שטוב, האָט דער גבאי אַרויסגעטראָגן די שיריים און זיי צעטיילט צווישן די חסידים.

דער מנהג פון טיילן שיריים

דער מנהג פון עסן שיריים שטאַמט פון די מקובלים. דער מקור געפינט זיך אין דער גמרא סנהדרין[25]), וואו עס ווערט געבראַכט, אַז „מי שאינו משאיר פת על שולחנו, אינו רואה סימן ברכה לעולם" (דער, וואָס לאָזט נישט איבער אַ שטיקל ברויט, וועט קיינמאָל נישט זען קיין סימן ברכה). דערפון האָט זיך גענומען דער מנהג, אַז מען האָט איבערגעלאָזט אַ שטיקל ברויט, מען זאָל נישט בענטשן ביי אַ ליידיקן טיש.

אויך אין זוהר[26]) ווערט געבראַכט, אַז מען דאַרף איבערלאָזן שיריים, ווייל די ברכה עליונה קאָן נישט חל זיין אויף אַן „אַין" (גאָרנישט), נאָר אויף אַ „יש" (עפּעס). אַ באַווייז דערויף איז דער „לחם הפנים", וואָס איז תמיד געלעגן אויפן טיש אין בית־המקדש און דורך אים האָט זיך די ברכה פון שפּייז פאַרשפּרייט אויף דער וועלט, ווייל עס מוז זיין אַ „יש מיש".

עס איז אויך געווען אַ מנהג ביי יידן איבערצולאָזן אַ שטיקל פון דער „המוציא" ביים סוף פון עסן, אַזוי ווי אַן אַפּיקומן[27]).

אויך איז געווען פאַרצייטנס אַ מנהג איבערצולאָזן עפּעס פון יעדן מאכל, פּונקט ווי מען לאָזט איבער „פּיאה" אין פעלד[28]). אָבער דאָס איז חל געווען אויף יעדן אייגעם און עס האָט מיט דעם מנהג פון שיריים, וואָס חסידים כאַפּן פון רבי׳נס מאכלים, קיין שייכות נישט.

דער מנהג פון די חסידים צו עסן שיריים פון רבי׳ן האָט צו טאָן מיט דעם גלויבן, אַז דער רבי איז בבחינת כהן גדול; דער טיש, אויף וועלכן דער רבי עסט, איז בבחינת מזבח; די י״ב חלות, וואָס דער רבי לייגט אויפן טיש, זיינען בבחינת לחם הפנים, וואָס איז געלעגן אין בית־המקדש, און פון די מאכלים, וואָס דער רבי עסט,ציט ער אַרויס די „הייליקע פונקען"

25) דף צ״ב, עמוד א׳.
26) פּרשת תרומה.
27) ספר חסידים, סימן תתפ״ח.
28) עירובין דף נ״ג, עמוד ב׳.

(ניצוצין קדישין), וואָס זיינען פאַראַן אין יעדן מאכל, און די מאכלים, וואָס שטאַמען פון אַ דבר מן החי, ווי פיש, עוף און פלייש, גיט דער רבי אַ תיקון צו דער נשמה, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן באַשעפעניש. נעמען די חסידים שיריים פון דעם דאָזיקן מאכל, כדי זיי זאָלן אויך נהנה זיין פון דעם „תיקון", וואָס דער צדיק האָט געגעבן צו דעם מאכל.

וואָרים דאָס גאַנצע עסן פון אַ מענטשן, זאָגט דער אר"י הקדוש, איז נאָר כדי „מברר צו זיין די הייליקע פונקען און מתקן צו זיין די מגולגל־דיקע נשמות"[29].

אויך ווערט איבערגעגעבן אין נאָמען פון בעש"ט, אַז ער האָט גע־טייטשט דעם פסוק אין תהלים[30]: „רעבים גם צמאים, נפשם בהם תתעטף" (הונגעריקע און דורשטיקע, זייער זעל איז געוועזן איינגעהילט אין זיי), פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן דעם מענטש, ער זאָל זיין הונגעריק אָדער דורשטיק? ער האָט דאָך אים געקענט באַשאַפן, ער זאָל לעבן אָן עסן און טרינקען? נאָר דערפאַר האָט כביכול באַשאַפן דעם מענטשן ער זאָל זיין הונגעריק און דורשטיק, ווייל „נפשם בהם תתעטף" — כדי ער זאָל מעלה זיין די „ניצוצין, וואָס זיינען איינגעהילט אין יעדן מאכל"[31].

חסידות האָט אויך וועגן דעם געפונען אַ מקור אין תלמוד ירושלמי[32], וואו עס שטייט, אַז: „רבי יוחנן איז אין דער פרי אַריין אין בית־המדרש און האָט צונויפגעקליבן אַלע שפייז־קרישקעלעך, וואָס זיינען געבליבן אויף די טישן פון דער נעכטיקער סעודה לכבוד ראש חודש, און ער האָט זיי געגעסן און ער האָט געזאָגט: איך זאָל האָבן אַ חלק אין עולם הבא מיט די, וואָס האָבן נעכטן דאָ געגעסן".

דער מנהג פון טרינקען „לחיים"

אויך ווען דער רבי טרינקט וויין גיט ער די חסידים צו טרינקען פון זיין כוס און די חסידים שטרעקן אויס די הענט צום רבי'ן, דער רבי זאָל זיי ווינטשן „לחיים". דער מנהג שטאַמט אויך דערפון, ווייל די גמרא זאָגט, אַז פון „כוס של ברכה" (פון דעם כוס, וואָס מען האָט איבער אים

29) אַזוי ברענגט דער „טעמי המנהגים", חלק ב', זייט 23, אין נאָמען פון „בני יששכר".

30) ק"ז, ה'.

31) אין דעם פירוש צו „הודו", וואָס לויט דער מסורה האָט אים מחבר געווען דער בעש"ט.

32) מועד קטן פרק ב', הלכה ג', ציטירט לויט הרב א. ווערטהיים אין פריער־דערמאָנטן ספר, זייט 167.

געבענטשט ברכת המזון) וועט די פרוי געבענטשט ווערן ווען זי וועט טועם זיין פון אים[33]). און אַזוי ווי דער רבי איז מייחד יחודים איבער יעדער זאַך, וואָס ער טוט, איז ווען ער טרינקט פון זיין ווײַן און חסידים טרינקען דערנאָך פון רבי׳נס כוס, ווערן זיי געבענטשט.

אין די שפּעטערדיקע תקופות פון חסידות איז אײַנגעפירט געוואָרן דער מנהג, אַז פּרייטיק צו נאַכטס ביים „טיש״ האָט דער גבאי אויסגערופן די נעמען פון די חסידים, וואָס האָבן געשטעלט פלעשלעך ווײַן ביים טיש. יעדער חסיד האָט דערנאָך געקראָגן אַ גלעזל ווײַן און איז צוגעגאַנגען צום רבי׳ן און אים געזאָגט „לחיים״ און דער חסיד, וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַ ספּעציצעלע ברכה פון רבי׳ן, ווען זיי פרוי אָדער קינד איז געווען קראַנק, האָט ער בעת דעם געבן „לחיים״ מזכיר געווען דעם חולה מיט זיין נאָמען און מיט זיין מוטערס נאָמען פאַרן רבי׳ן און דער רבי האָט אים געוואונטשן אַ רפואה שלימה.

33) ברכות דף ג׳, עמוד ב׳.

קאַפּיטל לט

דער מנהג צו טראָגן שבת שטריימלען און ווייסע קאַפּאָטעס

האָט דער בעש"ט געטראָגן אַ שטריימל? — דער מקור פון מנהג. — די תלמידים פון בעש"ט האָבן געטראָגן ווייסע מלבושים. — דער בראָדער חרם קעגן די חסידים, ווייל זיי טראָגן ווייסע קליידער. — דער אָפּשטאַם פון מנהג צו טראָגן שבת ווייסע בגדים.

אין „שבחי הבעש"ט" איז פאַראַן אַ סך מאַטעריאַל וועגן די מנהגים, וואָס ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים האָבן איינגעפירט און אויך וועגן נייעם דרך און התנהגותן פון בעש"ט און זיינע תלמידים.

מען קאָן אויפשטעלן אַ בילד וועגן שטייגער־לעבן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים, אויפן סמך פון „שבחי הבעש"ט".

מיר ווייסן, אַז חסידים טראָגן שבת אַ שטריימל. אין גאַליציע און אין אונגאַרן איז דאָס שטריימל געווען פון דרייצן שפּיצן; אין פוילן — אַ הויכער ספּאָדיק [1]). רבישע קינדער, חסידישע חתנים, אין קראָקע, האָבן געטראָגן שבת אַ קאָלפּאַק פון סויבל [2]). אין קאָנגרעס־פוילן האָבן חסידים געטראָגן הויכע שטריימלען, אָדער סאַמעטענע צי זיידענע קאַש־קעטלעך.

ווען האָבן די רביים און די חסידים אָנגעהויבן צו טראָגן שבת שטריימלען?

לויט ווי הרב אהרן ווערטהיים גיט אָן אין זיין ספר „הלכות והליכות בחסידות" [3]), האָט דער רבי ר' פּנחס קאָריצער געזאָגט, אַז די ראשי־תיבות פון „שבת" זיינען: „שטריימל במקום תפילין". קיין מקור דערויף

1) אין גאַליציע האָבן די רביים געטראָגן אַ ספּאָדיק נאָר אין אַ יומא דפגרא, חנוכה צו ליכט־בענטשן און צו סעודת ראש־חודש.

2) איך אַליין האָבן נאָך אין מיינע בחורישע יאָרן, אינעם רבישן הויף, געטראָגן שבת אַ סויבעלנעם קאָלפּאַק.

3) זייט 196.

גיט נישט אָן הרב ווערטהיים, ער זאָגט בלויז, אַז ער האָט דאָס געהערט פון אַלטע חסידים [4]).

אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז ר׳ פּנחס קאָריצער זאָל דאָס טאַקע האָבן געזאָגט, מיינט עס, אַז ר׳ פּנחס קאָריצער, וואָס איז געווען אַ תלמיד פון בעש״ט, האָט שוין געטראָגן שבת אַ שטריימל.

אָבער מיר קאָנען דאָס נישט אָננעמען פאַר אַ מקור.

לויט ווי הרב ש״י זעווין גיט אָן אין זיין ספר „ספּורי חסידים״ [5]), האָט מען ביי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי געטראָגן שטריימלעך.

הרב ש״י זעווין דערציילט אַזאַ מעשה: אין מנין פון רב, דעם בעל „התניא״, איז געווען אַ מנהג, אַז ווער עס איז אויפגערופן געוואָרן צו אַן עליה, האָט געדאַרפט אָנטאָן אַ שטריימל, און ווער עס האָט נישט געהאַט זיין אייגן שטריימל, האָט אָנגעטאָן אַ שטריימל, וואָס האָט זיך ספּעציעל פאַר דעם צוועק געפונען ביים שמש.

האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז מען האָט אויפגערופן אַ ייד צו דער תורה און דער שמש האָט פאַרלוירן דאָס שטריימל, וואָס איז געווען אָנ־געגרייט פאַר די וואָס קריגן עליות, האָט ער גענומען דאָס שטריימל פון ליאַדיער רבין און ער האָט עס אָנגעטאָן דעם ייד, און נאָך דעם לייענען אין דער תורה האָט ער דאָס שטריימל צוריקגעלייגט אויף זיין אָרט.

נאָכן דאַווענען, ווען דער ליאַדיער רבי האָט אָנגעטאָן זיין שטריימל, האָט ער דערפילט, אַז ווער פון די חסידים האָט געטראָגן זיין שטריימל, האָט ער צוגערופן דעם שמש און האָט אים געפרעגט צי עס האָט ווער געטראָגן זיין שטריימל. דער שמש האָט דערציילט וואָס עס איז געשען. האָט דער בעל „התניא״ געשיקט רופן דעם היטל־מאַכער און האָט אים געהייסן אויפטרענען אַלע נאָטן און איבערמאַכן דאָס שטריימל. און ווען ער האָט צוריק אויפגעשטעלט דאָס שטריימל, האָט ער עס אַריינגעשטעלט אין אויוון, ווי דער סדר איז ביי די שטריימל־מאַכער, כדי דאָס שטריימל זאָל זיך טריקענען. ער האָט אָבער פאַרגעסן אַרויסצונעמען דאָס שטריימל אין צייט, און עס איז פאַרברענט געוואָרן.

ווען ער איז געקומען צום ליאַדיער רבין און האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן אומגליק וואָס איז געשען, האָט דער רבי פאַראויס אים געפרעגט: „וואָס איז געשען? דאָס שטריימל איז פאַרברענט געוואָרן?״

— יאָ — האָט ער געענטפערט.

— עס מאַכט נישט אויס — האָט דער רבי געזאָגט — גיי אַהיים געזונטערהייט.

4) אונז איז באַקאַנט דער דאָזיקער חסידישער זאָג, אָבער פון אַן אַנדערן און שפּעטערדיקן רבין.

5) חלק א׳, זייט 220, נומער 223.

און דער רבי האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ ניי שטריימל...

הרב זעווין שטאַמט פון חב״דער חסידים און ער האָט זיכער די מעשה געהערט פון חב״דער חסידים [6]. אָבער אויב דאָס זאָל זיין אַ חב״דער מסורה, זעען מיר דערפון, אַז דער ליאַדיער רבי און איניקע חסידים האָבן גע־טראָגן שטריימלעך. און לויט דער מעשה, האָט דער רבי געטראָגן אַ שטריימל אויך אין דער וואָכן.

צי ווערט דאָס שטריימל דערמאָנט אין „שבחי הבעש״ט״?

לויט דעם „שבחי הבעש״ט״, האָבן חסידים שבת גאָר געטראָגן אַ „הוט״.

אָט וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט [7]:

„איך האָב געהערט פון ר׳ פאַלק, אב״ד דק״ק טייטשיליק, אַז איינמאָל מוצאי שבת האָט דער בעש״ט געהייסן זיין שטיף־איידעם, ר׳ יוסף אַשכנזי, ער זאָל פאַר אים פאָרלייענען ׳עין יעקב׳, און בשעתן זאָגן האָט ר׳ יוסף געזען דעם מגיד ר׳ יוסף, וואָס איז נפטר געוואָרן מיט אַ דריי פערטל יאָר פריער, און ער האָט אים געזען אַריינקומען אָנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים און אַ היטל אויפן קאָפּ, ׳שקורין הוט׳״ (וואָס מען רופט הוט).

אויב מען זאָל דאָס אָננעמען פאַר אַ מקור, זעט מען, אַז חסידים האָבן בימי בעש״ט געטראָגן אַ „הוט״, נישט קיין שטריימל.

אויך אין חרם פון בראָד, וואו עס ווערן דערמאָנט די ווייסע מלבושים, וואָס חסידים טראָגן שבת, ווערט גאָרנישט דערמאָנט, אַז די חסידים האָבן משנה געווען דעם אָנגענומענעם מנהג און זיי טראָגן אַ שטריימל.

חסידים טראָגן אויך אַ יאַרמולקע אונטער דעם קאַפּעליוש אָדער היטל.

אָבער מיר ווייסן נישט ווען דער מנהג איז אויפגעקומען. מיר ווייסן נאָר, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ [8], אַז דער וואָס וועט טראָגן אַ יאַרמולקע, וועט דאַרפן אָפּצאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פון פינף רובל אַ יאָר.

אָבער אויב מיר זיינען נישט זיכער, צי די חסידים בימי הבעש״ט האָבן שבת געטראָגן אַ שטריימל, ווייסן מיר אָבער פון „שבחי הבעש״ט״, אַז דער בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן שבת געטראָגן ווייסע קאַפּאָטעס.

דאָרט [9] ווערט דערציילט אַזאַ מעשה: „דער מעזריטשער מגיד האָט געזאָגט צו זיין תלמיד ר׳ אַהרן קאַרלינער, אַז ער זאָל פאָרן אין אַ געוויסער שטאָט אַריין, און ער האָט אויך געהייסן זיין תלמיד ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק, מיט אים מיטצופאָרן, ווייל ער קאָן רעדן ׳לשון פויליש׳, און

6) ער גיט נישט אָן קיין מקורים פאַר זיינע מעשיות.
7) „שבחי הבעש״ט״, הוצאת הורודצקי, זייט 84.
8) דעם 11־טן פעברואַר, 1848.
9) „שבחי הבעש״ט״, זייט 38.

ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן מיטנעמען ווייסע שבת־מלבושים״ („וגם תקחו עמכם בגדי לבן של שבת״).

דערפון זעען מיר, אַז די תלמידים פון מגיד האָבן שוין געטראָגן ווייסע מלבושים אום שבת.

⁂

דאָס טראָגן שבת אַ ספּעציעלן מלבוש איז שוין געווען איינגעפירט אין די צייטן פון תלמוד. אַזוי ווערט געבראַכט, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן צוויי מלבושים, איינס פאַר די וואָכן־טעג און איינס פאַר שבת [10].

די קאָליר ווייס איז פון תמיד אָן געווען אַ פאַרב פון ריינקייט, פון פאַרגעבן די זינד.

אין די געפונענע מגילות פון מדבר יהודה דערוויסן מיר זיך, אַז די סעקטע וואָס האָט געלעבט אין דער הייל [11], האָבן געטראָגן ווייסע קליידער.

אין פוילן האָט מען שבת געטראָגן ווייסע מלבושים נאָך פאַרן אויפ־קום פון חסידות.

אין די תקנות פון „ועד ארבע ארצות״ האָט מען במשך פון אַ הונ־דערט יאָר פאַרבאָטן, אַז יידן זאָלן טראָגן טייערע קליידער פון זייד און סאַמעט און אויך „טייערע ווייסע בגדים״ [12]. דער דאָזיקער איסור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „ועד ארבע ארצות״, כדי די יידן זאָלן נישט אַרויסרופן קיין קנאה ביי די קריסטלעכע שכנים.

אויך די מקובלים האָבן שבת געטראָגן ווייסע מלבושים.

אין ספר „חמדת הימים״ [13]) ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר׳ חיים וויטאַל, וואָס ער שרייבט אין נאָמען פון זיין רבין, דעם אר״י הקדוש, אַז „יעדער ייד דאַרף אָנטאָן ערב שבת פיר ווייסע מלבושים, וואָס זיי זיינען קעגן די פיר אותיות פון שם״.

אַז דער בעש״ט און זיינע תלמידים און חסידים האָבן שבת געטראָגן ווייסע מלבושים, זעט מען אויך פונעם בראָדער חרם קעגן די חסידים פון יאָר תקל״ב (1772). דאָרט ווערט געזאָגט:

„גם איז מען גוזר בחרמות הנ״ל, עש (עס) זאָל קיינר (קיינער) ניט גיין בבגדי לבן (ווייסע קליידער) בשבתות וימים טובים, רק די עטליכי (עטלעכע) מפורסמים הידועים לנו (וואָס זיינען באַרימט און אונדז באַ־קאַנט), וואָש זענין (וואָס זיינען) גדולי עולם בש״ס ופוסקים ויראת שמים

10) זע: שבת דף קי״ט און אין ירושלמי, פאה, פרק ח׳, הלכה ז׳.
11) עס איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן צי דאָס זיינען געווען די איסיים, אָדער אַ סעקטע ענלעך צו די איסיים.
12) „האסיף״, תרנ״ח, זייט 171.
13) א׳, דף כ״ט.

ועוסקים תמיד בתורה ומצוות (זיי זיינען גדולי תורה אין ש״ס און פוסקים און זיינען יראי שמים און זיינען תמיד עוסק אין תורה און אין מצוות). וואָרים ווער עש (עס) וועט גיין מהיום (פון היינט אָן און ווייטער) אין ווייסה (ווייסע) קליידער, וועט מען אים אָפּציהן (אָפּציען) באמצע הרחוב (אין מיטן דער גאַס) און ער וועט זיין ללעג ולקלס וכמופת לרבים״ (צו שפּאָט און שאַנד און אַביישפּיל פּאַר אַלעמען)...

פון דעם דאָזיקן חרם לערנען מיר אָפּ, אַז אין דער „בראָדער קלויז״ האָבן זיך געפונען „עטלעכע מפורסמים״, וואָס האָבן שבת געטראָגן „ווייסע מלבושים״. דאָס זיינען געווען די מקובלים פון די „חכמי הקלויז״ פון בראָד. אָבער די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם חרם אין בראָד, האָבן נישט געוואָלט, אַז די „כת״ (די חסידים) זאָלן שבת און יום־טוב טראָגן ווייסע מלבושים.

אַז דער מעזעריטשער מגיד ר׳ דוב־בער, דער תלמיד פון בעש״ט, האָט געטראָגן שבת ווייסע מלבושים, ווייסן מיר פון אַ שילדערונג פון שלמה מימון אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע״, וואו ער דערציילט וועגן זיין זיין שבת ביים מעזעריטשער מגיד און ער שרייבט: „שבת בייטאָג בין איך געקומען צו דער פייערלעכער סעודה און איך האָב דאָ געפונען אַ גרויסן עולם, בכבודיקע לייט, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אַהער פון פאַרשידענע מדינות. צום סוף האָט זיך באַוויזן דער רבי בכבודו ובעצמו, אָנגעטאָן אין ווייסע אַטלאַסענע מלבושים, אויך זיינע שיך און אַפילו זיין טאַבאַק־שקעטעלע זיינען געווען ווייס, וואָרעם די ווייסע פאַרב איז די פאַרב פון חסד ביי די מקובלים״...

מיט דער צייט האָבן בלויז רביים געטראָגן שבת ווייסע קאַפּאָ־טעס. דער רבי ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, אַן אייניקל פון בעל־שם־טוב, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „דגל מחנה אפרים״, שרייבט טאַקע אין זיין ספר[14]) וועגן דער „כת שקרנים, וואָס טוען זיך אָן שבת ווייסע מלבושים, כדי זיי זאָלן אויסזען ווי רביים...״

דערפון דאַרפן מיר דרינגען, אַז דער בעל „הדגל״ האָט געהאַלטן, אַז בלויז רביים מעגן שבת טראָגן ווייסע קאַפּאָטעס.

אָבער מיט אַ דור צוויי שפּעטער האָבן אויך רביים אויפגעהערט צו טראָגן שבת ווייסע מלבושים. זיי האָבן נאָר געטראָגן אַ קאַפּטאַן מיט סטראַ־קעס, זיידענע זשיפּיצעס, זיידענע און סאַמעטענע כאַלאַטן און בעקעשעס.

חסידים האָבן געפונען אַ רמז צו טראָגן אַטלאַסענע און סאַמעטענע מלבושים, ווייל „אטלס״ איז די ראשי־תיבות: „אך טוב לישראל סלה״, און „סמוט״ איז די ראשי־תיבות: „סור מרע ועשה טוב״...

די דאָזיקע מלבושים האָבן נישט קיין גאָר אַלטן יידישן מקור. די

14) סוף פרשת נח.

יידן האָבן די דאָזיקע קליידונג נישט געבראַכט פון דייטשלאַנד און נישט פון די מזרח־לענדער [15]. די דאָזיקע מלבושים האָבן גאָר געטראָגן די פּוי־לישע מלכים און די שליאַכטשיצעס. ווען מיר קוקן אויף די בילדער פון די פּוילישע מלכים און אַדל־לייט, זעען מיר, אַז זיי האָבן געטראָגן די זעלבע מלבושים וואָס חסידים האָבן דערנאָך געטראָגן...

אָבער די פּוילישע פּריצים האָבן זיך מיט דער צייט „איראָפּעאיזירט״ און געטראָגן „מאָדערנע״ קליידער, בעת די חסידים האָבן ווייטער גע־טראָגן די דאָזיקע מלבושים. אַזוי אַז מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ יידישער לבוש.

15) עס קאָן זיין, אַז די כאַלאַטלעך וואָס חסידים טראָגן, זיינען אַ נאָכמאַכונג פון דעם מלבוש פונעם אָריענטאַלישן יידן, וואָס האָט עס גענומען פון דער אַראַבישער „אַבאַיע״.

קאַפּיטל מ

דער מנהג פון לייגן שבת צו יעדער סעודה י״ב חלות

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערציילט אַז דער בעש״ט האָט געהאַט שבת צוועלף חלות צו דער סעודה. — דער אר״י הקדוש האָט איינגעפירט דעם דאָזיקן מנהג. — דער מקור פון מנהג אין זוהר. — שאלות ותשובות וועגן די י״ב חלות.

אַ פאַרשפרייטער חסידישער מנהג איז געווען ביי רביים צו לייגן שבת צו יעדער סעודה י״ב חלות, נישט „לחם־משנה״ (אַ חלה און אַ קוילישט), נאָר צוועלף קליינע חלה׳לעך.

פון וואַנען שטאַמט דער דאָזיקער מנהג? איז דער מנהג שוין געווען איינגעפירט ביים בעש״ט?

פונעם „שבחי הבעש״ט״, וואָס דאָס איז דאָס ספר וואָס דערציילט מעשיות וועגן בעש״ט און זיינע מנהגים, ווערן מיר געוואויר, אַז דער מנהג איז שוין געווען ביי די מקובלים, נאָך איידער ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן. דאָס מיינט, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ מנהיג פון די חסידים.

אָט וואָס עס ווערט וועגן דעם דערציילט אין „שבחי הבעש״ט״[1]:

„...נאָכדעם האָט הרב ר׳ גרשון (ר׳ גרשון קיטעווער, דעם בעש״טס שוואָגער) געדונגען פאַר ר׳ ישראל בעל־שם־טוב) אַ דאָרף, ער זאָל זיך דאָרט מפרנס זיין. עס איז דעם בעש״ט נאָך בעסער געווען, וואָרים ער האָט זיך געבויט אין וואַלד אַ התבודדות־הויז און האָט דאָרט מתפלל געווען און געלערנט יומם ולילה אַ גאַנצע וואָך, נאָר אויף שבת איז ער אַהיימגעקומען. ער האָט אויך געהאַט ווייסע קליידער אויף שבת און האָט געהאַט אַ בית המרחץ און בית הטבילה (מקוה). זיין ווייב האָט עוסק געווען בפרנסה און השי״ת האָט געשיקט אַ ברכה והצלחה במעשה ידיה. אַז עס זיינען געקומען אורחים, האָט זי זיי געגעבן צו עסן

1) הוצאת הורודצקי, זייטן 19־21. מיר איבערזעצן די מעשה אין יידיש.

און צו טרינקען בכבוד גדול, און אַז עס איז געקומען אַן אורח־הגון, האָט זי געשיקט נאָך איר מאַן. ער איז געקומען און האָט משמש געווען דעם אורח און מען האָט פון אים גאָרנישט געוואוסט.

„והנה, זיין סדר איז געווען צו קומען אין שטאָט אַריין אויף ראש־השנה. ער איז געבליבן אין שטאָט שוין אַ גאַנצן חודש. איינמאָל אין אַ חול־המועד סוכות האָט ר׳ גרשון געזען, אַז דער שוואָגער זיינער לייגט נישט קיין תפילין, וואָרים דער סדר פון בעש״ט איז געווען צו שטיין דווקא ביי דער מזרח־וואַנט. ר׳ גרשון האָט אים געפרעגט: ׳פאַרוואָס לייגסטו נישט קיין תפילין?׳ האָט ער געענטפערט: ׳איך האָב געזען אין טייטש־ספרים, אַז ווער עס לייגט תפילין אין חול־המועד איז חייב מיתה׳. ר׳ גרשון איז ברוגז געוואָרן, וואָרים ער פסקנט פון טייטש־ספרים. ווער ווייסט וואָס פון אים וועט נאָך ווערן. ר׳ גרשון האָט אים אַריינגעפירט צום רב פון שטאָט ער זאָל אים זאָגן מוסר...

„ווען עס איז געקומען די צייט פון זיין נתגלה ווערן, איז ר׳ גרשונס אַ תלמיד געפאָרן צו ר׳ גרשונען און ער איז דורכגעפאָרן דאָס דאָרף, וואו דער בעש״ט האָט געוואוינט, און דער בעש״ט האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. דאָס איז געווען אין דינסטיק. אַז ער האָט אָפּגעגעסן, רופט זיך אָפּ דער אורח: ׳ישראל, גרייט מיר אָן די פערד, איך וויל גלייך פאָרן׳. איז דער בעש״ט געגאַנגען, האָט גענומען די פערד און האָט זיי איינגעשפּאַנט. פאַרן פאָרן זאָגט דער בעש״ט צום אורח: ׳וואָס וואָלט געווען, אַז איר זאָלט דאָ שבת האַלטן?׳ דער תלמיד הויבט אָן זייער צו לאַכן. אָבער ווי ער איז אָפּגעפאָרן אַ האַלבן מייל האָט זיך ביי אים צע־בראָכן אַ ראָד. האָט ער זיך געמוזט אומקערן נאָך אַ ראָד. אַז ער איז ווייטער געפאָרן אַ האַלבן מייל, האָט זיך אים צעבראָכן אַן אַנדער ראָד, איז ער ווידער צוריקגעקומען. עס האָט זיך אים אַזוי געפירט דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק. אַז עס איז געקומען פרייטיק און עס האָבן זיך מיט אים געטראָפן פאַרשידענע סיבות, האָט ער געמוזט בלייבן שבת אין דאָרף... האָט ער געזען ווי דעם בעש״טס וויב מאַכט י״ב חלות און ער האָט זיך זייער פאַרוואונדערט. האָט ער געזאָגט צום בעש״טס וויב: ׳וואָס טויג דיר י״ב חלות?׳ ענטפערט זי: ׳מיין מאַן איז אַן עם־הארץ, ער איז אָבער פאָרט אַן אדם כשר. איך האָב געזען, אַז ביי מיין ברודער מאַכט מען צוועלף חלות, מאַך איך אויך פאַר מיין מאַן י״ב חלות׳. פרעגט ער זי: ׳איז דאָ ביי אייך אַ מרחץ?׳ האָט זי געענטפערט: ׳מיר האָבן אויך אַ מקווה׳. פרעגט ער: ׳וואָס טויג דאָס אייך?׳ זאָגט זי: ׳מיין מאַן גייט אַלע טאָג אין מקווה׳״

פון דער דאָזיקער מעשה לערנען מיר אָפּ עטלעכע מנהגים פון בעש״ט: אַז ער האָט געטראָגן ווייסע מלבושים אום שבת, אַז ער האָט

געהאַט צוועלף חלות אויף שבת, אַז ער איז געגאַנגען יעדן טאָג אין מקוה אַריין און אַז ער האָט חול־המועד נישט געלייגט קיין תפילין.

אָבער פון דער מעשה ווערן מיר אויך געוואויר, אַז דער מנהג פון מאַכן צוועלף חלות אויף שבת איז שוין געווען איינגעפירט נאָך איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, אַז שוין דעם בעש״טס שוואָגער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקובל, האָט געהאַט דעם דאָזיקן מנהג. מיר דאַרפן דעריבער אָננעמען, אַז דער מנהג פון לייגן י״ב חלות איז געווען איינגע־פירט ביי די מקובלים נאָך איידער עס איז אויפגעקומען דאָס חסידות.

פון וואַנען שטאַמט דער מנהג פון די י״ב חלות?

דער טעם פון דעם מנהג צו לייגן צוועלף חלות שבת צום טיש איז, ווייל דער טיש איז געגליכן צום שולחן אין בית־המקדש און אין בית־המקדש האָט מען יעדן שבת אַוועקגעלייגט אויפן גאָלדענעם טיש צוועלף חלות. זיי זיינען אַ גאַנצע וואָך געלעגן אין היכל. מען האָט די דאָזיקע חלות גערופן „לחם הפנים״, אָדער „לחם התמיד״ [2]) און אויך „לחם המערכת״ [3]). מען האָט די חלות גערופן „לחם הפנים״, ווייל זיי האָבן געהאַט פנימער [4]), אָדער ווייל זיי זיינען געלעגן אין קודש „פנימה״ [5]). מען האָט זיי גערופן „לחם התמיד״, ווייל זיי זיינען תמיד געלעגן אין בית־המקדש, וואָרים מען האָט זיי נישט אַראָפּגענומען ביז מען האָט נישט געבראַכט קיין אַנדערע אויף זייער אָרט, און מען האָט זיי אויך גערופן „לחם המערכת״, ווייל זיי זיינען געווען אויסגעלייגט אויפן טיש אין צוויי זייטן, צו זעקס אויף אַ זייט.

אין זוהר פרשת פינחס ווערט געבראַכט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ „המוציא״ אויף י״ב חלות, און דער טעם ווערט אָנגעגעבן, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, ווייל זיי זיינען געגליכן צום „לחם הפנים״.

דער דאָזיקער מנהג ווערט אויך געבראַכט אין ספר „מנהגי האר״י״ פון אר״י הקדוש [6]). דאָרט שטייט: „אַ מענטש זאָל אין זינען האָבן צו־צוגרייטן צום טיש פאַר יעדער סעודה אין שבת צוועלף חלות, לזכר פון די צוועלף חלות פון ׳לחם הפנים׳״.

דער דאָזיקער מנהג וואָס דער אר״י הקדוש האָט איינגעפירט, האָט זיך צעשפּרייט צווישן די מקובלים און איז אויך אַריין קיין מזרח־גאַליציע. דעריבער האָט ר׳ גרשון קיטעווער פון בראָד שוין געלייגט צוועלף חלות אין שבת נאָך איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן.

2) במדבר ד׳, ז׳.
3) דברי הימים א׳ ט׳, ל״ב.
4) מנחות דף י׳.
5) פירוש „הכתב והקבלה״, פרשת אמור.
6) געבוירן אין יאָר 1534 אין ירושלים, נפטר געוואָרן אין יאָר 1572 אין צפת.

דער מנהג ווערט אויך דערמאָנט אין „באר היטב״ אויפן אורח חיים [7] און אויך אין „משמרת שלום״ [8].

הרב דר. אהרן ווערטהיים ברענגט אין זיין ספר „הלכות והליכות בחסידות״ [9], אַז די מתנגדים האָבן נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג. ווי עס ווייזט אויס פון ספר „מצרף לעבודה״ [10], האָט דער ווילנער גאון נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג. ער האָט געזאָגט, אַז דער זוהר מיינט נישט, אַז מען זאָל לייגן צוועלף חלות, נאָר די כוונה איז צוועלף שטיקלעך חלה [11].

אויך צווישן די חסידים אַליין זיינען געווען חילוקי דעות וועגן די י״ב חלות. דער טעם איז, ווייל צווישן די מקובלים גופא איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע מיינונג וועגן דעם, וואָרים עס זיינען פאַראַן שינויי נוסחאות אין זוהר און אין „תיקוני זוהר״. אין זוהר פרשת פינחס [12]) רעדט זיך בלויז וועגן „תרי עשר אנפין״ (וואָס קען מיינען שטיקלעך חלה), אָבער אין די תיקונים ווערט בפירוש געבראַכט: צוועלף חלות. דאָס ספר „חמדת הימים״ האָט אָבער געהאַלטן, אַז מען זאָל יאָ נעמען צוועלף חלות, לויט די תיקונים. און אַזוי ווי דאָס ספר „חמדת הימים״ איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די מקובלים אין פּוילן [13]). האָבן דעריבער נישט אַלע רביים געהאַלטן, אַז מען דאַרף האָבן י״ב חלות שבת ביים טיש. מען פלעגט אָבער מאַכן אַ גרויסע חלה, וואָס האָט געהאַט צוועלף טיילן, און די דאָזיקע חלה האָט מען גערופן „יוד־ביתניק״. מען פלעגט זי לייגן פּרייטיק־צו־נאַכטס צום טיש און געמאַכט איבער איר אַ „המוציא״.

געוויינטלעך האָט מען די דאָזיקע י״ב חלות געלייגט בלויז פאַרן רבין. אָבער ווען עס איז געקומען אַ צווייטער רבי צום צדיקס טיש, האָט מען אויך פאַר דעם צווייטן רבין געלייגט די י״ב חלות. אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „בית אהרן״ [14]), אַז ווען דער „גרויסער ר׳ אהרן״ פון קאַרלין איז געווען שבת ביים מעזעריטשער מגיד, האָט מען ביי דער

7) סימן רע״ד, ב׳.

8) כ״ז, ה׳.

9) זייט 150.

10) דף ג׳.

11) זע אויך „מעשה רב״, סימן קכ״ג, וואָס האַלט, אַז מען דאַרף האָבן צוויי חלות צו יעדער סעודה, דאָס הייסט, זעקס חלות.

12) דף רמ״ה.

13) אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט אַפילו דערציילט אַ מעשה פון בעש״ט, וואָס איז קעגן דעם דאָזיקן ספר, אָבער אַברהם יערי האָט אין זיין בוך „תעלומות ספר״, וועגן מחבר פון „חמדת הימים״, געבראַכט אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן דער דאָזיקער מעשה און ער ווייזט אָן, אַז די ערשטע חסידים האָבן זיך יאָ באַנוצט מיטן דאָזיקן ספר.

14) קמ״ה.

סעודה אַוועקגעלייגט אויך פאַר ר׳ אהרן קאַרלינער צוועלף חלה׳לעך צו יעדער שבת־סעודה.

די צוועלף חלה׳לעך האָט מען אַוועקגעלייגט אויפן טיש אונטערן חלה־טישטוכל אין אַזאַ סדר: פיר חלה׳לעך אויף דער רעכטער זייט, צוויי אויף צוויי, און פיר חלה׳לעך אויף דער לינקער זייט, צוויי איבער צוויי. די גרויסע חלה און קוילעטש אין דער מיטן, אַרויפגעלייגט אויף צוויי קליינע חלה׳לעך, עס זאָל זיין אין דער פאָרעם פון צוויי „סגולין״ [15]).

על־פי רוב האָט דער רבי ביי שלוש־סעודות צעטיילט די צוועלף חלה׳לעך צווישן די חסידים. דאָס איז געווען מעין פון דעם, וואָס די כהנים פלעגן צווישן זיך צעטיילן די צוועלף חלות פון „לחם הפנים״.

געווען חסידים, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע חלה׳לע אַהיימגענומען פאַר אַ סגולה, און ווען עמעצער איז אין הויז קראַנק געוואָרן, האָט מען אַריינ־געבראָקט אין דער יויך אַ שטיקל פון רבינס י״ב־חלה׳לע.

אין ספר שו״ת „ערוגת הבושם״ [16]) פון ר׳ משה בן עמרם, דער כוסטער רב, איז פאַראַן אַ שאלה פון רבין ר׳ יהושע׳לע רוקח, דעם בעלזער רבין, וואָס האָט געהאַט ליגן י״ב חלות שבת אויפן טיש. ער האָט דעם חסיד געגעבן אַ י״ב־חלה׳לע און דער חסיד האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דעם חלה׳לע. איז די שאלה, צי ער מעג עס פאַרקויפן אין חמץ פאַר פסח און נאָך פסח זאָל ער עס צוריק האָבן אין שטוב...

דער כוסטער רב פסקנט, אַז דער חסיד מוז דאָס חלה׳לע פאַרברענען ערב פסח צוזאַמען מיטן חמץ...

אָבער רי״מ היבנער ברענגט אין זיין תשובה, אין ספר שו״ת „הלולא דרבי״ [17]), אַז דער מנהג פון די חסידים איז געווען נישט צו פאַרברענען די י״ב־חלה׳לעך וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די רביים. „עס איז אַ באַ־קאַנטער פאַקט״ — שרייבט רי״מ היבנער — „אַז רבנו הקדוש פון ראָהאַטין האָט איינמאָל פאַרקויפט אין מכירת חמץ אַ חלה׳לע פון די י״ב חלות, וואָס ער האָט געקראָגן פון רבין ר׳ יצחק אייזיק פון זידיטשאָוו. און איך האָב אויך געהערט, אַז עס זיינען פאַראַן חסידים, וואָס האָבן איבערבלייבעכצער פון די י״ב־חלה׳לעך, וואָס זיי קריגן מתנות פון אַ צדיק, און זיי פאַרקויפן עס נישט אין חמץ ביז נאָך פסח, ווייל זיי האָבן נישט בדעה דאָס צו עסן, נאָר צו האַלטן פאַר שמירה, איז דער טעם־חמץ דערפון בטל געוואָרן...״

15) דער דאָזיקער סדר ווערט געבראַכט אין „שערי תשובה״, רע״ד, א.

16) חלק אורח חיים, ימן קי״ב.

17) סימן כ״ה. זע אויך: „טעמי המנהגים״ פון איש שו״ב, עניני פסח, זייט 217, אין דער הערה.

אַן ענלעכע שאלה איז אויך פֿאַראַן אין ספר שו״ת „אבני זכרון״ [18]) פון ר׳ אלטער שאול פעפּער וועגן אַ חסיד, וואָס האָט געקראָגן אַ י״ב־חלה׳לע פון אַ באַוואוסטן צדיק, און ער האָט עס נישט געוואָלט פֿאַרברענען. האָט ער עס אַוועקגעלייגט אין אַ רשות הרבים אויף אַן אָרט, וואָס איז געווען פֿאַרשטעלט פֿאַר די דורכגייער, און מוצאי פּסח איז ער צוריק־געקומען און האָט עס צוריקגענומען. איז די שאלה, צי דאָס י״ב־חלה׳לע האָט דעם דין פון „חמץ שעבר עליו הפּסח״ און מען טאָר עס נישט האָבן אין שטוב, אָדער עס איז מותר צו האָבן עס אין שטוב [19]).

פון דעם וואָס מיר האָבן געבראַכט, זעען מיר, אַז דער מנהג צו לייגן י״ב חלות אויפֿן טיש איז געווען פֿאַרשפּרייט ביי די מקובלים נאָך פֿאַרן אַנטשטיין פון חסידות, און פון די מקובלים איז עס אַריבער צום בעל־שם־טוב און צו זיינע תלמידים.

און ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, האָבן נישט אַלע רביים גע־לייגט י״ב חלות. די רביים פון דער ראָפּשיצער גזע האָבן נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג.

און אַזוי ווי דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם „חוזה״ פון לובלין, דאַרף מען אָננעמען, אַז אויך דער „חוזה״ פון לובלין האָט נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג.

דער מאָדזשיצער רבי ברענגט אין זיין קונטרס [20])׳ אַז דער קוזמירער רבי, ר׳ יחזקאלע, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, האָט נישט געהאַלטן פון דעם מנהג צו לייגן י״ב חלות שבת אויפֿן טיש. ווען מען האָט אים געפרעגט דעם טעם, האָט ער געענטפערט: „אַ יוד מיט בית חלות (אַ ייד, וואָס לייגט צוויי חלות אויפֿן טיש) — איז שוין י״ב חלות״ [21]).

18) חלק ב׳, סימן י׳. זע אויך דאָרט, חלק ג׳, סימן כ״ה.

19) זע אויך דאָס ספר „ויצבר יוסף״ פון ר׳ יוסף שוואַרץ, סימן פ׳, אות ב׳. ציטירט לויט י. ז. כהנא: „בעיות הלכה בעקבות החסידות״, אין דעם „ספר הבעש״ט״, זייט 63.

20) חוברת ז׳, דף מ״ב, עמוד ב׳.

21) יוד איז צען און בית איז צוויי, צוזאַמען צוועלף.

קאַפּיטל מא

דער מנהג צו געבן אַ „קוויטל״ אַ רבי׳ן

האָר דער בעש״ט געגומען „קוויטלעך״ ביי זיינע חסידים ? — דער מנהג פון זיך מזכיר זיין ביים רבי׳ן. — די תלמידים פון בעש״ט האָבן אַריינגע־שריבן זייערע נעמען אינעם סידור פון וועלכן דער בעש״ט האָט גע־דאַוונט. — דער מנהג פון געבן דעם רבי׳ן אַ „פּדיון״.

איינער פון די הויפּט־סימנים פון אַ חסיד איז וואָס דער חסיד גיט דעם רבין אַ „קוויטל״ מיט אַ „פּדיון״, דער רבי זאָל פאַר אים מתפלל זיין.

דאָס „קוויטל״ ווערט על־פּי רוב געגעבן דעם רבין ביים „געזעגענען זיך״. מען רופט עס „פּראָווען״ (אין חב״דער חסידות ווערט עס אָנגערופן „יחידות״, מען גייט צום רבין אויף „יחידות״). אין געוויסע חסידישע הויפן ווערט עס אויך אָנגערופן „צעטל״. מען גיט דעם רבין אַ „צעטל״.

על־פּי רוב איז אין יעדן רבישן הויף געווען אַ „קוויטל־שרייבער״, וואָס איז געזעסן אין דער „גבאים־שטוב״ און ער האָט געשריבן פאַרן חסיד אַ קוויטל.

אינעם קוויטל ווערט איינגעשריבן דעם חסידס נאָמען און דער נאָמען פון זיין מוטער, די נעמען פון זיין ווייב און קינדער און דעם חסידס בקשה.

אַ „בעל־שמסקע־קוויטל״ הייסט, ווען דער חסיד שרייבט נישט אַריין אינעם קוויטל קיין בקשה וועגן גשמיותדיקע ענינים, נאָר בלויז „לרפואת הנפש ולרפואת הגוף״ (אַ רפואה פאַר דער נשמה און אַ רפואה פאַרן גוף).

דער חסיד וואָס גיט דעם רבין אַ קוויטל, לייגט אויך צו אַ „פּדיון״ — אַ מטבע, וואָס ער גיט דעם רבין צוזאַמען מיטן קוויטל.

דער רבי „לייענט״ דאָס קוויטל, פרעגט אויס דעם חסיד וועגן דער בקשה וואָס ער האָט איינגעשריבן און ווינטש אים אָן.

דאָס „לייענען אַ קוויטל״ ווערט אין חסידות אַריינגעטייטשט סודות־דיקע רמזים. אַז מען האָט געוואָלט זאָגן אויף אַ רבין אַז ער איז אַ בעל־מדריגה, האָט מען געזאָגט, דער „אַלטער רבי״ זצ״ל האָט אים אויסגע־לערנט „לייענען אַ קוויטל״. דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט, ווי ער האָט אים געגעבן סמיכה צו ווערן רבי.

ביי די חב״דער חסידים איז געווען אַ ספּעציעלער „יחידות־ניגון״, וואָס חסידים פלעגן זינגען און טאַנצן אַרום דעם חסיד, וואָס איז אַרויסגעקומען פון רבינס שטיבל נאָך דעם ווי ער איז ביים רבין געווען אויף „יחידות״.

אין געוויסע רבישע הויפן איז געווען אַ מנהג, אַז מען האָט די אַלטע קוויטלעך אַוועקגעלייגט אינעם אוהל פון רבין.

ביי די רביים וואָס האָבן געשטאַמט פון ראָפּשיצער גזע, איז געווען אַ מנהג, אַז פאַר ראש־השנה האָבן חסידים אַריינגעשריבן זייערע נעמען אין אַ „ספר החיים״. יעדער חסיד האָט אַריינגעשריבן זיין נאָמען מיט זיין מוטערס נאָמען און די נעמען פון זיין ווייב און קינדער און דער רבי האָט דעם „ספר החיים״ געהאַלטן ביי זיך און אין אים אַריינגעקוקט פאַר תקיעת שופר און פאַר כל־נדרי.

אין ספר „טעמי המנהגים״ א׳ [1]) ווערט געבראַכט דער דאָזיקער מנהג און ער ווערט אָנגערופן: „כללות צעטל״. דאָרטן ווערט אויך אָנגעגעבן אַ טעם דערויף, ווייל ווען אלישע הנביא האָט געפרעגט שונמיתן צי זי וויל ריידן צום מלך (און דעם מלך מיינט מען דאָך דעם אויבערשטן), האָט זיך געענטפערט „בתוך עמי אנכי יושבת״, אַז זי וויל זיין צוזאַמען מיט אַלע יידן [2]). דאָס איז אַ רמז, אַז אין טאָג פון יום־הדין דאַרף מען אַריינשרייבן דעם נאָמען אין אַ „כללות צעטל״.

אין ספר „דברי דוד״ ווערט געבראַכט, אַז איינמאָל איז געקומען אַ גרויסער עולם צום טשאָרטקאָווער רבין, איז פאַרן רבין געלעגן אַ המון מיט קוויטלעך. האָט איינער פון די מקורבים געבעטן דעם רבין, ער זאָל לענגער זיצן, כדי ער זאָל דורכלייענען אַלע קוויטלעך. האָט דער טשאָרטקאָווער רבי אים געענטפערט: „איצט וועל איך אָננעמען די עצה פון אַלטן אָפּטער רבין, דעם „אוהב ישראל״. איינמאָל האָט דער אָפּטער רבי געהאַט אַ סך קוויטלעך פאַר ראש־השנה, האָט ער גענומען אַלע קוויטלעך און זיין אַריינגעלייגט איןביידע קעשענעס פון זיין זשיפּעצע און ער האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די קעשענעס און ער האָט געזאָגט: „איך בענטש די אַלע מענטשן פון די קוויטלעך, וואָס ליגן אין מיינע קעשענעס, מיט „בני, חיי אריכי ומזוני רוויחי, לשנה טובה״ (מיט קינדער, מיט אַריכות ימים, מיט האָבן פרנסה בריווח און מיט אַ גוט יאָר).

איך געדענק, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער אַלטער בעלזער רבי איז געווען אין ווין, האָבן יידן אים געגעבן אַ סך קוויטלעך,

1) עמוד פ״ב, סימן תרצ״ד.

2) דאָס וואָרט ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ספר „מפעלות ספירים״, אין נאָמען פון זוהר בראשית.

האָט דער גבאי, ר׳ אהרן יהושע, צונויפגענומען אַלע קוויטלעך אין אַ זאַק אַריין און געזאָגט, אַז דער רבי וועט זיי דערנאָך אַלע צוזאַמען בענטשן.

ביי רביים איז אויך געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ רבי איז קראַנק געוואָרן, האָט מען געשיקט טעלעגראַמעס צו אַנדערע רביים, אים „מזכיר״ געווען מיט דער מוטערס נאָמען און דערנאָך האָט מען נאָכגעשיקט אַ קוויטל.

מיין פאָטער זצ״ל, וואָס איז אַליין געווען אַ רבי פון חסידים אין זשאַבנע און געווען אַ מחותן מיטן סאַנזער רב, ר׳ אריה לייבוש האַלבערשטאַם [3]) פלעגט יעדעס יאָר מיטשיקן בסוד מיט דעם זשאַבנער פּראָפּעסאָר, ר׳ זלמן סאַלפּעטער, וואָס איז געווען אַ טשאָרטקאָווער חסיד, אַ קוויטל צום אַלטן טשאָרטקאָווער רבין [4]).

***

חסידים האָבן אויך געהאַט אַ מנהג אַריינצולייגן קוויטלעך אין אָרון און אין אָפּענעם קבר פון אַ צדיק בשעת זיין קבורה.

אויך פלעגט מען „קרוינען״ דעם נייעם רבין אויפן בית־הקברות נאָך דעם ווי מען האָט קובר געווען דעם אַלטן רבין, מיט אַוועקזעצן דעם נייעם רבין אויף אַ שטול, אים געבן קוויטלעך, טרינקען „לחיים״ און ווינטשן „מזל־טוב״.

ביי די חב״דער חסידים און אין טשערנאָבילער דינאַסטיעס איז אַ מנהג צו שרייבן אַ „כתב התקשרות״. אַלע חסידים שרייבן זיך אונטער אויף אַ כתב און מען גיט דעם „כתב התקשרות״ דעם נייעם רבין.

אויך איז אַ מנהג, אַז אין טאָג פון דעם יאָרצייט פון אַ רבין לייגט מען אַריין קוויטלעך אינעם אוהל פון דעם רבינס קבר.

***

אָבער פונוואַנען קומט דער דאָזיקער מנהג פון געבן דעם רבין אַ קוויטל? און ווען איז דער מנהג אויפגעקומען ביי חסידים? איז דער מנהג געווען אין די צייטן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב?

אין „שבחי הבעש״ט״ ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן „גרויסן מגיד״,

3) מיין ברודער, ר׳ ישראלקע זצ״ל, וואָס איז נפטר געוואָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ניו־יאָרק, איז געווען אַן איידעם פון סאַנזער רב, ר׳ אריה לייבוש האַלבערשטאַם.

4) ער האָט עס געטאָן בסוד, ווייל סאַנז האָט אַמאָל געהאַט געפירט אַ שאַרפע מחלוקה מיט סאַדיגורע און מיט די אַנדערע ריזשינער קינדער.

ר׳ דוב בער פון מעזעריטש, אַז ער האָט געמאַכט אַ „פדיון נפש״ פאַר אַ פרוי וואָס איז געווען אַ מקשה לילד [5].

אָבער די מעשה איז וועגן דעם תלמיד פון בעש״ט, דעם מעזעריטשער מגיד, און נישט וועגן בעש״ט אַליין.

ביי חסידים איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דער בעש״ט אַליין האָט גע־געבן אַ קוויטל און אַ „פדיון נפש״ צו זיינע תלמידים און חברים. עס זיינען אַפילו וועגן דעם אויך פאַראַן בריוו, וואָס מען זאָל האָבן געפונען אין דער „כערסאָנער גניזה״ [6]. עס קען זיין, אַז דער מחבר פון די בריוו האָט געהערט פון דער מסורה, אַז דער בעש״ט אַליין האָט געגעבן אַ קוויטל זיין „תלמיד־חבר״, האָט ער וועגן דעם געמאַכט אַ בריוו [7].

אויך איז פאַראַן אין כתב־יד אַ סידור, וואָס אין אים האָט מתפלל געווען דער בעש״ט, און דאָרט, ביי דער שמונה עשרה, זיינען אַריינגע־שריבן נעמען פון די תלמידים, מיט די נעמען פון זייערע מוטערס.

הרב ווערטהיים גיט אָן, אַז ביי דער משפחה ליפּסאַן פון בעלץ, בעסעראַביע, איז געווען דער דאָזיקער סידור, און עמעצער וואָס האָט דעם סידור געזען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען אויפגעשריבן די נעמען פון מענטשן מיט די נעמען פון זייערע מוטערס.

אָבער אויך וועגן דעם „סידור פון בעש״ט״ זיינען פאַראַן צווישן חסידים פאַרשידענע מסורות. אָט האָב איך געהערט פון אַלטן דראָהאָ־ביטשער רבין אין ארץ־ישראל, אַז דער ריזשינער רבי האָט אים געגעבן אַ מתנה דעם „בעש״ט סידור״...

אויך האָט דער אַלטער ליובאַוויטשער רבי אין וואַרשע מיר געוויזן אַ סידור און געזאָגט, אַז ער האָט בקבלה, אַז אין דעם סידור האָט גע־דאַוונט דער בעש״ט און איך האָב געזען אויפגעשריבן, טאַקע ביי דער שמונה עשרה, נעמען פון תלמידים פון בעש״ט.

אויך ש. א. האָראָדעצקי גיט אָן אין זיין „החסידות והחסידים״ [8], אַז ביי איינעם פון בעש״ט׳ס איייניקלעך האָט זיך געפונען דעם בעש״ט׳ס סידור און דאָרט זיינען געווען אַריינגעשריבן די נעמען פון די תלמידים מיט די נעמען פון זייערע מוטערס.

ווייסן מיר ניט וויפל כתב־יד׳ישע סידורים דער בעש״ט האָט געהאַט און צי זיינען טאַקע די אַלע סידורים, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע

5) „שבחי הבעש״ט״, זייט 41, הוצאת האָראָדעצקי.

6) וועגן דער „כערסאָנער גניזה״ שרייבן מיר באַזונדער אין אונדזער בוך, קאַ־פּיטל י״ד.

7) אַזוי וויל אַרויסלערנען דער חסידות־פאָרשער הרב אהרן ווערטהיים אין זיין ספר: „הלכות והליכות בחסידות״, זייט 163, אין דער באַמערקונג 40.

8) באַנד א׳, זייט 29.

רבישע הויפן, פון בעש״ט. אָבער אויב די תלמידים האָבן אַריינגעשריבן זייערע נעמען אין בעש״ט׳ס סידור, וואָס דאָס איז געווען אַ מין זיך „מזכיר״ זיין, זיינען מיר אָבער נישט זיכער צי דער בעש״ט האָט גענומען קוויטלעך און פדיונות פון חסידים.

אין אַ שפּעטערדיקן מקור, וואָס אַלע חסידות־פאָרשער ציטירן אַלס מאַטעריאַל וועגן לעבן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע התנהגותן — אין דעם ספר „דברים ערבים״ [9]) — ווערט געבראַכט, אַז דער בעש״ט האָט נישט גענומען „קיין שום פּדיון און קוויטל פון מענטשן, נאָר פון קופּת הקהל האָט מען אים געגעבן כך וכך״.

עס קאָן אָבער זיין, אַז דער תלמיד פון בעש״ט, דער מעזעריטשער מגיד, האָט שוין יאָ גענומען קוויטלעך, און דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט צו נעמען געלט ביי חסידים, האַלט האָראָדעצקי [10]), איז געווען דער רבי ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, דעם בעש״ט׳ס אייניקל.

אָט וואָס האָראָדעצקי שרייבט: „ר׳ ברוך היה, כמדומה לי, הראשון שהעמיד את החסידות על נתינת מעות להרביים״ (דער רבי ר׳ ברוך איז געווען, דוכט זיך מיר, דער ערשטער וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דאָס חסידות צו געבן געלט רביים).

דער רבי ר׳ ברוכל האָט אויך וועגן דעם געזאָגט אַ מאָדנעם משל [11]).

***

געווען רביים, וואָס האָבן זיך אויך „אויסגעבאָטן״ געלט ביי חסידים. אַמאָל צוויי מאָל „חי״ קערבלעך און אַמאָל לויטן נאָמען פון דעם חסיד, אָדער פון זיין ווייב.

האָראָדעצקי דערציילט [12]), אַז דער האָרנאָסטייפּעלער רבי, ר׳ יעקב ישראל טווערסקי, דער דריטער זון פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער, האָט געפּלעגט זיך „אויסביטן״ געלט, אַמאָל לויטן נאָמען פון חסיד׳ס ווייב. און מען האָט דערציילט, אַז עס איז געווען אַ חסיד, וואָס זיין ווייב האָט געהייסן „חיה״ און דער רבי האָט זיך אויסגעבאָטן געלט לויט דעם נאָמען פון זיין ווייב. דער חסיד איז געווען צופרידן וואָס דער נאָמען „חיה״ באַטרעפט נישט קיין סך, אָבער דער רבי האָט געזאָגט צום חסיד „אַמאָל רופט מען דאָך דיין ווייב אויך חיהלע, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר געבן געלט לויטן נאָמען „חיהלע״...

ביים ריזשינער רבין איז דער סדר פון זיך געזעגענען געווען אַזוי:

9) „החסידות והחסידים״, חלק א׳, דף ד׳.
10) דאָרט, באַנד 3, זייטן 15־16.
11) געבראַכט אין „בוצינא דנהורא״.
12) דאָרט, באַנד 3, זייט 92.

דער רבי איז געזעסן אויף דער שטול אין דער פראָווע־שטוב. אין דער זייט איז געשטאַנען דעם רבינס משמש מיט אַ פּאַטשיילע אין דער האַנט, און ווען דער חסיד איז אַריינגעקומען צום רבין האָט ער אָוועקגעלייגט דאָס קוויטל אויפן רבינס טיש און אַריינגעוואָרפן באַהאַלטענערהייט דעם „פדיון" אין דער פּאַטשיילע פונעם משמש, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווען געשעמט דאָס צו טאָן. דער ריזשינער רבי האָט זיך בכלל קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט צי דער חסיד גיט אַ פּדיון און וויפל ער גיט[13].

אין גערער הויף האָט מען אויך ניט געוואוסט צו געבן דעם רבין אַ פּדיון.

בלויז רייכע חסידים פלעגן צונעמען דעם גערער רבין פאַר אַ שותף צו זייערע מסחרים און דערפון האָט דער רבי געקענט אויסהאַלטן זיין גרויסן רבישן הויף.

***

אָבער פונוואַנען נעמט זיך פאָרט דער מנהג ביי חסידים, אַז מען גיט דעם רבין אַ קוויטל?

אין ספר „דור דעה" פון הרב יקותיאל קאַמעלהאַר[14] ווערט געבראַכט, אַז דער מקור פון מנהג געפינט זיך אין רמב"ן פרשת במדבר[15].

דער אמת איז, אַז דער רמב"ן איז געווען אַ בעל־מקובל און דער בעש"ט האָט שטאַרק געהאַלטן פון רמב"ן. אין די תורות פון בעש"ט, וואָס ווערן געבראַכט פון זיין תלמיד ר׳ יעקב יוסף פון פּולנאָה, ווערט אָפט מאָל דערמאָנט דער רמב"ן[16]. אָבער דאָס געבן אַ קוויטל אַ צדיק ווערט נישט דערמאָנט אין די ספרים פון די ערשטע מקובלים און אויך נישט אין די ספרים פון די תלמידים פון האר"י הקדוש.

עס קאָן זיין, אַז מען האָט בלויז מזכיר געווען דעם נאָמען פאַר דעם דעם האר"י הקדוש און פאַר די אַנדערע מקובלים, אָבער געבן אַ קוויטל ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט.

ווייסן מיר נישט אויף זיכער צי דער בעש"ט האָט „געפּראַוועט" חסידים, גענומען קוויטלעך און פּדיונות. זיין תלמיד — אפשר יאָ. און עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער מנהג איז איינגעפירט געוואָרן דורך דעם בעש"ט׳ס אייניקל, דעם רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, אַזוי ווי עס האַלט דער חסידות־פאָרשער דר. האָראָדעצקי.

13) זע: האָראָדעצקי, דאָרט, באַנד 4, זייט 169.
14) בילגוריי, תרצ"ג, זייט ל"ז.
15) א׳, מ"ה.
16) זע: „תולדות יעקב יוסף", פרשת וישלח, ויחי, און אין אַנדערע מקומות.

***

דאָס געבן דעם רבין אַ קוויטל איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט ביי די חסידים, אַז עס האָט זיך געטראָפן אַ פאַל אין יאָר תקצ״ו (1836) אין זלאָטשעוו, אַז אַ מורה־הוראה האָט מתיר געווען צו שרייבן אַ קוויטל אום שבת פאַר אַ חולה און אַז אַ איד זאָל פאָרן מער ווי דריי מייל מיטן קוויטל צו אַ רבין, ער זאָל מתפלל זיין פאַרן חולה.

וועגן דעם דאָזיקן פאַל שרייבט ר׳ שלמה קלוגער[17]) און ער גיט צו, אַז אַחוץ דעם דאָזיקן חטא האָט מען געטאָן נאָך אַן עבירה, וואָס מען האָט געשיקט צוויי יידן אויף צוויי פאַרשידענע מקומות מיט פדיונות צו רביים...

ר׳ שלמה קלוגער טרעט שטאַרק אַרויס קעגן דעם דאָזיקן חילול־שבת.

מער פּרטים וועגן דעם ברענגט דער בערזשאַנער גאון, ר׳ שלום מרדכי שוואַדראָן, אין זיין ספר: „שו״ת מהרש״ם״[18]). דאָרט ווערט געבראַכט אַ שאלה, וואָס מען האָט אים געפרעגט צי מען מעג שיקן אַ טעלעגראַם אום שבת פאַר אַ חולה, און ער דערציילט: „אין מיין געבוירן־שטאָט זלאָטשעוו איז געווען אַ חולה מסוכן. ווען דער בעלזער, רבי ר׳ שלום, איז געווען אויף שבת אין בראָד, האָט דער מורה הוראה מתיר געווען צו שרייבן דורך אַ גוי דעם נאָמען פון חולה און זיין מוטערס נאָמען און ער האָט דאָס קוויטל געשיקט קיין בראָד. דער גאון ר׳ שלמה קלוגער האָט מרעיש עולמות געווען און מען האָט דעם דיין אַראָפּגעזעצט. אויך דער בעלזער רבי האָט מתרעם געווען דערויף און ער האָט געזאָגט: „איצט וועל איך זיך דאַרפן אָנשטרענגען, אַז דער חולה זאָל האָבן אַ רפואה, כדי ער זאָל נישט האָבן גורם געווען קיין חילול שבת׳, און אַזוי איז געווען. דער חולה איז געזונט געוואָרן״.

און פאַר הלכה, פּירט אויס דער מהרש״ם, אַז מען טאָר נישט מקיל זיין, „בפרט אין אונדזער דור״[19]).

דער „טעמי המנהגים״[20]) ברענגט אין נאָמען פון ספר „לב שמח״, אַז „איך האָב געזען, אַז מען קריגט אויף די מענטשן וואָס שיקן אַ שליח אום שבת צו אַ רבין ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ חולה. אַוודאי מעג מען דאָס, ווי עס ווערט געבראַכט אין הר״ן, אַז אַפילו קרובים מעג מען שיקן, בפרט ווען דער חולה האָט אמונה און בטחון, אַז ווען מען שיקט אַ קוויטל צום רבין וועט ער האָבן אַ רפואה״.

17) אין שו״ת ספר „ובחרת בחיים״, סימן פ״ז.

18) חלק ג׳, סימן רכ״ה.

19) זע: י. ז. כהנא, „בעיות הלכה בעקבות החסידות״, אין זיין „ספר הבעש״ט״, זייטן 57־59.

20) חלק ג׳, זייט 89.

קאַפּיטל מב

דעם „בעש״ט׳ס סעודה״

דער מנהג ביי פאַרשידענע רביים צו פראַווען אחרון־של־פסח דעם „בעש״ט׳ס סעודה״. — מען עסט דעם „בעל־שם־טוב׳ס קניידלעך. — די מעשה, וואָס ס׳ווערט ביי דער סעודה דערציילט וועגן נס, וואָס איז מיטן בעש״ט געשען, ווען ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין פאַרשידענע רביאישע הויפן, און בפרט ביי די רביים וואָס שטאַמען פון בעש״ט און פון די תלמידים פון בעש״ט, איז אַ מנהג, אַז אחרון של פסח נאָכן דאַווענען מנחה, זעצט מען זיך עסן „שלוש־סעודות״, און די דאָזיקע דריטע סעודה ווערט אָנגערופן „דעם בעל־שם־טוב׳ס סעודה״.

ביי דער סעודה עסט מען דעם „בעל־שם־טוב׳ס קניידלעך״ און מען האָט דערציילט אַ מעשה וועגן נס, וואָס איז געשען מיטן בעש״ט, ווען ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דער רבי ר׳ ישראל בער פון ווילעדניק, דער תלמיד פון ר׳ נחום טשערנאָבילער [1], פלעגט יעדן שביעי של פסח דערציילן די מעשה, ווי אַזוי דער בעש״ט איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל און די שטרויכלונגען וואָס ער האָט געהאַט אויפן וועג. ווייל פון הימל האָט מען אים געשטערט, און ער איז אָנגעקומען בלויז קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

וועגן דער נסיעה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און דער נס וואָס עס איז מיט אים געשען פּסח, זיינען פאַראַן פאַרשידענע נוסחאות אין די חסידישע סיפורי מעשיות. מיר וועלן זי דאָ געבן אַזוי ווי זי ווערט געבראַכט אין ספר „הלכות והליכות בחסידות״, פון הרב דר. אהרן ווערט־היים [2], וועלכער שטאַמט פון בעש״טס משפחה, און לויטן נוסח וואָס זיינע עלטערן האָבן דערציילט, וואָס איז געוועזן אַ מסורה אין זיין רבישער משפחה.

1) ר׳ ישראל בער פון ווילעדניק איז נתגלה געוואָרן דורכן רבין ר׳ מענדעלע פון ליובאַוויטש, און ער איז דער מחבר פון דעם ספר „שארית ישראל״. ער איז נפטר געוואָרן כ״ט טבת, תרי״ — 1850. לויט אַ פאַרלעסלעכער ידיעה, פאָרן נאָך היינט צו טאָג חסידים מתפלל צו זיין אויף זיין קבר.

2) זייטן 176־178.

ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער מיטגענומען זיין סופר ר׳ הערש.

לויט אַן אַנדערן נוסח, וואָס עס האָט דערציילט דער רבי ר׳ יצחק אייזיק קאָמאַרנער, איז מיטגעפאָרן מיט אים זיין טאָכטער אָדל, און אַ נס איז געשען מיט דער שיף, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן. אַזוי געפינט זיך אויך וועגן דעם אַ רמז אין די ליקוטים אין סוף פון ספר „תולדות יעקב יוסף״ פון בעל־שם־טוב׳ס תלמיד ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָה. דאָרט שטייט: „כשהלך בנסיעה הידועה, הראה לו רבו במקום זה היה מרומז הנסיעה שהיו נוסעים ישראל במדבר. וכל נסיעת האדם מרומז בתורה... וכן כשנשברה לו הספינה, והיה בעצבות גדולה, ובא רבו ותמה עליו, והראה לו באיזה עולם הוא עכשיו, ואז התחזק בלבו למתקן בשרשן ובידוע לו״ — ווען ער איז געפאָרן אויף דער באַוואוסטער נסיעה (קיין ארץ־ישראל) האָט אים זיין רבי געוויזן, אַז אויף דעם אָרט איז מרומז זיין נסיעה, ווען די יידן זיינען געגאַנגען אין דער מדבר, ווייל יעדע נסיעה פון אַ מענטשן איז מרומז אין דער תורה... און ווען זיין שיף איז צעבראָכן געוואָרן, איז ער געווען אין גרויס עצבות און צו אים איז געקומען זיין רבי [3]) און ער האָט אים געוויזן, אין וועלכער וועלט ער געפינט זיך איצט, דעמאָלט האָט זיך זיין האַרץ געשטאַרקט מתקן צו זיין לויט זייער שורש (די תיקונים) וואָס זיינען אים באַקאַנט.

כדי אָבער אויסצוגלייכן די צוויי נוסחאות, אַז איינמאָל ווערט דער־ציילט, אַז מיטן בעש״ט איז מיטגעפאָרן זיין טאָכטער אָדל און לויטן אַנדערן נוסח, איז מיט אים מיטגעפאָרן בלויז זיין סופר, ר׳ הערש, זאָגט די חסידישע מסורה, אַז דער בעש״ט האָט צוויי מאָל געפּרואווט פאָרן קיין ארץ־ישראל און ביידע מאָל האָט ער נישט דערגרייכט זיין ציל, ווייל „מן השמים עיכבוהו״, פון הימל האָט מען אים געשטערט, איז מיט דער ערשטער נסיעה איז מיטגעפאָרן זיין טאָכטער אָדל און מיט דער צווייטער נסיעה, זיין סופר ר׳ הערש [4]).

איין טאָג איז די שיף צוגעקומען צו אַ קליינעם אינדזל און די שיף האָט דאָרט פאַראַנקערט.

אַלע מענטשן פון דער שיף זיינען אַראָפּגעגאַנגען זיך אַביסל אָפּרוען און אויך דער בעש״ט מיט זיין שמש ר׳ הערש סופר זיינען אַראָפּ פון דער שיף [5]).

3) מען מיינט אַחיה השילוני, וואָס איז געווען, לויט דער חסידישער מסורה, דער גייסטיקער רבי פון בעש״ט.

4) זע ווערטהיים, דאָרט, אין דער הערה 31.

5) לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן ביי ש. באַסטאָמסקי: „לעגענדעס פון בעש״ט״, ווילנע, 1925, זייט 131, איז דער בעש״ט געווען די ערשטע טעג פסח אין סטאַמבול,

אַזוי איז דער בעש״ט מיט זיין שמש ר׳ הערש סופר געגאַנגען אויפן אינדזל און זיי האָבן גערעדט וועגן „דברים העומדים ברומו של עולם״, וועגן גאָר הויכע ענינים, ביז זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן צו דער באַשטימטער שעה צוריקקומען צו דער שיף און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען, און זיי האָבן נישט געהערט דאָס קול פון גלאָק פון דער שיף, וואָס רופט מענטשן צוריקצוקומען צו דער שיף.

ווען דער בעש״ט האָט פאַרענדיקט זיין טיפן שמועס מיט ר׳ הערשן, האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז זיי דאַרפן צוריקגיין צו דער שיף, האָבן זיי זיך געאיילט צוריקצוגיין, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען צום ברעג ים, האָבן זיי דערזען, אַז זיי האָבן פאַרשפּעטיקט, די שיף איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען...

און ווי זיי שטייען אַזוי פאַרוואונדערט, זיינען פּלוצלינג אויף זיי אָנגעפאַלן ים־רויבער, ווייל אויף דעם דאָזיקן אינדזל איז געווען אַ הייל פאַר ים־רויבער. אויף גרויסע שיפן האָבן די ים־רויבער נישט געוואַגט אָנצופאַלן, דעריבער האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין זייערע היילן, אָבער ווען די שיף איז אָפּגעגאַנגען, זיינען זיי אַרויס פון די היילן און האָבן געזוכט, טאָמער האָט עמעצער פאַרגעסן, אָדער איבערגעלאָזט אַ חפץ וואָס האָט אַ ווערט.

און ווען די ים־רויבער האָבן דערזען דעם בעש״ט מיט זיין שמש, האָבן זיי געכאַפּט זיי און זיי געבונדן און געוואָלט זיי דערהרגענען.

האָט ר׳ הערש גערופן צו זיין רבין, דעם בעש״ט:

— פאַרוואָס שווייגט דער רבי? נאָך אַ רגע און מיר זיינען פאַרלוירן!

האָט דער בעש״ט געענטפערט:

— וואָס זאָל איך טאָן?

האָט ר׳ הערש געזאָגט:

— רבי, פאַרוואָס זאָגט איר נישט עפּעס אַ הייליקן שם?

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט דער בעש״ט געענטפערט — עס איז ביי מיר צוגענומען געוואָרן דער גאַנצער זכרון, איך האָב אַלץ פאַרגעסן. איך געדענק אַפילו נישט איין וואָרט פון דער תורה און תפילה. אפשר געדענקסטו עפּעס?

האָט ר׳ הערש געענטפערט:

— אויך איך האָב אַלץ פאַרגעסן, איך געדענק נאָר דעם „אַלף־בית״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען מעשה־שטן, וואָס האָט צוגענומען דעם זכרון, אי ביים בעש״ט און אי ביי ר׳ הערש סופר, ווייל דער שטן

און ערשט חול־המועד פסח זיינען זיי געפאָרן מיט אַ שיף קיין ארץ־ישראל. דאָרט ווערן אויך געבראַכט פאַרשידענע וואַריאַנטן וועגן דער נסיעה פון בעש״ט קיין ארץ־ישראל און די שטרויכלונגען וואָס ער האָט געהאַט אויפן וועג.

האָט געוואָלט זיי ביידן שטרויכלען זיי זאָלן נישט קענען קומען קיין ארץ־ישראל. וואָרים, ווען ר׳ ישראל בעל־שם־טוב קומט אָן קיין ארץ־ישראל, וואָלט ער געבראַכט די גאולה, וואָלט משיח געקומען, אָבער עס איז געווען „לא איכשר דרא״ — דער דור איז נאָך נישט געווען ראוי צו ביאת המשיח, און מיט געוואַלט קאָן מען נישט ברענגען משיחן. האָט דער שטן צוגענומען דעם זכרון ביים בעש״ט ער זאָל נישט געדענקען קיין שום תפילה. ווייל דער שטן האָט געוואוסט, אַז אויב דער בעש״ט וועט תפילה טאָן, וועט ער ניצל ווערן פון אַלע סכנות. אָבער דער שטן האָט נישט פאַרשטאַנען דעם דרך פון חסידות, אַז דער עיקר איז נישט די תפילה, נאָר די כוונה, און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן...

ווי נאָר ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געהערט, אַז ר׳ הערש גע־דענקט דעם„אַלף־בית״, האָט ער צו אים געזאָגט:

— גוט, זאָג פאַר מיר די אותיות! האָט ר׳ הערש אָנגעהויבן צו זאָגן:

— אַלף, בית, גימל, דלת, הא.

און דער בעש״ט האָט נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט מיט גרויס התלהבות.

און ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט געזאָגט:

„רבונו של עולם! דו דאַרפסט דען די תפילות פון אַ פשוטן בשר־ודם, וואָס הייסט ישראל? — אָט זאָג איך פאַר דיר די אותיות, און דו, האַר־ציקער טאַטע אין הימל! פלעכט אַליין פון זיי פאַר דיר אויס אַ קראַנץ פון תפילות!״

און דער בעש״ט האָט ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן מיט גרויס כוונה די אותיות: „אַלף, בית, גימל...״

און ווי ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט פאַרענדיקט זאָגן די אותיות, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געקלאַנג פון אַ גלאָק פון אַ גרויסער שיף, וואָס האָט פאַראַנקערט אין האַפן...

האָבן זיך ים־רויבער דערשראָקן און זיי זיינען אַנטלאָפן אין זייערע היילן אַריין. די שיף־פאָרער זיינען אַראָפּ אויפן אינדזל און זיי האָבן דערזען דעם בעש״ט און ר׳ הערשן ליגן געבונדענע אין שטריק. האָבן זיי זיך געאיילט, און האָבן זיי אויפגעבונדן און זיי געבראַכט אויף דער שיף אַרויף...

אָבער די שיף איז נישט געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, נאָר זי איז געגאַנגען צוריק פון ארץ־ישראל צו די רוסישע פּאָרטן ביים שוואַרצן ים.

און דאָס איז געווען פסח־צייט. דער בעש״ט און ר׳ הערש האָבן נישט געגעסן אויף דער שיף קיין שום מאכל אַחוץ פירות און קאַרטאָפל. זיי האָבן גאָרנישט מיט זיך מיטגענומען, ווייל זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געבליבן אויף דער ערשטער שיף. און ווען דער שיף־קאַפּיטאַן האָט פון זיי פאַרלאַנגט געלט פאַר זייער פאָרן אויף דער שיף, האָבן זיי נישט

געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיי ברענגען אין אַ האַפן־שטאָט וואו עס וואוינען יידן, דעמאָלט וועט ר׳ הערש אַראָפּ און וועט זאָגן די יידן, אַז דער בעש״ט געפינט זיך אויף דער שיף, וועלן די יידן זיכער אים אויסלייזן.

האָט דער שיף־קאַפּיטאַן מסכים געווען, און שביעי של פסח איז די שיף אָנגעקומען צו דער האַפן־שטאָט קיליאַ, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון שוואַרצן ים.

ר׳ הערש איז אַראָפּ פון דער שיף. דאָס איז געווען שביעי של פסח, גאַנץ פרי. אַלע יידן זיינען געווען אין דער שול ביים דאַווענען. ר׳ הערש איז אויך געגאַנגען אין שול אַריין, און אַ שעה שפּעטער ווי ר׳ הערש איז אַוועק און איז נישט צוריקגעקומען, האָט דער שיף־קאַפּיטאַן געזאָגט צום בעש״ט: „איך זע, אַז דו ביסט אַ באַגלויבטער מענטש, דערלויב איך דיר צו גיין אין שטעטל אַריין און איך גלויב דיר, אַז דו וועסט מיר באַצאָלן וואָס מיר קומט...״

איז דער בעש״ט אַראָפּ פון דער שיף. ער איז אַריין אין שטעטל, און אַזוי ווי ער איז געווען מיד און צעבראָכן פון דער לאַנגער נסיעה, איז ער אַריין אין ערשטן יידישן הויז, וואָס ער האָט באַגעגנט.

עס איז אָבער קיינער נישט געווען אין הויז, ווייל אַלע זיינען אַוועק אין שול אַריין. דער בעש״ט איז געווען הונגעריק און ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו דערכאַפּן זיין האַרץ, איז ער אַרויף אויפן פּיעקעליק זיך אַביסל אָפּצורוען.

און פּלוצלינג האָט דער בעש״ט דערזען אַ טעלער פול מיט דרייסיק קניידלעך און דאָס גרעסטע קניידל איז געלעגן אין מיטן. און כאָטש חסי־דים זיינען נזהר נישט צו עסן פסח „געבראָקטס״ און דאָס איז דאָך געווען שביעי של פסח, דאָך, ווייל דער בעל־שם־טוב האָט דערפילט, אַז די כוחות לאָזן זיך אים אויס, האָט ער זיך מתיר געווען צו עסן פון די קניידלעך, און ער האָט געגעסן און איז צוריק געקומען צו זיינע כוחות, און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן פּיעקעלעק זיך אָפּצורוען.

אינצווישן איז ר׳ הערש געקומען אין שול אַריין און ער האָט דער־ציילט די יידן, אַז דער בעש״ט געפינט זיך אויף דער שיף, און אַז מען דאַרף אים אויסלייזן.

זיינען יידן געלאָפן מיט בייטלען געלט, מקיים צו זיין די מצוה פּדיון שבויים. אָבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג ים, איז שוין מער נישט געווען קיין זכר פון קיין שיף און פון קיין מענטשן.

זיינען זיי געווען אין גרויס צער, און זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס מיטן בעש״ט איז געשען.

אינצווישן זיינען די מענטשן פון הויז, וואו דער בעש״ט האָט זיך

געפונען, אַהיימגעגאַנגען און זיי האָבן געפונען דעם בעש״ט ליגן אויפן פּיעקעליק. זיינען זיי אַרויסגעלאָפן דערציילן די יידן פון שטעטל, אַז דער בעש״ט איז ביי זיי אין הויז און דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען מלא שמחה.

פון דעמאָלט אָן האָט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איינגעפירט דעם מנהג, אַז אחרון של פסח האָט ער געמאַכט אַ ספּעציעלע סעודה לזכר דעם נס וואָס איז מיט אים געשען, און מען האָט געגעסן קניידלעך.

דער בעש״ט האָט נישט קובע געווען צו מאַכן די סעודה שביעי של פסח, אין דעם טאָג ווען דער נס איז מיט אים געשען, ווייל אין שביעי של פסח עסן חסידים נישט קיין קניידלעך.

און יעדעס יאָר, ווען דער בעש״ט איז געזעסן אחרון של פסח ביי דער ספּעציעלער סעודה און האָט דערציילט די מעשה מיטן נס וואָס איז מיט אים דעמאָלט געשען, און האָט דערמאָנט דעם „שיף־קאַפּיטאַן״, האָט זיין סופר ר׳ הערש אים געזאָגט:

„רבי, פאַרוואָס דאַרפט איר אים אָנרופן ׳קאַפּיטאַן׳, פאַרוואָס זאָלט איר אים נישט דערמאָנען ביי זיין ריכטיקן נאָמען? מיר ווייסן דאָך אַלע, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא!...״

און פון דעמאָלט אָן איז געבליבן אַ מנהג ביי די רביים וואָס שטאַמען פון דער בעש״טער גזע, אַז אחרון של פסח מאַכן זיי „דעם בעל־שם־טובס סעודה״. מען עסט „דעם בעל־שם־טובס קניידלעך״ און מען דערציילט דעם נס וואָס איז געשען מיטן בעל־שם־טוב אויף דער שיף און מיטן „קאַפּיטאַן״, וואָס האָט געראַטעוועט דעם בעש״ט...

קאַפּיטל מג

דער בעש״ט־מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור

די יידישע שריפטשטעלער און פּאָעטן וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט פון בעש״ט. — דער בעש״ט־מאָטיוו אין פּראָזע. — דער ערשטער פּרואוו צו שרייבן אַ ראָמאַן וועגן בעש״ט. — דער בעש״ט־מאָטיוו ביי י. ל. פּרץ און ביי אַנדערע שריפטשטעלער. — דער בעש״ט־מאָטיוו אין דער פּאָעזיע און דראַמע.

די גרויסע פּערזענלעכקייט, ר׳ ישראל בעל־שם טוב, האָט געהאַט אַ גאָר שטאַרקע ווירקונג אויפן יידישן לעבן אין משך פון איבער צוויי הונדערט יאָר און אויף דער יידישער ליטעראַטור.

די מעשיות פון „שבחי הבעש״ט״, „קהל חסידים״ און אַנדערע חסידי־שע מעשה־ביכלעך, זיינען געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר יידישע שריפטשטעלער און פּאָעטן.

אויך די העברעאישע ליטעראַטור, וואָס איז אַ קינד פון דער השכלה־באַוועגונג, און איז על פּי רוב געוואָרן באַווירקט פון די השכלה־שרייבער, קעגנער פון חסידות, האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו זען דאָס פּאָזיטיווע פון חסידות.

די ווערק פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, י. ל. פּרץ, יהודה שטיינ־בערג, ד״ר ש. א. האָראָדעצקי, האָבן משפּיע געווען אויף אַ צאָל העב־רעאישע שרייבער און דיכטער ווי: ש. י. עגנון, מרדכי בן־יחזקאל, א. שטיינמאַן, יוחנן טווערסקי, שמשון מעלצער, דוד כהן און אַנדערע, זיך צו באַנוצן מיטן חסידישן מיטאָס פאַר זייערע קינסטלערישע שאַפונגען.

אויך אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־דרינגען אָפּקלאַנגען פון דער שיינקייט פון חסידות. עס זיינען איבער־געזעצט געוואָרן אין ענגליש, ר׳ נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, די ווערק פון אונזער קלאַסיקער י. ל. פּרץ, עס זיינען דערשינען די חסידישע ביכער פון פּראָפעסאָר מאַרטין בובער. פּראָפעסאָר אברהם העשל האָט באַרייכערט די ענגלישע ליטעראַטור מיט וויכטיקע פאָרש־אַרבעטן וועגן חסידישע פּערזענלעכקייטן. ראַביי ד״ר לואיס י. ניומאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ „חסי־

דישע אַנטאָלאָגיע", פון איבער 700 זייטן, ראַביי מירקין האָט פאַרפענט־לעכט אַ בוך וועגן חסידישע מנהיגים, ראַביי סעמועל ה. דרעזנער האָט אַרויסגעגעבן אַ וויכטיקע פאָרש־אַרבעט וועגן „צדיק", לויט ער ווערט פאָרגעשטעלט ביים רבין ר' יעקב יוסף פון פולנאָה, דער תלמיד פון בעל־שם־טוב. און עס זיינען דערשינען אַ צאָל אַנדערע ביכער וועגן חסידות.

אָבער די גרעסטע השפעה האָט חסידות געהאַט אויף דער יידישער ליטעראַטור.

די גרעסטע צאָל יידישע שרייבער פון נאָך דער פרץ־תקופה, זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער חסידישער באַוועגונג.

די יידישע שרייבער האָבן אין זייערע שאַפונגען, קינסטלעריש אַרויס־געבראַכט די חסידישע פערזענלעכקייטן און בפרט דעם באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג, ר' ישראל בעל־־שם־טוב.

***

אַ פרואוו צו שרייבן אַ ראָמאַן וועגן לעבן פון בעש"ט, האָט געמאַכט מ. ספעקטאָר. די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין ראָמאַן „דער בעל־שם־טוב", מיט אַן אונטערקעפל: „אַ היסטאָרישער ראָמאַן פון 18טן יאָרהונדערט", האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „הויז פריינט" [1].

אין דער הקדמה צום ראָמאַן שרייבט ספעקטאָר, אַז ער האָט שוין מיט יאָרן פריער בדעה געהאַט צו שרייבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון בעל־שם־טוב'ס צייטן, ווייל „דער בעש"ט איז געווען אַ גרויסער מאַן און בכלל אַ זעלטן באַגאַבטער מענטש, בפרט נאָך אין די פינצטערע צייטן, אין וועלכע ער האָט געלעבט, איז דער בעש"ט געווען אַ ליכטיקער שטערן מיט אַ סך ליבע און וואַרעמקייט צו אַלע באַשעפענישן און בכלל צו די יידן — זיינע אומגליקלעכע ברידער..."

ספעקטאָר שרייבט אויך, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט אַלע ספרים וועגן בעש"ט און „נאָך פיל מער האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן און אַלע מיינע יאָרן פאַרבראַכט און בין אויפגעוואַקסן אין אַזאַ הויז, צווישן אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס דוכט זיך, קיין איין טאָג איז נישט אַוועקגעגאַנגען, אַז איך זאָל אין הויז, אין בית המדרש, אָדער אין חדר, נישט הערן קיין שיינע, וואונדערלעכע מעשיות פון הצדיק ר' ישראל בעל־שם־טוב ז"ל, און מיר קינדער האָבן דעם דאָזיקן זעלטענעם מענטשן פיל מער ליב געהאַט, ווי אַלע אַנדערע הייליקע און צדיקים,

1) „הויז פריינט", 4־טער בוך, וואַרשע, 1908.

פון וועלכע מען פלעגט אונז דערציילן... און יעדער פון אונז, חדר־ייִנגלעך, האָט זיך געוואונטשן צו זיין אַזוי ווי דער בעל־שם. מיר האָבן אים אַזוי גוט געקענט, גלייך ווי ער האָט געלעבט מיט אונז צוזאַמען, און מיר האָבן אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, ווי דער בעל־שם־טוב האָט ליב געהאַט קינדער...״

„צו דעם אַלעם — שרייבט ווייטער ספעקטאָר — האָב איך עטלעכע פון מיינע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט אין דער שטאָט מעזבוז (מעזשיבעזש), וואו דער בעל־שם־טוב האָט געלעבט און נפטר געוואָרן... אין דער שטאָט, ווער שמועסט אין „בעל שמ׳ס קלויז״, וואָס דאָרט קען מען עד היום יעדן נאָכן דאַוונען הערן וועגן בעל־שם־טוב „מעשיות״, ווי גלייך ער דאַוונט נאָך איצט אויך אין קלויז — אָט דאָרט אין ווינקל, פונקט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק... דאָס אַלץ האָט מיר געגעבן שטאָף איך זאָל שרייבן דעם ראָמאַן פון בעל־שם־טובס לעבן און פון זיין צייט... דער ראָמאַן וועט האַלטן בערך 15־20 דרוק־בויגן און וועט געענדיקט ווערן אין פינפטן, אָדער זעקסטן באַנד „הויז־פריינט״.

אָבער ספעקטאָר האָט אָפּגעדרוקט בלויז פיר קאַפּיטלען פון ראָמאַן. אין סוף פון די פיר קאַפּיטלען שטייט: „פאָרזעצונג קומט״, אָבער מער האָט ספעקטאָר נישט געדרוקט.

די ערשטע קאַפּיטלעך פון ספעקטאָרס ראָמאַן האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער וועלט. דער קלאַסיקער שלום עליכם האָט אין אַ בריוו צו ספעקטאָרן שטאַרק געלויבט די ערשטע קאַפּיטלעך פונעם ראָמאַן.

„איך האָב מיך ממש מחיה געווען, באמת געפרייט זיך — שרייבט שלום עליכם — משונה הנאה געהאַט פון מיין חבר מיט וועלכן איך קען שטאָלצירן קעגן אַלע אונזערע גרויסע!״ [2])

אָבער מער ווי די ערשטע פיר קאַפּיטלעך האָט ספעקטאָר נישט פאַרעפנטלעכט פון זיין ראָמאַן „דער בעל־שם־טוב״ און מיר ווייסן נישט צי זיי זיינען געבליבן אין מאַנוסקריפּט, צי בכלל נישט אויפגעשריבן.

***

דער ערשטער וואָס האָט מיט פולע עמערס געשעפּט פון חסידישן קוואַל און זיך באַנוצט מיט בעש״ט־מאָטיוון אין זיינע דערציילונגען, איז געווען י. ל. פּרץ.

2) דער בריוו איז געדרוקט אין „דאָס שלום עליכם בוך״ פון י. ד. בערקאָוויטש, זייט 163.

פּרץ האָט אַ מעשה: „דער בעל־שם־טוב פּירט אויס אַ שידוך״ [3]), וואָס איז אַ חסידישער מאָטיוו.

מעשיות וואָס ווערן דערציילט וועגן בעש״ט זיינען אויסגענוצט געוואָרן אויך פון אַנדערע יידישע שרייבער.

אָט איז אַ חסידישע מעשה וועגן אַ דאָרפס־יינגל, וואָס קאָן נישט דאַווענען. ער קומט מיטן פאָטער יום־כיפור אין בעש״ט׳ס בית־המדרש אַריין. דאָס יינגל וויל דאַווענען, אָבער ער קאָן נישט קיין עברי, און ביי נעילה ווען אַלע יידן דאַווענען, קאָן ער זיך נישט איינהאַלטן און גיט אַ פייף... און דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס יינגל האָט מיט זיין פייף אַריינגעבראַכט אין הימל אַלע תפילות[4]).

ביי מ. י. בערדיטשעווסקי, ווערט די מעשה אָנגערופן „דאָס פייפערל [5])

און ביי שלום אַש׳ן הייסט די מעשה „אַ דאָרפס־צדיק״.

ביי בערדיטשעווסקי קומט די מעשה פאָר ביים בעש״ט אַליין. אָבער שלום אַש דערמאָנט נישט דעם בעש״ט, כאָטש דער מאָטיוו איז גענומען פון אַ בעש״ט־מעשה, נאָר ביי סתם אַ צדיק.

אויך פּרץ האָט די מעשה אַריינגעפלאָכטן אין זיין „שמע ישראל, אָדער בערל באַס״ [6]).

ש. אַנ־סקי האָט דעם דאָזיקן מאָטיוו וועגן „דאָרפס־יינגל און דער בעש״ט״ אין זיין מעשה „תפילה״ [7]).

*
**

דער מקור פון דער דאָזיקער מעשה איז גאָר פונעם 12טן יאָרהונדערט. זי געפינט זיך אין „ספר החסידים״ און זי איז געבויט אויף דעם מאמר

3) י. ל. פּרץ: „געזאַמלטע שריפטן״, באַנד 3, זייטן 101—122, פאַרלאַג „אידיש״, ניו־יאָרק, 1920.

4) געבראַכט אין „קהל חסידים החדש״, מעשה י״ח. אַן ענלעכע מעשה געפינט זיך אין חסידישן ספר: „דברים ערבים״ (א׳, י״ט), וועגן אַ יידישן פּאַסטעך, וואָס שפּרינגט איבער אַ טייכל און דער בעש״ט זאָגט, אַז „דער פּאַסטעך דינט דעם אויבערשטן בעסער פון אים״. אַן ענלעכע מעשה ווערט דערציילט וועגן רבין ר׳ הערש אלימלך פון דינאָוו, געבראַכט אין „עשר צחצחות״ (מערכת ח׳), וועגן אַ יינגל, וואָס האָט געבראַכט זיין מוטערס סידור, ערב־יום־כיפור אין שול אַריין און געבעטן גאָט, ער זאָל אים העלפן דאַווענען. אַזאַ ענלעכע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן ר׳ בערישל בעל־תשובה פון קראָקע, אין: „חסידות און לעבן״ פון מנשה אונגער, זייט 205.

5) מ. י. בערדיטשעווסקי: „יידישע כתבים״, שטיבל פאַרלאַג, בערלין, 1924.

6) י. ל. פּרץ: „פאָלקסטימלעכע געשיכטען״, ניו־יאָרק, זייטן 124—140.

7) ש. אַנ־סקי — שמואל זיינוויל ראַפּאָפּאָרט, „געזאַמלטע שריפטן״, פאַרלאַג „אַנ־סקי״, ווילנע, וואַרשע, ניו־יאָרק, תרפ״ב — 1922, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג ש. שרעברעק.

חז״ל: „רחמנא ליבא בעי״ [8]), אַז דער עיקר איז דאָס האַרץ, די כוונה פון דעם מענטשן, בעת ער טוט אַ מצוה. דאָרט שטייט, אַז: „אַ ירא שמים איז חשובער ווי אַ תלמיד־חכם [9]), און אַז די גרעסטע פרייד פאַרן מענטשנס נשמה — איז די תפילה צו גאָט, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די טיפענישן פונעם האַרצן, ניט די קאַלטע, בלויז איינגעַ׳חזר׳טע תפילה״...

„ווען עס קומט צו דיר״, לערנט דער „ספר החסידים״, „אַ ייד, וואָס פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש, נאָר ער איז אַ ירא־שמים און וויל דאַוונען מיט כוונה, אָדער אַז עס וועט קומען אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט אַוודאי נישט קיין לשון־קודש, זאָלסטו זיי זאָגן, זיי זאָלן דאַוונען אויף דעם לשון, וואָס זיי פאַרשטייען, ווארים די תפילה איז דאָך דאָס געבעט פון האַרצן, און וויבאַלד דאָס האַרץ ווייסט נישט וואָס די ליפּן זאָגן, וואָס קאָן העלפן אַזאַ תפילה? לכן איז בעסער, אַז יעדער מענטש זאָל מתפלל זיין אויף דעם לשון, אויף וועלכן ער פאַרשטייט״ [10]).

און דער „ספר החסידים״ ברענגט דערביי אַ מעשה וועגן אַ יידיש קינד, וואָס איז געווען אַ פאַסטעך. ער פלעגט פאַשען בהמות און איז געווען אַזאַ עם־הארץ, אַז ער האָט אַפילו נישט געקענט דאַוונען. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער בלויז זאָגן: „רבונו של עולם, דיר איז דאָך באַוואוסט, אַז ווען דו וואָלסט האָבן בהמות און דו זאָלסט זיי געבן מיר צו היטן — איז אַלעמען היט איך פאַר באַצאָלט, דיר אָבער וואָלט איך געהיט בחינם. אָט אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר. איז אַמאָל גראַד פאַרבייגעפאָרן אַ תלמיד־
שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר [11]). איז אַמאָל גראַד פאַרבייגעפאָרן אַ תלמיד־חכם, דערציילט ווייטער דער „ספר החסידים״, און ער הערט ווי דער פאַסטעך דאַוונט אַזוי, זאָגט ער צו אים: „שוטה! זאָלסט נישט דערוועגן אַזוי מתפלל צו זיין״.

„ווי אַזוי דען זאָל איך דאַוונען?״

האָט דער תלמיד־חכם מיט אים געלערנט, ווי אַזוי מען מאַכט אַ ברכה, ווי אַזוי מען לייענט קריאת־שמע און אַנדערע תפילות, און אים געזאָגט, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער מער שוין נישט זאָגן זיינע עם־

8) אָריגינעל שטייט: „הקב״ה ליבא בעי״, סנהדרין דף ק״ו, עמוד ב׳, נאָר רש״י דאָרט זאָגט „רחמנא״ און אַזוי ווערט אויך געבראַכט אין דער הקדמה פון „חובת הלבבות״ און אין זוהר, פרשת תרומה, און אין „ספר החסידים״, רמ״ז, תק״צ.

9) סימן 361.

10) „ספר החסידים״, סימן 588. — אויך ר׳ ישראל בעש״ט האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן תפילה־טאָן צו גאָט אויף יידיש, און דער רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו האָט טאַקע געזאָגט תפלות צו גאָט אין יידיש, דאָס זעלבע האָט געטאָן דער רבי ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו.

11) זע ד״ר צינבערג: „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, באַנד 2, זייטן 64־65. פּאַראַלעלע מעשיות אויפן מאָטיוו פון „רחמנא ליבא בעי״ ביי אַנדערע פעלקער, זע: בערנאַרד העלער: „היברו יוניאָן קאָלעדזש אַנועל״, 1927, זייטן 365—404.

הארצ׳ישע תפילות. דער תלמיד־חכם איז זיך אַוועק זיין וועג. דער פּאַסטעך האָט גלייך פאַרגעסן די אַלע תפילות וואָס דער תלמיד־חכם האָט אים אויסגעלערנט, זיין געוויינלעכע בקשה צו גאָט האָט ער אָבער שוין מורא געהאַט צו זאָגן, האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט תפילה צו טאָן.

האָט דער דאָזיקער תלמיד־חכם געהערט ביינאַכט אַ קול: „זיי וויסן, אַז אויב דו וועסט נישט גיין צום פּאַסטעך און אים דערקלערן, אַז ער מעג זאָגן זיין געוויינלעכע תפילה, וואָס ער פלעגט מתפלל זיין, איידער דו ביסט צו אים געקומען, וועסטו האָבן אַ שלעכטן סוף, וואָרים דו האָסט פון יענער וועלט צוגעצ׳גזל׳ט איינעם פון מיינע געטרייע דינער״...

איז דער תלמיד־חכם אַוועק צום פּאַסטעך און האָט אים געפרעגט: „וואָסערע תפילות זאָגסטו?״ האָט דער פּאַסטעך געענטפערט: „איך דאַוון גאָרנישט. די תפילות, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלערנט, האָב איך פאַרגעסן, און די תפילות וועגן די בהמות האָסטו מיר דאָך פאַרבאָטן צו זאָגן!״...

האָט דער תלמיד־חכם אים דערציילט וועגן חלום וואָס ער האָט געהאַט, און אים געזאָגט, אַז ער זאָל ווייטער זאָגן זיין תפילה. „אָט, זעט״ — איז דערביי מוסיף דער „ספר החסידים״ — „איר האָט דאָ נישט קיין תורה, נישט קיין מעשים־טובים, נאָר דעם פשוט׳ן וואונטש צו טאָן גוטס, און דאָס איז שוין פאַררעכנט פאַר זייער אַ וויכטיקע זאַך, וואָרים די תורה פאָדערט קודם־כל באַוויליקונג פון האַרצן, ׳רחמנא ליבא בעי׳״ [11]).

***

ש. אַנ־סקי האָט אויסגענוצט פאַרשידענע מעשיות וועגן בעש״ט אין זיינע שריפטן [12]) און אויך אין זיין דראַמע „דיבוק״, וואו דער מיראָפּאָליער צדיק דערציילט אַ מעשה פון בעש״ט, ווי אַזוי דער בעש״ט איז געגאַנגען זען אַ קונצן־מאַכער און דער בעש״ט זאָגט: „איך בין געגאַנגען אָנקוקן און זען ווי אַזוי אַ מענטש גייט דאָס איבער אַ טיפן אָפּגרונד און איך קוק און טראַכט: ווען דער מענטש וואָלט אַזויפיל געאַרבעט איבער זיין נשמה, וויפיל ער אַרבעט אויפן גוף, איבער וועלכע טיפע אָפּגרונדן וואָלט זי געקענט אַריבערפירן אויף דעם דאָזיקן שניירעלע פון לעבן״ [13]).

***

12) אין זיין אָפּטייל: „חסידיש״, 1טער באַנד, און אין זיינע ביכער: חורבן גאַליציע, באַנד 4, 5 און 6.

13) אינעם דריטן אַקט. אַזאַ ענלעכע מעשה ווערט געבראַכט אין די חסידישע מעשה־ביכלעך וועגן ר׳ פּנחס׳ל קאָריצער און וועגן ר׳ זושא אַנעפּאָליער.

אין דער אַנטי־חסידישער ליטעראַטור איז נישט פאַראַן קיין שילדע־רונג וואָס דער ווילנער גאון, ר׳ אליהו, האָט געזאָגט וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דעם באַגרינדער פון דער חסידישער שיטה.

מיר ווייסן נאָר, אַז איינמאָל איז דער ווילנער גאון אַרויס פון זיין גדר, פון זיצן יומם ולילה און לערנען, און ער האָט, לויט דער בקשה פון פינסקער רב ר׳ אביגדור, געהייסן פאַרברענען אויפן ווילנער שול־הויף, קעגנאיבער דער גרויסער שול, דאָס ספר „צוואת הריב״ש״, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר תקנ״ג (1793).

דעם דאָזיקן פאַקט דערציילט ר׳ אביגדור אין זיין קלאָג־שריפט — מסירה — וואָס ער האָט געשיקט צום רוסישן קייזער פּאַוועל [14]).

אין אַן אַנדערער אַנטי־חסידישער שריפט, „מחשבות כסילים״, ווערט דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט „פאַרברענט דאָס ספר ׳צוואת הריב״ש׳ עפנטלעך ערב פסח פאַר ביעור חמץ״ [15]).

אָט דעם אינצידענט האָט אויסגענוצט דער יידיש־העברעאישער שריפטשטעלער און דיכטער זלמן שניאור אין זיין ראָמאַן „קייזער און רבי״ [16]).

שניאור האָט אין דאָזיקן ראָמאַן געגעבן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם בעל־שם־טוב׳ס שיטה: „ער האָט די יידן ווי צעשראָקענע קינדער צוזאַמענגענומען, אַפּריער מיט אָפּשפּרעכענישן און מיט קמיעות און מיט סגולות און דערנאָך מיט קורצע תורה־ווערטלעך״...

שניאור מאָלט אַזאַ סצענע, ווי אַזוי דער פינסקער רב, ר׳ אביגדור, קומט מסר׳ן פאַרן ווילנער גאון די „כת״ (חסידים):

„ר׳ אביגדור רעדט מיטן ווילנער גאון וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און ר׳ אביגדור ווייזט דעם ווילנער גאון דאָס ספר׳ל, וואָס די חסידים האָבן אַרויסגעגעבן, די ׳צוואה פון ריב״ש׳ („צוואת הריב״ש״), און דער גאון הייסט ר׳ אביגדור׳ן פאַרלייענען פון דעם דאָזיקן ספר״.

און דאָ קומט פאַר אַזאַ שמועס צווישן ר׳ אביגדור׳ן און ווילנער גאון. ר׳ אביגדור לייענט פון ספר׳ל און דער ווילנער גאון רעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, ער פאַרבייט אַ „שין״ אויף אַ „סמך״ און אַ „סמך״ אויף אַ „שין״...

ר׳ אביגדור לייענט:

— טוב... איר הערט דאָך, עס איז בעסער צו דינען השם יתברך מיט שמחה און אָן פּייניקונגען פון לייב, וועלכע ברענגען צו אומרייניקייט... אומעטיקייט און עבודה זרה...

14) זע: ש. דובנאָוו, „געשיכטע פון חסידיזם״, באַנד 2, זייטן 113 און 114.

15) ציטירט לויט דובנאָוו׳ס „געשיכטע פון חסידיזם״, באַנד 2, זייט 115.

16) ציק״אָ־ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944—1952, פינף בענדער. וועגן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אין ראָמאַן פאַראַן אין: 1טן באַנד, זייטן 215—216; 2טן באַנד, זייטן 70—72.

און דער ווילנער גאון גיט אַ געשריי:

— דאָש איז... דאָש איז... פאַרברעניך, לעבן פאָליש, פאַרברעניך זעלכי... זעלכי פושעי ישראל... אַזעלכי זאַכן שרייבן מיט היילינע אותיות! זיי אַלעמען סמייסן, אין קוני סטעלן...

דער גאון רעדט קעגן בעש״ט און קעגן דער „כת״:

„דעם צוים פון לערנען תורה ווילן זיי אונז ברעכן, דעם צוים פון אַלע צוימען, תורה לערנען איז ביי זיי גאווה״...

און דער גאון הייסט זיי לייגן אין חרם אַריין...

***

אויך דער דיכטער לייזער וואָלף האָט אין זיין ליד: „דער ווילנער גאון און דער בעש״ט״, געגעבן אַ שילדערונג ווי אַזוי דער ווילנער גאון באַגעגנט זיך מיטן בעש״ט אין חלום [17].

אין דעם דאָזיקן ליד שילדערט לייזער וואָלף דעם ווילנער גאון׳ס דרך, ווי ער זיצט און לערנט און עס קומען אָן די שטאָט־גבאים און זאָגן אים, אַז „צוועלף חסידים טאַנצן אין שטיבל ווי גויים״...

„דער ווילנער ליגט, דאָס ליכטל גוסס׳ט, אַ זילבערנער לבנה־שטראַל באַלייכט זיין שלאָף. ער האָט אַ חלום: ער איז אין אַ שענק, ניין חסידים טאַנצן אין אַ ראָד. יידן בעטן אים ער זאָל מיט זיי מיטטאַנצן און ער טאַנצט מיט זיי. און פלוצלינג דערפילט ער אַ קוש אויף דער באַק... דאָס האָט אים דער בעש״ט אַ קוש געגעבן״ [18]...

***

מעשיות פון בעש״ט, וואָס זיינען באַאַרבעט און סטיליזירט געוואָרן אין יידיש זיינען פאַראַן עטלעכע, ווי ש. באַסטאָמסקי׳ס „לעגענדעס וועגן בעש״ט״ [19]) און י. אָפּאַטאָשו׳ס „מעשיות פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און

17) דאָס דאָזיקע ליד איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש „הגר״א מווילנא והבעש״ט״, געדרוקט אין „אור החסידות״, ילקוט למסיבות בשנת הבעש״ט (200 יאָר צו זיין פטירה), „תרבות וחינוך״ הוצאת ספרים, תל־אביב, תש״ך — 1960, זייטן 68—71.

18) לייזער וואָלף: „לידער״, געזאַמלט פון ל. ראַן, אָפּגעקליבן און רעדאַקטירט פון ה. לייוויק, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס (פאַראייניקט מיטן ציק״אָ), ניו־יאָרק, 1955. דאָס ליד: „דער ווילנער גאון און דער בעש״ט״, אויף זייט 177.

19) „יידישע פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס״, געזאַמלט פון ש. באסטאמסקי, ערשטער באַנד, „לעגענדעס וועגן בעש״ט״, פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול״,

זיינע תלמידים״[20]).

אויך י. מזח האָט איבערדערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן בעש״ט.

אַזוי איז אַרויס אַ קליין ביכעלע „דער בעל שם טוב״[21]) פון י. מזח, אָבער אויפן שער־בלאַט שטייט נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען, נאָר אַ פּסעוודאָנים: „איינער פון די חסידים״. בלויז אייניקע הערות זיינען אונטערגעשריבן מיט מזח׳ס באַוואוסטן פּסעוודאָנים „שר של ים״[22]).

אין דעם זעלבן שרעברעק פאַרלאַג איז אויך דערשינען אַ זאַמלונג פון מעשיות וועגן בעש״ט אונטער דעם כולל׳דיקן נאָמען: „ספורי צדיקים — וואונדערליכע מעשיות פון בעל שם טוב אונד פון אַנדערע צדיקים״[23]).

אין מזח׳ס זאַמלונג: „לעגענדעס און מעשה׳לעך״ זיינען אויך אַריין מעשיות פון בעש״ט, ווי: „די הייליגע קמיע״, „דעם גראַפ׳ס קראַנקע טאָכטער״, „אַ ווילדע קאַץ״, „דער וואונדער בריוו״, „דער פאַרבאַרגענער צדיק״[24]) און „זיבעצן וואונדער פון בעש״ט און זיינע תלמידים״[25]).

אויך ש. צ. (שמואל צבי) זעצער האָט אַריינגענומען מעשיות פון בעל־שם־טוב אין זיין בוך: „רב ישראל בעל שם טוב — זיין לעבן, לערע און ווירקן״[26]).

מיר וואָלטן דאָ אויך געדאַרפט אַריינרעכענען י. זאַנגוויל׳ס „דער בעל שם״, וואָס איז אַריין אין זיין זאַמלונג „טרוימער פון געטאָ״[27]).

ווילנע, 1925. אינעם באַנד קומען אַריין 169 מעשיות, גענומען פון „שבחי בעש״ט״, „קהל חסידים״ און „דברי צדיקים״.

20) פון דער סעריע: „פון אונזער אוצר״, ציק״אָ־ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1957, 338 זייטן. אינעם בוך איז איבערגעדרוקט געוואָרן די עסיי וועגן בעש״ט פון דעם יידישן קולטור־היסטאָריקער, דר. י. צינבערג. אין דער הקדמה זאָגט דער מחבר, אַז ביים צונויפשטעלן דעם באַנד האָט ער זיך באַנוצט מיט די ספרים: „שבחי הבעש״ט״, „קהל חסידים״, „מעשיות נפלאות״, „ספורי הבעש״ט״, „גבורת ישראל״ און „מאורות הגדולים״.

21) פאַרלאַג „ש. שרעברעק״, ווילנע, 1909, 79 זייטן.

22) זע: ש. באַסטאָמסקי, אין זיין הקדמה צו דעם פריער־דערמאָנטן בוך זיינעם: „יידישע פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס״.

23) דערשינען אין יאָר 1909. אויפן שער־בלאַט איז גאָר קיין מחבר נישט אָנגעגעבן. דאָס איז מסתמא געווען דערפאַר, כדי די חסידים זאָלן מיינען, אַז עס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אַן אַלט חסידיש מעשה־ביכל, און זיי וועלן עס גיכער וועלן קויפן.

24) אַלע מעשיות וועגן בעש״ט.

25) זע: זלמן רייזען, „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״, שטיך־וואָרט „מזח״.

26) פאַרלאַג „אַמעריקאַ״, 1919, צוויי בענדער, 251 און 247 זייטן.

27) הגם דאָס בוך איז אַרויס אין ענגליש, אָבער ס׳איז איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש פון א. פרומקין, לאָנדאָן, פאַרלאַג ב. רודערמאַן, 1909. די דערציילונג „דער בעל שם״ איז אויף די זייטן 261—333. די דאָזיקע דערציילונג איז אַ פּרוואו צונויפצושטעלן אַ ביאָגראַפיע פון בעש״ט אויפן סמך פון לעגענדעס.

אַ זאַמלונג מעשיות וועגן בעש"ט האָט אַרויסגעגעבן דער דיכטער און קדוש בער האָראָוויץ הי"ד, אונטערן נאָמען: „וואונדערליכע מעשיות וועגן בעש"ט", מיט אייגענע צייכענונגען [28]).

בער האָראָוויץ האָט סטיליזירט די חסידישע מעשיות לויט אַ פרום־חסידישן סטיל. צו דער ערשטער מעשה זיינער: „חדוה", האָט ער געצייכנט דעם שער־בלאַט מיט גע'כתיבה'טע אותיות און מיט אַזאַ אינהאַלט:

„אַ פרעהליכער פלאות'דיגער סיפור
מהרב בעש"ט הקדוש זצ"ל,
זיין זכות זאָל אונז ביישטעהן, אמן.
געמאָלט און געשריבען פון מיר,
דוב בער האָראָוויץ".

פון דעם אַליין קאָן מען שוין זען, אַז האָראָוויץ האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן דעם אַלטן חסידישן נוסח אַפילו אין אויסלייג, שרייבנדיק „פרעהליכער" אַנשטאָט „פריילעכער" און „ביישטעהן" אַנשטאָט „ביישטיין".

אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער מעשה שרייבט האָראָוויץ:

„איידער דו, מיין ליבער לעזער, זאָלסט זיך פאַרזינדיגען און דערצו נאָך אַ סך טייערע צייט פאַרברענגען ביי אַ נאַרישער, נישטיגער מעשה, וואָס איז אָן אַ תכלית און ברענגט דיר נישט קיין קרן, דערצייל איך דיר אָט־אָ דאָ אַ מעשה פלאים, וואָס האָט זיך פאַרלאָפען מיט'ן הייליגן בעש"ט, פון וועלכער דו וועסט אַ גרויסען תענוג האָבען און וועסט דיר אַ מוסר השכל אַראָפּנעמען און אַ סך גוטע מידות, מעשים טובים אָפּלערנען. לסוף — האָף איך — וועסטו דיינע טריט אויך ווענדען על דרכי עבודת ה' יתברך און צו זיי שכר וועט נישט זיין קיין גבול".

צווישן זיינע מעשיות פון בעש"ט, איז אויך פאַראַן אַ מעשה: „דאָבאָש", אין וועלכער עס ווערט פאַרהערלעכט דער פאָלקסהעלד דאָבאָש פון די הוצולן, די באַוואוינער פון די מזרח־גאַליצישע קאַרפּאַטן, און עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דאָבאָש באַגעגנט זיך מיטן בעש"ט, און דער בעש"ט זאָגט אים ער זאָל תשובה טאָן.

די הוצולן זיינען געווען אַן אַלט־סלאַווישער שבט, וואָס האָבן געוואוינט אין דעם דרום־מזרח־קאַרפּאַטן־געגנט פון פוילן. די הוצולן־שפּראַך איז אַ געמיש פון אוקראַאיניש, פויליש, סלאַוויש, דורכגעפלאָכטן מיט רומעניש, אונגאַרישע, ציגיינערישע, אַרמענישע און יידישע אויסדרוקן און באַגריפן. דאָבאָש, דער הויפּט פון די גזלנים פון די הוצולן, פלעגט רויבן ביי די רייכע און דאָס צוגערויבטע צעטיילן צווישן די אָרעמע.

די הוצולן האָבן לעגענדעס וועגן בעש"ט, און לויט אַ חסידישער

28) פאַרלאַג „וואַנדערער", וואַרשע, 1923, 92 זייטן. אינהאַלט: חדוה, דאָבאָש, דער גלגול, די לעגענדע פון מאַדאָנע. די לעצטע מעשה איז נישט וועגן בעש"ט.

לעגענדע געפינט זיך אַפילו דעם בעש״ט׳ס כתב־יד אין דער זעלבער הייל, אין די קאַרפּאַטן־בערג, וואו עס ליגן באַהאַלטן דאָבאָש׳ס אוצרות [29]).

דער מאָטיוו: „דאָבאָש און דער בעש״ט״ איז אַריין אין דער יידיש־העברעאישער ליטעראַטור. ש. י. עגנון האָט אַ מעשה וועגן דאָבאָשן [30]). דער העברעאישער דיכטער שמשון מעלצער האָט אַ ליד וועגן „דאָבאָש און דער בעל שם טוב״ [31]).

אין יידיש האָט דער דיכטער נפתלי גראָס לידער וועגן דאָבאָשן און איין פּאָעמע: „דאָס ליד פון בעל־שם־טוב און דאָבאָש״ [32]).

אויך דוד פּינסקי האָט אויסגענוצט די לעגענדע וועגן בעש״ט׳ס באַגעגעניש מיט גזלנים אין אַ דראַמע „דער בעל־שם־טוב און דער גזלן״ [33]).

29) וועגן די הוצולישע מעשיות אין שייכות מיטן בעש״ט האָט געשריבן דר. דוב נוי: „אגדת הבעש״ט בהרי הקרפּטים״, אין „מחניים״, ערב חג השבועות, תש״ך, זייטן 66—79; אויך סטאַניסלאַוו ווינצענז: „אויף דער הויכער פּאָלאָנינע״, 1־טער טייל, וואַרשע, 1936. איציק מאַנגער דערציילט אין זיין בוך: „געזאַמלטע שריפטן״, ניו־יאָרק, 1961, זייט 512, אַז סטאַניסלאַוו ווינצענז האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן פאָלקלאָר פון די הוצולן און אַז „צווישן די מעשיות וואָס די הוצולן האָבן דערציילט, זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געדרייט וועגן עפּעס אַ ׳הייליקן זשיד׳. געוויסע ערטער אין די קאַרפּאַטן זיינען גערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון הייליקן ייד, דער ברונעם פונעם הייליקן ייד, דער שטיין פונעם הייליקן ייד, די הייל פונעם הייליקן ייד און אַזוי ווייטער״.

אויך בער מאַרק אין זיין „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן״, באַנד 2, 1939, זייטן 402־405, ברענגט וועגן דער ווירקונג פון חסידות אויף די הוצולן, אַז ביי די הוצולן איז פאַרשפּרייט די לעגענדע וועגן דעם שבט „רחמים״ וואָס געפינט זיך צווישן הימל און ערד. דער אידעאַל פון די „ראַכמאַנים״ איז דער עטישער אידעאַל פון די הוצולן. ווען די הוצולישע מסורה וויל באַצייכענען די „גאָלדענע עפּאָכע״ פון די באַרג־איינוואוינער, איידער ס׳איז איינגעפירט געוואָרן די „פּאַנשטשיזנע״, זאָגט זי: „די הוצולן זיינען דעמאָלט געווען רחמנים...״ אויך איז ביי די הוצולן פאַראַן דער באַגריף פון עצבות און חדווה. לויט דער הוצולישער לעגענדע פלעגט דאָבאָש טאָן טובות יידישע קבצנים. איינמאָל, דערציילט די הוצולישע לעגענדע, האָט דאָבאָש געטראָפן ביים טייך אַן אָרעמען יידן כאַפּן פיש אויף שבת. דער ייד האָט זיך דערשראָקן ווען ער האָט דערזען דעם גזלן דאָבאָש. אָבער דאָבאָש האָט אים באַרואיקט און אים געזאָגט: „האָב נישט קיין מורא פאַר דאָבאָשן. דו ביסט אַ קבצן, דו ביסט דאָך פון זעלבן יחוס וואָס איך...״ און ער האָט דעם יידן געגעבן עטלעכע דוקאַטן אויף שבת.

30) ש. י. עגנון: „חרב דוביש״ אין „כל סיפוריו״, כרך 2, ז׳ 379.

31) שמשון מלצר: „דובוש והבעל שם טוב״: „אור זרוע״, פאַרלאַג „דביר״, תל־אביב, תשי״ט, ז׳ 37.

32) נפתלי גראָס: „לידער״, 1936, זייטן 136—164 (דער נאָמען דאָבאָש ווערט אויסגעלייגט אויף פאַרשידענע אופנים: „דאָבאָדזש״, „דאָבאַש״, „דאָבוש״ און „דאָביש״).

33) טראַגעדיע אין פינף אַקטן, געשריבן אין יאָר 1940, געדרוקט אין בוך: „פיר טראַגעדיע״, פאַרלאַג: מלך גראַפשטיין, לאָנדאָן, קאַנאַדע, 1949. יואל ענטין האָט שטאַרק געלויבט די דראַמע אין „אידישער קעמפער״, 16־טן אַפּריל 1948.

דער בעש״ט־מאָטיוו איז אויך אויסגענוצט געוואָרן אין דער דראַמע. גרשם באַדער האָט פאַרעפנטלעכט אַ פאָלק־שפּיל וועגן בעש״ט [34].

אויף אַ גאַר אינטערעסאַנטן און אייגנאַרטיקן אופן האָט אַריינגעבראַכט דעם בעש״ט־מאָטיוו דער דראַמאַטורג און שריפטשטעלער משה קולבאַק אין זיין דראַמע „יעקב פראַנק״ [35].

קולבאַק האָט צונויפגעפירט דעם בעש״ט מיט יעקב פראַנק. אין דער דראַמע קומט פאָר אַ שטאַרקער קאָנפליקט צווישן יעקב פראַנק און ר׳ לייב מעזשיבאָזשער. נאָכדעם ווי דער בישאָף איז פלוצלינג געשטאָרבן און דער שבתי־צבי׳ניק אלישע שור איז גע׳הרג׳עט געוואָרן, האָט ר׳ לייב מעזשיבאָזשער געלייגט יעקב פראַנק׳ן אין חרם אַריין. דעמאָלט זאָגט דער בעש״ט ביי קולבאַק׳ן, ווי עס ווערט געבראַכט אין „שבחי הבעש״ט, אַז:

„עס קלאָגט די שכינה און זאָגט: אַזוי לאַנג ווי דער אבר איז באַהעפט צום גוף קאָן מען נאָך האָפן, אַז עס וועט קומען פאַר אים אַ רפואה, אָבער אַז מען שניידט אים אָפּ איז ניטאָ פאַר אים קיין תקנה. אויף אייביק! ווי, עס איז יעדער איינציקער פון ישראל אַ טייל פון דער שכינה!״...

אַ בוך מעשיות וועגן בעש״ט האָט פאַרעפנטלעכט דער שריפטשטעלער יעקב זיפּער אין זיין בוך „געווען איז אַ מענש״ [36].

מאַטעריאַל פאַר דער בעש״ט־געשטאַלט האָט זיפּער גענומען פון „שבחי הבעש״ט״, פון פאַרשידענע חסידישע מעשה־ביכלעך און פון מעשיות, וואָס ער האָט, מסתמא, געהערט פון זיין פאָטער, ר׳ אברהם שטערן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר „קבוצת כתבי אגדה״, צוויי טיילן אין לשון־קודש און דער דריטער טייל אין יידיש [37].

אויך י. י. טרונק, האָט אין זיין בוך „משיח־געוויטער״, אין אָפּטייל: „יידן קוקן אַרויס פון די פענצטער״ עלף מעשיות פון בעל־שם־טוב. די מעשיות זיינען סטיליזירט אין אַ פרום־חסידישן נוסח [83].

34) „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, היסטאָרישעס פאָלקשטיק אין פיר אַקטן, לעמבערג, 1922.

35) „יעקב פראַנק״, דראַמע אין דריי אַקטן, פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1929. מ. קולבאַק איז אומגעבראַכט געוואָרן דורכן סטאַלין־רעזשים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

36) פינף מעשיות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, מאָנטרעאָל, 1940, 167 זייטן. דאָס דאָזיקע בוך איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן פון מחבר אויף העברעאיש: „איש היה בארץ״, און דערשינען אין מ. ניומאַן פאַרלאַג, תל־אביב, תשט״ו, 168 זייטן, מיט צייכענונגען פון קינסטלער יוסף בערגנער.

37) מאָנטרעאָל, 1947. אינעם דאָזיקן ספר געפינען זיך אַ צאָל מעשיות וועגן בעש״ט. אויך אין זיין ספר „חוטים משולשים״ זיינען פאַראַן מעשיות וועגן בעש״ט.

38) אַרויסגעגעבן פון ציק״אָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, און פאַרלאַג „יידבוך, בוענאָס־איירעס, 1961.

***

דער בעש״ט־מאָטיוו איז גאָר רייך אין דער יידישער דיכטונג. עס זיינען געווען פּאָעטן, וואָס האָבן אין דער בעש״ט־געשטאַלט געזען די סימבאָליזירונג פון רעוואָלט פאַר צדק און יושר אויף דער יידישער גאַס, איז חסידות אין איר בלי־תקופה געווען אַ מרידה קעגן דער הערשאַפט פון די יידישע תקיפים. חסידות האָט אויך געשטרעבט צו גאולה, צו באַפרייען דעם פשוטן פאָלקס־מענטש, דעם האָרעפּאַשניק און עם־הארץ פון דער העגעמאָניע פון דעם למדן, און רייכע ראשי־הקהל, און דורך דער „גאולה פרטית״, האָט חסידות געהאָפט, וועט קומען די גאולה כללית פאַרן גאַנצן כלל־ישראל.

אָט־די יסודות׳דיקע אַקסיאָמען פון חסידות, וואָס דער בעש״ט האָט געלערנט, האָבן אויסגענוצט פאַרשידענע יידישע דיכטער, יעדער איינער אויף זיין קינסטלערישן אופן [39]. אַזוי האָט אברהם ליעסין גענומען דעם מאָטיוו פון בעש״ט׳ס עלית־הנשמה, ווען דער בעש״ט וויל וויסן אין הימל, ווען משיח וועט קומען. ליעסין שילדערט ווי דער בעש״ט אין זיין „עלית־הנשמה״ ביז צום „היכל המשיח״ און: „ער פרעגט דרייסט דעם משיח:

„ווען וועסטו קומען, מיין האַר?
עס איז פול שוין דער בעכער פון צער״.

ליעסין האָט אויך אַ ליד וועגן בעש״ט „דעם באַהעלפער״ [40].

דעם „אלף־בית מאָטיוו״ ביים בעש״ט האָט אויך אויסגענוצט דער דיכטער אפרים אויערבאַך אין זיין פּאָעמע: „דער בעש״ט אויפן ים התיכון״ [41], וועגן בעש״ט׳ס לעגענדאַרישע נסיעה קיין ארץ־ישראל.

אין אַ קרעפטיקע קינסטלערישע פאָרם דערציילט אויערבאַך די חסידישע לעגענדע, ווי אַזוי דער בעש״ט האָט פאַרגעסן אַלע תפילות, בעת עס איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם אויפן ים התיכון, ווייל דער שטן האָט נישט געוואָלט אַז דער בעש״ט זאָל קומען קיין ארץ־ישראל.

און דער בעש״ט פרעגט זיין סופר צבי:

„וואָס געדענקסטו צבי? כאָטש אַ וואָרט, אַ רמז...
און פאַרשעמט זאָגט צבי:
אַן אַלף נאָר, אַ בית...
זינגט דער בעש״ט:

39) אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן „דער בעל־שם־טוב מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע״ האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „אַלמאַנאַך יידיש״, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1961, זייטן 363—388.

40) א. ליעסין: לידער און פּאָעמען, ניו־יאָרק, 1938.

41) אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער קוואַל״, ניו־יאָרק, 1940, זייטן 40—41.

— אַן אַלף נישט פאַרשעמען,
אין דעם אַלף ליגט דעם בורא׳ס גרייס״.

און דער בעש״ט זינגט אויס דעם גאַנצן אלף־בית און ער בעט דעם בורא עולם, ער זאָל פון דעם אלף־בית אַליין אויספלעכטן אַ תפילה, און דער שטורעם־ווינט האָט זיך איינגעשטילט און דער בעש״ט מיט ר׳ צבי׳ן זיינען ניצול געוואָרן.

אויך מנחם באָריישאָ, וואָס האָט אין זיינע פאָעמעס געזוכט יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט נשמה־ראַנגלעניש, האָט אין זיין בוך: „דער גייער״ [42]) דעם בעש״ט־מאָטיוו, ווי דער בעש״ט קומט אַלס נסתר צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער און ער פאַרלאַנגט ער זאָל אים געבן זיין שוועסטער פאַר אַ ווייב, ווייל ר׳ גרשונ׳ס פאָטער האָט מיט אים געשריבן תנאים פריער. באָריישאָ שילדערט אין דער פאָעמע ווי דער גרויסער מקובל, ר׳ גרשון קיטעווער, האָט זיך דערוואוסט אַז זיין שוואָגער איז נתגלה געוואָרן און דער בעש״ט זאָגט „תורה — פּראָסטע גוטע רייד, וואָס גיסן זיך אין הערצער מיט ליבשאַפט און פרייד״...

וועגן דער פשטות פון בעש״ט, און זיין טאָן תפילה אין יידיש, האָבן געשריבן לידער אַ צאָל דיכטער, ווי זישע לאַנדוי, וואָס שילדערט ווי דער בעש״ט „גייט אַרום אין פעלד אין קאַלטן״ און זיינע לעפּצן הויבן אָן זינגען:

„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
דיין ווינט זאָל אים באַרירן״...

פאַר אַלעם לויבט דער בעש״ט:

פאַר אַלעם וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן
אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב״ [43]).

דער דיכטער אברהם טווערסקי זאָגט אונז אין זיינע לידער וועגן בעש״ט, אַז דער בעש״ט האָט אונז געלערנט וועגן חשיבות פון מענטשן: „ווייל אדם־מענטש איז וואָזשנער פון אַ בלאַט־גמרא״ [44]).

דער דיכטער אליעזר שינדלער זעט אין בעש״ט דער פאַרשפּרייטער פון שמחה אין די עלנדיקע שטעטלעך אין זיין ליד: „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״ [45]); און מוניע נאַדלער זעט אין זיין „בעש״ט סימפאָניע״ [46]) ווי דער

42) מנחם באָריישאָ: „דער גייער״, ניו־יאָרק, 1943, זייט 512.
43) זישע לאַנדוי: לידער, ניו־יאָרק, 1937. לאַנדוי האָט צוויי לידער וועגן בעש״ט: „און דער הייליקער בעל־שם־טוב״ און „דאָס ליד פון גאָטס קנעכט ישראל בעל־שם־טוב״. אויך האָט לאַנדוי וויזיאָנעריש פאַרבונדן דעם בעש״ט מיט שרה בת טובים אין זיין „אין בלויען נאַכטיגאַל״, געדרוקט אין בוך „עס איז גאַרנישט געשען״, ניו־יאָרק 1937,
44) אברהם טווערסקי: „משיחן אַנטקעגן״, לידער, ניו־יאָרק, 1946.
45) אליעזר שינדלער: „יידיש און חסידיש״, ניו־יאָרק, 1950.
46) מוניע נאַדלער: „בעש״ט סימפאָניע״, וואַרשע, 1933, 144 זייטן. ער האָט די

בעש״ט האָט געוואָלט פון דערוואַכן מאַכן שבת, „ווייל מען קאָן יעדן טאָג דערהייבן ווי שבת״...

פאַרבונדן חסידות מיט קבלה האָט דער דיכטער אהרן צייטלין אין זיין גרויסער פּאָעמע „יידישע שדים שדין יהודאין״ [47]) און אין זיין ליד „פאַרקערטער גילוי אליהו״ [48]), וואו ער ברענגט אַרויס דעם אינטערעסאַנטן מאָטיוו, אַז ס׳קאָן אַ ייד אַ נסתר, ווי דער בעש״ט, נישט בלויז האָבן גילוי אליהו, נאָר אליהו הנביא האָט די זכייה וואָס ער האָט גילוי נסתר...

***

דער באַזינגער פון חסידות אין דער יידישער פּאָעזיע איז געווען י. י. סיגאַל. ער איז געווען כולו חסידות. ער זינגט אין אַלע זיינע לידער אַ שיר מזמור לחסידות. אַלע זיינע לידער זיינען איין שיר השירים צום בעש״ט, צו ר׳ פנחסל קאָריצער און צו חסידות בכלל.

סיגאַל איז אין זיין גאַנצער פּאָעזיע חסידיש. אין אַלע זיינע לידער פילט מען דעם חסידישן אַראָמאַט. ער זעט אין בעש״ט דעם יידן וואָס האָט ליב די גאַנצע וועלט. עס איז שווער צו געבן לדוגמא איין ליד פון סיגאַל׳ס לידער וועגן חסידות, ווייל סיגאַל זאָגט אַליין: „דאָס הויז פון חסידות, איז פאַר מיר דאָס לעצטע שולעכל געבליבן״... אָבער אין דעם „החסידות״, האָט סיגאַל תופס געווען דעם מהות פון חסידות. ער זעט דעם בעש״ט, נישט בלויז אַן אוהב ישראל, נאָר אַן אוהב העולם:

„והחסידות, און דאָס חסידות זאָגט:
מיין בעל־שם־טוב איז אַ פּשוטער ייד.
האָט ער ליב געהאַט די גאַנצע וועלט,
און אַלצדינג וואָס נאָר דאָ אויף איר״.

און דער בעש״ט טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו של עולם און ער זאָגט:

„אוי, גאָט, גאָט, טאַטע אונזערער,
קום, לאָמיר גיין איבער שטאָט און שטעט,
קום, לאָמיר גיין הינטער שטוב און שטאַל
און דערציילן עס פאַר וואַלד און פעלד,
און צעזינגען עס פאַר טייך און קוואַל;
לאָמיר גיין איבער גאָר דער וועלט
און דערציילן עס פאַר לאַנד און לייט

לידער פריער געדרוקט אין דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג „טאָגעבלאַט״ אין וואַרשע. ער האָט דערנאָך געשריבן אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „נייע פרעסע״ אין פּאַריז. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט נאָדלער געאַרבעט אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן דעם 10־טן אויגוסט 1942.

47) אהרן צייטלין: „געזאַמלטע לידער״, דריטער באַנד, ניו־יאָרק, זייטן 67—98.

48) דאָרט, זייטן 104—105.

און אַ פרייד וועט זיין אויף דער וועלט,
און אַ יום־טוב אויף דער גאַנצער ערד״ [49]).

אויך דער דיכטער מ. באַסין האָט אַ גאַנץ ציקל לידער וועגן בעש״ט. לויט באַסינען וויל דער בעש״ט אויפנעמען דעם סוד פון וועלט־באַשאַף: „צי דאַרף איך מער ווי אויפנעמען דעם סוד אין וואַקסנדיקן קאָרן, דיין ליכט אין פלאַטערדיקן פייער־פליג״, עס איז „מלא כל הארץ כבודו״, ווי דער בעש״ט האָט דאָס געגומען פאַר זיין מאָטאָ פאַר זיין קבלה׳יש־רעליגיעזער פאַנטעאיסטישער שיטה.

דער בעש״ט איז, ביי באַסינען, פול מיט גוטסקייט און דער בעש״ט זעט דעם רבונו־של־עולם מלא רחמים: „פון דיין לייטערדיקן רעגנבויגן דערזע איך אויפקומען דיין רחמים און דיין פרייד״. אַ סך תפילות און בקשות צום רבונו־של־עולם, האָט באַסין אין זיין סעריע לידער וועגן בעש״ט, און דער בעש״ט זינגט אַ זמר׳ל צום אייבערשטן:

„איך וועל דיר אַ זמרל זינגען, גאָטעניו,
איך וועל דיר זינגען פון דיין שוסטערל״... [50]).

עס האָבן אויך אַ צאָל אַנדערע יידישע פּאָעטן געשריבן לידער אויפן בעש״ט־מאָטיוו, צווישן זיי: בער האָראָוויץ, ל. פיינבערג, איציק מאַנגער, שלום שטערן, שאול מאַלץ, אריה שמרי, ל. קוויטקאָ און פּרץ מאַרקיש, וועלכער האָט אַריינגעפירט אין זיין בוך „מלחמה״ [51]) דעם בעש״ט אין אַ וויזיע, ווי ער קומט צו דעם אָפענעם גרוב, וואו די יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

...„אַראָפּגעגאַנגען פון דער פור איז דער בעל־שם
...דורך דעם געוויין און שיסערייַ האָט ער
צום קבר איילנדיק זיך געלאָזט ווי צום עמוד,
און ס׳האָבן די הרוגים זיך אין אים געגעבן אַ פאַרקלעם,
און מיט די טויטע אָרעמס ראַש אויף אים אַ וואָרף זיך:
און מיט די טויטע אָרעמס אַש אויף אים אַ וואָרף זיך:
— שלום עליכם, רבי ישראל בעל־שם,
אַ יישר כוח פאַר די ניסים און די מופתים!״...

אָבער קיין ניסים זיינען נישט געשען... אומגעבראַכט זיינען געוואָרן זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשע מערדער, הי״ד.

⁂

49) י. י. סיגאַלס לידער אויף בעש״ט־מאָטיוון געפינען זיך אין זיינע ביכער: „לידער און לעבן״, „דאָס הויז פון די פשוטע״, „מיין ניגון״ און אין אַנדערע ביכער.

50) זע: מ. באַסין: „אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע״, אַנטאָלאָגיע, ניו־יאָרק, 1940. זיין סעריע לידער: „רבי ישראל בעל־שם־טוב״ (קאַפּיטלען פון אַ פּאָעמע), זייטן 365—374. צו זיין ליד: „אַ זמרל״, האָט דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי געשריבן מוזיק.

די דערהייבענע און עטישע געשטאַלט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, וועט נאָך זיכער זיין אַ קוואַל פאַר אינספּיראַציע פאַר העברעאיש־יידישע שרייבער, צו פאַראייביקן אין דער ליטעראַטור דאָס הערלעכע קאַפּיטל וואָס חסידות האָט אַריינגעשריבן אין יידישן לעבן.

51) פרץ מאַרקיש: „מלחמה", פיר טיילן, צוויי בענד, פאַרלאַג „איקוף", ניו־יאָרק, 1956, ב. 1, זייט 100.

ספרים דערמאָנט אין בוך

א

אבן אופל, מאת דוד כהנא, אינם בוך: תולדות המקובלים, השבתאים והחסידים, תל־אביב, תרפ״ז, זייט 79.
אבני זכרון [שו״ת], פון ר׳ אַלתר פעפער, זייט 368.
אגרא דכלה, פירוש על התורה... ל... ר׳ צבי הירש אלימלך מדינוב, לבוב, תרנ״ח, זייט 60.
אגרת הקודש, לר׳ מ״מ מוויטבסק, וואַרשע, תר״י, זייט 78.
אוצר החיים, על התרי״ג מצוות לר׳ יצחק אייזיק מקאָמאַרנע, עם הקדמה: „נתיב מצוותיך״, לבוב, תרי״ח, ז״ז 12, 34, 262, 270, 306, 307.
אוצר משלי חסידים — ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, מאת דוד זריצקי, תל־אביב, תשי״ז, זייט 302.
אוצר נגינות ישראל, פון צ. א. אידלזאָן, זייט 285.
אור האמת, על התורה, לר׳ דוב בער המגיד ממעזריטש... ולר׳ לוי יצחק מברדישוב, הושאַטין, תרי״ט, זייט 85.
אור הגנוז, ספורי חסידים מאת מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים־תל־אביב, תש״ז, ז״ז 99, 264.
אור החיים, לר׳ חיים בן עטר, זייט 34.
אור זרוע, ספר השירות, מאת שמשון מעלצער, תל־אביב, „דביר״, 1959, זייט 392.
אור החכמה, על התורה, לר׳ אורי פייוול מקריסנאָפּאָלע, קארץ, תקע״ה, ז״ז 250, 298.
אור החסידות, ילקוט למסיבות בשנת הבעל־שם־טוב, „תרבות וחנוך״, תל־אביב, 1960,
אור המאיר, רמזי תורה לר׳ זאב וואָלף מזיטאָמיר, קאריץ, עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט. זייט 389.
אור עולם, לר׳ יהודה לייב מרגלית, פראַג, תקמ״ג, זייט 143.
אור תורה, על התורה, לר׳ דוב בער המגיד ממעזריטש, זאָלקווא, תר״י, ז״ז 86, 158.
אמונת צדיקים, ז״ז 282, 353.
אַמעריקען אַקעדעמי פאַר דזשואיש ריסוירטש, זייט 163.
אמתחת בנימין, על קהלת, לר׳ בנימין בר׳ יהודה מזאלאזיץ, מינקאָוויץ, תקנ״ו, ז״ז 93, 154, 261.
אנציקלופדיה של חסידות, למ. ש. גשורי, תל־אביב, תשי״ט, ז״ז 279, 285.
אנציקלופדיה של הציונות הדתית, ירושלים, תש״ך, זייט 135.
ארשת, ספר שנה לחקר הספר העברי, ב, ירושלים, תש״ך, זייט 190.
ז״ז 154, 186, 275.

ב

באר משה, על התורה, לר׳ משה אליקום בריעה, בן המגיד מקוזניץ, יוזעפאָף, תרי״ח. זייט 306.
בוצינא דנהורא השלם, לקוטים, לר׳ ברוך ממעזבעזש, לבוב, תר״מ, ז״ז 68, 275, 373.
בית אהרן, על התורה, לר׳ אהרן מקאַרלין, ומבנו ר׳ אשר, נדפס בבראָד, תרל״ה, ז״ז 63, 299, 349, 366.
בית פרץ, זאלקווא, תקי״ט, זייט 156.

בית רבי, תולדות ר׳ שניאור זלמן מלאדי, מאת חיים מאיר היילמאַן, בארדיטשוב, תרס״ב, זייט 70, 341.
במישור, העברעאישער זשורנאַל, ישראל, זייט 117.
בן פורת יוסף, על התורה, לר׳ יעקב יוסף הכהן מפולנאָה קאָרעץ, תקמ״א, ז״ז 39, 158, 186, 251, 263, 274.
במפנה הדורות, מאת בן־ציון דינור, ירושלים, 1955, ז״ז 3, 6, 87, 136, 151, 156, 172, 173, 192, 336.
בעש״ט סקמפּאַניע, פון מוניע נאַדלער, זייט 395.
בצרון, העברעאישער זשורנאַל, ניו־יאָרק, זייט 90.
ספר ברכת הארץ, לר׳ ברוך דוד הכהן, ירושלים, תרס״ד, זייט 99.

ג

גאולת ישראל, באורי מדרשים תמוהים, מתלמידי הבעש״ט, ופירוש חיות הקודש... מאת ר׳ יהושע אברהם מזיטאָמיר, אוסטראה, תקפ״א, זייט 297.
גדולת רבנו ישראל בעל שם טוב זי״ע, ז״ז 238, 240.
גווילין, העברעאישער זשורנאַל, ישראל, זייט 35.
גנזי נסתרות, מאת ר׳ חיים אליעזר הכהן ביכאָווסקי, ירושלים, תרפ״ד, ז״ז 49, 123.
געווען א מענש, פינף מעשיות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, פון יעקב זיפּער, מאָנטרעאָל, 1940, זייט 393.
געזאמלטע לידער, פון אהרן צייטלין, זייט 396.
געזאמלטע שריפטן, פון ש. אַנ־סקי, ווילנע, 1922, זייט 385.
געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונג אין פּוילן, פון בער מאַרק, זייט 392.
געשיכטע פון חסידיזם, פון ש. דובנאָוו, ז״ז 3, 10, 15, 80.
געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, ז״ז 10, 244, 386.
גת דרוכה, לר׳ יעקב עמדין, ז״ז 101, 102.

ד

דאָס שלום־עליכם־בוך, זייט 384.
דביר, בערלין, תרפ״ג, זייט 340.
דברי בינה, מאת בער באַלאַכאָווער, זייט 51.
דברי דוד, לקוטי דברי קודש לר׳ דוד משה מטשאָרטקאָוו, הוסיאַטין, תרס״ד, ז״ז 13, 371.
דברי חיים, לר׳ חיים האַלבערשטאַם מסאַנז, זייט 327.
דברי ימי ישראל, בדורות אחרונים, מאת ד״ר רפאל מאַהלער, מרחביה, ישראל, 1952, ז״ז 3, 157, 169.
דברי ימי ישראל, פון צבי גרעץ, זייט 132.
דברי שלום, לר׳ שלום מקאַידענאָוו, ווילנע, תרמ״ה, זייט 13.
דברי תורה, לר׳ חיים אלעזר שפּיראַ, זייט 126.
דברים ערבים, ילקוט ספורי חסידים, מונקאַטש, תרס״ב, ז״ז 53, 373, 385.
דגל מחנה אפרים, על התורה, לר׳ משה חיים אפרים מסדילקוב, מעזבעזש, תקס״ח, עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט, ז״ז 56, 63, 69, 158, 186, 244, 245, 261, 262, 278, 299, 304, 305, 361.
דודאים בשדה, דרושים על התורה לר׳ לר׳ ראובן הלוי הורוויץ מדזיאַרנאָווצע, לבוב, תרי״ט, זייט 304.
דור דור ודורשיו, זייט 163.

דור דעה, לר׳ יקותיאל ארי׳ קאַמעלהאַר, ניו־יאָרק, תשי״ב, זייט 374.
דורש ציון, זייט 33.
די איזראַעליטישע וואָכנשריפט פֿיר די שווייץ, [זשורנאַל], זייט 122.
די חסידישע וועלט, פֿון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, 1955, ז״ז 161, 291.
די צוואה פֿון בעל שם, פֿון ש. ד. זעצער, ניו־יאָרק, 1934, זייט 183.
דער בעל שם, פֿון ישראל זאַנגוויל, זייט 390.
דער בעל־שם־טוב און דער גזלן, פֿון דוד פּינסקי, זייט 392.
דער בעל־שם־טוב, פֿון י. מזח, זייט 390.
דער גייער, פֿון מנחם באָריישאָ, ניו־יאָרק, זייט 395.
דער יידישער חורבן פֿון גאַליציע און פּוילן, פֿון ש. אַנסקי, זייט 122.
דער צדיק [אין ענגליש], פֿון סעמועל ה. דרעסנער, ניו־יאָרק, 1960, זייט 186.
דעת קדושים [שו״ת], זייט 343.
דרייסיק דורות יידן אין פּוילן, פֿון גרשם באַדער, זייט 132.
דרך אמונה ומעשה רב, מר׳ יעקב שלום דאנער, וואַרשא, תרנ״ח, זייט 262.
דרך המלך, לר׳ יחיאל מיכל מקאַלוואַריע, שקלוב, תקנ״ח, זייט 55.
דרכי ישרים, לר׳ מ״מ מפּרעמישליאַן, זייט 187.
דרכי נועם, לר׳ שמואל בר׳ אליעזר קעניגסבערג, תק״ך, זייט 138.
דרכי תשובה, זייט 343.

ה

האסיף, תרנ״ח, זייט 360.
האש והעצים, מאת ש. י. עגנון, הוצאת שוקן, ירושלים־תל־אביב, 1962, זייט 23.
ספר האשכול, האַלבערשטאַט, 1865, זייט 347.
הבעל שם־טוב, מאת יוחנן טברסקי, הוצאת „מסדה״, 1959, זייט 287.
הבעש״ט ובני היכלו, מאת בצלאל לאנדוי, הוצאת „נצח״, בני־ברק, 1961, ז״ז 33, 37.
הדרת אליהו, זייט 134.
החסידות, מאת אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשי״ד, ז״ז 36, 331.
החסידות והחסידים, מאת ש. א. הורודצקי, „דביר״, תל־אביב, תשי״א, ז״ז 243, 320, 372.
החסידות הליטאית, מאת זאב רבינוביץ, „מוסד ביאַליק״, ירושלים, 1961, זייט 112.
הויז־פריינט, זייט 383.
היברו יוניאָן ענועל [ענגליש], זייט 386.
היום יום [חב״ד], זייט 74.
היכל הברכה, על התורה, לר׳ יצחק אייזיק מקאָמאַרנא, [געדרוקט מיטן חומש], לבוב, תרי״א, זייט 305.
הכתב והקבלה, זייט 365.
הלולא דרבי, מאת רי״מ היבנער, זייט 367.
הלכות והליכות בחסידות, מאת הרב אהרן ווערטהיים, הוצאת „מוסד הרב קוק״, ירושלים, תש״ך, ז״ז 325, 340, 350, 351, 357, 366, 372, 376.
היסטאָרישע שריפֿטן, ייוו״אָ, זייט 171.
הישוב [העברעאישער זשורנאַל], ארץ־ישראל, זייט 125.
הספר [העברעאישער זשורנאַל], ישראל, זייט 126.
העבר, פּעטערבורג, 1918, זייט 338.
הרב יוסף קארו וזמנו, מאת יקותיאל יהודה גרינוואַלד, זייט 158.
הרב מליאדי, מאת מרדכי טייטלבוים, וואַרשע, תרע״ד, זייט 341.
השיב משה [שו״ת], לר׳ משה טייטלבוים מאוהעל, זייט 327.
השלוח, זייט 51.

התור [זשורנאַל], זייט 123.
התקופה, זייט 125.

ו

ובחרת בחיים [שו"ת], פון ר' שלמה קלוגער, זייט 375.
וואונדערליכע מעשיות וועגן בעש"ט, פון בער האָראָוויץ, וואַרשע, 1923, זייט 391.

ז

זאת תורת הקנאות, זייט 196.
זוהר, ז"ז 30, 280.
זוהר חדש, ז"ז 258, 260.
זוהר חי, לר' יצחק אייזיק מקאָמאַרנא, לבוב־פשעמישל, תרל"ב—תרס"ה, ז"ז 13, 304.
זכרון כהונה, זייט 161.
זמיר עריצים, אלעקסניץ, תקל"ב, ז"ז 145־146, 162, 294, 330.
זרע בירך, זייט 137.
זרע בירך השלישי, ז"ז 138, 139.

ח

חבורי לקוטים, זייט 137.
חובת הלבבות, זייט 273.
חזון ציון, זייט 172.
ח"י אלול [חב"ד], תש"ג, זייט 55, 76, 77.
חיי אדם, זייט 30.
חיי שלמה מימון, ז"ז 80, 81, 150.
חמדת הימים, ז"ז 45, 366.
חסד לאברהם, לר' אברהם אזולאי, זייט 335.
חסידות און לעבן, פון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, 1946, ז"ז 150, 159, 167, 267.
חורב חדה, זייט 174.
חתם סופר [שו"ת], מאת ר' משה סופר מפרעשבורג, זייט 327.

ט

טעמי המנהגים, מאת אי"ש שו"ב, ברוקלין, 1944, ז"ז 355, 367, 370, 375.
טהרת הקודש, לר' בנימין וואָלף בר' מתתיהו, אמשטרדם, תצ"ג, זייט 144.

י

יידיש און חסידיש, לידער פון אליעזר שינדלער ניו־יאָרק, 1950, זייט 395.
יידישע כתבים, פון מ. י. בערדיטשעווסקי, שטיבל־פאַרלאַג, בערלין, 1924, זייט 385.
יסוד יכין ובועז, לר' מאיר מרגליות, פולנאה, 1775, זייט 82.
יעקב פראַנק, דראַמע פון משה קולבאַק, ווילנע, 1929, זייט 393.
ישמח לב, לר' נחום מטשערנאָביל, סלאַוויטע, תקנ"ח, זייט 186.

כ

כל ספוריו, מאת ש. י. עגנון, זייט 392.
כתבי קודש, דברי תורה מהבעש"ט ותלמידיו, לבוב, תרכ"ב, ז"ז 12, 304, 305.
כתונת פתים, על התורה, לר' יעקב יוסף הכהן מפולנאה, לבוב, תרכ"ו, ז"ז 186, 246.
כתר שם טוב, ז"ז 39, 86, 158, 186, 187, 242, 245, 248, 249, 264, 266, 270, 276, 278, 282, 803.

ל

לאור החמה, לר׳ אברהם אזולאי, זייט 147.
לוחות העדות, זייט 32.
ליטעד איז דער קוואַל, פון אפרים אויערבאַך, ניו־יאָרק, זייט 394.
לידער, פון זישע לאַנדוי, ניו־יאָרק, 1937, זייט 395.
לידער, פון לייזער וואָלף, ניו־יאָרק, 1955,
לידער, פון נפתלי גראָס, ניו־יאָרק, 1936, זייט 392.
לידער און פּאָעמען, פון א. ליעסין, ניו־יאָרק, זייט 394.
לעגענדעס פון בעש״ט, פון ש. באַסטאָמסקי, ווילנע, 1925, ז״ז 377, 389, 390.
לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פון זלמן רייזין, זייט 390.
לקוטי אמרים, לר׳ דוב בער המגיד ממעזריטש, קאָרעץ, תקמ״ד, ז״ז 115, 116, 186, 187, 249.
לקוטי דיבורים [חב״ד], ז״ז 21, 54, 55, 57, 74, 75, 76, 77, 180.
לקוטי יקרים, ז״ז 185, 241.
ליקוטי מוהר״ן, לר׳ נחמן מבראסלאוו, אוסטראה, תקס״ו, ז״ז 58, 305.
לקוטי תורה, לר׳ מרדכי מטשערנאָביל, טשערנאָוויץ, זייט 350.
לקוטים יקרים, זייט 185.
לתולדות התנועה הפראנקית, מאת פראָפ. מ. באַלאַבאַן, הוצאת „דביר״, תל־אביב, 1935, ז״ז 8, 49, 125, 337.

מ

מאור עינים, על התורה, לר׳ מנחם נחום מטשערנאָביל, סלאַוויטע, תקנ״ח, ז״ז 89, 99.
מאזנים [זשורנאַל], זייט 124.
מגיד דבריו ליעקב, לר׳ דוב בער המגיד ממעזריטש, ז״ז 242, 321, 323.
מגיד מישרים, לר׳ יוסף קארו, ווילנע, תר״ס, זייט 158.
מגלה טמירין [אַנטי חסידיש], פון יוסף פּערל, ז״ז 149, 150.
מדרש פליאה החדש, זייט 269.
מדרש פנחס, לר׳ פּנחס מקאָרעץ, וואַרשע, תרל״ו, זייט 273.
מדרש ריב״ש, ז״ז 250, 270.
מהר״ם בריסק [שו״ת], לר׳ מרדכי בריסק, זייט 327.
מוזיק ביי יידן, פון ישראל ראַבינאָוויטש, מאָנטרעאָל, 1940, זייט 286.
מוזיקאַלישע עסייען, פון פּראָפ. סאָלאָמאָן קאַהאַן, מעקסיקאָ, 1956, זייט 286.
מולד [זשורנאַל], ז״ז 57, 87, 99.
מחזור ויטרי, זייט 351.
מחניים [זשורנאַל], ז״ז 292, 296, 326, 347, 392.
מחקרי ספר, מאת אברהם יערי, מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ח, זייט 137.
מים חיים, מאת... ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט, זייט 83.
מכתבים מהבעש״ט ז״ל ותלמידיו, זייט 123.
מכתבים קדושים, זייט 123.
מלחמה, פון פרץ מאַרקיש, ניו־יאָרק, 1956, זייט 398.
מעגל טוב, מאת ר׳ דוד אזולאי, זייט 102.
מעידזשאָר טרינדס אין דזשואיש מיסטיסיזם [ענגליש], פון פּראָפ. גרשם שלום, זייט 109.
מעשה טוביה, זייט 93.
מעהש רב, זייט 366.
מעשה נורא בפּאָדאָליע, פון ר׳ יעקב עמדין, אַלטאָנע, 1769, ז״ז 47, 48.
מעשה הקדושים, זייט 240.

מעשיות ומאמרים יקרים, מהבעש״ט ומנכדיו, ז״ז 13, 274.
מעשיות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זייט 190.
מכתבים מהבעל־שם־טוב ותלמידיו, זייט 123.
מפלגות בישראל, זייט 149.
מפעלות אלקים, פון ר׳ יואל בעל־שם, פון כעלם, ז״ז 93, 204.
מצרף לעבודה, זייט 366.
מרכבת המשנה, ז״ז 118, 119.
משיח געוויטער, פון י. י. טרונק, 1961, זייט 393.
משיח׳ן אַנטקעגן, פון אברהם טווערסקי, זייט 395.
משמרת הקודש, לר׳ משה מסאַטאַנאָוו, ז״ז 89, 90, 137.
משמרת שלום, דינים ומנהגים, לר׳ שלום מקיידינאָוו, וואַרשע, תרע״ג, ז״ז 350, 366.
משנת הזוהר, מאת ישעיה תשבי, כרך שני, מוסד ביאַליק, ירושלים, תשכ״א, זייט 257.

נ

נאות דשא [שו״ת], זייט 143.
נודע ביהודה, זייט 33.
נועם אלימלך, לר׳ אלימלך מליזשענסק, לבוב, תקמ״ה, ז״ז 321, 349.
נופת צופים, זייט 56.
נוצר חסד, פירוש על מס׳ אבות, לר׳ יצחק אייזיק מקאָמאַרנא, לבוב, תרט״ז, ז״ז 56, 307.
נייער הײנט, זייט 125.
נפש חיים, זייט 147.

ס

סגולת משה, זייט 35.
סדר הדורות החדש, מאת ר׳ מענדל בודק, ז״ז 34, 99.
סולאַמיט, זייט 174.
ספורי חסידים, להרב ש״י זעווין, תל־אביב, תשט״ו, זייט 358.
סיפורי צדיקים, מתלמידי הבעש״ט, לבוב, תרכ״ה, זייט 225.
ספר בעל־שם־טוב, לר׳ שמעון מנחם מענדל שו״ב מגאָוואַרטשאָוו, הוצאת „מסורה״, לאָדזש, 1938, ז״ז 64, 71, 72 ; צוגעדרוקט אַלס הקדמה : קונטרס „מאיר עינים״, ז״ז 188, 269.
ספר הבעש״ט, פון דער סעריע „באר החסידות״, מאת אליעזר שטיינמאַן, „כנסת״, תל־אביב, זייט 289.
ספר הבעש״ט, מוסד הרב קוק, ירושלים, תש״ך, ז״ז 180, 184, 193, 264, 328, 368, 375.
ספר הגלגולים, זייט 157.
ספר הזכרון, פון א. הרכבי, זייט 35.
ספר הזכרונות, ליובאַוויטשער רבינ׳ס זכרונות, ערשטער טייל, „אוצר החסידים״, ברוקלין, 1947, ז״ז 78, 107.
ספר החסידות, מאת אברהם כהנא, ז״ז 27, 35, 62.
ספר החסידים, ז״ז 53, 170, 257, 273, 386.
ספר המאמרים [חב״ד], ז״ז 74, 75, 77, 78, 178, 180.
ספר הניגונים, תוי נגינה של ניגוני חסידי חב״ד, חברת „ניחח״, ברוקלין, ניו־יאָרק, זייט 383.
ספר הצורף, ז״ז 109, 112, 114, 115.
ספר השיחות, קיץ הת״ש, [חב״ד], ז״ז 75, 77, 282.
ספר השמוש, לר׳ יעקב עמדין, ז״ז 47, 48.

ספר התאבקות, לר׳ יעקב עמדין, ז״ז 101, 144, 146.
ספר זכירה, זייט 204.
ספר חמישה מאמרות, לר׳ חיים אלעזר שפּירא ממונקאַטש, בערגסאַס, תרפ״ב, זייט 326.
ספר ליקוטים תלפיות, זייט 122.
ספר קטן, זייט 188.
ספר מרבי ישראל בעל־שם־טוב, זייט 187.
ספר רוקח, ז״ז 170, 273.
ספר שערי ציון, לר׳ נתן האַנאָווער, ווין, תקס״ד, זייט 348.

ע

עבודת ישראל, על התורה, לר׳ ישראל המגיד מקאָזשעניץ, יוזעפאָוו, תר״ב, זייט 69.
עדת צדיקים, סיפורי נוראות מהבעש״ט. ירושלים, תשי״ט, ז״ז 159, 204, 291.
עליות אליהו, זייט 172.
עץ החיים, זייט 281.
ערבי נחל, לר׳ דוד משה אייבערשיץ מסאָראָקא, סדילקוב, תקצ״ג, עטלעכע מאָל איבער־געדרוקט, זייט 304.
ערוגת הבושם, לר׳ משה בן עמרם מכוסט, זייט 367.
עשר אורות, ספורים, מאת ר׳ ישראל בערגער מבוקאַרעסט, פּיעטריקאָוו, תרס״ז, זייט 343.
עשר צחצחות, ספורים, מאת ר׳ ישראל בערגער מבוקאַרעסט, פּיעטריקאָוו, תרס״ז, ז״ז 293, 385.

פ

פּאַלקסטימלעכע געשיכטן, פון י. ל. פּרץ, ניו־יאָרק, זייט 385.
פיר טראַגעדיעס, פון דוד פּינסקי, 1949, זייט 392.
פנקס ד׳ ארצות, הוצאת היילפּרין, זייט 337.
פנקס דובנא, זייט 339.
פנקס קהלת פוזנא, זייט 339.
פרי הארץ, על התורה, לר׳ מ״מ מוויטעבסק, קאָפּוסט, תקע״ד, ז״ז 13, 58.
פתחי תשובה, זייט 204.

צ

צוואת הריב״ש, ז״ז 85, 86, 158, 159, 183—185, 219, 265, 272, 276, 277, 280, 299, 303, 346, 388
ציון, [זשורנאַל], ז״ז 108, 109, 113, 120, 192, 203, 261, 273, 332, 337.
צייטשריפט פון ווייס־רוסלענדישער קולטור, ז״ז 136, 195.
צפנת פענח, על התורה, לר׳ יעקב יוסף מפולנאה, ז״ז 186, 246, 247, 251, 263, 298.
צרור החיים, מאמרים יקרים ומעשיות... מאת ר׳ חיים ליבערזאָן, בילגוריי, תרע״ג, זייט 299.

ק

קב וישר, זייט 109.
קבוצת כתבי אגדה, מאת ר׳ אברהם שטערן, מאָנטרעאַל, 1947, זייט 393.
קבוצת יעקב, פּרעמישלע, תרנ״ז, זייט 332.
קדושת לוי, על התורה, לר׳ לוי יצחק מבאַרדיטשעוו, סלאַוויטע, תקנ״ח, ז״ז 158, 166, 247.
קהל חסידים, קובץ אגדות וספורי צדיקים, זייט 159.
קהל חסידים החדש, מאת אהרן וואַלדען, לבוב, תרס״ו, ז״ז 150, 161.
קובץ מכתבים, זייט 180.

קובץ מכתבים מקוריים, מאת הרב לאַנגערמאַן, ז״ז 49, 122.
קובץ התמים, [חב״ד], ז״ז 77, 107, 123, 127, 180.
קייזער און רבי, פון זלמן שניאור, ציקאָ, ניו־יאָרק, זייט 388.
קרבן עני, זייט 63.
קרית ספר, זייט 124.

ר

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, מאת אברהם כהנא, זייט 279.
ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, היסטאָרישע פאָלקסטיק, פון גרשם באַדער, לעמבערג, 1922, זייט 393.
רב ישראל בעל־שם־טוב, פון ש. צ. זעצער, ז״ז 48, 390.
רבי ישראל בעש״ט, מאת הרב י. מ. גוטמאַן, ז״ז 54, 56, 61, 63, 299.
רבי ישראל בעל־שם־טוב, מאת הרב אברהם חנוך גליצנשטיין, הוצאת „אוצר החסידים״, ברוקלין־כפר חב״ד, ישראל, 1960, ז״ז 20, 21, 66, 178.
רחמי האב, מוסר ומדות ישרות, טשערנאָוויץ, תרמ״ה, זייט 12.
רשומות, ז״ז 121, 123, 310.

ש

שארית ישראל, דרושים, לר׳ ישראל דוב בער מווילעדניק, לעמבערג, תרכ״ד, ז״ז 56, 225.
שבחי האר״י, זייט 353.
שבחי הבעש״ט, ז״ז 26, 28, 30, 44, 45, 46, 47, 55, 56, 61, 63, 68, 70, 79, 81, 89, 94, 95, 96, 97, 105, 106, 108, 112, 113, 119, 120, 124, 145, 147, 149, 152, 159—161, 173, 175—176, 187, 190—195, 200, 203, 204, 207, 208, 223, 230, 231, 244, 263, 270, 272, 274, 278, 290, 299, 311, 312, 317, 318, 332, 333, 337, 346, 353, 359, 363, 366, 371.
שבט מוסר, לר׳ אליהו בן אברהם הכהן, זייט 335.
שבירת לוחות, לר׳ יעקב עמדין, ז״ז 101, 146.
שיחות יקרים, זייט 225.
שם הגדולים החדש, לר׳ אהרן וואַלדען, זייט 117.
שם טוב קטן, לר׳ בנימין בר׳ יהודה, זייט 93.
שני לוחות הברית (של״ה), לר׳ ישעיה הורוויץ, זייט 273.
שער המלך, לר׳ מרדכי מווילקאַטש, זאלקווא, תקל״ז, זייט 155.
שפתי צדיקים, על התורה, לר׳ פנחס לערנער, לבוב, תרכ״ג—תרל״ה, זייט 261.
שו״ת מהרש״ם, לר׳ שלום מרדכי שוואַדראָן מבערזשאַן, זייט 375.

ת

תולדות האדם, זייט 94.
תולדות החסידות, מאת פראָפ. ש. דובנאָוו, ז״ז 109, 124, 151, 153.
תולדות יעקב יוסף, על התורה, לר׳ יעקב יוסף הכהן מפולנאה, מעזבעזש, תק״מ, ז״ז 7, 38, 152—154, 160, 244, 245, 246, 249, 251, 255, 256, 262, 263, 265, 266, 270, 272, 275, 297, 298, 299, 303—305, 338, 374, 377.
תולדות המקובלים, השבתאים והחסידים, מאת דוד כהנא, זייט 184.
תולדות הקהילה בווילנא, מאת ישראל קלייזנער, זייט 339.
תולדות רבנו חיים בן עטר, מאת הרב ראובן מרגליות, זייט 35.
תעלומת ספר, מאת אברהם יערי, מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ד, זייט 366.
תפארת אדם, לר׳ דוד משה אברהם מראַהאַטין, זייט 118.
תקוני זוהר, ז״ז 280, 366.
תקנתא דמשה, לר׳ שמריה בערלינער, אלעקסניץ, תרכ״ח, ז״ז 136, 144.

פערזאָנען דערמאָנט אין בוך

א

ר׳ אביגדור, פינסקער רב, זייט 388.
ר׳ אברהם אזולאי, זייט 147.
ר׳ אברהם פון בראָד, ז״ז 26—27.
ר׳ אברהמלע (לאַנדאָ) פון טשעכאַנאָוו, זייט 329.
ר׳ אברהם אבלי פון טשידנאָוו, זייט 187.
ר׳ אברהם מלאך, זייט 71.
ד״ר אברהם עוזיאל פון בראָד, זייט 57.
ר׳ אברהם פּאָדאָלסקער, ז״ז 161, 334.
ר׳ אברהם קאַצענעלנבויגן פון בריסק, ז״ז 320, 340.
אברהם, רופא פון זאַמאָשטש, זייט 111.
ר׳ אברהם רוויגו, זייט 111.
ר׳ אברהם יצחק חזק, זייט 139.
ר׳ אברהם יהושע העשיל פון אַפּטע, זייט 83.
ר׳ אברהם מרדכי פון פּינטשעוו, זייט 306.
ר׳ אברהמלע שווערסקי, טריסקער מגיד, ז״ז 294, 350.
ר׳ אברהם מרדכי אַלטער, גערער רבי, ז״ז 126, 187.
אָדל, בעש״ט׳ס טאָכטער, ז״ז 68—72, 377.
אָדלער, נ., זייט 101.
אדם בעל־שם, ז״ז 21, 87, 105—120.
ר׳ אהרן בן ר׳ צבי הכהן פון אַפּטע, ז״ז 186, 187.
אהרן וואַלדען, זייט 117.
ר׳ אהרן פון קאַרלין, ז״ז 57, 151, 171, 359, 367.
ר׳ אהרן פון טיטיאָוו, ז״ז 64, 111.
אויערבאַך, אפרים, זייט 394.
ר׳ אורי׳לע פון סטרעליסק, ז״ז 34, 294.
ר׳ אורי זאב סאָלאַט, זייט 118.
אידלזאָן, צ. א., זייט 285.
ר׳ יהונתן אייבשיץ, ז״ז 32, 112.
ר׳ אייזיק (יצחק) פון זידיטשאָוו, זייט 367.
ר׳ אליהו בעל־שם, פון כעלם, זייט 93.
אליהו אלינוב, זייט 95.
אליהו גאָלאַנט, זייט 124.
ר׳ אליהו גוטמאַכער פון גריידיץ, ז״ז 133—135.
ר׳ אליהו גאון, פון ווילנע, ז״ז 165, 172, 185, 388.
ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, ז״ז 256, 295, 321, 323.
ר׳ אליעזר רוקח פון אַמסטערדאַם, זייט 147.
אלישע פון ראַהאַטין, זייט 118.
אַנסקי, ש., ז״ז 122, 385.
ר׳ אלכסנדר שוחט, זייט 192.
אַמדורער רבי, זע: ר׳ חיים חייקל פון אַמדור.
הרב ש. אסף, זייט 123.
אַפּאַטאָשו, יוסף, זייט 190.
ר׳ אפרים פון בראָד, ז״ז 26, 27.
ר׳ אפרים זלמן מרגליות פון בראָד, ז״ז 113—117.
ר׳ אריה לייב, מוכיח פון פּולנאָה, ז״ז 41, 98.
אַש, שלום, זייט 385.
ד״ר א. אשכולי, זייט 87.

ב

באָדער, גרשום, ז״ז 132—133, 392.
באָיאַנער רבי, זע: ר׳ מנחם נחום פריד־מאַן.
באַלאַבאַן, מ., ז״ז 8, 49, 50, 125.
באַסטאָמסקי, ש., ז״ז 377, 389, 390.
באָסין, מ., זייט 397.
בובער, מאַרטין, ז״ז 88, 99.
בלאָך, חיים, ז״ז 49, 122, 123.
באַלאַכאָווער, בער, ז״ז 37, 51.
באַרדיטשעווער רב, זע: ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו.
באַריישאַ, מנחם, זייט 395.
בעלזער רבי, זע: ר׳ יהושע רוקח, און ר׳ שלום רוקח.
בודק, מ., זייט 99.
ביכאָווסקי, חיים אליעזר, ז״ז 49, 50, 123.

ר׳ בנימין הכהן, **זייט 111.**
ר׳ בנימין פון זאַלאָזיטש, **זייט 157.**
בערדיטשעווסקי, מ. י., **זייט 385.**
ר׳ בצלאל, רב אין אוסטראָה, **זייט 82.**
בראָווער, א. י., **ז״ז 51, 342.**
ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש, **ז״ז 71, 185, 268, 290, 373, 374.**
ר׳ ברוך פון קאַמינקע, **זייט 264.**
ר׳ ברכיה בירך פון קלימינטאָוו, **ז״ז 137, 138, 140, 141—142.**

ג

גאָלדשמיד, אהרן, פון לאָנדאָן, **ז״ז 103, 132.**
ר׳ גדליה פון לוניץ, **ז״ז 98, 203.**
ר׳ גדליה פון סלוצק, **זייט 204.**
הרב י. מ. גוטמאַן, **ז״ז 54, 56, 61, 63.**
גור־אריה, שמואל, **ז״ז 121, 123.**
גערער רבי, **זע : ר׳ אברהם מרדכי אַלטער.**
גראָס, נפתלי, **זייט 392.**
גריידיצער רבי, **זע : ר׳ אליהו גוטמאַכער.**
הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד, **זייט 158.**
גרעץ, צבי, **ז״ז 48, 79, 132, 174.**
ר׳ גרשון קיטעווער, **ז״ז 16, 17, 26—37, 38, 39, 62, 71, 99, 108, 109, 125, 175, 318, 363, 375.**
גשורי, מ., **ז״ז 279, 285.**

ד

ר׳ דוב־בער, מגיד פון מעזריטש, **ז״ז 19, 20, 50, 59, 69, 71, 75, 80, 81, 84, 85, 87, 111, 122, 125, 127, 132, 147, 151, 161, 162, 165, 171, 172, 178, 184, 185, 187, 189, 192, 242— 243, 256, 283, 359, 361, 366, 373.**
דוב־בער בר׳ שמואל שוחט פון לוניץ, **זייט 192.**
ר׳ דוד אזולאי, **זייט 102.**
דובנאָוו, ש., **ז״ז 3, 4, 10, 15, 39, 42, 79, 87, 109, 124, 125, 127, 151, 153, 163, 185, 186, 244.**
ר׳ דוד פון אולאַנאָוו, **זייט 64.**
ר׳ דודל פון טאַלנע, **זייט 267.**
ר׳ דוד פון מאַקאָוו, **ז״ז 96, 161—169, 204, 205, 244.**
ר׳ דוד מיקאַלייעווער, **זייט 283.**
ר׳ דוד פאַרקעס, **ז״ז 161, 332, 333.**
ר׳ דוד פון קאַלאָמיי, **ז״ז 332, 346.**
ר׳ דוד משה פרידמאַן פון טשאָרטקאָוו, **זייט 291.**
ר׳ דוד משה אברהם, פון ראַהאַטין, **ז״ז 118, 119.**
דינאָווער רבי, **זע : ר׳ הערש (צבי) אלימלך פון דינאָוו.**
דיינאַרד, א., **ז״ז 149, 174.**
דינור, בן־ציון, **ז״ז 3, 87, 136, 151, 156, 160, 172, 173, 192.**
דרעזנער, שמואל ה., **זייט 186.**

ה

האַבערמאַן, א. מ., **ז״ז 184, 185, 187, 188.**
האַלמשטאָק, **זייט 159.**
האָראָדעצקי, ש. א., **ז״ז 48, 94, 95, 96, 203, 243, 263, 372, 374.**
האָראָוויץ, בער, **זייט 391.**
האר״י הקדוש, **זע : ר׳ יצחק אשכנזי לוריא.**
האָרנאָסטייפּעלער רבי, **זע: ר׳ יעקב ישראל טווערסקי.**
היילפּערין, י., **ז״ז 203, 204, 207, 209.**
ר׳ הירש (צבי), **דעם בעש״ט׳ס זון, ז״ז 5, 55, 57, 61—67, 68, 111, 192.**
ר׳ הירש, **דעם בעש״ט׳ס סופר, ז״ז 377— 381.**
ר׳ הערשעלע פון זידיטשאָוו, **זייט 185.**
ר׳ הערש (צבי) אלימלך פון דינאָוו, **ז״ז 59, 292.**
הרכבי, אליהו, **ז״ז 35, 62.**

ו

וואַגמייַנסטער, מרדכי, פון בראָד, **ז״ז 113, 114.**
ר׳ (זאב) וואָלף קיצעס, **זייט 50.**
וואָלף, לייזער, **זייט 389.**
ווייס, י., **זייט 261.**
ווילענסקי, מרדכי ל., **ז״ז 163, 164, 204.**
וועלעדניקער רבי, **זע : ר׳ ישראל דוב בער פון וועלעדניק.**
הרב אהרן ווערטהיים, **ז״ז 325, 327.**

ז

זאנגוויל, י., **זייט 390.**

זיפער, יעקב, **זייט 393.**

זלאטאפאלסקי, יהודה לייב, **זייט 123.**

זעצער, ש. צ., **ז״ז 48, 390.**

זידיטשאווער רבי, **זע: ר׳ אייזיק (יצחק) פון זידיטשאוו.**

זשאבנער רבי, זע: **ר׳ שלום דוד אונגער זצ״ל.**

ח

דער „חוזה״ פון לובלין, **זע: ר׳ יעקב יצחק הורוויץ.**

ר׳ חיים וויטאל, **זייט 157.**

ר׳ חיים (האגער) פון קאסאוו, **זייט 295.**

ר׳ חיים הכהן ראפאפארט, **רב אין לעמ־בערג, ז״ז 49, 51, 83, 118.**

ר׳ חיים חייקל פון אמדור, **זייט 164.**

ר׳ חיים אליעזר שפירא פון מונקאטש, **ז״ז 126, 326.**

ר׳ חיים ב״ר שלמה מקאליש, **זייט 110.**

חיים מלאך, **זייט 8.**

ר׳ חיים סאנזער פון בראד, **זייט 82.**

ר׳ חיים בן עטר, **זייט 34.**

חנינא ליפא העשל, **זייט 83.**

ט

טאבע פון סלוצק, **ז״ז 204—206.**

טאלנער רבי, **זע: ר׳ דודל פון טאלנע.**

טורבערג, פנחס, **זייט 163.**

טווערסקי, אברהם, **זייט 395.**

טרונק, י. י., **זייט 393.**

טריסקער מגיד, **זע: ר׳ אברהם טווערסקי.**

טשארטקאווער רבי, **זע: ר׳ דוד משה פרידמאן.**

טשארטאריסקי, אדאם, **זייט 103.**

טשעכאנאווער רבי, **זע: ר׳ אברהם לאנדא.**

טשערנאבילער רבי, **זע: ר׳ מרדכי און ר׳ נחום פון טשערנאביל.**

טשערקאסער רבי, **זע: ר׳ יעקב ישראל פון טשערקאס.**

י

יאפע, יודא, א., **זייט 195.**

ר׳ יהודה החסיד, **זייט 170.**

ר׳ יהודה חסיד, פון שעדלעץ, **ז״ז 8, 171.**

ר׳ יהושע הלוי, דיין אין דינאוויץ, **ז״ז 111, 112, 114.**

ר׳ יהושע רוקח פון בעלז, **ז״ז 367, 370.**

ר׳ יואל בעל שם, **ז״ז 80, 85, 91, 93.**

ר׳ יואל פון נעמיראוו, **ז״ז 44, 81, 161.**

ר׳ יוסף אשכנזי, **א שטיף איידעם פון בעש״ט, זייט 359.**

ר׳ יוסף מוכיח, **זייט 161.**

ר׳ יוסף יצחק שניאורסאן פון ליובאוויטש, **ז״ז 20, 107, 121, 124, 180.**

ר׳ יוסף נחמן, רב אין פולנאה, **זייט 82.**

ר׳ יוסף קארו, **זייט 158.**

ר׳ יוסף פון קאמינקע, **זייט 264.**

ר׳ יחזקאל האלבערשטאם פון שינאווע, **זייט 328.**

ר׳ יחזקאל לאנדא, **ז״ז 31, 32, 33.**

ר׳ יחיאל אשכנזי פון טולטשין, **ז״ז 39, 68—72.**

ר׳ יחזקאל פון קוזמיר, **זייט 368.**

ר׳ יעקב קאפל, **זייט 147.**

ר׳ יעקב הכהן ראפאפארט, פון אסטראה, **זייט 83.**

ר׳ יעקב יוסף, דער מוכיח פון פולנאה, **זייט 269.**

ר׳ יעקב יוסף פון פולנאה, **ז״ז 19, 39, 68, 69, 80, 81, 87, 123, 127, 139, 147, 152, 161, 186, 225, 243, 256, 263, 272, 374.**

ר׳ יעקב ישראל טווערסקי, הארנאסטייפע־לער רבי, **זייט 373.**

ר׳ יעקב ישראל פון טשערקאס, **זייט 13.**

ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, דער „חוזה״ פון לובלין, **זייט 368.**

ר׳ יעקב שמשון פון שעפיטאווקע, **זייט 185.**

ר׳ יעקל פון מעזשיבעזש, **זייט 46.**

יערי, אברהם, **ז״ז 137, 366.**

ר׳ יצחק אשכנזי לוריא, „האר״י הקדוש״, **ז״ז 157, 353, 354, 355, 374.**

יצחק פון בראד, **זייט 116.**

ר׳ יצחק פון דראהאביטש, **ז״ז 161, 353.**

ר׳ יצחק לאנדא, רב אין לעמבערג, **זייט 118.**

ר׳ יצחק פון נעשכיז, **זייט 57.**

ר׳ יצחק אייזיק פון קאמארנע, **זייט 377.**

ר׳ יצחק דובער מרגליות, פון יאַזלאָוויץ, זייט 50.
ר׳ ישעיה יאַנאָווער, זייט 184.
ר׳ ישעיהו פון דינאָוויץ, זייט 184.
ר׳ ישראל, אַ זון פון ר׳ הירש, ז״ז 64, 72.
ר׳ ישראל נאַגאַרע, זייט 281.
ר׳ ישראל בר׳ יצחק יפה, דרוקער פון קאָפּוסט, זייט 192.
ר׳ ישראל, מגיד פון קאָזשעניץ, ז״ז 169, 291.
ר׳ ישראל פרידמאַן פון ריזשין, ז״ז 126, 373.
ר׳ ישראל דוב בער פון וועלעדניק, ז״ז 225, 226, 376.
ר׳ ישראל לייבל, ז״ז 49, 57, 92, 174.

כ

כהנא, אברהם, ז״ז 27, 35, 48, 62, 125, 126, 130.
כהנא, דוד, ז״ז 48, 79, 184.
כהנא, י. ז., ז״ז 368, 375.
כץ, שמחה, זייט 113.

ל

ליאַדיער רבי, זע: ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי.
לאַנדוי, בצלאל, ז״ז 33, 37, 292.
לאַנדוי, זישע, זייט 395.
ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, ז״ז 114, 116, 117, 163, 165, 293, 320, 340.
ר׳ ליבער פון באַרדיטשעוו, זייט 320.
ליבערמאַן, חיים, ביבליאָגראַף, ז״ז 90, 91.
ליובאַוויטשער רבי, זע: ר׳ יוסף יצחק, ר׳ מנחם מענדל און ר׳ שלום דוב בער שניאורסאָן.
ליזשענסקער רבי, זע: ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.
ר׳ לייב מלמד פון טאַרנאָפּאָל, זייט 149.
ליינער, י. מ., זייט 123.
ר׳ לייב שרה׳ס, ז״ז 125, 184.
לעווינשטיין, יוסף, זייט 163.
ליעסין, אברהם, זייט 394.

מ

מאַהלער, רפאל, ז״ז 3, 157, 168.
ר׳ מאיר מרגליות, ז״ז 32, 33, 49, 82, 83, 92.
ר׳ מאיר פון פרעמישלאַן, ז״ז 51, 52.
ר׳ מאיר שעפּיטיווקער, זייט 39.
מאַלץ, שאול, זייט 397.
מאַנגער, איציק, זייט 397.
מאַרק, בער, זייט 392.
מאַרק, יודל, זייט 195.
מאַרקוס, אהרן, ז״ז 36, 99, 188, 331.
מאַרקיש, פּרץ, ז״ז 397, 398.
דער "מוכיח" פון פּולנאָה, זע: ר׳ אריה לייב פון פּולנאָה.
מונקאַטשער רבי, זע: ר׳ חיים אליעזר שפּירא.
מזח, י., זייט 390.
מימון, שלמה, ז״ז 80, 81, 150, 171.
מינץ, בנימין, ז״ז 186, 188.
מלאכי, א. ר., זייט 163.
ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער, ז״ז 55, 59, 76, 231, 232, 282, 283.
מעזשיבעזשער רבי, זע: ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש.
ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק, ז״ז 13, 57, 163, 342, 359.
ר׳ מנחם מענדל שניאורסאָן, ליובאַוויטשער רבי, ז״ז 126, 127.
ר׳ מענדעלע פון באַרי, זייט 161.
ר׳ מענדל פון פרעמישלאַן, זייט 187.
ר׳ מענדל (מנחם) פון קאָצק, זייט 292.
ר׳ מנחם נחום פרידמאַן פון באַיאַן, זייט 122.
מעזריטשער מגיד, זע: ר׳ דוב בער, מגיד פון מעזריטש.
מעלצער, שמשון, זייט 392.
מרגליות, י. ל., זייט 143.
ר׳ זעליק מרגלית, זייט 137.
ר׳ ראובן מרגלית, ז״ז 35, 117, 120.
מרדכי בן שלמה פון ווילנע, זייט 111
ר׳ מרדכי יפה, זייט 132.
ר׳ מרדכי (מאָטעלע) פון טשערנאָביל, ז״ז 21, 83, 350, 327
מרדכי בן יהודה ליב, נאמן פון מעזשי־בעזש, זייט 84.
ר׳ מרדכי נפתלי, רב אין רימענאָוו, זייט 82.
משה בורגא, רופא פון פּראָג, זייט 110.

ר׳ משה ב״ר יצחק מליסא, זייט 110.
ר׳ משה פון סאַטאַנאָוו, ז״ז 89, 90, 91, 137.
ר׳ משה פון ראשקאָוו, זייט 161.
משה דוד פון פאָדייצע, זייט 101.
ר׳ משה יוסף, מגיד אין מעזשיבעזש, זייט 84.
ר׳ משה זאב אורבוך, זייט 64.
ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו, ז״ז 57, 63, 71, 186, 225, 226, 361.
ר׳ משה לייב פון סאַסאָוו, ז״ז 293—295.

נ

נאַדלער, מוניע, זייט 395.
ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן, רב אין לעמבערג, זייט 118.
נוי, דוב, זייט 392.
ר׳ נחום פון טשערנאָביל, ז״ז 13, 21, 89, 99.
ר׳ נחמן פון בראַסלאָוו, ז״ז 13, 58, 71, 256, 292, 350.
ר׳ נחמן פון האָראָדענקע, ז״ז 49, 55, 71, 226, 271, 310.
נעשכיזער רבי, זע: ר׳ יצחק פון נעשכיז.
נפתלי, בן ר׳ לוי, פון בראָד, זייט 113.

ס

ר׳ נפתלי הירש הכהן, פון שאַריגראָד, זייט 82.
ר׳ נפתלי צבי פון ראָפשיץ, ז״ז 213, 368.
ר׳ נתן פון מאָקאָוו, ז״ז 163, 164.
ר׳ נתן נטע הכהן, רב אין קאָלביעל, זייט 188.
סאַסאָווער רבי, זע: ר׳ משה לייב פון סאַסאָוו.
סאַטיס, מ., זייט 136.
סודילקאָווער רב, זע: ר׳ משה חיים אפרים פון סודילקאָוו.
ספעקטאָר, מ., ז״ז 383—384.
סטרעליסקער רבי, זע: ר׳ אורי׳לע פון סטרעליסק.
סיגאַל, י. י., ז״ז 396—397.

ע

ר׳ יעקב עמדין, ז״ז 47, 101, 102, 144.
ר׳ מאיר עמדין, ז״ז 83, 84.
עטינגער, שמואל, זייט 95.
עגנון, ש. י., ז״ז 23, 235, 392.

פּ

פּראַגער, משה, זייט 95.
ר׳ פּנחס האָראָוויץ פון פראַנקפורט, זייט 115.
ר׳ פּנחס פון קאָרעץ, ז״ז 39, 55, 56, 273, 283, 358.
פּערל, יוסף, ז״ז 51, 113, 116, 117, 149, 150.
פּרעמישלאַנער רבי, זע: ר׳ מאיר און ר׳ מענדל פון פּרעמישלאַן.
פּרץ, י. ל., ז״ז 384—385.
פּינסקי, דוד, זייט 392.
ר׳ רפאל פאַלק (ספרדי), פאַטער פון בעל־שם פון לאָנדאָן, זייט 100.
ר׳ שמואל חיים יעקב פאַלק, בעל־שם פון לאָנדאָן, ז״ז 100, 131—132.

פ

פייגין, יצחק, זייט 124.
פייגע, ר׳ נחמן בראַסלאָווערס מוטער, זייט 72.
פישער, יוסף, זייט 184.
פראַנק, יעקב, ז״ז 8, 44—52.
פריימאַן, זייט 171.
פרילינג, משה, פון בראָד, זייט 116.
ר׳ אהרן פרענקל, פון בראָד, זייט 115, 116.
ר׳ אליעזר פרענקל, זייט 184.
פרענקל, דוד, זייט 123.

צ

ר׳ הערשל צורף, ז״ז 109, 110.
צווייפל, אליעזר הכהן, זייט 48.
צייטלין, אהרן, זייט 396.
צינבערג, י., ז״ז 10, 244.

ק

קאַהאַן, סאָלאָמאָן, זייט 286.
קאָזשעניצער מגיד, זע: ר׳ ישראל דער מגיד פון קאָזשעניץ.

קאָמאַרנער רבי, **זע: ר׳ יצחק אייזיק פון קאָמאַרנע.**
ר׳ נחמן פון קאָסאָוו, **זייט 161.**
דער קאָסאָווער רבי, **זע: ר׳ חיים האַגער פון קאָסאָוו.**
קאָצקער רבי, **זע: ר׳ מענדל (מנחם) פון קאָצק.**
קאַרלינער רבי, **זע: ר׳ אהרן פון קאַרלין.**
קוזמירער רבי, **זע: ר׳ יחזקאל פון קוזמיר.**
קוויטקאָ, ל., **זייט 397.**
קולבאַק, משה, **זייט 193.**
ר׳ צבי הירש פון קוידאַנאָוו, **זייט 109.**

ר

ראַבינאָוויץ, זאב, **ז״ז 108, 111, 171.**
ראַבינאָוויץ, ישראל, **זייט 286.**
ר׳ יודל ראָזענבערג, **זייט 134.**
ראָזנצווייג, פראַנץ, **זייט 287.**
ראָפּשיצער רבי, **זע: ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ.**
רובינשטיין, יהודה, **זייט 163.**
רומשניסקי, יוסף, **זייט 397.**
רחל, **די טאָכטער פון ר׳ מאיר עמדין, זייט 83.**
ריבלין, ה. ה., **זייט 172.**
ר׳ בנימין ריבלין, **זייט 173.**
רוזשינער רבי, **זע: ר׳ ישראל פון רוזשין.**
רייזין, זלמן, **זייט 390.**
רפאל, יצחק (ווערפל), **ז״ז 35, 190.**

ש

ר׳ שאול מרגלית, **תלמיד פון בעש״ט, זייט 279.**
ר׳ שאול מרגלית פון לובלין, **זייט 82.**
ר׳ שבתי פון ראַשקאָוו, **זייט 111.**
ר׳ שבתי איינבינדער, **דער פאָטער פון קאָזשעניצער מגיד, זייט 291.**
שבתי צבי, **ז״ז 8, 44, 111, 112, 115.**
שוחט, ע., **זייט 273.**
ר׳ ליפּע שוואַגער, **פון הוסיאַטין, זייט 122.**
שוואַדראָן (שרון), אברהם, **זייט 124.**
ר׳ אברהם שטערן, **זייט 393.**
שטערן, בצלאל, **פון בראָד, זייט 116.**
שטערן, שלום, **זייט 397.**
שינאָווער רבי, **זע: ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם.**
שידנלער, אליעזר, **זייט 395.**
שיפער, יצחק, **ז״ז 79, 80, 81, 84, 85, 86, 87.**
ר׳ שלום רוקח פון בעלז, **ז״ז 58, 83, 375.**
ר׳ שלום דוד אונגער פון זשאַבנע זצ״ל, **ז״ז 130, 371.**
שלום, גרשם, **ז״ז 57, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 99, 109, 112, 113, 116, 120, 337.**
שלום עליכם, **זייט 384.**
ר׳ שלמה דוד מרגליות, **זייט 82.**
ר׳ שמואל פון פינסק, **זייט 62.**
ר׳ שמואל סג״ל, **זייט 185.**
ר׳ שמואל פון סלוצק, **ז״ז 204—206, 208.**
ר׳ שמחה, **אַן איידעם פון ר׳ מאיר מרגליות, זייט 82.**
ר׳ שמואל ב״ר אליעזר, **זייט 138.**
ר׳ שמעון מנחם מענדל, **שו״ב אין גאָוואַראַטשאָוו, ז״ז 64, 72, 188.**
ר׳ שמעלקא פון ניקלשבורג, **זייט 187.**
שמערוק, ח., **ז״ז 332, 335, 344.**
שמרי, אריה, **זייט 397.**
ר׳ שמריה בר׳ משה, **זייט 136.**
ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, **ז״ז 70, 73, 122, 124, 127, 171, 178, 192, 283, 324, 341, 349, 358—359, 388.**
ר׳ שלום דוב בער, פון ליובאַוויטש, **ז״ז 76, 121.**
שעסנאָווסקי, זוסמאַן, **זייט 102.**
שפּיראָ, הערשעלע, פון אָדעס, **ז״ז 123, 125.**
שפּיראָ, יהושע העשל, **זייט 83.**

ת

תשבי, י., **ז״ז 257, 258, 259.**

פאַקסימיליעס, בילדער און נאָטן

די מצבה אויפן קבר פון בעש"ט'ס מוטער.................................. 14
דעם בעש"ט'ס בית־המדרש אין מעזשיבעזש............................. 18
דעם בעש"ט'ס קבר אין מעזשיבעזש.. 58
דער אוהל אויפן בעש"ט'ס קבר.. 59
די פּאָסט־מאַרקע וואָס די ישראל־רעגירונג האָט ארויסגעגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צוויי־הונדערט יאָריקן יאָרצייט פון בעש"ט 60
ר' ישראל בעל־שם־טוב'ס כתב־יד לויט דער „כערסאָנער גניזה".... 128
בילד פון „בעל־שם־טוב פון לאָנדאָן"....................................... 131
בילד פון רבי'ן ר' אליהו גריידיצער... 134
שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון „שבחי הבעש"ט"........ 191
די ערשטע אויסגאַבע פון „שבחי הבעש"ט" אין יידיש................ 194
שער־בלאַט פון „שבחי הבעש"ט", איבערגעזעצט אין לאַדינאָ........ 201
דער „געגועים־ניגון" פון רבין ר' מיכעלע זלאָטשעווער.............. 283
דער ניגון פון דריי פאַלן.. 285
בעש"ט'ס ניגון 286
בעש"ט'ס ניגון 287
בעש"ט'ס ניגון 288
בעש"ט'ס ניגון 289

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון פאָלגנדיקע פריינט אין מעקסיקאָ:

מאיר קאָראָנאָ

מרדכי קאָראָנאָ

הירש (צבי) און שרה יונגסטער

אליהו זאַק

יעקב האַנס ע״ה

יעקב פלאַשנער

באָריס סיגאַל

משה טראָטנער

זאַוול ביעלאַק

שמעון ווישניאַק

מרדכי ריוולין

אריה לייב ביאַליק

מרדכי סלאָוויק

הירש (צבי) גאָלדבאַרד

נחמן זיידנוועבער

יצחק טעאָדאָר ע״ה

אליהו סוראַסקי

בנימין צמח

יצחק מאיר ווייסבאָרד

יקותיאל באַס

ישראל בן צבי שלמה ראַפּאָפּאָרט ע״ה

משה ליטוואַק

לייביש געווירץ

לאה מאָרגאַן

דוד קליאַטשקי

אהרן לאַסק

שמשון פעלדמאַן

גבריאל ראָזנטאַל

פרוי טשעלמינסקי

משה אַלבין

לייביש גרינבערג ע״ה

משה ראָזנבערג

ה. העס

מאַקס סלאָוויק

מאיר קורטשאַנסקי